STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01075

GELEBT UN GEHOLEMT IN OYSTRALYE

Isaac Nachman Steinberg

Permanent preservation of this book was made possible by Nathan Asimow & Esther Rosen Asimow in memory of their parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געלעבט און געחלומט
אין אויסטראַליע

י. נ. שטיינבערג

געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע

פאַרלאַג „פרייַלאַנד ליגע"

ניו־יאָרק 1945

Copyright, 1945, by
I. N. STEINBERG
New York, N. Y.

צווייטע אויפלאגע

FREELAND LEAGUE, Publishers
1819 BROADWAY
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.
Posy-Shoulson Press, 227 West 17th Street, New York 11, N. Y.
255

צו מיינע ליבע און טייערע,
אין לאָנדאָן, טאָראָנטאָ און קאָוונע,
וואָס האָבן זעליש דערמעגלעכט
מיין זיין אין אויסטראַליע.

אינהאַלט

זייט

צו די לעזער 7
וואַרעמע גרוסן פון אויסטראַליע 11
פראַנקרייכס ירידה 35
פראָנצויזישער אָדער רוסישער שלום ? 47
אַריסטאָקראַטיע און יחוס 64
אויסטראַליאַניזם 80
שטאַרקער ווי טויט 88
פיר זייבען זיי געווען :
1. דער פראָפעסאָר 109
2. דער ריכטער 128
3. דער בישאָף 158
4. די פריצטע 191
איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע ? 225
אַנטיסעמיטן וואָס איך האָב געטראָפן :
1. אין דער פרעסע־וועלט 243
2. אין פּאַרלאַמענט 253
3. אין לייבאָר קאָונסיל 261
4. דער געשוואָרענער שונא־ישראל 272
5. אין דער קונסט 282
דער היפוך פון אַנטיסעמיטיזם 285
יידן אין אויסטראַליע 302
סידנעיער אַרבעטער אויף אַ שטורם־פאַרזאַמלונג 318
אַ סאָציאַלער טרוימער אין אויסטראַליע 332
יידישער „אויסטראַליאַניזם" 340

קימבערליי — אַ שטאָט אָדער אַ ישוב 346
מסירת־נפש אין טאַסמאַניע 368

בילדער

זייט
1. פּראָפ. ג. ל. וואוד 109
2. סער טאָמאָס בייווין 128
3. בישאָפּ ס. וו. פּילטשער 158
4. מיס מאַקאַרטור אַנסלאַו 191
5. קריטשלי פּאַרקער 338

צו די לעזער

די עסייען וועגן אויסטראַליע, וואָס גייען אַריין אין דעם פּאָלגנדיקן בוך, זיינען לכתחילה נישט געשריבן געוואָרן לויט אַן איינהייטלעכן פּלאַן. זיי זיינען אויסגעוואַקסן פון פאַרשיידענע דער־פאַרונגען און געמיט־צושטאַנדן, ווי איך האָב זיי איבערגעלעבט אין די גורלדיקע יאָרן 1940—1943, ווייט פון די געשעענישן אין אייראָפּע. אויב ס'איז דאָ אַן איינהייטלעכער מאָטיוו, וואָס פאַרבינדט די עסייען צווישנאַנאַנד, איז עס דער גלויבן פון דעם מחבר אין דער מענטשלעכער צוקונפט און אין דעם אייביקן קיום פון אונדזער פאָלק.

פּרץ הירשביין און מלך ראַוויטש האָבן אַנטדעקט פאַרן יידישן וועלט־עולם דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע לאַנד — אויסטראַליע. זיי האָבן פאַרשאַפט דעם יידישן לעזער אַן איינבליק אין דער נאַטור און לאַנדשאַפט פון דעם אויסטראַלישן קאָנטינענט. מיר איז אויס־געקומען — לויט דעם כאַראַקטער פון דער מיסיע וואָס האָט מיך אַהין געבראַכט — צו קאָנצענטרירן זיך אויף די מענטשן פון לאַנד, אויף זייערע השגות און שטימונגען, אויף זייערע באַציאונגען צו וועלט־פּראָגרעס און צו יידן.

איך קען נאָר זיין דאַנקבאַר דעם מזל, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט דורכצופירן אין רו און זיכערקייט אַזאַ מין אַרבעט פון פאָרשונג און צוגרייטונג. בעת די יידישע וועלט איז געשטאַנען אין פלאַמען, בעת דאָס יידישע הויז אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין איין דורכאויסיקן חורבן, האָב איך זוכה געווען צו ווערן אַ שליח, אַ מרגל, כדי צו זוכן פאַר אונדזערע היימלאָזע מאַסן אַן ארץ־מקלט אין אַ נייעם לאַנד. אין די עסייען פון דעם בוך האָב איך זיך באַמיט איבערצוגעבן מיינע איינדרוקן פון מענטשן און געשעענישן אַזוי פּינקטלעך ווי נאָר מעגלעך, — און

זאָלן די לעזער אורטיילן, צי עס האָט זיך באַקומען אַן אָפּטימיסטיש אָדער פּעסימיסטיש בילד.

דאָס בוך איז, אין זײַן גרעסטן טייל, געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1943 אין אויסטראַליע און אַרויסגעגעבן פֿון דעם „יידישן פֿאָלקס־צענטער אויפֿן נאָמען פֿון שלום עליכם" אין סידנעי. די אַרבעט איז נישט פֿאַרענדיקט געוואָרן. עס האָבן געזאָלט אַרײַן אין איר קאַפּיטלען וועגן פּאָליטישן לעבן אין אויסטראַליע, וועגן דעם עקאָנאָמישן לעבנס־שטייגער פֿון די מאַסן, וועגן מײַנע באַגעגענישן און דערפֿאַרונגען אין דעם יידישן קיבוץ, — און אויך אַ גענויער באַריכט וועגן דער גאַנצער פּאָליטישער אַרבעט אַרום דעם קימבערלײַ־פּראָיעקט. דאָס בוך איז אָבער ביים שרייבן אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז די אויבנדערמאָנטע טיילן מוזן אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדער צייט.

—:::—

אין נאָוועמבער 1944 איז אָנגעקומען די ידיעה אַז די אויסטראַלישע פֿעדעראַלע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿרייַלאַנד־פּראָיעקט פֿון יידישער קאָלאָניזאַציע אין קימבערלײַ. אַזאַ מין באַשלוס וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי דער סוף פֿון די באַמיאונגען אין אויסטראַליע, ווען אויך די באַפֿעלקערונג פֿון יענעם לאַנד וואָלט מסכים געווען מיט דער רעגירונג. צום גליק האָט זיך אָבער גלייך אַרויסגעשטעלט אַז פֿאַראַנטוואָרטלעכע שיכטן פֿון דעם אויסטראַלישן פֿאָלק האָבן עפֿנטלעך דערקלערט זייער קעגנערשאַפֿט צו דער מיינונג פֿון דער רעגירונג. באַזונדערס וויכטיק איז וואָס דעם 8טן דעצעמבער 1944 האָט די צענטראַלע פֿון אַלע אויסטראַלישע טרייד־יוניאָנס, וואָס פֿאַרטרעט 1,200,000 אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע לטובת דעם גרויסן יידישן פּלאַן. אויפֿפֿאָדערנדיק די רעגירונג איבערצוקוקן איר באַשלוס, האָט די אַרבעטער־צענטראַלע דערקלערט אַז „עס קומט יידן אַ מקום מקלט אין אַ דעמאָקראַטישן לאַנד און אויסטראַליע וועט נאָר געווינען פֿון דער שאַפֿונג פֿון אַ יידישן ישוב לויט דעם פּלאַן פֿון דער פֿרייַלאַנד־ליגע."

אפֿילו דער אומבאַקאַנטער, דורכשניטלעכער בירגער פֿון לאַנד האָט געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג. ביי דער דורכפֿירונג פֿון אַ „גאַלופּ־פּאָל" אין סעפּטעמבער 1944 האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז 37 פּראָצענט פֿון די אָנגעפֿרעגטע זייַנען פֿאַר אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע, און נישט ווייניקער ווי 47 פּראָצענט

האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אינדיווידועלער ייִדישער אימיגראַציע אין לאַנד. די בײדע ציפערן צוזאַמען באַווייזן אַז די באַפעלקערונג איז, אין איר גרויסער מערהייט, גענייגט פריינטלעך צו אַ ברייטער ייִדישער איינוואַנדערונג.

אַט די לעצטע געשעענישן באַשטעטיקן די איינדרוקן וואָס איך האָב געהאַט פון דעם מענטש און מענטשן אין אויסטראַליע. זיי באַרעכטיקן די האָפענונג אַז עפּעס גרויסעס און דויערהאַפטעס קען אַמאָל אויסוואַקסן פאַר אונדזער פאָלק אויך אין יענעם פּאַציפישן טייל פון דער וועלט.

י. נ. שטיינבערג

ניו־יאָרק, מאַי 1945

ביים פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט אין אויסטראַליע איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן דעם טויט פון בן אדירן, איינעם פון די ערלעכסטע און איבערגעגעבנסטע זין פון ייִדישן פאָלק. בן־אדיר האָט מיך אַרויסבאַגלייט מיט אַ ברכה קיין אויס־טראַליע, און ער האָט מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אינטערעס נאָכגעפאָלגט יעדן שריט פון דעם קאַמפּיין. ער האָט געשטרעבט וואָס גיכער צו האָבן פון מיר אַ מינדלעכן באַריכט וועגן די אויסזיכטן אויף להבא. און איך האָב געשטרעבט וואָס גיכער איבערצוגעבן אים דעם באַריכט. דאָס איז אונדז ביידן ניט באַשערט געווען. זאָלן כאָטש די פּאָר ווערטער געשריבן ווערן אין ליכטיקן אָנדענק פון אַ גרויסן ייִדישן מענטשן, וואָס האָט באַשיינט אונדזער דור.

י. נ. ש.

וואָרעמע גרוסן פון אויסטראַליע

1.

עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז צוליב די גרויסע און בלוטיקע געשעענישן אין אייראָפּע זאָל די יידישע עפנטלעכקייט פאַרנאַכלעסיקן אַ געוויסע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, וואָס ווערט לעצטנס געטאָן פאַר יידישע צוועקן אין אויסטראַליע. אַזוי ווי איך בין פּערזענלעך שטאַרק פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, האָב איך צוערשט נישט געהאַלטן פאַר ריכטיק צו שרייבן וועגן איר אין דער פּרעסע. איך פיל אָבער איצט — נאָך דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום און דעם פאַרשווינדן פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן — אַז מען מוז אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן דער אַנגייענדיקער אַרבעט צו דער יידישער עפנטלעכקייט אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. דאָרטן איז דאָ די מעגלעכקייט ניט נאָר פריי צו אָטעמען, נאָר אויך צו טראַכטן אוןווירקן אויף אַ וועלכן נישט איז סיסטעמאַטישן אופן. אַז דאָס יידישע אייראָפּע ווערט פאַרזונקען אין שווייגעניש, מוז מען נאָך העכער רעדן און טיפער טראַכטן אין די יידישע ישובים פון אַלע אַנדערע לענדער.

אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך וויל איך איבערגעבן מיינע דערפאַרונגען אויף דעם געביט פון פּאָליטישער און קולטורעלער פּראָפּאַגאַנדע אין די אויסטראַלישע שטאַטן. איך נעם דערביי אָן, אַז דער יידישער לייענער־עולם ווייסט וועגן דעם, אַז די רעגירונג פון מערב־אויסטראַליע האָט דעם 25טן אויגוסט 1939 געגעבן די אָפיציעלע הסכמה צו דער שאַפונג פון אַ יידישער קאָלאָניע אין דער קימבערליי־פּראָווינץ. די הסכמה איז אויסגעדריקט אין אַ לענגערן בריוו פון פּרעמיער, מר. ווילקאָק, צו מיר, אַלס פאַרשטייער פון דער „פריילאַנד ליגע פאַר יידישער טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָני־

זאַציע". דער דאָזיקער באַשלוס איז — קורץ גערעדט — אַ פּול־שטענדיקער ברוך מיט דער לאַנגער אויסטראַלישער טראַדיציע פון נישט־צולאָזן קיין שום גרופּן־קאָלאָניזאַציע פון אויסלענדישע אימי־גראַנטן. דער באַשלוס האָט אַרויסגערופן אין גאַנץ אויסטראַליע אַ גרויסן אינטערעס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס שוין מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. די פּרעסע פון אַלע זעקס אויסטראַלישע שטאַטן האָט אָפּגעגעבן גענוג פּלאַץ פאַר דעם נייעם פאַקט און האָט דערביי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אַנטיפּאַטיע אָדער פיינדשאַפט. דאָס איז אַ גוטער צייכן אויף להבא.

איידער איך וועל איבערגיין צו דער אינטערעסאַנטער געשיכטע, ווי אַזוי דער דאָזיקער וויכטיקער באַשלוס איז צושטאַנד געקומען, איז נויטיק, גלויב איך, איבערצוגעבן דאָ, כאָטש אין די הויפּט־שטריכן, דעם אינהאַלט פון דעם דאָקומענט. אין פאָלגנדיקן אויסצוג איבערזעץ איך די כאַראַקטעריסטישסטע טיילן פון דעם פּרעמיערס בריוו:

„דער עקאָנאָמישער רעפּאָרט און דער פּאָליטישער מעמאָראַנדום, וועלכע באַהאַנדלען אייערע אויספאָרשונגען אין דער מזרח־קימבערליר־פּראָווינץ פון מערב־אויסטראַליע און אייערע פאָרשלאָגן בנוגע דער באַזעצונג פון דער דאָזיקער געגנט מיט יידישע אימיגראַנטן, זענען באַטראַכט געוואָרן פון מיין רעגירונג. איר האָט פעסטגעשטעלט נאָך אייער באַזוך פון יענער געגנט, אַז אַ פּרוכטבאַרע אַנטוויקלונג פון איר איז נאָר מעגלעך אויפן יסוד פון אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע.

„דאָס באַדייט, לויט אייערע ווערטער, ערשטנס, אַריינפירן אַ גרויסע צאָל ענערגישע און קרעפטיקע קאָלאָניסטן; צווייטנס, איינ־ווערסטירן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט; דריטנס, איינפלאַנצן צווישן די קאָלאָניסטן אַ טיפן און באַגייסטערטן ווילן צו שאַפן אַ ניי לעבן אין דער נייער געגנט; פערטנס, פאָרזיכטיק פּלאַנירן די קאָלאָניע אַזוי, אַז איר עקאָנאָמישער פאָרטשריט זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דעם אויסטראַלישןווירטשאַפטלעכן סיסטעם אַלס גאַנצעס. די רעגירונג איז מסכים מיט די דאָזיקע געזיכטספּונקטן אין אַ גרויסער מאָס".

דערנאָך גייט דער בריוו איבער צו שילדערן דעם וועג צו דער אויבן אָנגעצייכנטער קאָלאָניזאַציע.

„מיר האָבן באַטראַכט די איינצלהייטן פון אייער פּלאַן און הגם מיר ווילן בשום אופן נישט אונטערשעצן אייער אַמביציעזן פּראָיעקט, דאַרף האַלטן מיר פאַר ריכטיק צו אונטערשטרייכן, אַז דער ערשטער

וועג פון שאַפן די קאָלאָניע מוז פירן צו דעם אויסבוי פון פי־צוכט. די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג וועט פאָלגן נאַטירלעך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואַקסנדיקער באַפעלקערונג און אירע שטייגנדיקע פאָדערונגען. מיר ווילן אָבער נישט דערביי אָוועקמאַכן די זייער לויבנסווערטע פערספּעקטיוון פון דער „פריילאַנד־ליגע" בנוגע קאָלאָניזאַציע אָדער די מעגלעכקייטן פון יענער פּראָווינץ, וועלכע זענען באַזירט אויף אייער אייגענער אונטערזוכונג.

„אייער נעקסטער שריט וועט זיין צו ווענדן זיך צו דער פעדעראַלער רעגירונג פון אויסטראַליע, כדי קלאָר צו מאַכן איר שטעלונג לגבי דעם פּראָיעקט און לגבי דעם צולאָזן פון איינוואַנדערער אויף צו שאַפן די יידישע קאָלאָניע. צו דעם צוועק ווילן מיר אייך דערקלערן, אַז מיר האָבן גאָרנישט קעגן דעם, אַז איר זאָלט מאַכן די נויטיקע שריט ביי דער פעדעראַלער רעגירונג אין קאַנבערראַ. אויב אייערע פאַרהאַנדלונגען דאָרטן וועלן זיין דערפאָלגרייך, דעמאָלט וועט מיין רעגירונג באַשטימען אירע פאָרטרעטער כדי צו פאַרהאַנדלען מיט אייך און צו פאַרשטענדיקן זיך וועגן אַ ריי באַדינגונגען."

דערנאָך האָט די רעגירונג אויפגעשטעלט — אַלס „פאָרשלאָגן" — אַכט פאַרשיידענע באַדינגונגען, צווישן וועלכע עס זענען די וויכטיקסטע די פאָלגנדיקע:

1) „די רעגירונג זאָל זיין דירעקט פאַרטראָטן דורך איינעם פון אירע באַאַמטע אין יענעם צענטער (אין איראַפּע), וואו עס וועלן אויפגענומען ווערן די אויסוואַנדערער פאַר דער פאַרגעשלאָגענער קאָלאָניע. 2) איינער אָדער איניקע רעגירונג־פאָרטרעטער זאָלן נעמען אַנטייל אין דער אויספאַרשונג פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, כדי עס זאָל פאַרזיכערט ווערן דער געזונטער באַזיס פון דער קאָלאָניע. 3) אַז דער פּלאַן וועט ווערן אַנערקענט אַלס געזונט, זאָל איינער אָדער איניקע רעגירונגס־פאָרטרעטער שטענדיק געפינען זיך אין דער קאָלאָניע, כדי אויפצופּאַסן אויף דער אַנטוויקלונג און עצה'נען בנוגע דער צאָל איינוואַנדערער וואָס זאָלן אַריינקומען פון צייט צו צייט. 4) אַלע באַאַמטע פון דער רעגירונג, וואָס וועלן זיין פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניע, זאָלן באַקומען זייערע שכירות און געמעסיקטע אויסגאַבן פון די לייטער פון דער געפּלאַנטער קאָלאָניזאַציע. 5) די רעגירונג זאָל נישט איבערנעמען קיין פינאַנציעלע התחייבות'ן בנוגע דעם אויפבוי פון וועגן, שולן, שפּיטאָלן אָדער אַנדערע עפנטלעכע אַנשטאַלטן אין

לויף פון די ערשטע דריי יאָר פון דער באַזעצונג. בנוגע דער דערציאונג, זאָלן די שולן צופּאַסן זיך צו דעם סטאַנדאַרד פון דעם דערציאונגס־מיניסטעריום, און די לערער זאָלן ווערן באַשטעטיקט פון מיניסטעריום".

פאַר דעם יידישן לייענער קען זיך אויסדאַכטן, אַז די רעגירונג האָט געמאַכט צופיל באַוואָרעניש, געבנדיק איר הסכמה צו אונדזער פּראָיעקט, אָבער די אַלע באַדינגונגען, ווי דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, קען מען ריכטיק אָפּשאַצן נאָר דעמאָלט ווען מען ווייסט די פאָרגעשיכטע פון אָט דעם וויכטיקן באַשלוס. אין דער ערשטער סטאַדיע פון אונזערע אונטערהאַנדלונגען איז געווען נויטיק, ראשית כל, קלאָר פעסטצושטעלן, אַז דאָס פאָלק און די רעגירונג פון מערבֿ־אויסטראַליע האַלטן פאַר ריכטיק, אַז אַ גרעסערע, אינערלעך פאַרבונדענע, יידישע קאָלאָניע אין זייער לאַנד זאָל ווערן אויפגעבויט. ווערט אַזאַ יידישער ישוב אויפגעבויט אין איין ווינקל לאַנד פון דעם געוואַלטיק־גרויסן קאָנטינענט, דעמאָלט עפענען זיך נאָך גרעסערע מעגלעכקייטן. און דער דאָזיקער „ווינקל" וועגן וועלכן מיר פירן אונטערהאַנדלונגען איז נישט ווייניקער ווי זיבן מיליאָן אַקער לאַנד, ד"ה אַרום 10,600 קוואַדראַט מייל.

דערמיט וואָס די מערבֿ־אויסטראַלישע רעגירונג (וועלכע איז דערצו אַ לייבאָר־רעגירונג) האָט פּרינציפּיעל צוגעשטימט צו דעם פּלאַן, האָט זי אים מיט איין מאָל פאַרוואַנדלט אין אַן אויסטראַליש־פּאָליטישער אָנגעלעגנהייט. אַז די פעדעראַלע רעגירונג וועט אים שפּעטער באַטראַכטן, וועט ער שטיין פאַר איר נישט בלויז ווי אַ פּריוואַטער פאָרשלאַג פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי אַ מלוכהשער פאָרשלאַג פון איינעם פון די אויסטראַלישע שטאַטן. דאָס האָבן דאָ אַלע קרייזן פאַרשטאַנען, אַז דער באַשלוס איז אָבער נישט געקומען צופעליק און אַז ער איז ערנסט געמיינט — דאָס וועט באַווייזן די פאָרגעשיכטע פון דעם דאָזיקן באַשלוס.

2

די זאַך האָט זיך אָנגעהויבן אין לאָנדאָן אין 1938, גלייך נאָך דער עוויאַנער קאָנפערענץ, ווען ס'איז מער־ווייניק קלאָר געוואָרן, אַז מען קען זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דער אָרגאַניזירטער הילף פון די מלוכות. אין פאַרשיידענע יידיש־ענגלישע קרייזן האָט מען זיך נאָך אַפילו געקווענקלט בנוגע דער אידייע פון אַ ברייטער

יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַ וועלכן נישט איז לאַנד. אָבער דער שוידערלעכער קלאַפּ פון די נאַזי־עמבער פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד האָט געמאַכט אַ סוף אויך צו די דאָזיקע קווענקלעניש. מען האָט אומעטום, אויך אין דער בריטישער רעגירונג, פאַרשטאַנען, אַז די לייזונג פון דער קאַטאַסטראָפע פון די יידישע וואַנדערער מוז געזוכט ווערן נאָר אויף די וועגן פון אַ פּלאַנירטער מאַסנהאַפטער קאָלאָניזאַציע. מר. נעוועל טשעמבערלעין האָט עס אויך אָפן דערקלערט אין פּאַרלאַמענט.

ער האָט גלייכצייטיק אָנגעוויזן אויף אייניקע מעגלעכקייטן, פון וועלכע די וויכטיקסטע האָט געזאָלט זיין בריטיש־גוויאַנע. אויסטראַליע איז דערביי נישט דערמאָנט געוואָרן, שוין צוליב דעם אַליין וואָס די רעגירונג אין לאָנדאָן קען נישט און וויל נישט זאָגן אַ דעה בנוגע אירע דאָמיניעס. דעמאָלט האָט די לאָנדאָנער „פריילאַנד־ליגע", וועלכע ציילט אין איר קאָמיטעט אַ ריי וויכטיקע ענגליש־יידישע טוער, באַשלאָסן, אַז זי דאַרף עס נעמען אויף זיך אויסצופאָרשן די פיזישע און פּאָליטישע מעגלעכקייטן פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע. עס איז אָפט מאָל בעסער אַז אַ פּריוואַטע גרופּירונג, נישט די אָפיציעלע אינסטאַנצן פון דער מלוכה אָדער געמיינדע, זאָלן דורכפירן אַזאַ צוגרייטונג־אַרבעט.

די „פריילאַנד־ליגע" האָט צו יענער צייט געהאַט פאָרמולירט פאַר זיך וועלכע געגנט פון אויסטראַליע וואָלט זי געהאַלטן פאַר אַממערסטן צוגעפּאַסט פאַר דעם יידישן צוועק. דורך פאַרהאַנדלונגען מיט אויסטראַלישע פאַרטרעטער אין לאָנדאָן און דורך געוויסנהאַפטע שטודיעס, האָט מען פעסטגעשטעלט אַז צוליב פאַרשיידענע טעמים איז דער בעסטער פּלאַץ פאַר דעם אָנפאַנג פון אַ קאָמפּאַקטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין דער פּראָווינץ איסט־קימבערליי, אין סאַמע צפון פון מערב־אויסטראַלישן שטאַט. אָט דער שטאַט, צו וועלכן עס געהערט אַ דריטל פון גאַנצן קאָנטינענט, ד"ה אַ מיליאָן קוואַדראַט־מייל ערד, פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג בסך־הכל פון 460 טויזנט מענטשן. כמעט אַ העלפט פון זיי וואוינט אין דער הויפּט־שטאָט פּערט. מערב־אויסטראַליע געפינט זיך נאָך בכלל עקאָנאָמיש און גייסטיק אין דער סטאַדיע פון פּיאָנערטום, און עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז דאָ, מער ווי אַנדערשוואו, וועט מען זיין געניגט צו אַ פּראָיעקט פון יידישע פּיאָנערן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ קליינע דעלעגאַציע קיין אויסטראַליע, ראשית כל, קיין פּערט, די הויפּט־שטאָט פון דעם אויסגעזוכטן לאַנד, שפּעטער צו דיביידע גרויסע שטעט מעלבורן און סידנעי, וואו עס איז קאָנצענטרירט דער פּאָליטישער ווילן פון גאַנצן לאַנד. ביי דער אויספירונג פון אָט דעם באַשלוס זענען אָבער אַנטשטאַנען געוויסע שוועריקייטן. מען האָט געוואוסט, אַז אויסטראַליע איז אין פּרינציפּ קעגן יעדער אַרט פון גרופּן־קאָלאָניזאַציע פון אויסלענדער; הייסט עס, אַז מען האָט געזאָלט דורכפירן פריער פון אַלץ אַ גרעסערן פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּיין, כדי צוצוגעוואוינען דעם דאָרטיקן עולם צו דעם געדאַנק פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע. איז נישט דערפון געדרונגען, אַז מען דאַרף שיקן אַהין אַלס שלוחים נישט־יידן, כדי זיי זאָלן בעסער ווירקן אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג? און צי איז נישט גלייכער נישט צו דערמאָנען דעם ענין יידישע קאָלאָניזאַציע, נאָר צו רעדן וועגן אַ קאָלאָניזאַציע פון פליטים בכלל, האָבנדיק, פאַרשטייט זיך, אין זינען מערסטנס יידישע פליטים?

אַזוי האָבן געזאָגט די צווייפלער, וועלכע האָבן געוואוסט וואָס פאַר אַ שווערע הלכה עס איז בייצוקומען געוויסע פּאָליטישע און אפשר טאַקע ראַסישע פאַראורטיילן פון אַ ווייטן לאַנד. אָבער זייערע קעגנער, די מער נאַציאָנאַל־געזינטע טוער פון דער „פריילאַנד־ליגע", האָבן פאַרלאַנגט, אַז די שליחות קיין אויסטראַליע — דווקא ווייל זי איז אַ שווערע — זאָל אויפטרעטן מיט פולער אָפנקייט פאַר די אויגן פון דער דאָרטיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג. מען טאָר נישט באַהאַלטן דעם גרויסן יידישן אומגליק אונטער דער פלאַך־געוואָרענער פאַרמולע פון „הילף פאַר פליטים". דאָס פאָלק אין אויסטראַליע זאָל געגוי וויסן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן אַ היים פאַר אידישע, און נישט קיין אַנדערע, קרבנות פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. עס איז דערפאַר בעסער גאָר, אַז די שליחות זאָל דורכגעפירט ווערן דווקא פון יידישע מרגלים, וועלכע האָבן צו דער האַנט נישט נאָר אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן, נאָר אויך דעם יידישן געפיל אין האַרצן. און עס איז געווען נאָך אַ מאָמענט: מען האָט געוואוסט אין לאָנדאָן, אַז אַ ריי איינפלוסרייכע יידישע פירער אין אויסטראַליע זענען שטאַרקע קעגנער פון אַן אויסגעשפּראָכענער יידישער קאָלאָניזאַציע, אַז זיי פאַרטיידיקן דווקא און נאָר דעם סיס־

טעם פון אינדיווידועלער איינוואַנדערונג, ביי וועלכער עס איז דאָ אַ גרעסערע האָפענונג צו אַסימילירן די יידן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אויך לגבי די יידישע פירער איז אַ יידישער שליח פון אייראָפּע אפשר בעסער ווי אַ וועלכער־נישט־איז פרעמדער אוהב־ישראל.

3

און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל פאָרן קיין אויס־טראַליע אין נאָמען פון דער „פריילאַנד־ליגע" און זאָל אַפּעלירן דאָרטן פאַר דעם פּראָיעקט פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע. אַז איך בין דעם 23טן מאַי 1939 אָנגעקומען קיין פּערט, האָב איך גלייך אויפן שיף איבערגעלעבט אַן אָנגענעמע איבעררעאַשונג. עס זענען געקומען מיך מקבל־פּנים זיין, אַחוץ אַנדערע, די פאָרטרעטער פון דער יידישער געמיינדע, מיט דעם שפּעטער פאַרשטאָרבענעם רבי פרידמאַן בראש. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געהאַט מיט זיי אַ באַראַ־טונג, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז — אויב מיר האַלטן זיך ביי די באַדינגונגען פון אונדזער פּראָגראַם — זענען זיי גרייט צו אונטערשטיצן אונדזער קאַמפּיין אין זייער לאַנד. איך דערמאָן זיך, ווי דער 70־יאָריקער רב, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט דעם אויסטראַליש־בריטישן פּאַטריאָטיזם, האָט געשטראַלט פאַר פרייד. אויף מאָרגן, שבועות, האָט ער אין זיין דרשה אין שול באַגייסטערט אונטערשטראָכן די היסטאָרישע באַדייטונג פון אַ יידישער קאָלאָניע אין זיין לאַנד און די גרויסע פּערספּעקטיוון וואָס עפענען זיך אפשר פאַרן יידישן פאָלק. און רבי פרידמאַן איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אויסטראַליע.

מיין צווייטע פריידיקע איבעררעאַשונג איז געווען בנוגע דער נישט־יידישער עפנטלעכקייט. עס איז גלייך אין די ערשטע טעג קלאָר געוואָרן, אַז דער יידישער כאַראַקטער פון דער געפּלאַנטער קאָלאָניזאַציע איז נישט נאָר נישט קיין שטער, נאָר פאַרקערט. די סימפּאַטיע צו די יידישעליידן איז אין פּערט געווען אַזוי ווייט פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג, אַז דאָס וואָרט ייד האָט פשוט געעפנט די הערצער און די מוחות פון די פירנדיקע טוער אין אַלע קלאַסן און שיכטן. נאָך איידער מען פלעגט צוגיין צו דער זאַכ־לעכער און עקאָנאָמישער באַטראַכטונג פון אונדזער פּלאַן, האָט מען שוין לכתחילה אָפּן דערקלערט די פּרינציפּיעלע פריינטשאַפט צום

פּלאַן, ווייל ער וועט פאַרלייכטערן די נויט פון דעם יידישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ גוטער אָנזאָג אויף דער צוקונפט.

אויפן דריטן טאָג בין איך אויפגענומען געוואָרן פון מר. ווילקאָק, דעם פּרעמיער פון דער מערב־אויסטראַלישער רעגירונג. דאָס לאַנד איז נאָך זייער דעמאָקראַטיש; די רעגירונג־געביידעס זענען נאָך פּשוטע און די מלוכה־פירער פון אַ לייבאָר־רעגירונג זענען פאָלקס־טימלעך. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ 60־יאָריקן פעסט־געבויטן מאַן, מיט אַ טיפּיש־אַרבעטאַרישן פּנים און באַשיידענער האַלטונג. ער האָט געוואָלט ראשית־כל הערן פון מיר וואָס פאַר אַ פאָרשלאָג מיר האָבן, און ער האָט נישט פאַרבאַהאַלטן אַז זייערע ערפאַרונגען מיט „גרופּס־סעטלמענטס" פון ענגלישע אַרבעטער ביז איצט זענען געווען די סאַמע אומגינסטיקע. „מיר האָבן נישט קיין שום פאָראור־טיילן קעגן אַ יידישער קאָלאָניזאַציע — האָט ער דערקלערט — אָבער איר מוזט אַליין גיין און אויספאָרשן די געגנט, וועלכע איר האָט אין זינען, כדי עס זאָל נישט קומען צו אַ דורכפאַל".

מר. ווילקאָק האָט אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַ רואיקן געמיט, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אָבער פאַר מיר (און פאַר אונדז בכלל) איז עס געווען אַ געוואַלטיקע נייעס. הייסט עס, אַז דאָ אויפן אָרט זענען נישטאָ קיין פּרינציפּיעלע פאָראורטיילן קעגן אַ יידישן ישוב; הייסט עס, אַז אָט דער פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, און די וואָס שטייען הינטער אים, וועלן אונדזער זאַך באַטראַכטן נאָר פון אַן עקאָנאָמיש־מלוכהשן שטאַנדפּונקט; הייסט עס, אַז מען וועט קענען זיך טאַקע צונויפרעדן! „מיר מוזן זיין גאַראַנטירט — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז אייערע לייט וועלן פאַרבלייבן אין דער קאָלאָניע און נישט קומען צולויפן אין שטאָט, כדי אַרויפלייגן אויף דער רעגירונג די לאַסט פון אויפהאַלטן זיי". יאָ! — האָב איך געקאָנט אים אויף דערויף רואיק ענטפערן — מיר זענען פאַראינטע־רעסירט נישט ווייניקער פון אייך, אַז די יידישע קאָלאָניסטן זאָלן פאַרבלייבן אין זייער נייער היים, אַז זיי זאָלן זי אויסבויען אין אַ גרויסן, עקאָנאָמיש־פאַרפונדעוועטן און גייסטיק־שטאַרקן ישוב. די גאַראַנטיעס, וועלכע איר פאַרלאַנגט, וועלן געגעבן ווערן.

איך האָב פון דעם ערשטן שמועס פאַרשטאַנען, אַז אונדזער פּאָזיציע בכלל וועט ווערן פאַרשטאַרקט, אויב איך וועל טאַקע אַליין אויך אָנזען יענע געגנט, וועגן וועלכער מיר וועלן פירן אונטער־האַנדלונגען. דער מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט, מר. וויז, וועלכן

איך האָב געטראָפן מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט מיר אויך געראָטן צו פאָרן קיין קימבערליי און צו איבערצייגן זיך פּערזענלעך אין די גרויסע מעגלעכקייטן פון יענעם מיסטעריעזן לאַנד. מר. ווייז, נאָך אַ יונגער־מאַן, מיט רויטלעכע געקרייזלטע האָר, איז באַקאַנט זינט אַ סך יאָרן מיט זיינע רעפאָרטן וועגן דער גרויסער צוקונפט פון די קימבערלייס, ווייל ער איז אַן עקספּערט פון טראָפּישער לאַנדווירטשאַפט. ער האָט נישט געהאַט דעם פאַרזאָרגטן סקעפּטיציזם פון זיין פּרעמיער. ער האָט געשמייכלט ווי אַ מענטש וואָס ווייסט דעם אמת פון אינעווייניק. דערפאַר האָט ער מיך אויך צוגערעדט צו פאָרן און האָט מוסיף געווען, אַז ער איז טיף פאַראינטערעסירט אין אַ יידישער קאָלאָני־זאַציע. אַזוי אויך — אַ דריטער מיניסטער, אַ געוועזענער פּאָסט־באַאַמטער, דער פאַרטרעטער פון קימבערליי אין פּאַרלאַמענט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פריינטשאַפט צו אונדזער פּראָיעקט. ער האָט אין דער לעצטער מלחמה געדינט אין פּאַלעסטינע. (אגב, אַ גרויסע צאָל אויסטראַליער פאַלקסמענטשן, וואָס האָבן דעמאָלט געדינט אין ארץ־ישראל, האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אַ באַזונדערן דרך־ארץ צום יידישען פאָלק און צו די קאָלאָניעס. דאָרטן האָבן זיי זיך באַקענט מיט דעם טיפ פון אַרבעטענדן יידן, וועלכן זיי האָבן פריער נישט געטראָפן ביי זיך אין לאַנד).

ביי אַזאַ לאַגע, האָב איך באַשלאָסן טאַקע אַריבערצוכאַפּן זיך אַהין וואָס גיכער, כדי אונדזערע שמועסן זאָלן באַקומען אַ ממשות־דיקן כאַראַקטער. אַז איך האָב געפרעגט אַן עצה ביי רבי פרידמאַן, האָט ער מיט ענערגיע געענטפערט: „עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן נישט צו פאָרן!” צווישן פּערט און יענער געגנט איז געלעגן אַ מהלך פון 2,200 מייל, וועלכע מען האָט געזאָלט אין צוויי טעג אַרי־בערפליען. אין דער דריטער וואָך בין איך אַהין אָפּגעפלויגן.

4

יענע געגנט האָט עפּעס אויסגעזען פון דערווייטנס ווי אַ גע־היימניספול לאַנד. אַז מיר האָבן אין לאָנדאָן שטודירט דעם כאַראַק־טער און די אויסזיכטן פון יענעם לאַנד, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשיידענע מיינונגען. די וויסנשאַפטלעכע ווערק און די רייזע־באַשרייבונגען האָבן נישט גערעדט מיט איין לשון: חלוקי־דעות זענען געווען וועגן יעדן וויכטיקן פּונקט. אייניקע האָבן גע־שריבן כמעט מיט דער שפּראַך פון די מרגלים פון חומש, זאָגנדיק,

אַז „הארץ אוכלת יושביה״, אַז ווייסע איראָפּעער קענען נישט אויס־האַלטן די היץ מיט דער אומפּרוכטבאַרקייט פון לאַנד. דערפאַר האָבן די אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן פּערזענלעך יאָרן־לאַנג געפאָרשט יענע אומגעהויער־גרויסע שטחים, געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן דעם פאַרבאַהאַלטענעם רייכטום פון די קימבערלייס, וועגן זייער וואונדערבאַרער צוקונפט.

דער בעסטער אופן צו דערקענען דעם אמת פאַר אונדז יידן, איז געווען צו גיין אַליין, צו שיקן יידישע מרגלים, צו באַטראַכטן דאָס לאַנד מיט יידישע אויגן. די ערשטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען דערין: פעסטצושטעלן צי דאָס איז בכלל אַ לאַנד צום לעבן און צום וואַקסן, אָדער עס מוז לחלוטין אויסגעשלאָסן ווערן אַלס אַ האָפענונג פון אַ יידישן ישוב. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז איך מוז האָבן אויסטראַליש באַגלייטער, מענטשן וואָס קענען דעם קאָנ־טינענט פון פריער און פאַרשטייען אויך אונדזערע פּלענער. אַזעלכע זענען געווען, ערשטנס, די פאַמיליע דוראַק, וועלכע האָט פאַרמאָגט אין מזרח־קימבערליי דעם געוואַלטיקן מאַיאָנטעק פון זיבן מיליאָן אַקערס, וועלכן זיי האָבן אונדז אָנגעבאָטן איבערצונעמען פאַר אַ יידישער קאָלאָניזאַציע; און, צווייטנס, האָב איך געזוכט אַ געלערנטן פון דער פּערטער אוניווערזיטעט, אַ פאַכמאַן אין אַגריקולטור, מיט אָפענע אויגן און חושים, כדי ער זאָל פאָרמולירן ווויסנשאַפטלעך אונדזערע דערפאַרונגען.

עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש און דערמונטערנדיק דער וועג אויף וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ געלערנטן. די ערשטע ערנסטע פריינט פאַר אונדזער פּראָיעקט האָבן זיך געפונען צווישן די פּראָפעסאָרן פון פּערט. איינעם פון זיי מוז איך דאָ דער־מאָנען ביים נאָמען, ווייל זיין אָן־פּניותדיקע איבערגעגעבנקייט און ענערגיע מוז פאַרצייכנט ווערן אין אונדזער זכרון. פּראָפּ' פרעד אַלעקסאַנדער האָט אַראַנזשירט פאַר מיר דעם ערשטן פאָרטראַג אין דער אוניווערזיטעט. אין אַ געשלאָסענער פאַרזאַמלונג פון אַ צוואַנציק געלערנטע פון אַלע פאַקולטעטן (צווישן זיי דער וויצע־קאַנצלער, פּראָפּ' וויטפעלד, און דער אין אויסטראַליע באַרימטער שרייבער, פּראָפּ' מערדאַק) האָב איך באַריכטעט וועגן דער יידישער לאַגע אין איראָפּע און וועגן די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון אונדזער פּראָיעקט. די אַטמאָספערע איז געווען אויסערגעוויינלעך וואַרעם, און די ספקות

און פראָגעס, וועלכע מען האָט מיר געשטעלט, האָבן געזאָגט עדות אויף דער גוטער שטימונג פון דער מערב־אויסטראַלישער אינטע־ליגענץ.

און אַזוי איז עס געווען אין די אַנדערע שיכטן צו וועלכע איך האָב זיך געווענדעט אין די נעקסטע טעג. דער אַרצבישאָף פון פּערט (וועלכער איז גלייכצייטיק דער פּריימעט, דער אָפיציעלער הויפּט פון דער אַנגליקאַנישער קירך אין אויסטראַליע) האָט מיט אַ באַזונדערער פריינטשאַפט אונטערשטראָכן דעם ווערט פון אַ יידישער קאָלאָניע, און האָט מיך איינגעלאַדן צו אַדרעסירן אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג פון פאָרטרעטער פון אַלע קריסטלעכע קירכן. דער שעף פון דער גרויסער טאָג־צייטונג „וועסט־אויסטראַליען" (וואָס האָט, אגב, אַ ציר־קולאַציע פון 75,000) האָט געוואונטשן גליק צו אונדזער קימבערליי־נסיעה און צוגעזאָגט אונטערשטיצונג. אויך דער סעקרעטאַר פון דער וועסט־אויסטראַלישער טרייד־יוניאָן צענטראַלע (וועגן אַט דער אַנטשיידענער אינסטאַנץ אין לאַנד וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן) האָט, הגם, מיט פאַרזיכטיקע רייד, אָבער דאָך צוגעזאָגט צו באַציען זיך סימפּאַטיש צו אונדזערע באַמיאונגען. אַזוי אַרום האָבן מיר באַ־קומען אַ קווערשניט דורך דער עפנטלעכער מיינונג פון מערב־אויס־טראַליע, און פאַרשטאַנען אַז ס'לאָזט זיך דאָ אַרבעטן. האָט מען שוין געקענט פליען קיין קימבערליי מיט אַ רואיקן געמיט. מיט דער הילף פון אייניקע מלוכה־באַאַמטע האָבן מיר געזוכט און געפונען דעם וויסנשאַפטלעכן באַגלייטער. דאָס איז געווען דער יונגער, ענערגישער לעקטאָר, מר. מעקוויל, וועלכער האָט שוין לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט חלומות וועגן „עפענען" דעם פאַרשלאָפענעם צפון פון זיין לאַנד און האָט שוין געפאָרשט ענלעכע געגנטן.

דעם 8טן יוני האָבן מיר זיך ביידע אַריינגעזעצט אין עראָפּלאַן, וואָס האָט געזאָלט אונדז ברענגען, ראשית־כל, צו דער צפונדיקער האַפן־שטאָט ווינדעם. עס איז געווען באמת וואונדערבאַר. דער מהלך פון איבער 2,000 מייל האָט אַמאָל גענומען ביי די פאָרשער און פשוטע רייזנדע חדשים־צייט, באַזונדערס ווען די גרויסע טייכן גיסן זיך פאַנאַנדער. איצט האָבן מיר די נסיעה דורכגעמאַכט אין צוויי טעג, ד"ה אייגנטלעך אין 19 שעה, פאַרטיילט אויף צוויי טעג. דערביי שטעלט מען זיך אָפּ אין עלף סטאַנציעס און מען נעכטיקט איבער אין אַ פלאַץ. אַז מיר זענען אַרויסגעפלויגן פון פּערט איז

געווען גוט קאַלט, און וואָס נענטער צום צפון־צו, האָט עס גענומען ברענען, און מען האָט געמוזט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלץ מער בגדים.

די געגנטן, וואָס מיר האָבן געזען אַרום און אונטער אונדז, זענען נישט געווען פון די בעסטע. די גראָזן האָבן אויסגעזען ווי אויסגעטריקנט, די קליינע האָטעלן — ווי אויסגעליידיקט. אין די באַוועגונגען פון די מענטשן האָט געהערשט אַ פוילקייט, אַן אָפּגעלאָזנקייט. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פשוט פאַרנאַכלעסיקט, ווייל עס איז נישטאָ קיין באַפעלקערונג. מערקווירדיק האָט געווירקט אָט דער געמיש פון פרימיטיוון לעבן מיט דער מאָדערנער טעכניק. שטעלט זיך פאָר: אויף אַ פאַרוואָרלאָזטן פעלד, וואָס פונדערווייטנס זעען זיך קוים קליינע הייזלעך מיט קופּקעלעך מענטשן, לאָזט זיך גרויסאַרטיק אַראָפּ דער הערלעכער עראָפּלאַן. מיר, „מענטשן מיט פליגלען", גייען פּאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּלעך, קוקן זיך אַרום פאַרשוויצט פון דער זון, זעען נאָר אַ קאַר צופאַרן מיט אַ פריילעכן יונג, וואָס נעמט־צו די פּאָסט. מען כאַפּט אַ טרונק, מען וואַרפט זיך דורך מיט אַ וואָרט — און מען הייבט זיך שוין ווידער אַרויף. אונטער אונדז בלייבט ווידער די פאַרחלומטע נאַטור, אויסגעשפּרייט אין איר שטילקייט און פוילקייט, ווי אַן אומצופרידענע, וואָס דער שטאָלענער פויגל האָט זי באַאומרואיקט. אַ לופט־שיף אין דער מיט פון ששת ימי בראשית!

אָבער מיר האָבן ווייניק געטראַכט וועגן דעם. אונדז האָט געטראָגן דעם אימפּעט אַהין, צום סאַמע צפון פון דעם קאָנטינענט, וואו עס ליגט „אונדזער לאַנד". אַזייגער פיר בייטאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין ווינדעם. עס איז געווען אַ הנאה צו שטעלן דעם פוס אויף זיכערער ערד. אָט דאָס קליינע שטעטל, פון אַרום 300 מענטשן, באַזיצט אַן אויסגעצייכנטן האַפן, וואָס קען אַריינעמען צו זיך די גרעסטע שיפן אַ קיילעכדיקן יאָר. אָבער די שטאָט איז פאַרזונקען אין אַ טיפן דרעמל דעם גרעסטן טייל יאָר, אַ חוץ ווינטער, ווען מען אַרבעט אויף דער גרויסער פליישׂ־פאַבריק פון דער מלוכה. דעמאָלט קומען אָן הונדערטער אַרבעטער־פליישער און מען מאַכט דאָ צורעכט אין פיר חדשים אַן ערך 30,000 בהמות. מען האָט אונדז באַוויזן די גרויסע פאַבריק־אַנשטאַלט מיט די מאָדערנסטע שחיטה־מאַשינען און אָפּקילונג־רוימען. דער אַנשטאַלט איז נישט אַזוי גרויס, פאַרשטייט זיך, ווי די שיקאַגער „סטאָק־יאַרדס", וועלכע האָבן אויף

מיר געוואָרפן אַמאָל אַן אימה און אַ שרעק. אָבער זי איז געבויט אין דעם זעלביקן נוסח ווי שיקאַגע און שיקט אַלץ מער געפּרוּוירענע פלייש אין שיפן קיין ענגלאַנד.

יוני איז דאָרטן אַן אַנגענעמער חודש, פונדעסטוועגן איז די היץ געווען נישט קיין קליינע. אַז איך האָב זיך דאָרטן איינמאָל „געבאָדן אין שווייס״, האָב איך געפרעגט ווי האַלט עס מיטן טער־מאָמעטער. 98 גראַד אין שאָטן, לויט פאַרענהייט, האָט זיך אַרויס־געוויזן, און איך האָב זיך געמוזט וואונדערן. אַזאַ מין ציפער וואָלטן מיר אין לאָנדאָן אוודאי נישט אויסגעהאַלטן. אויף יעדן פאַל וואָלטן מיר נישט געקענט אַרבעטן. און דאָ? מען האָט פאַרקאַשערט די אַרבל, אַ פּאָר מאָל אין טאָג זיך טובל געווען, — און געטאָן רואיק די אַרבעט. אויב מען איז אַריינגעטאָן באמת אין וויכטיקער אַרבעט, באַזונדערס גייסטיקער, באַמערקט מען פשוט נישט די היץ, ד״ה מען איז זי מקבל־באהבה אומבאַוואוסט. און אַז איך האָב אַרויסגעקוקט פון אונדזער, משטיינס געזאָגט, האָטעל אויף דער רואיקער געסל מיט די פּאַריתומטע קרעמלעך (פון כינעזער און אַפגאַנער), האָב איך געטראַכט: וואָס וואָלטן דאָ נישט אויפגעטאָן אונדזערע יידן! וואָס פאַר אַ מסחר, וואָס פאַר אַ באַוועגונג פון מענטשן, בהמות, מאַ־שינען זיי וואָלטן דאָ אַנטוויקלט! מיט אַזאַ הערלעכן האַפן, וואָס פירט אַרויס צו דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס צו דעם מיליאַרד פאַרביקע מענטשן פון דערבייאיקן אַזיע, מיט אַזאַ אומענדלעכן הינטערלאַנד, וואָס עפנט זיך אָט באַלד הינטער דער שטאָט! נישטאָ ווער עס זאָל אַריינבלאָזן דעם פונק.

5

זאַלבעפערט, ביי אַ היץ פון כמעט 90 גראַד, זענען מיר דורך אַ ברייטן טויער אַריינגעפאַלן אין דעם כישופדיקן לאַנד קימבערליי. אויסער מיר זענען געווען דער יונגער געלערנטער פון אַגריקולטור, דאָצענט פון פּעטער אוניווערזיטעט, מר. מעלוויל, און צוויי פאַר־טרעטער פון די באַלעבאַטים פון מאַיאַנטיק, די דוראַקס — פאָטער און זון. עס איז כדאי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אָט דער אין אויסטראַליע יחוסדיקער פאַמיליע דוראַק.

מיט 52 יאָר צוריק איז זיין פאָטער מיט אייניקע זיין געקומען אַהער, טרייבנדיק פאָראויס אַ מחנה בהמות, כדי צו קאָלאָניזירן דעם ניי־אַנטדעקטן שטח. דער שותף צו אים איז דעמאָלט געווען אַ ייד,

מר. עמאַנועל.ביידע האָבן זיי אַריינגעוואָנדערט פון ווייטן קווינס־לענד און האָבן זעקס חדשים לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט אין די גרינע ווילדע טעניסשן פון די קימבערליים. דערנאָך האָבן זיי ביידע איינגע־טיילט צווישן זיך דאָס לאַנד (אַט פונקט אַזוי ווי אַזעלכע געשעענישן ווערן באַשריבן אין חומש). עמאַנועל האָט איבערגענומען מערב־קימבערליי, אַרום דעם טייך פיצראָי, און האָט געשאַפן אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט מיט צענדליקער טויזנטער שעפּסן. דער 80־יאָריקער זון פון דעם פּיאָנער לעבט אַלס גביר היינט אין לאָנדאָן, און איך האָב נאָר געקאָנט מקנא זיין אים, ווי ער האָט עס אַריינגענומען אין זיך אַ טרונק מיט וויסקי אָן סאָדע.

די דוראַקס האָבן גענומען פאַר זיך מזרח־קימבערליי, אַרום דעם גרויסן טייך אָרד און וויקטאָריאַ — אַ סך־הכל פון עפּעס . . . 7 מיליאָן אַקער. די רעגירונג האָט דערצו גערן צוגעשטימט אין יענע צייטן. אָבער דוראַק האָט נישט געהאַט עמאַנועלס גליק. זיין טעריטאָריע מיט די אָקסן און קי האָט זיך וויניק אַנטוויקלט. עס האָבן געפעלט מענטשן, געלט און איניציאַטיוו. איצט איז ער גרייט איבערצוגעבן דאָס לאַנד צו יידישער קאָלאָניזאַציע. אויב ענגלענדער און אויס־טראַליער האָבן עס נישט געטאָן, זאָל עס טאָן דאָס יידישע פאָלק — האָט ער מיר מיט אַ טיפן ערנסט דערקלערט פאַר אונדזער אָפּפאָר. איך פאַרשפּאָר אייך צו זאָגן, אַז דער גרויער דוראַק איז געוואָרן די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט קימבערליי־געשיכטע. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט דאָ געקענט יעדן שטיין, יעדן בוים, יעדן טראָפּן וואַסער.

דער ערשטער איינדרוק פון דער רייזע איז געווען אויסערגע־וויינלעך שטאַרק. איך האָב זיך געריכט צו געפינען אַן אָפּגעשטאַר־בענע לאַנדשאַפט, אַ פאַרוועלקטע נאַטור, אַ טריקעניש און וויסטעניש — ווי אַ סך „וויסנשאַפטלער" און יודעי־ספר האָבן אונדז געזאָגט אין לאָנדאָן. איז עס דאָך געווען פאַר דער געגנט איצט ווינטער־צייט. מיר האָבן דאָ אָבער דערזען דעם היפוך דערפון: אַ לעבעדיקע לאַנד־שאַפט! אַ נאַטור, וואָס אָטעמט און שפּראָצט; אַ לאַנד, וואָס איז באַפעלקערט מיט אַלע מינים באַשעפענישן.

פון דער שטאָט ווינדעם ביז צו דעם ערשטן ישוב פון דוראַקס מלוכה — „אייוואַנהאָע" — איז אַ מהלך פון 50 מייל. זענען מיר דעם גאַנצן וועג געפאָרן דורך אַ געגנט פאַרוואַקסן מיט הויכן־פריש־

גרינעם, מאכלדיקן גראָז. אויף מײלן אַרום, אַזוי ווײט ווי נאָר דאָס אויג גרייכט, באַוועגט זיך שטילערהייט אַן אָקעאַן פון גרינס, פון וועלכן עס דערהייבן זיך ביימלעך, ביימער און גאָר גיגאַנטישע באַאָבאַבן. עס איז נישט קיין וואַלד אַרום אונדז, אָבער ביימער פון פאַרשיידענע מינים (אויקאַליפּטן, גוטאַפּערטשע) זענען צעשאָטן צווישן די גראָז־שטחים: סאַוואַנע־לאַנד.

פון צייט צו צייט פאָרט איר אַריין אין אַזאַ שמעקעדיקער, לוסטיקער געדיכטעניש פון ביימער, פלאַנצן און גראָזן, אַז עס דאַכט זיך אייך: דאָס איז אַ קינסטלעך־באַאַרבעטער ענגלישער פּאַרק. אין שאָטן פון אַזעלכע סוכות פילט איר נישט די היץ פון דעם טראָפּישן טאָג. דאָס אויג קען זיך נישט אָפּרייסן פון די גדלותדיקע הונדערט־יאָריקע, ברייט־בייכיקע באַאָבאַבן, וואָס האָבן אַ טאַליע פון דריי פאַרשווינען און זעען אויס ווי גרויסע פלאַשן פון משקה. אָבער וויכטיקער איז דאָס, וואָס איר זעט הינטער די פיס: דעם באָדן. זיינע קאָלירן בייטן זיך פון צייט צו צייט, אָבער אויף מײלן און מײלן איז עס ברוינע אָדער רויטע ערד („רעד סאָיל"), ענלעך צו דעם רוסישן „טשערנאָזיאָם". דאָס איז יענע ערד, מיט וועלכער די פּויערים פון דער גאָרער וועלט בענטשן זיך, אויף וועלכער עס ווערט געשאַפן דער רייכטום פון פעלקער.

דער האָריזאָנט איז פאַרשטעלט מיט בערג, נישט מיט געוואַל־טיקע בערג, ווי מיר קענען זיי פון אַנדערע לענדער, אָבער דאָך לאַנגע קייטן פון באַרג־פלאַכן און באַרג־שפּיצן, וואָס מאָדולירן די געגנט. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז דאָס זענען נישט פּרוכט־לאָזע בערגלעך פון זאַמד און שטיין אַליין; זיי זענען באַוואַקסן מיט גרינס און קליינע ביימלעך, זיי ווערן באַזוכט פון ציגן. שפּעטער, אַז די זון האָט גענומען פאַרגיין, זענען זיי באַלויכטן געוואָרן מיט וואונדערבאַרע ראָזע־ און פּורפּור־פאַרבן. זיי האָבן באַשטראַלט די גאַנצע געגנט אַרום.

אונדז האָט אָבער געצויגן צום וואַסער, צו לעבעדיקע באַשעפע־נישן, צו חיות. מיר האָבן עס באַלד דערזען: איבער דער סטעפּ, גאָר נאָענט צו אונדזער קאַר, מיט שרעקעדיק אָנגעשטעלטע אויערן איז פאַרבייגעשפּרונגען דער ערשטער קענגורו. מיט אַ געלב־ברוינ־לעכער פעל, מיט תמימותדיקע אויגן, מיט אַ פּאָר פאָדערשטע פיסלעך וואָס ער טראָגט אין דער לופט, איז איין קענגורו נאָך דעם צווייטן,

גרויסע און קליינע, טאַנצנדיק אָוועקגעפּשרונגען פון אונדז אין דער באַהעלטעניש פון גראָז. דאָס איז געווען די צווייטע גראַציעזע דערשיינונג פון אויסטראַלישן לעבן וואָס ווידערהאַלט זיך נישט, דאַכט זיך, אין ערגעץ נישט (די ערשטע איז דער באַאָבאַב). איבער אונדזערע קעפּ האָט זיך אָבער געטראָגן אַ געוויש און אַ טומל ווי פון טויזנט ירידים. ווייסע און קאָלירטע פייגל — קאַקאַדוס — זענען מיט אימפּעט געפלויגן אין די צענדליקער טויזנטער און גע־ליאַרעמט אָן אויפהער. (שפּעטער האָבן מיר זיך צו זיי צוגעוואוינט, ווייל מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט פלעגן זיי אָנהייבן דעם געזאַנג פינף אַזייגער פאַרטאָג). און צווישן אָט דעם שפּרינגענדיקן און פליענדיקן עולם האָבן זיך רואיק געפּאַשעט אָקסן מיט קי, מיט פערד אין די הונדערטער, אין די־טויזנטער. אַזאַ לאַנד איז שוין גאָר קיין טויט לאַנד נישט! — האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מבינות, און מיינע באַגלייטער האָבן גאָר גוטמוטיק געלאַכט.

מיר האָבן שוין פון צייט צו צייט אָנגעשטויסן זיך אויף קליינע וואַסער־טייכן, שטילע פליסנדיקע שטראָמען, „לאַגונעס". אָבער די גרויסע איבערראַשונג איז געווען דער ערשטער צונויפטרעף מיטן אַרד־ריווער. ער פליסט אויף אַ שטח פון 550 מייל, און דערפון גייען דורך אַן ערך 120 מייל פון זיינע שטראָמען דורך דוראַקס טעריטאָריע. דאָס איז די גרעסטע עשירות פון אַ געגנט. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערער צייט.

6

וואַסער! — דערפון הענגט אָפּ די מעגלעכקייט פון גרויס־קאָלאָניזאַציע, אין קימבערליי, ווי אומעטום. בנוגע דער פראַגע טאָר מען נישט צולאָזן קיין שום טעותן אָדער אילוזיעס. עס איז פאַראַן בכלל וואַסער פון אויבן (רעגן), פון אונטן (אונטערערדישע קוואַלן) און אויף דער ערד־פלאַך (טייכן). ווי האַלט עס דערמיט אין „אונדזער" לאַנד?

מיר ווייסן אַז אין די 4־5 זומער חדשים פאַלט דאָרטן אַ רעגל־מעסיקער רעגן פון 26 אינטשעס (צאָל). פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר זענען נישט פאַרגעקומען קיינע טריקענישן. הייסט עס, אַז אין די איבעריקע טרוקענע חדשים מוז מען זיך באַנוצן מיט קינסטלע־כער באַוואַסערונג פון לאַנד. איז דאָס מעגלעך? איז דאָ גענוג וואַסער־שטראָמען אונטער דער ערד, כדי מען זאָל קענען שטענדיק

פּאַמפּען אַרויף, דורך ברונימער, די קאָסטבאַרע פליסיקייט? קען מען שאַפן אַזעלכע רעזערוואַרן וואָס זאָלן אויפזאַמלען און אויפהיטן אויף שפּעטער די געוואַלטיקע רעגן־מאַסן, וואָס שטראָמען אַראָפּ אין די הייסע חדשים? זענען פאַראַן גרויסע טייכן וואָס פליסן מיט אַ נאַטירלעכער רואיקייט דאָס גאַנצע יאָר, וואָס אַנטהאַלטן פריש, נישט־געזאַלצן וואַסער, וואָס לאָזן זיך איינצאַמען אין פיינע איריגאַציע־קאַנאַלן, כדי צו באַפרוכפערן די אַרום־ליגנדיקע שטחים?

פון די ענטפערס אויף די פראַגעס הענגט אָפּ דער ענטגילטיקער ענטפער אויף דער יידישער קימבערליי־פראַגע. זענען מיר געשטאַנען אויף דעם הויכן גרין־שטראַלנדיקן ברעג פון אָרד־ריווער און אַריינגעקוקט אין דעם מאַיעסטעטישן שטראָם. עס איז נאָר דרייסיק מייל פון ווינדעם; די ערד אַרום איז פרוכטבאַר סיי פאַר פּאַשע, סיי פאַר לאַנד־אַרבעט. און אָט איז דער גבירישער וואַסער־געבער, וועלכער קען זיך פאַרוואַנדלען שפּעטער אין דעם ברייט־האַרציקן ברויט־געבער פאַר די קאָלאָניסטן. אַ גרויס איריגאַציע־ווערק קען געשאַפן ווערן אויף דעם פּלאַץ, ווי אויך אויף אַנדערע — ווען די מאַסגעבנדיקע אינזשענערן וועלן פעסטשטעלן אַלע נויטיקע נאַטירלעכע באַדינגונגען. (די אינזשענערן, וועלכע מיר האָבן אויסגעפרעגט שפּעטער, זענען באַגייסטערט פון די אויסזיכטן). זיי וועלן אויך לייכט שאַפן די רעזערוואַרן אויף אָפּצוהיטן דאָס שטראָמיקע רעגן־וואַסער. און די טיפענישן פון דער קימבערליי־ערד גיבן אַרויס פריש וואַסער אויף אַרויף דורך ברונעמס, יעדעס מאָל ווען מען גראָבט נאָר אַריין. מען דאַרף בשום אופן נישט אָנקומען צו די נסים פון משה רבינו כדי פון אַ שטיין אַרויסצושלאָגן אַ ביסל וואַסער פאַר די אומגלויביקע יידן.

אויב עס זענען דאָ די דריי נאַטירלעכע מענטשן־פּריינט: זון, פרוכטבאַרע ערד און וואַסער — דעמאָלט איז געזיכערט דער יסוד פון אַ קאָלאָניזאַציע. מער נישט, דער מענטש מוז קאָנען קאָמבינירן אָט די דריי נאַטור־עלעמענטן אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט פעלן צו דער נויטיקער צייט, אָדער זייער שפּע זאָל נישט צעשטערן די אויפבוי־אַרבעט. דעמאָלט איז קימבערליי אַ ריזיקע געגנט פאַר בהמות־פּאַשע, ד״ה פאַר אַ גרויסן סיסטעם פון פי־צוכט. דעמאָלט איז מעגלעך גלייכצייטיק צו אַנטוויקלען אַ פּלאַנירטן סיסטעם פון לאַנד־ווירטשאַפט. מיט אַ וואָך שפּעטער בין איך געווען אין אַן אַנדער מאַיאַנטיק, „ראָזוואוד״, וועלכער געהערט נישט צו דוראַקן. ער איז

באַקאַנט מיט זיין גאָרטן, אין וועלכן מען פלאַנצט גרינסן און פרוכטן. עס איז געווען אַ וואונדערבאַר בילד.

אויף צוויי און אַ האַלב אַקערס נאָר, האָט מר. ווילסאָן דער גערטנער, פאַרפלאַנצט אַ קליינעם גאָרטן. צוויי פונט האָט ער אויסגעגעבן פאַרן יאָר אויף זריעה. און אַ באַשיידענער ברונעם באַוואַסערט דאָס שטיקל לאַנד. לאַנגע בייטן פון אַלערליי גרינס שפרייטן זיך אויס. עס איז כדאי אויסצורעכענען: שפינאַט און קרויט, בלומענקויל, אַרבעס און ציבעלעס, קאַוואָנעס און רובאַרב, קאַרטאָפל און טאָמאַטן, רעטעך און מערן און נאָך שאר ירקות. אַרום די בייטן האָבן זיך געהויבן שלאַנקע מאַיס (קוקורוזע) פלאַנצן, ביז 15 פוס הויך. מיר האָבן זיי אַראָפּגעריסן, געגעסן, געפרייט זיך מיט זייער פרישער רייפקייט. ביימער פון קליינע באַנאַנעס און אַפילו לעמאָנס זענען געשטאַנען אַרום. מיר האָבן אַריינגעאָטעמט אין זיך אַלע ריחות פון אַ זאַפטיקן, פיל־פרוכטיקן גאָרטן.

מר. ווילסאָן האָט רואיק דערקלערט, אַז ביי אַ גוטער באַהאַנדלונג וואַקסן דאָ פירות אויף אַ סומע פון 300—400 פונט אַ יאָר. דאָס וויכטיקסטע איז אפשר וואָס דער מאַיס איז אַזוי געראָטן; ער וואַקסט אַ קיילעכדיקן יאָר. ער איז גוט פאַר מענטש און בהמה. ער קען ווערן דער הויפט פראָדוקט פון דער תבואה.

איך בין געשטאַנען פאַרטראַכט און געמאַכט אונדזער חשבון. אַזוי וואַקסט אינמיטן דעם ווינטער; וואָס קען אַלזאָ דאָס לאַנד אַרויסגעבן אין די בליענדיקע זומער־חדשים? און אויב עס וואַקסט אַזוי פיין אויף דעם פלאַץ, קען עס דאָך וואַקסן נאָך בעסער, נאָך קליגער, נאָך פאַרשיידנאַרטיקער אין אַנדערע געגנטן פון קימבערליי. זאָלן נאָר צו אָט דער שלאָפנדיקער ערד צורירן זיך די הענט פון וויסנשאַפט און דערפאַרונג, פון ווילן און עקשנות, די הענט פון יידישן האַרעפּאַשניק!

7

מיר האָבן פאַרבראַכט אין יענער געגנט דריי וואָכן צייט און דורכגעפאָרן מיט דעם אויטאָ מער ווי 750 מייל. געוויס איז דאָס געווען נאָר אַ קליינער טייל פון דעם געוואַלטיקן שטח לאַנד וואָס פאַרנעמט אַן ערך פון 10,600 קוואַדראַט מייל, די גרויס פון בעלגיע אין אייראָפּע.

אָבער דאָך האָט אונדזער מאַרשרוט אַריינגענומען אין זיך דעם

וויכטיקסטן טייל פון דער געגנט און מיר האָבן געקענט גוט אַריינ־בליקן אין אירע שטאַרקע און שוואַכע זייטן. מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער אייגנאַרטיקער לאַנדשאַפט פון די קימבערלייס, מיט דעם צוזאַמענשטעל פון זייער עקאָנאָמיק. מיט די אייגנשאַפטן פון זייער באָדן, מיט די מנהגים פון זייערע איינוואוינער. פון די פאַרשיידענע ערדן האָבן מיר גענומען פּראָבעס צום אַנאַליזירן. מיר האָבן גע־מאַכט בילדער און פאַרביקע פילמען פון די וואַסערן, טייכן און בערג. מיר האָבן געצייכנט מאַפּעס פון יענע ערד־שטחים וואָס טויגן פאַר לאַנדווירטשאַפט.

אָט דאָס זענען די אויספירן צו וועלכע מיר זענען געקומען איינשטימיק און וועלכע האָבן שפּעטער געדינט אַלס יסוד פאַר אונדזער אָפיציעלן פאָרשלאָג צו דער מזרח־אויסטראַלישער רעגירונג:

1) דאָס לאַנד איז בשום אופן נישט קיין טויט אָדער פאַרשאָלטן לאַנד. עס איז נישט מער ווי אַ ליידיק לאַנד, אַ לאַנד וואָס ליגט אין שלאָף. פּונקט ווי אין דער פאָלקס־מעשה, נויטיקט עס זיך נאָר אין אַ צויבער־שטעקעלע וואָס זאָל באַרירן די דרעמלענדיקע אוצרות פון דער געגנט און תיכף ברענגען זי צום לעבן און געדייען. דריי זאַכן מוזן אַריינגעבראַכט ווערן אַהין אין אַ גרויסן פאַרנעם, כדי די קימבערלייס זאָלן אויפשיינען אין זייער רייכקייט און פּראַכט: מענטשן, געלט און אינספּיראַציע. וואָס עס באַצויבערט אַממערסטן דעם גאַסט פון די לענדער, איז זייער אומבאַגרענעצטע רחבות, זייער כמעט ענדלאָזע אויסגעשפּרייטקייט אין אַלע ריכטונגען וואוהין דאָס אויג קוקט נאָר אַריין.

דער פּונקט איז אפשר איינער פון די וויכטיקסטע פאַר אַ יידי־שער קאָלאָניזאַציע: דער קאָלאָניזאַציע־שטח איז נישט באַגרענעצט. סיי אין מזרח, סיי אין מערב־קימבערליי (אַ קליינקייט פון 135,000 קוו. מייל) שפּרייטן זיך אויס געוואַלטיקע אומבאַזעצטע לענדערייען, קרקע־בתולה, גינסטיקע פאַר פּי־צוכט און לאַנד־אַרבעט. עס איז נישט אָנצונעמען, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועלן זיך נעמען פאַר דער באַזעצונג פון די געגנטן אויסטראַלישע אָדער ענגלישע קאָלאָניסטן; זיי ווילן מער נישט טאָן די אַמאָליקע פּיאָנערן־אַרבעט. ממילא איז די ערשטע מעלה פון די קימבערלייס זייער פעאיקייט צו עקספּאַנסיע, צו שטענדיקער אויסברייטונג.

און דאָס איז אַ לאַנד, וואָס האָט נישט קיין ווילדע חיות און

גיפטיקע שלאַנגען, וואָס קען נישט קיין באַזונדערע געפערלעכע קראַנקהייטן.

2) די פּיאָנערן וועלן נישט האָבן קיין זאָרג מיט דעם וויכטיקסטן פּראָבלעם פון יעדער קאָלאָניזאַציע: פאַרזאָרגונג מיט שפּייז. קימ־בערליי איז אַ בהמות־לאַנד פון שטענדיק אָן, אויף זייערע מיילן־לאַנגע לאַנקעס פּאַשען זיך צענדליקער טויזנטער אָקסן, קי און שאָף. דאָס באַטייט, אַז דער עולם וועט תיכף זיין פאַרזאָרגט סיי מיט פלייש, סיי מיט אַלע מינים מילכוואַרג. אַלע סאָרטן גרינס און טראָפּישע פּרוכטן וואַקסן אויף יענער ערד פון זיך אַליין. אָבער זיי קענען דערגרייכן די העכסטע מדרגות פון בליאונג מיט דער הילף פון קינסטלעכער באַוואַסערונג (איריגאַציע). ברויט קען געבאַקן ווערן פון מאַיס אויפן אָרט אָדער פון אריינגעפירטן ווייצן־מעל. ווען די יידישע קאָלאָניע זיין געבויט לויט א וויסנשאַפטלעכן און עקאָנאָמיש־אויסגערעכנטן פּלאַן, דעמאָלט לאָזט זיך די באַשפּייזונג אָרגאַניזירן אויף דעם געזונטסטן און לייכטסטן יסוד.

3) די באַוואָסערונג שטעלט נישט פאַר מיט זיך אַ וועלכע־נישט־איז אומבאַזיגבאַרע אויפגאַבע. ראשית כל, געניסט דאָס לאַנד פון אַ שטענדיקן רעגן־אוצר (26 אינטשעס, טפחים), וואָס אַרום 23 פון זיי פאַלן אין געוויסע פיר זומער־חדשים, פון דעצעמבער ביז מערץ. היות ווי די דאָזיקע געגנט ווייסט נישט פון טריקענישן, קען זיך די לאַנדווירטשאַפט לייכט צופּאַסן צו אָט די חדשים פון וואַסער־שפע. אָבער אויך די אַנדערע צייט פון יאָר איז לחלוטין נישט פאַרמשפּט אויף טריקעניש. אונטער דער ערד פליסן שטראָמען אין אַזאַ זיכערקייט, אַז ווי נאָר מען גראָבט ברונעמער, באַקומט מען פריש וואַסער פאַר די וויכטיקסטע הצטרכותן.

דאָס אַלץ וואָלט אָבער געווען נישט גענוג, ווען עס וואָלטן נישט עקזיסטירט נאַטירלעכע באַדינגונגען פון קינסטלעכער באַוואַסערונג. זיי זענען פאַראַן אין דער געשטאַלט פון צוויי גרויסע, אויף הונדער־טער מיילן פליסנדיקע טייכן (דער אָרד־ריווער און דער וויקטאָריאַ־ריווער), און אַן אַ שיעור קלענערע. די אויפגאַבע פון אינזשענערן איז אויסצונוצן די געוואַלטיקע וואַסער־מאַסן פון די זומערדיקע רעגנס און די טייכן־שטראָמען. די אויסטראַלישע איריגאַציע־אינזשענערן, וועלכע האָבן שוין געוויזן וואונדער אין פאַרשיידענע געגנטן פון זייער לאַנד, צווייפלען נישט אין די קימבערליי־מעגלעכקייטן. ד״ר

ברעדפילד, אפשר דער גרעסטער פון זיי, דער בויער פון דעם סידנעי־בריק (דער צוגרייטער פון אַ גראַנדיעזן, 40־מיליאָן פונט סטערלינג קאָסטנדיקן, באַוואַסערונגס־פּראָיעקט אין קווינסלענד), האָט עס מיר באַשטעטיקט אין מערץ, 1940.

קאַליפאָרניע מיט אַ רעגן־דורכשניט פון נאָר 12־10 אינטשעס אַ יאָר איז — אַ דאַנק דער קינסטלעכער באַוואַסערונג — פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גן־עדן. מוסאָליני האָט זינט 1937 דורכגע־פירט אַ קאָלאָניזאַציע־ווערק אין דעם עכטן מדבר פון ליביע, אין אַפריקע, וואָס איז ווערט צו שטודירן. דאָס פון דורות לאַנג אויס־געטריקנטע און אויסגעברענטע זאַמד־לאַנד ווערט סיסטעמאַטיש, דורך איריגאַציע ווידער באַלעבט און פאַרוואַנדלט אין אַ ישוב — די ער־שטע 20,000 מענטשן זיצן שוין אויף יענער ערד זינט אָקטאָבער 1938 — קימבערליי איז מיט צען מאָל בעסער פון יענעם מדבר.

4) דער קלימאַט פון לאַנד איז אַ קאָמפּליצירטער, ד״ה פאַרשיידן אין די דריי יאָרצייטן. אין משך פון זעקס חדשים — אַן אַנגענעמער קלימאַט פון די לענדער אַרום מיטללענדישן ים. איך בין דאָרט געוועזן אין אַזאַ צייט; יוני חודש — הייס, אָבער אין די אָוונטן און נאַכט — קיל. אַ סך אַנגענעמער איידער אין די זומער־חדשים איז סידנעי און מעלבורן. צוויי חדשים צייט איז האַלב־שווער, האַלב־לייכט. און פיר חדשים פון זומער־רעגנס (דעצעמבער־מערץ) — די פייכטע היץ פון טראָפּישן לאַנד.

אָבער איך האָב געזען און אויסגעפרעגט די דאָרטיקע ווייסע איינוואוינער, באַזונדערס די פּרויען. זיי זענען אַלע געזונט, ענערגיש און אַרבעט־לוסטיק, און וועגן „יענע״ חדשים רעדן זיי מיט אַ שמייכל. אוודאי — זאָגן זיי — איז עס גוט וואַרעם, אָבער ווער האָט עס צייט אַרומצוקוקן זיך אויף דעם? עס איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן, מען דאַרף נאָר וויסן ווי די דאָזיקע אַרבעט איינצוטיילן . . .

אין דעם ליגט טאַקע דער סוד פון קאָלאָניזאַציע: רעפאָר־מירונג פון אַרבעט־לעבן. די ערשטע אייראָפּעאישע קאָלאָניסטן פלעגן אומעטום ברענגען מיט זיך נישט נאָר זייערע רעליגיעזע און סאָ־ציאַלע פאָרשטעלונגען, נאָר אויך אַלע אַלטע מנהגים און פאָראורטיילן בנוגע דעם אַרבעטס־פּראָצעס. אויך די איינטיילונג פון אַרבעטס־טאָג איז געבליבן כמעט די זעלביקע ווי אין אייראָפּע. אין אַ קימ־בערליי מוז געשען נישט נאָר אַ שינוי מקום, נאָר אויך אַ שינוי זמן,

מען מוז אָנהייבן (אין די פיר שווערע חדשים), דעם טאָג אַזייגער פינף, עסן פרישטיק ביז די זון גייט אויף, אַרבעטן ביז 11, דערנאָך האָבן אַן אָפּרו ביז 3, און פאַרענדיקן די אַרבעט ביז 7—6. „אָפּרו" הייסט אָבער נישט שלאָפן אָדער פוילן זיך; עס הייסט נאָר ענדערן דעם טעמפּ און אינהאַלט פון אַרבעט. אין אַ רוים וואָס איז באַשיצט פון היץ קען מען זיך באַשעפטיקן סיי גייסטיק, סיי טאָן אַ ריי וויכטיקע אַרבעטן פון האַנטווערק און אינדוסטריע.

מ'דאַרף נישט פאַרקלענערן די שוועריקייטן פון אַזאַ קלימאַט אין געוויסע חדשים, אָבער מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז קולטור באַשטייט אין דער פאַרבעסערונג פון דער נאַטור און איר צופּאַסונג צו דעם מענטשנס נויטן. אין אַ סיביר איז קאַלט און אומהיימלעך אפשר נישט ווייניקער ווי אין אַ טראָפּישן לאַנד איז הייס און אומגעמיטלעך. און דאָך האָט דער סיביריאַק נישט נאָר באַהערשט די אייזיקע נאַטור, נאָר ליב באַקומען זיין לאַנד. אויך אַ הייס לאַנד, וואָס איז מער ווי אַ האַלב יאָר אָנגענעם און געמיטלעך, קען באַזיגט ווערן דורך דעם ריכטיקן אַרבעטס־פּראָצעס, דורך אַ ראַציאָנעלן סיסטעם פון שפּייז און הויז, דורך אַ לעבעדיקן קהלשן לעבן פון די קאָלאָניסטן.

5) די פראַגע פון קהלשן צוזאַמענלעבן איז די וויכטיקסטע אין צפון־אויסטראַליע. יעטוועדער פון די מענטשן, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן, האָט גערעדט באַגייסטערט און מיט טיפער זעלישער פאַרבונדנקייט וועגן דעם לאַנד. אָבער זיי אַלע האָבן זיך געקלאָגט אויף דער איינזאַמקייט, אויף זייער אָפּגעריסנקייט פון אויסטראַלישן פאָלקס־שטראָם. דאָס ביסל פרויען, וואָס זענען דאָרטן דאָ, זענען אַפילו ווייניק פאַראינטערעסירט אין אָנטאָן זיך געשמאַקפול: נישטאָ קיין עולם צו קוקן אויף זיי. אָט דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם סאָציאַלן מקור און כאַראַקטער פון דער פרויען־מאָדע. זי בליט מסתמא נאָר אין דער מער־ווייניק אַנטוויקלטער גרויסער געזעלשאַפט פון מענטשן.

קאָלאָניזאַציע ברעכט אויף די איינזאַמקייט פון מענטשן. די גרעסטע פיזישע און קלימאַטישע שוועריקייטן פון קאָלאָניזאַציע קענען ווערן באַזיגט אַ דאַנק דעם אָרגאַניזירטן לעבנס־נוסח. מיר וויסן עס פון ארץ־ישראל, מיר זעען עס אין מוסאָליניס ליביע, נישט אַנדערש קען עס אויסגעבויט ווערן אין קימבערליי־לאַנד.

6) אויפן יסוד פון אַט די אַלע מעגלעכקייטן קען געבויט ווערן אַ פּלאַנירט ווירטשאַפטלעך לעבן אין די קימבערלייס. דאָ איז נישט דער אָרט צו אַנטוויקלען אַ גענויעם פּלאַן פון דער נייער מאָדערנער ווירטשאַפט. דאָס וועט זיין שפּעטער איינע פון די באַגייסטערנדיקע אויפגאַבעס פון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע. אָבער שוין אונדזער ערשטע אויספאָרשונג האָט געוויזן, אַז עס זענען פאַראַן די נויטיקע באַדינגונגען דערצו. דאָס לאַנד איז ביז איצט געווען אַ „בהמות־לאַנד" (קעטל לענד); וועט מען מוזן, ראשית כל, אומקערן זיך צו די צייטן פון אברהם אבינו און אָנהייבן מיט פי־צוכט.

אָבער פי־צוכט אויף נייע יסודות, וואָס זענען געווען אויסגעפּרואווט געוואָרן: דורך וויסנשאַפט און פּראַקטיק אין אויסטראַליע און אַרגענטינע. בעסערע אַרטן פון אָקסן, געזונטערע מעטאָדן פון האָדעווען בהמות וועלן איינגעפירט ווערן. גלייכצייטיק מיט דעם וועט מען זיך אַ נעם טאָן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. די צופעליקע גרינס־גאָרטנס און די ווילד־וואַקסנדיקע פּרוכט־ביימער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אָרגאַניזירטע אַגראַר־שטחים. אַ דאַנק דעם פּלאַן וועלן די ביידע וויכטיקע נאַטור־אינדוסטריעס (פי־צוכט און לאַנדווירטשאַפט) אַנטוויקלט ווערן אין אַזאַ האַרמאָנישער אייניקייט, אַז איינע זאָל העלפן דער אַנדערער. די אידעע פון ווירטשאַפטלעכן תכלית און קולטורעלן אויפבוי זאָל באַהערשן זיי ביידע, מיט די מיטלען פון קאָאָפּעראַציע.

און אויפן יסוד פון זיי ביידע קענען זיך בהדרגהדיק אַנטוויקלען די ערשטע צווייגן פון אַ פאַבריק־אינדוסטריע. דאָרטן, וואו עס זענען דאָ בהמות לרוב, זענען דאָ אויך פעלן און לעדער געווער. דאָרטן קען מען מיט דער צייט אַוועקשטעלן לעדער־וואַרשטאַטן און גאַרבערייען. וואו עס וואַקסן לרוב פלאַנצן וואָס אַנטהאַלטן אין זיך פאַרשיידענע אוילן, קען מען אַוועקשטעלן אויך דעסטילאַציע־פאַבריקן אויף אָרויסצוקריגן און באַאַרבעטן דעם אויל. מען זאָל נישט פאַרגעסן, אַז צוויי מלאכים מוזן אויפפּאַסן און באַשיצן די נייע עקאָנאָמיק: קאָאָפּעראַטיווער פּלאַן און וויסנשאַפט. אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג־אינסטיטוט מוז אַוועקגעשטעלט ווערן גלייך פון אָנפאַנג אָן, כדי צו דערקענען די אוצרות פון לאַנד און אָנצופירן מיט זייער באַאַרבעטונג.

געוויס וועלן די קאָלאָניסטן די ערשטע יאָרן זיין פאַרנומען „מיט

זיך אַליין", ד"ה מיטן אויפבוי פון לאַנד. בויען וועגן, שטעלן הייזער, פאַרטיילן דאָס לאַנד, פלאַנצןביימער און גראָזן, צוגרייטן די עלעקטרישע קראַפט און די קינסטלעכע באַוואַסערונג, — אַלץ דאָס וועט מסתמא פאַרנעמען יאָרן. אָבער אַז דער נייער ישוב וועט זיין פאַרוואָרצלט און מען וועט האָבן מער, ווי מען באַדאַרף פאַר זיך אַליין, דעמאָלט וועלן זיך שטעלן די פראַגעס פון האַנדל און אויסטויש. דאַרף קימבערליי נישט מורא האָבן פאַר יענער צייט. עס וועט זיין גענוג וואָס צו פאַרקויפן סיי אין אויסטראַליע גופא, סיי אין אויסלאַנד. און דער „אויסלאַנד" ליגט גאַרנישט ווייט פון דאָרטן. דער פּאָרט ווינדעם, נאָר 50 מייל צפון פון דעם ישוב, איז אַן אָפענע טיר, ראשית כל, צו יענעם אומגעהויערן וועלט־מאַרק וואָס הייסט אַזיע. דאָרטן וואוינען אַ מיליאַרד מענטשן וואָס גאַרן נאָך די פּראָדוקטן פון אַ נאָענטן פּרוכטבאַרן און פּראָדוקטיוון לאַנד. יידן וועלן לייכט אויסגעפינען די וועגן אַהין.

:: :: ::

אָט די אויספירן און אידייעס האָבן זיך אָפגעשטעמפּלט ביי אונדז אין די קעפּ, בעת מיר האָבן פאַרענדיקט די אונטערזוכונג. זיי זענען נישט געווען געבויט אויף פאַנטאַסטישע סברות, נאָר זענען „אַרויסגעוואַקסן" פאַר אונדזערע אויגן פון דער גאַנצער אַרומיקער לאַנדשאַפט, פון די וואַסערן און גראָזן פון דעם אַרום, פון דער זיכערקייט פון די דאָרטיקע מענטשן. דאָס בילד איז געווען קלאָר; ביז איצט זענען דאָ געווען מערסטנס דריי באַשעפענישן אויפן בוכשטאַב „ק": קענגורוס, קאַקאַדוס און קראָקאָדילן. וואָס נויטיק איז, זענען באַשעפענישן אויפן בוכשטאַב „מ": מענטשן, מענטשן און מענטשן.

און אויב אַזוי, פאַרוואָס טאַקע נישט יידישע מענטשן?

מיט די איבערצייגונגען האָבן מיר פאַרלאָזן די קימבערלייס מיט זייער גאַסטפריינטלעכן באַלעבאָס דוראַק. איך האָב נישט געוואָלט קוקן אויף צוריק; דער אימפּעט האָט שוין געטראָגן פאָראויס, צו דער שטאָט פּערט, וואו עס האָט איצט געזאָלט אָנהייבן זיך די פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישע אַרבעט. דעם 1טן יולי האָט אונדז דער עראָפּלאַן געבראַכט קיין פּערט.

יאַנואַר־פעברואַר, 1940.

פראַנקרייכס ירידה

... אַ שווערער אומעט ליגט אויפן האַרצן זינט איך האָב היינט אינדערפרי דורכגעלייענט אַז פראַנקרייך האָט זיך געווענדט צו היטלערן מיט אַ בקשה וועגן „שלום״. שוין נעכטן אַז מען האָט מודיע געווען וועגן דער נייער פראַנצויזישער רעגירונג (מאַרשאַל פעטען אַנשטאָט־דעם, ווי עס ווייזט אויס, ערלעכן באַלעבאַטישן פּאַטריאָט ריינאָ), האָט זיך געוואָלט פאַרשטיין: איז עס אַ רעגירונג פון קאַפּיטולאַציע אָדער קאַמף? פאַרדעכטיק איז געווען וואָס אין דעם כאַאָטישן צוזאַמענ־שטעל פון די נייע מיניסטאָרן האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער נאָמען פון דעם סאָציאַליסטישן פירער פּאָל פאָר. פאַרוואָס דווקא ער אַליין? האָב איך זיך דערמאָנט אַז נאָך דעם מינכענער אָפּמאַך סוף 1938 איז גראָד צווישן אים און לעאָן בלום אויסגעבראָכן אַ שאַרפער סכסוך. בעת בלום האָט פאַרדאַמט יענעם אָפּמאַך און גערופן גרייטן זיך צום קאַמף, האָט פּ. פאָר געהאַלטן פאַר שלום אום יעדן פּרייז. איז ער מסתמא איצט אַרויפגעשוואומען כדי צו העלפן ברענגען שלום אויף דער וועלט...

די שווערקייט אויף מיין האַרצן איז ווי אַ פיזישער ווייטיק. דאָס כורעים פאַלן פון פראַנצויזישן פאָלק פאַר דעם טיראַן איז אַזוי מאוימדיק אַז דער שכל באַנעמט עס נאָך נישט. בעת מיר האָבן דערהערט מיט אַ פאָר טעג צוריק, אַז פּאַריז גיט זיך אונטער אָן קאַמף, האָט עס מיך אַזוי שווער געטראָפן ווי אַ סך אַנדערע. נישט זעלטן אין דער געשיכטע האָט מען מקריב געווען הויפּט־שטעט כדי צו פאַרשטאַרקן בעסער דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פאַרן קיום. אַזוי אַמאָל מאָסקווע לגבי נאַפּאָלעאָנען, אַזוי אַפילו באַרסעלאָנע דאָ נישט לאַנג. פראַנקרייך קען עקזיסטירן אַפילו אָן פּאַריז... אָבער ווען פראַנקרייך אַלס גאַנצעס גיט זיך אונטער, איז דער ווייטיק אָן אַ שיעור גרויס.

איך זיץ אין אַ שטילן צימער, אין אַ שטילער געגנט פון סידנעי. דאָס פענצטער איז אָפן און זאַפט אַריין די וואַרעמע פרישקייט פון אַן אומדערוואַרטעטן רעגן. אַנטקעגן מיר הייבן זיך אויף די באַשיידענע באַרג־טעראַסן הייזער מיט צניעותדיק לייכטנדיקע פּייערלעך. עס איז אַ רואיקער אָוונט, און אַ סך פון די בלאָס־בלוילעכע פלעמלעך זעען אויס ווי פּאַרווייַנטע אויגן, וואָס מען האָט נאָך נישט אָפּגעווישט זייערע טרערן. עס דאַכט זיך באמת, אַז אויך אין זיי ליגט אויסגעדריקט דער שטומער צער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס פילט זיך געשענדעט און הילפלאָז. ווי קען זיין דער אָוונט אַזוי וואַרעם און שטיל בעת דאָרטן גייט אונטער אַ ציוויליזאַציע, צו וועלכער מיר האָבן שטענדיק אַרויפגעקוקט מיט דרך־ארץ און, נאָך מער, מיט ליבשאַפט?

אָבער מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, לאָזט נישט דער קאָפּ אָפּ אַפילו אויף אַ ווײַלע, און מחשבות באַוועגן זיך אין אים אָן אַן אָפּשטעל... פּאַרוואָס גייט די ציוויליזאַציע אונטער פאַר אונדזערע אויגן? ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן, אַז אָט די הערלעכע, גרויסאַרטיקע, שטאָלצע שטאָט — העיר רבתי עם, אַז אָט דאָס זעלבסטבאַוואוסטע, אין צענדליקער דורות דערצויגענע פראַנצויזישע פאָלק זאָל פאַלן אונטער די באַרבאַרישע הענט פון דעם מאָדערנעם באַדריקער? ניט ווילנדיק מוז מען איבערחזרן די טרויעריק־צעשראָקענע פּסוקים פון אונדזער איכה: איכה נפלה עטרת גוים? ווי אַזוי איז דאָס באמת געשען?

צי קען מען באַנוגענען זיך נאָר מיט די ערשט בעסטע, טעכניש־מיליטערישע דערקלערונגען, וועלכע שווימען איצט אַרום אין די צייטונגען? דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב — זאָגט מען אונדז — האָט פאַרזען דאָס איינע און דאָס אַנדערע. די אַרמיי איז פּשוט נישט געווען צוגעגרייט צו דעם גיגאַנטישן מלחמה־שפּיל. נישט זיי האָבן געהאַט געגנוג פון זייערע אייגענע וואָפן, נישט זיי האָבן געהאַט אַן אַנונג פון דעם שונאס כלי־זיין. זיי זענען געווען פאַרכישופט און פאַרבלענדט פון דער „מאַזשינאָ־לייַן״, וועלכע האָט געזאָלט מאַכן צונישט אַלע תחבולות פון פיינט.

אַן אויסגעמאַטערטער ביז טויט פראַנצויזישער סערזשאַנט זאָל האָבן דערקלערט: „מען קען נישט קעמפן קעגן באָמב־שיפן און טאַנקס מיט היימישע ביקסלעך״. (ער איז גערעכט פונקט אַזוי ווי־

די רוסישע סאָלדאַטן זענען געווען געזעצט אין יענעם קריג בעת זיי האָבן זיך געמוזט אַנטקעגנשטעלן דער דייטשישער אַרמיי מיט די אומטויגלעכע וואָפן פון צאַריזם). „אַט דערפאַר טאַקע האָבן טויזנ־טער מוטיקע פראַנצויזן געוואָרפן זייערע ביקסן אין די וועלדער און האָבן זיך מיט געבויגענע קעפּ געשלעפּט איבער די וועגן" — באַ־ריכטעט אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט. גלייכצייטיק האָט מען פון לאָנדאָן דערציילט, אַז „איינע פון די סבות פאַרוואָס די בריטישע אַרמיי אין פראַנקרייך איז געווען אַזוי קליין, איז פּשוט דערפאַר, ווייל עס זענען נישט געווען גענוג וואָפן. די פיר רעגולערע דיוויזיעס, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אַהין אין סעפּטעמבער, האָבן נישט גע־האַט קיין אַרטילעריע פון סאַמע אָנהייב אָן". די איראָניע פון דער געשיכטע האָט נאָך פאַרלאַנגט, אַז דער פאַרטרעטער פון דער רעגי־רונג זאָל — דעם 20טן יוני — דערקלערן אין פּאַרלאַמענט, אַז „די רעגירונג באַטראַכט די מעגלעכקייט פון קויפן טאַנקס, עראָפּלאַנען, קאַנאָנען און אַנדערע כּלי־זיין פון . . . רוסלאַנד".

דאָס זענען אַלץ דערשיטערנדיקע אַנטפּלעקונגען פון אַ טעכ־ניש־מיליטערישן דורכפאַל, ווי די געשיכטע האָט עס מסתמא זעלטן ווען געזען פריער. אָבער — איז דאָס אַ גענוגנדיקע דערקלערונג פון דער קאַטאַסטראָפע אין פראַנקרייך? וואָרעם תּיכף נאָך דער דאָ־זיקער דערקלערונג הייבט זיך אויף די אַנדערע פראַגע: ווי אַזוי איז אַט די מיליטערישע און פּאָליטישע נישט־צוגעגרייטקייט צום קריג צו דערקלערן? אַ קריג ווערט דאָך צוגעגרייט פון אַ שטאַט, פון אַ פאָלק, פון אַ לאַנד. וואָס איז זייער חלק אין אַט דעם גרויסן אומגליק?

די גמרא זאָגט: ווען אַ מענטש זעט ווי יסורים קומען צו אים, זאָל ער נעמען פאָרשן זיינע אייגענע מעשים. באַזונדערס, וואָלט איך געזאָגט, זאָל ער עס טאָן ווען אַ ווייטיק כאַפּט אַרום זיין קאָפּ. דער „קאָפּ" איז מסתמא די צענטראַלע פון מענטשנס גייסטיקער און זעלישער טעטיקייט, און ווען יסורים רייסן זיך אַריין אין איר, מוז מען זיך תּיכף אַ נעם טאָן קריטיש צו דער גאַנצער אייגענער טעטי־קייט בכלל. עס איז נישט אַנדערש אין לעבן פון פעלקער. דער קאָפּ, דער פירנדיקער גייסטיקער כּוח פון פראַנקרייך, איז צעקלאַפּט, דער פראַנצויזישער געניוס איז אין צושטאַנד פון כאַאָס. מוז עס געפינען דעם מוט אַריינצובליקן אין דעם תּהו ובֹהו פון אייגענעם פאָלקס־לעבן — און טאַקע מיט דער טיפסטער ערלעכקייט. תּשובה

טאָן איז אפשר אָמבעסטן בשעת גזרה. עפּעס האָט געמוזט זײַן פאַלש אין דעם גאַנצן בוי פון דער מלוכה, פון דער געזעלשאַפט, פון דעם לעבנס־סדר. ווען מען נישט קענען אַרויסגעפינען די עכטע סבות פון דעם געשעענעם, דעמאָלט באַדראָט פראַנקרייך אַ טאָפּלטער אומ־גליק: דער צוזאַמענבראָך פון דער קעגנוואַרט און די פאַרצווייפלונג לגבי דער צוקונפט.

פון די נביאים ווייסן מיר, אַז שטאַטן און געזעלשאַפטן קענען פונקט אַזוי זײַן זינדיק און פאַרברעכעריש ווי איינצל־מענטשן, און אַז שטראָפן קענען זיך אַראָפּלאָזן איבער זייערע קעפּ מיט דער זעלביקער מאַכט ווי איבער אינדיווידועלע זינדיקער. מען האָט נישט ליב — אין אונדזער אויפגעקלערטן דור — צו באַנוצן די רעליגיעז־מאָראַ־לישע שפּראַך פאַר דער אויסטייטשונג פון היסטאָרישע געשעענישן. זאָל זײַן אַזוי; אָבער צי קען מען נישט דאָסזעלביקע אויסדריקן אין מאָדערנע סאָציאָלאָגישע באַגריפן? ווען אַ מלוכה ווערט אינערלעך צעפּוילט אָדער צעבראָכן, ווען אירע אינסטיטוציעס אָדער קלאַסן־שיכטן אָדער לעבנס־פאָרמען פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט — דעמאָלט לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיי מיט אַ פאַרניכטענדיקן כוח די פויסט פון אַן אַנדער סאָציאַלער פאָרמאַציע. אויב אַ געזעלשאַפט אין צושטאַנד פון אַ וואַקסנדיקן קריזיס קען זיך נישט דערהייבן צו אַזאַ זעלבסט־דערקענטעניש, וואָס זאָל פירן צו איר ראַדיקאַלער איבערראַשונג פון אינעווייניק, דעמאָלט קומט אַ דונער־קלאַפּ פון דרויסן וואָס פירט דורך די רייניקונג־אָפּעראַציע מיט פיל גרויזאַמערע שמערצן. „היט־לער״ איז אפשר טאַקע די שטראָף פון גאָט פאַר די אומצאָליקע עבירות פון דער זינדיקער מענטשהייט, — אָדער (אין דעם אַנדערן לשון) דער ענטפער פון דער געשיכטע אויף די אומצאָליקע פעלערן און פאַר־ברעכן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. אָבער ווי גרויזאַם איז דער טרויער און די שאַנד פאַר דער מענטשהייט אַז דעם קלאַפּ און די וואָרנונג האָט זי באַקומען פון דער האַנט פון אַ היטלער, פון דעם ערגסטן פאַרטרעטער פון אַנטי־הומאַניזם!

היטלעריזם איז אַרויסגעטראָטן אויף דער וועלט־אַרענע ווי אַ „גאָטס בייטש״, ווי מען האָט אַמאָל אָנגערופן אַטילאָן. ער פירט מסתמא אויס פונקט אַזאַ מיסיע פון צעשטערונג ווי די נביאים פלעגן פאַראויס זאָגן לגבי דעם פאָלק ישראל. בבל אָדער אשור אָדער אַנדערע פעלקער פלעגן דעמאָלט באַפאַלן דאָס יידישע לאַנד, אויסגע־

רויבט עס און „געטראָטן עס ווי די בלאָטע אויף די גאַסן״. אשור איז טאַקע גערופן געוואָרן „דער בייטש פון מיין כעס און דער שטעקן פון מיין צאָרן״ (ישעיה). פונדעסטוועגן האָט דאָס לחלוטין נישט באַטייט אַז דער געשיכטלעכער קאַנטשיק איז בעסער און מאָראַלי־שער ווי די פעלקער וועלכע ער שלאָגט בשום אופן נישט. עס וועט קומען אַ צייט, ווען גאָטס צאָרן וועט זיך אויסגיסן אויך אויף אשור און בבל און די אַלע, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין פרייד אויף ישראלס מפלה. אויך דער שמייסער, וואָס איז אַליין פול מיט אומ־פאַרציילעכע זינד, וועט געשמיסן און פאַרניכטעט ווערן אין צייט ווייל זיין פונקציע באַשטייט נישט אין דעם אויפקום צו אַן אייביקן קיום, נאָר אין אַ ציטווייליקער היסטאָרישער אויפגאַבע, וועלכע מוז דורכגעפירט ווערן מיט זיינע אומווירדיקע הענט. ער, דער צעשטערנ־דיקער פייער־כוח, איז נאָר אַ דורכגאַנג־פונקט פון דער געשיכטע, אין וועמעס פייער און שווערד די זינדיקע פעלקער וועלן גערייניקט און געלייטערט ווערן כדי צו פאַרזיכערן זייער אייביקן לעבן. היט־לעריזם טראָגט אויך אין זיך דעם זאמען פון זיין אייגענער פאַר־ניכטונג, ד״ה ער וועט אויפוועקן די וועלט מיט געוואַלט צו אַ נייער, העכערער צוקונפט.

אָבער די ביטערע פראַגע בלייבט באַשטיין: ווי אַזוי, פאַרוואָס איז עס די מלאכי חבלה געלונגען דורכצופירן זייער צעשטערונג־ווערק גראָד איצט? וואָס איז געווען פאַלש אין דעם אינערלעכן לעבנס־בוי פון דעם באַזיגטן? זאָל די קאַטאַסטראָפע זיין געקומען דערפון, וואָס די דעמאָקראַטישע לענדער זענען בטבע, שטענדיק אוהבי שלום, פאַציפיסטיש, נישט צוגעגרייט זייליש צו בלוט־פאַר־גיסונג? דערפאַר האָט היטלער געקענט זיבן לאַנגע יאָר באַוואָפענען זיך, שאַרפן דעם מעסער פאַר זייערע אויגן, — און זיי האָבן עס נישט גענומען ערנסט, פשוט נישט באַנומען מיט זייערע פאַציפיסטישע חושים... „אונדזערע פעלערן שטאַמען פון אונדזערע גוטע מעלות״ — האָט מיר געזאָגט מיט אַן עכטן געפיל איינער פון די בעסטע אויסטראַליער, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן, סער טאָמאַס בייווין.

דעם אָוונט פון 15טן יוני האָב איך פאַרבראַכט ביי אים אין הויז, און מיר ביידע — פאַרזונקען אין שווערע געדאַנקען — האָבן געשמועסט וועגן דער מעגלעכער קאַפּיטולאַציע פון פראַנקרייך. „איך בין אַ קריסטלעכער מענטש — האָט ער געזאָגט — און איך פרעג

זיך: פאַרוואָס מישט זיך נישט אַריין די השגחה עליונה אין די שרעק־לעכע געשעענישן? עס גייט דאָך בפירוש אָן אַ קאַמף צווישן בייז און גוטס, צווישן פרייהייט און באַרבאַריי. פאַרוואָס האָט די בייזע געוואַלט דעם איבערגעוויכט איבער די דעמאָקראַטיעס״...

האָב איך אים, בתשובה אויף דעם, דערמאָנט אַז די פראַגע (פאַרוואָס דער גערעכטער לײַדט און דער פאַלשער טריאומפירט) איז שוין זינט טויזנטער יאָרן געשטעלט געוואָרן אין אַלע רעליגיעס; אַז מען קען נישט אָפּשאַצן דעם לויף פון דער געשיכטע לויט אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט, וועלכן מיר לעבן איצט איבער; אַז די לאַגע קען זיך נאָך אַ סך מאָל ענדערן צום גוטן; אַז מסתמא איז אָבער נישט אַלץ אין אָרדענונג אין דעם מאָראַלישן סדר פון די דעמאָ־קראַטיס גופא... — אויף דערויף האָט ער, דער גרונט־ערלעכער מענטש, דערקלערט: געוויס אויך אין אונדזער סאָציאַלן און מלוכה־לעבן זענען אַ סך זאַכן גאָרנישט אין אָרדענונג, עס זענען פאַראַן אומגערעכטיקייטן און אַפילו פאַרברעכן, אָבער אין יסוד זענען דאָך די דעמאָקראַטיעס בעסער און מאָראַלישער ווי די אַנדערע שטאַטן, און אויף דעם יסוד לאָזט זיך דאָך פאַרמירן דאָס לעבן... אויב מיר זײַנען אַריין אין דעם קריג נישט גענוג צוגעגרייט, איז עס דאָך דער־פאַר, ווייל מיר זענען פרידלעך־געשטימט, מיר האָבן נישט געקענט פאָראויסזען די באַרבאַריי פון אַ היטלער...

אָט דעם געדאַנק טרעפט מען איצט אָפט. אַ היגע וויכטיקע צייטונג שרייבט: „אַ נישט־מיליטעריש פאָלק מוז — צוזאַמען מיט דער לעטאַרגיע פון זײַנע פירער — טיילן די שולד פאַרן נישט־צו־גרייטן זיך אין די פאַר־מלחמה־יאָרן״. וואָלט עס טאַקע געווען ריכטיק אַז אָט די מלוכות האָבן פיינט מלחמות בתכלית השנאה, אַז דער לעבנס־סטיל פון זייערע שטאַטס־מענער איז געריכטעט נאָר צו שלום — וואָלט עס געווען אַ געוואַלטיקע דערשיינונג אין דער היינ־טיקער קולטור. דאָס וואָלט געווען אַן אָנזאָג אויף דער בעסערער צוקונפט פון דער מענטשהייט, אויף יענער צייט, ווען עס וועט אונטער־גיין די ממשלת זדון מן הארץ. און וואָלט אַפילו אַ מלוכה פאַרשפּילט איר לאַגע טאַקע צוליב אָט דעם שלום־כאַראַקטער אירן, וואָלט זיך דער צער פון היינט פאַרמישט מיט דער פרייד פון אַ גרויסער האָפענונג אויף להבא. אָבער — צי איז עס באמת געווען נאָר שלום וואָס איז

געלעגן אין יסוד פון דער גרויסער אָפּגעלאָזנקייט און זאָרגלאָזיקייט פון די דעמאָקראַטישע שטאַטן?

אפשר איז דער אָפּיציעלער „פּאַציפיזם" געוואַקסן גאָר פון אַן אַנדער מקור: פון דעם געפיל פון זאַטקייט, — עקאָנאָמישער און פּאָליטישער, במילא אויך זיילישער זאַטקייט. מען האָט זיך — אין די פּירנדיקע שיכטן — נאָך דעם דערפּאָלג פון יענער מלחמה גע־פילט אַזוי געזעטיקט און געזיכערט, אַז מען האָט פאַרנאַכלעסיקט די מיליטערישע וואָך, וואָס איז געשטאַנען דרויסן פון דעם בית המשתה. מען איז אַזוי שטאַרק געווען איינגעגלויבט אין אייגענער מאַכט און רעכט, אַז מען האָט נישט פאַרשטאַנען אָפּילו אָפּצושאַצן ווי געהעריק דעם שוואַרצן פּינטל, וואָס האָט זיך באַוויזן אין יאָר 1933 אויפן דייטשישן הימל. הגם דער פּינטל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָט זיך אַלץ שנעלער פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצער כמאַרע, און פון הינטער די וואָלקנס האָבן זיך אַלץ קרעפטיקער געטראָגן די קולות פון שטורעם.

אמת, אַחוץ דעם „שלום"־פּראָגראַם פון די שטאַרקע איז נאָך געווען דער ערלעכער פּאַציפיזם פון פאָלק. אין ענגלאַנד האָט לאָרד סעסיל דורכגעפירט אין יאָר 1935 אַ וואונדערבאַרן פּריוואַטן פאָלקס־רעפערענדום, און נישט ווייניקער ווי פינף מיליאָן אַנאָנימע, דורכ־שניטלעכע בירגער האָבן זיך מיט קלאָרקייט אַרויסגעזאָגט קעגן קריג, קעגן דער אַלגעמיינער באַוואָפענונג, קעגן די דיפּלאָמאַטישע וועלט־אינטריגעס. זייער דראַנג נאָך שלום איז אָבער נישט געווען — אין פּרינציפּ — קיין קאַפּיטולאַציע פאַר היטלערן אָדער פאַר די אַנדערע פינצטערע כוחות פון אייראָפּע. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַן אַקטיוון פּאַ־ציפיזם, אַן אָפענעם אַרויסטריט קעגן דער טייוולשער צוגרייטונג־אַרבעט, אַ מאָביליזאַציע פון די אומצאָליקע מיליאָנען פון מענטשן־ברידער אין אַלע לענדער א(ון ראשית כל, ביי זיך אין לאַנד) קעגן די וואַקסנדיקע געפאַרן. זיי האָבן געגלויבט, אַז די געפאַרן קענען ווערן אָפּגעווענדעט דורך דער באַוואָפענונג פון פעלקער מיט אַקטיוו־גייסטיקע כלי־זיין, מיט אַן ערלעכער און ענערגישער אַרבעט אין דער „ליג אָוו ניישאָנס", מיט אָפּשאָפונג פון אַן אַ שיעור אומגערעכטיקייטן אין דעם פעלקער־לעבן פון אייראָפּע. זיי האָבן באמת פאַרקערפּערט דעם פרידן־ליבנדיקן גייסט פון אַ פאָלק, אָבער נישט יענע שיכטן, וואָס האָבן אין זייער עגאָאיזם און פוילער זעלבס־צופרידנקייט פאַר־

אייביקט די עוולות און דעם אומרו אין דער וועלט, און זיך אַפילו אַליין נישט באַוואָפנט.

. . . און ווער ווייסט? אפשר האָבן זיי זיך נישט באַוואָפנט ווי נויטיק דערפאַר, ווייל דער „דרויסנדיקער פיינט" איז גאָרנישט געווען אַזוי פיינטלעך פאַר זיי? היטלער איז אפשר געווען אַ שוואַרצער פינטל אויפן האָריזאָנט פון זייער רואיקן לעבן, אָבער היטלעריזם (אַלס סאָציאַלע לעבנס- און הערשאַפט-פאָרם) האָט זיי געלאָקט און באַאיינפלוסט. טאַקע דערמיט דערקלערט זיך מסתמא וואָס אַזוי פיל אומגעהויערע זאַכן זענען געשען אין דעמאָקראַטישע לענדער פנים אל פנים מיט דעם אויפשטייגנדיקן היטלעריזם. ווי קען מען פאַרגעסן אַז בעת די הימל-שרייענדיקע פאַרברעכנס קעגן יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד, האָט קיין איין איינציקע רעגירונג (פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד, אַמעריקע) נישט דערהויבן אַן אָפיציעלע שטים פון פראָטעסט? און זאָל מען נישט וואַרפן די באַשולדיקונג נאָר אויף איין באַזונדערן רעגירונגס-שעף, ווייל אין ענגלאַנד, למשל, זענען, זינט היטלערס אויפקום, געשטאַנען ביים רודער אי מאַקדאָנאַלד, אי באָלדווין, אי טשערמבערליין . . . אמת, מען האָט דורכגעלאָזן אַן דעם ריכטיקן פּראָטעסט אויך די פאַרניכטונג פון ליבעראַלן, דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן, פרומע קריסטן אין דייטשלאַנד. אָבער וויכטיקער אין פּרינציפּ איז דאָך געווען די פאַרפאָלגונג פון יידן: זיי האָט מען גערודפט נישט פאַר עפּעס אַ שולד, נאָר שולדלאָז בכלל.

אין דעם מעמאָראַנדום, וואָס די „פרייל‌אַנד-ליגע" האָט דערלאַנגט צו דער פּליטים-קאָנפערענץ אין עוויאַן, אין יאָר 1938, איז אָט דער פּונקט פון דער יידישער אויסוועגלאָזיקייט אַרויסגעבראַכט געוואָרן זייער קלאָר. „די איצטיקע פאַרפאָלגונג פון יידן אין דייטשלאַנד שיידט זיך אָפּ אין אַ סך וויכטיקע פּונקטן פון די אַנדערע רדיפות באַקאַנט אין דער געשיכטע. בעת דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָבן די באַדראָטע קרבנות געהאַט די מעגלעכקייט צו בייטן זייער רעליגיע און דורכדעם אַרויסראַטעווען זיך פון דער גאַנץ פונעם אינקוויזיטאָר. אַחוץ דעם זענען דעמאָלט געווען מעגלעכקייטן צו עמיגרירן אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, און די עמיגראַנטן האָבן געקענט אייבּיק באַזעצן זיך אין נייע היימען מיט אַ לייכטקייט, וואָס איז מער נישט פאַראַן פאַר זיי היינט צו טאָג. היות ווי דער יסוד פון די פאַרפאָלגונגען האָט געענדערט זיין כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזן אָדער פּאָליטישן צו

אַ ראַסן־מעסיקן, האָט די אכזריות פון דעם פאַרברעכן אַנגענומען פאַרמען, וואָס לאָזן זיך נישט באַשרייבן. מען זשאַלעוועט נישט יונג אָדער אַלט, מאַן, פרוי אָדער קינד. עס איז אַ פּלאַנמעסיקע און דורכ־געטראַכטע פאַרניכטונג פון אַ פאָלק, וואָס אונטערשיידט זיך פון די אַמאָליקע אַרמענישע רדיפות נאָר אין דעם, וואָס זי ווערט נישט דורכגעפירט אין אַ מאָמענט מיטן מעסער אין דער האַנט, נאָר אין אַ קאַלטן און לאַנג־אויסגעצויגענעם פּאָגראָם מיט יסורים פון יאָרן און יאָרן".

מען האָט אַלזאָ דערלויבט, אַז אין דעם טאַמע האַרץ פון אייראָפּע זאָל זיך איינשטעלן אַ סיסטעם פון מענטשן־פאַרניכטונג צוליב זייער ראַסע אָדער זייערע איבערצייגונגען. און אַז מען דערלויבט, ווערט מען אַ מיט־טוער, אַ מיט־שולדיקער. אמת, אַ כוואַליע פון שרעק און רחמנות און ערלעכער צדקה־הילף האָט זיך אַ גאָס געגעבן אַנטקעגן די לויפנדיקע מחנות פון „בירגער פון אייראָפּע", אָבער דאָס און נישט מער. היטלער האָט נישט מורא געהאַט פאַר רחמנות־געפילן פון איינצל־פּערזאָנען; דעמאָלט — אין אָנהייב פון זיין קאַריערע — האָט ער נאָר געציטערט פאַר דעם מאַכט־קול פון די שטאַטן. דער קול איז געבליבן „שטאַטסמעניש" פאַרשטומט.

. . . ווי אַנדערש האָט מען געהאַנדלט אַמאָל אין דער זעלביקער אייראָפּע. גלאַדסטאָן האָט אָפן פּראָטעסטירט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט קעגן דער פאַרניכטונג פון די אַרמענער דורך די טערקן. אַמעריקע האָט אַמאָל איבערגעריסן די האַנדלס־באַציאונגען מיט רוסלאַנד צוליב די יידישע פּאָגראָמען. וויפל די געלערנטע מאַרקסיסטן זאָלן נישט אויפדעקן דערביי די עקאָנאָמיש־מלוכהשע מאָטיוון פון יענע שטאַטס־מענער, — אָבער דאָך: אָט די זייערע פאַרבאָרגענע מאָטיוון האָבן זיך אויסגעדריקט אין פּראָגרעסיווע אַקטן פון מענטשלעכקייט, בעת די פּראָגרעסיווע מלוכות פון היינט האָבן זיך געהאַט אָפּגעשלאָסן אין אַן אַנטי־מענטשלעכער שוויגעניש. דער פאַלשער צויבער פון „אַנטי־באָלשעוויזם" וואָס האָט באַשיינט היטלערס קאָפּ האָט זיי פּאַראַליזירט און דעמאָראַליזירט. זיי זענען אַזוי אַרום געוואָרן עפּעס ווי אומזיכטע־באַרע שותפים פון זיין ווערק; זייער שטאַט איז געוואָרן — אין די ווערטער פון נביא — זינדיק.

די זינד האָבן זיך אַנטפּלעקט אויך אין אַנדערע געביטן. זינט 1931 האָבן זיך אָנגעהויבן די געוואַלטזאַמע דעראָבערונגען פון שוואַכע

מלוכות: צוערשט כינע, דערנאָך אַביסיניע, שפּאַניע, אַלבאַניע. פאַר קיינעם אין דער וועלט איז נישט געווען קיין צווייפל, אויף וועלכער זייט עס ליגט רעכט און אויף וועלכער אומרעכט. די דעמאָקראַטישע מלוכות זענען נאָך דעמאָלט געווען געגנוג שטאַרק אַרויפצוצווינגען זייער מאָראַלישן מאַכט־וואָרט, אָבער זיי האָבן זיך ווידער איינגעוויקלט אָדער אין שווייגעניש (ווי אין כינע) אָדער אין פאַלשער אַקטיוויטעט (ביי אַביסיניע, שפּאַניע). צי מען איז געווען דערביי פּאַציפיסטיש אָדער דיפּלאָמאַטיש, אָבער אומזיכטבאַר איז מען געווען פאַרבונדן מיט די אָנגרייפער. קיין גרעסערע צביעות האָט מען נישט געקענט אויס־טראַכטן ווי די „סאַנקציעס", די כלומרטשדיקע באַשטראָפונג פון איטאַ־ליע פאַרן חטא פון אַביסיניע, בעת מען האָט נישט איבערגעריסן אויף אַן אמת דעם עקאָנאָמישן אָטעם פון דעם רשע, בעת רוסלאַנד האָט געליפערט צו אים דעם פאַר מלחמה־צוועקן נויטיקן פּעטראָל. מען האָט געלאָזט אָפּגיין מיט בלוט אַ לאַנד ווי שפּאַניע, וואו די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך מיט אַ זיכערן אינסטינקט פאַרטיידיקט, נישט נאָר קעגן זייער אייגענעם שונא, נאָר אויך קעגן דעם שונא פון אַ גאַנצער וועלט. מען איז געווען גרייט צו פאַרזען אפילו די אייגענע מלוכה־אינטערעסן, געלאָזן פאַרכאַפּן דאָס אומגליקלעכע לאַנד דורך די ביידע היטלערס נאָר דערפאַר ווייל עס האָט אַרויסגעוואונקען פון דאָרטן דאָס צויבער־ליכט פון אַנטי־באָלשעוויזם. צו דעם בראָך איז נאָך צוגעקומען די שאַנד, ווייל נישט קיין אַנדערער ווי דער סאָציאַליסט לעאָן בלום האָט עס מיטגעמאַכט אין נאָמען פון פראַנקרייך.

דער אַלטער נביא וואָלט אָנגערופן אַזעלכע שטאַטן נישט אַנדערש ווי זינדיקע, אַנטי־מאָראַלישע, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט באַשיצן די רעכט פון די שוואַכע. זיי האָבן נישט פאַרטיידיקט די געפּייניקטע איינצל־מענטשן אין נייעם היטלער־רייך, זיי האָבן נישט פאַרטיידיקט די לעבנס־רעכט פון די באַפאַלענע שטאַטן. זיי זענען געוואָרן שותפים צו דער מעשה־חבלה. זיי האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אַליין עפּעס ווי אין אַ פּרע־היטלעריסטישן צושטאַנד.

און לאָמיר שוין נישט רעדן וועגן די סאָציאַלע באַציאונגען אין זייערע לענדער אינעווייניק, וואָס דאָס האָבן די נביאים אַממערסטן געהאַט אין זינען. געוויס איז אין דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט פאַרוואָרצלט מער סאָציאַלער יושר און פּערזענלעכע פרייהייט ווי אַנ־דערשוואו, געוויס זענען דאָרטן די מעגלעכקייטן פון אויסבעסערן די

לאָגע שטענדיק פאַראַן, אויב נאָר די מאַסן פאַרשטייען ווי זיי צו באַנוצן. אָבער — די סאָציאַלע דיסהאַרמאָניע איז דאָך פאַרבליבן. נישט אומזיסט שרייבט שוין איצט דער בירמינגעמער פּראָפעסאָר וו. ק. האַנקאָק, אַז „מיר וועלן מוזן ברענגען אונדזער געזעלשאַפט אין אָרדנונג נאָכן זיג אין דער מלחמה. די שאַרפסטע פּראָבע פון אונדזער דערפאָלג נאָכן קריג וועט זיין די אָפּשאַפונג פון אַרבעטסלאָזיקייט". מער נישט ווי אָפּשאַפן אַרבעטסלאָזיקייט? אַזוי ווייט נאָר גייט די פאַנטאַזיע פון פּראָפעסאָר? מער נישט ווי אָט די איינציקע דערשיינונג האָט מאָראַליש פאַראומרייניקט דאָס לעבן פון די פּראָגרעסיווע פעלקער? זאָל מען דאָ, פאַרבייגייענדיק, נישט דערמאָנען דעם אומווירדיקן צושטאַנד אין וועלכן די פּראָגרעסיווע מלוכות האָבן געהאַלטן צענדליקער מיליאָנען פון זייערע „פאַרביקע" אונטערטאַנען אין דער גאָרער וועלט? נישט נאָר גוואַלטיקע עוולות האָט מען אָפּגעטאָן לגבי אָט די ערלעכע קינדער פון דער גרויסער מענטשהייט־פאַמיליע; מען האָט זיך דורך דעם דערוואָרבן אומפריינט און שונאים, וואָס וועלן זיך נאָך לאָזן הערן אין לויף פון דער מלחמה.

... אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, וואָס האָט באַגלייט די ענגלישע אַרמיי אין פראַנקרייך, האָט דערקלערט דעם 18טן יוני (1940): „אַ געלונגענע צוזאַמענאַרבעט פון שפּיאָנען און פאַררעטער האָט געבראַכן פראַנקרייך; די נאַציע איז געווען אויסגעפוילט פון אינעווייניק ווי אַן אַלטער בוים". שרעקלעכע ווערטער! דער שרייבער האָט אין זינען די מיליטערישע און פּאָליטישע אויסגעפוילטקייט פון פראַנצויזישן בוים; ער באַמערקט נישט אַז ער האָט גלייכצייטיק מיט כירורגישער שאַרפקייט אַנטפּלעקט די מאָראַלישע זינדן פון אַ געזעלשאַפט, — און נישט נאָר פון דער פראַנצויזישער אַליין. מען איז געוואָרן הילפלאָז אויפן שלאַכטפעלד, ווייל מען איז געווען „פאַרכאַפּט" פון דעם שונאס גייסט און מען איז געווען דערצו זעלבסטצופרידן און גייסטיק פויל. און אַ פאַר־היטלעריסטישע געזעלשאַפט פאַלט לייכט אַ קרבן פון דעם עכטן היטלעריזם.

די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט נישט דערקענט מיטן אייגענעם כוח אירע חטאים אָדער פעלערן; אפילו די מיט אַזאַ דערקענטעניש געבאָרענע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך נישט דערהויבן צו דער אויפגאַבע. איז דער בראָך געקומען פון דרויסן, פון דער האַנט פון דעם שטן. דערפאַר איז אַזוי פאַרצווייפלט שווער געווען

צו באַקעמפן אים. ער איז שטאַרק מיט דער שוואַכקייט אונדזערער. כדי צו באַגעגענען אים מיט כוח און צו באַזיגן אים, מוז אין אונדז אַליין געשאַפן ווערן אַזאַ אַנטי־כוח, אַ נייער גייסט פון אַזאַ טיפן פאַרנעם און אַזאַ הויכן שוואונג, אַז ער זאָל ווירקן טיפער, העכער און שטאַרקער פון היטלערס אומהייליקן גייסט. נישט נאָר די פאַר־שטאַרקטע מיליטערישע באַוואָפענונג אַליין, נאָר אויך אַ ווידער־געבורט פון קראַנקן הומאַניסטישן גייסט וועט אים פירן צו דער מפלה.

דוכט זיך, סמנים פון אַ נייעם וועלט־בילד הויבן זיך אָן צו באַווייזן.

יוני, 1940.

פראַנצויזישער אָדער רוסישער שלום?

ווי מאָדנע עס האָט אָפּגעקלונגען די דערשיטערנדיקע ידיעה, אַז פראַנקרייך האָט שוין אונטערגעשריבן דעם וואַפּנשטילשטאַנד מיט היטלערן. זינט אייביקע צייטן ליגט אַ טיפער צוויבער אין דעם דאָזיקן וואָרט „וואַפּנשטילשטאַנד”, אין וועלכע שפּראַכן מען זאָל עס נישט אַרויסרעדן. עס איז שוין מסתמא אַזוי אַז מענטשן פרייען זיך מער מיטן אַוועקלייגן דאָס געווער ווי מיטן אַרויסציען דעם שווערט פאַר מלחמה. „אַרמיסטיס” — הייסט דאָך אָפּשטעלן בלוט-פאַרגיסן, צוריקקערן זיך צום פרידלעכן לעבנס-וואַנדל, ווידער פאַראייניקט זיין מיט די נאָענטסטע און ליבסטע. אין די דעמאָקראַטישע לענדער האָט מען דעם שלום ליבער ווי אומעטום, און דאָס תלמודישע וואָרט זאָגט, אַז „תלמידי חכמים פאַרגרעסערן דעם שלום אין דער וועלט”.

איך קען נישט פאַרגעסן אַ קליינע דערציילונג פון י. אָפּאַטאָשוס קינסטלערישער פעדער, וועלכע ער האָט פאַרצייכנט אין סעפּטעמבער 1938. ער איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז און האָט איבערגעלעבט די פּראָבע-מאָביליזאַציע, וועלכע דאַלאַדיעס רעגירונג האָט אַראַנזשירט גלייכצייטיק מיט די היטלער-פאַרהאַנדלונגען אין מינכן. דערציילט ער ווי ער איז געשטאַנען אין פּאַריזער מעטראָ (סאָבוויי), צונויפגעדריקט צווישן די מענטשן, אין איינעם אַ נאָכמיטאָג. פּלוצים האָט ער דערהערט פון אַ ווינקל עפּעס ווי אַ שטיל געוויין פון אַ קינד, און אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער מיט שרעק דערזען אַ יונגן פראַנצויזישן סאָלדאַטל, אין דער פולער אַמוניציע, מיט דעם שטאָלענעם הוט אויפן קאָפּ. די הענט האָט ער געהאַלטן צוגעלייגט צו די אויגן, און ער האָט אין זיך אַריין ביטער געכליפּעט. ער איז מסתמא טאַקע געווען בלוט-יונג ווי אַ קינד, און האָט געשטאַמט פון דער טיפער פּראָווינץ. אַנישט וואָלט ער נישט געקענט זיצן אין אַ ווינקל פון אַ פּאַריזער, מיט מענטשן-אָנגעפּילטן וואַגאָן, פאַרגעסן אָן זיי אַלעמען און וויינען. . . .

עס איז קיין צוויפל נישט: דער יונגער בחורל האָט נישט געוואָלט גיין אין קריג, מיט אַלע זיינע אברים און חושים האָט ער זיך געווערט קעגן אָט דעם מערדערישן געדאַנק. אָט אויף אַזעלכע פאָלקס־געפילן האָבן זיך דאָלאַדיע און די אַנדערע געשטיצט בעת זיי האָבן געלאָזן טשעכאָ־סלאָוואַקיע פאַלן. און עס איז באמת שווער צו פאַרדאַמען דאָס יונגע, בליענדיקע לעבן, וואָס שרעקט זיך פאַרן טויט. — צי האָב איך נישט אַליין, אַלס יונגער מענטש, אַמאָל אויך פאַרטיידיקט אָט דעם אומווילן פון סאָלדאַטן צו שטאַרבן?

אין מאָסקווע, אין 1917, בעת דעם ערשטן לעגאַלן צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, האָט מען שטורמיש דע־באַטירט די פראַגע: צי זאָל רוסלאַנד ווייטער פירן דעם קריג? און איינער פון די בעסטע רעדנער, די איידעלע נשמה, פרוי ק, האָט זיך מיט פאַראַכטונג אָפּגערופן וועגן די פייגלינגס, די טרוסן־סאָלדאַטן, וואָס פאַרלאָזן דעם פראָנט, וואָס ווילן נישט פאַרטיידיקן מיט זייערע קערפערס די פרייהייט פון רוסלאַנד. . . . דער לשון איז געווען באַקאַנט, אָבער ער איז געווען נישט צוגעפּאַסט צו אָט דער פיינפילענ־דיקער יונגער פרוי. האָב איך געשטעלט די פראַגע — אין מיין צאַרנ־דיקער רעדע יענעם טאָג — ווי האָט מען דאָס דעם מוט אָנצורופן יענע פאַרמאַטערטע און פאַרצווייפלטע מענטשן טרוסן, פייגלינגס? מען קען אַזאַ וואָרט פון פאַראַכטונג אָנווענדן לגבי איינצלנע מענטשן, אָבער דאָך נישט לגבי הונדערטער טויזנטער. זייערע אינטימע געפילן, אפילו זייער אָפּזאָגן זיך פון קריג, ווערן דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין סאָציאַלע דערשיינונגען, נישט מער איינצעלפאַלן. און סאָציאַלע פאַקטן מוזן דערקלערט ווערן מיט גרעסערער טיפקייט און אַחריות. . . . זי, פרוי ק., האָט זיך מיט פרייד יאָרן לאַנג מקריב געווען פאַר דער רעוואָלוציע, אָבער זי האָט עס געטאָן מיטן פרייען ווילן, נישט ווי עפּעס אַ שרייפל אין דער אַרמיי־מאַשין. מען זאָל האָבן דרך ארץ פאַר דעם מענטש־לעכן האַס צו בלוט־פאַרגיסן, אפילו ווען דאָס גייט קעגן אונדזערע פּאָליטישע אידעען. . . .

פונדעסטוועגן טראָג איך זיך אַרום די אַלע טעג מיט אַ געפיל פון שאַנד, נישט נאָר שמערץ, צוליב דעם וואַפּנשטילשטאַנד פון פעטען און היטלער. איז דאָס באַרעכטיקט?

דער זכרון טראָגט אַזוי לייכט אַריבער צו יענער צייט, אויפן שוועל פון דיביידע יאָרן 1917 און 1918, ווען די אַקאָרשט געשאַפענע סאָוועט־

רעגירונג האָט אויך פאַרלאַנגט אַ וואָפנשטילשטאַנד און אַ תכפדיקן שלום. אָבער — ווי מען זאָל נישט זיין פּאָליטיש געפאַרבט — וועט מען דאָך אָנערקענען ווי ווערדיק, ווי ערליך און מענטשלעך זענען יענע פאַרהאַנדלונגען געווען אין פאַרגלייך מיט די איצטיקע. ווי ריין און ציכטיק דערשיינט דאָך די עפּאָכע פון ברעסט־ליטאָווסק אין ליכט פון דעם פינצטערן וואַלד פון סענט־קאָמפּיען. מען האָט אונדז דעמאָלט (פון די לעגאַליסטישע און כלומרשט־פּאַטריאָטישע קרייזן) באַשולדיקט, אַז מען האָט געבראָכן וואָרט צו די פאַרבינדעטע שותפים, אַז מען האָט זיי געלאָזן שטיין אַליין אין פעלד און טראָגן קרבנות, אַז רוסלאַנד אַלס איינהייט מוז האַלטן וואָרט . . .

האָבן מיר, ערשטנס, געטענהט, אַז „רוסלאַנד” האָט געביטן איר רעזשים און לעבנס־סדר אַזוי טיף, אַז עס קען נישט פּשוט איבערנעמען אויף זיך די זינד און די פליכטן פון צאַריזם. און, צווייטנס, האָבן מיר דעמאָלט גערופן צום וואָפנשטילשטאַנד נישט נאָר דייטשלאַנד, נאָר אַלע קריג־פירנדיקע מלוכות. מיטן גאַנצן האַרצן האָבן מיר גע־שטרעבט, אַז פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע זאָלן נעמען אָנטייל אין די פאַרהאַנדלונגען, נישט דערלאָזנדיק צו סעפּאַראַטע אָפּמאַכן. מען האָט זיי מער ווי איינמאָל גערופן צום געמיינזאַמען טיש דורך ראַדיאָס, דורך אָפיציעלע נאָטן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

און עס איז דער שטאָלץ פון יענער צייט, אַ סימן לדורות, אַז רוס־לאַנד האָט — ביים פאָרמולירן די באַדינגונגען פון וואָפנשטילשטאַנד — געפאָדערט, אַז די דייטשן זאָלן נישט אַריבערפירן קיין איינאיינציקן סאָלדאַט פון דעם רוסישן פראָנט צו דעם פראַנצויזיש־ענגלישן. דער געדאַנק איז געווען אונטערגעזאָגט דער סאָוועטישער דעלעגאַציע פון די רוסישע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן זי באַגלייט און געסטאַרעט צו פאַרהיטן זי פון פעלערן. די דייטשן האָבן געמוזט אים אָננעמען, און אין דעם איז געלעגן אַ גרויסער סימבאָלישער באַטייט. מען האָט בשום אופן נישט געוואָלט שליסן אַ רוסיש־נאַציאָנאַלן שלום, פאַר־בונדן מיט געפאַרן פאַר יענע פעלקער, וועלכע האָבן זיך נישט צוגע־הערט צו רוסלאַנדס מאָגנעדיקער שטים. אָן זייער ווילן און וויסן האָט מען דעמאָלט אין רוסלאַנד געשיצט זייערע אינטערעסן. צי האָט איצט פּעטענס רעגירונג אַזוי אָפּגעהיט די אינטערעסן פון ענגלאַנד, איר פאַרבינדעטן נאָך מיט אַ טאָג פריער ?

. . . און אַז די צווייטע דראַמאַטישע פאַזע האָט זיך אָנגעהויבן, —

די שלום־דעבאַטן אין ברעסט־ליטאָווסק — האָבן מיר ווידער אַלץ געהאַפט צוצוציען צום טיש די אַנדערע שטאַטן. איך געדענק אַ שפּעטן ווינטער־אָוונט סוף 1917 ווען איך בין געזעסן ביי לענינען אין קאַבינעט און טראָצקי איז אויפגערעגט אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט מיטגעטיילט, אַז אַקאָרשט האָט ער דערהאַלטן פון דעם פּראָנצויזישן באַטשאַפער אין פּעטראָגראַד, מ״ר נולאַנס, אַן איינלאַדונג צו זיך. ווער ווייסט — האָבן אַלע מיט אַ פריידיקן אומרו געטראַכט — אפשר וועלן „זיי״, די אַנטי־דייטשע מלוכות, זיך לאָזן רעדן און וועלן נעמען אַנטייל אין די פאַרהאַנדלונגען? טראָצקי האָט כלומרשט מיט חוזק געפּרעגט לענינען אין וואָס פאַר אַן אַנצוג ער זאָל אַהין גיין. און לענין האָט ערנסט געעצהט אַנצוטאָן זיך גוט, אַנשטענדיק, ווייל דאָס איז דאָך דער ערשטער אָפיציעלער שמועס מיט זיי . . . ליידער איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. אָבער די דעבאַטן אין ברעסט־ליטאָווסק זענען אָנגעגאַנגען אָפן. קיין שום באַהעלטעניש פון די געוועזענע שותפים־רעגירונגען האָבן אונדזערע פאַרטרעטער ניט צוגעלאָזן. יענע האָבן געקענט קלאָר זען, אַז מיר האָבן נישט געהאַט בדעה צו פאַרראַטן זייערע אינטערעסן אין געהיימע אָפּמאַכן מיט זייער שונא אין פעלד.

און שפּעטער איז געקומען דער גרויסער טאָג פון 10טן פעוורואַל 1918 וועלכן עס איז שווער צו פאַרגעסן עד היום. די דייטשן האָבן זיך אַלץ מער און מער געשראָקן פאַר דעם „גייסט״ פון ברעסט־ליטאָווסק; איינער פון זיי האָט דערקלערט, אַז די רוסן פירן זיך אויף אַזוי ווי ווען זיי וואָלטן געוווּנען די זיגער (אַזוי איז עס טאַקע היסטאָריש געווען!). דעמאָלט האָט עס דער גענעראַל האָפמאַן געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און האָט אולטימאַטיוו פאָרמולירט די דייטשע פאָדערונגען: אָפּטרעטן די באַלטישע פּראָווינצן, פּוילן, אוקראַינע אאַז״וו. אויף דערויף האָט טראָצקי אין נאָמען פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע (ד. ה. פון דעמאָלטדיקן רוסלאַנד) דערקלערט: נישט שלום און נישט מלחמה! מיר וועלען נישט פירן ווייטער דעם אימפּעריאַליסטישן קריג און פאַרגיסן אומשולדיק בלוט פון דייטשע פאָלקס־מענטשן; מיר וועלן אָבער אויך נישט אונטערשרייבן דעם אימפּעריאַליסטישן שלום, וועלכער גיט אָפּ אין שקלאַפערײַ צום דייטשן רויב־שטאָט אַ ריי פרייע פעלקער; אַ שלום, וואָס פאַרראַט אונדזער פאָדערונג פון אינטערנאַציאָנאַלן פרידן. . . .

די דייטש־עסטרייכישע דעלעגאַטן, די אין פייער און וואַסער

געזאָטענע דיפלאָמאַטן, זענען געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט. דער גע־לערנטער יוריסט קריגגע האָט גענומען שטאַמלען אַז נישטאָ אין דער געשיכטע אַזאַ פּרעצעדענט. דער פאָרזיצער האָט געפרעגט די רוסן צי ווילן זיי נישט דערקלערן דעם מיין פון זייער באַשלוס. אָבער טראָצקי האָט געלאָזן געענטפערט, אַז ער האָט מער נישט צוצולייגן צו זיינע ווערטער, — און די סאָוועט־דעלעגאַציע האָט זיך אויפגעהויבן פון די פּלעצער.

אָט דער באַשלוס איז געשטיצט געוואָרן פון דער גרעסטער צאָל באַוואוסטזיניקע טוער אין לאַנד. ער האָט אין טיפסטן זינען אָנט־שפּראָכן דער פּאָליטישער און מאָראַלישער לאַגע פון דער רעוואָלוציע. מען האָט דעמאָביליזירט אָפּיציעל די אַרמיי, ווייל זי איז פּאַקטיש געווען צום גרעסטן טייל צעבראָכן און ווייל מען האָט נישט געטאָרט זי ווידער שיקן אין פייער. און מען האָט גלייכצייטיק נישט אָנדער־קענט דעם ברוטאַלן סיסטעם פון פעלקער־פאַרשקלאַפונג, וועלכן דייטש־לאַנד האָט אונדז געוואָלט אָנוואַרפן אונטער דער מאַסקע פון שלום. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ שטאָלצער פרייד מיר האָבן דעמאָלט פאַרטיידיקט די דאָזיקע, צווי מאָל נעגאַטיווע, פאָרמול. מיר האָבן געזען אין איר די העכסטע מדרגה פון ראַדיקאַל־הומאַניטאַרן געדאַנק.

פאַרוואָס האָט איצט פראַנקרייך נישט אָנגענומען די זעלביקע פאַר־מול ? אויב זי איז געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז איר אַרמיי האָט מער נישט געקענט פירן מלחמה, האָט זי געלאָזט אָפּשטעלן זיך אויפן שלאַכט־פעלד, אפילו דעמאָביליזירן זיך, אפילו אפשר צעשטערן אירע כלי זיין. אָבער זי האָט נישט געטאָרט אונטערשרייבן אַ רויבערישן שלום, וואָס פאַרקנעכט איר אַליין און פאַרוואַנדלט זי אין אַ קריגס־אינסטרומענט פון היטלערן. וואָס פאַראַ גרעסערע געפאַרן האָבן איר געקענט באַ־דראָען, מצד היטלערן, אויב זי וואָלט זיך נישט אונטערגעגעבן צו אים אָפּיציעל און לעגאַל ? ער וואָלט באַזעצט דעמאָלט נישט צוויי דריטל, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד מיט זיינע חילות ? וואָלט די רעגירונג געקענט צוריקציען זיך קיין אַפריקע אָדער ווי נישט איז, אַבי נישט אַרונטער־לאָזן די פאָן פון אַ פראַנקרייך, וואָס געהערט דער מענטשהייט, נישט נאָר דער פראַנצויזישער נאַציע אַליין. וואָס וואָלט זיי היטלער געקענט אָנטאָן מער אין צער און שאַנד ווי ער האָט עס שוין געטאָן ביז איצט ? מיט דעם פאַרהאַנדלען און אונטערשרייבן דעם „שלום“ האָבן זיי אָבער געכשרט אים, געכשרט און לעגאַליזירט דעם גרעסטן רויבצוג פון דער

געשיכטע. (אַזוי ווי זיי האָבן אין די פריערדיקע יאָרן לעגאַליזירט זייַנע פאַרברעכן לגבי איינצל־בירגער). נאָך ברעסט־ליטאָווסק פון 10טן פעברואַר 1918, איז קייזער־דייטשלאַנד געשטאַנען פאַר דער וועלט מיט קינס צייכן פון פאַרברעכער. נאָך קאַמפּיען פון יוני 1940 שטייט היטלער־דייטשלאַנד מיטן לאַרבער־קראַנץ פון אַ לעגאַלן דערראַבערער.

. . . און דערנאָך איז געקומען די דריטע, די טראַגישע פאַזע פון דעם קאַמף פאַר שלום. דייטשלאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר דערשטוינונג און האָט דערקלערט, אַז פון 14טן פעברואַר אָן איז דער וואַפנשטילשטאַנד פאַרענדיקט און איר אַרמיי וועט ווידער פירן קריג. די ווערטער זענען נישט געבליבן אויפן פּאַפּיר. אין צפון איז באַלד פאַרנומען געוואָרן די פעסטונג דווינסק, אין דרום — די שטאָט לוצק. די חילות האָבן מאַרשירט אויף פּסקאָוו און מינסק. זייער ציל האָט מסתמא געזאָלט זיין פּעטראָגראַד . . . מען קען זיך פאָרשטעלן די אויפרעגונג, דעם כעס, די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די רוסישע מאַסן, בעת זיי האָבן דערזען ווי זייער חלום איז אויסגערונען.

דעמאָלט איז עס לענין אַריבערגעגאַנגען צום אַנגריף. ער האָט שוין לאַנג געשטרעבט צו אַ וועלכן נישט איז אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, כדי צו באַוואָרענען זיין ראַטן־רוסלאַנד. ביז איצט האָט ער געפירט זיין ליניע במסתרים, אין דער פאַרבאָרגענקייט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי. איצט, אַז דער שאַרף פון דעם דייטשן מעסער איז שוין געלעגן איבערן קאָפּ פון לאַנד, איז ער אָפּן אַריבער צום אַנגריף; ער האָט שטרענג פאַרלאַנגט פון זייַנע לייט צו שליסן תכף אַ וועלכן נישט איז, מעג זיין אפילו אַ שמוציקן, שלום־אָפּמאַך, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע. אונטערן נאָמען „פּעטראָוו" האָט ער גענומען פאַרעפנטלעכן אין דער „פּראַוודאַ" לאַנג־אָטעמדיקע אַרטיקלען קעגן דער קינדישקייט, אומזיניקייט, לעכערלעכקייט פון אַ ווייטערדיקן קאַמף קעגן אָט דעם שטאַרקן, מיט וואָפן באַלאָדענעם, העכסט־אָרגאַניזירטן אימפּעריאַליסטישן שונא. ער האָט מיט אַ כיון מגזם געווען די קראַפט פון דעם קעגנער און צו־נישט געמאַכט די כחות פון אַ מעגלעכער פאַרטיידיקונג. ער האָט כסדר דערמאָנט דעם אמאָליקן „טילזיטער שלום", וואָס פּרייסן האָט געמוזט שליסן מיט נאַפּאָלעאָנען אין דער שעה פון איר שוואַכקייט, אַ שלום, וואָס האָט אָבער דאָך נישט פאַרניכטעט דאָס לאַנד אויף אייביק. . . .

מען האָט תכף דערקענט דעם נוסח און דעם לשון פון דעם דאָזיקן פּעטראָוו. דאָס איז לענין אַרויס מיט אַלע זיינע מיטלען פון איבערצייגונג און דעמאַגאָגיע כדי גייסטיק און מאָראַליש צו דעזאָר־גאַניזירן זיינע קעגנער. ער איז געוואוינט געווען דערצו פון זיינע עמיגראַנטן־קאַמפן אין צענדליקער יאָרן. און היות ער האָט דערביי שטאַרק אַרויסגערוקט זיין פּערזענלעכן איך־איינפלוס, האָב איך, צווישן אַנדערע, אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען קעגן אים (אין דער טאָג־צייטונג פון די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן „זנאַמיאַ טרודאַ"). איינער פון זיי האָט געטראָגן דעם אַרויסרופנדיקן קעפּל: „אַלערהעכסטע געדאַנקען" („אווגוסטיישיע מיסלי"). איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט דער קריטיק פון זיין קאַפּיטולאַציע־ליניע, נאָר אויפגעטראָטן בכלל קעגן דעם דיקטאַטאָרישן כאַראַקטער פון זיינע אַרגומענטן, — קעגן דעם ווילן אַרויפצווינגען זיין פאָרשלאָג אויפן פאָלק מיטן אויטאָריטעט פון זיין פּערזאָן. אַזאַ סטיל טאָר נישט אַריינדרינגען אין דעם עפנט־לעכן לעבן פון אַ סאָציאַליסטישן לאַנד. . . .

לענין איז געווען אויפגעבראַכט קעגן מיר, און האָט שפּעטער מיט פאַרדרוס געשריבן וועגן דער „טיפּישער שטיינבערגשער פּראָזע"; ער האָט געמיינט מסתמא די גרענעצלאָזע רעוואָלוציאָנערע באַגייסטע־רונג פון די יונגע. אָבער ער האָט געהאַט קעגן זיך נישט נאָר אונדזער באַוועגונג; אויך אין זיין אייגענעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט ער (אין דער נאַכט צום 8טן פעברואַל, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן פאַלן פון דער שטאָט פּסקאָוו) אויסגערונגען אַ מערהייט פון נאָר איין שטים. די באָלשעוויקעס האָבן דעמאָלט באַשלאָסן — אונטער זיין דרוק — צו שיקן אַ טעלעגראַם קיין בערלין מיט אַן אָנפראַגע וועגן די "אַנטגילטיקע" שלום־באַדינגונגען. פונקט אַזאַ מין אומבאַדייטנדיקע מערהייט האָט ער אויסגעפּועלט ביי די זיבן לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן — מיטגלידער פון דער רעגירונג — וועלכע מען האָט אויף גיך צונויפגערופן אין יענער נאַכט. האָט שוין טראָצקי געקענט צוזעצן זיך אין אַ פיינצטערער שטימונג צום טיש און אָנהויבן שרייבן דעם טעקסט פון דער טעלעגראַמע.

איך בין געווען דערביי ביי אָט דער זיצונג, אין דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט. אַלע האָבן זיך געפילט אומהיימלעך, ניין, באמת אומגליקלעך ביי דער אויספירונג פון דעם דאָזיקן אַקט. אויב עס איז דאָ אַ כבוד התורה, איז דאָ אויך אַזאַ זאַך ווי דער כבוד פון אַ רעוואָ־

לוציע, וואָס האָט צוגעזאָגט דער מענטשהייט עפּעס דערהויבנדיקעס. דער כבוד האָט איצט געזאָלט פון אונדז אַליין געשענדעט ווערן, בעת מיר זענען געווען גרייט אַנצודערקענען דעם נצחון פון דעם פאָלק־שונא. אַ ריי באָלשעוויסטישע פירער, יאָפע, קרעסטינסקי, זינאָוויעוו (וואו זענען זיי היינט צו־טאָג?) זענען אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די נאַכט, וועלכע האָט דראָענדיק אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון דעם „סמאָלני־אינסטיטוט". מאַריאַ ספּירידאָנאָווא, די פאַרקערפּערונג פון ברויזענדיקן רעבעלישן גייסט, איז געשטאַנען ווי אַ פאַרמשפּטע נעבן דער וואַנט. זי האָט אָקאָרשט, אין נאָמען פון די אויסגעמאַטערטע מיליאָנען פּויערים, געזאָגט יאָ צום אָפּשיקן פון דער פאַטאַלער טעלע־גראַמע, — אָבער איר גאַנץ וועזן האָט זיך געשטעלט קעגן אַזאַ באַשלוס. מער נישט לעניִן, וואָס האָט זיך מיט דער גרעסטער געמיטלעכקייט געוואָרעמט ביי אויוון, האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט רו אין זיין גע־ווינלעכן לצנותדיקן בליק. „רעוואָלוציאָנערן מוזן קענען אָננעמען שווערע באַשלוסן" — האָט ער די גאַנצע צייט געזאָגט מוסר זיינע חברים.

מען האָט די טעלעגראַמע אָפּגעשיקט און מען איז זיך שנעל מיט שווערע הערצער פאַנאַנדערגעגאַנגען. אַז דער צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוועטן (דער סאָוועט־פּאַרלאַמענט) האָט זיך דעם נעקסטן טאָג עקסטראַ פאַרזאַמלט, און אַז די שאָטנס פון דער פאַרגאַנ־גענער נאַכט זענען פאַשוואונדן אין דעם שטראַלענדיקן ליכט פון רוסישן ווינטער־טאָג, האָט אויסגעבראָכן דער שטורם. נישט נאָר אונזער באַוועגונג, נישט נאָר די געמעסיקטע סאָציאַליסטן פון אַלע ריכ־טונגען, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקע צאָל פון פירנדיקע באָלשעוויקעס (בוכאַרין, ראַדעק, קאָלאָנטאַי) האָבן געשטורעמט קעגן לענינען. די לעצטע האָבן אפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין מאָסקווע אַן אייגענעם זשורנאַל קעגן דער „פּראַוודאַ". מען האָט מיט גבורה אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון „רעוואָלוציאָנערן קריג" אָדער „רעוואָלוציאָנערן אויפ־שטאַנד" קעגן דייטשן אָנגריף. לענין האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין זיכערקייט און האָט שוין דאַסמאָל באַקעמפט די „בוכאַרינשע פראַזע". דעם 21טן פעברואַר איז אָנגעקומען דער דייטשער ענטפער־אולטימאַטום. מען האָט איצט פון אונז פאַרלאַנגט: אָפּצוטרעטן פוילן, ליטע, באַלטישע פּראָווינצן, אַ הויכע קאָנטריבוציע און נאָך און נאָך זאַכן. אונדזער ענטפער האָט געזאָלט געגעבן ווערן אין משך פון 48 שעה.

פאַרשטייט זיך, אַז איצט — פנים אל פנים מיט דעם ברוטאַלן פויסט פון אימפּעריאַליזם — האָבן מיר אַלע געזאָגט: ניין! פאַרשטייט זיך, אַז לענין האָט אויף דערויף געענטפערט: יאָ! („וואָלט איר מיר געפאָלגט פריער — האָט ער געטענהט — וואָלט איר געהאַט בעסערע באַדינגונגען . . . איצט מוזט איר אָננעמען אָט די באַדינגונגען . . . אַז נישט וועט זיין נאָך ערגער"). די באָלשעוויסטישע פאַרטרעטער פון פוילן, לעטלאַנד, עסטלאַנד (וואָס האָבן איצט געזאָלט אַריינפאַלן אין דעם קייזערס הענט) האָבן געשוואַנקט צווישן דער לאָיאַליטעט צו לענינס פּאַרטיי און דער טריישאַפט צו זייערע אייגענע אַרבעטער־מאַסן. אַ שווערער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ביי די באָלשעוויקעס. ביי אונדז איז אָבער געווען כמעט ווי אייניקייט.

איך געדענק די זיצונג פון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט, ווען מען האָט געזאָלט צום לעצטן מאָל באַקרעפטיקן אונדזער ליניע. אין איילעניש האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין עפּעס אַ צופעליקן פּלאַץ. אַ געמיש פון טיפן אומרו און יוגנטלעכער רעבעלישקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען. מען האָט געוואוסט וועגן וואָס עס האָט זיך דאַסמאָל געהאַנדלט. נישט נאָר וועגן ענטפער צו דייטשלאַנד און די גרויסע געשעענישן, וואָס מוזן קומען נאָך דערויף. עס איז פאַר אונדז אויפגעשטאַנען אויך דער שאָטן פון אַ טיפן קאָנפליקט מיט לענינען און זיין פּאַרטיי, פון אַ נייער, אפשר פיינטלעכער איבערגרופּירונג פון די פּאָליטישע כחות אין דער רעוואָלוציע. און מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז אַרום אונדז שטייען מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער און צוזאַמענגעביילטע פויסטן די קעגנער פון דער רעוואָלוציע בכלל. זיי וועלן אויסנוצן יעדן פאַלשן שריט אָדער יעדן אינערלעכן ריס אין דעם פירענדיקן לאַגער פון לאַנד . . .

מען איז געזעסן אין זעלישן אומרו, מען איז געווען אויסגעמאַטערט פון דעם פּיל־טאַגיקן קאַמף, אָבער איבער די געזיכטער האָט געפלאַטערט אַ גייסט פון אומדערשיטערלעכן גלויבן און פון גרייטשאַפט צו קרבנות. דער קרייז אַרום לענינען איז באַשטאַנען פון מענטשן נאָענט צו פופציק יאָר; דער פירענדיקער קרייז דאָ — פון יוגנט נעענטער צו די דרייסיקער יאָרן. דער איינציקער גרייז־גרויער מאַן צווישן אונדז איז געווען מאַרק נאַטאַנסאָן. אַ פּיאָנער פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַ קאָנספּיראַטאָר פון אַ פּאָר דורות רעוואָלוציאָנערן. אָבער די יונגע, וואָס זענען דאָ געזעסן האָבן געטראָגן די היסטאָרישע

אחריות מיט דעם זעלביקן ערנסט ווי די אַלטע אַנדערשוואו.

אין דער מיט פון נערוועזע רעדעס און שאַרף־קלינגענדיקע רעזאָ־לוציעס האָט מען עפּעס אַרויסגענומען פון די טעשלעך און אויף גיך געגעסן. קיין געאָרדנטן טאָג־לעבן האָט מען דעמאָלט נישט געפירט. מען האָט שוין מער נישט דיסקוטירט די הויפּט־פראַגע פון דייטשן אולטימאַטום: מען האָט אים פּשוט אָפּגעוואָרפן. געשטאַנען פאַר די אויגן איז די וויטערדיקע פראַגע: ווי אַמשנעלסטן און בעסטן צו באַ־וואָפענען די מאַסן קעגן דעם שונא, וואָס וועט זיך באַלד וואַרפן אויפן לאַנד. אַ צוקונפט פול מיט סודות און געפאַרן האָט זיך געהאַט אויס־געשפּרייט פאַר אונדז, אָבער מען האָט זי אָנגענומען מיט זיכערקייט און שטאָלץ. ווי היינט דערמאָן איך זיך מיינע פּליכטיקע געדאַנקען אין יענער זיצונג. אַט אַזוי, אין אַ פּשוטער און לייכטער סביבה ווערט געמאַכט געשיכטע? . . . פון די שטימען פון אַט די מענטשן קען אָפּהענגען דער גאַנג פון געשעעניש? . . . אומפאַרשטענדלעך, און דאָך רעאַל . . . מיר וועלן זיך אַמאָל דערמאָנען אָן אַזאַ זיצונג . . .

:: :: :: ::

דעם 23טן פעברואַר, אין דעם אָוונט ווען דער 48 שעה־אולטימאַטום איז אויסגעגאַנגען, האָט זיך פאַרזאַמלט דער צענטראַל עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוועטן אין טאַוורישן פּאַלאַץ. די העכסטע אינסטאַנץ האָט געדאַרפט אָננעמען דעם לעצטן באַשלוס. פאַר אונדז אַלעמען (אויך פאַר די באָלשעוויקעס מסתמא) איז דאָס געווען אַ טרויעריקער אָוונט. אין דעם פּאַלאַץ, וואָס האָט געהאַט איבערגעלעבט שוין נישט איין רעוואָלוציאָנערן שטורם, האָט מען דאָסמאָל געדאַרפט רעדן וועגן קאַפּיטולאַציע. עס איז פאַראַן אַ באַזונדערע טראַגיק אין אַ מפּלה, וואָס ווערט דורכגעלעבט נישט אין געהיים, ווען מען קען באַהאַלטן די אויגן פון שאַנד, נאָר בפני עם ועדה ווען זי ווערט, אַזוי צו זאָגן, פאַר־הונדערטפאַכט פאַר אַלעמענס אויגן. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז פון די ביידע רעגירנדיקע פּאַרטייען (באָלשעוויקעס און לינקע סאָצי־אַליסטן רעוואָלוציאָנערן) זאָלן רעדן צו צוויי רעדנער: איינער פאַר אָננעמען דעם אולטימאַטום, דער אַנדערער — קעגן. לענין און ראַדעק זענען עס געווען פאַר און קעגן פון יענער פּאַרטיי. פון אונדז האָבן געזאָלט רעדן קאַמקאָוו קעגן, און ספּירידאָנאָווא — פאַר. לענין האָט שטאַרק געוואָלט האָבן איר אונטערשטיצונג ווי די שטים פון דעם אָרגאַניזירטן פויערטום. אָבער אַז עס איז שפּעטער געקומען איר צייט

צו רעדן, האָט זי געשוויגען. מען האָט זי גערופן ביים נאָמען עטלעכע מאָל, זי האָט זיך נישט אָפּגערופן. זי האָט נישט געקענט גיין קעגן איר אייגענער נאַטור און קעגן דעם ווילן פון איר באַוועגונג, וואָס דאָס איז געווען ביי איר איינס.

מיט דער זעלביקער זיכערקייט און פון אויבן אַראָפּיקייט ווי שטענדיק, האָט לענין דאָ ווידערהאָלט זיינע באַקאַנטע אַרגומענטן: „טילזיטער שלום", אַרויסראַטעווען זיך פון אימפּעריאַליסטיש־גוראַנגל; צואווענדן זיך צום סאָציאַלן אויפבוי; אָפּהיטן די סאָוועטן־מאַכט, — דאָס זענען געווען די אַרגומענטן. קעגן זיי האָט מיט איינגעהאַלטענעם הומאָר גערעדט ראַדעק. נישט קיין ראַטעווען זיך אין דער עפּאָכע פון אַ וועלט־קריג; פאַרקערט, די אימפּעריאַליסטן וועלן זיך צונויפרעדן אויפן חשבון פון רוסלאַנד; מען וועט דערשטיקן דעם אויפקום פון דער דייטשער רעוואָלוציע; געשטעלט אויף זיך אַליין, זענען מיר פאַרפאַלן . . . קאַמקאָוו, ווידער, האָט דערמאָנט מיט פאַרביטערונג די פייערלעכע צוזאָגן צו דער וועלט. פון וואַנען נעמט זיך אַט דער פּאַנישער שרעק פאַרן דייטש? . . . רוסלאַנד איז אומבאַזיגבאַר שוין צוליב אירע געאָגראַפישע שטחים . . . וועלן זיי נעמען פּעטראָגראַד וועלן מיר אָפּטרעטן ביז מאָסקווע, ביז צו דער וואָלגע, ביז צום אוראַל. מען וועט אומעטום אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד, און דערמיט וועקן דעם רע־בעלישן גייסט פון דער וועלט . . . אויפהאַלטן די סאָוועטן־מאַכט? וואָס טויג זי אָבער ווען איר רעוואָלוציאָנערער אינהאַלט וועט זיין אויסגעליידיקט? מען האָט דאָך נישט געשטרעבט צו דער מאַכט אַלס אַזעלכער . . . אין דעם זעלביקן נוסח איז אויך געהאַלטן געוואָרן מיין רעדע.

לענין האָט זיך צוגעהערט צו די רייד, אפשר אַביסל מער ווי שטענדיק פאַרזאָרגט, און האָט צו זיך געשמייכלט. אַט דער פּונקט פון דער סאָוועטן־מאַכט איז פאַר אים געווען אַ סך וויכטיקער ווי קאַמקאָוו און אַנדערע האָבן פאַרשטאַנען. ער האָט טאַקע דער „פּראָלעטאַרישער מאַכט", אין דעם גענויען פּאָליטיש־מיליטערישן און עקאָנאָמישן זינען, צוגעגעבן גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג. אַ באַדייטונג וועלכע די סאָ־ציאַליסטן פון אַלע אַנדערע ריכטונגען האָבן ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט איינגעזען. צוליב דער איינהאַלטונג פון דער מאַכט, דער ערשטער אין דער וועלט־געשיכטע, האָט לענין געהאַלטן פאַר מעגלעך און אפילו פאַר נויטווענדיק מקריב צו זיין „צייטווייליק" אַלע סאָציאַליסטישע

צוזאַגן און פּלענער. די אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטן האָבן, אין אַ דורות־לאַנגן קאַמף קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם, אַזוי פּיינט באַקומען אַלע פאָרמען פון דעספּאָטיע און באַהערשונג, אַז זיי האָבן געהאַסט יעטוועדן אַפּאַראַט פון מלוכה־גוואַלט און מאַכט: זיין אַרמיי, זיין פּאָליציי, זיין דיפּלאָמאַטיע. לענין און זיינע מקורבים האָבן נישט נאָר באַקעמפט די מאַכט־אַפּאַראַטן, נאָר זיי האָבן אויך גלייכצייטיק שטודירט זיי, באַוואונדערט זיי און אין פּרינציפּ אָנגענומען זיי פאַר זייערע צו־קונפטיקע פּלענער. זענען זיי דאָך אין תוך געווען מאַכט־סאָציאַליסטן, נישט פרייהייט־סאָציאַליסטן.

צי איז לענין אַלס פּערזאָן געווען דורשטיק נאָך מאַכט? — איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז ער האָט געוואָלט די מאַכט פאַר דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, און ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם קלאַס. און אַז דער דייטשער אולטימאַטום האָט אָוועקגעשטעלט פאַר אים די פראַגע: טריישאַפט צו דער סאָציאַליסטישער אידעע אָדער אויפהאַלטונג פון דער סאָוועטישער מאַכט — האָט ער אָן וואַקלענישן אָנגענומען דאָס צווייטע. אין דעם איז געלעגן דער היסטאָרישער באַטייט פון דעם ביטערן קאַמף אַרום „ברעסט־ליטאָווסק". לענינס בלינדע באַגייסטערונג פאַר דעם מאַכט־פּרינציפּ האָט געוואָרפן איר טונקעלן שאָטן פאַראויס נישט נאָר אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן אין זיין צייט, נאָר אויף דער גאַנצער רוסישער אַנטוויקלונג זינט דעמאָלט ביז היינט.

מען איז צוגעטראָטן צו דער אָפּשטימונג. די איינגעהאַלטענע אויפרעגונג האָט זיך ביי אַלעמען נאָכמער פאַרטיפט. אויבן, אויף דער גאַלעריי, זענען געזעסן אין שפּאַנונג די וויי‌ניקע געסט, וואָס מען האָט צוגעלאָזט צו דער דאָזיקער געשלאָסענער זיצונג. אין דעם גרויס־אַרטיקן זאַל, וואָס האָט שטענדיק אַריינגענומען טויזנטער מענטשן, האָבן דאָסמאָל נאָר אַ פּאָר הונדערט געמוזט אָננעמען דעם גורלדיקן באַשלוס. די ליידיקע בענק אַרום, די שפּעטע שעה פון דער נאַכט, דער טיפער אומרו פון דער לאַגע, אַלץ צוזאַמען האָט געדריקט אויף אַלעמענס הער־צער. דזשערזשינסקי, וואָס איז תמיד אַזוי טריי געווען צו לענינען, האָט איצט מיט אַ פאַרווירטן געזיכט און צעשויבערטע האָר געקוקט אויף אים פון אַ זייט. די נשמה פון אָט דעם מענטשן — דעם טשעקאַ פירער — האָט געוואָלט זיין נאָר שטאָל און אייזן. זי איז אָבער איצט צעריסן געוואָרן צווישן דיביידע לאָיאַליטעטן: צו לענינען און צו

זיין פוילישן לאַנד. דער קאַלט־סיסטעמאַטישער פּאַרזיצער, סווערדלאָוו, האָט גענומען דורכפירן די אָפּשטימונג, ביי וועלכער יעטוועדער האָט געזאָלט אויסרופן יאָ אָדער ניין.

די וואָס האָבן געפאָדערט די אָפּוואַרפונג פונעם אולטימאַטום האָבן אַרויסגערופן זייער „ניין" מיט אַ לויטער, קלאַנגפולער שטים. די אַנדערע, די באָלשעוויקעס, האָבן מיט זיכערע אָדער שטילערע שטימען אָפּגערופן זיך מיט „יאָ". אַ גאַנץ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אָפּשטימונג. די מערהייט איז געווען פאַר לעניגען. אַז סווערדלאָוו האָט פּראָקלאַמירט די צאָלן: 113 — פאַר, 85 קעגן, 45 אָפּגעהאַלטן זיך — האָט זיך פון אַ פלאַץ דערהערט די האַנט־פּאַטשעריי פון איינעם אַ באָלשעוויק. זיינע פּאַרטיי־הענט האָבן נישט געקענט אָפּהאַלטן זיך פון באַגריסן דעם רעזולטאַט. אָבער פון אַלע זייטן האָט מען זיך אַ וואַרף געטאָן איינצושטילן אים. „שעמט איר זיך נישט?" — האָט איינער אויסגערופן צו אים. עס איז געווען 2 אַזייגער אין דער נאַכט.

מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און די פאָלקס־קאָמיסאַרן האָבן זיך צוריקגעצויגן אין אַ צימער הינטער דעם זאַל. לענין האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם טעקסט פון דער טעלעגראַמע, וואָס האָט געזאָלט תיכף אַפּגיין קיין בערלין. די רעגירונג האָט איצט געדאַרפט אויספירן דעם באַשלוס פון דעם צענטראַל עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. און אַ רעזאָלוציע אין דעם גייסט איז רעדאַגירט געוואָרן ביי אָט דער זיצונג. רעזאָלוציעס פון דער רעגירונג פלעגן מערסטנס אונטערגעשריבן ווערן פון פאַרזיצער, לענין, און עטלעכע קאָמיסאַרן, אַחוץ דעם סעקרעטאַר. אַז לענין האָט אונטערגערוקט די איצטיקע רעזאָלוציע צו מיר, האָב איך געענטפערט, אַז איך וועל זי נישט אונטערשרייבן. „פאַרוואָס ?" — האָט ער מיט אַ זיכטבאַרער אומצופרידנקייט געפרעגט. „דאָס איז איצט דער אָפיציעלער באַשלוס פון ב. א. ק. און די רעגירונג מוז אויספירן".

— יאָ — האָב איך געזאָגט — אָבער מען קען אַרויסטרעטן פון דער רעגירונג כדי אים נישט אויסצופירן.

האָט ער די רעזאָלוציע געגעבן אונטערצושרייבן די אַנדערע קאָמיסאַרן און איז געשעפטסמעסיק אַריבער צו דער פאָלגנדיקער פראַגע; צוזאַמענשטעל פון אַ נייער דעלעגאַציע קיין ברעסט־ליטאָווסק. טראָצקי, קאַמענעוו, יאָפע, וואָס האָבן געפירט די אונטערהאַנדלונגען אין דעם ערשטן פעריאָד, זענען מער נישט געווען דערביי. (טראָצקי האָט בכלל

רעזיגנירט פון זיין פּאָסטן אַלס אויסן־פּאָליטישער קאָמיסאַר). איצט זענען אַריין יענע, וואָס האָט צוגעשטימט צו דער קאַפּיטולאַציע: טשי־טשערין, סאָקאָלניקאָוו, קאַראַכאַן.*)

דער וועג פון קאַפּיטולאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס נאָך מער דאַרנדיקער ווי דער באַשלוס. די סאָוועטישע דעלעגאַציע האָט איניקע טעג אַרומגעוואַנדערט ביז זי האָט געטראָפן די דייטשן. דערווײַלע האָט די דייטשע אַרמיי, נישט געקוקט אויף דער הכנעה־טעלעגראַמע, ווייטער מאַרשירט אין לאַנד. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געגאַנגען דווקא אויף פּעטראָגראַד, כדי צו באַזייטיקן די סאָוועט־רעגירונג בכלל. און עס איז געווען אַ נאַכט פון שרעק און אויפברויז ווען אפילו לענין האָט אין פאַרצווייפלונג גערופן „אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען" צו מאָביליזירן זיך און צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. אָבער דער שרעק איז געווען אַן אומזיסטער, די דייטשע דיפּלאָמאַטן האָבן זיך ענדלעך געלאָזט זען, האָבן פאָרמולירט נאָך שאַרפערע באַדינגונגען ווי אין יענעם אולטי־מאַטום, — און האָבן אונטערגעטראָגן אַ נייעם דאָקומענט. די דעלעגאַטן, סאָקאָלניקאָוו און די אַנדערע, שפּירענדיק דעם הייסן אָטעם פון לענינען אין זייער רוקן, האָבן עס אונטערגעשריבן, „נישט לייענענדיק אפילו", מיט אַ פּראָטעסט אַז עס איז אָנגעקומען זייער טעלעגראַמע, אַז זיי פאָרן צוריק אַהיים, איז אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן ביי לענינען; ער האָט געהאַט וואָס ער האָט געוואָלט.

אָבער דאָך איז די אַקציע נישט געווען פאַרענדיקט. דער שלום־אָפּמאַך האָט געזאָלט ווערן ראַטיפיצירט פון דער העכסטער אינסטאַנץ אין לאַנד, און די באָלשעוויקעס האָבן געוואוסט, אַז דאָס מוז זיין דער סאָוועט־קאָנגרעס אַליין. צוויי וואָכן צייט זענען פאַרבליבן ביז זיין צונויפרוף אין מאָסקווע, און אָט דער צייט־שטח האָט געזאָלט פריי אויס־גענוצט ווערן פון די ביידע לאַגערן פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע. אונדזער פּאָליטישער חבר, פּראָשיאַן, איז געווען דער פּאָסט־און־טעלעגראַף־קאָמיסאַר. האָט ער געזאָרגט דערפאַר, אַז אויך די שטים פון די ניין־זאָגער זאָל הילכיק אָפּקלינגען אין אַלע עקן פון לאַנד. (און דאָס רוסישע

---

*) סטאַלין איז געווען איינשטימיק מיט לענינען און מיט זיי. אָבער זייער סוף איז נישט געווען קיין פריילעכער שפּעטער. קאַראַכאַנען האָט מען דערשאָסן, סאָקאָלניקאָוון — האַלב־דערשאָסן)פאַראורטיילט און באַגנעדיקט), טשיטשערין האָט זוכה געווען צו שטאַרבן מיט זיין אייגענעם טויט, נאָכדעם ווי ער איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין פּאָסטן אַלס אויסערן־קאָמיסאַר.

לאַנד איז געווען געוואַגט גענוג גרויס !). עס איז שווער צו זאָגן ווי די פאָרמו־
לירונג פון דיביידע צדדים און אין וואָס פאַר אַ קלאָרער פאָרם זיי זענען
דערגאַנגען צו די ברייטסטע מאַסן פון פאָלק אין אַזאַ קורצער צייט. אָבער
זיי האָבן געקענט דערגיין, ווייל דער ווילן דערצו איז געווען.

רעוואָלוציעס אין פלאַמענדיקע ווערטער (פאַר שלום! פאַר קאַמף !)
זענען געפלאָסן ווי זודיקע לאַווע פון סאָוועטן, פון פראָווינצן, פון אַרמיי־
טיילן. מען האָט נישט געוואוסט וועלכע ריכטונג איז שטאַרקער, ביז
דער קאָנגרעס האָט זיך נישט פאַרזאַמלט אין מערץ אין מאָסקווע.
און דאָ איז געווען ווידער אַ מערהייט פאַר לענינען. אמת, די רייך־
פראָלעטאַרישע סאָוועטן און אינדוסטריע־אָרגאַניזאַציעס האָבן מער־
סטענס געזאָגט „ניין", און די פויערישע סאָוועטן און אַגראַרישע
געגענטן האָבן געפאָדערט שלום. אמת, לענין האָט אַזוי אַרום נישט
געקענט שטיצן זיך אויף זיין אייגענער, זינט יאָרן באַגרינדעטער,
סאָציאַלער גרונדלאַגע: דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער איצט איז דאָס
פאַר אים נישט געווען וויכטיק. ער האָט געשטרעבט צו באַקומען
אַן „אָטעם־פויזע", אַ שטיקל רואיקע צייט כדי צו באַפעסטיקן די
מלוכה׳שע מאַכט. האָט ער זיך טאַקע אויף דעם קאָנגרעס אַנטפלעקט
אין אַ נייעם ליכט: ער האָט פאַרטראָטן איצט נישט דעם אינטערנאַ־
ציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, נאָר דאָס נאַציאָנאַלע לאַנד, רוסלאַנד. צוויי
פרינציפן זענען זיך געשטאַנען אַנטקעגן: אינטערנאַציאָנאַלער אויפ־
ברויז קעגן נאַציאָנאַלן שלום; קאַמף פאַר אידעע קעגן קאַמף פאַר
מאַכט; רעוואָלוציאָנערע ערלעכקייט קעגן פאָליטישן אָפּאָרטוניזם.

אַז אַ מערהייט פון 700 דעלעגאַטן קעגן 300 האָבן דעם 15טן
מערץ פון יאָר 1918 באַשלאָסן צו באַשטעטיקן דעם אָפּמאַך מיט דייטש־
לאַנד, האָט אונדזער פאַרטיי אָנגענומען דעם באַשלוס אַרויסצוטרעטן
פון דער רעגירונג. אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע
צו לייענען די דעקלאַראַציע וועגן דעם ביים קאָנגרעס. טויזנטער
מענטשן, דעלעגאַטן און געסט, האָבן אין יענעם אָוונט אויסגעפילט דעם
מיט העלן עלעקטרישן ליכט באַגאָסענעם זאַל. הגם מען האָט זיך
געריכט אויף אונדזער באַשלוס, איז אָבער די שפּאַנונג געווען אויסער־
געוויינלעך. האָט עס דאָך באַטייט דעם ערשטן אָפענעם קאָנפליקט
אין דעם סאָוועטישן לאַגער. וואָס וועט דערפון אַרויסוואַקסן? איך
האָב זיך אָבער געפילט אַ סך רואיקער און קלאָרער ווי אין טאַוורישן
פאַלאַץ דעם 24טן פעווראַל. עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט אַראָפּ־

נעמען פון אונדז די טרויעריקע פליכט פון אויספירן די קאַפּיטולאַציע־פאָדערונגען.

ביי אַ געשפּאַנטער שטילקייט פון זאַל האָב איך פאַרענדיקט לייענען אונדזער דערקלערונג. אַז איך האָב זיך פאַמעלעך דורכגעשטופּט צו די הינטערשטע רייען פון דער עסטראַדע, האָט זיך צו מיר אַ וואָרף געטאָן מיט עכטן צער אין זיין גאַנצער פיגור דער הויכגעוויקסיקער און גוטמוטיקער מוראַלאָוו. דער אַמאָליקער פאָלקס־לערער, איז איצט געווען אַ הויך־שטייענדיקער מיליטערישער קאָמאַנדיר און אַ שאַרפער קעגנער פון ברעסטער שלום. אונדזער אַוועקגיין פון דער רעגירונג האָט אים געוויזן דעם „שלום" פון אַן אַנדער געפערלעכער זייט, און ער האָט מיט גרויס זאָרג געטרייסלט מיט די הענט. „טוט עס נישט! פאַרוואָס טוט איר עס?" הינטער אַ פאַרהאַנג איז געשטאַנען די הויכע פיגור פון דעם שווער־לייביקן, שוואַרץ־וואָנציקן מאַרינע־קאָמיסאַר דיבענקאָ. דער רעבעלישער און לעבנס־לוסטיקער מאַטראָס, וואָס איז אַמאָל", אין די אָקטאָבער־טעג ערשט, געווען אַ באַלשעוויסטישער העלד, האָט מיט אַ פאַרחושכטן פּנים געקוקט אַרום זיך, עפּעס ווי ער וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן. זינט ברעסט־ליטאָווסק איז ער אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט לענינען, און ער האָט געפילט דעם אומחן, וואָס איז געפאַלן אויף אים. טאַקע אין דעם זעלביקן אָוונט, הינטער אַ פאַרהאַנג פון דעם זעלביקן זאַל, האָט מען אים אַרעסטירט. שפּעטער האָב איך אים פאַרטיידיקט אין רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, אָבער יענע געשיכטע געהערט נישט אַהער.

⁂ ⁂ ⁂ ⁂

זאָל זיין אַזוי! רוסלאַנד האָט דעמאָלט אונטערגעשריבן דעם אומווירדיקן שלום. אָבער ווי ווערדיק און אחריותדיק עס זענען געווען די פאַרמען פון דעם אַקט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז געשען אין דער דריטער וואָך פון יוני 1940, אין דעם וואַלד פון קאָמפּיען. סיי ביים אָפּשליסן דעם וואַפנשטילשטאַנד, סיי דעם 10טן פעברואַר 1918 האָט דאָס „אומלאַיאַלע" רוסלאַנד געזוכט צו פאַרהיטן מיט אַלע מיטלען די אינטערעסן אָדער אָפּצוואונדן די געפאַרן פון זיינע פריערדיקע שותפים־מלוכות און פעלקער. און אַז לענינס פּאָליטיק האָט שוין געהאַט געצוואונגען דאָס רוסישע פאָלק אַריינצוטרעטן אין סעפּאַראַטע פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד, איז דאָס נישט געשען הינטער דעם פאָלקס פּלייצעס, אין אַ פאַררעטערישער שנעלקייט. דער צ. א. ק. האָט

עסליידנשאַפטלעך דיסקוטירט, די פרעסע (אויך די נישט־סאָוועטישע) האָט נאָך דעמאָלט עקזיסטירט) האָט עס אָפּן באַהאַנדלט. אפילו נאָכ־דעם ווי די רעגירונג האָט שוין געהאַט צוגעשטימט צו דעם אולטימאַ־טיוון שלום, איז נאָך — ביז צום ראַטיפיצירן עס אויף דעם קאָנגרעס — אָנגעגאַנגען אין לאַנד אַן אָפּענער קאַמף אַרום אים.

עס איז געווען אַ באַזונדערע פּאַרטיי און אַ ברייטער לאַגער אין פאָלק, וואָס האָט אַקטיוו געקעמפט פאַר אָפּוואַרפן דעם אָפּמאַך. אַלע מעגלעכע סברות און אַרגומענטן בנוגע דעם פּאַטאַלן באַשלוס, סיי בנוגע רוסלאַנדס צוקונפט, סיי בנוגע די אַלמענטשלעכע אידעאַלן, זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט ערלעכער שאַרפקייט. נישט נאָר פּרעסע און פאַרזאַמלונגען, אויך דער טעלעגראַף האָט אין יענע צוויי וואָכן געדינט דעם אידעען־געפעכט פון ביידע לאַגערן. אַ פאָלק איז צום ערשטן מאָל מאָביליזירט געוואָרן אין רוסלאַנד צו נעמען אָנטייל אין דער לייזונג פון זיין גורל־פראַגע. און אויב לעניגס שטאַנדפּונקט האָט דאָך באַקומען די איבערהאַנט, האָבן די קעגנער נישט געקענט באַ־שולדיקן וועמען נישט איז אין אַריינגנאַרן אָדער פאַרגוואַלטיקן די מאַסן.

אָבער אין פראַנקרייך, וואָס האָט זיך געריימט מיט אירע דעמאָ־קראַטישע אינסטיטוציעס, האָט מען נישט נאָר דערלויבט דער פּאַניק צו באַהערשן די לאַגע, מען האָט דירעקט באַנוצט די פּאַניק, כדי הינטער דעם רוקן פון פאָלק און קעגן דעם ווילן פון דעם נאָענטסטן שותף — ענגלאַנד, אָפּצושליסן אַ שלום, אָוועקגעבן דעם זיגער דאָס לייב מיט דעם לעבן, אונטערצוגעבן זיך אָן שום גאַראַנטיעס. דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז מיט געבונדענע הענט און פיס, מיט אַ פאַרשטאָפּטן מויל איסגעליפערט געוואָרן צו דעם שונא.

דאָס פראַנקרייך פון מערץ 1918 האָט מיט ביטערער אויפרעגונג באַשימפּט דאָס נייע רוסלאַנד פאַר דעם „פאַררעטערישן שלום". אין יוני 1940 זענען די אַלע באַשולדיקונגען צעזייט געוואָרן ווי רויך אויפן ווינט. עס איז טאַקע פאַראַן אַ היסטאָרישע לאָגיק אין דעם, וואָס די רעכטסטע פון די רעכטע האָבן איצט איבערגענומען די פירונג פון זייער צעקאַליעטשעטן פאָטערלאַנד.

אַריסטאָקראַטיע און יחוס

איך האָב טעלעפאָנירט צום סעקרעטאַר פון לײדי גאָאורי און געבעטן װעגן אַן אױדיענץ. מען האָט מיך אײנגעלאַדן אויף פינף אַזײגער דעם זעלביקן טאָג. אַ קאָקעטיש אויסגעפוצטע פּאַסאַזשיר־שיף האָט געפירט איבער די שטילע װאַסערן פון סידנעיער האַפן צו דער געגנט „קיריבילי", װאו עס שטײט דאָס אַדמיראַלס־הויז, די רעזידענץ פון גאָװערנאָר־דזשענעראַל אין דער שטאָט. יעדעס מאָל װען מיר קומט אויס צו שיפן זיך איבער דעם האַפן, װערט די נשמה ממש געפאַנגען גענומען פון דער שטילער פילפאַרביקער אומגעגנט, פון דער רואיקייט און פרידלעכקייט װאָס שטראָמט אַרויס פון די הײזער, פאַבריק־קוימענס און באַזונדערס פון דעם מעכטיקן און לײכט־גראַציעזן סידנעי־בריק.

גלײך בײם אײנגאַנג־טויער פון דעם פּאַלאַץ שטײט אַ װאַך־פּאָסטן. מען באַגריסט זיך אײנפאַך, איך װאָלט געזאָגט הײמיש. איך זאָג אים אַז איך האָב אַ באַגעגעניש מיט לײדי גאָאורי, אָבער איך בין געקומען אַביסל צו פרי. צי קען איך אַ װײלע אָפּװאַרטן אין זײן װאַך־שטיבל דאָ דערבײ?

— געװיס יאָ. — איך זעץ זיך, ער שטײט רואיק, מיט אַ פרײנט־לעכן שמײכל. מיר װאַרפן זיך איבער מיט באַמערקונגען װעגן עפּעס. פּלוצים זעצט ער זיך צו אויף אַ שטול, און דער הויכװיקסיקער, ברײט־פּלײציקער פּאָליציאַנט פאַרװאַנדלט זיך אין אַ שװאַך מענטשן־קינד. ער רײבט מיט זאָרג אין פּנים, זײן רעכטן פוס, ציט אַרויף אַביסל דעם הויז און זאָגט מיט אַ שװאַך קול: „די טעג ערשט האָט עס דאָ אָנגעהויבן װײ צו טאָן . . איך װײס נישט פון װאָס . . . געפאָרן אויף אַ בײסיקל און פּלוצים דערפילט אַזאַ װײטאָק . . . זאָל איך איצט גײן אין האָספּיטאַל?" . . .

ווי יעדער קראַנקער, וואָס שטייט אין דעם אָנהייב פון אַ געהיימניספולער מחלה, קוועטשט ער מיט די פּלייצעס, וויל עס מאַכן צו קליינגעלט און האָט מורא פאַר זיינע אייגענע חשדים. ער זוכט ביי אַ צופעליקן גאַסט אין זיין שטיבל טרייסט. איך קוק אין זיין געזיכט מיט דעם פאַרלוירענעם שמייכל און רייד אים צו צו גיין טאַקע באַלד אין האָספּיטאַל.

צי וואָלט אַזאַ געמיטלעכע שטימונג מעגלעך געווען אין אַן אייראָפּעאישן לאַנד? איך קום דאָך צום פּלאַץ פון אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, און דערצו נאָך אין אַ מלחמה־צייט. מיט וואָס פאַראַ שרעקעדישן און דראַאונגען איז אַרומגערינגלט אַזאַ טיטול, און באַזונדערס אַזאַ מענטש, אין אַ דייטשלאַנד, אַ רוסלאַנד, אַ פראַנקרייך. אַ צווייפאַכער צויבער, פון מלוכה און פון אַרמיי, ווערט אַרויפגעצויגן אויף די הויכגעשטעלטע פּערזאָנען אין אייראָפּע. אין ענגלאַנד און דאָ איז דער צויבער גאָר־ניט פאַראַן.

מיט אַ צייט צוריק האָב איך נאָכגעפאָלגט אין סידנעי דעם ערשטן מאַרש איבער די גאַסן פון דער אויסטראַלישער דיוויזיע וואָס האָט געזאָלט אָפּפאָרן צום קריג. עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג, און עס איז געווען שווער צו שטיין אויף די פיס די פאָר שעה. אָבער עס איז געווען ווערט. איך האָב געזען אַ מערקווירדיק בילד. די הויכע און שלאַנקע סאָלדאַטן וואָס האָבן אַזוי ענערגיש מאַרשירט האָבן קוים געהאַט אַ גייסטיקע ענלעכקייט מיט „אונדזערע" אייראָפּעאישע סאָלדאַטן. עס איז נישט געווען אין זיי קיין שום צייכן פון דעם עכטן מיליטאַריזם, אָט פון יענער אָנגעבלאָזענער און פאַראַכטנדיקער גרויסקייט וואָס באַשיינט אַזוי די קלאַסישע סאָלדאַטן. זיי האָבן געטראָטן ריטמיש און אפילו עלעגאַנט, איינגעטיילט לויט מיליטער־גרופּן. די ביקסן האָבן, ווי אין אַלע אַרמייען, געשטראַלט אין דער ברענענדיקער זון און צוגעגעבן זיי דעם ערנסטן כאַראַקטער פון אַ מחנה וואָס גייט אין קאַמף. זיי זענען געגאַנגען פאַרביי דעם מאָנומענט פאַר די געפאַלענע אין פריערדיקן קריג, און זיי האָבן אַלע לויט באַפעל געווענדעט זייערע אויגן צו די סימבאָלישע פיגורן אַרום דעם גראַניט־קבר. פאַראויס פון יעדער גרופּע האָבן מאַרשירט אָפיצערן.

אָבער זיי אַלע צוזאַמען האָבן נישט אַרויסגערופן דעם איינדרוק פון אַן אַרמיי, וואָס לעבט פאַר זיך אַליין, אָפּגעשלאָסן פון פאָלק. עס איז דאָ נישט געווען קיין שמץ פון „מיליטערישן שטאָלץ". און אפילו

די אַפּיצערן (וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט דורך אַ פּאָר שליפּעס אויף די אַרבל) האָבן זיך געהאַלטן נאָר ווי העכער שטייענדיקע סאָלדאַטן. דאָס איז געווען באמת, אין געגניען זינען פון וואָרט, די אַרמיי פון פרייע בירגער. איר האָט זיי ממש געזען — די אַרבעטער, פּויערים, אַנגעשטעלטע, קליינע באַאמטע — הינטער זייער געמיינזאַמען אוני־פאָרם. זיי האָבן זיך פרייוויליק פון זיך אַליין צונויפגעזאַמלט, און אַז די מלחמה וועט אויסגיין וועלן זיי פונקט אַזוי ווידער פאַנאַנדערשיטן זיך איבערן לאַנד. איז עס קיין וואונדער נישט וואָס די הונדערטער טויזנ־טער איינפאַכע בירגער, פרויען און קינדער, האָבן זיי באַגריסט אויף די גאַסן מיט אַ היימישער, פשוטער וואַרעמקייט. און טרעפט מען אַזוינע סאָלדאַטן אין גאַס, חדושט מען זיך איבער זייער נאַכלעסיק אָנטאָן זיך, איבער זייער פויל אַרומדרייען זיך און שמועסן מיט וועמען עס זאָל נישט זיין. דער סאָלדאַטן־מאַנטל איז אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס, און נישטאָ, דוכט זיך, דער סאָלדאַטישער ברען. מאַכט נישט קיין טעות! אָט די כלומרשט נאַכלעסיקע מענטשן זענען עכטע קינדער פון פאָלק, און זיי וועלן אים פאַרטיידיקן מיט ברען ווען עס וועט קומען די שעה.

איך בין צוגעקומען צו דעם פּאָרטאַל פון דער געבידע, אַ באַקאַנ־טער אָפיצער האָט באַגריסט און אַ לאַקיי אין אַ ליוורי האָט מיך אַריינ־געפירט אין איינעם פון די גרויסאַרטיקע זאַלן. ליידי גאַאורי איז שטיל אַריינגעקומען און האָט געבעטן צוזעצן זיך צום פייער פון קאַמין. אַן עלטערע פרוי, הויך און צאַרט, מיט ווייכע, גוטמוטיקע אויגן, מיט אַ פריינטלעכן שמייכל פון אַ ליבער מומע. אַ גאַנצן טאָג פירט זי דאָס לעבן פון אַן אַריסטאָקראַטישער דאַמע, זיצט אין קאָמיטעטן פון רויטן קרייץ, רופט דעם עולם צו געלט־זאַמלונגען, סטאַרעט זיך צו מאָבי־ליזירן די פרויען. איצט איז זי אין אַ היימישן קלייד, פריי פון צערע־מאָניעס, רעדט ווי אַ פריינט.

זי וויל וויסן ווי גייט אָן די אַרבעט אַרום קימבערליי. דערצייל איך וועגן די דערגרייכונגען אין סידנעי, וועגן דער באַראַטונג מיטן פרעמיער פון מערב־אויסטראַליע, באַווייז איר זיין בריוו מיט אַ צוזאָג אויף שפּעטער. עס איז נישטאָ אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך, סידנעי האָט זיך אַרויסגעוויזן פריינטלעכער ווי מען האָט דערוואַרט. דער פאַר־דרוס איז נאָר וואָס מען מוז דערווייל אָפּלייגן די זאַך. מען קען איצט נישט קומען דערמיט צו דער רעגירונג. זי הערט זיך איין מיט יענעם טיפן אינטערעס וואָס באַווייזט אַז דער ענין איז נאָענט צו איר האַרצן.

— ווען רעכנט איר וועט מען קענען ווייטער אָנגיין ? — פרעגט זי.

זאָג איך : ווי נאָר מיר וועלן באַקומען בעסערע ידיעות פון אייראָפּע און איך גלויב, אַז מיר וועלן זיי האָבן באַלד . . .

רעדט מען שוין וועגן די אַלגעמיינע פראַגן, פרעגט זי וואָס טראַכט איך וועגן רוסלאַנדס פּאָליטיק, וואָס באַדייט דאָס באַזעצן פון בעסאַראַביע, צי איז דאָס קעגן דייטשלאַנד ? . . .

עס איז אַביסל מאָדנע וואָס אויך זי, די מענטשן וואָס שטייען נאָענט צו דעם רעגירונג־קוואַל, האָבן די זעלביקע זאָרג, טראַכטענישן און אומקלאָרקייטן וואָס מיר אַלע, געוועגלעכע צייטונג־לעזער. זי איז צופרידן פון מיין דערמונטערונג, הגם זי זאָגט דאָס נישט דירעקט. זי זיצט טיף פאַרזאָרגט, אַרויסזאָגנדיק שטיל אַז זי גלויבט אין אַ גרויסער ענדערונג פון דער וועלט נאָכן קריג. זי קומט ווידער צוריק צו קימבערליי און פרעגט וואָס קען מען טאָן איצט פאַר דער זאַך.

אומדערוואַרטעט דערשיינט מיטאַמאָל לאָרד גאַאורי, איר מאַן. דאָס איז אַ פיינע געשטאַלט פון אַ הויך־וואוקסיקן און שלאַנקן מאַן מיט אַ גרויען קאָפּ, אין מיליטערישער קליידונג. דער מיליטערישער בגד ליגט אויף אים זייער נאַטירלעך, און אויף דער ברוסט שימערן אומצאָליקע מעדאַלן. אָבער ווידער אַמאָל : נישטאָ אין דער פאַראַדנער געשטאַלט קיין שום מיליטערישע גדלות, נישט אַ שפּור פון אַ „מלחמה־לאָרד". די מילדע אויגן איבער די גרייז־גרויע וואָנצעס באַלויכטן אַ דורכאויס פרידלעך געזיכט. איר קענט גלייך זען דעם יידן וואָס איז אַריינגעטאָן אין שפּילן זיך מיט די קליינינקע אייניקלעך. און זעט מען זייביידן — מאַן און פרוי — צוזאַמען, איז דאָס מסתמא דער טיפּ פון אַן ענגלישער פאַרמעגלעכער, טיטולירטער, פיין דערצויגע־נער פאַמיליע.

אויך ער אינטערעסירט זיך תכף מיטן גאַנג פון מיין אַקציע, אויך ער איז צופרידן מיטן בריוו פון מערב־אויסטראַלישן פּרעמיער. „דאָס איינציקע — זאָגט ער — וואָס מען פרעגט שטענדיק איז : צי וועט אייער געזעלשאַפט האָבן די פינאַנסן אויף צו האַלטן די קאָלאָניסטן אויפן פּלאַץ, ווייל אויב זיי וועלן פאַרלאָזן קימבערליי און גיין אין די שטעט, וועט דאָס פאַלן צו לאַסט פון אויסטראַליע". ער איז העכסט צופרידן צו הערן פון מיר אַז פון דער זייט דראָעט נישט אונדזער פּלאַן קיין שום געפאַר. „דער איינציקער אַרגומענט וועלכן איך הער דאָ אָפט איז אַז מען זאָל נישט שאַפן קיין קאָלאָניעס פון

אויסלענדער״ — זאָג איך צו אים. אָבער דאָס וואַרפט ער אָפּ מיט אַן ענערגישער האַנט־באַוועגונג. „ניין, פון דעם אַרגומענט האַלט איך גאָרנישט. די קאָלאָניע וועט דאָך נישט זיין קיין פּאָליטישע. די עמיגראַנטן וועלן דאָך קומען פון פאַרשיידענע שטאַטן, נישט אַזוי? . . . איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער האָט דעם פּונקט נישט איינמאָל פאַר־טיידיקט לגבי אַנדערע. ער האָט איינגעשטימט אַז —נישט געקוקט אויף דער מלחמה — דאַרף מען ווייטער אָנגיין מיטן פּראָיעקט.

מען איז אַריבער אויף די טאָג־פראַגן. צי גלויבט איר באמת — האָב איך געפרעגט — אַז היטלער וועט מאַכן דעם אָנפאַל אויף ענג־לאַנד? קען דאָס בכלל געלינגען?

— געוויס נישט. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט מען נישט געדאַרפט טראַכטן וועגן דעם. אָבער היטלער איז אַן אומנאָרמאַלער מענטש און ער קען וואַגן אפילו דאָס . . .

אַז איך האָב דערמאָנט ווי מענטשן־פריינטלעך און קלוג די רע־גירונג האַנדלט לגבי די „פיינטלעכע אויסלענדער״ וואָס זענען דאָך קרבנות פון דייטשלאַנד, האָט ער דאָס מיט לעבעדיקייט באַשטעטיקט. „אַזוי מוז דאָס זיין . . . ענגלישע גערעכטיקייט זאָגט אַז עס איז בעסער צו באַפרייען איין שולדיקן צווישן צען אומשולדיקע, איידער צו באַ־שטראָפן צען אומשולדיקע צוליב איינעם אַ שולדיקן . . . דאָס וואָלט געווען קעגן אונזערע באַגריפן פון גערעכטיקייט . . .

און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַזאַ שטאַרקייט ווי איך האָב דאָס אין אים נאָך קיינמאָל נישט באַמערקט: „ניין, דאָס וועט נישט זיין . . . די רעגירונג איז פעסט אין דעם״.

ליידי גאַאורי האָט דערמאָנט וועגן מיין בוך „ספּירידאָנאָוואַ״ וועלכן זי האָט מיט אינטערעס דורכגעלייענט און וויל איצט איבער־געבן צו אים. „מיר וועלן דאָס פון אייך נישט אַוועקנעמען, איר וועט דאָס האָבן צוריק״ — האָט זי מוסיף געווען מיט דעם זעלביקן ווייכן שמייכל. זיי באַגלייטן מיך אַרויס, און די גרויסע אָפּיציעלע זאַלן קוקן אויס ווי היימישע צימערן. אַז איך גיי איצט צוריק דורך דער פינצטערער בוימער־אַלעע פאַרביי דעם גריסנדיקן וואַך־פּאָסטן, פיל איך אַ באַזונדערע וואַרעמקייט אין זיך. דאָס איז דער צויבער פון די אידעלע צוויי מענטשן וועלכע איך האָב אָקאָרשט באַגעגנט.

⁑ ⁑ ⁑ ⁑

דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געטראָפן די מענטשן. ער איז געווען אַן אומדערוואַרטעטע הילף פון מזל בעת איך האָב דערהערט פאַריקן יאָר זייענדיק ביי די דוראַקס, אַז דער גאָווערנאָר־דזשענעראַל מיט זיין פרוי קומען באַזוכן דאָס זעל־ביקע קימבערליי־לאַנד. איך האָב געלייענט, אַז זיי וועלן באַלד, אין אויגוסט 1939, פאַרלאָזן זייער הויכן פאָסטן אין אויסטראַליע און אומקערן זיך צוריק קיין ענגלאַנד. האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַ אונטערשטיצונג דאָס וועט זיין ווען זיי וועלן אין ענגלאַנד באַריכטן וועגן דעם דאָזיקן געהיימניספולן לאַנד, וואָס שטראַלט פאַר אונדזערע אויגן. אַזעלכע הויכגעשטעלטע און קאָמפּעטענטע מרגלים וועלן איבערצייגן דאָרטן אַלע סקעפּטיקער . . .

זיי זענען געקומען פון קימבערליי באַגייסטערטע. באַגייסטערט פון דער נאַטור, איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט פון קאָלאָניזאַציע, פריינטלעך צו דער אידעע פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן אינגאַנצן באַשטעטיקט מיינע דערפאַרונגען און האָפענונגען. דערצו האָט זיך נאָך אַרויסגעשטעלט, אַז צוליב דער מלחמה־געפאַר וועלן זיי פאַרבלייבן אויף זייער פאָסטן אין אויסטראַליע אויף ווייטער. סיי מר. דוראַק סיי מר. מיילס (דער דעפּוטאַט פון מערב־אויסטראַלישן סענאַט) האָבן אַראַנזשירט איך זאָל זיך טרעפן מיט גאָאורי אין פּערט. דער איינדרוק וועלכן איך האָב גלייך באַקומען פון אים איז פאַרבליבן דערזעלביקער אויך שפּעטער: איינפאַכקייט, באַשיידנקייט, אויפריכ־טיקייט, פריינטלעכקייט פון אַ גוטן מענטשן. ער איז דעמאָלט נישט געווען מיליטעריש געקליידעט. ביי דעם קאַמין האָבן מיר געפירט דעם שמועס און ער האָט געלויבט די קימבערלייס, זאָגנדיק אַז ער האָט פריער נישט געוווּסט וואָס פאַראַ צוקונפטרייך לאַנד דאָס איז, הגם ער האָט געלעבט עלף יאָר אין אויסטראַליע. ער האָט געלויבט די מערב־אויסטראַליער אַלס די פריינטלעכסטע פון אַלע אויסטראַלישע בירגער.

— פון וואַנען קומט דאָס? — האָב איך געפרעגט, ווייל איך בין אויך געווען אַנטציקט פון זיי.

— אפשר דערפאַר ווייל דער שטאַט ליגט אַזוי ווייט אַוועק פון די גרויסע מזרח־שטאַטן . . . דאָ פילט זיך נאָך שטאַרק דער כאַראַק־טער פון אַ יונגער קאָלאָניע . . . און פּיאָנערן וואָס געדענקען זייערע אייגענע צרות זענען גרייט צו העלפן דעם שכן . . .

ער האָט געננוי אויסגעפרעגט וועגן די פּרינציפּן פון אונדזער פּלאַן, יעדעס מאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אונטערשטראָכן די סטראַטעגישע באַדייטונג פון אַזאַ ישוב אין צפון פון לאַנד. איר פאַרשטייט דאָך — האָט ער דערקלערט — אָפּיציעל קען איך זיך נישט מישן אין די רעגירונג־אַנגעלעגנהייטן. איך קען נאָר רעדן מיט מענטשן אומפאַרבינדלעך, אָט אַזוי ווי איצט, זיצנדיק בײַם קאַמין . . .

איך האָב געדאַנקט מיט גרויס באַפרידיקונג. דערנאָך האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין מעלבורן און סידנעי בעת אויף אים איז שוין געלעגן דער יאָך פון מיליטערישן אויבער־קאָמאַנדאַ. פונדעסטוועגן האָט ער יעדעס מאָל אַרויסגעוויזן די זעלביקע פאַראינטערעסירטקייט און גרייטקייט צו העלפן.

ליידי גאַאורי האָב איך געטראָפן שפּעטער אין קאַנבערא. דאָס איז געווען אַ משונהדיק־הייסער נאָכמיטאָג, אין יאַנואַר. בײַ אַ קליינעם טיי־טיש הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס האָט זיך פאַרזאַמלט איר שטוביקע געזעלשאַפט, אירע סעקרעטאַרן און אויך סער טאָמאַס בעווין. דער פייערדיקער בייטש פון דער מלחמה האָט זיך נאָך דעמאָלט נישט געהאַט אַראָפּגעלאָזן איבער די קעפּ ווי שפּעטער. האָט מען זיך נישט געזאָרגט צופיל, און איך האָב געמוזט דערציילן פון מיינע דעראינערונגען וועגן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד; ווי „מיר" האָבן אין יאַנואַר 1918 אַנדערקענט די אומאָפּהענגיקייט פון פינלאַנד. אָבער גלייך נאָך טיי האָט זי מיך אַרויסגערופן אין אַן אַנדער צימער און האָט מיט דער גרעסטער זאַכלעכקייט אויסגעפרעגט וועגן דעם קיבערליי־פּלאַן. זי איז ווייניקער געבונדן ווי איר מאַן און זי האָט געקענט רעדן מיט וויכטיקע פּערזאָנען וועגן דעם. האָט זי מסתמא געוואָלט וויסן וואָס צו ענטפערן די קעגנער. פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ אינטערעס? — האָב איך זיך געפרעגט — דאָס איז מער ווי פּאָליטישער אינטערעס. דאָס איז הומאַניזם, מיטלייד מיט די ליידנדיקע פּליטים, עפּעס אַ רעליגיעזע פאַרפליכטונג לגבי יידן . . . אירע טרויעריקע, ווייך־בליקנדיקע אויגן האָבן מיך באַגלייט אַ לאַנגן וועג נאָך דעם שמועס.

איך מוז זיך וואונדערן אויף זיך אַליין. פון די יונגע יאָרן אַן האָבן מיר, ראַדיקאַלן, געשפּירט אַן אינסטינקטיווע אָפּנייגונג קעגן טיטולירטע פּערזאָנען; אַזוי אין רוסלאַנד גופא, אַזוי לגבי ענגלישע לאָרדן. נאָך מער: אַ „לאָרד" איז געווען די עכטע פאַרקערפּערונג פון אַריסטאָקראַטיע. איצט זע איך די זאַכן אַביסל אַנדערש. זינט

איך בין געקומען קיין ענגלאַנד אין 1933 און האָב געגומען נעענטער צוקוקן זיך צום ענגלישן עפנטלעכן לעבן, האָב איך פאַרשטאַנען עפּעס וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן שוין פריער. נישט אַלע־מאָל זענען אַריסטאָקראַטן די ערגסטע, נישט אַלעמאָל זענען דעמאָ־קראַטן די בעסטע. אַזאַ פיגור ווי לאָרד ראָבערט סעסיל האָט געמאַכט אַ טיפערן איינדרוק ווי מיסטער רעמזיי מעקדאָנאַלד. בעת דער צוויי־טער האָט געדבערט און געדרשנט וועגן שלום האָט דער ערשטער געטאָן אין דעם. אומפאַרגעסלעך וועט פאַרבלייבן דער איינציק־אַרטיקער פאָלקס־רעפערענדום וועלכן ער מיט זיינע פריינט האָבן דורכגעפירט — קעגן דעם ווילן פון רעגירונג און פרעסע — צווישן די ענגלישע מאַסן אין יאָר 1935. זיי זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב צו די איינפאַכסטע שיכטן פון פאָלק. זיי האָבן זיי אויסגע־פרעגט וועגן זייער ווילן צו שלום און וועגן דער ליג אָף ניישאַנס, און האָבן אויפגעזאַמלט מיליאָנען שטימען. אַט דער לאָרד האָט זיך נישט געגעבן קיין רו, און זיין שטימע האָט זיך שטענדיק געלאָזט הערן וועגן דער אומגליק פון די דייטשע פליטים איז אויסגעבראָכן. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַלס פאַרזיצער פון דעם ראַט ביי דעם היי־קאָמישאָנער פאַר די דייטשע פליטים, מיט אַ זעלטענער זעעוודיקייט (אין 1934 !) אַז מען זאָל זוכן פאַר די יידישע אויסוואַנדערער נייע לענדער פאַר מאַסנהאַפטער קאָלאָניזאַציע.

אַזאַ טיפּ מענטש האָב איך געפונען שפּעטער צווישן אַ ריי אַנ־דערע ענגלישע אַריסטאָקראַטן. בעת מיר האָבן געגומען באַקענען די פירנדיקע פּאָליטיקער אין לאָנדאָן מיט אונדזער אויסטראַלישן „פריילאַנד"־פּראָיעקט, האָב איך געדאַרפט באַזוכן אייניקע צענדליק באַקאַנטע פּערזאָנען. איך האָב פון זיי דערוואַרט אַ שטייפע, קאַלט־אָפיציעלע באַציאונג, ווי עס וואָלט געווען אין אַנדערע לענדער. איך האָב געטראָפן אַ פשוטע, נישט־געקינצלטע, אויפריכטיקע, זייער אָפט האַרציקע באַציאונג. אין ערשטן אָנפאַנג בין איך געווען נשתומם, דערנאָך האָב איך זיך דערצו צוגעוואוינט. אַזוי איז דאָס מסתמא אין די בעסערע ענגלישע קרייזן. איך האָב גערעדט מיט פּאָליטיקער פון ביידע הייזער פון פּאַרלאַמענט, מיט קאָנסערוואַטיווע און אַרבעטער־דעפּוטאַטן, מיט געלערנטע פון הויכן שטאַנד, מיט פריוואַטע פּערזאָ־נען — און אומעטום איז דאָס געווען אַזוי: מער אָדער ווייניקער דער טיפּ פון לאָרד גאַאורי. (זאָל דאָס זיין דערפאַר ווייל מיין מיסיע האָט

מיך נאַטירלעך געפירט צו דער עליטע פון דער געזעלשאַפט, צו אירע הומאַניסטישע שפּיצן? אָבער צי איז פאַראַן אַזאַ עליטע ביי אַנדערע פעלקער?)

איך דערמאָן זיך אַ שמועס מיט אַ מאַן וואָס האָט נישט פאַרנומען קיין גאָר באַזונדערן פּלאַץ אין דער לאַנדאַגער עליטע: לאָרד סטאָנ־הייווען, אַ געוועזענער גאָווערנאָר־דזשענעראַל אין אויסטראַליע, אַ שער־האַלדער און געשעפטסמאַן פון אַ גרויסן פאָרמאַט. איך בין גע־קומען צו אים מיט אַ פּאָר מינוטן פריער ווי אָפּגערעדט, און זיין דינער האָט מיר אַריינגעבעטן אין זיין קאַבינעט. אַ צימער מיט ביכער און זשורנאַלן, דורכגענומען מיטן באַקאַנטן גייסט פון אַן אינטעלי־גענט. ער איז באַלד שנעל אַריינגעקומען און האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו רעדן דייטש אויב איך האָב שוועריקייטן מיט ענגליש. דאָס איז אַ פיינער זשעסט לגבי דעם אויסלענדער. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיין באַריכט, האָט אָנערקענט דעם ווערט פון אונדזער פּראָיעקט און צוגעזאָגט העלפן. מער נאָך: ער האָט גענומען געבן עצות ווי אָנצופירן אָמבעסטן דעם קאַמפּיין אין אויסטראַליע און צו באַקעמפן „געוויסע פאָראורטיילן". אַז ער האָט דערהערט אַז מיר זוכן אַ פּאָר נישט־יידישע ענגלענדער פאַר אַזאַ מיסיע, האָט ער, שטייענדיק ביים קאַמין און לאָזנדיק וואָלקנס רויך פון פּאַפּיראָס, פּלוצים אַ פרעג געטאָן: צו וואָס אייגנטלעך האַלט איר דאָס פאַר נויטיק? דאָס בעסטע וועט זיין ווען נאָר יידישע פאַרטרעטער וועלן קומען קיין אויסטראַליע און דערקלערן זייער זאַך. וועגן אַנדערע וועט מען אפשר שטעלן אומפּאַסנדיקע פראַגן . . .

ווי אָפט אין לעבן, קען אַמאָל אַ צופעליקע באַמערקונג פון אַ קלוגן מענטש אַרויסרופן אַן איבערקער אין אייערע פּלענער. זיין אָנרעגונג איז ביי מיר געבליבן שטעקן אין קאָפּ: איך האָב דערזען דעם צוקונפטיקן קאַמפּיין אין אַן אַנדער ליכט. מיר האָבן אויפגע־הערט צו זוכן מיט געוואָלט דעם אומבאַקאַנטן פאַרטנער אין וועג. איצט, דאָ אין סידנעי, מיט צוויי יאָר שפּעטער, זע איך ווי גערעכט ער איז געווען. נישט ווייסנדיק האָט ער אונדז באמת אַ העלף געטאָן. איך האָב דעמאָלט דערפילט צו אים אַזאַ צוטרוי אַז איך האָב אים דערציילט וועגן מיין דערפאַרונג מיט נישט־יידן אין ענגלאַנד. זיי ווייזן נישט אַרויס קיין אַנטיסעמיטיזם, פונקט אַזוי ווייניק ווי אַ ספּעציעלן פּראָ־סעמיטיזם. זיי באַציִען זיך צו יידן מיט דער זעלביקער פּשוטער־

רואיקייט ווי צו אַנדערע פעלקער. נישט זיי האָבן טענות צו יידן, נישט זיי פאַרענטפערן זיך פאַר זיי. בעת זיי רעדן וועגן אַ יידישער פראַגע, שוועבט נישט איבער זייער געזיכט יענער שאָטן פון אומזיכערקייט (אָדער פון שולד ?), וועלכן מיר טרעפן אַזוי אָפט ביי אַנדערע פעלקער, וועלכער דריקט אויס עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענעם שלעכטן, אָדער אפילו גוטן געפיל.

לאָרד סטאַנהייוועז האָט עס מיט אַ זיכטבאַרער צופרידנקייט אויסגעהערט און באַשטעטיקט. זיין באַציאונג איז געווען כמעט טיפּיש פאַר זייער אַ סך אַנדערע אין ענגלאַנד. עס קומט אַרויף אפילו אויפן געדאַנק אַז די כלומרשט סענטימענטאַלע פראַזע וועגן ענגלענדער אַלס ביבל־פאָלק איז גאָרנישט אַזוי אויבערפלעכלעך ווי מען מיינט.

:: :: :: ::

פון וואַנעט נעמט זיך אָט די מדה פון איידלקייט ביי אַריסטאָקראַטישע שיכטן, ביי דעם אַדל ? זיי זענען נישט בטבע בעסערע מענטשן, אָבער זיי זענען מסתמא קולטיווירט דורך דורות פון דערציאונג, פון רייכער און זיכערער עקזיסטענץ. צו קולטור מוז מען האָבן פרייע צייט אין לעבנס־וואַנדל, אַ רואיקן קאָפּ און אויסגערוטן גוף (האָבן אונדז שוין דערקלערט די גריכן). די רייכע שיכטן האָבן פאַרמאָגט אָט דעם אוצר פון פריי צייט, פון leisure ; רופט **מען** זיי **טאַקע די** leisured classes. האָבן זיי געקענט (נישט אַלע, אודאי נישט אַלע !) אויסטיילן פון זיך מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן צו דער איידעלער אַרבעט פון טראַכטן (פון פילן און טראַכטן ניט נאָר וועגן זיך, נאָר איבערפערזענלעך, וועגן דער וועלט) און פון טאָן צדקה. טאַקע די פולקייט פון זייער פריוואַטן לעבן האָט זיי געטריבן אַרויסצוגיין פון ענגן קרייז צו די הויכן פון גייסט און צו די טיפענישן פון האַרץ. אויב אַזאַ פּראָצעס האָט זיך איבערגעחזרט אין איניקע גענעראַציעס, איז אפשר קיין וואונדער נישט וואָס מען טרעפט צווישן די היינטיקע בריטישע אַדליגע אַ ריי פיין־האַרציקע, ווייכע און זעליש־אויפמערקזאַמע מענטשן. קיין וואונדער אויך נישט, וואָס זייערע גענעראַלן האָבן בכלל נישט דעם אויסזען און דעם פאַרביסן־מיליטאַריסטישן פּנים ווי ביי כמעט אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט.

נישט אַלע מאָל, פאַרשטייט זיך, וואַקסט דער מענטשלעכער אַדל פון אַזעלכע מקורות. אין יידישן פאָלק, למשל, האָט זיך אין די דורות

אויסגעבילדעט דער טיפּ פון אַ תלמיד־חכם, פון געלערנטן, וועלכער האָט אַן שום צווייפל פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַן אַריסטאָקראַטיע. ווי מאַטעריעל וויכטיק עס זענען נישט געווען די רייכע שיכטן אין דעם שווערן געראַנגל פון פאָלק פאַר זיין קיום, אָבער דער רוקנביין פון דער נאַציע, איר זעלישער כח, האָט זיך געהאַלטן אויף דער זייער ברייטער שיכט פון תלמידי חכמים, אָדער אויף דעם אומבאַגרענעצטן דרך ארץ צו זיי. אַזוי ווי ביי אַנדערע פעלקער ווינטשן זיך איינפאַכע בירגער צו דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון אַ טיטול, אַזוי האָבן ביי יידן עלטערן און קינדער געשטרעבט צוצוקומען נעענטער צו דעם שיין פון דער תורה און פון אירע טרעגער. די אָרעמסטע מאַמע האָט שטענ־דיק אָפּגעלייגט דאָס ביסל געלט פאַר „שכר לימוד"; די עלטערן האָבן געחלומט וועגן אַ חתן — אַ לערנער (דער אמתער יחוס); און די גמרא האָט אויפגעשטעלט אַזאַ מערקווירדיקן, ממש רעוואָלוציאָנערן זאַץ ווי „אַ ממזר אַ תלמיד חכם איז וויכטיקער אפילו ווי אַן אומגעלערנטער כהן גדול".

עס האָט זיך אַ סך געענדערט אין די לעצטע פופציק יאָר, מיטן אויפקום פון דער מאָדערנער בילדונג, אָבער אויך די תשוקה פון יידישע עלטערן צו אַ „דאָקטאָר" אין דער פאַמיליע איז צום טייל אַ פאַרפלאַכטע פאָרם פון אַמאָליקן דרך ארץ פאַרן תלמיד חכם. אַט דער יידישער אַריסטאָקראַטישער פאָלקס־קרייז האָט זיך אויך אויס־געבילדעט אַ דאַנק דער פרייער צייט, וואָס מען האָט געווידמעט צו גייסטיקער אַרבעט. אָבער זייער leisure איז געקומען נישט פון רייכקייט און זיכערקייט, נאָר פאַרקערט, פון אָרעמקייט און יידישער אומזיכערקייט. עס האָבן „געלערנט" פאַרמעגלעכע, אָבער דעם פאָנד פון יידישער לומדות האָבן געשאַפן פון דור צו דור די טויזנטער יידישע קינדער אין מער ווי באַשיידענע פאַרהעלטענישן. „הזהרו מפני עניים כי מהם תצא תורה" (נעמט אין אַכט די אָרעמע ווייל פון זיי קומט די תורה), האָט געזאָגט דער תלמוד. נישט זייער leisure פון וואויל־טאָג האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פון שטודירן און קולטיווירן מדות טובות, נאָר פאַרקערט: אין זייער שווערן לעבן האָבן זיי אַליין געשאַפן די פרייע צייט כדי צו לערנען און טראַכטן וועגן לעבן.

:: :: :: ::

וואָס איך האָב אַנטפּלעקט פאַר זיך אין דעם כאַראַקטער פון די ענגלישע הויכגעשטעלטע שיכטן, האָט מיר נאָכאַמאָל באַשטעטיקט

אַ געדאַנק פון פריער. מיר זענען געוואוינט געווען אין רוסלאַנד — אַ דאַנק דער טראַדיציע פון ראַדיקאַליזם — אָפּצוגעבן אַלע סימפּאַטיעס צו דעם אָרעמען מענטש. מיר האָבן געהאַלטן אים פאַר גערעכט, לכתחילה, אַ פּריאָרי; גערעכט אַלס דער גרויסער קלאַס פון אַרבעטנדיקע און ליידנדיקע און גערעכט אַלס אינדיווידום. שוין מיט דעם וואָרט „אַרבעטער", „פּויער", „האָרעפּאַשניק" אַליין איז ביי אונדז געווען פאַרבונדן אַ זעלישע טיפע פריינטשאַפט. און, פאַרשטייט זיך, דער רייכער, דער מאַכטפולער גביר, דער „באַרין", איז פונקט אַזוי לכתחילה געווען פאַרדאַמט אין אונדזערע אויגן. אמת, גאָר אַ סך פון די רוסישע סאָציאַליסטן (און יידישע בתוכם) זענען דוקא געקומען פון די באַלעבאַטישע קלאַסן און האָבן זייער אָפט געזען ביי זיך אין די פאַמיליעס דערשיינונגען פון שענסטן הומאַניזם. אָבער — דאָס האָט מען געהאַלטן פאַר אויסנאַמען, און ווייל מען האָט געשטאַמט פון פאַרמעגלעכע שיכטן, האָט מען נאָך מער געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרהערלעכן אין פּרינציפּ דעם אַרבעטס־מאַן.

עס איז אין דעם, אָן צווייפל, פאַראַן אַ גרויסער אמת. דער מענטש וואָס האָרעוועט און ווערט פאַרשוואַרצט, וואָס ליידט און איז באַליידיקט פון לעבן, איז מערסטנס „גערעכט". פאַרן טריבונאַל פון לעבן איז ער, נישט דאָס סיסטעם, נישט די סאָציאַלע אָרדענונג גערעכט. דערפאַר איז ער מער פון אַלעמען נוטה צוצושטיין צו אַ פרייהייט־באַוועגונג. דער וואָס ליידט קען בעסער פאַרשטיין דעם חבר אין לעבנס־קאַמף, האָט מיטלייד מיט אים ... און פונדעסטוועגן וואָס פאַראַ שווערע נסיונות האָט אָט דער הייליקער גלויבן אונדזערער געמוזט אַריבערטראָגן אין די לעצטע 25 יאָר פון דער געשיכטע!

דער אַרבעטער איז שוין לאַנג נישט מער דער יתום פון דער געשיכטע, דאָס פאַרוואָרלאָזטע שטיף־קינד אירס. אין אַ ריי לענדער האָט ער דערגרייכט די העכסטע שטופן פון פּאָליטישער און אויך סאָציאַלער מאַכט. זינט אַ יאָרהונדערט האָבן סאָציאַליסטישע דענקער און קעמפער אויסגעאַרבעט פאַר אים — און דורך אים — פּלענער פון אַ נייער וועלט־אָרדענונג. הייסט עס, ער איז נישט געקומען צו דער מאַכט אָן שום צוגרייטונג. ער האָט זיין מאַכט־פּאָזיציע פאַרנומען אין פאַרשיידענע לענדער, אין פאַרשיידענע פאָרמען. עס איז דאָ דער רוסישער באָלשעוויזם און דער דייטשער רעפאָרמיזם און דער ענגלישער לייבאָריזם. עס איז שוין פאַרגעקומען דער ערשטער אַרויסטריט

פון פּראָלעטאַריאַט אין דער פּראַקטישער היסטאָרישער אַרבעט, און זי איז יעדעס מאָל באַגלייט געוואָרן פון די טיפסטע סימפּאַטיעס פון אומצאָליקע מאַסן. אָבער — וואָס איז געווען ביז איצט דער אַקטי־ווער, דער בלייבנדיקער רעזולטאַט פון די אַלע אַנהויבן? האָט דער אַרבעטער — דורך דעם פאַקט וואָס ער איז ענדלעך עולה לגדולה געוואָרן — אַרויסגעבראַכט אַ בעסערן טיפּ מענטשן און בעסערע מענטשן־באַציאונגען?

איך וויל זיין אָביעקטיוו ווי נאָר מעגלעך. איך גיב צו אַז מיין אייגענער סאָציאַלער שורש מאַכט מיך אפשר נישט גאַנץ זעעוודיק. וואָלט איך אַליין איבערגעלעבט דאָס וואָס דער פון דורות פאַריאָגטער און געפּלאָגטער אַרבעטס־מענטש האָט איינגעזאַפּט אין זיין בלוט און מאַרך, וואָלט איך נישט געמאָנט אפשר אַזוי לייכט דאָס „טעלערל פון הימל״, און וואָלט געדולדיק געוואַרט. זאָל זיין אַזוי, הגם איך האַלט נישט פאַר נויטיק צו דערקלערן זיך פאַר בלינד נאָר צוליב מיין סאָציאַלן מקור. זאָל זיין אַזוי, אָבער — צי זענען נישטאָ שטאַרקע יסודות פאַר דעם געפיל פון אַנטוישונג, נישט פון אַנטוישונג, נאָר פון עכטער זאָרג?

„אני הגבר ראה עני״; איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צוצו־קוקן זיך מער־ווייניק נאָענט צו דער טעטיקייט פון רוסישע און דייטשע אַרבעטער, אין יענער עפּאָכע בעת זיי זענען גערופן געוואָרן אויסצופירן די גרויסע היסטאָרישע שליחות. זיי האָבן די דאָזיקע מיסיע, וואָס די געשיכטע טראָגט אונטער זייער זעלטן, נישט געקענט פאַרווירק־לעכן, אָדער זיי האָבן איר פאַרווירקלעכט אויף אַזאַ אופן, אַז מיר האָבן זיך דערשראָקן. די רוסישע רעוואָלוציע האָט — נאָך אַ יאָרהונדערט פון העראָאישע קאַמפן — אַרויפגעבראַכט אויף די הויכקייטן פון מאַכט אַן אייניאיינציקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — די באָלשעוויקעס. זיי האָבן נישט געשאַפן קיין נייע מענטשן־אָרדענונג, באַזירט אויף יסודות פון ברידערלעכקייט אָדער אפילו נאָר קעגנזייטיקן צוטרוי. זיי האָבן געשאַפן אַ סאָציאַלן סדר, וואָס פאַרקערפּערט אין אַ נייער פאָרם יענע אַלטע לעבנס־כוחות, וואָס פירן די מענטשן נישט אַרויף, נאָר אַראָפּ. אונטערן דרוק פון זייער אומווירדיקער דערציאונג, שטרעבן מענטשן מערסטנס צו צוויי צילן: צו מאַטעריעלן וואוילטאָג און צו מאַכט־פּאָזיציעס. זיי ווענדן אָן אַלע מעגלעכע מיטלען — פון באַטרוג ביז גרויזאַמקייט — כדי צו דערגרייכן אָט די צוויי כשופדיקע צילן. עס איז

קיין נפקא מינה נישט ווי גרויס עס איז דער פֿאַרנעם פון די מאַטע־ריעלע געניסן אָדער פון די מאַכט־דערגרייכונגען. אָבער מען וויל עס האָבן: אין דער פֿאַמיליע, אין געשעפֿטס־לעבן, אין דער געזעל־שאַפט און מלוכה.

אַזוי לאַנג ווי די צוויי עלעמענטן פון מענטשלעכן מזל ווערן אנערקענט אַלס די וויכטיקסטע, קען זיך די „אַלטע וועלט" נישט רירן פון אָרט. און דער כח פון דער אַלטער וועלט האָט זיך אַנט־פּלעקט אין דעם וואָס אפילו די טרעגער פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג ווי דער מאָדערנער סאָציאַליזם, האָבן עס פּאַקטיש איבער־גענומען. (מער נישט זיי האָבן געוואָלט מאַטעריעלן וואוילטאָג און מאַכט פאַר אַלעמען, אַנשטאָט פאַר געציילטע). ווירטשאַפטלעכער קלאַסן־אינטערעס און פּאָליטישע מאַכט־דעראָבערונג זענען געוואָרן די הויפּט־צילן באַזונדערס פון דער מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין דער היינזיכט איז לעצטנס נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן דעם געמעסיקטן סאָציאַל־דעמאָקראַט און דעם רעבעלישן קאָמוניסט. דער חילוק איז געווען נאָר אַ טאַקטישער. דער ערשטער האָט געוואָלט אויסקעמפן די צילן מיטן רואיקן, לעגאַליסטישן, פּאַרלאַמענטאַרישן וועג; דער אַנדערער — מיט בונטאַרישע מעטאָדן פון גאַסן־קאַמף, פון פּאַרטיי־דיקטאַטור. די באָלשעוויקעס האָבן אויף דעם גראַנדיעזן שטח פון רוסלאַנד, אין דער מיט פון אַ פֿאָלק פון 150 מיליאָנען, אויסגעבויט אַ „סאָוויעט־געזעלשאַפט", וואָס האָט ווידעראַמאָל געבראַכט: מאַטע־ריעלע צוזאָגן (אָדער דערגרייכונגען) צו די מאַסן, רעאַלע מאַכט — צו די הערשער. אָבער דאָס נייע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַר־בעטער, אַמאָליקע אַרבעטס־מענטשן, האָבן עס דורכגעפירט און פאַר־טיידיקן עס מיט נעגל און ציין. באָלשעוויסטישע פּראָלעטאַריער (וואָס זיי זענען לחלוטין נישט די מערהייט פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס) האָבן זיך דערהויבן צו אַ נייער אַריסטאָקראַטישער שיכט אין רוסלאַנד, האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן דעם נייעם יחוס־בגד נישט ערגער ווי די הערשער־שיכטן פון אַנדערע לענדער. וואו הערשער, דאָרטן באַ־הערשטע, דאָרטן די „אַלטע וועלט" מיט אַלע אירע דרכים פון פֿאַלש־קייט און אכזריות. דער מענטש אין דעם אַרבעטער האָט זיך דורך דעם נישט געענדערט.

אויך אין דייטשלאַנד, וואו דער אַרבעטער איז געוואָרן אַ פּאָלי־טישער מאַכט פאַקטאָר נאָך 1918, האָט ער נישט באַוויזן אריינצוברענגען

אַ נייעם אָטעם אין די פון דורות פאַרשטיינערטע מענטשן־באַציאונ־גען. זיינע פירער און זיינע מיניסטאָרן האָבן מערסטנס געזוכט אַרויס־צובאַקומען פאַרן פּראָלעטאַריער וואָס מער ווירטשאַפטלעכע טובות פון דעם פאָלקס־ווירטשאַפט, און צוליב דעם האָבן זיי מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו דעראָבערן וואָס מער מאַכט־פּאָזיציעס אין שטאַט. זיי האָבן זיך ממילא אויסגעמישט מיט די אומצאָליקע אַנדערע פּאַרטייען און פאָלקס־שיכטן, וואָס האָבן אויך געלעכצט נאָך מער פּאָליטישער מאַכט און עקאָנאָמישע טובות פאַר זיך. האָבן די דייטשע אַרבעטער פאַרגעסן אָן דער באַזונדערער היסטאָרישער און מאָראַלישער מיסיע פון זייער קאַמף, און זיי האָבן זיך פאַרבירגערלעכט ווי די געזעל־שאַפט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. לאָמיר זיך דערמאָנען די נעמען פון דייטשע אַרבעטער־פירער וואָס זענען געוואָרן — נאָך 1918 — פירער פון רעפּובליקאַנישן דייטשלאַנד: עבערט, זעווערינג, ברוין, שיידעמאַן און נאָך הונדערטער ווי זיי. ער האָט זיך נישט געענדערט מיט זיי אָדער דורך זיי דער מענטש אין דעם אַרבעטער.

פאַרוואָס? ווייל דער אַרבעטער אַלס אַזעלכער איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר דער פרייהייטלעכער אידעע. זיין קאַמף פאַר אַ בעסע־רער ווירטשאַפטלעכער עקזיסטענץ באַקומט אַ באַזונדערן באַטייט נאָר דעמאָלט, ווען ער הערט אויף צו זיין אָדער דערהויבט זיך איבער דעם ריין־פּריוואַטן כאַראַקטער; נאָר ווען ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קאַמף פאַר דער מענטשלעכער באַפרייאונג. אַרבעטער ווערט סאָציאַליסט נאָר דעמאָלט ווען מיט זיינע פּערזענלעכע עקאָנאָמישע נויטן באַהעפט זיך דער איבער־פּערזענלעכער, עטישער דראַנג נאָך גערעכטיקייט פאַר אַלעמען. דערפאַר טאָקע זוכן מיר נישט דאָס פּראָלעטאַרישע אין מענטשן, נאָר דאָס מענטשלעכע אין פּראָלעטאַריער. און ווי אָפט זעען מיר ווי די באַגריפן אַרבעטס־מענטש און גוטער מענטש גייען זיך פאַנאַנדער.

מיין דערפאַרונג האָט עס מיר באַוויזן צווי מאָל. אין רוסלאַנד אויף אַ נעגאַטיוון אופן: אַ סך אַרבעטער זענען גאָרנישט געווען די בעסטע מענטשן. אין ענגלאַנד אויף אַ פּאָזיטיוון אופן: אַ סך נישט־אַרבעטער זענען גוטע מענטשן. אויך דאָ אין לאַנד דאָסזעלביקע: וויפיל האַרציקייט און טיפן פאַרשטענדעניש האָב איך געפונען גראָד ביי די רייכע, נישט־פאָלקסטימלעכע עלעמענטן. אפשר קענען זיי אָפּ־

שפּאָרן מער פון זייער האַרץ ווי די אָרעמע, ווייל זייער לעבן איז רו־איקער און זיכערער?

עס ווערט אַלץ מער אין מיר קלאָר, אַז מענטשלעכקייט האָבן מיר צו זוכן ביי מענטשן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, נישט דוקא ביי איינער. ווערט אַזוי אָרום אונדזער זוכעניש לייכטער, צי שווערער?

אויגוסט, 1940.

אויסטראַליאַניזם

עס איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין אַמאָל די טענות און מענות פון היגע מענטשן וואָס זענען אומצופרידן מיטן קריג. פאַר מיר, אַ שליח וואָס זוכט אַ לאַנד פאַר הימלאָזע פּאָלקס־ברידער, איז נישט צו באַ־גרייפן די אומצופרידנקייט פון די וואָס פאַרמאָגן אַ היים און אַ פעסטן גרונט אונטער די פיס.

אָט זענען אַנומעלט געקומען צו מיר דריי יונגע, דאָ געבוירענע און גוט דערצויגענע, פון פאַרמעגלעכע פאַמיליעס שטאַמענדיקע, עכט־אויסטראַלישע מענטשן: צוויי מענער און אַ פרוי. האָבן זיי מיט אַזאַ קאַלטן שווייגן אָפּגערופן זיך אויף מיינע רייד וועגן גאַנג פון די געשעענישן, אַז איך האָב דערשטוינט אַ קוק געגעבן אויף זיי. איז צווישן אונדז פאַרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך, אין יענער קריטישער צייט וואָס האָט געהייסן יולי, 1940. איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן:

— וואָס איז אייגנטלעך דער חלוק צווישן יענעם וועלט־קריג און דעם איצטיקן? האָט מען אויך דעמאָלט נישט גערעדט וועגן קאַמף קעגן דייטשן אימפּעריאַליזם פּונקט אַזוי ווי איצט?

— אָבער (האָב איך זיך געוואונדערט) ווי קענט איר עס גאָר פאַרגלייכן? אין ווילהעלמס דייטשלאַנד איז דאָך געווען אַ פּאַרלאַ־מענט און אַ פרעסע און אַ שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג . . . לאָז זיין די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז דעמאָלט באַגאַנגען אַ פאַטאַלן פעלער, אָבער עס האָט דאָך עקזיסטירט אַן עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד . . . אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד איז אָבער די שטילקייט פון אַ בית הקברות, די בירגער זענען ניט מער ווי שקלאַפן . . .

— און וואָס גייט אָן ביי אונדז? גרייט מען נישט צו קיין דיק־טאַטור אין ענגלאַנד? מיט וואָס איז דעמאָלט טשוירטשיל בעסער פאַר היטלערן?

— וואָס רעדט איר ? אין ענגלאַנד איז דאָך די עפנטלעכקייט מער־וויניקער פריי. עס דערשיינט דאָך אַפילו די קאָמוניסטישע טאָג־ציַיטונג „דיילי וואָרקער״. און די צייטונג איז דאָך געפּערלעך פאַר ענגלאַנד אַלס אַ באַוואוסטזיניקער שליח פון בלומרשט־בייטראַלן רוס־לאַנד . . . איז עס נישט באַלערנדיק צוצוזען ווי אַ דעמאָקראַטישער שטאַט פירט מלחמה, אַפּהיטנדיק די רעכט פון זיינע בירגער ? איז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט צו פאַרגלייכן מיט דעם „דייטשן געזאַנג־פאַריין״, ווי מען לאַכט אין דייטשלאַנד גופא פון זייער רייכסטאַג וואָס האַלט אין איין זינגען הללויה בעת דער באָס רופט אים צו זיך ?

— אָבער וואָס איז דיקטאַטור בכלל גערעדט ? דאָס איז דאָך פּלאַנירטע עקאָנאָמיע, נישט אמת ? און דאָסזעלביקע זעען מיר איצט אַנטוויקלען זיך אויך אין ענגלאַנד און אויסטראַליע . . .

— אַנטשולדיקט (האָב איך געמוזט זיי איבעררייסן), איר האָט נישט קיין שום פאַרשטעלונג פון דיקטאַטור. איר רעדט ווי בלינדע וועגן פאַרבן. „דיקטאַטור״ איז עפּעס מער און שרעקלעכער ווי עקאָ־נאָמיע געצווימט אין קייטן. דאָס איז, ראשית כל, די נשמה פון מענטשן. זיין פרייהייט און זיין ווערדע אַריינגעוואָרפן אין שקלאַפעריי. דיק־טאַטור איז פיזישע אויסראָטונג פון מענטשן, און פאַרניכטונג פון זייערע פּאָליטישע רעכט, איז דערנידערונג פון זייער כבוד און פערזענלעכ־קייט. דיקטאַטור רויבט אַוועק פון אירע שקלאַפן דעם סאַמע אָטעם אָן וועלכן עס קען נישט לעבן דער מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ גייסט און אַ האַרץ. דיקטאַטור רופט אַרויס און דערציט אין די קינדער שנאה און פאַראַכטונג צו מענטשן. „פּלאַנירטע עקאָנאָמיע״ — צי עס איז דער צוועק צי אַ מיטל פון דער שקלאַפעריי — איז נישט מער ווי די דרויסנדיקע פאָרם פון יענעם פּלאַנלאָזן כאַאָס וועלכן די דיקטאַטאָרן טראָגן אַריין אין דעם מענטשלעכן לעבן . . . איך איז לייכט צו רעדן אַזוי רואיק ווייל איר האָט קיינמאָל ניט איבערגעלעבט קיין פינף מינוטן פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער . . .

מיינע יונגע לייט זענען געווען אויפגערעגט פון דעם שמועס, אָבער אויך ברוגזדיק אויף מיר. מיך האָט דאָס אַ ברעקל נישט גע־אַרט ; איך האָב נאָר געוואָלט וואָס גענויער פאַרשטיין זייער גאַנג. זיי האָבן זיך דערוויַיל אַנגעכאַפּט אָן אַ נייעם פּונקט.

— פון וואַנעט ווייסט מען אַז די בריטישע רעגירונג וועט נישט

אָפּטאָן דאָס זעלביקע וואָס די פראַנצויזישע, ד.ה. קאַפּיטולירן? מען קען דאָך היינט מער קיינעם נישט גלויבן . . .

— ווי קענט איר עס פאַרגלייכן? מיינט איר אַז פּאָליטיש דענקען הייסט נאָר זוכן פּאַראַלעלן און ענלעכקייטן? בפירוש נישט: דענקען הייסט אַרויסגעפינען די אונטערשיידן צווישן ענלעכע דערשיינונגען. די רעגירונג אין פראַנקרייך איז באַשטאַנען פון פּאָליטיקער פון איין קלאַס, אַרבעטער זענען אין איר נישט געווען פאַרטראַטן (מיר וויסן נישט די סבות, אָבער לעאָן בלום איז געשטאַנען פון דרויסן), בעת אין ענגלאַנד איז טשוירטשיל פעסט אַרומגעאַנגען מיט אַ געדיכטן קרייז פון אַלע ענגלישע קלאַסן. זיין רעגירונג אַנטהאַלט פאַקטיש פיר פאַר־טייען: ליבעראַלן, לייבאָר, צוויי פראַקציעס פון קאָנסערוואַטיווע. ווען ער טרעט אַרויס, מיט רייד צי מיט מעשים, איז עס אין אַ גרויסער מאָס דער אויסדרוק פון קאָלעקטיוון ווילן פון פאָלק. אויב ער זאָגט אַז זיי גרייטן זיך נישט צו קאַפּיטולירן, מעג מען טרויען זייער אויפ־ריכטיקייט.

— אויב אין פראַנקרייך האָבן די באַזיצנדיקע קלאַסן געצוואונ־גען די רעגירונג צו קאַפּיטולירן, פאַרוואָס קען עס ניט געשען אין ענגלאַנד?

— ניין, די לאַגע איז פאַרשיידן. די פראַנצויזישע גבירים, די „צוויי הונדערט פאַמיליעס״, האָבן טאַקע באַשלאָסן צו ראַטעווען זייערע רייכטימער און סאָציאַלע פּאָזיציעס דורך מקריב זיין זייער פּאַטריאָ־טיזם. זיי האָבן געהאַט וואָס צו פאַרלירן ביי אַן אַנטגילטיקן נצחון פון היטלערן, אָבער אונטער דעם שוץ פון אַ שלומדיקן שאַכער־מאַכער קענען זיי זיך צונויפרעדן וועגן אָפּהיטן זייערע פּריווילעגיעס. הייסט עס, אַז אין דער אמתן האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן דורך זייער פאַרראַט . . . אָבער די ענגלישע אַרבעטער וויסן גענוי וואָס זיי האָבן צו פאַרלירן אין פאַל פון היטלערס נצחון איבער ענגלאַנד: זייערע מענטשן־רעכט, זייער אין דורות אויסגעקעמפטע יוניאָנס און סטאַנדאַרדס פון לעבן, זייערע האָפענונגען אויף להבא. ווי קענען זיי נאָכגעבן היטלערן, נישט צעשטערנדיק זיך גופא? און טשוירטשיל זיצט נישט אַליין אין דער רעגירונג . . .

מיינע קעגנער האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. עס האָט זיי אַלץ געצויגן צו באַווייזן, אַז „דייטשלאַנד״ איז נישט אַזוי שלעכט ווי מען מאָלט עס אין ענגלאַנד. דער אומצוטרוי צום אייגענעם לאַנד האָט

לאַגיש געפירט צו אַ מין באַרעכטיקונג פון היטלערשן גיהנום. — איר זאָגט אַז דאָרטן איז נאַקעטע שקלאַפעריי, אָבער וואָס אייגנטלעך איז דער צוועק פון דעם? צוליב וואָס טוען זיי עס דאָרטן?

— צוליב וואָס? צוליב הערשאַפט, צוליב באַהערשונג פון דער וועלט. זיי ווילן צעברעכן דאָס בריטישע רייך כדי צו שאַפן אויף זיינע חורבות זייער אייגן און כדי צו צווינגען די וועלט האָרעווען פאַר זיי.

— גלויבט איר אָבער נישט אַז עס קען קומען אַן ענדערונג אין זייער סיסטעם? אַז עס וועט געשאַפן ווערן פון זיי אַ דייטשיש רייך („דזשערמען עמפייר"), אפשר וועלן זיי ענדערן זייערע מעטאָדן, אַריבערגיין צו דעמאָקראַטיע?

וואָס ענטפערט מען אויף אַזאַ נאַאיוויטעט, אויב זי איז נישט קיין פאַקטישע צביעות?

— אַ היטלעריסטיש וועלט־רייך, אויפן שפיץ פון זיין טריאומף, וועט אַריבערגיין צו מענטשן־רעכט?! . . . צו וואָס זאָל ער עס טאָן? אין לויף פון דער גאַנצער געשיכטע ווען האָט אַמאָל אַ דעספאָטיע זיך אַליין אָפּגעבראָכן די אייזערנע נעגל?

— איז האַלט איר, הייסט עס, אַז ענגלאַנד פירט די מלחמה צוליב ריין־אידעאַלע צוועקן, גאָר נישט אימפעריאַליסטישע? דער גאַנצער אמת ליגט, הייסט עס, נאָר אויף איין זייט?

אויף אָט דער אָפענער איראָניע האָב איך געמוזט ענטפערן מיט קלאָרע דבורים, וואָס זענען פאַר די דאָזיקע „ראַדיקאַלן" מסתמא געווען נישט גאָר פאַרשטענדלעך.

— יאָ, מען דאַרף זען אין דעם גיגאַנטישן קריג פון היינט עפּעס מער ווי אַ־יערע אויסגעדראָשענע עקאָנאָמישע באַגריפן. עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַמף פון אידייען וואָס גייט אַן זינט יאָרטויזנטער, אונטער פאַרשיידענע פאָרמען און נעמען. נאָר פון אויבן אויף זעט עס אויס ווי אַ באַנאַלער קריג צווישן מלוכות. אין דער אמתן גייט דאָ אַן דער אייביקער געראַנגל צווישן צוויי פיינטלעכע פרינציפן אין דער מענטשהייט־געשיכטע: פרייהייט און שקלאַפעריי, ליכט און פינצטערניש, מענטש און אונטערמענטש. איר גלויבט נישט אין דעם פרייהייט־כאַראַקטער פון היינטיקן ענגלאַנד. זאָל זיין אַזוי. אָבער נישטאָ קיין ברעקל ספק אין דעם אַז היטלעריזם וועט ברענגען שקלאַפעריי צו דער וועלט. איז ווי קען מען שטיין אַן אַ זייט פון דעם קאַמף?

— אַהאַ! איר האַלט מסתמא אַז די בריטישע ראַסע איז בעסער פֿאַר די אַנדערע! זייט איר גאַרנישט אַזוי ווייט פֿון די ראַסן־טעאָריעס . . .

— הויבט זיך גאַרנישט אָן. נישט די ראַסע אַליין, די געשיכט־לעכע אַנטוויקלונג פֿון דעם און יענעם פֿאָלק שמידט אויס זיין כאַראַק־טער, זיין לעבנס־ליניע. און אַט די געשיכטע האָט געבראַכט דערצו, אַז ענגלאַנד איז אָביעקטיוו געוואָרן דער באַשיצער פֿון דער מענטש־לעכער צוקונפֿט, דער לעצטער שוצגראָבן פֿון דער פֿרייהייט אין דער וועלט . . . מעגן הינטער דער ענגלישער שוץ־וואַנט באַהאַלטן זיך אומצאָליקע עקאָנאָמישע אינטערעסן; דאָס ענדערט נישט די היסטאָ־רישע באַדייטונג פֿון אַט דער שוץ־וואַנט. מעג די ענגלישע דעמאָ־קראַטיע זיין נאָך ווי ווייט פֿון גוט, אָבער אויף איר באַדן זענען גע־געבן די מעגלעכקייטן פֿון קאַמף פֿאַר בעסער און גוט . . . אָבער אויפֿן היטלעריסטישן באָדן וואַקסט נישט קיין גראָז און קיין האָפֿענונג. שטעלט זיך נאָר פֿאָר אויף אַ ווײַלע ווי פֿינצטער עס וועט ווערן אַרום ווען ענגלאַנדס פֿײַער וועט ווערן אויסגעלאָשן . . .

און דאָ בין איך אַריבער אין אַן אַטאַקע קעגן די רואיקע נשמות, וואָס ווילן זיין גערעכט צו אַלעמען.

— מיר, יידן, ווייסן גאַנץ גענוי אין וועלכן לאַגער עס שטעקט די האָפֿענונג פֿאַר דער מענטשהייט און וואו די פֿאַרניכטונג. מיר ווייסן וואָס היטלעריזם באַטייט, און אונדזער בלוטיקע דערפֿאַרונג זאָגט אונדז, אַז מען טאָר נישט שטיין אָן אַ זייט פֿון ענגלאַנדס קאַמף . . .

און דאָ האָב איך פּלוצים דערהערט פֿון זיי גאָר אַ נייע נאָטע, אַ נאָטע פֿון אַן אייגנאַרטיקן פּאַטריאָטיזם.

— ווער זאָגט עס, אַז מען דאַרף שטיין אָן אַ זייט? מען דאַרף פֿאַרטיידיקן אויסטראַליע, אָבער מיט אַנדערע מעטאָדן. אויסטראַליע דאַרף נישט שיקן אירע מענער און וואָפֿן קיין ענגלאַנד, אַזוי לאַנג ווי זי האָט נישט גענוג פֿאַר זיך. וועט זי מיט שכל באַוואָפֿענען זיך און באַפֿעסטיקן אַלע אירע ים־ברעגעס, וועט זי בלייבן געשיצט . . .

— הייסט עס, איר זייט גרייט צו לאָזן ענגלאַנד אויף גאָטס באַ־ראָט? זייט איר מער נישט אינטערעסירט אין דער אויפֿהאַלטונג פֿון דער בריטישער אימפּעריע? אויב אַזוי, פֿאַרוואָס זאָל אייך העלפֿן אַמעריקע?

— דאַרף טאַקע אַמעריקע אויך שיקן נאָר דעם איבערפֿלוס פֿון

אירע וואפן. עס וועט מסתמא אויפקומען אַ נייע וועלט אין דעם מערבדיקן האַלב ערד־קיילעך, באַשטייענדיק פון דיביידע אַמעריקעס, אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד . . . כינע וועט דערווייל באַקעמפן יאַפּאַן . . . עס וועט אַנטשטיין אַ נייע ענגליש־רעדנדיקע וועלט, וואָס וועט זיך נישט נויטיקן דוקא אין איראָפּע . . .

— האַלט איר באמת, אַז אויסטראַליע קען לעבן גייסטיק און קולטורעל (נישט נאָר עקאָנאָמיש) אָן שום צוזאַמענבונד מיט ענגלאַנד?

אויף דערויף האָט איינער פון זיי כעסדיק געענטפערט: אודאי יאָ . . . מיר האָבן שוין דאָ אָן אייגענע קולטור, וואָס וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען . . . אויסטראַליע וועט זיך אַליין פאַרטיידיקן, נישט זוכנ־דיק די ענגלישע „פראָנט־ליניע" . . .

— איין פראַגע נאָר וויל איך אייך שטעלן: פאַרוואָס אייגנטלעך איז עס נויטיק צו פאַרטיידיקן אויסטראַליע, אויב ענגלאַנד איז עס נישט ווערט? איז דאָ אין לאַנד שוין פאַרווירקלעכט דאָס גוטע וואָס איר זוכט? זענען דאָ נישט פאַראַן יענע צוויי הונדערט פאַמיליעס?

— זיי זענען דאָ, און מען דאַרף עס טאַקע ענדערן . . .

:: :: :: ::

אַ שווערער נאָך־טעם איז ביי מיר פאַרבליבן פון אַזאַ געשפּרעך. מיינע פאַרטנערס זענען געווען, דוכט זיך, אויפריכטיק. זיי האָבן נישט נאָכגעפאָלגט אַ פּאָליטישע ליניע, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אָן די איב־טערעסן פון רוסלאַנד. (הגם געוויסע אַרגומענטן האָבן אָפּגעקלונגען פאַרדעכטיק ענלעך). און דאָך זענען זיי, דערצויגענע און אויסגע־האָדעוועטע אין אויסטראַליע, געשטאַנען מיטן פּנים אָפּגעקערט פון איר. פאַרוואָס?

עס זענען נישט וויכטיק זייערע אַרגומענטן, וואָס האָבן גאָרנישט געשטימט צווישן זיך. וויכטיק איז די זעלישע אַטמאָספער, וואָס שפּירט זיך הינטער זיי. און זי באַטייט עפּעס נייעס פאַר מיר. עס איז אָן אָפּענער קעגנזאַץ צו דעם דאָ אַזוי פאַרוואָרצלטן פאַמיליען־געפיל צו ענגלאַנד — דער „מאָדער קאַנטרי" — אַ ריכטונג, וואָס איז די נייעסטע אויפלאַגע פון אַ באַזונדערן אויסטראַלישן פּאַטריאָטיזם. דאָס איז שוין מער נישט יענער פאַרלאַנג נאָך זעלבסטשטענדיקייט פון אייגן לעבן, וואָס אויסטראַליע און אַנדערע בריטישע קאָלאָניעס האָבן מיט פופציק יאָר צוריק געפאָדערט פון דער מעטראָפּאָליע אין לאָנדאָן. אַלפרעד דיקין, אפשר דער בעסטער און טיפסטער אויסטראַלישער

שטאַטסמאַן, האָט אין יאָר 1887 באַזוכט די ערשטע אימפעריאַלע קאָנ־פערענץ אין לאָנדאָן. דאָרטן האָט ער אויסגעדריקט דעם וואַקסנדיקן זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דער אויסטראַליער „קאָלאָניע" אין פאָלגנ־דיקע ווערטער:

„מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן אַזאַ מין לאַגע, אין וועלכער די קאָלאָניעס זאָלן ווערן דערנידעריקט, אָדער אָפּ־געשוואַכט, אָדער זייער מאַכט זאָל ווערן געמינערט, — און די אימפעריע זאָל דערביי אַליין אויך נישט ווערן דערני־דעריקט, אָפּגעשוואַכט, אָדער געמינערט. און מיר קענען זיך אויך נישט פאָרשטעלן אַזאַ מין לאַגע, אין וועלכער די מאַכט אָדער דער פרעסטיזש פון די קאָלאָניעס זאָל וואַקסן, און די מאַכט און דער פרעסטיזש פון דער אימפעריע אַלס גאַנצעס זאָל דערביי אויך נישט אויסוואַקסן אין דערזעלביקער מאָס".[1]

דער אויסטראַלישער פאַטריאָטיזם האָט אין יענער צייט נאָר פאַרלאַנגט, אַז לאָנדאָן זאָל נישט פאַרנאַכלעסיקן די אינטערעסן פון זיינע קאָלאָניעס, זאָל העלפן זיי אין זייער עקאָנאָמישן אויפבוי און פאָליטישן אויפשטייג. אין יאָר 1938 האָט אַן אַנדער מלוכה־מאַן פון אויסטראַליע, ר. ג. מענזיס, גערעדט אין לאָנדאָן. צו דער צייט איז זיין לאַנד שוין געווען אַ דאָמיניאָן פון דער אימפעריע, נישט קיין קאָלאָניע. אויסטראַליע האָט שוין גענומען אַנטייל אין דער וועלט־מלחמה און איז געווען זעלבסטשטענדיק פאַרטראָטן אין דער ליג אָף ניישאָנס. האָט מענזיס, דער יוסטיץ־מיניסטער פון אויסטראַליע, דעמאָלט פאַרלאַנגט אַ סך מער פון דעם מוטער־לאַנד. אין אַ האַלב־איראָנישן, האַלב־פאַמיליערן טאָן האָט ער דערמאָנט וועגן דער ראָל פון די אויסגעוואַקסענע קינדער פון דער אימפעריע און געזאָגט, אַז מען קען נישט אַנווענדן לגבי זיי די מעטאָדן פון אַלט־מאָדישע פאַ־מיליעס. „אַרום דעם פריילעך ברענענדיקן פייער אין דעם קאַמין קלייבן זיך געמיטלעך צונויף די פאַמיליע־מיטגלידער, און דער פאָטער דערציילט זיי וועגן זיינע אויפטוען". די דאָמיניעס — האָט מענזיס באַטאָנט, און אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט — ווילן איצט נישט נאָר ווערן אינפאָרמירט און אויסגעהערט, נאָר אויך באַשטימען די פאָליטיק פון דער בשותפותדיקער אימפעריע. אָבער אויך דעמאָלט

1) Alfred Deakin by Walter Murdoch. Sydney, 1923.

האָט דער אויסטראַלישער פּאַטריאָטיזם נישט מער ווי באַקרעפטיקט זיינע רעכט אין דער געמיינזאַמער היים פון בריטישן רייך.

אָבער אין די יונגע לייט האָב איך דערשפּירט עפּעס נייעס; זיי זענען גרייט בכלל אָוועקצוגיין פון דער געמיינזאַמער היים. די אידעמס מיט די שנורן איז, אַזוי צו זאָגן, נמאס געוואָרן צו זיצן ביי די אַלטע אויף קעסט. זיי שפּילן אפילו מיט דעם געדאַנק צוצוזעצן זיך צו אַן אַנדערן קרובהשן טיש. צי זענען זיי קלאָר פּאַרויס די פּועל יוצאס פון אַזאַ נייעם גאַנג?

אָבער דערוויילע ווערן זיי לייכטזיניק ביז גאָר בנוגע דעם לעבנס־קאַמף פון זייער אייגענער היים. נישט זיי פילן די געפאַר, וואָס הענגט איבער איר, נישט זיי ווילן עס ריכטיק באַשיצן. די דאָזיקע יוגנט איז נישט נאָר געוואַקסן אין זאַטע פאַמיליעס, זי איז אויך פּאָלי־טיש זאַט. דערפאַר פילט זי נישט דעם שוידערלעכן פּאָליטישן הונגער נאָך אַביסל פרייהייט און רעכט, וואָס פּייניקט אַזוי שטאַרק די פּאַר־שקלאַפטע פעלקער פון אייראָפּע. די מענטשן האָבן באַקומען זייער דעמאָקראַטישע אָרדענונג און די פרייהייט־לופט אין וועלכער זיי אָטע־מען אָן שום קאַמף, בירושה פון פריערדיקע דורות. מיינען זיי, אַז עס קומט זיי דאָס, אַז עס איז נאַטירלעך צו זיין פריי אין דער הייב־טיקער געזעלשאַפט. שאַצן זיי דערפאַר איבער דאָס בייז אין ענגלאַנד, און זיי שאַצן אונטער דאָס בייז, וואָס שטאַמט פון היטלעריזם. זיי קענען נישט אויף אַן אמת האַסן שקלאַפעריי, ווייל זיי האָבן נישט געלערנט צו ליבן פרייהייט.

דערפאַר איז עס מעגלעך געווען אַז איינער פון זיי האָט אויף מיין פראַגע: „וואָס גייט איר איצט טאָן בעת דעם קריג?", — רואיק געענטפערט: „גאָרנישט. דאָס גייט מיר נישט אָן. איך וועל זען צו פאַרהיטן מיין פערזענלעכע לעבנס־ספערע". איך האָב מורא זיי וועלן דערקענען דעם ווערט פון פרייהייט ערשט נאָכדעם, ווען זיי וועלן עס פאַרלירן. אָבער דעמאָלט וועט נישט העלפן נישט קיין וויינען און נישט קיין שרייען.

שטאַרקער ווי טויט

דאָס מאָל איז מיר קאַנבעראַ, די הויפּטשטאָט פון אויסטראַליע, מער געפעלן געוואָרן ווי אין יאַנואַר. דעמאָלט האָט די זון געברענט אומברחמנותדיק, און די גערייצטע אויגן האָבן געהאַט ווייניק לוסט צוצוקוקן זיך צו דעם אַרום. דעמאָלט איז דער קליינער שטח פון קאַנבעראַ־האָטעל פול געווען מיטן טומלדיקן עולם פון אַ פּאָליטיש־וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ, און די צייט איז געווען פול פאַרנומען דערמיט.

דאָס מאָל, אין דער צווייטער אויגוסט־וואָך, איז די לופט געווען קיל און דורכזיכטיק, און עס האָבן געבלאָזן קאַלטע ווינטן. דער האָטעל און די אומגעגענט זענען געווען ווי אויסגעליידיקט פון מענטשן. האָב איך זיך מיט הנאה באַוועגט אין דער דאָזיקער קליינער וואונדערבאַרער שטאָט.

„קאַנבעראַ" איז אייגנטלעך אַ שטעטל, וואָס וואָלט נישט צו־געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן ווען עס וואָלט נישט געווען פּראָקלאַמירט אַלס די הויפּט־שטאָט פון דער ניי־געגרינדעטער אויסטראַלישער פעדעראַציע. די זעקס אויסטראַלישע איינצל־שטאַטן, וואָס האָבן איינגעוויליקט אָפּצוטרעטן אַ חלק פון זייער סואווערעניטעט צו דער פעדעראַציע, זענען פונדעסטוועגן געווען פול מיט קנאה און אומצוטרוי איינער צום אַנדערן. כדי קיין איין שטאָט צווישן זיי זאָל זיך נישט דערהויבן איבער די אַנדערע, האָט מען באַשלאָסן צו שאַפן אַ ספּעציעלן פּלאַץ פאַר דער צענטראַל־רעגירונג פון לאַנד. די צוויי וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער נייער פּאָליטישער פאַמיליע זענען געווען די שטאַטן וויקטאָריאַ און ניו סאַאוט וועלס; האָט מען דערפאַר אויסגעוויילט קאַנבעראַ אַלס דעם מיטלפּונקט צווישן סידנעי און מעלבורן. דאָ האָט געזאָלט געשאַפן ווערן סיי דער פּאָליטישער צענטער, סיי דער גייסטיקער מיטלפּונקט פאַר דעם גאַנצן, דערווייל

נאָך צעשפּליטערטן, אויסטראַלישן פאָלק. אַרכיטעקטן האָבן אָנגעוואָרפן אַ גרויסאַרטיקן, קאָסטשפּיליקן פּלאַן פון אַן אייגנאַרטיקער שטאָט: זי זאָל אַנטהאַלטן אין זיך די בעסטע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער שטאָט־קולטור און גלייכצייטיק אַנטשפּרעכן די טראַדיציעס פון אויסטראַליש־בריטישן לעבנס־פּיר. כדי אָוועקצונעמען פון אַט דעם געמיינשאַפטלעכן צענטער די פּראָווינציעלע רייסעניש פון די איינצל־שטאַטן, האָט מען דער באַפעלקערונג פון קאַנבעראַ נישט געגעבן קיין וואַל־רעכט. אין פּאַרלאַמענט און רעגירונג האָבן געבריוזט די פּאָליטישע ליידנשאַפטן, אָבער די לופט אַרום זיי האָט געזאָלט בלייבן פּאָליטיש־ריין און צניעותדיק.

דער אַרכיטעקטן־פּלאַן איז נאָך לאַנג נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער זיינע הויפּט־ליניעס זענען שוין דאָ. איר וואַנדערט אַרום צווישן די ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפענע ווייסע געביידעס, אויף די רחבותדיקע גרינע אַלייען אַרום זיי, און איר פילט זיך ווי אין אַ פּאַרק. דאָס גאַנצע מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסן פּריצישן הויף, פול מיט זיידענעם יחוס און דורותדיקער זיכערקייט. אָט שטייען די מאַסיווע בנינים פון די מיניסטער־אָפּיסעס, אָט איז די פּאָסט־געביידע, אָט דער פּאַרלאַמענט. באַזונדערס ווערט איר באַווירקט פון דעם אָנבליק פון פּאַרלאַמענט. עס איז נישטאָ קיין שום שפּור פון יענער גרויסאַרטיקייט און שטרענגקייט, וואָס וויל אָנוואַרפן אַ שרעק אויפן בירגער, ווי ביי די פּאַרלאַמענט־געביידעס אין אייראָפּע. אומעטום וויל דער שטאָט אַרויפצווינגען אויף זיינע בירגער אויב נישט קיין מורא, איז דאָך יראת הכבוד; ווייל ער דערשיינען ווי אַ מעכטיקער, איבער זיי מקדמונים שטייענדיקער כוח. דאָ אין קאַנבעראַ איז דער פּאַרלאַמענט אַ ברייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטע ווייסע געביידע פון איינאייניציקן שטאָק.

די ווייסקייט און די איינשטאָקיקייט זיינע רופן תכף אַרויס אַ געפיל פון נאָענטקייט און היימישקייט. אויב אפילו איר וועט זיך נישט דערלויבן צו קלאַפּן אָט דעם פּאַרלאַמענט אין פּלייצע, פילט איר אָבער אויך נישט קיין שום ציטער. עס לויפט אפילו אַדורך דער געדאַנק: עס איז ענלעך צו אַ שטילן קראַנקנהויז אָדער אַ סאַנאַטאָריע. אָבער די ברייטע, צערעמאָניעלע טרעפּ, די היכלע, ווייס בלאַנקענדיקע, שטרענגע עלעקטרישע לאָמפּן, מאַכן עס בולט אַז מיר שטייען פאַר אַ צענטראַל־בנין פון אַ מלוכה. ניטאָ קיין שרעקענישן אין זיינע ווענט, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאַר נישט דורות פון

גרויזאַמען שטאָט־לעבן, נאָר גאָר אַ יונגן דור פון אַ דעמאָקראַטיש־געבילדעטער געזעלשאַפט. אמת, מען זאָגט אונדז, אַז די געביידע איז אַ צייטווייליקע, ווי אַלץ אין קאַנבעראַ, און אַז דער ריכטיקער, אימפּאָנירענדיקער, מאָנומענטאַלער געבוי — לויט דעם נוסח פון וואַשינגטאָן — וועט נאָך אויפגעשטעלט ווערן. אפשר. אָבער עס וועט זיין אַ פּאַרדרוס. עס איז שענער — און אַזוי איז עס געווען אין די אוראַלטע צייטן — אַז געזעצן פון אַ פּאָלק זאָלן געשאַפן ווערן אין אַ שטילער, היימישער, איינשטאָקיקער ווייסער געביידע. די גרויס־אַרטיקע מאַיעסטעט פון די אַלטע אימפּעריעס האָט ביז איצט נישט געבראַכט צופיל גליק די פעלקער. זאָלן יונגע שטאַטן בעסער גיין זייערע אייגענע וועגן.

דעם 13טן אויגוסט בין איך אין דער פרי, אַזייגער עלף, געגאַנ־גען איבער די קאַנבעראַ אַלייען און ארייגעזאַפּט אין זיך די פריי־שע, קילע לופט. עס איז נישט געווען צו זען קיין איין מענטש אַרום. דאָס גאַנצע טעטיקע לעבן פון דער הויפּט־שטאָט איז געווען פאַרלייגט אין די אומצאָליקע קעמערלעך פון די מלוכה־געביידעס. אַן אומ־געוויינטלעכע רו האָט געהערשט אין דער נאַטור. לייכט אויסגעפּוצט זענען געשטאַנען די געדיכטע יאַלקעס; זיי האָבן געהויבן אין דער הויך די צירלעכע אָרעמס כדי צו באַווייזן ווי שיין עס ליגט דער גרינער בגד אויף זייער קערפּער. פּאַלמען זענען באַשיידן געשטאַנען אַרום אין אַלע זייטן, פּאַמעלעך שאָקלענדיק זייערע אויסגעשטרעקטע בלעטער. אין דערמיט פון זיי אַלעמען אַזויפיל עכט־אויסטראַלישע וואַטל־בוימלעך, באַשאָטן מיט בלומען וואָס שטראַלן ווי בלייכער גאָלד.

עס איז אַזוי לייכט און רואיק אויפן געמיט, אַז עס גלויבט זיך פּשוט נישט. אפילו מיר, דעם אומפאַרבעסערלעכן שטאָט־מענטש, פאַלט אין דער געדאַנק אַז דאָס מוז זיין מסתמא די שטימונג פון גליק. די איינזאַמקייט איז גאָרנישט קיין איינזאַמקייט; מען איז דאָ אַזוי פאַרבונדן מיט דער נאַטור. די ברוסט אָטעמט לייכט ווי שוין לאַנג נישט. עפּעס ענלעכעס צו דעם וואָס היינע האָט אַמאָל באַשריבן אין זיין „פּראָלאָג״:

„אויף די בערג מיר ווילט זיך שטייגן
„וואו די פרומע שטיבלעך שטייען,
„וואו די ברוסט אין פרייהייט אָטעמט
„און די פרייע ווינטן וויען.״

אין דער דורכזיכטיקער לופט זעט מען דעם שטילן הימל, די בלאַנדזשענדיקע ווייסע וואָלקנס. די צאַרטע בלויקייט אַרום זיי. וועגן מלחמה, וועגן טרויער און גערויש טראַכט זיך גאָרנישט.

איז אָט דוקא אין די מינוטן עפּעס געשעען אין קאַנבעראַ, וואָס האָט ווילד אויפגעטרייסלט די רו, אָוועקגערויבט פון אַלע מענטשן די זיכערקייט פון לעבן. פון דער פּאָסט בין איך פּאַמעלעך געגאַנגען צום פּאַרלאַמענט. אַז איך בין אַריין אַהין און בין געגאַנגען דורך די הויכע, טעמפּ אָפּקלינגענדיקע קאָרידאָרן, האָב איך מיט אומקלאָרער פאַרוואונדערונג באַמערקט ווי קליינע גרופּקעס מענטשן שטייען צונויפגעקלעמט, שושקענען זיך, קומען און גייען אַוועק מיט פאַרזאָרגטע שריט. „דאָס זיינען מסתמא די שמועסן פון פּאָליטיקער" — איז דורכגעלאָפן דורך מיין קאָפּ. אַז איך בין אָבער אַריין צו איינעם פון די דעפּוטירטע, זאָגט ער פלוצים צו מיר: „האָט איר געהערט וואָס עס איז אָקאָרשט געשען?"

— ניין, וואָס איז געשען?

— אַן עראָפּלאַן איז צעשמעטערט געוואָרן נעבן קאַנבעראַ און דריי מענטשן זענען פאַרברענט געוואָרן . . .

ער האָט מיר נאָך געזאָגט די נעמען (קריגס־מיניסטער סטריט, לופט־מיניסטער פערבראַן, אינפאָרמאַציע־מיניסטער סער הענרי גאַלעט). די נעמען פון די אַנדערע אומגעקומענע ווייסט מען נאָך נישט. אַזוי איז פלוצים צעבראָכן געוואָרן די אידילישע רו און שטילקייט פון קאַנבעראַ. די סאַמע שטילקייט פון דער נאַטור האָט פאַרבאַהאַלטן אין זיך דעם גרעסטן גרויל פון לעבן. פון הימל צי פון דער ערד איז אויפגעשטאַנען דער פייער, וואָס האָט פאַרניכטעט צען מענטשן מיטאַמאָל. דער טויט האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד: צוזאַמען מיט די העכסטע באַאַמטע פון שטאַט און דעם שטאָבשעף פון דער אַרמיי זענען געלעגן די יונגע פּילאָטן און סעקרעטאַרן זייערע. נאָר ביי איינעם פון זיי האָט מען געקענט דערקענען דאָס געזיכט, אַלע אַנדערע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שטיקער קוילן און אַש. די היץ, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם ברענענדיקן עראָפּלאַן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ערשט אין אַ האַלב שעה אַרום האָבן מענטשן געקענט צוקומען צום אָרט.

וואָס מיך האָט נישט ווייניק געוואונדערט איז געווען די רואיקע באַציאונג פון די אַרומיקע מענטשן. שוין דער ערשטער, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, האָט אָנגערופן די דראַמע accident ד. ה. פּאַסירונג. און נישט מער? אַ דינער אין פּאַרלאַמענט האָט איבערגעחזרט דאָס זעלביקע וואָרט. איינס אַזייגער איז געווען מיטאָג־צייט אין אונדזער האָטעל, און ווי שטענדיק האָבן די געסט ביי די טישן גערעדט, געלאַכט, געמאַכט באַשטעלונגען. שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ גייסטלעכן פון אַ הויכן ראַנג. די ערשטע טעמע איז, פאַרשטייט זיך, געווען וועגן דעם אומגליק. איינער פון די אומגעקומענע האָט גראָד געדאַרפט זיך טרעפן מיט דעם גייסטלעכן ביים לאַנטש, אָט אין דעמזעלביקן טאָג. „איז עס נישט שרעקלעך?״ — האָט ער מיך געפרעגט. זאָג איך צו אים: ווי אָפט פאַרגעסט מען, אַז מענטשן שטייען דאָך אונטער דער השגחה פון מזל . . . פרומע יידן מאַכן קיינמאָל נישט קיין צוזאָג אָן די ווערטער: „אם ירצה השם״ (אי״ה) . . . אָט זענען די מיניסטאָרן געפלויגן צו באַשטימטע אויפ־גאַבן, לויט אָן אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אַ פריילן פון דעם קריגס־מיניסטעריום אָפיס האָט געזען דורכן פענצטער דעם עראָפּלאַן דער־נעענטערנדיק זיך צו קאַנבעראַ און האָט רואיק געזאָגט צו די אַנ־דערע: דער מיניסטער איז שוין דאָ . . . און פון דעם אַלץ איז גאָרנישט געוואָרן, מער נישט אַ קופּע אַש . . . וואָס פאַר אַן אויס־דרוק געברויכט מען ביי אייך אלס איה״ש?

דער גייסטלעכער טראַכט אַ מינוט און זאָגט: Lord willing. ווייזט אויס, מען באַנוצט עס נישט אָפט אין מאָדערנעם געשפּרעך. איך האָב שפּעטער געפרעגט ביי אַנדערע, און זיי האָבן אויך נישט געהאַט די ווערטער געלויפיק אויפן צונג. אָבער אויך דער גייסט־לעכער איז נישט געווען באַזונדערס דערשיטערט פון דעם געשע־ענעם. מיר האָבן באַלד שוין גערעדט וועגן איבערזעצונגען פון רו־סישע דיכטונגען אין ענגליש. צי איז דאָס רוסישע וואָרט „פּאָקאָי״ פון לערמאָנטאָווס ליד „פּאַרוס״ ריכטיק צו איבערזעצן מיט Peace . . . דוכט זיך, ניין. ווייל פּאָקאָי הייסט רו, און רו איז נישט דאָס־זעלביקע וואָס שלום, פרידן. רו איז אַ נעגאַטיווער באַגריף פון אָפּרוען זיך, פון פּאַסיוון צוריקציען זיך, בעת שלום איז אַן אַקטיוו פּראָגראַם פון ציל־אַרבעט. (תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם!). אין ענגליש שפּירט מען גלייך דעם אונטערשייד צווישן Rest

און Peace . מיט דעם זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אָבער אין אָט דעם פאַטאַלן טאָג איז אַנטפּלעקט געוואָרן עפּעס פון אַ היכער מענטשלעכער מדרגה, אַ פּריינטשאַפט צו מענטשן ווי מען טרעפט זי זעלטן אין לעבן. בעת מען האָט מיטגעטיילט מר. מענזיסן (דעם פּריים־מיניסטער) וועגן דעם אומגליק און ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גרעסטער איפּרעגונג, וואָס האָט ער געטאָן ראשית כל? וועלכער באַשלוס האָט זיך צוערשט קריסטאַ־ליזירט אין זיין קאָפּ דורך דעם גאַנצן קנויל געפילן און געדאַנקען וואָס האָבן געווירבלט אין אים? ער האָט באַשלאָסן אַז די פרויען און די פאַמיליעס פון די דריי מיניסטאָרן זאָלן דערגיין וועגן זייער אומגליק דורך זייערע פריינט, נישט דורך דער פּרעסע אָדער ראַדיאָ. האָט ער זיך תכף טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט זיין אייגענער פרוי און געבעטן איר, אַז זי זאָל מיטטיילן די שרעקלעכע נייעס צו די קרובים, צוגרייטנדיק זיי זעליש ווי נאָר מעגלעך. און זי האָט עס גלייך אָנגעהויבן צו טאָן, נישט נאָר בנוגע איינעם און צוויי, נאָר אַ גאַנצער ריי פון פאַמיליעס. דערווייל האָט מר. מענזיס פאַרבאָטן דעם ראַדיאָ צו באַנאַכריכטיקן דעם עולם וועגן דער קאַטאַסטראָפע.

עס איז וואונדערבאַר אַז אַ שטאַטסמאַן איז בכח צו זען די מענטשלעכע זייט פון אַ טראַגישער געשעעניש גלייך פון אָנהויב אָן. ער האָט דאָך גלייך פאַרשטאַנען אַז די מלוכה־מאַשין איז שטאַרק באַשעדיקט דורך דעם אומדערוואַרטעטן טויט נישט פון איינעם, נאָר פון פיר באַדייטנדיקע טוער. נישט נאָר די מלוכה־מאַשין, נאָר די מלחמה־מאַשין, און עס איז דאָך מלחמה־צייט, און ענגלאַנד ווערט באָמבאַרדירט יעדע שעה דורך די פיינטלעכע לופט־שיפן. דאַרף מען דאָך זוכן פאַר זיי תכף נייע פאַסיקע מענטשן, און וואו נעמט מען זיי? אָבער נישט דאָס האָט אים באַוועגט אַמשטאַרקסטן, נאָר דער רחמנות צו די פאַמיליעס פון די פאַרברענטע, און די זאָרג וועגן דעם ווי אָנצוזאָגן זיי די שלעכטע בשורה. האָט ער געהייסן דעם ראַדיאָ שווייגן. האָט ער, אין דער שווערער מינוט, נישט געפונען קיין בעסערן העלפער ווי זיין אייגענע פרוי אויף דורכצופירן די דעלי־קאַטע שליחות. דער מעכאַניזם פון מלוכהשער פירונג ווערט אַזוי אָרום ווי דורכגעזאַפּט מיט פיינער הומאַניטעט. דער מאַן שטייט פריער פאַר דעם מלוכה־מאַן. אין אַזאַ געזעלשאַפט איז לייכטער צו אָטעמען ווי אין אַנדערע.

געוויס האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט זיינע פליכטן; באַלד איז ער געפאָרן צום גאָווערנאָר־דזשענעראַל און געבעטן צו באַשטימען נייע מיניסטאָרן אויפן פלאַץ פון די געוועזענע. ער האָט זיך פאַר־בונדן מיט לאָנדאָן, ער האָט אָפגעגעבן פאַראָרדענונגען. אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז וועגן די מענטשן האָט מען געטראַכט פריער פון אַלץ.

מיטוואָך, דעם נעקסטן טאָג, האָט זיך דריי בייטאָג פאַרזאַמלט דער פאַרלאַמענט צו מאַכן אַ הזכרה נאָך די מיניסטאָרן, וואָס האָבן אַלע געהערט צו דער זעלביקער פאַרלאַמענטאַרישער פאַמיליע. זיצנ־דיק צווישן די געסט פון דעם ספּיקער, האָב איך לייכט געקענט באַ־אָבאַכטן די צערעמאָניע. דער זיצונג־זאַל, צוזאַמען מיט די גאַלע־רייען, איז נישט קיין גרויסער. מאַכט ער דעמזעלבן רואיקן, היימישן איינדרוק ווי די געביידע פון דרויסן. איינציקווייז, אין אַ געדריקט־טער שטימונג, זענען אַריינגעקומען די דעפּוטירטע דורך פאַרשיידענע טירן. אַז זיי האָבן זיך צעזעצט אויף די בענק, האָב איך דערקענט אַ ריי באַקאַנטע פּאָליטישע פיגורן. מיט גרויע, צעשויבערטע האָר איז געזעסן דער געוועזענער פירער פון דער קאָנטרי־פּאַרטי, סער ערל פּיידזש. מיט אַ שטרענגן באַברילטן פּנים פון אַ יונגערן שול־לערער האָט זיך געוויזן דער אַלטער אַרבעטער־פירער קערטן. נאָכ־לעסיק, אין אַ גרויען רעקל, מיט אַ העגערשן טשוב האָר אויפן מיטן קאָפּ, די הענט אין די קעשענעס — מר. קאַמעראָן, דער איצטיקער פירער פון דער קאָנטרי־פּאַרטי. אין דעם אַלטיטשקן קליינעם מאָן מיט דער דיקער פּאַטשיילע אַרום האַלדז האָב איך דערקענט דעם עלטסטן דעפּוטאַט פון אַלע: ד״ר מאַלאָני פון מעלבורן, דעם איבער־געגעבענעם פריינט פון אַלע געדריקטע.

פון דער פּרעסע האָב איך גוט געוואוסט, אַז דער רוב פון די אַנוועזנדיקע שטייען אין שווערן פּאָליטישן קאַמף צווישן זיך. אַ סך פון זיי זענען צעקריגט אפילו אין זייערע אייגענע פּאַרטייען. אָבער דערפון איז דאָ היינטיקס מאָל נישט געווען קיין שפּור. אַ לייכטער נעפּל פון טרויער איז געלעגן איבער אַלעמען. מר. מענזיס איז אומ־באַמערקט אַריין אין זאַל, און באַלד איז ער געשטאַנען צוזאַמען מיט מר. קערטן, דעם דילער פון דער אָפּאָזיציע. זיי ביידע, די אָפיציעלע קעגנער, האָבן פריינטלעך־פאַרזאָרגט באַראָטן זיך וועגן עפּעס. אָט די פשוטע געמיינשאַפט פון רעגירונג, אָפּאָזיציע, בכלל דעפּוטירטע

איז זייער אַנציענדיק. עס פאַרלירט זיך אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע דער אָפּשרעקנדיקער כאַראַקטער פון „רעגירונג". זי שטייט נישט איבער די אַנדערע, זי איז צווישן זיי. אַזוי יעדנפאַלס דערשיינט עס פון אויבנאויף.

מר. מענזיס האָט זיך אויפגעהויבן ביים רעגירונג־טיש, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ מאַנוסקריפּט, און מיט הענט האַלב־פאַרלייגטע אין קעשענעס אָנגעהויבן רעדן. ער באַזיצט, צוזאַמען מיט אַ יוגנט־לעכן געזיכט, אַ פריש־קלינגענדיקע שטים. ער האָט זי איצט נישט באַנוצט אין פולן מאָס, זי איז געווען געדעמפּט ווי די ברענענדיקע לאַמפּן פאַרדעקט מיט שוואַרץ. זייער אָפט פלעגט ער בלייבן אַנט־שוויגן ווי אויפגעהאַלטן פון צער־געפיל. ער האָט געזאָגט:

„מיר טרעפן זיך היינט צוזאַמען אין שאָטן פון אַ גרויסן אומגליק. עס איז מיין טרויעריקע פליכט צו רעדן וועגן אונדזערע פאַרשטאָרבענע קאָלעגן, וואָס זענען געווען נישט נאָר געטרייע דינער פון אונדזער לאַנד, נאָר אויך שטענ־דיקע פריינט פון אונדז אַלעמען. קיין שום רייד מיינע קענען נישט געבן אויסדריקן די טיפע געפילן, וואָס יעדער מיטגליד פון אָט דעם פּאַרלאַמענט לעבט איבער. אָבער די רייד קענען אפשר ברענגען צו די פאַמיליעס פון די אומ־געקומענע מיניסטאָרן אַ פּאָר שטראַלן פון דערמונטערונג אין דער פינצטערער שעה. ווען דער ערשטער גרויזאַמער קלאַפּ וועט פאַרבייגיין, וועלן זיי געפינען טרייסט אין דעם באַוואוסטזיין, אַז זייערע נאָענטע מענטשן האָבן ערלעך גע־דינט זייער לאַנד און האָבן פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין זיין געשיכטע.

דזשאָפריי סטריט, הענרי גאַלעט און דזשיימס פערבאַרן האָבן אַלע באַזעסן די שענסטע מדות טובות. זיי אַלע זענען געווען מענער פון מוט און אומבאַרירבאַרער ערע, באַגייס־טערט מיט אַ ברענענדיקן פּאַטריאָטיזם, געשטאַרקט דורך טאַלענט און דערפאַרונג. יעטוועדער פון זיי האָט אויף זיין אייגענעם אופן פאַרמאָגט אַ טאַלענט פאַר פריינטשאַפט. זיי זענען געווען זעלטענע מענטשן" . . .

אין אַזעלכע רייד, געזאָגט אין אַ פייערלעכער שטימונג, האָט דער רעדנער מזכיר געווען די טויטע. און ער האָט פאַרענדיקט:

„אַ נאַציע ווערט געשאַפן דורך די, וועלכע דינען איר אַמבעסטן. מיר דאַנקען גאָט פאַר דעם דינסט פון אָט די מענער".

נאָך אים איז צוגעגאַנגען פון דער אַנדערער זייט צום רעגירונג־טיש מר. קערטן. אויך ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ מאַנוסקריפּט, האָט ער אָבער וויניקער אַריינגעקוקט אין אים. מיט דעמזעלביקן לאַנגאַמען, געדעמפטן קול ווי מענזיס האָט ער געזאָגט:

„עס איז שווער צו רעדן פון די מיניסטאָרן, וואָס האָבן געפונען זייער טויט אַזוי נאָענט צו יענעם הויז אין וועלכן זיי האָבן אחריותדיק גענומען אַנטייל אין דער באַשטימונג פון שיקזאַל פון לאַנד. עס איז נישט געווען קיין איין טאָג אין זייער לעבן, אין וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן אָפּגעגעבן דעם מאַקסימום פון זייערע כחות... עס איז באַצייכנדיק אַז זיי זענען געפלויגן אַהער צוליב וויכטיקע גרזעלשאַפטלעכע פליכטן, נישט קיין קלענערע ווי די פאַרטיידיקונג פון אויסטראַליע. זייער טויט — די לעצטע פולע מאָס פון איבערגעבנקייט — האָט פאַרענדיקט לעבנס פון ערלעכער אַרבעט. קיין שום ווערטער קענען נישט אָפּשוואַכן דעם געפיל פון אונדזער אבדה".

קערטן האָט דערמאָנט איינעם פון די אומגעקומענע פּילאָטן, היטשקאָקן: „זיין פאָטער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דאָס לעבן אין די ערשטע יאָרן פון אויסטראַלישער אַוויאַציע. איצט מוז אונדזער סימפּאַטיע צוואווענדן זיך צו אַ מוטער אין מערב־אויסטראַליע, וואָס האָט פאַרלוירן איר זון פונקט ווי איר מאַן אין דעם דינסט פון פאָטערלאַנד". מען האָט אויך דערמאָנט דעם אַנדערן פּילאָט, קראָס־דעל, וואָס איז געווען ערשט 29 יאָר אַלט. ער איז געווען אַ זון פון אַ מיינער, אין אַ פאַמיליע פון זיבעצן קינדער. ווי טראַגיש איז זיין מזל! אַ פּאָר שעה נאָך זיין אומקום האָט זיין פרוי געבוירן אַ זון. צו איר מוטער האָט זי טעלעגראַפירט בזה הלשון:

„טשאַרלז איז געהרגעט געוואָרן; אַ זון איז געבוירן, קום אַרויס תכף. קראָסדעל".

אין אַ פּאָר פראַזן — אַ געשיכטע פון אַ לעבן; אַ סוף און אַ נייער אָנהויב. וואָס האָבן געמוזט איבערלעבן אין יענעם טאָג די יונגע און די אַלטע פרוי? — דער יונגער פּילאָט האָט דריטהאַלבן יאָר נאָכאַנאַנד געשטרעבט אַריינגענומען צו ווערן אין דער לופט־אַרמיי.

די ביידע מיניסטאָרן, וואָס האָבן אים אין דעם געהאָלפן זענען איצט צוזאַמען מיט אים געלעגן טויט. . . .

אין דעמזעלביקן נוסח ווי די צוויי הויפּט־רעדנער האָבן גע־רעדט די אַנדערע. מר. ביזלי איז דער פירער פון דער ווינציקער, אָבער זייער מיליטאַנטישער לייבאָר־גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגע־שפּאָלטן פון קערטן. דער מאַן האָט אַ קריגערישן פּנים, אָבער זיין שטים איז זייער ווייך און אפילו מוזיקאַליש. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ רעליגיעזן טאָן אין זיין רעדע: „די געשטאָרבענע וועלן אַריבערגיין איצט אין אַ וועלט, וואו עס איז נישטאָ קיין צער, קיין פּאַרדרוס און פאַרברעכן; זיי וועלן זיך אָפּרוען פון דער היינטיקער אומגליקלעכער וועלט". און דער אַלטיטשקער, 86־יעריקער ד"ר מאַלאָניי האָט גע־מאַכט דעם פאָרשלאָג צו שטעלן אַ מאָנומענט לכבוד די געפאַלענע. „איך וועל מסתמא באַלד אויך אַוועקגיין אַהין, און איך וועל דאָרטן געפינען אַזעלכע דריי טייערע פריינט". ער האָט עס אַרויסגערעדט מיט דעם טיפסטן ערנסט. (אין דריי חדשים אַרום איז ער טאַקע אַוועק פון דער וועלט).

דערנאָך, לויטן פאָרשלאָג פון מענזיסן, איז מען אויפגעשטאַנען און איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציע פון מיטלייד. שטילערהייט איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

איך בין מיר נישט געווען קלאָר מיט מיינע געפילן לגבי אָט דער פאַרזאַמלונג. זי איז אָפּגעלאָפן זייער ווירדיק און ערנסט, און דאָך האָט עפּעס געפעלט. עס האָט געפעלט די אויפרעגונג, דער טרויער, וואָס געפינט זיינע שטאַרקסטע פאָרמען פון אויסדרוק. עס האָט געשטערט וואָס די רעדנער האָבן געהאַלטן מאַנוסקריפּטן פאַר זיך. דוכט זיך, עס איז נישט געווען קיין פּאָליטישע זיצונג, וואו מען ציילט ווערטער איינער ביים אַנדערן אין מויל. דאָס מאָל האָבן מענטשן געמעגט רעדן פּשוט פון האַרצן, ווי עס לאָזט זיך. פאַרוואָס מוז אַזאַ זיצונג אויך דורכגעפירט ווערן ווי אַ צערעמאָניע, וואו די עכטע געפילן ווערן דערשטיקט? אָבער, פון דער אַנדער זייט, וויפיל רירנדיקע מאָמענטן אין די רעדעס. מענזיס האָט אָנגערופן די דריי טויטע ביי זייערע היימישע נעמען, נישט זייערע טיטולן: אָזשאָפריי, הענרי, דזשיימס. זענען זיי איצט געשטאַנען ווי נאָענטע מענטשן פאַר אַלעמענס אויגן. ווי פיין מען האָט די גאַנצע צייט דערמאָנט און גערעדט צו די פאַר'צער'טע פאַמיליעס. ווי פיין איז עס, וואָס

מען האָט צוזאַמען מיט די הויך־געשטעלטע מלוכה־מענער דערמאָנט און געלויבט די קלענערע באַאמטע, וואָס האָבן זיי באַגלייט אין דעם טויט.

דאָס אַלץ האָבן די אויסטראַליער געבראַכט צום אויסדרוק אין די דאָזיקע טעג. מער נישט זיי דריקן אויס זייערע צער־געפילן אַנדערש ווי מיר שטעלן זיך פאָר. דאָס הייסט נאָר אַז זיי (און די ענגלענדער בכלל!) באַזיצן אַן אַנדער טעמפּעראַמענט, אָדער האָבן דורך דורות דערציאונג אַרויפגעלייגט אַ שטיק דיסציפּלין אויף זייערע געפילן. זייער עמאָציאָנעלע שטילקייט און צוריקגעהאַלטנקייט לגבי פרעמדע אויגן געפעלט נישט אַן אַנדער ראַסע, פונקט ווי זיי פאַרשטייען נישט יענע, וואָס שרייען און גוואַלדעווען ביי זייער אומגליק.

> אַט בין איך געווען ביי מר. ס. אין דעמזעלביקן קאַנבערא אין יאַנואַר. נעבן ברענעדיקן קאַמין זענען געזעסן ער, זיין גוטמוטיקע פרוי און איך. זי האָט עפּעס געשטריקט, זיך צוגעהערט צו מיין קימבערליי־מעשה און פריינטלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ביים מיטאָג־טיש האָט זי אַזוי פשוט און מוטערלעך דערציילט וועגן אירע דערוואַקסענע קינדער אין ענגלאַנד, און ווי זי וואָלט וועלן זען זיך מיט זיי דאָרטן אין דער היים". פלוצים איז זי אין יולי געשטאָרבן. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דיין אומגליק, ווי עלנט ער איז פאַרבליבן, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע וויכטיקע אַרבעטן דאָ. האָב איך אים געשיקט אַ טעלעגראַם פון סימפּאַטיע . . . איצט בין איך ווידער געווען ביי אים, ווידער זענען מיר געזעסן ביי דעמזעלביקן קאַמין, אָבער נאָר זאַלבעצווייט. איר שטול איז געשטאַנען ליידיק. אַז איך בין אַריין, האָט ער מיר אויפגענומען מיט דעמזעלביקן שמייכל ווי דאָס ערשטע מאָל. איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. אָבער ער האָט געזאָגט: „אַ דאַנק פאַרן טעלעגראַם. עס איז מיר געווען אַ פאַרגעניגן, a pleasure, צו דערהאַלטן עס". איז מיר געוואָרן לייכטער. אַ ווײַלע האָט ער דערציילט וועגן איר און דערנאָך זענען מיר אַריבער צו מיין זאַך: קימבערליי. ער האָט גערעדט מיט אינטערעס, געגעבן קלוגע עצות, צוגעזאָגט העלפן. נעבן אים איז געשטאַנען אַ טישל מיט משקאות,

> פון וועלכע ער האָט פון צייט צו צייט גענומען עפּעס. און מיר זענען פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי יענעם מאָל, נאַרמאַל, אײדל, רואיק . . . איך בין געפאָרן צו זיך טיף פאַרוואונדערט. איך האָב געפילט, אַז אונטער דער מאַסקע פון רו מוז זיך פאַרבאַהאַלטן אַ ווייטאָק. אָבער ווי זיי באַהערשן זיך! — צוויי טעג שפּעטער האָב איך אים געזען זיצנדיק אין פאַרלאַמענט, ביי דערזעלביקער הזכרה. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז געווען שטיל, אויפגערעגט, בלייך. בעת די רעדעס האָב איך אַ קוק געגעבן: אַן ערנסטער אומעט איז געלעגן אויף זיין געזיכט. אלזאָ דאָך! — האָב איך געטראַכט.

עס איז טאַקע מעגלעך אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פאַרשיידענע אַרטן פון אויסדריקן דאָס שטאַרקע געפיל. עס איז אָבער מעגלעך אַן אַנדער השערה. אפשר דריקט זיך דאָ אויס גאָר אַ פאַרשיידענע באַציאונג צום טויט בכלל? אפשר האָבן פאַרשיידענע פעלקער (אָדער ראַסן, אָדער קולטורן) אויך אַנדערע באַציאונגען צו אָט דער וויכטיקער געשעעניש? עס זענען מעגלעך, אין פּרינציפּ, דריי אויפפאַסונגען פון טויט. מען נעמט אים אויף אַלס דעם גרעסטן אומגליק פאַר זיך און פאַר דער וועלט. אָדער מען באַטראַכט אים אַלס אַ נייע, אפשר מער דערהויבענע, שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון לעבן (אַזוי האָט געטראַכט טאָלסטאָי, אַזוי אַ סך יידישע צדיקים). אָדער מען באַציט זיך צו אים גלייכגילטיק, ווי צו אַ נויטווענדיקייט. צי איז נישט אַמאָל די רואיקע, „דיסציפּלינירטע" באַציאונג פון די ענגלענדער אַן אויסדרוק פון אָט יענער, זאָל איך זאָגן פילאָזאָפישער, גלייכגילטיקייט? אָבער צי קען אַ קולטור בלייבן רואיק, אָן שום טעמפּעראַמענט־אויסגוס לגבי אַזאַ איבערגאַנג פון לעבן צום . . . ? די גרויסע היסטאָרישע רעליגיעס און די ערשטע וויסנשאַפטן זענען דאָך צום טייל געבוירן געוואָרן אַרום די טראַכטענישן וועגן טויט און פאַרשווינדן פון אַ מענטש.

:: :: :: ::

און ווי באַצי איך זיך אַליין צום טויט־געשעעניש? איך האָב עס קיינמאָל נישט פאָרמולירט פאַר זיך (צופיל פאַרנומען מיט לעבן!) אָבער מיר דוכט זיך, אַז איך פאַרמאָג די פעאיקייט צו באַציען זיך צו אים מיט אַ געוויסער רואיקייט. עס איז טאַקע אַן אומגליק, ווייל

דאָ פּאַרענדיקט זיך עפּעס וואָס קען נישט מער ווערן געענדערט. טויט איז אַ סוף פון עפּעס, און דאָס מאַכט ציטערן יעדעס באַוואוסטזיין. אָבער אויך אין טויט קען זיך פאַרבאַהאַלטן אַ גרויסער אינהאַלט, און דאָס קען אָפּשוואַכן די שאַרפקייט פון ווייטאָק. („טויט, וואו איז דיין שטאכל?"). דער טויט איז נישט אַזוי שרעקלעך ווען ער שליסט אָפּ אַ לעבן, וואָס איז געווען געווידמעט אַ מיסיע, ווען דער מענטש איז געפאַלן אין דינסט פון אַ מיסיע. לעבט מען אָן שכל, אָן שטרעבונגען, דעמאָלט יאָגט מען זיך נאָך דער צאָל פון די טעג, נאָך זייער קוואַנ־טיטעט. אַנדערש לעבט דער מענטש, וואָס זוכט נישט די צאָל, נאָר די וואָג, די קוואַליטעט פון די טעג.

אָט אַזוי איז געווען דאָס לעבן פון די דריי אויסטראַלישע מיניס־טאָרן און פון די וואָס זענען געשטאָרבן מיט זיי. אפשר האָט דאָס באַוואוסטזיין פון זייער טויט „אויפן פּאָסטן" געמילדערט דעם צער. אָט איז די טעג געשטאָרבן וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי אין אַמעריקע — דער ליידנשאַפטלעכער פירער פון רעבעלישן ציוניזם. הגם ער איז אַוועקגעריסן געוואָרן אינמיטן פון זיין זייער געשפּאַנטער טעטיקייט, און הגם אַ סך וועלן זאָגן: „וואָס האָט ער אויפגעטאָן אין זיין לעבן?" — פונדעסטוועגן איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז זיין לעבן איז געווען אַ ברע־נענדיקער דינסט צו אַ מיסיע. דאָס אַוועקגיין פון לעבן באַלייכט מיט הונדערט פייערן מיטאַמאָל דעם גאַנצן וועג און דעם אויפטו פון אַ לעבן. און דעמאָלט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר יאוש אָדער ענדלאָזן ווייטאָק. ווי דער רוסישער דיכטער האָט געזאָגט: „זאָג נישט זיי זענען געשטאָרבן; זאָג: זיי האָבן געלעבט".

מיר ווילט זיך דאָ דערציילן אַן עפּיזאָד פון מיין אייגענעם לעבן, מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען איך בין געווען יונגער. אומדערוואַרטעט האָט זיך דעמאָלט פאַר מיר אַוועקגעשטעלט די דראָאונג פון טויט. ווי האָב איך עס דעמאָלט אַריבערגעטראָגן?

:: :: :: ::

אין אָנהויב יאָר 1919, אין סאַמע ברען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט מען מיך, גלייכצייטיק מיט הונדערטער אַנדערע חברים, אַרעסטירט אין מאָסקווע. די פּאַרטיי L. S. R. (לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן), צו וועלכע איך האָב געהערט, איז שוין לאַנג (זינט יולי 1918) געווען דערקלערט אַלס אומלעגאַל פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. מען האָט אונדז — סיי פירנדיקע סיי

איינפאַכע מיטגלידער פון דער באַוועגונג — אַריינגעזעצט נישט פאַר עפּעס אַ געוויסן פאַרברעכן, נאָר כדי צו איזאָלירן אונדז פון די מאַסן וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזער שטים. עס איז מיר געווען מאָדנע, זייער מאָדנע אין דער דאָזיקער יאַנואַר־נאַכט פון אַרעסט. צוזאַמען מיט מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ — די העראָאישע פרוי פון דער רעוואָלוציע — בין איך אויפגעטראָטן אויף אַן אַר־בעטער־מיטינג, אין אַ פאַבריק פון אַן אָפּגעלעגענער געגנט אין מאָסקווע. די אַלגעמיינע אַטמאָספער איז געווען פול מיט אויפ־רעגונג. מיר האָבן שוין געפילט אויף זיך די האַנט פון דער טשעקאַ. און טאַקע באַלד ביים אויסגאַנג פון טויער האָבן מיך דעריאָגט צוויי יונגע טשעקאַ־לייט און „געבעטן" מיטפאָרן מיט זיי.

— צי קענט איר עס נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן פרי ? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, מיר קענען נישט.

איך האָב נאָך געהאַט צייט צו בעטן אַ פריינט צו לויפן באַלד צו מיין פאַמיליע און צו הייסן זיי אויסראַמען די דירה פון אומ־נויטיקע פאַפּירן. דערנאָך האָט מען מיך געבראַכט אין דעם גע־רוימיגן בנין פון דער טשעקאַ, וואו איך האָב, אין פינצטערן ליכט פון לאָמפּן, געפונען צענדליקער אַנדערע פריינט. מען האָט זיי צונויפגעפירט פון אַנדערע געגענטן.

איך וועל נישט זאָגן אַז עס איז מיר געווען זייער פריילעך צו מוט, אָבער מען וועט עס דאָך נישט באַווייזן דעם פּאָליטישן שונא דאָ דערביי. פלוצים דערזע איך זיצן ביים טיש אַ יונגן, רויט־באַקיגן לעטישן רויט־אַרמייער, וואָס לייענט געשמאַק אַ ביכל. האָב איך זיך אַ בויג־געגעבן און דערזען בעבלס בוך „די צוקונפטיקע געזעלשאַפט" — אַן אידעאַליסטיש ווערק פון דעם דייטשן פּיאָנער פון סאָציאַליזם . . . ווי קומט עס אַהער, אין דעם האַלב־חושך פון אַ טשעקאַ, אין דער סביבה פון אונטערדריקונג און מענטשן־צאַפּלענישן ? אָבער דאָס יונג־פּויעריש פּנים פון סאָלדאַט איז געווען ערלעך. שפּעטער האָט ער מיר אפילו געזאָגט: אייך איז בעסער ווי אונדז . . . איר בלייבט טריי אייער אידעע . . .

שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אייניקע פון אונדז טראַנס־פּאָרטירט אין דער באַקאַנטער מאָסקווער טאַגאַנקאַ־געפענגעניש. פאַרשלאָפענערהייט זענען מיר געטראָטן און געהויבן זיך דורך די

נאַכטיקע קאַרידאָרן ביז מיר זענען אָנגעקומען צום וואַכט־אָפיצער, וואָס האָט פאַרשריבן אונדזערע נעמען און האָט אונדז צוגעטיילט די צעלן. דער אָפיצער האָט אַ שמייכל־געטאָן ווי פאַרשעמט; ער האָט מיך געקענט.

מיט אַ יאָר צוריק בין איך דאָך געווען דער פּאָלקס־קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ, אונטער וועמעס אויפזיכט עס זענען געשטאַנען אַלע געפענגענישן פון לאַנד. האָב איך אים איצט געבעטן צו געבן מיר אַ קליינע צעל פאַר מיר אַליין, נישט קיין געמיינזאַמע מיט אַנדערע. מיט צוועלף יאָר פריער אַז מען האָט מיך אַלס יונגן זאַרגלאָזן סטודענט אין מאָסקווע געבראַכט אַן אַרעסטירטן צום ערשטן מאָל, האָב איך, פאַרקערט, דוקא געבעטן אַריינצוזעצן מיך מיט אַנדערע חברים אין אַ גרעסערער, געמיינזאַמער צעל. דעמאָלט, מיט נאָר 19 יאָר אויף די פּלייצעס, האָט זיך געוואָלט חברשאַפט און פריינטלעכקייט; דאָסמאָל איז מען געווען פאַרזאָרגט, פון אחריות פאַר די געשעענישן, באַלאָדן מיט אַן אייגענער פאַמיליע. האָט עס געצויגן צו דער רו און קאָנצענטרירקייט פון דער איינצל־צעל. מען האָט עס מיר געגעבן. עס איז געווען אַ קליינער, שטיי־נערנער רוים, מיט גלאַטע, לאַנגווייליקע ווענט, מיט אַ פענצטערל אויבן, מיט ברענענדיק עלעקטריע אין דעם סופיט. אַריין, אויס־געצויגן זיך און איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע געזעלשאַפטלעכע לעבן הינטער גראַטעס. איך האָב זיך באַקענט מיט מענטשן, מיט געפענגעניש־ברידער. די טורמע איז געווען געפּאַקט מיט טויזנטער לייט פון אַלערליי פּאָליטישע קאָלירן. צווישן זיי באַדייטנדיקע גרופּעס פון די פריערדיקע צאַריסטישע דינער; גענעראַלן, גובער־נאַטאָרן, דער באַרימטער דזשונקאָווסקי, געוועזענער געהילף פון אינערן־מיניסטער און דערציער פון טראַנספּאָלגער. אָט דער עולם האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט אונדזער אַרעסט. זיי זענען געווען גרייט אויפצונעמען אונדז מיט אָפענע אָרעמס. באַלשעוויקעס אַרעס־טירן אין מאַסן די אַנדערע סאָציאַליסטן, גאַנץ גענוי ווי אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע . . . „די רעוואָלוציע פרעסט אויף אירע אייגענע קינדער". אונדז איז עס, דעם אמת זאָגנדיק, נישט שטאַרק געווען צום האַרצן אָט די באַגעגעניש מיט די שאָטנס פון נעכטן. אַזוי מוז עס מסתמא זיין אין דעם רוסישן מישמאַש. אין דער טשעקאַ,

זיצט דער סאָלדאַט איבערגעבויגן איבער אַן ערלעך סאָציאַליסטיש בוך. אין טורמע באַגעגענען זיך ראַדיקאַלע סאָציאַליסטן מיט רעכטס־ראַדיקאַלע מאָנאַרכיסטן און פּריצים. בעבל, דזשערדזשינסקי, ספּירי־דאָנאָווא, גענעראַל דזשונקאָווסקי — אַלע אויף דערזעלביקער אַרענע.

עס האָבן זיך איינגעשטעלט געוויסע פּערזענלעכע באַציִונגען אין טורמע. אין אַ טאָג אַרום נאָך מיין אָנקום איז צו מיר — ביים שפּאַציר־גאַנג — צוגעגאַנגען אַ יונגער עלעגאַנטער מאַן און האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט אַ קנאַק פון די שטיוול. דאָס איז געווען פּירשט שירינסקי־שיכמאַטאָוו, אַ געוועזענער גאַרדע־אָפיצער, וואָס איז דאָ געזעסן צוזאַמען מיט זיין פאָטער, געוועזענעם גובערנאַטאָר פון שטאָט סאַמאַראַ (היינט קויבישעוו). האָט ער מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן די צעל פון זיין פאָטער, וואו זיי ביידע אַרבעטן אויס קינסטלערישע קעסטעלעך פאַר פאַרשיידענע צוועקן. אפשר וועל איך באַשטעלן איינעם פאַר זיך, פאַר מיין פאַמיליע? דאָס האָב איך אַמווייניקסטן דערוואַרטעט. אוודאי בין איך געגאַנגען און האָב באַשטעלט פאַר מיין פרוי אַ קינסטלעריש־געשניצטן און אויסגעמאָלטן קאַסטן פאַר בריוו. מיר אַלע האָבן געהאַט דערפון הנאה. אזוי בליקט אַרויס אַמאָל אַ שטיקל אידיליע אפילו פון ווינקל פון אַ געפענגעניש.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט זיך „איינגעאָרדנט" אין דעם נייעם, אומפרייען לעבן. מיר האָבן געהערט, אַזוי צו זאָגן, צו דער אַריסטאָקראַטישער שיכט פון די געפאַנגענע. איך האָב געהאַט אין מיין צעל געניג ביכער צום לייענען און פּאַפּיר צום שרייבן. צייטונגען האָט מען אונדז צוגעשטעלט צוויי מאָל אַ טאָג, אַזוי אַז מיר האָבן געוואוסט וואָס עס טוט זיך הינטער די מויערן. די פאַ־מיליעס פלעגן אונדז שיקן עסנוואַרג כדי צו פאַרשענערן דעם זויערן טעם פון דעם טורמע־געקעכץ.

דאָס לעבן האָט אפילו געהאַט זיינע אָנגענעמע זייטן. זינט דורות איז דאָס געפענגעניש געווען אַן „אוניווערסיטעט" פאַר די רוסישע ראַדיקאַלן. דאָרטן פלעגן זיי געפינען די זעלישע רו און די קלאָרקייט פון שכל, וואָס זענען נויטיק צו שטודירן גרעסערע ווערק. האָב איך זיך באַזאָרגט מיט דער זיבן־בענדיקער „געשיכטע

פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע" פון זשאָרעסן. דאָס ווערק פון דעם גרויסאַרטיקן שרייבער און מענטשהייט-פריינט האָט מיך שוין לאַנג געצויגן צו זיך, אָבער ערשט איצט איז געקומען די „פרייע צייט" צו נעמען זיך פאַר דעם ווערק. פאַר אַן אַנטיילנעמער פון דער רוסישער סאָציאַלער ערד-ציטערניש איז דאָס בוך געווען פול מיט באַלערנדיקע ביישפּילן, לערעס און טרייסט-געדאַנקען. גלייכצייטיק האָב איך גענומען שרייבן צוביסלעך אַ בוך אויף דער טעמע, וואָס לאָזט קיינמאָל נישט אָפּ: וואו זענען די גרעניצן פון רעוואָלוציאָנערער געוואַלט.

שרייבן אַנטי-באָלשעוויסטישע ביכער אין אַ באָלשעוויסטישער טורמע איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען דערלויבט. האָט מען עס געשריבן שטילערהייט, אומבאַמערקט, אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר. אָבער ווי באַהאַלט מען זיי אין דעם קליינעם צימערל, אַזוי אַז ביי אַ דורכזוכונג זאָלן עס די טורמע-וועכטער נישט געפינען? איז אין איינער פון די שטיינערנע ווענט, גאַנץ אונטן, נאָענט צו דער פּאָדלאָגע, געווען אַ לאָך. דאָרטן פלעג איך יעדע נאַכט באַהאַלטן די פּאָר אָרעמע פּאַפּיר-זייטלעך. אָבער איינמאָל אינמיטן העלן טאָג, בעת איך בין געלעגן אויפן בעט און געלייענט, איז פון אָט דעם לאָך אַריינגעשפּרונגען אַ קליין מייזל און האָט אָנגעהויבן מיט דער גרעסטער לעבנסלוסטיקייט שפּילן זיך אויף דער ערד. אין געוויינלעכן לעבן האָב איך מורא געהאַט פאַר מייז און פלעג אַנטלויפן פון זיי אין שרעק. דאָ איז נישט געווען קיין אויסוועג. האָב איך געפּרוּווט אָפּווענדן די אויגן פון מייזל צום בוך, אָבער דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין אויפרעגונג. האָב איך געמוזט אָנהויבן טאָפּן מיט די פיס ביז די קליינע בריאה האָט אַ קוועטש-געגעבן מיט די פּלייצעס און איז פאַרשוואונדן אַהין.

לויט מיין בקשה האָט מען די לעכער פון די ווענט פאַרמויערט. גוט. אָבער ווי באַהאַלט מען איצט די בלעטלעך? איר דאַרפט נאָר גוט שאַרן מיט די אויגן אַרום אייך, אָט אין דער אָרעמסטער סביבה, און איר וועט געפינען. אָט אַזוי ווי מען זוכטביים סדר-אָוונט דעם אפיקומן, וואָס די קינדער האָבן פאַרבאַהאַלטן טאַקע אין דעמזעלביקן צימער. שטייט אין ווינקל אַ בעזים, מיט וועלכן דער טורמע-דינער קערט אויס יעדן מאָרגן די צעל. אָט דער דינער, אגב אורחא, טראָגט אַוועק אין שטאָט אויך אונזערע בריוו און פּאַפּירן; פאַרשטייט

זיך, פאַרבאַהאַלטענערהייט. פאַרוואָס זאָלן טאַקע די זייטלעך פון מאַנוסקריפּט נישט ליגן בײַנאַכט אין דעם בעזים? . . . אַזוי איז עס אויך געווען, אַז דער מעכאַניזם האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט: אונדזער פריינט פלעגט ערלעך אויסקערן די צעל, ערלעך אַרויסנעמען די „איינגעמאַכטס“ און נאָך ערלעכער צושטעלן עס צו מיין פאַמיליע.

און דאָ איז איינמאָל געקומען דער זעלישער קלאַפּ. עס איז געווען אַוונט, אַזייגער 8 אין ווינטער. מען האָט אונדז שוין אַלעמען אָפּגעשלאָסן אויף דער נאַכט, נאָך אַוונט־ברויט. איך האָב זיך גענומען צו דער אַוונט־צייטונג — אין די אויגן האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אַ ברענענדיקע וואָרט־שורה מיט גוואַלטיקע אותיות:

„ספּירידאָנאָוואַ, שטיינבערג און אַנדערע לינקע ס.־ר. ווערן דערקלערט אַלס ערובניקעס!

אויף דעם האָב איך זיך נאָך נישט געריכט. „ערבות“ — דאָס איז געווען אַ מיאוסע און נידערטרעכטיקע מאַסנאַם, קעגן וועלכער איך האָב געקעמפט זייענדיק אין דער רעגירונג. זי איז אויסגעוואַקסן אין די ווילדע באַדינגונגען פון דער מלחמה, און די באָלשעוויקעס האָבן זי אַריבערגענומען אין דער באַפרייאונג־באַוועגונג. „ערבות“ האָט דאָך באַטייט, אַז אומשולדיקע מענטשן האָבן געזאָלט צאָלן מיט זייער לעבן פאַר חטאים און פאַרברעכן פון אַנדערע, מיט וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג אפילו . . . איך האָב האַסטיק דורכגעלייענט די היסטערישע אויסרופן אין דעם לייט־אַרטיקל פון דער צייטונג, וואו מען האָט פּשוט גערופן שטעלן אונז „צו דער ווענטל“.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּויערים־אומרוען אין איין גובערניע און אַרבעטער־שטרייקן אין אַן אַנדער פּלאַץ. האָט די רעגירונג באַשלאָסן: וויבאַלד אין אַזעלכע אומרוען מוז דאָך מסתמא שטעקן די האַנט פון די לינקע ס.־ר., זאָל מען זייערע פירער — וואָס זיצן שוין פון פריער אין די טורמעס! — דערקלערן פאַר ערבים און דערמיט איינווירקן אויף יענע . . . האָט די טשעקאַ מיט דער אונטערשריפט פון איר כהן גדול, דזשערדזשינסקי, אָפּגעדרוקט אָט די דערקלערונג און וואָרנונג מיט בלוט צו קאָנקרעטע פּערזאָנען, ביי זייערע נעמען.

עס איז נישט צו לייקענען, אַז מיר איז געוואָרן אַביסל קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן ווען איך האָב עס גוט דורכגעלייענט. מען איז

געווען איינער אַליין מיט זיך, אין דעם פענצטערל האָט פינצטער אַריינ־געקוקט די נאַכט. איך בין נישט קיין מענטש מיט אַ שטאַרקער פאַר־שטעלונג־קראַפט. האָב איך זיך דערפאַר נישט פאַרגעשטעלט אין לעבעדיקע פאַרבן דעם טויט פון אַן ערבניק אונטער די קוילן פון טשעקאַ־לייט, ערגעצוואו אין חושך פון אַ קעלער. אָבער געדאַנקען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם סוף פון אַ לעבן זענען אין שטורם געפלויגן דורכן קאָפּ. הייסט עס, אַז עס פאַרענדיקט זיך שוין מיין לעבן?... און איך האָב דאָך אַזוי ווייניק אויפגעטאָן דערווייליע... בכלל נאָך אַזוי ווייניק געלעבט, איינגאַנצן אַ ביסל מער ווי דרייסיק יאָר... דרויסן וועט בלייבן מיין פרוי און דאָס קליינע מיידעלע — די טאָכטער . . . אַזוי געהאָפט אָנצושרייבן אַ שטאַרקן בוך קעגן רע־וואָלוציאָנערן טעראָר, וואָס זאָל ווירקן אויף אַנדערע, זאָל וואָרענען אַנדערע פעלקער... ווי קען דאָס זיין, אַז אַלע פּלענער אויף להבא זאָלן פלוצים אויסגעמעקט ווערן? . . . ווי קענען זיי נאָך וואַגן צו טאָן עס קעגן אונדז, וואָס זענען דאָך פאַרבונדן מיטן פאָלק? זיי וועלן עס מסתמא אויך נישט וואַגן, זיי שרעקן אונדז נאָר . . .

מחשבות זענען געפלויגן דורכן קאָפּ, אָבער וואָס האָט מען געקענט טאָן איצט, אין דער שפּעטער נאַכט־שעה? מיר איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו וועלן זען די חברים אין טורמע, אַרויסצורופן וועמען נישט איז פון די באַאַמטע. איך האָב געטראַכט און איבער־געטראַכט, אָבער די זאַך האָט אויסגעוויזן אַזוי ווילד, אַזוי אומ־מעגלעך, אַז איך האָב נישט געקענט איר משיג זיין. האָב איך זיך פשוט געלייגט שלאָפן. און אַזוי שטאַרק איז געווען די יונגע און געזונטע נאַטור אַז — נישט געקוקט אויף דעם אומרו אין האַרצן — בין איך באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. און אַז איך האָב זיך אויפגע־כאַפּט אויף מאָרגן פרי און די זון האָט פריילעך אַריינגעשיינט אין צעל, זענען די שוואַרצע נאַכט־געדאַנקען ווי פאַרשוואונדן. ניין, זיי וועלן עס קיינמאָל נישט וואַגן צו טאָן! — האָב איך זיך געזאָגט מיט זיכערקייט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז צוזאַמען מיט די לינקע ס.־ר. זענען אויך פירער פון די געמעסיקטע סאָציאַליסטן (מענשע־וויקעס) דערקלערט געוואָרן אַלס ערובניקעס. און דאָס מוז דאָך זיין אויסגעשלאָסן, אַז זיי וועלן גיין שיסן מענשעוויקעס, זייערע נאָענטסטע אידעאישע קרובים!

אַז איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט די אַנדערע באַוואוינער פון אָט דעם האָטעל, האָט זיך מיין שטימונג אינגאַנצן געענדערט לטובה. קיינער פון זיי האָט נישט געגלויבט אין דער ערנסטקייט פון דער בלוטיקער דראָאונג. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך באַקומען אַ זיכערע באַשטעטיקונג דערפון. עס האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר און עס איז אַריין דער טשעקאַ־אויספאָרשער ראָמאַנאָווסקי. אַ קורצער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ זעלבסט־צופרידענער, איז דער דאָזיקער מענטשן־פּייניקער שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ שמייכל, מיט אַ לאַך. „אונדזער זאַך" איז געווען אונטער זיין אויפזיכט. — „הערט, חבר שטיינבערג" (ער האָט אונדז, די געפערלעכע קעגנער, אָנגערופן דווקא מיטן נאָמען חבר) — האָט ער גלייך אָנגעהויבן רעדן. דאָסמאָל איז ער געווען גאָר נישט פריילעך געשטימט.

— וואָס טוען עס אייערע פריינט, חבר שטיינבערג?!

איך האָב אַ קוק־געגעבן אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליינעם ווייסן בלעטל מיט באַדרוקטער שריפט.

— זעט וואָס זיי שרייבן, אייערע חברים... האָט איר עס שוין געזען?

— ניין, פון וואַנעט וואָלט איך עס געקענט זען?

איך האָב דורכגעקוקט דעם באַשיידענעם פּאַפּירל. עס איז געקומען אַ פּראָקלאַמאַציע, אַרויסגעלאָזן דעמזעלביקן טאָג אין אַ געהיימער דרוקעריי פון דעם אומלעגאַלן צענטראַל־קאָמיטעט פון די לינקע ס.־ר. אין אָט דער פּראָקלאַמאַציע האָבן אומזיכטבאַרע פריינט אין קלאָרע דבורים דערקלערט, אַז אויב אַ האָר וועט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ פון אַ וועלכן נישט איז פון די אַרעסטירטע, וועט זייער צענטראַל־קאָמיטעט נעמען דאָס לעבן פון די באָלשעוויסטישע פירער, דריי פאָר איינעם, אָנהויבנדיק פון לענינען און טראָצקין... נישט מער און נישט ווייניקער. דאָס איז געווען אַ מאַכטפולע וואָרנונג צו די מאַכטהאָבער. איך האָב פאַרשטאַנען די אויפרעגונג פון טשעקיסט.

— אָבער וואָס שרעקט איר זיך אַזוי, בירגער ראָמאַנאָווסקי — האָב איך אים באַרואיקט. — עס שטייט דאָך, אַז מען וועט אָנהויבן פון אויבן, צו אייך וועט עס נישט דערגיין...

דערמיט איז די פינצטערע טאַט פון יענער נאַכט אַזוי ווי ליקווידירט געוואָרן. אַ קליין שטיקל פּאַפּיר פון אַ קליינער, אָבער

אומדערשראָקענער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעוואָרפן שרעק אויף דער טעראָריסטישער רעגירונג. די פּראָקלאַמאַציע איז מיט איינפּאַכער פּאָסט צוגעשיקט געוואָרן צו די העכסטע אינסטאַנצן פון דער רע־גירונג: זייער צענטראַל־קאָמיטעט, זייער טשעקאַ, זייערע איינצלנע פירער. און די וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר פרעמד בלוט, האָבן זיך דערשראָקן ווען זייער בלוט איז געקומען אונטער געפאַר.

איך האָב דעם „עפּיזאָד" שפּעטער פאַרגעסן. אָבער וואָס האָבן איבערגעלעבט אין יענער נאַכט „אין דער פרייהייט", מיין פרוי, מיין פאַמיליע! זיי האָבן נישט געקענט באַזיצן די זיכערקייט פון מיינע פּאָליטישע אַרגומענטן, זיי האָבן נאָר געזען פאַר זייערע אויגן די מיט בלוט באַשפּריצטע גרויזאַמע ווערטער אין דער צייטונג. אמת, מיין פרוי האָט בעת דער רעוואָלוציע געוויזן אַ מוטיק האַרץ, — און איך האָב וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל צו דערציילן. אָבער דאָך, ווי האָט געמוזט ציטערן איר גאַנץ וועזן אין יענער שלאָפלאָזער נאַכט. דעם געפאַנגענעם איז עס אָפּטמאָל לייכטער צו מוט ווי דעם, וואָס זאָרגט זיך פאַר אים פון דרויסן.

אויגוסט, 1940.

Professor G. L. Wood

פיר זײַנען זײ געװען

1. דער פּראָפֿעסאָר

אין אײנעם פֿון מײַנע ערשטע זונטיקס אין מעלבורן (סעפּט. 1939), האָב איך געזאָלט אַרױסטרעטן מיט אַ קימבערלי־פּאָרטראַג פֿאַר אַ געקליבענעם אױסטראַלישן עולם אין אַ פּריװאַט הױז. די פֿאַר־זאַמלונג איז גערופֿן געװאָרן פֿון דעם אַלטן, זײער אַריסטאָקראַטישן, זײער פֿרײַנטלעכן, זײער שװאַך־הערן, מר. הערבערט ברוקס. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער געהערט פֿון מיר — און פֿון זײַן באַרימטן פֿרײַנט, דעם פּראָפֿעסאָר מערדאָק (W. Murdoch) פֿון פּערט — װעגן אונדזער פּראָיעקט, און האָט זיך תּיכף באַגײס־טערט אָנגענומען פֿאַר אים. איך האָב נישט געקענט זײַן געזעל־שאַפֿטלעכע שטעלונג אחוץ דעם, אַז ער האָט געהערט צו די דירעק־טאָרן פֿון דער צענטראַלע פֿון דער „אײ.־בי־סי." (אױסטראַלישע ראַ־דיאָ־פֿאַרװאַלטונג) און האָט פֿאַר אַ פֿרױ, די טאָכטער פֿון דעם גרױסן אױסטראַלישן שטאַטסמאַן, אַלפֿרעד דיקין. זײ בײדע האָבן גלײַך אײַנגעשטימט צו מײַן פֿאָרשלאָג צו רופֿן, בײַ זײ אין הױז, אַ גרופּע אינטעליגענץ און געלערנטע כּדי צו באַקענען זײ מיטן קימבערלי־פּלאַן.

זונטיק נאָכמיטאָג, אין אַ װאַרעמען טאָג, איז מעלבורן װי אױס־געשטאָרבן. אַפֿילו אַ טעקסי קריגט מען נישט לײַכט. איך בין געפֿאָרן צו דער אסיפֿה מיט אַ האַלב פֿאַרשטיקטן געפֿיל פֿון אומרו.

נישט געקוקט אױף דעם אָפּטימיזם, װאָס איז אין מיר אױסגעװ־װאַקסן נאָך דער פֿרײַנטלעכער אױפֿנאַמע אין מערבֿ־אױסטראַליע, האָב איך זיך געריכט אױף שװעריקײטן אין די טרוקענע, האַרט־מסחרישע, נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע מזרח־שטאַטן פֿון אױסטראַליע. מען האָט מיך פֿון אַ סך זײַטן געװאָרנט, און „קימבערלי" איז פֿאַר זײ בכלל

אַ פּוסט וואָרט . . . מיט אַ טאָג פריער איז געווען יום כפּור, און ווי עס פירט זיך, האָט מען זיך געהאַט אויסגעטאָן פון דער וואָכעדיקער אַרבעט. אָבער טאַקע ערב יום כפּור, אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן, האָט אַ וויכטיקער מענטש, דער הויפּט פון אַלע אויסטראַלישע מיליטערישע וועטעראַנען, אַריינגעוואָרפן גאָר אַ באַזונדערן קעגן־אַרגומענט אין דער דעבאַטע, וועלכן איך האָב פריער נישט פאָראויסגעזען. סער גילבערט דייער האָט געזאָגט ווי שווער עס וועט זיין דער רעגירונג. צו דערלויבן אַ ספּעציעלן ישוב פון יידן, ווען זי זאָגט אָפּ דאָס זעלביקע נישט נאָר די יאַפּאַנער און כינעזער, נאָר אפילו בירגער פון דער אייגענער אימפּעריע — די אינדיער. וואָס פאַרא נייע פיינטלעכע אַרגומענטן קענען נאָך אַרויסשווימען!

אין דער קליינער פאַרחלומטער געסל איז געשטאַנען דאָס פּריצישע הויז פון די ברוקסעס, און ברייטע טרעפּ און זאַלן האָבן געפירט צו דעם קלענערן, אינטים־אויסגעפּוצטן צימער פון דער פאַר־זאַמלונג. פּינקטלעך, איינער נאָך דעם אַנדערן, האָבן אַריינגעשטראָמט די געסט. מען האָט מיך פאָרגעשטעלט צו יעדן איינעם, אָבער איך האָב נישט געקענט דערווייל אַרויסזען די באַזונדערע פּערזענלעכ־קייטן אין די איינציקע צענדליק געזיכטער פון מענער און פרויען. איינער פון זיי האָט זיך תיכף אַרויסגעשיילט. אַ קורץ־וואוקסיקער מיט אַ שאַרף־געשניצטן פּנים און פאַרשנדיקע אויגן. „איך האָב שוין אַביסל געהערט וועגן פּראָיעקט — האָט סער דייוויד ריוועט (Sir David Rivett) שטיל געזאָגט צו מיר — איך וואָלט זיך געוואָלט באַקענען נעענטער מיט אים״. מיר האָבן אָפּגערעדט אַז איך וועל זיין מאָרגן אין זיין אָפיס מיט די מאַטעריאַלן. זיין אָפיס איז געווען דער מלוכהשער ראַט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג (Council for Scientific and Industrial Research).

מען האָט זיך פאַנאַנדערגעזעצט אין אַ ברייטן האַלב־קרייז, מר. ברוקס אַלס פאָרזיצער ביי אַ טיש מיט מיר. איך האָב זיך אויפ־געשטעלט פאַר זיי, און אין אַ קורצן פאָרטראַג איבערגעגעבן דעם „ראָמאַן״, וואָס מיר האָבן פאַרפירט מיט די קימבערלייס. אַזוי ווי איך האָב נישט געוואוסט ווער עס זענען די צוהערער, האָב איך גע־מוזט צונויפנעמען אין איינס די אַלע עקאָנאָמישע, קלימאַטישע, הומאַ־ניטאַרע אַרגומענטן, וועלכע באַפעסטיקן דעם פּראָיעקט פון אַלע זייטן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די נאַטירלעכע שטייפקייט ביי יעדן אַנהויב

פון אַ פאָרטראַג האָט ביסלעכווייז אָפּגעלאָזן. די העפלעך צוהערנדיקע געזיכטער זענען געוואָרן לעבעדיקער און וואַרעמער. איך אַליין האָב גענומען פילן זיך היימישער, און ביי דעם סוף פון דער רעדע האָב איך זיך שוין איבערגעקוקט מיט די צוהערער עפּעס ווי אַ שטיקל באַקאַנטער. מסתמא האָט זיי אַביסל פאַרכאַפּט דער העזהדיקער פּראָיעקט, אין וועלכן קאָלאָניזאַציע פון זייער אייגן לאַנד האָט זיך פאַרמישט מיט אַ טיפער מאָס פון פּראַקטישער הומאַניטעט.

דער פאָרזיצער, אַן אויפגערוימטער, אַ פריילעכער, האָט געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: זעט איר ווי עס האָט געלוינט אָפּצורייסן אייך אין אַזאַ שיינעם זונטיק־טאָג, — און האָט געבעטן דעם עולם אַרויסצוזאָגן זיך פריי און אָפן וועגן דער זאַך.

עס זענען אויפגעשטאַנען און גערעדט אַ ריי מענער, און יעדער נאָמען זייערער האָט געזאָגט עדות וועגן זייער ראָלע אין דער געזעלשאַפט. סער דזשאָרדזש פּיערס, אַ שלאַנקער מענטש מיט אַ גרויען קאָפּ און ענערגישע באַוועגונגען, איז אַ סך יאָרן געווען דער קריגס־מיניסטער פון דער פעדעראַלער רעגירונג, און האָט אַליין געשטאַמט פון מערב־אויסטראַליע. עס איז נישטאָ אין דער דורכשניטלעכער שטים פון דעם אויסטראַליער קיין באַזונדערס בולטע נאָטן פון ענערגיע, פון ענטוזיאַזם, פון אויפברויז. אויך דער שטאַטסמאַן דאָ איז אָפּגעהיט מיט דער וואַריאַציע פון זיין שטים. פּיערס אָבער האָט זיך זייער שנעל דערוואַרעמט און מיט די מיטלען פון אַ געוואוינטן רעדנער דערציילט ווי ער האָט יאָרן לאַנג געשטרעבט אויפצועפענען דעם רייכן, אָבער אין שלאָף־ליגנדיקן צפון פון אויסטראַליע. וואָס האָט מען שוין נישט געטאָן? אַן אַ שיעור פּראָיעקטן, אויספאָרשונגען, בודזשעטן, — און די זאַך האָט זיך נישט גערירט. נישט געווען די פּאַסיקע באַפעלקערונג. איצט זעט ער אין דעם קימבערליי־פּראָיעקט די גרויסע היסטאָרישע געלעגנהייט. דער חלום פון זיין לעבן קען אפשר פאַרווירקלעכט ווערן...

פאַרשטייט זיך, אויף אַזאַ אויפפלאַם פון באַגייסטערונג האָט מען גענומען גיסן עמער קאַלטע וואַסער. אַט טאַקע סער דייוויד ריוועט האָט אין אַ רואיק־וויסנשאַפטלעכער פאָרם פאַנאַנדערגעוויקלט יענעם קנויל פון קעגן־אַרגומענטן, וועלכע איך האָב שוין מער־ווייניק געקענט. וואָס ווייסן מיר פון יענעם לאַנד אָן צופאַרלעסיקע מאַטעריאַלן? — האָט ער גערעדט. — כמעט ווי גאָרנישט. ביי אונדז אין ראָט איז

גאַר ווייניק פאַראַן עכטע ידיעות וועגן קלימאַט, וועגן רעגן־פאַל, וועגן די פלאַנצן אוןביימער אין יענער געגנט... חוץ דעם: צי וועלן זיך יידן האַלטן אין אַזאַ געגנט, צי וועלן זיי נישט שטרעבן וואָס גיכער אַוועקגיין אין די שטעט? דער גייסט פון קאָמערץ און אַקטיוון האַנדל ליגט אין זייער בלוט. איך ווייס נישט צי מען קען אויף אַזאַ אופן לייזן די פליטים־פּראָגע...

אַ גוואַלטיק־הויכער, ברייט־געבויטער מאַן, מיט געלב־בלאָנדע האָר — פּראָפ. ריטשאַרדסאָן, — האָט זיך אויפגעהויבן און האָט מיט זאַכלעכער קלאָרקייט ווייטער געשפּונען ריזועטס צווייפלען. אויב יענער האָט נישט געוואוסט פון גענויע מאַטעריאַלן וועגן צפון פון לאַנד האָט דער רעדנער מיט זיכערקייט דערקלערט, אַז זייער אינפאָרמאַציע ווייזט אָן אויף דער אוממעגלעכקייט פון אַזעלכע פּלענער. מעגן אפילו די פּאָליטיקער (אַ שטאָך צו סער דזש. פּיערס!) זיך באַגייסטערן, אָבער דער וויסנשאַפטלער מוז אָביעקטיוו פאַרשן. אין די קימבערלייס איז נישטאָ קיין זיכערער, שטענדיקער רעגן־פאַל; אָט זיינען וואַסער־שטורעמס און אָט זיינען חדשים, חדשים־לאַנגע טריקענישן... בהמות שטאַרבן דעמאָלט אויס אין די צענדליקער טויזנטער... פּרוואוון פון קאָלאָניזאַציע זיינען דורכגעפאַלן. וואָס וועט מען דאָרטן פלאַנצן און וואוהין וועט מען עס פירן? איך וויל נישט טאָן קיין רעה די פליטים, אָבער אַזוי איז די לאַגע...

זאָל איך נאָך דערמאָנען, אַז אַ קליין מענטשל מיט נערוועזע באַוועגונגען, מיט אַ טונקעלן טוך איבערן האַלדז און מיט אַ פינצטערן געמיט, דער פּרעזידענט פון אויבער־הויז פון היגן פּאַרלאַמענט, סער פרענק קלאַרק, (SIR FRANK CLARKE) האָט זיך דערקלערט אין סימפּאַטיע צו אַזאַ פּראָיעקט פון הילף, אָבער... דאָס דאַרף מען אַ סך שטודירן, אַ סך פאָרשן, ביז מען נעמט אָן אַן אַנטשיידונג... עס וועט נעמען צייט... און איצט איז מלחמה...

ממילא האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין צימער אַן אַטמאָספער פון אומרואיקייט און אומעטיקייט. עפּעס ווי מען וואָלט געבראַכן פאַר אונדז אין די אויגן אַ שוואַך און אידל געפּעס. דער פּאָרזיצער איז געווען אַ ביסל נערוועז, אַ פּאָר דאָמען האָבן געוואָרפן, דוכט זיך, טרויעריקע בליקן אויף מיר. דאָ האָט זיך געמעלדעט צום וואָרט און האָט זיך געשטעלט אין אַ באַשיידענער פּאָזע אַ מיטליעריקער הער, וועמען עס איז שווער געווען אַרויסצוזען פון דעם עולם. אַ רונדער

קאָפּ, מיט אַ מעכטיקן שאַרבן, אַ פּשוט, כמעט פּויעריש געזיכט, אַ פּאָר פאַרטראַכטע אויגן. „ווער איז דאָס ?" — האָב איך זיך צוגע־בויגן צו מר. ברוקס. — „דאָס איז פּראָפעסאָר וואוד" האָט ער אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ. וואוד האָט אָנגעהויבן מיט דער זעלביקער זאַכלעך־רואיקער שטים ווי די אַנדערע וויסנשאַפטלער; זיין רעדע האָט אָבער אַלץ מער און מער באַקומען דעם וואַרעמען טאָן פון באַגייסטערונג. — געוויס — האָט ער געזאָגט — זיינען דאָ פאַר־שיידענע צווייפל אַרום אַזאַ פּראָיעקט, אָבער —

„די דעבאַטע וועגן די פרייע שטחים פון אונדזער צפון איז אָנגעגאַנגען אין אויסטראַליע צענדליקער יאָרן. אונדזערע ביר־גער פון די מזרח־שטאַטן זיינען מיט דער צייט געוואָרן כמעט אַבסאָלוט סקעפּטיש בנוגע די מעגלעכקייטן פון קאָלאָניזירן ווייסע מענטשן אין יענער געגנט. סיי די געשיכטע פון לאַנד, סיי די וויסנשאַפט האָבן, דוכט זיך, געפירט צו דער מסקנה, אַז אַזאַ קאָלאָניזאַציע איז נישט מעגלעך... דער באָדן איז נישט צוגעפּאַסט, די באַזאָרגונג מיט וואַסער איז שווער, לאַנד־ווירטשאַפט שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן אאַז"וו... דאָך איז פאַראַן אַן אַנדער זייט פון דער מטבעה. יענע געגנט פאַר־מאָגט נישט קיין טראָפּישע קראַנקהייטן. דעם גרעסטן טייל פון יאָר זיינען פאַראַן גוטע באַדינגונגען פאַרן געזונט פון מענטשן. מיר ווייסן אַז וויסנשאַפט און טעכניק לייגן היינט אַריין אין די הענט פון קאָלאָניסטן אַ סך שטאַרקערע וואָפן ווי ווען נישט איז פריער. אַזוי אַרום איז דער ענין פאַרבליבן אומקלאָר."

דאָ האָט זיך פּראָפעסאָר וואוד צוגעווענדט צו אונדזער זאַך, און זיין געזיכט האָט אויפגעשטראַלט מיט אַ פיינער לעבעדיקייט.

„אָבער דער פּראָיעקט פון גרינדן אַ יידישן ישוב אין די קימבערליס צעשטערט אונדזער סקעפּטישע באַציאונג. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף אונדזערע פּאָליטיקער און וויסנשאַפטלער ווי אַ דונער פון ערגעץ־וואו. דאָס איז אַ פּלאַן, וואָס זיין פאָטער איז מוט פון אַ העזהדיקן פאַרנעם און זיין מוטער איז אונטער־נעמונגס־גייסט פון גרויסער געוואַגטקייט. ביי דעם ערשטן אָנבליק שיינט עס, אַז דער פּלאַן שלאָגט אין פּנים דער גאַנצער

דערפאַרונג, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעזאַמלט פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט. אָבער עס קומען צייטן ווען אַ פאָלק מוז זיין גרייט צו רעווידירן זיינע מיינונגען און אפשר אפילו איבער־נעמען אַ ריזיקע ווי מען טוט עס נישט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען.״

פראָפ. וואוד איז אַריבערגעגאַנגען צו זיין הויפּט־פּונקט, און אין זיין געלאַסענער שטים האָט אָפּגעקלונגען באַגייסטערונג.

„קאָלאָניזאַציע באַזירט זיך אָבער נישט אויף קלימאַטישע, פיזישע, טעכנישע באַדינגונגען אַליין. קאָלאָניזאַציע איז, ראשית כל און סוף כל סוף, אַן אונטערנעמונג פון מענטשן, פון מענטש־לעכן גייסט. עס מוז שטעקן אין זיי אַ טיפער ווילן, אַ זעלישע נויטווענדיקייט כדי זיי זאָלן „באַוועגן בערג״ און אויפשליסן אַ פאַרמאַכט לאַנד. דאָס פאַרמאָגן די יידן... אַט די זעלישע מעלות באַזיצן יידישע מענטשן, וואָס ווערן אַרויסגעשטויסן פון איראָפּע מיט ברוטאַליטעט און אכזריות. זיי פאַרמאָגן אַ דינאַמישן כוח אויף צו שאַפן אַ היים, וואָס איז אומפאַרגלייכ־לעך גרעסער ווי די כוחות, וואָס האָבן ווען עס איז פריער געשטויסן די פּיאָנערן פון אויסטראַליע...״

אז דער רעדנער האָט זיך געזעצט האָבן זיך אַלע מסתמא דערפילט ווי דערהויבן. דאָ האָט אָקאָרשט גערעדט די שטים פון סאָציאַלער וויסנשאַפט, דורכגעמישט מיט אַ הערלעכן הומאַניטאַרן גייסט. נישט איך אַליין האָב געקוקט אויף וואודן מיט דאַנקבאַר־קייט. איצט האָבן אַנדערע רעדנער נאָכגעפּאָלגט זיין געדאַנקען־ליניע. מען האָט געמאַכט אַן איבעררייס און פאַנאַנדערגעטראָגן טיי. דאָס צימער האָט געזשומעט ווי אַ בינשטאָק.

צום סוף האָב איך באַקומען דאָס וואָרט אויף אָפּצושליסן די דעבאַטע. איך האָב נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו שפּאָרן מיט אַרגומענטן אָדער מפּייס צו זיין די צווייפלער און באַהאַלטענע קעגנער. האָב איך זיי אָפן דערקלערט, אַז אויך מיר קענען די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון אַ טראָפּישן לאַנד. אָבער דער פּלאַן מוז באַטראַכט ווערן אויפן טראַגישן הינטערגרונט פון הייַנטיקן איראָפּע. אונדזערע קאָלאָניסטן וועלן שפּירן הינטער זייערע פּלייצעס די גיהנום־פייערן פון היטלערן.

ווי הייס עס זאָל נישט זיין אין קימבערליי, עס וועט קיינמאָל נישט זיין אַזוי מאוימדיק הייס ווי דאָרטן. (דער עולם האָט אַ שמייכל געטאָן מיט סימפּאַטיע). זוכן מיר טאַקע דערפאַר אַ לאַנד אויך מיט אַ גוטן פּאָליטישן קלימאַט. מיר זעען עס אין אויסטראַליע. געוויסע לייט צווייפלען צי יידן וועלן זיך פאַרהאַלטן אין די פּוסטעגישן פון אַ ניי לאַנד, צי וועלן זיי נישט אַלע אַוועקלאָזן זיך אין די שטעט, וואו זיי וועלן שאַפן קאָנקורענץ. מען זאָגט אפילו, אַז דער גייסט פון האַנדל ליגט אין זייער בלוט. דאָס איז פאַלש. די באַשעפטיקונגען פון אַ פאָלק ווערן באַדינגט נישט פון אַ ראַסע אָדער בלוט, נאָר פון זיין היסטאָרישער לאַגע און דער סביבה. עס איז נישט אַ ביאָלאָגישער, נאָר אַ סאָציאָלאָגישער פאַקט, — און, הייסט עס, עס קען געענדערט ווערן . . . צו וואָס זאָלן די קאָלאָניסטן לויפן אין די שטעט? צוליב די קינאָס, די ראַדיאָס, אַ קאַלטן טרונק? קענען זיי ניט האָבן אָט די אַלע פאַרגעניגנס אין אַ מאָדערנעם קימ־בערליי־ישוב? . . . . גראַד יידן און זייער יוגנט האָבן באַוויזן אין פּאַלעסטינע, ווי זיי קענען איבעראַנדערשן זייער אַרויפגעצוואונגע־נעם לעבנס־סדר, ווי זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פאָלק פון פּויערים און אַרבעטס־מענטשן. ניין, אין דער הינזיכט האָבן מיר קיין שום צווייפל נישט. מען פרעגט אונדז ווי וועט אויסזען די עקאָנאָמיק פון צוקונפטיקן ישוב, מיט וואָס וועט ער האַנדלען, וועלכע טראַנספּאָרט־מיטלען ער וועט באַנוצן. שווער צו ענטפערן אויף די און נאָך טויזנטער פראַגעס, וועלכע וועלן אַנטשטיין ביי דער פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן פּלאַן. אָבער ביי אונדזער גרעסטן דרך־ארץ צו וויסנשאַפט פילן מיר, אַז מיט טרוקענע אויסרעכענונגען אַליין בויט מען נישט קיין לענדער. עס פאָדערט זיך נאָך פאַנטאַזיע און מוט. צי שטייט נישט אין אָנהייב פון דער אויסטראַלישער קאָלאָניזאַציע די וואונדערלעכע געשיכטע פון מאַקאַרטורן, וואָס האָט פאָרגעשלאָגן איינצופירן די שעפּסן־צוכט און איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון די ניכטערע קענער פון יענער צייט? וואָס וואָלט היינט געווען אויס־טראַליע אָן דער שעפּסן־ און וואָל־אינדוסטריע? דערפאַר בין איך אַזוי גליקלעך מיט די רייד פון פראָפ. וואוד, וועלכער האָט אונטער־געשטראָכן דעם מענטשלעכן עלעמענט פון אונדזער פּלאַן . . . די אָפּי־ציעלע וויסנשאַפט ווייסט נאָך ווייניק וועגן דעם אומגעהויער גרויסן לאַנד קימבערליי, און אַלץ וואָס פראָפ. ריטשאַרדסאָן האָט דערציילט

וועגן די רעגנס, שטורעמס, טריקענישן באַציט זיך נישט אויף יענער געגנט, וועלכע מיר האָבן אויסגעקליבן פאַר אַ ישוב. זיין מאַטעריאַל געהערט צו אַ פּלאַץ אפשר טויזנטער מייל אַוועק פון דאָרט...

איך האָב געזען אַז דער עולם איז פאַראינטערעסירט. אפשר האָט ער זיך צוגעהערט נישט אַזוי צו די לאָגישע אַרגומענטן ווי צו די עמאָציאָנעלע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די רייד. איז עס דאָך געווען נישט נאָר אַ פאַרטיידיקונג פון אַ געוויסן קאָלאָניזיר־פּלאַן, נאָר אויך פון אַ יידישן פאָלק. ווער ווייסט, אפשר האָבן זיי געהערט געוויסע זאַכן צום ערשטן מאָל. אָבער איך האָב נישט געקענט פאַרענדיקן איידער איך האָב זיך אָפּגערופן אויף די רייד פון דעם געפּעדלעכן פאַרשוין מיטן טונקעלן טוך אַרום האַלדז. — ניין, — האָב איך זיך דירעקט געווענדט צו אים — מען טאָר בשום אופן נישט אָפּלייגן די זאַך צוליב מלחמה אָדער גלאַט צוליב פאַרשונגען. עס איז אַ נויטווענדיקייט פאַרן לאַנד, פאַר די יידישע פליטים, פאַר הומאַניטעט. די בעסטע אויספאָרשונג וועט זיין טאַקע אָנצוהייבן די קאָלאָניזאַציע...

פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן פריינטלעכע הענט. אַלע, אפילו די קעגנער, האָבן פריינטלעך גענומען אָפּשייד פון מיר. איך בין געזעסן פאַרמאַטערט פון דער אויפרעגונג און פון דער אחריות, נישט געקענט פאַרגעדענקען די נעמען פון די געסט. אָבער אַ שטראָם פון וואַרעמקייט האָט מיך אַ ברי־געטאָן בעת איינע פון די דאַמען האָט שטיל און האַרציק געזאָגט: זאָל אייך גאָט העלפן! זי האָט געגעבן איר האַנט און איז אַוועק.

דער באַלעבאָס איז געבליבן זייער צופרידן מיטן מיטינג.

:: :: ::

אויף מאָרגן אינדערפרי — עס איז נאָך נישט געווען 9 אַזייגער — האָט מיך גערופן דער טעלעפאָן. וואָס איז? ד״ר וואוד איז אונטן אין האָטעל און פרעגט צי ער קען מיך זען. איך בין געווען דערשטוינט פון דעם אומדערוואַרטעטן וויזיט און בין גלייך אַראָפּגעגאַנגען אונטן. דער פריינט פון נעכטן איז באַשיידן געזעסן אויף אַ באַנק און האָט געשמייכלט. — איך בין געקומען צו זאָגן אַז איך בין גרייט צו שטעלן זיך אין דינסט פון אייער זאַך...

איז דאָס נישט געווען וואונדערבאַר? דאָס איז געווען דער ערשטער פועל יוצא פון דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג. ד״ר וואוד

האָט פאַרשטאַנען און געשעצט מענטשלעכן פּאַטאָס, אָבער ער האָט נישט אַריינגעלייגט קיין פּאַטעטישע נאָטן אין זיינע רייד אָדער באַשלוסן. מיט אַ רואיקער שטים האָט ער דערקלערט, אַז ער זעט גענוג קלאָר די שוועריקייטן פון אונדזער פּראָיעקט און די שטע־רונגען וואָס מיר וועלן טרעפן מצד אומפאַרשטענדיקע מענטשן. אָבער ער וועט העלפן מיט וואָס ער קען. — מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך ביי מיטאָג, און דאָ האָב איך דערהערט פון אים אַזאַ מין באַלויכטונג פון אונדזער פּראָבלעם, אויף וועלכער איך האָב זיך גאָרנישט געריכט. ד״ר וואוד האָט אַריינגעבראַכט אַ קולטור־פילאָ־זאָפישן געדאַנק, וועלכער האָט זיך לחלוטין אָפּגעשיידט פון די באַנאַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אויסרעכענונגען.

— אַ גרעסערע יידישע קאָלאָניזאַציע אין אונדזער לאַנד — האָט ער געזאָגט — וועט העלפן איבערצומאַכן אַ ביסל דעם אויס־טראַלישן קוק אויפן לעבן. מען איז ביי אונדז גאָרנישט געוואוינט צו ליידן, צו דער טראַגעדיע פון ליידן און צו דער לייטערונג דורך יסורים... קולטור קען נישט וואַקסן אָן דער דערפאַרונג פון ליידן דורך אַ פאָלק. די אויסטראַליער האָבן אַ סך געהאָרעוועט און געלייגט קרבנות אויף צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד. אָבער דאָס זיינען אַלץ קרבנות און ליידן אין קאַמף מיט דער נאַטור, מיט די נשמה־לאָזע זאַכן אַרום אונדז. איך האָב אין זינען יענע טיפע און טראַגישע ליידן פון דער מענטשלעכער נשמה פאַר די העכסטע קולטור־ווערטן ווי דאָס האָבן געקענט די אַלטע אייראָפּעאישע פעלקער. דאָס וואָס מען רופט אָן דעם קאַמף פאַר גייסטיקער און מאָראַלישער פאַרפולקאָמונג פון מענטשן... מיר באַזיצן דאָ אַ סך רעכט און פּריווילעגיעס וואָס די אַנדערע לענדער זיינען אונדז מקנא אויף דעם: פּאָליטישע פרייהייט, אַ גרויסע מאָס גלייכקייט צווישן די בירגער, אַ געזעצגע־בונג וואָס פאַרזיכערט אַ סך סאָציאַלע גערעכטיקייט פאַר די מאַסן. אָבער דאָס פאָלק האָט עס באַקומען בירושה פון די פריערדיקע דורות, עס נעמט עס אָן ווי אַ נאָרמאַלע זאַך וואָס קומט אים. עס ווייסט נישט וויפיל שווערער קאַמף און מסירות־נפש עס איז געלעגן הינטער אָט די כלומרשט נאָרמאַלע רעכט, אין ענגלאַנד פון וואַנען מען האָט זיי אַריבערגענומען, און אפילו דאָ אין לאַנד. די מאַסן שפירן נישט דעם גייסטיגן ווערט פון דער פרייהייט, ווייל זיי האָבן זי באַקומען נישט אויסגעקעמפט, פונקט אַזוי ווי די אַנדערע מאַטעריעלע באַדינ־

גונגען פון וואוילטאָג. גלויב איך, אַז עס וועט גוט זיין פאַר אונזער פאָלק צו באַרירן זיך נאָענט מיט אַזאַ פאָלק ווי דאָס יידישע, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין דער געשיכטע און וואָס האָט פונדעסטוועגן אויפגעהאַלטן ביי זיך אַזאַ גייסטיקן לעבן. אָט די באַרירונג וועט עס באַרייכערן, וועט אַריינטראָגן מער טיפקייט אין זיין אייגענעם לעבן...

הינטער דעם פנים פון אַ פשוטן, כמעט דורכשניטלעכן, באַלע־באַטיש רואיקן אויסטראַליער האָב איך דערזען דאָס אינערלעכע געזיכט פון אָט דעם פאָלק. אין דער מיט פון אַ געבענטשטער, מיט זון פאַרגאָסענער נאַטור, אין אַ סביבה פון פּאָליטישער פרייהייט און מאַטעריעלער קולטור גייען אַרום מענטשן, וואָס זייער מוח ווערט געעגבערט פון גייסטיקע זאָרגן. פּראָפ. וואוד איז אַ ראַדיקאַל אין זיינע סאָציאַלע אידעען, ער איז סקעפּטיש בנוגע זיין לאַנד, אין וועלכן עס פעלט נאָך קולטורעלע ערנסטקייט און פאַרטיפטקייט. דערמיט צייכנט ער זיך אויס, אָן צווייפל, פון דער גרויסער מחנה פון זעלבסט־צופרידענע, ענגלאַנד נאָכמאַכנדיקע אינטעלעקטואַלן. אָבער זיין ראַדיקאַליזם, סקעפּטיציזם און הומאַניטאַריזם זיינען גלייכ־צייטיק אָן אַנוויז אויף דאָס פאַרהוילענע און שיינע אין פאָלק.

וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן אויף דעם ליידנס־אַספּעקט פון קימבערליי־פּלאַן? איך האָב צוגעגעבן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז טאַקע עפּעס אַזוינס ווי אַן עקספּערט אין יסורים, אָבער אונדזער ציל ביי דער איינפלאַנצונג אין אויסטראַליע באַשטייט אין דעם צו באַפרייען עס פון ליידן... יידן האָבן שוין אַ ביסל צופיל געליטן אין דער געשיכטע, זאָל כאָטש אַ טייל פון זיי האָבן אַ זעלישן אָפּרו אויף אַ פּאָר דורות. מיך ציט צו אויסטראַליע דווקא אָט די אומדערשיטערלעכע רואיקייט, די פרישקייט און זאָרגלאָזיקייט פון געמיט, וועלכע פעלט אַזוי שטאַרק דעם יידישן פאָלק. זאָלן זיך אונדזערע לייט צוקוקן צו דעם אויסטראַליער און זאָל אַ ביסל פּשטות און לייכטקייט פון לעבן אַראָפּנידערן אין זייערע פאַר־צער׳טע נשמות... אָבער (האָב איך פאַרענדיקט און ער האָט געלאַכט) מיר דאַרפן זיך נישט קריגן. זאָל יעדעס פון דיביידע פעלקער נעמען פון דעם אַנדערן דאָס, אין וואָס עס נייטיקט זיך אַממערסטן, אַבי עס זאָל קומען צו אַ געלונגענער קאָלאָניזאַציע...

זינט יענעם טאָג האָבן מיר זיך געטראָפן אָפטער, און וואוד האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן שריט פון מיין פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּיין.

דעם 17טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון אויסטראַלישן „אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע ענינים", געווידמעט אונדזער פּראָיעקט, אין הויז פון סער הערבערט דזשעפּ (Gepp). עס איז געווען אַ קליינער עולם פון אויסדערוויילטע פּערזאָנען, צווישן זיי מר. עגעלסטאָן (דער שפּעטערדיקער אַמבאַסאַדאָר אין כינע), דער היסטאָריקער פון אויסטראַליע, סער ערנסט סקאָט, דער גאַסטגעבער אַליין (אָנערקענטער אויטאָריטעט אין עמיגראַציע־פּראָגן), דער יונגער יידיש־אויסטראַלישער קענער פון פּאָליטישער וויסנשאַפט, פּ. ד. פיליפּס און, ס'פאַרשטייט זיך, דר. וואוד. די אַלגעמיינע באַציאונג איז געווען זייער סימפּאַטיש, און צום סוף פון דעם שמועס האָט מען זיך געפרעגט וואָס קען איצט געטאָן ווערן פּראַקטיש כדי צו העלפן דעם פּראָיעקט. איך האָב פאָרגעשלאָגן צו פאַרפאַסן אַ דאָקומענט מיט אַ מאָטיווירטער דערקלערונג פון סימפּאַטיע מצד פירנדיקע בירגער פון מעלבורן און פאַרעפנטלעכן עס אַלס אויפרוף אין דער פּרעסע. מען האָט צו דעם צוגעשטימט און געבעטן גלייך אויפן אָרט דעם מר. פיליפּס אָנצושרייבן אַ פּראָיעקט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געזעסן ביי אים אין הויז און ער האָט עס מיר שוין פאָרגעלייענט. עס איז אַרויסגעקומען אַ קלאָרער, קלוגער און באַריידעוודיקער דאָקומענט. איצט האָט מען געזאָלט לאָזן רעדאַגירן דעם טעקסט פון נאָך אַ פּאָר פריינד, וואָס זייערע נעמען וועלן שטיין אין דער ערשטער ריי, און אָנהייבן קלייבן די נויטיקע חתימות. דזשעפּ און ענגעלסאָן זיינען געווען די צוויי אַנדערע צו דר. וואוד. אָבער ער איז געווען דער מענטש וואָס האָט, נישט געקוקט אויף זיינע פאַרשיידענע פליכטן אין אוניווער־סיטעט און מלוכה, שטענדיק אָפּגעגעבן צייט און אויפמערקזאַמקייט צו דעם אויפרוף. מיר האָבן אָנטגילטיק פעסטגעשטעלט דעם טעקסט; מיר האָבן דורכגענומען די ליסטעס פון מענטשן, צו וועמען מען האָט געזאָלט שרייבן; ער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו מיט וועלכן איך האָב זיך געדאַרפט ווענדן צו די אָנגעמערקטע פּערזאָנען. עס האָבן געזאָלט זיין אַ 100 עקזעמפּלאַרן; האָט ער עס מיטגענומען און נאָך דעם זעלביקן טאָג געבראַכט צו מיר העקטאָגראַפירט.

אין דער קימבערליי־מיסיע האָט אים אינטערעסירט אַלץ: איר נאָענטסטער און העכסטער ציל, די מעטאָדן פון קאַמפּיין, די טעכניק און די „שוואַרצע אַרבעט". אין די שפּאַרעוודיקע רייד זיינע האָב

איך שטענדיק געפילט דעם וואַרעמען אָטעם פון דעם איבערגעגעבענעם פריינד. עס איז טאַקע דערשינען, דעם 1טן דעצעמבער 1939, דער „מאַניפעסט" פון 46 (ווי די ציטונגען האָבן עס אָנגערופן) מיט וועלכן מיר האָבן געקענט שטאָלץ זיין.

:: :: ::

וויניקער ווי אין אַ יאָר אַרום, אין אויגוסט 1940, בין איך פון סידנעי אַריבערגעקומען קיין מעלבורן. נישט געקוקט אויף די צעשמעטערנדיקע ידיעות פון איראָפּע (קאַטאַסטראָפע אין פראַנקרייך, באָמבאַרדירונג פון ענגלאַנד) האָבן מיר באַשלאָסן צוצוטרעטן אָפּי־ציעל צו דער רעגירונג מיט דעם קימבערליי־פּאַרשלאַג. אונטער דער רעדאַקציע פון סער טאָמאָס בייווין האָבן מיר אויסגעאַרבעט דעם טעקסט פון אַ גרויסן מעמאָראַנדום (50 פּאַראַגראַפן אויף 15 זייטן), וועלכן איך האָב געזאָלט איבערגעבן צום פּריים־מיניסטער מענזיס. צו דעם צוועק בין איך געקומען קיין מעלבורן. אָבער איך האָב נישט געהאַלטן אונדזער דאָקומענט פּאַרטיק אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט באַקומען די ברכה פון די מעלבורנער פריינד, ראשית כל פון וואודן.

איך האָב אים געפונען פונקט אַזוי אינטערעסירט אין דער זאַך ווי מיט אַכט חדשים צוריק. אין אַ בריוו צו מיר פריער האָט ער זיך אפילו געהאַט פאַרענטפערט פאַר זייער „פּאַסיוויטעט" אין מעלבורן, בעת די סידנעיער לייט האָבן אַזויפיל געטאָן. ער האָט גלייך אַראַנזשירט אַ צוזאַמענטרעף ביי מר. עגעלסטאָן, און מיר זיינען זאַל־בעדריט דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן טעקסט, פּונקט נאָך פּונקט. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן ווייניק אויסבעסערונגען און לסוף האָבן זיי, אין זייער לאַקאָנישער שפּראַך, דורכגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר באַמער־קונגען: „עס איז גאַנץ גוט".

מיט אַ טאָג שפּעטער האָב איך געזען מענזיסן און איך האָב אים, אַזוי צו זאָגן, פּריוואַט, איבערגעגעבן אַ קאָפּיע פון דעם מעמאָראַנדום. אָפּיציעל — אין דריי קאָפּיעס, מיט אַלע צוגעהעריקע דאָקומענטן, — האָב איך עס געזאָלט אַרויסשיקן צו אים אין קאַנבעראַ אין אַ פּאָר טעג אַרום. „איך וועל עס פּאַנאַנדערשיקן צו מיינע קאָלעגן" — האָט ער געזאָגט.

איצט האָט מען עס, אַלזאָ, געדאַרפט צוגרייטן טעכניש, אין אַ שיינער און אָנציענדיקער פאָרם, אַזוי אַז די מיניסטאָרן זאָלן עס

וועלן לייענען מיט אינטערעס. ווי אָפט שפּילט אָט די טעכנישע זייט פון אַן אונטערנעמונג גאָר אַ גרויסע ראָלע אין איר מזל. מען איז אַזוי ליידנשאַפטלעך פאַרכאַפּט פון דער גייסטיקער זייט פון אַ באַוועגונג, פון איר אידעאָלאָגישן צוועק פון אימפּעט, אַז מען פאַר־נאַכלעסיקט די רעדלעך און שרייפעלעך פון דער באַוועגונג־מאַשין.

איך האָב אויך קוים געטראַכט וועגן דער זייט, און אַז איך בין געוואָרן אַוועקגעשטעלט פאַר איר אין מעלבורן, בין איך אַ ווײַלע געשטאַנען צעמישט. אָבער דאָ איז אונטערגעקומען וואוד און האָט זאַכלעך דערקלערט, אַז דאָס אַלץ קען געטאָן ווערן ביי אים אין אוניווערסיטעט. ער איז דער דעקאַן פונעם עקאָנאָמישן פאַקול־טעט, און ער וועט שטעלן צו אונדזער דינסט זיין סעקרעטאַרין און אַ צימער. דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג — פון 10 ביז איבער 6 — האָב איך טאַקע פאַרבראַכט דאָרטן. אַ יונגע מיידל מיט אַ זייער אינטעליגענטן אויסזען האָט אויף דער שרייב־מאַשין צוגעגרייט צענדליקער זייטן פון אונדזערע פּאַפּירן; איך האָב זיי דורכגעקוקט און געבראַכט אין אָרדענונג; דר. וואוד האָט געמאַכט קליינע קאָרעק־טורן. אין דער צווישנצייט האָט ער מיך געבראַכט טיי צוזאַמען מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער, מען האָט לעבעדיק גע־שמועסט וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע.

עס איז שוין געווען פינצטערלעך ווען איך בין אַרויס אין גאַס, אָנגעלאָדן מיט די אַלע פּאַפּירן. נעקסטן מאָרגן האָב איך זיי אין דריי דיקע פּאַקעטן אָפּגעשיקט צו דעם שעף פון דער רעגירונג. דער באַאַמטער אין דעם קליינעם פּאָסט־אָפיס האָט עס איבערגענומען און רעגיסטרירט גאַנץ גלייכגילטיק. אָבער פאַר מיר איז עס געווען אַ מאָמענט פון גרויסן באַטייט. אַן אידייע, אַ חלום וואָס מיר האָבן מיט אַזויפיל זאָרג און ליבשאַפט אַרומגעטראָגן אין זיך פאַר יאָרן, האָט דאָ געהאַט אָנגענומען אַ רעאַלע פאָרם, אַ פאָרם פון אַ פּראַקטישן מלוכהשן פאָרשלאָג. ווער ווייסט וואָס דער ענטפער וועט זיין? איצט, אין דער מיט אומרו אָנגעגליטער אַטמאָספער פון מלחמה און סכנה פאַר דער גאַנצער בריטישער אימפּעריע, צי קען מען געבן אַן ענטפער? צי קען מען טראַכטן וועגן צוקונפט? דאָך האָט דאָס האַרץ געשלאָגן שטאַרקער און מונטערער בעת איך האָב זיך — ווי אַ מוטער פון דער קינדס לאַסט — באַפרייט פון די דריי שווער אָנגעלאָדענע פּאַקעטן.

לאָמיר זיין דאַנקבאַר אַט פאַר דער פייערלעכער מינוט אַליין. איז דאָס נישט דער עכטער זינען פון דער ברכה: „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה?" איז דאָס נישט די אַנערקענונג און די דאַנקבאַרקייט פון ייד נישט דווקא פאַר דעם ענד־רעזולטאַט, פאַר דעם אחרית הימים, נאָר פאַר דער דערגרייכונג פון אַ וויכטיקער סטאַדיע אויפן לאַנגן היסטאָרישן וועג? באַשטייט נישט דער וועג בכלל פון לויטער סטאַדיעס, און זאָל נישט יעטוועדע סטאַדיע געבענטשט ווערן אויב נאָר מען האָט זי אויסגעקעמפט מיט ערנסטער מי? איך האָב דאָס מאָל געקענט באַגליקווינטשן זיך נאָר אין איינזאַמקייט, ווייל קיינער פון דרויסן האָט נישט געטאָרט וויסן פון דעם געמאַכטן פּאָליטישן שריט. אָבער ווי שווער, ווי אומגעהויער שווער איז עס צו בלייבן אַליין מיט זיך, אפילו ווען מען לעבט איבער אַ שׂמחה. אפילו ווען מען ליבט איינזאַמקייט, ציט עס דעם מענטשן צו רעדן וועגן דעם מיט עמיצן, צו „טיילן" מיט אים די אַליין־זייניקייט. און לעבט מען איבער אַ פרייד, ווי שטאַרק נייטיקט זיך דער מענטש אין וואָרעמער מיט־פרייד, נישט וויניקער ווי אין האַרציקן מיטלייד, להבדיל.

דעמאָלט אין מעלבורן בין איך אַרויס פון פּאָסט־אָפּיס אויף דער רוישיקער און גלייכגילטיקער גאַס, און האָב געפּראוווט מיט זיך אַליין „פּראַווען יום־טוב" אויף וויפיל עס האָט זיך געלאָזט. עס איז געווען פּונקט אַ יאָר זינט — אין אויגוסט 1939 — האָט די מערב־אויסטראַלישע רעגירונג אונדז געגעבן איר אָפּיציעלע הסכמה. נישט געקוקט אויף דעם דונערנדיקן אַקאָמפּנימענט פון דער מלחמה האָט זיך די זאַך דאָך באַוועגט פאָראויס; פאַרוואָס זאָל עס נישט זיין אַזוי אויך ווייטער? אונדזער פאָלק נייטיקט זיך אין דעם פּלאַן אַזוי שטאַרק, און אויב עס וועט אונדז געלינגען אויפטאָן עפּעס דאָ, אויף דעם אַזוי ווייט פאַרוואָרפענעם וועלט־טייל, וועט עס זיכער זיין אין זכות פון פאָלק. דאַרף מען זיך באַנוגענען מיט דעם געדאַנק אַז מען אַרבעט דאָ, ווייט פון נאָענטע מענטשן, אין אַ וויכטיקער פאָלקס־שליחות. אַ סאָלדאַט, אפילו ווען ער שטייט טיף־איינזאַם אויף זיין פּאָסטן אין אַ קאַלטער נאַכט, שטייט נישט אַליין.

⁂ ⁂ ⁂

און ווידער איז אַ גאַנצער יאָר פאַרבייגעפלויגן. עס איז געווען אויגוסט 1941, און די רעגירונג פון מענזיסן האָט געהאַלטן ביים

פאַנאַנדערפאַלן זיך. אין די טירן פון „קאַנבעראַ״ האָבן שטאַרק גע־קלאַפּט די פּאַרלאַמענטאַרישע פירער פון דער לייבאָר פּאַרטיי. ביז איך געקומען קיין מעלבורן דורכרעדן זיך מיט פּאָליטישע טוער און קלאָר מאַכן פאַר זיך די לאַגע, איז דאָך דער מזל פון דעם קימבערליי־פּלאַן דירעקט אָפּהענגיק פון די פּאָליטישע ענדערונגען אין לאַנד.

איך בין געווען באמת פאַרוואונדערט. די מענטשן פון פאַר־שיידענע ריכטונגען, וועלכע איך האָב געטראָפן, זיינען לחלוטין נישט אָפּגעקילט געוואָרן צו אונדזער פּראָיעקט. סיי אַרבעטער־פירער (ווי סקאַלין, האָלאָווי, קראַפּטס) סיי וויסנשאַפטלער, אינדוסטריאַליסטן און צייטונגס־רעדאַקטאָרן האָבן געהאַלטן דעם ענין אין זייער זכרון און האָבן ערלעך צוגעזאָגט זייער ווייטערדיקע שטיצע. די מערסטע פון זיי האָבן געהאַלטן אַז די קומענדיקע לייבאָר־רעגירונג וועט לייזן די פראַגע. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו מר. קערטן, דעם לייבאָר־פירער אין פּאַרלאַמענט, בעטנדיק די דערלויבעניש צו אַדרעסירן זיין פראַקציע וועגן קימבערליי. ער האָט געענטפערט, אַז זיי וועלן באַלד באַטראַכטן ווען דאָס קען געשען. נישט געקוקט אויף דעם שמערצ־לעך־נאַגנדיקן געפיל, וואָס איך האָב אַרומגעטראָגן מיט זיך צוליב דעם פאַרפּלאָסענעם יאָר, האָב איך דאָך נישט געטראַכט צו פאַרלירן דעם מוט. אַ שליח אויף אַ פּאָלקס־פּאָסטן קען נישט באַשטימען פאַר זיך דעם ענד־טערמין פון זיין וואַרטעניש. פאַרקערט, די פריינטלעכע שטימען אַרום האָבן מיך געשטאַרקט. וואָס קען זיין בעסער — אין אַזאַ לאַגע — ווי צו וויסן, אַז צוויי פאַקטאָרן, מינדעסטנס, שטייען הינטער דער זאַך: די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־שאַפט און די מערב־אויסטראַלישע רעגירונג.

האָט דאָס נישט געוואָלט מיר פאַרגינען דער שטן־מקטרג. דעם 29טן אויגוסט האָב איך פּלוצים דערהאַלטן אַ בריוו פון מר. לאַמבערט, דעם רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „וועסט־אויסטראַליען״ אין פּערט, מיט אויסשניטן, וואָס האָבן מיך כמעט געטראָפן ווי אַ דונער. נישט קיין אַנדערער ווי דער מיניסטער ווייז איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן עפנטלעכער רעדע אין פּערט קעגן אונדז. ער האָט געזאָגט, אַז זיי — די וועסט־אויסטראַלישע רעגירונג — מאַכט איצט אַן אויס־פאָרשונג פון זייערע לענדערייען אין צפון און אויב מען וועט באַדאַרפן די קימבערליי־געגנט פאַר די אויסטראַלישע סאָלדאַטן נאָך

דער מלחמה, וועט מען עס בעסער זיי אָפּגעבן. „זיי זיינען אונדזערע בלוט און פלייש"...

דער מיניסטער ווייז איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט מיך אַקטיוו געשטיצט זינט איך בין געקומען אין לאַנד; ער איז פּאַקטיש געווען נישט נאָר דער בעסטער קענער פון יענער געגנט, נאָר אויך מיין שטענדיקער בעל־יועץ. אויב ער לאָזט אַרויס פון מויל אַזעלכע דבורים, הייסט עס די רעגירונג טראַכט אַזוי... איז למי אני עמל? אויב פּערט איז נישט מער פאַראינטערעסירט, וואָס וועט זאָגן קאַנבעראַ? איז דאָס טאַקע אָט יענער „פּאַרראַט" קעגן וועלכן מען האָט מיך אָפּט געוואָרנט? אמת, דער „וועסט־אויסטראַליען", די פירנדיקע צייטונג פון לאַנד, האָט זיך תיכף אָפּגערופן מיט אַ שטרענגן לייט־אַרטיקל קעגן מיניסטער. אָבער אונדזער זאַך טאָר נישט ווערן קיין שטרייט־פּונקט צווישן רעגירונג און פּרעסע. געדאַנקען וואָס האָבן פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, האָבן זיך ווי אַ וויכער געטראָגן אין קאָפּ, און מאָדנע! — אַ פאַרשעמטע, באַהאַלטענע שטיקל פרייד האָט עפּעס אַרויסגעשיינט פון דער טיפעניש: מען וועט אפשר צוליב דעם דערלויבן דעם שליח אַוועקגיין אַהיים, איבערכאַפּן דעם אָטעם?...

מיט אַ לייכטן אָנשטרענג פון ווילן זיינען די פרעמדע געדאַנקען באַזייטיקט געוואָרן. עס האָט גענומען זיך וועבן אַ פּלאַן פון תיכפדיקן רעאַגירן אויף דאָס געשעענע. אַ געזאָגט וואָרט פון אַ מיניסטער — קען מען נישט מאַכן אומגעזאָגט, אָבער עס קען זיין עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש. מען מוז עס אויפקלערן, נישט אָפּלאָזן אויף אַ מינוט. צו וועמען זיך ווענדן פאַר אַן עצה? פאַרשטייט זיך צו ד"ר וואודן. טרעפן מיר זיך אין באַנק־אָפיס, ער לייענט דורך די צייטונגס־אויסשניטן, די פויעריש־האַרטע געזיכטס־ציגן פאַרהאַרטעווען זיך נאָך מער. „עס איז נישט גוט אויב זיי פאַרלאָזן אייך" — זאָגט ער אַרויס, און ער איז פול מיט סימפּאַטיע צו מיר. אָבער דער רעדאַקטאָר שלאָגט פאָר אַז איך זאָל זיי צושיקן אַ דערקלערונג וועגן דער לאַגע אויף אָפּצודרוקן אין בלאַט. דאָס איז גוט, און מען דאַרף צוזאַמענשטעלן דעם טעקסט. זאָגט מיר וואוד אַז איך זאָל עס טאָן און אַריבערקומען צו אים מאָרגן בייטאָג, וועלן מיר עס אין אָוונט שיקן אַלס אַ טעלעגראַמע קיין פּערט. מיר דריקן זיך די הענט און גייען זיך שנעל פאַנאַנדער ווי עפּעס נאָך אַ לוויה.

מאָרגן איז זונטיק און אַז איך קום אָן צו אים, רופט מען קודם כל צו אַ גלאָז טיי. זיצן אין גאַסטצימער זיין פרוי און אייניקע דאַמען, זיצט דאָרט אויך אַן אומבאַקאַנטער הער. זייער הויך אין וואוקס, זייער אַלט אין יאָרן, זייער קלוג אין בליק פון די אויגן. שטעלט מען מיך פאָר צו מר. מאַק־קאַנעגי, דער הויפּט פון פעדעראַלן טאַריף־באָארד (עס איז אַ זייער וויכטיקע אינסטיטוציע אין לאַנד, אָבער זי איז איצט כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן צוליב דעם שטילשטאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן מסחר). אַז מען פאַרענדיקט דעם סאַלאָן־שמועס, שטייט וואוד אויף און רופט אונדזביידן אַריין צו זיך אין קאַבינעט. אויף מיין פאַרוואונדערטן בליק ענטפערט ער אַז מר. מאַקקאַנעגי וועט זיין נוצלעך ביי דער אַרבעט.

זיי לייענען נאָכאַמאָל דורך די אויסשניטן און זיי זיינען ביידע פאַרטיפט אין געדאַנקען. דער אַלטער זעט אין דעם — ווי ער זאָגט — דעם שטענדיקן נוסח פון דער היגער פּאָליטיק: אַ שריט פאָראויס — אַ שריט צוריק. מען האָט מורא אָנצונעמען אַ באַשלוס, מען האָט מורא פאַר דעם אייגענעם שאָטן... זיי הערן אויפמערקזאַם אויס דעם טעקסט פון דעם סטייטמענט, וועלכן איך האָב צוגעגרייט פאַר דער פּרעסע. וואוד זיצט מיט אַ פעדער ביים טיש, שטודירט יעדן זאַץ און וואָרט, וועגט אָפּ דעם נוצן און שאָדן פון יעטוועדער פראַזע. עס ווילט זיך זיי ביידן שטאַרק אַ קלאַפּ געבן די „פראָ־ווינצער" רעגירונג. עס רעדט אין זיי די גדלות פון די פעדעראַלע טוער. זיי קרימען זיך ביידע ביי די פאַרדעכטיקע ווערטער „אונדזער אייגן בלוט און פלייש". אָבער מען מוז זיין פאָרזיכטיק; דער סטייטמענט טאָר נישט ווערן קיין באַשולדיקונג קעגן יענעם מיניסטער. דעמאָלט כאַפּן זיך אויף קליינלעכע סאָלידאַריטעט־געפילן ביי זיינע קאָלעגן, — און די זאַך ווערט פאַרדאָרבן אויף לאַנג.

מיר שטעלן צונויף דעם טעקסט פון איבער הונדערט ווערטער. דער מיניסטער ווערט נישט אָנגעגריפן, אָבער עס ווערט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט די הויפּט־אידייע פון קימבערליי־פּלאַן; זיין נוצלעכקייט און מענטשלעכקייט; די גרייטשאַפט פון דער „פריילאַנד־ליגע" צו קעמפן ווייטער פאַר זיין פאַרווירקלעכונג. „איבער הונדערט ווערטער אין אַ טעלעגראַמע" — חידושט זיך וואוד און ער טעלע־פאָנירט צו די גרויסע צייטונגען: צי וואָלט מען ניט געקענט אַריבערשיקן עס לויט זייער ביליקערן טאַריף... אָבער זונטיק קען

מען זיי נישט קריגן צו רעדן, און איך וויל גאַרנישט אַז עס זאָל גיין קיין פּערט דורך זיי. שרייבט ער איבער דעם טעקסט אויף צוויי זייטלעך פּאַפּיר, און דער אַלטער, דער פריינד פון דער זאַך, וועט מיך צופירן אין זיין קאַר צו דער הויפּט־פּאָסט. היינט ביינאַכט זאָל עס נאָך אָפּגיין אַהין. מיר נעמען אָפּשייד פון די וואודס, און ביים אַרויסגאַנג פון זיין צימער דריקט וואוד מיין אָרעם און זאָגט אַריין שטילערהייט: „איר ווייסט דאָך, ווען די זאַך הענגט אָפּ פון מיר, זאָג איך אייך גלייך: „גייט אָן מיט דער אַרבעט!"

און אַז מיר שטייען שוין אונטן אויף די טרעפּ, דערהער איך אַ האַסטיקן פרעג זיינעם: האָט איר אַ שפּילקע מיט זיך? — אַ שפּילקע? צו וואָס איז דאָס? — פרעג איך אים. — צו באַפעסטיקן די זייטלעך פּאַפּיר פון דער טעלעגראַמע...

אַ מוטער, ווען זי לאָזט אָפּ אַ קינד אין אַ ווייטן וועג, זאָרגט אָט אַזוי וועגן יעדער קלייניקייט, לאָזט נישט אַרויס פון קאָפּ קיין איין פּיצל זאַך. אַ דערוואַרעמטער און געשטאַרקטער בין איך אוועקגעפאָרן צום טעלעגראַף. דער סטייטמענט איז געווען תיכף אָפּגעדרוקט אין פּערט, און די גאַנצע אויפרעגונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר איבערגעטריבן. דער מיניסטער ווייז אַליין האָט אָפּגעלייקנט אין דער פּרעסע (און אין אַ בריוו צו מיר) דעם בייזן מיין פון זיין רעדע. דעם עפּיזאָד האָט מען געקענט פאַרגעסן, אָבער איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע ברידערלעכע פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער זאָרג וועגן אַ שפּילקע.

דאָס איז געווען דער עכטער תוך פון דעם אויסטראַלישן פּראָפעסאָר. אַ מענטש פון שטרענגער וויסנשאַפטלעכקייט, דער פּראָפעסאָר פון דעם נייעסטן ווערק וועגן אויסטראַליעס ערד און לאַנדווירטשאַפט, אַ וויכטיקער טוער אין אַ ריי מלוכהשע צענטראַלע אינסטיטוציעס. אַריינגעטאָן, דאַכט זיך, בראשו ורובו אין דעטאַל־אַרבעט, אין ריין פּראַקטישער טעטיקייט, און דאָך גייט ער אַרום פאַרזונקען אין קולטור־פילאָזאָפישע געדאַנקען. איינער פון יענער נישט צאָלרייכער אויסטראַלישער אינטעליגענציע, וועלכע נישט נאָר ליבט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, נאָר זעט זיי מיט קריטישע און מאַנענדיקע אויגן. איינער פון יענע, וואָס טראָגן אין דער טיף פון זייער האַרץ אַ חלום וועגן אַ נייער מענטשהייט און אַ נייער אויסטראַליע אין דער מיט פון דער באַנייטער וועלט. דערפון האָט זיך גענומען זיין ספּאָנ־

טאַנצע פריינטשאַפט צום יידישן חלום אין קימבערליי, — און אויך די „שפּילקע", וואָס האָט אַזוי וואַרעם פאַרוואונדעט מיין האַרץ.

אַז די לייבאָר רעגירונג איז געקומען צו דער מאַכט אין אָקטאָבער 1941, האָט ער געשריבן:

„איך האָף, אַז איר וועט גאָר באַלד באַקומען אַ מער־וויניק קלאָרן ענטפער פון מר. קערטן וועגן דעם וואָס זיין רעגירונג קלייבט זיך צו טאָן. איך גלויב באמת אַז די לאַגע האָט זיך שטאַרק געענדערט צו אייער גונסטן, און איך בין פול מיט גרויס האָפנונג אַז מר. קערטן וועט אַנטקעגנקומען אייער פאָרשלאָג שנעל און מוטיק. פון מיין זייט וועל איך טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך צו העלפן דער זאַך".

עס איז נישט זיין שולד געווען אויב מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט אויסגעבראָכן דער יאַפּאַנישער קריג, און די זאַך איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן.

יאַנואַר, 1942.

2. דער ריכטער

אין טעלעפאָן האָט אָפּגעקלונגען אַן אומדערוואַרטעט־יונגע שטים פון אַן אַלטן מאַן. עס האָט מיר געענטפערט סער טאָמאַס בייוון, צו וועלכן איך האָב זיך געווענדט באַלד נאָכן אָנקומען קיין סידנעי (דעצ. 1939). איך האָב געהערט וועגן אים שוין אין לאָנדאָן. אָבער נאָך מער אין אויסטראַליע איז דער נאָמען געווען אַרומגערינגלט מיט אַלגעמיינעם רעספּעקט. אַז איך האָב איצט דערמאָנט צו אים מיינע רעקאָמענדאַציעס האָט ער געענטפערט אַז ער ווייסט שוין וועגן דער זאַך, — און „איך וואָלט געווען העכסט צופרידן צו זען אייך". מיר האָבן אָפּגערעדט אויף דעם נאָענטסטן זונטיק.

אין אַ קליינעם קאָטעדזש אין אַ זייער שטילער געגנט אין סידנעי האָב איך אים צום ערשטן מאָל געטראָפן. אַ הויך־וואוקסיקער, זייער שלאַנקער אַלטער מאַן, מיט אַ געזיכט פון אַן אַלטמאָדישן גייסטלעכן, מיט קרענקלעכע שטריכן אויפן פּנים אָבער מיט אויסער־געוויינלעך לעבעדיקע אויגן, איז פריינטלעך געגאַנגען מיר אַנטקעגן. אַ דרוק פון אַ וואַרעמער האַנט, אַ ליבלעכער שמייכל, די ערשטע איינ־פירנדיקע פראַזן, — און מיר זיינען תיכף געווען ווי פון יאָרן באַקאַנט. מען האָט זיך געזעצט אויף דער קליינער וועראַנדע, וואָס האָט אַרויסגעבליקט אויפן ים; מען האָט גענומען אַ טרונק. עס זיינען געשטאַנען גוואַלטיקע היצן יענע וואָך. לויטן אָנגענומענעם נוסח האָב איך אָנגעהויבן דערציילן וועגן אונדזער פּלאַן, און איך האָב גיך באַמערקט, אַז בייוון איז שוין לכתחילה געווען איבערצייגט. ער האָט נאָר אויסגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע איינצלהייטן און וועגן די שריט וואָס מען דאַרף אָננעמען. צי מען זאָל בכלל צולאָזן אַ יידישן ישוב, אַ ישוב פון פרעמדע איינוואַנדערער (די הויפּט־פראַגע ביי אַלע קעגנער), האָט בייוון אפילו נישט דערמאָנט.

איז עס געווען פון פּשוטער, איינגעבוירענער איידלקייט, אָדער צוליב פּאָליטישער קורצזיכטיקייט? אוודאי נישט. סער טאָמאַס

Sir Thomas Bavin

בייווין איז שוין געשטאַנען אין זיין איבער 60־יאָריקן עלטער. יאָרן־לאַנג האָט ער פאַרנומען דעם פּאָסטן פון פּרעמיער אין דעם גרעסטן שטאַט פון אויסטראַליע — ניו־סאַוט־וויילס. איצט איז ער געווען אַ ריכטער אין דעם העכסטן געריכט פון זיין שטאַט. אַ מענטש, וואָס האָט געזען די וועלט מיט פּאָליטישע און ריכטערלעכע אויגן קען נישט אָננעמען באַשלוסן פון איידלקייט וועגן אָדער צוליב קורצ־זיכטיקייט. דער קימבערליי־פּלאַן (ווי איך האָב עס שפּעטער פון זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט פאַרשטאַנען) האָט אַנטשפּראָכן זיינע טיפסטע אידעען און האָפענונגען. ער איז דערפאַר געווען אַזוי ווי אַ פאָראויס־באַשטימטער פריינט און פאַרטיידיקער פון אָט דער יידיש־אויסטראַלישער וויזיע. פאַר מיר איז עס געווען אַ פיינע דערלעבעניש צו באַקענען זיך מיט איינעם פון די אָנגעזעענסטע מענטשן פון סידנעי און גלייך צו דערשפּירן זיין אינערלעכע פריינט־שאַפט צו אונדזער פּלאַן.

אויף דער ווערענדע איז ארויס לידי בייווין. מיט דער זעל־ביקער איינפאַכקייט ווי ער, האָט זי זיך באַגריסט מיט מיר, געבעטן טרינקען טיי, גערעדט וועגן עפּעס. אין יענעם מאָמענט האָב איך נישט געקענט פילן אַז איך וועל אַמאָל גאָר נאָענט פאַרבונדן ווערן מיט אָט דער פאַמיליע. מיר האָבן באַטראַכט וואָס ער קען טאָן פאַר מיר לשם פּראָפּאַגאַנדע; אוודאי וועט ער רופן אַן עפנטלעכע זיצונג פון דעם „אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע ענינים״, וואו ער איז געווען פּרעזידענט, אָבער עס איז איצט גראָד אַן איבעררייס אויף אייניקע וואָכן צוליב זומער. מען קען זיך, פאַרשטייט זיך, טרעפן מיט איינצל־פּערזאָנען, און ער וועט מיך מיט זיין פאַרבינדן. אָבער, וואַרט אַ ווײַלע! גראָד מאָרגן, מאָנטיק, האָבן מיר אונדזער שטענדיקן וואָכן־לאַנטש אין האָטעל אויסטראַליע. עס קומען זיך צונויף אַ פּאָר צענדליק וויכטיקע טוער, קומט ביטע, אַהין, און איר וועט האַלטן פאַר זיי אַ קורצן פאָרטראַג וועגן דער זאַך. מיר טוען שטענדיק אַזוי ווען עס קומט אַ וויכטיקער גאַסט קיין סידנעי...

מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי מענטשן, וואָס פילן זיך זעליש פאַרבונדן טיפער ווי נאָר צוליב דעם ענין, וואָס האָט זיי צופעליק געבראַכט צוזאַמען. בייווין איז קענטיק געווען פאַראינ־טערעסירט נישט נאָר אין דער קימבערליי־זאַך, נאָר אויך אין מיין פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געוואָלט דורך מיר פּרוּוון

אַריינדרינגען אין יענעם סודותדיקן, אַפּשטויסנדיקן און צוציענדיקן קנויל פון אידעען, וואָס רופט זיך אָן „סאָוועט־רוסלאַנד״. זיינען מיר דאָך עפּעס געווען ווי קאָלעגן, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיינע דערפאַרונגען אויפן געביט פון רעוואָלוציאָנערער יוסטיץ. רעדנדיק וועגן היינטיקן רוסלאַנד האָט ער זיך געפילט אַפּגעשטויסן נישט דורך די געוואַגטע סאָציאַלע שינויים, וואָס מען האָט דאָרט דורכגעפירט, נאָר דורך די טעראָריסטישע און גוואַלט־מעטאָדן, וועלכע די רעגירונג האָט אָנגעווענדט. דער מיושבדיקער ענגלישער דעמאָקראַט אין אים האָט עס נישט געקענט באַנעמען. האָט ער זיך דערפרייט צו לייענען מיין בוך וועגן דער רעוואָלוציע.

דאָס דערמאָנט מיך אָן אַ שפּאַסיקן עפּיזאָד, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין לאָנדאָן פאַרן אָפּפאָרן קיין אויסטראַליע. איינער פון אונדזערע ענגליש־יידישע פּריינט האָט מיט אַ פּאָר־קנייטשטן שטערן אַרויסגעזאָגט ספקות צי איך בין דער פּאַסיקער שליח פאַר אַזאַ מיסיע קיין אויסטראַליע. נישט ווייל איך וועל שלעכט דערקלערן דעם ענין, נאָר ווייל — צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען אין יענעם לאַנד — וועט מיר זיין שווער צוצוקומען צו די די נייטיקע מענטשן. ערשטנס, איז דאָרט אַ מנהג צו טרינקען ביי יעדער געלעגנהייט, עס איז נישט אָנגענומען צו דיסקוטירן פראַגן נישט האָבנדיק דערביי אַ פּאָר גוטע ׳דרינקס׳. און שטיינבערג איז נישט קיין טרינקער, כידוע... צווייטנס, אַ שטערעניש צו פאַרהאַנדלונגען מיט די אויסטראַליער קען זיין זיין באָרד; זיי זיינען נישט געוואוינט דערצו און זיי קענען ווערן אומבאַוואוסט אַפּגעשטויסן פון אַ פּאַרענער מיט אַ טיפּיש־יידישער באָרד... דריטנס, די פּאָליטישע פּאָר־גאַנגענהייט פון שטיינבערגן, זיין אַמאָליקע פאַרבונדנקייט מיט די באָלשעוויקעס קען שאַפן אַן אומגעווינטשטע אַטמאָספער אַרום אים און אַזוי אַרום ברענגען שאָדן צו דער מיסיע. אין סך־הכל האָט די אַרגומענטאַציע דערמאָנט אַ יידישן וויץ: אויב די אויסטראַליער האָבן נישט ליב קיין בערד, קיין ניכטערע און קיין באָלשעוויקעס, היינט ווי וועלן זיי זיך באַציען צו אַ ניכטערנעם יידן מיט אַ באָרד וואָס איז געווען נאָענט צו באָלשעוויקעס?

אויף דערויף האָב איך געענטפערט, אַז וואָס נוגע טרינקען, איז עס מיר נישט צום האַרצן, אָבער אויב די זאַך אונדזערע וועט עס פאַרלאַנגען וועל איך נישט אָפּשטיין פון אַ געמע־סיקטן שיכּור, לכל הפּחות נישט פון אַ שׂמחת־תּורה־טרינקער. מכּוח דער באָרד קען איך נישט העלפן דעם סקעפּטיקער, ווייל אויב זי איז אַ סימבאָל פון אַ יידישן מענטשן, זאָל זי רואיק בלייבן אויף איר אָרט. דווקא דערפאַר ווייל מיר קומען צו די אויסטראַליער מיט אַ פאָרשלאָג צו באַזעצן אַ מחנה יידן אין זייער לאַנד, זאָלן זיי באַשיינפּערלעך זען דעם טיפּ פון אונדזערע יידן, נישט די פּנימער פון יענע, וואָס סטאַרען זיך צו אַסי־מילירן זיך אין נשמה און גוף. און וואָס שייך מיין פּאָליטישן עבר, איז, ראשית, קען מען עס נישט אויסמעקן פון לעבן און, צווייטנס, אַפילו אַ ריכטיקן פאַרברעכער קומט אַמנעסטיע נאָך 20 יאָר. אויב ערנסטע אויסטראַליער וואָלטן זיך פאַרהאַלטן אומפּריינטלעך צו אונדזער שליח צוליב די אַלע כלומרשטיקע מכשולים, וואָלט דאָס אַליין געוואָרן אַ באַווייז, אַז עס זיינען נישטאָ קיין אויסזיכטן אין זייער לאַנד.

וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט? קיינער פון די וויכטיקע פּערזאָנען, וואָס איך האָב געטראָפן, האָט נישט פאַר־לאַנגט אָדער דערוואַרט פון מיר דעם אָפּצאָל פון טרינקעניש. מען האָט נאָר געשמייכלט, אַז איך פלעג בעטן וויסקי פאַר מיין פאַרטנער און סאָדע פאַר מיר. די ערנסטקייט פון געדאַנק, נישט די פייכטקייט פון געטראַנק האָט שטענדיק באַהערשט די פאַרהאַנדלונגען. ווייזט אויס, אַ ניכטערער וועל איך פאַר־בלייבן אַפילו אום שׂמחת־תּורה. — קיינעם האָט נישט אָפּגע־שראָקן מיין באָרד, נישט ביי די צאָלרייכע שמועסן, נישט אויפן גאַס. אמת, זי האָט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט איניקע פון די אויסטראַלישע פאַבריקמאַכערס, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג ווי צו באַגיין זיך מיט איר. אָבער איך פלעג זיי דערמאָנען, אַז נאָך מיט איין דור צוריק זיינען די אויסטראַ־ליער געווען נישט אַנדערש, און אַז מען קוקט זיך צו צו די ווענט פון זייערע פאַרלאַמענטן און מוניציפּאַליטעטן זעט מען לאַנגע רייען פון בכּבודיקע געזיכטער מיט בערד. זיינען די באָרבערס געווען גרייט צו באַגייען די פאַרגעסענע מאָדע.

— אָבער נאָך מערקווירדיקער איז געווען דער מאָמענט פון מיין „פאַרגאַנגענהייט". נישט נאָר האָט זי נישט געבראַכט קיין שאָדן, נאָר פאַרקערט: אומצאָליקע פּאָליטישע פירער אין לאַנד האָבן זיך מיט סימפּאַטיע אינטערעסירט מיט איר. די אויסטראַלישע פּרעסע האָט עס, אָן מיין וויסן, פאַרשפּרייט נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אַהער. דער צייטונגס־לעזער האָט זיך דערוואוסט ניט נאָר אַז איך בין געווען אַמאָל מיט „יענע", נאָר אויך אַז איך האָב זיי געהאַט פאַרלאָזן און פאַרוואָס. אין פּערט, אין מעלבורן און אין סידנעי האָט מען שטענדיק מיט מיר פאַרפירט שמועסן וועגן רוסלאַנד און אויסגעפרעגט וועגן מיינע דערפאַרונגען. מיין ענגליש בוך וועגן „מאַריאַ ספּירי־דאָנאָוואַ" איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און ער האָט געוועקט צווייפאַכע געפילן: מיטגעפיל פאַר די פאַרפאָלגטע אין רוס־לאַנד און צוטרוי צו מיין פּאָליטישער טעטיקייט.

דאָס בוך האָבן געלייענט סיי לאָרד און לידי גאאורי, סיי דער ניו־סאָוט־וויילסער גאָווערנאָר, לאָרד וויקהערסט. דער לעצטער, וואָס האָט שוין געהאַט צוויי מאָל באַזוכט ראַטן־רוס־לאַנד, האָט מיר געליען זיין אייגענעם בוך וועגן יענעם וואונ־דערלאַנד. דאָס בוך איז געקומען אפילו אין די הענט פון לינקע קאָמוניסטן (טראָצקיסטן) אין סידנעי, און האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַקטיווע סימפּאַטיע. זייער פירער האָט געשריבן אַז אַ נייע וועלט איז פאַר אים אויפגעגאַנגען, און ער גייט שרייבן צוויי לידער וועגן ספּירידאָנאָוואַ. לייבאָר־פירער האָבן עס געלייענט מיט דעם זעלביקן אינטערעס: ד"ר עוואַט, י. מאַלאָניי און אַנדערע. ווי אָפט פלעג איך באַמערקן ביי די צוזאַמענטרעפן מיט די מיניסטאָרן, אַז זיי קוקן אויף מיר ווי אויף זייער גלייכן. מענזיס האָט עס דערמאָנט, די מערב־אויסטראַליער — נאָך עפּטער. סענאַטאָר פּאָל האָט איינמאָל געזאָגט: „איר פאַרשטייט דאָך אונדזער לאַגע, איר האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ גרעסערן לאַנד ווי דאָס אונדזעריקע". די רעדאַקטאָרן פון די פירנדיקע צייטונגען (סער קיט מערדאָק פון מעלבורנער „העראַלד" אָדער מר. מאַקלורי סמיט פון סידנעיער „מאָרנינג העראַלד") האָבן געוואָלט וויסן מיינע מיינונגען, באַזונדערס ווען רוסלאַנד איז געוואָרן אַ שותף אין

קריג. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אונדזער קימבערליי־מיסיע איז געוואָרן געשטאַרקט דורך דעם מלוכהשן ווידערשיין פון איר פּאַרטרעטער. עס איז צו גלויבן, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם צוטרוי, וואָס די מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר איז געווען געבויט אויף מיין פאַרגאַנגענהייט.

דאָ איז נישט געווען קיין שטער אויך ביי בייווינען. אויף מאָרגן בין איך געקומען צום לאַנטש פון דעם „בייווין־קרייז”. אין האָטעל, אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער, ווייט פון דעם האָטעל־טומל, אַרום אַ רונדן, פיין געדעקטן טיש זיינען געזעסן אַרום צוואַנציק הערן. דאָס זיינען געווען מערסטנס געלערנטע און פּאָליטיקער, ווי איך האָב שפּעטער דערפאַרן. עס האָט געהערשט אַ לייכטע, אומ־געצוואונגענע אַטמאָספערע ווי אין אַן ענגן חברים־קרייז. מען האָט מיך מיט גרויס איינפאַכקייט אַריינגענומען אין ראָד, נישט פאַרשטעלנדיק צו יעדן באַזונדער. דער שטילער, שוויגנדיקער, אנדערקענטער קאָפּ פון דער אסיפה איז געווען בייווין. ער האָט נאָך דעם עסן אַ קלאַפּ געגעבן אין טיש, בקיצור אָנגעמאָלדן מיין אויפגאַבע און געבעטן אַדרעסירן דעם עולם. איך האָב עס געטאָן, און די גאַנצע 15 מינוטן האָט זיך דער אינטערעס נישט אָפּגעטאָן פון די צוהערער. עס איז געווען אָן ספק אַן אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיע.

די צייט איז געווען קורץ (די לאַנטש־שעה), אָנשטאָט אַ דעבאַטע האָט מען מיר צוגעוואָרפן פראַגן. מען איז געווען צופרידן צו הערן די ענטפערן לטובת דעם פּראָיעקט. אַנטקעגן מיר, נעבן בייווינען, איז געזעסן אַן אַלטער מאַן מיט אַ שטרענגן, כמעט פאַרמעטענעם פנים. ער האָט געשוויגן בעת מר. האָקס (געוועז. פּרעזידענט פון דער האַנדלס־קאַמער) און מר. מאָזעס (פאַרוואַלטער פון דעם ראַדיאָ אין לאַנד), סער ראָבערט דאַלטאָן און פּראָפעסאָר היטן (פון דער באַנק אָוו ניו־סאַוט וויילס) האָבן מיך אויסגעפרעגט. אָבער אַז בייווין — אַ זייער צופרידענער — האָט געשלאָסן דעם מיטינג, איז יענער שוויגנדיקער זקן צוגעקומען צו מיר און האָט מיט שטילער ווערדע צוגעוואונטשן הצלחה. אַ שוואַכער שמייכל האָט באַלויכטן זיין געזיכט. דאָס איז געווען סער דזשאָן פּידן, דער פּרעזידענט פון סענאַט אין דעם שטאַט. אַ ביסל שפּעטער האָב איך דערקענט טיפער זיין אידעלן כאַראַקטער. מר. קעמפּבעל, דער רעדאַקטאָר פון דער

איינציק־באַדייטנדיקער צייטשריפט „דהי אוסטרעליען קוואַרטערלי״ האָט מיר פאָרגעשלאָגן אָנצושרייבן פאַרן נעקסטן נומער אַן אַרטיקל וועגן דעם פּראָיעקט. איך האָב עס צוגעזאָגט.

⁂ ⁂ ⁂

אין אַ פּאָר טעג אַרום שפּעטער, פּאַר זיין אַפּפאָרן אויף וואַ־קאַציעס, האָט בייווין מיך איינגעלאַדן צו זיך אין קאַבינעט, אין דער געביידע פון מלוכהשן העכסטן געריכט. דאָס איז געווען אַן אַלטער, אָפּגעבליאַקעוועטער בנין פון די אַמאָליקע קאָלאָניאַלע צייטן, מיט אומענדלעכע קאָרידאָרן, טרעפּן, צימערן און צימערלעך. די געזעכ־טיקייט איז שטראַלנדיק ווי די זון, אָבער אירע טעמפּלען — ווי איך האָב שוין באַמערקט אין אַ סך לענדער — זיינען געביידעס, וואָס וואַרפן אַרויף אַן אימה און טרויער אויף די מענטשן, וואָס באַטרעטן אירע שוועלן. יעדעס מאָל ווען איך פלעג אַריינגיין אין דער געביידע פלעג איך זען ווי מענטשן האָבן זיך מיט מורא אין די אויגן געשאַרט אַרום די ווענט, גערעדט שטיל צו אַנאַנדער, געקוקט מיט הכנעה.

בין איך אָבער אַריינגעטראָטן אין זיין קליינעם קאַבינעט, האָט דאָרטן בשום אופן נישט געווייעט מיט דער אימה פון מלכות. דער אויבער־ריכטער סער טאָמאָס בייווין, אין דעם שוואַרצן קיטל, מיט ווייסן פּאַרוק האָר אויפן קאָפּ, האָט דאָרטן, אין פּייערלעכן זיצונג־זאַל אפשר געשראָקן מענטשן מיט דער מאַכט אין זיין האַנט. דאָ, אין דער שטילער קאַמער, אַן די סימנים פון ריכטערלעכער ווירדע איז דאָס געווען דער באַשיידענער און צוגעלאָזטער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער געלערנטער אָדער גייסטלעכער. אַ חוץ די דיקע געזעצביכער און דאָקומענטן, האָט דאָס אויג צוגעצויגן אַ גרויסער פּאָרטרעט פון אַ מאַן מיט אַ ברייטער, גוטמוטיק אויס־געשפּרייטער באָרד אויף אַ ליבהאַרציקן געזיכט. אז איך האָב בייווינען געפרעגט ווער דאָס איז, האָט ער מיט צופרידנקייט געענט־פערט: מיין פאָטער. ער איז געווען אַ גייסטלעכער אין דער ענג־לישער קירך . . . איך האָב דעמאָלט אַ ביסל פאַרשטאַנען אויך דעם זון.

ער האָט מיר געוואָלט געבן אַ פּאָר וויזיט־קאַרטן צו פּערזאָנען, וועלכע איך האָב געזאָלט באַזוכן אין סידנעי. כמעט אַלע וויכטיקע מענטשן זיינען געווען זיינע פריינט. אז ער האָט גענומען שרייבן אויף די וויזיט־קאַרטן זיין עמפּעלונג, האָט ער פּלוצים איבערגע־

שלאָגן זיך אַליין און געזאָגט: איך וועל אייך געבן אַ טוץ, און איר באַנוצט זיי ווען איר ווילט און צו וועמען איר ווילט.

דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון צוטרוי. זיין נאָמען האָט טאָקע אומעטום געעפנט די טירן.

אַז ער איז שפּעטער געקומען צוריק אין שטאָט, האָבן מיר זיך אָפט געטראָפן ביי אים אין דער היים. איך האָב דעמאָלט באַמערקט זאַכן, וואָס האָבן זיך פריער נישט געוואָרפן אין די אויגן. ער איז געווען אַ קראַנקער מאַן, אַ זייער קראַנקער מענטש, וואָס האָט פון צייט צו צייט געמוזט דורכמאַכן שמערצלעכע אָפּעראַציעס. ער האָט עס מקבל באהבה געווען און האָט נישט דערלויבט אַז זיינע שמערצן אָדער פאַרבאָרגענע זאָרג זאָלן זיך אַנטפּלעקן פאַרן צווייטן. ער האָט עס זיכער פאַרבאָרגן אויך פון זיין פאַמיליע. אפשר דערפון האָט זיך גענומען די גרויסע וואַרעמקייט וואָס האָט פאַרבונדן אים מיט די קינדער. אַלץ דערוואַקסענע טעכטער, אַלע שוין חתונה געהאַטע, האָבן זיי זיך געהאַטלן מיט אים ווי קליינע קינדער מיט אַ ליבנדיקן פאָטער. האָט דער אָפּשיין פון זיין פאַרגייענדיקן לעבן אריינגע־בראַכט נאָך מער צערטלעכקייט אין זייערע באַציאונגען?

נאָכן עסן צוזאַמען מיט דער פאַמיליע פלעגן מיר ביידע אַריבער־גיין אין זייער סאַלאָן־צימער, אַרומגעשטעלט מיט ביכער און בילדער, אונטער דעם מילדן ליכט פון אַבאַזשור. ער פלעגט זיך אויסציען אין אַ פאָטעל נאָך אַ טאָג אַרבעט, און מען פלעגט אָנהייבן שמועסן. ראשית כל, קימבערליי. עס האָבן אים אינטערעסירט אַלע שריט מיינע און די נעקסטע פלענער. דערנאָך שמועסן וועגן זאַכן בכלל.

בייווין איז נאָך מיט איניקע יאָר צוריק געשטאַנען אין סאַמע אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף פון זיין לאַנד. אַלס פירער פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט, און אַלס פּרעמיער איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען אַ „פּאָליטישן" אין דעם אויסטראַלישן זינען פון דעם וואָרט. אָבער עס זיינען געווען די שטורמישע יאָרן בעת דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין אויסטראַליע (זינט 1930), ווען די אויפרעגונג פון די אַרבעטער־שיכטן האָט אַוועקגעטריבן אים און זיין פּאַרטיי פון דער מאַכט. צומאָל פלעגט ער זיך דערמאָנען וועגן יענער צייט, אָבער אַ סקעפּטישער שמייכל האָט יעדעס מאָל אָפּגע־טעמפּט די שאַרפקייט פון אַמאָל.

. . . דער לידער פון דער לייבאָר־פּראַקציע (פלעגט ער פּאַמע־לעך דערציילן) מר. לענג, האָט געפירט קעגן אונדז דעמאָלט אַ שטורעמדיקע, אומאויפהערלעכע אַטאַקע. מיר האָבן נישט געקענט אַרויס פון דעם קריזיס אויב נישט דורך קירצונג פון לוינען און שווערע שטייערן. אוודאי זיינען מיר דורך דעם נישט געווען פּאָפּולער. די פעדעראַלע רעגירונג האָט גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע פּרע־מיערס כדי דורכצופירן עס אין גאַנצן לאַנד. אַלס פּרעמיער פון ניו־סאַוט־וויילס האָב איך געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ פיינטשאַפט מען וועט באַגעגענען די מאָסנאַמען. האָב איך געוואָלט, ראשית כל, דורכפירן וואַלן און אַזוי אַרום באַקומען אַ צוטרוי־מאַנדאַט פון פאָלק... די אַרבעטער אין שטאָט זיינען געווען פייער און פלאַם קעגן אונדז. מר. לענג האָט אויף אונדז געשאָטן פעך און שוועבל, דענונצירט אונדזערע פינאַנץ־פאָרשלאָגן, צוגעזאָגט הרים וגבעות דעם עולם. אָבער פון דער פּראָווינץ האָט מען אונדז צוגעזאָגט שטיצע, מיר זיינען געווען דערפאַר רואיק . . . און דער סוף איז געווען, אַז מיר זיינען דורכגעפאַלן, מיאוס דורכגעפאַלן. לענג איז געוואָרן פּרעמיער. אָבער גאָר באַלד איז ער אויך געוואָרן פאַרדרייט אין דער קלעם פון אַ קריזיס, וואָס איז געווען אַן אַלגעמיינער, אַן אינטערנאַציאָנאַלער. אַז מיר האָבן געוואָלט נעמען אַ שילינג אין פונט פון אַלע לוינען, האָט ער געליאַרעמט; ער האָט געמוזט נעמען שוין מער שילינגס אין פונט. אויך זיין דורכפאַל איז שפּעטער געקומען. . .

בייווין האָט באמת נישט געפילט איצט קיין כעס אָדער פאַראיבל פאַר די באַקומענדע וואונדן. זינט דעמאָלט האָט ער געמוזט פאַר־לאָזן דאָס פּאָליטישע שאַך־ברעט, אויסבייטן פּאָליטישן קאַמף אויף ריכטערלעכער נייטראַליטעט. פון אַ שפּעטערדיקן צייט־ווינקל האָט דאָס געוועזענע נישט מער אויפגערעגט. (מיט אַ צייט שפּעטער האָט מיר דערציילט מר. מאַלאָני, דער פאָרזיצער פון לייבאָר־קאָונסיל, ווי אַזוי די אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן דערהויבן לענגן, האָבן אים פאַרלאָזן ביי די נעקסטע וואַלן).

איך האָב ניט געקענט אָפּשאַצן דעם ריכטיקן באַטייט פון די דעמאָלטיקע קאַמפן אין דעם לאַנד, אָבער איך האָב געזען פאַר מיר דעם גייסטיקן פּרצוף פון איינעם פון די טוער. אַט פונקט אַזוי ווי זיין פיזישע געשטאַלט איז געווען גראַדליניק, שלאַנק און לייכט, אַזוי איז אויך געווען זיין כאַראַקטער: אויפריכטיק, גראַדליניק, עכט.

עס איז געווען אין אים אַ האַרמאָניע צווישן קערפּער און גייסט, וואָס האָט זיך פּאַר מיר שטענדיק באַשטעטיקט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אָט אַזוי ווי דער קערפּער האָט זיך אין אַ שלאַנקער ליניע געצויגן אויף אַרויף און צוגעגעבן דעם מאַן אַ יוגנטלעכע קראַפט, אַזוי האָט זיך די נשמה אין אים געצויגן צו די העכערע, גייסטיקע עולמות, מאַכנדיק אײדל זיין גאַנצע פּערזאָן.

איינמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו דעם גראַמאָפאָן און האָט אַנגעשטעלט אַ פּלאַטע מיט אַ טיף־מוזיקאַלישער אַריע. — האָט איר ליב מוזיק? — האָט ער געפרעגט, און באַוויזן מיר אַ גאַנצן קאַסטן מיט פּלאַטעס פון אַ ריי קאָמפּאָזיטאָרן, מיט לייכטער און ערנסטער מוזיק. פון יענעם אָוונט אָן האָבן מיר — נאָך די „געשעפטלעכע" שמועסן — אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין צוהערן זיך צו סימפאָניעס און אַריעס פון אַ בעטהאָווען, טשאַי־קאָווסקי, דוואָרזשאַק. ער פלעגט אַריינלייגן אַ סך כוונה אין אויס־קלייב פון דעם קאָמפּאָזיטאָר און זיין ווערק, און פלעגט מיט עפּעס אַן אַקטיווער געשפּאַנטקייט צוהערן זיך צו די קלאַנגען. אין שטוב איז שוין לאַנג אַנטשטומט געוואָרן יעדער גערויש, פון אונטער דעם אַבאַזשור פלעגט פאַלן אַ שטילער, ליכט־שטראַל איבערן צימער, און צוויי מענטשן פלעגן זיצן צוזאַמען שווייגנדיק. יעטוועדער איז געווען פאַרזונקען אין זיינע אייגענע מחשבות, מער נישט דאָס קוים באַמערקבאַרע כאָרכלען פון גראַמאָפאָן פלעגט באַגלייטן די מוזיק. אַז די פּלאַטע פלעגט זיך אויטאָמאַטיש איבערקערן אָדער אָפּשטעלן זיך, פלעגט ער זיך אויפהייבן און, צוואוואַרפנדיק מיר אַ בליק פון אַנטציקונג, זאָגן: ווי שיין דאָס איז! האָט איר עס ליב? יעדעס מאָל פלעג איך אַוועקגיין אַהיים טאָפּלט דערוואַרעמט: פון דער איידעלער מוזיק און פון דעם פיינעם מענטשן, מיט וועלכן איך האָב פאַרבראַכט די צייט. אָט פונקט אַזוי שווייגנדיק צוזאַמען זיינען מיר אַ גאַנצן אָוונט געזעסן ביי יהודה מענוכינס אַ קאָנצערט. אַז עס האָט זיך געענדיקט דער צויבער פון דער פידלער־האַנט, האָבן מיר זיך איבערגעקוקט און זיינען אַריין צום קינסטלער אַ דריק צו טאָן זיין האַנט.

עס איז געווען נישט שווער צו פאַרשטיין ווי טיף אַ קימבערליי־חלום פון אַ ליידנדיקן פאָלק האָט געקאָנט שלאָגן וואָרצלען אין זיין האַרץ. מיט אַ ליכטיקן טרויער דערמאָן איך זיך ווי שוין אין דער

צייט פון זיין שטערבלעך קראַנק־זיין, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אָנצושטעלן אָ פּלאַטע. איך האָב אַ קוק געגעבן אויף דער קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט מיך געבעטן מיט די אויגן צו גיין. מען האָט נישט געטאָרט אים באַלעסטיקן מער ווי צען מינוטן, און איך בין געווען לענגער. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט בקשה, אָבער איך האָב מונטער געענטפערט: „ניין, סער טאָמאָס, מיר וועלן עס טאָן אַן אַנדערש מאָל". עס איז מער נישט געקומען דערצו, און היינט פאַרדריסט עס מיר.

:: :: ::

סוף יאַנואַר 1940 האָב איך גענומען טראַכטן וועגן צוגרייטן אין סידנעי אַזאַ מין עפנטלעכן אויפרוף פאַר קימבערליי ווי אין מעלבורן. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין קאַנבעראַ, וואו עס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן די זומער־קאָנפערענץ פון דער „שול פאַר פּאָליטישער וויסנשאַפט". בייווין איז געווען אויך דאָרטן, און מיר האָבן זיך געטראָפן ביי אַ „גלעזל טיי" אין הויז פון ליידי גאַאורי. עס איז געווען אַ שרעקלעך־הייסער טאָג, אַלע גאַרדינען זיינען געווען אַראָפּ־געלאָזן איבער די פענצטער. דער טיי איז געווען סערווירט אין האַלב־טונקלקייט. אַ ריי יונגע פרויען האָבן מיט ליבשאַפט אַרומגערינגלט די באַלעבאָסטע. מיט אַ קרענקלעכן אויסזען איז דערביי געזעסן בייווין. ער האָט מיך געבעטן צו דערציילן דעם עולם פון מיינע דעראינערונגען וועגן פינלאַנד. עס זיינען געווען די חדשים ווען רוס־לאַנד האָט געפירט מלחמה מיט פינלאַנד, און איך האָב געהאַט אַמאָל דערמאָנט צו אים, אַז איך בין געווען דערביי ווען די ערשטע סאָוועטן־רעגירונג האָט פייערלעך באַפרייט פינלאַנד. אין יאַנואַר 1918, פונקט 22 יאָר צוריק, האָבן די פאָלקס־קאָמיסאַרן, און איך בתוכם, געלייגט זייערע חתימות אויף דעם דאָקומענט. האָט בייווין געוואָלט איך זאָל דאָ נאָכאַמאָל דערציילן די טשיקאַווע מעשה; טשיקאַווע איז אויך מיר געווען צו באַריכטן וועגן דעם גראַד אין גאָווערנאָר־דזשענעראַלס פּאַלאַץ. אָבער ווי מען האָט זיך עס צוגעהערט! פאַרן אַוועקגיין, ווען ער איז געזעסן אין מאַנטל ביי דעם אַרויס־גאַנג און האָט מיט שוועריקייט געאָטעמט, האָב איך אים געפרעגט וועגן אויפרוף: צי זאָל מען באַנוצן דערצו דעם מעלבורנער טעקסט און אָנהייבן קלייבן אונטערשריפטן? — ער האָט אויף דעם ענערגיש געענטפערט: צו וואָס יענעם טעקסט? מיר קענען האָבן אַן אייגע־

נעם... איך האָב גערן צוגעשטימט. צי וועט איר געבן אײַער אונטערשריפט דערצו? — האָב איך אים געפרעגט. — איך האָב שוין געטראַכט וועגן דעם. איך וועל דאָס באַשליסן שפּעטער...

איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיט אים זיינען מיר זיכער.

די צוזאַמענשטעלונג פון דעם אויפרוף איז געווען אינטערעסאַנט, איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט פאַרפּאַסן אים: ער האָט געזאָלט ברענגען צום אויסדרוק די געדאַנקען פון אַן עכטן אויסטראַליער. ווער זאָל עס טאָן? איז מיר איינגעפאַלן רופערט לאָקוואוד. דער יונגער און אידעאַליסטישער פאַרטרעטער פון דעם אויסטראַליער ראַדיאָ, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ זייער גוטן אַרטיקל וועגן קימבערליי־פּלאַן, איז אַ פּאַסיקער מענטש דערצו. ער האָט אויך צוגעשטימט און אָנגעשריבן. דער טעקסט איז געווען ערנסט און הינטער אים איז געשטאַנען איבערצייגונג, נישט סתם שרייבערישע אַרבעט. נאָר וואָס דען? ער איז שוין געווען צו ערנסט, איבערגעלאָדן מיט עקאָנאָמישע אַרגומענטן, אינגאַנצן אַפּעלירט צום שכל. אויף יעדן פאַל האָב איך עס איבערגעגעבן בייווינען.

ער איז נישט געווען צופרידן מיטן טעקסט. מען וועט דאַרפן אין אַ סך שטעלן פאַרבעסערן. און ער האָט דאָס גענומען צו זיך. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל דעם אויפרוף אינגאַנצן באַזירן אויף דעם נוצן פאַר אויסטראַליע. מער ווי דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער נוצן האָט — לויט אים — געזאָלט ווערן אַרויסגעשטעלט די מאָראַלישע זייט פון דעם גאַנצן פּראָיעקט: די פליכט פון אויסטראַלישן פאָלק צו העלפן די פאַרפאָלגטע. דערפאַר האָט ער דעם סאַמע ערשטן פּאַראַגראַף פון אויפרוף פאַרמולירט אויף אַזאַ אופן:

„מיר די אונטערצייכנטע, דערוואַרטן פון אונדזערע מיטבירגער די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פאַר אַ פּראָיעקט, וועלכער וועט, אין דער ערשטער ריי, געבן אויסטראַליע אַ געלעגנהייט צו דערלייכטערן אויף אַ ממשותדיקן אופן דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס די לעצטע געשעענישן האָבן געבראַכט צו דער וועלט, און וועט, אין דער צווייטער ריי, ברענגען גרויסן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן נוצן פאַרן לאַנד".

דער ליבעראַלער דעמאָקראַט האָט געענדערט דעם טעקסט פון ראַדיקאַלן סאָציאַליסט אין אַ גאַנץ קלאָרער ריכטונג: דעם מאָטיוו

פון מאַראַלישער פליכט האָט ער געגעבן די בכורה לגבי דעם מאָטיוו פון תכלית. פאַרשטייט זיך, דער גאַנצער דאָקומענט איז געווען פול מיט פראַקטישע אַרגומענטן. אָבער בייווין האָט פאַרלאַנגט אַז אויך דער אָפּשליסנדיקער פּאַראַגראַף, דער וואָס פאַרבלייבט מערסטנס אין זכרון פון לעזער, זאָל זיך דערהויבן אויף אַ מאַראַלישער הויך. ער האָט אַריינגעשטעלט די פראַזע: „ווען מיר פאַרשלאָגן די פליטים, אונטער פּאַסנדיקע גאַראַנטיעס, אַ היים אין אויסטראַליע, וועט עס אויפהייבן אונדזער עטישן אָנזען איבער דער גאַנצער וועלט". ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט אָט דער סענטענץ, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר דעם וויכטיקסטן אַרגומענט.

די צווייטע סטאַדיע איז געווען די זאַמלונג פון אונטערשריפטן. איך האָב געזאָלט פאַנאַנדערשיקן דעם טעקסט צו אַ גרעסערער צאָל באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, וואָס פאַרטרעטן פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק, און דערביי דערמאָנען פינף נעמען, וואָס האָבן שוין געגעבן זייער צושטימונג צו דעם קימבערליי־פּלאַן. אָט די פינף האָבן געזאָלט זיין מובחרים מן המובחרים, כדי אַרויסצורופן די אַכטונג פון הונדערטער אַנדערע. זיי זיינען געווען: דער בישאָף פּילטשער, דער פּראָפעסאָר ראָבערטס, דער גרויס־קויפמאַן סער סידנעי סנאָו און די באַקאַנטע לאַנד־באַזיצערין, מיס מאַקאַרטור אָנסלאָו. די דאָזיקע גרופּע איז אָבער געקרויגט געוואָרן מיט דעם מאָראַלישן אויטאָריטעט פון בייווינען. ער האָט נישט נאָר איינגעוויליקט צו געבן זיין נאָמען צו דעם אויפרוף, צווישן צענדליקער אַנדערע, נאָר ער האָט, אַזוי צו זאָגן, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער זאַך.

דאָס איז געווען אַ מוטיקער שריט פון זיין זייט. נישט אַלע ריכטער אין די הויכע פּאָזיציע האָבן דאָס געוואָלט טאָן. איך האָב זיך געטראָפן, למשל, אין מעלבורן מיט צוויי העכסטע ריכטער פון פעדעראַלן אויסטראַליע: מר. דיקסאָן און סער דזשאָן לייטהעם. דער לעצטער איז געווען דער הויפּט־ריכטער פון העכסטן געריכט פון אויסטראַליע. דאָס צוזאַמענטרעפן אונדזערס איז צוגעגרייט געוואָרן פון דעם ביז גאָר סימפּאַטישן מעלבורנער ריכטער פאָסטער. זאַלבעפערט האָט מען זיך דורכגעשמועסט וועגן אונדזער פּלאַן, און ער האָט געפונען ביי די פאַרטרעטער פון דער מלוכהשער יוסטיץ אָפענע צושטימונג. סער דזשאָן לייטהעם האָט מיט יאָרן צוריק געשפּילט אַן אַקטיווע ראָלע אין דער פעדעראַלער פּאָליטיק, אַ יאָר

שפּעטער איז ער געוואָרן דער אויסטראַלישער אַמבאַסאַדאָר אין טאָקיאָ. דיקסאָן האָט אַ נאָמען פון דעם שאַרפסטן יוריסט אין לאַנד און איז ערשט ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געווען אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן. זיי ביידע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער זייט פון אַ קימבערליי־ישוב, האָבן אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין קעגנערשאַפט צו דער ישוב־אידעע בכלל און צו אַ יידישן ישוב בפרט. אָבער אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן חתימות אויף אַן אויפרוף, האָבן זיי געזאָגט, אַז לויט די פאָדערונגען פון זייער ריכטלעכער שטעלונג — קענען זיי עס נישט טאָן. זיי מוזן שטיין דרויסן פון יעדער פּאָליטישער פראַגע, הגם זיי סימפּאַטיזירן מיטן פּראָיעקט. זייער באַציאונג דעמאָלט איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע דערמוטיקונג. (פאָסטער אַליין האָט יאָ געגעבן זיין חתימה).

בייווין האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן די זאַך פאַר צו וויכטיק אַז ער זאָל זיך פאַרדעקן מיטן מאַנטל פון ריכטערלעכער אומאָפּהענגיקייט. ער האָט זיך פּשוט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. ער האָט געזען אַז וואָס מער און מער פּערזענלעכקייטן זאָלן זיך אונטערשרייבן און זיך פאַרפליכטן מאָראַליש לגבי דער זאַך. אַז איך פלעג אים מיטטיילן, אַז די אָדער יענע פּערזאָנען האָבן זיך נישט אָפּגערופן אויף אונדזער אויפפאָדערונג, פלעגט ער איבערנעמען די אויפגאַבע. ער האָט טעלעפאָנירט צו זיי, געזען זיך מיט זיי, איינגעווירקט אויף זיי. קיין מי איז פאַר אים נישט געווען שווער, קיין איין מאָל האָט ער נישט אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער טאָג. און דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען ער פלעגט זייער אָפט פילן זיך קראַנק. אין זיין ריכטער־קאַבינעט, גאַנץ פרי, פלעג איך אים געפינען; נישט געקוקט אויף די אַלע אָפיציעלע פאַפּירן און פאָדערונגען, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט ער שטענדיק געהאַט אַן אויפמערקזאַם אויער פאַר דעם ענין.

און נאָך איין זאַך האָט זיך געלאָזט זען. ביי דעם אויסוואַל פון נעמען צו וועלכע איך האָב זיך געווענדט זיינען זיכער געווען אייניקע, וואָס זענען אים פּערזענלעך נישט געווען ליב. איז ער דאָך געשטאַנען יאָרן־לאַנג אין פּאָליטישן קאַמף און האָט געמוזט האָבן אומפריינט. לויט זיין גאַנצער זעלישער איינשטעלונג האָט ער געזאָלט פילן אַן אַנטיפּאַטיע צו געוויסע פּערזאָנען אין דער געזעלשאַפט. פונדעסטוועגן האָט ער נישט באַנוצט די געלעגנהייט אַרויסצושטופּן ווען נישט איז פון דעם צעטל מענטשן, וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט.

אויב ער האָט וועמען נישט איז נישט געליבט, האָט ער... געשוויגן, אָבער קיינמאָל נישט באַרעדט. דערפאַר אָבער האָט ער זיך געפרייט יעדעס מאָל ווען ער פלעגט אַריינבריינגען אין דער קימבערליי־חבורה אַ נייעם פיינעם מענטשן. דער זייער רעספעקטירטער ריכטער, סער פּערסיוואַל האַלז־ראַדזשערס (וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער קאַנצלער פון דער סידנעי־אוניווערסיטעט) האָט מיט גרויס פריינטשאַפט געגעבן זיין נאָמען. „אויב סער טאָמאַס בייווין האַלט עס פאַר ריכטיק, מעג איך אוודאי" — האָט ער מיר געזאָגט.

דעם 19טן אַפּריל 1940 האָבן מיר דעם אויפרוף מיט 55 אונטער־שריפטן איבערגעגעבן צו דער פּרעסע. אַז דער „סידנעי מאָרנינג העראַלד" האָט עס פאַרעפנטלעכט און דערביי מוסיף געווען אַז די ביידע אַרצבישאָפס און דער סעקרעטאַר פון לייבאָר־קאָונסיל האָבן אויך צוגעשטימט צו דעם פּראָיעקט, האָט עס, פאַרשטייט זיך, אַרויסגע־רופן אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט אין לאַנד.

:: :: ::

ליידער האָט די באַוועגונג נישט געקענט אָנהאַלטן דעם נויטיקן טעמפּאָ. אַ חושך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אייראָפּע. פראַנק־רייך איז צעבראָכן געוואָרן פון היטלערן, און ענגלאַנד האָט זיך גע־גרייט צו אַן איבערפאַל. די גאַנצע וועלט איז ווי פון עפּעס אַ סאַטאַנישער האַנט אויפגעהויבן געוואָרן פאַר די האָר און איז געבליבן הענגען אין דער פוסטקייט פון דעם חלל. אין אַזאַ צייט האָט מען נישט געקענט קומען צו דער אויסטראַלישער רעגירונג מיט קאָנ־סטרוקטיווע פּלענער. מען האָט זיך געמוזט אונטערגאַרטלען מיט געדולד... און צוגרייטן דעם נעקסטן שריט. און דאָס האָט געהייסן פאַר אונדז: מעמאָראַנדום. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ לענגערער דאָקומענט, געווענדט צו דער פעדעראַלער רעגירונג, וואָס זאָל צוזאַמענ־פאַסן אַלע אַרגומענטן פאַר דעם קימבערליי־פּראָיעקט און אָפּוואַרפן אַלע קעגן־אַרגומענטן. דער מעמאָראַנדום האָט געזאָלט געבן אַ גענויע באַשרייבונג פון די יסודות אויף וועלכע עס וועט זיין געבויט דער יידישער ישוב, און אויך דערמאָנען די אַלע צושטימונגס־דערקלערונגען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער זאַך אין גאַנץ אויסטראַליע. עס האָט מיר גענומען נישט ווייניק צייט צוזאַמענ־צושטעלן דעם טעקסט, אָבער די דורכאַרבעטונג פון זיין אינהאַלט האָט פאַרלאַנגט נאָך מער צייט און פאַרזיכטיקייט.

ווידעראַמאָל האָט ביאַווין געגומען זיך פאַר דער אַרבעט. דאָס מאָל איז אונדז געקומען צו־הילף זיין שטאַטסמענישע דערפאַרונג, זיין קענטניש פון די פּאָליטישע רעגירונגס־פאַרהעלטנישן אין לאַנד. ער האָט דעם דאָקומענט געהאַלטן ביי זיך אין דער היים, און מיר האָבן אויפמערקזאַם דורכגענומען אַ פּונקט נאָך אַ פּונקט, נישט ווייניקער ווי פופציק פּונקטן צוזאַמען. איך פאַרשפּאַר צו זאָגן ווי וויכטיק זיינע באַמערקונגען זיינען געווען. די גרעסטע באַדייטונג האָט ער אָבער, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן צו די צוויי לעצטע פּראַקטישע פּונקטן אין וועלכע מיר האָבן געהאַט צו פאָרמולירן אונדזער פאָרשלאָג צו דער רעגירונג.

איך געדענק ווי ער איז אין זיין גאַנצער הויך געשטאַנען ביים אויוון פון זיין ריכטער־קאַבינעט און זיך מיישב געווען וועגן דער פּאָרמעל. — וואָס אייגנטלעך ווערט איצט פאַרלאַנגט? אַ דער־לויבעניש צו שיקן קיין קימבערליי אַ פאָרשונגס־קאָמיסיע? ניין, דאָס איז מעגלעך סיי־ווי־סיי, די רעגירונג קען נישט שטערן אין דעם . . . חוץ דעם שיקן מיר נישט קיין קאָמיסיע כדי זי זאָל ערשט אַנטפּלעקן פאַר אונדז די קימבערליי־געגנט; מיר קענען זי שוין און מיר ווייסן אַז זי איז צוגעפּאַסט פאַר קאָלאָניזאַציע. די קאָמיסיע זאָל נאָר גענויער אויספאָרשן די מעגלעכקייטן און צוגרייטן קאָנ־קרעטע פּלענער פאַר דער אַרבעט . . . נאָר וואָס דען? עס האָט נישט קיין זינען צו שיקן אַזאַ עקספּערטן־קאָמיסיע אויב מען האָט נישט פאַראויס די צושטימונג פון דער רעגירונג אויף אויפצושטעלן דאָרטן אַ יידישן ישוב. די פּאָליטישע צושטימונג מוז פאָראויסגיין דער עקאָנאָמישער אויספאָרשונג . . . די רעגירונג קען נישט אָננעמען אַ באַשלוס וועגן אַ יידישן געשלאָסענעם ישוב אין אויסטראַליע בכלל; זי דאַרף אים אָננעמען בנוגע אַ רעאַלן פּראָיעקט: אין קימבערליי. אָבער דאָס מוז זי טאָן איידער מען שיקט די קאָמיסיע, אַז נישט וועט די אַרבעט זיין אומזיכער. נישט נאָר וועט זי פאַרלאַנגען גרויסע הוצאות, נאָר זי וועט אויך אַרויסרופן האָפענונגען אין דעם יידישן פאָלק, און זיי וועלן נישט באַוואָרנט זיין אויף פאָראויס . . .

נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת האָט ער געהאָלפן שאַפן די פאָר־מעל, וואָס זאָל זיין יוריסטיש קלאָר פאַר די מיניסטערן. זי האָט זיך אָנגעהערט אַזוי:

„די פרייל‫אַנד־ליגע איז גרייט אָנצונעמען תיכף די נייטיקע שריט אויף צו באַשטימען די עקספּערטן־קאָמיסיע. זי פילט זיך אָבער נישט באַרעכטיקט צו אַזאַ שריט . . . אַזוי לאַנג ווי זי האָט נישט די צוזיכערונג אַז — אין פאַל פון אַ צופרידנשטעלנדיקן באַריכט פון דער קאָמיסיע — וועט די פעדעראַלע רעגירונג געבן איר הסכמה צו דעם אַריינקום פון עמיגראַנטן כדי צו שאַפן אַ יידישן ישוב אין קימבערליי״.

ביי דער דאָזיקער פאָרמעל האָבן מיר זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט פון קאַמפּיין. דערווייל אָבער האָט דער מעמאָראַנדום געמוזט אָוועקגעלייגט ווערן אויף דער פּאָליצע. דער קאָפּ איז נישט געלעגן דערביי.

אין יולי זיינען אָנגעקומען קיין סידנעי דער פּרעמיער פון מערב־אויסטראַליע ווילקאָק מיט זיין פינאַנס־מיניסטער מר. ריד. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט אויף דורכצורעדן זיך מיט זיי נאָך אַמאָל און צו באַווייזן זיי אונדזער דאָקומענט. צי וואָלט נישט בייווין אַנטייל גענומען אין דער באַגעגעניש? ער האָט גערן צוגעשטימט, און מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ צימער פון דעם אויסטראַליע־האָטעל ביי אַ גלעזל טיי. איך האָב געוואָלט הערן זיין מיינונג וועגן דעם ערשטן נוגע־בדבר, דעם פּרעמיער פון קימבערליי־לאַנד, און גלייכצייטיק באַווייזן די מלוכה־מענער פון דאָרטן ווי דער „מזרח פון אויסטראַליע״ איז אין דער זאַך פאַראינטערעסירט. דער שמועס איז געווען אַ געלונגענער, הגם ער איז פאָרגעקומען אַ ביסל אין אַן אָפיציעלער אַטמאָספער. מען האָט גערעדט אין פאָרזיכטיקע פראַזן, מען האָט מער געשוויגן ווי גערעדט. האָבן דאָך דיביידע מלוכה־מענער (בייווין און ווילקאָק) געהערט צו פאַרשיידענע פּאַרטייען. עס איז אָבער דאָ באַשטעטיקט געוואָרן, אַז דער גאַנצער פּראָיעקט איז לטובת פון אויסטראַליע אַלס גאַנצעס. עס איז געווען אַ נחת צוצוהערן ווי בייווין האָט פאַרטראַטן אונדזער זאַך: רואיק, מיושבדיק, איבער־צייגט. און וועגן דעם מעמאָראַנדום גופא האָב איך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַקומען פאָלגנדיקן בריוו פון פּרעמיער ווילקאָק (18 ,6 ,40):

„איך האָב געלייענט דעם טעקסט פונעם מעמאָראַנדום, וועלכן איר ווילט צושטעלן צו דער פעדעראַלער רעגירונג, מיט גרויס אינטערעס. איך האָב עס אויך געגעבן צו מר. ווייז

(דעם לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער) און געבעטן אַרויסזאָגן זיין מיינונג. מיר ביידע זיינען מיט דער מיינונג, אַז אין דעם מעמאָראַנדום איז נישטאָ קיין איין פּונקט קעגן וועלכן אונדזער רעגירונג (פון מערב־אויסטראַליע) זאָל זיין אַנטקעגן. מיר גלייבן, אַז דער דאָקומענט דריקט אויס אין אַ זייער אויסגע־צייכנטער פאָרם די צילן און שטרעבונגען פון אייער „פריי־לאַנד־ליגע".

עס זיינען פאַרגאַנגען אַ סך פיינלעכע וואָכן פון גאָרנישט טאָן, פון צוהערן זיך מיט האַרץ־קלאַפּעניש צו די טעמפּע מלחמה־קולות פון אייראָפּע. אָבער וואַונדער איבער וואַונדער. מען האָט אָנגע־הויבן צוגעוואוינען זיך צו די קולות וברקים פון דאָרטן, מען האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן דערשיטערנדיקן שאָק און די רוטין האָט ווידער פאַמעלעך באַהערשט דאָס לעבן. ענגלאַנד האָט זיך בדחילו ורחימו געגרייט צו אַן אינוואַזיע; אָבער דאָ האָט מען עס קוים־קוים געפילט.

אַרום סוף יולי האָט מיר אַ פריינט פון אונדזער זאַך, סער הערבערט דזשעפּ פון מעלבורן, געזאָגט, אַז עס האָט נישט קיין זינען אָפּצולייגן פאַרהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. „וואָס זאָגט מען אייך? איצט איז די שטימונג קעגן די פרעמדע? די רעגירונג איז פאַרטאָן אין מלחמה? איר וועט קיינמאָל נישט געפינען קיין פּאַסיקע צייט אויב איר וועט זיך צוהערן צו אַזעלכע מאָטיוון, גייט און דער־לאַנגט אייער מעמאָראַנדום". די אידעע איז מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב אָנגעפרעגט די מיינונג פון ביוווינען. „גוט — האָט ער געענטפערט — הייַנט אָוונט טרעף איך זיך מיט מענזיסן, און איך וועל אים פרעגן צי ער וועט עפּעס האָבן קעגן אַריינברענגען דעם פּראָיעקט" . . .

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער מיר מיטגעטיילט אין טעלעפאָן: „גאָו איהעד!" (גייט אָן מיט דער זאַך!) מענזיס קען, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט נישט צוזאָגן, אָבער איר קענט אַריינברענגען די פּאַפּירן צו דער רעגירונג . . . איך בין געווען גליקלעך: נאָך אַ שריט פאָראויס! זאָל זיין אפילו אַז אין דער איצטיקער מהומה וועלן זיי נישט געבן קיין ענטפער, אָבער זאָל כאָטש דער ענין זיין אָפיציעל פאַר זייערע אויגן.

בין איך אָפּגעפאָרן קיין מעלבורן, כדי איבערצוגעבן די פּאַפּירן פערזענלעך צו מענזיסן. בייווין האָט אים טעלעגראַפירט וועגן אָן אויפנאַם פאַר מיר, און דעם 30טן יולי איז דאָס געווען אין די וויקטאָריע־באַראַקס.

עס זיינען שפּעטער אונטערגעקומען נייע שוועריקייטן, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן דעם לויף פון אונדזער זאַך. אָבער מיר איז טייער דער געדאַנק, אַז בייווין האָט געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך כדי דעם ענין צו שטופּן און צו באַשיצן.

:: :: ::

דערווייל איז זיין געזונט אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מען האָט פּשוט געזען ווי שווער עס קומט אים אָן צו האַלטן זיך מיט יענער ווערדע און רואיקער קראַפט, וועלכע האָט אים שטענדיק אויסגעצייכנט. ער האָט געמוזט פאַרברענגען וואָכן און וואָכן אין שפּיטאָל, אָבער אויך דאָרטן, אויפן קראַנקנבעט, האָט ער ממשיך געווען זיין גייסטיק לעבן און טראַכטן ווי אויף דער פריי. איך פלעג אים באַזוכן פון צייט צו צייט, און נישט קענען אָפּוואונדערן זיך פון דעם שטאַרקן ווילן צום לעבן, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין אים. אַ פריינטלעכער, ליבלעכער שמייכל אויפן פּנים תמיד, נישט געקוקט אויף די יסורים.

דעם ערשטן יאַנואַר, 1941, בין איך געקומען ווידער אים צו זען. עס איז געווען אַ פּאָר טעג נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט. די הויכע, שוועראַ־ערנסטע, אין ווייסן געהילטע קראַנקן־שוועסטער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין צימער. הויך אויף די קישנס, אין דעם האַלב־טונקעלן רוים, האָב איך אים דערזען און כמעט ווי נישט דערקענט. אזוי שטאַרק איז זיין געזיכט געווען פאַרצערט און בלייך, די אויגן פאַרמאַכט. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען דעם גאַסט, האָט זיך דער שמייכל ווידער באַוויזן ביי אים, און מיט אַן אויסגעדאַרטער, קאַלך־ווייסער האַנט האָט ער מיך געבעטן זיצן. — ווי גייט אייך? — האָב איך אַרויסגעפּליסטערט, און ער האָט מיט אַן אומדערוואַרטעט זיכערער שטים געזאָגט: שוין גוט... אַ שווערע אָפּעראַציע געווען... איצט וועל איך שוין האָבן אַ פּאָר רואיקע יאָר... איך וועל דאָ בלייבן נאָך אַ פּאָר וואָכן, דערנאָך פאָר איך אָפּרוען זיך, כ'וועל כאַפּן פיש...

און דערנאָך, ווי שטענדיק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן אַלגעמיינע ענינים. איך האָב דערציילט אַז דאָ נישט לאַנג האָב איך בייגעוואוינט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער קעגן נייעם בודזשעט. האָט מיך געוואונדערט אַז אַלע רעדנער, אַלע אָן אויסנאַם, האָבן באַהאַנדלט די לוין־און־שטייער פראַגן נאָר פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט אַליין. אַזוי ווי דער מאַטעריעלער וואויל־טאָג וואָלט געווען אַ צוועק פאַר זיך אַליין און נישט קיין אינסטרומענט פאַר אַ גייסטיקן לעבן...

האָט ער געשמייכלט און פאַמעלעך רעדנדיק געענטפערט:

— אַזוי איז עס טאַקע. אונדזער פאָלק טראַכט ווייניק פון גייסטיקע צוועקן. איר קענט עס דערקלערן דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע. די מענטשן האָבן דאָ געהאַט אַ לייכט לעבן, אַ גאַנצן קאָנ־טינענט פאַר זיך אַליין. עס וואָלט געווען פאַלש צו זאָגן, אַז אויס־טראַליע איז זייער אַ רייך לאַנד, אָבער דאָ איז געווען גענוג שפע פאַר דער באַפעלקערונג . . . צו דעם האָבן זיי זיך באַשיצט פון אַלע מעגלעכע זייטן. מען האָט איינגעפירט אַ הויכן טאַריף־סיסטעם צו באַשיצן די היימישע אינדוסטריע. אָט אַזוי האָבן זיי געלעבט פאַר זיך אַליין. די אַרבעטער, למשל, האָבן זיך מיט אַ כיון אָפּגעזונדערט פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט. נעמט דערצו אין באַטראַכט דעם פיינעם קלימאַט, די וואונדערבאַרע ים־ברעגן, די שטראַלנדיקע זון, וואָס דאָס אַלץ האָט פאַרשאַפט אונדזער פאָלק אַ גוטן לעבן. עס איז נישט געווען קיין באַדאַרף פאַר גייסטיקע זאַכן...

— פונדעסטוועגן זיינען זיי אַ פיינע חברה, גוטע מענטשן. גרויסמוטיק, גרייט צו העלפן, אפילו צו קרבנות. אַן אויסטראַליער וועט טאָן אַן אַ שיעור פאַר אַ פריינט ווען יענער איז אין אַ צרה, — באַזונדערס איז עס אַזוי אין די אָפּגעלעגענע געגענטן. זיי ווילן זיך מקריב זיין צו ראַטעווען אַ מענטשן וואָס טרינקט זיך. זיי זיינען געווען מוטיק בעת דער מלחמה... אָ, פיינע כאַראַקטערן! אָבער עס ליגן זיי נישט אין קאָפּ קיין אידעען, און אַ סיסטעם פון עטישע אידעען, ווי איר זאָגט — שוין אוודאי נישט. די צרה מיט זיי איז, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין ריכטיקע צרות...

האָב איך דערמאָנט, אַז עס זיינען דאָ גענוג סימנים אויך פון אַן ערנסטן טיפּ אויסטראַליער. נעמט, למשל, די גרויסע טאָג־צייטונג אין פּערט „דער וועסט־אויסטראַליען", זי האָט אַן אומגעהויערע

צירקולאַציע פון זיבעציק טויזנט אין אַ באַפעלקערונג פון 460,000. זי האָט אַ זייער הויכן קולטורעלן ניוואָ אין אַלע הינזיכטן, און זי איז פּאַקטיש דאָס איינציקע פאַרשפּרייטע אין לאַנד בלאַט. פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג איז דאָס אייגנטלעך די צייטונג. צי שפּיגלט עס נישט אָפּ אַ העכערע מדרגה פון קולטור?

אויף דערויף האָט ער ווידער מיט זיין שטילן סקעפּטישן שמייכל געענטפערט:

— נישט אַלעמאָל שפּיגלט עס אָפּ. צייטונגען זיינען דאָך געבויט אויף די איינקונפטן פון די אַנאָנסן. אויב דער „וועסט־אויסטראַליען" איז די איינציקע גרויסע צייטונג דאָרטן, באַקומט זי, הייסט עס, אַלע אַנאָנסן. דער עולם נייטיקט זיך אין זיי און ער מוז קויפן די צייטונג. די גרינדונג פון אַן אַנדער בלאַט — קעגן דעם ערשטן — איז היינט צו־טאָג צו קאָסטשפּיליק. עס איז אַזוי אויך אין סידנעי. היות ווי דער „סידנעי מאָרנינג העראָלד" איז די עלטסטע צייטונג דאָ אויפן פּלאַץ (מען רופט זי „די באָבעשי") מיט אַ הויכן פּרעסטיזש, פליסן אַלע אַנאָנסן אַריין צו איר. דער עולם קויפט זי טאַקע צוליב דעם, נישט צוליב אירע לייט־אַרטיקלען...

— אפשר זייט איר גערעכט, (האָב איך געמוזט צוגעבן). איך דערמאָן זיך אַ סצענע אין דעם איינציקן האָטעל אין ווינדהעם, אין קימבערליי. נאָכדעם ווי איך האָב שוין פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אין די טיפענישן פון קימבערליי, האָב איך שטאַרק געלעכצט נאָך אַ צייטונג. קוים אַריינגעפאַלן אין האָטעל האָב איך געבעטן ביים אייגנטימער אַ ביסל צייטונגען פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט. ער האָט מיר אַריינגעבראַכט אייניקע נומערן טאַקע פון „וועסט־אויסט־ראַליען", אָבער קענטיק נישט געלייענטע; אַ פּאָר פון זיי אפילו נישט געעפנטע. אַז איך האָב זיך געוואונדערט, האָט ער געזאָגט, אַז זיי הערן די נייעס פון ראַדיאָ... מסתמא דאַרפן זיי נישט די „לייט־אַרטיקלען".

איך האָב פאַרלאָזן ביייווינען אין אַ גוטער שטימונג, אָנגעשטעקט מיט זיין האָפנונג אויף לעבן. אָבער אַז אין אַ וואָך אַרום האָט בישאָפּ פּילטשער און איך געוואָלט אים ווידער באַזוכן, האָבן מיר זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ פאַרלעגנהייט פון דער אויבער־שוועסטער. דער קראַנקער האָט פאַר דער צייט געהאַט אַ שווערן אָנפאַל. אָבער ער האָט געוואָלט אונדז זען אויף אַ ווײַלע. אין דעם פאַרטונקלטן צימער,

אין דער מיט שאַרפע ריחות אָנגעלאָדענער לופט האָב איך דערזען אויפן בעט אַ חולה מסוכן. ער האָט מיט מי אויפגעעפנט די אויגן, אַ בלייכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין געזיכט, ער האָט אונדז געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. מיר זיינען אַרויס פון דאָרטן מיט זייער אַ שווערן פּאַרגעפיל. ווי גאָר אַנדערש פון דעם לעבהאַפטן שמועס מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

אין אַ זעקס וואָכן אַרום, אַז ער איז ווידער געווען ביי זיך אינדערהיים, האָב איך אָנגעפרעגט דורכן טעלעפאָן צי איך מעג קומען. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פילט זיך שוואַך, אָבער זי וועט אים פרעגן וועגן מיר. — יאָ — האָט זי באַלד געלאָזט וויסן — ער בעט מיך אַריבערקומען... איך האָב אים געפונען אין בעט, אויסגעצויגן, מיט אַ טויט־בלאַסן פּנים און אויסגעטריקנטן קערפּער. אָבער ער האָט מיך תיכף באַגריסט מיט די ווערטער: איך בין צופרידן, זייער צופרידן צו זען אייך . . . אויף מיין פראַגע ווי ער פילט זיך, האָט ער, ווי שטענדיק, געסטאַרעט זיך צו ענטפערן מיט מוט: נישקשה, איך האָב געשלאָפן די נאַכט... אָבער עס איז מיר שווער צו עסן... איך ווייס נישט פאַרוואָס...

די שוועסטער האָט מיך געבעטן צו פאַרבלייבן נישט מער ווי אַ צען מינוט, כדי ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען. אָבער ער האָט זיך דערוויילע אויפגעמונטערט און גענומען רעדן. די ווערטער זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן מיט מי, אָבער עס האָט גערעדט אַ מענטש מיטן פולן כוח פון באַוואוסטזיין. ער האָט מיך געפרעגט וועגן דעם מצב פון קימבערליי־ענין און איז אַריבער צו רעדן וועגן דער שווערער לאַגע אין דער וועלט, וועגן די אומפאַרציילעכע פעלערן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן. ווייזט אויס, די אויפגעזאַמלטע דער־פאַרונג פון דער געשיכטע לערנט נישט די מענטשלעכע ראַסע... יעטוועדער דור מאַכט דורך די דערפאַרונגען פאַר זיך אויפסניי, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די מוסר־השכל פון די פריערדיקע דורות...

— אָבער — האָב איך אַריינגעוואָרפן — געדענקען זיי דען נישט די געוועזענע געשיכטע?

— געוויס, אָבער וואָס העלפט דאָס? זכרון און קענטעניש מוזן דאָך זיין פירער פאַר פּראַקטישער טעטיקייט . . . מען קען געפינען אין דער געשיכטע אַ סך פּאַראַלעלן צו דער איצטיקער וועלט־לאַגע. אין גריכנלאַנד, אין רוים, אין אַנדערע לענדער... אַזוי איז עס אויך

אין פּריוואַטן לעבן. קיינער לעבט נישט מיט דער דערפאַרונג פון אַנדערן.

— מיר, עלטערן — האָב איך מוסיף געווען — זעען עס תיכף ווען עס קומט צו די ליבע־ און חתונה־פראַגן פון אונדזערע קינדער. זיי ווילן זייער זעלטן רעכענען זיך מיט אונדזערע דערפאַרונגען און אויספירן...

בייווין האָט מיט פאַרשטענדעניש געשמייכלט און האָט ווייטער גערעדט: איך בין נישט פּעסימיסטיש... איך וואָלט נישט אַרויס־געזאָגט אָפן אַזעלכע געדאַנקען... נעמט טאַקע למשל די מלחמה, די מאָראַלישע אַטמאָספער אויף דיביידע זייטן. מיר קענען זיי גוט און מיר פאַראַכטן די נאַציִשע מאָטיוון, אָבער די העכערע מאָטיוון אויף דער אַנדערער זייט קומען נישט אַרויס מיט אַ גייסטיקער קלאָרקייט און זעלישער טיפקייט ווי מען וואָלט געדאַרפט דערוואַרטן. פון אַלצדינג ווערט אַזוי גיך אַ רוטין־זאַך. יאָ... אַזוי איז עס דערווײַלע... עס איז שוין אַ לאַנגע צייט אַוועק זינט מיר האָבן געזען אין דער ענגלישער פּאָליטיק אַן עכטע מאָראַלישע באַגרינדונג פון אַ מלחמה. אין 1877 האָט גלאַדסטאָן געגעבן אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג פאַר דעם טערקישן קריג, ער האָט געפאָדערט די אַרויס־טרייבונג פון די טערקן פון אייראָפּע צוליב דער פאַרפאָלגונג פון די אַרמענער... און ער האָט דעמאָלט מיטגעריסן מיט זיך גאַנץ ענגלאַנד...

די קראַנקן־שוועסטער איז מיט אַ שווייגנדיקן פאַרוואורף צוגע־גאַנגען צום בעט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז מען מוז גיין. עס איז געווען אַזאַ גוואַלטיקע סתירה צווישן דער שיינער נאַטור אַרום דעם הויז, צווישן דעם בלויען ים־שטח, אויף וועלכן בייווין פלעגט ליבן צו קוקן בעת ער פלעגט אַרומגעוויקלט מיט אַ טוך זיצן אויף אַ שטול, און דעם אומגליק וואָס האָט אַזוי אָפן געשוועבט אַרום דעם מענטשן.

יעדעס מאָל, ווען איך פלעג אים זען אין די פאָלגנדיקע וואָכן האָב איך געמערקט ווי דער קערפּער שרומפּט איין אַלץ מער, ווי די הענט ווערן אַלץ אויסגעדאַרטער, ווי דאָס געזיכט בלאַסער און בלאַסער.

דערווייל איז אַרויס פון דרוק זיין בוך וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דעם באַרימטן אויסטראַלישן שטאַטסמאַן, דעם ערלעכן דעמאָ־

קראַט סער הענרי פּאַרקס. דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פּאַרטראַגן, וועלכע בייווין האָט געזאָגט האַלטן אין בריזביין, וועלכע מען האָט אָבער פּאָרגעלייענט דאָרטן צוליב זיין קראַנקהייט. דאָס קליינע ווערק (פון 68 זייטן) איז געווען אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג פון אַ פיינעם מענטשן מיט דער פען פון אַן אַנדערן זעלישנאַענטן מענטשן. אַז בייווין האָט עס מיר צוגעשיקט, האָב איך אים געענטפערט מיט אַ בריוו:

סידנעי, 4טן מאַי, 1941.

„מיין זייער ליבער סער טאָמאַס.

„נעמט אָן, ביטע, מיין האַרציקן דאַנק פאַרן צושיקן אייער בוך וועגן סער הענרי פּאַרקס. איך האָב עס געלייענט אין כתב יד, און איצט ווידער אַמאָל אין געדרוקטער פאָרם. ביידע מאָל בין איך געשטאַנען אונטער דעם איינדרוק פון דער אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט און צניעות פון אייער ווערק.

פאַר מיר איז עס מער ווי אַ ביאָגראַפיע פון אַ גרויסן אויסטראַלישן פּאָליטיקער. עס איז גלייכצייטיק אַן אומבאַאַבזיכטיקטע אויטאָביאָגראַפיע פון אייך אַליין. לייענענדיק דאָס בוך אָטעם איך אריין די פרישע לופט פון געזונטע און עכטע דעמאָקראַטישע אידעען פון עבר; אָבער נישט דאָס אַליין. עס דוכט מיר, אַז איך הער זיך צו אין דער זעלביקער צייט צו אייערע שמועסן וועגן די פראַגן פון אונדזער פּאַרקריפּעלטער עפּאָכע, ווי שטאַרק געפעלט מיר יענע שטעלע אין אייער בוך וואו איר דערציילט אונדז ווי „פּאַרקס האָט מסתמא פאַרגעסן זיין דרך ארץ פאַר דעם קאָנסטיטוציאָנעלן פּרינציפּ.‟ איר פאַראורטיילט זיין טאַט וועלכע ער האָט דורכגעפירט אונטער דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג. דאָס אַזוי גערופענע געזעץ פון דערהאַלטונג פון דער געזעלשאַפט טאָר בשום אופן נישט אונטערדריקן דאָס מאָראַלישע געזעץ פון דער מענטשהייט — האָט איר אונטערשטראָכן.

אָט דאָס איז אַזוי טייער צו מיר אין אייער פּערזענלעכקייט און לעבנס־פילאָסאָפיע. איך צווייפל נישט: אַזוי לאַנג ווי אָט די אידעען וועלן באַהערשן די מענטשן פון דער בריטישער אימפּעריע, וועט קיין היטלעריזם אָדער אַנדערע פיינט פון דעם מענטשן־געשלעכט נישט קומען צו אַ נצחון.

אָבער איך דאַרף איצט נישט אַריינלאָזן זיך אין פילאָסאָפישע ספעקולאַציעס. די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע איז אַז איר זאָלט וואָס גיכער געזונט ווערן און צוריקקערן זיך צו אייערע פליכטן אין פאָלק. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן אייך ווי דאַנקבאַר איך בין פאַר אָט דער פיינער שילדערונג פון פאַרקסן הינטער וועלכער איך האָב געזען דאָס געזיכט פון אַן אַנדערן גרויסן אויסטראַליער און הומאַניסט.
אייער אין פריינטשאַפט, י. ש.״

:: :: ::

דערנאָך זיינען געקומען די אומפאַרמיידלעכע לעצטע וואָכן. איך האָב נישט געטאָרט אים שטערן מיט מיין קימבערליי־זאַך; מיר פלעגן אויך נישט רעדן לעצטנס וועגן דעם. אַרום סוף יוני האָב איך געזאָלט אַריבערכאַפּן זיך אויף אַ פּאָר טעג קיין קאַנבעראַ, כדי אונטערצושטופּן אונדזער שווער זיך באַוועגנדיקן וואָגן. האָב איך געמוזט זאָגן וועגן דעם בייווינען — און דערצו האָב איך אומ־באַוואוסטזיניק מורא געהאַט פאַר זיין לעבן. ער האָט ווידער דורך דער קראַנקן־שוועסטער געלאָדן מיך צו זיך. איך האָב דאָס מאָל אויף אַן אמתן דערשראָקן זיך פאַר דעם בילד. אין זיין געזיכט איז נישט געווען קיין איין טראָפּן בלוט, ער האָט מיט שווערקייט אַרויסגערעדט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. פונדעסטוועגן איז געווען די זעלביקע קלאָרקייט און אפילו ענערגיע אין זיין רעדן.

פאַרשטייט זיך די הויפּט־טעמע איז געווען רוסלאַנדס אַריינטריט אין דער מלחמה, מיט אַ פּאָר טעג צוריק. האָט ער געזאָגט מיט צופרידנקייט: זינט אָט דער געשעעניש בין איך באַפרייט געוואָרן פון מורא האָבן צו עפענען אַ צייטונג . . . איך האָב זיך שטענדיק געשראָקן פאַר די מעגלעכע שרעקלעכע ידיעס. . . איצט איז עס אַריבער . . . איך האָב מער קיין מורא נישט צו עפענען די צייטונג אינדערפרי . . .

א י ך: איך פיל זיך אויך מאָראַליש דערלייכטערט זינט דער שטורמדיקער געשעעניש פון לעצטן זונטיק (22טן יוני). ווייזט אויס, עס איז דאָ גערעכטיקייט אין דער געשיכטע. וועט דער באָלשעוויזם איצט נעמען אָנטייל אין דער צעשטערונג פון היטלערן, וועט עס געשען מיט דער הילף פון ענגלאַנד און אַמעריקע, — און דאָס קען ברענגען צו אַ גוטער ענדערונג אין רוסלאַנד גופא.

ע ר: יאָ, דער באָלשעוויזם האָט געלעבט די גאַנצע צייט ווי אין אַ מדבר... ער וועט אפשר פאַרענדערן זיך, אָבער איך האָב מורא אַז טשערטשיל האָט אַ ביסל אַריבערגעכאַפּט די מאָס אין זיין ענטוזיאַסטישער רעדע פאַר רוסלאַנד... מיר וואָלטן געדאַרפט זיין פאָרזיכטיקער...

א י ך: אָבער ווי פיין איז געווען די שטעלע אין זיין רעדע, וואו ער האָט באַדויערט אין פאָראויס די רוסישע פרויען און קינדער, וואָס וועלן איצט אָנהייבן ליידן. ער איז מסתמא געווען באמת פאַר־כאַפּט פון געפילן יענע נאַכט ביי דער נייער ווענדונג פון דער געשיכטע. (בייווין האָט מיט צושטימונג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ) אַזעלכע געפיל־אויסברוכן געדענקען זיך לאַנג אין באַציאונגען פון פעלקער...

ע ר: היטלערס מאַרש אויף רוסלאַנד קען אַרויסרופן נייע פּאָלגן אין אייראָפּע... די אַלע קליינע מלוכות, וואָס זיינען פון אים געוואָרן אונטעריאָכט האָבן שוין געהאַט ווי איינגעוויליקט אין זיין „נייער אָרדענונג"... איצט, אַדאַנק זיין געפערלעכער אַוואַנטורע, ווערט דער גאַנצער באָדן פון אייראָפּע וואַקלדיק... די קליינע שטאַטן ווערן אומזיכער פאַר היטלערן.

א י ך: אַ טשיקאַווער פונקט איז פאַרוואָס האָט ער זיך פּלוצים אויסגעדרייט קעגן רוסלאַנד אין אַ מאָמענט ווען ער האָט זיך געהאַט אַזוי קלאָר קאָנצענטרירט אויפן נאָענטן מזרח? דער עקשנותדיקער ווידערשטאַנד אין גריכנלאַנד און קריט איז געווען באַרעכטיקט: ער האָט אים באַוויזן אַז ער וועט נישט האָבן קיין לייכטן מאַרש פאָראויס. האָט ער זיך אַריבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדערן פּלאַן...

ע ר: יאָ, אפשר אַזוי... דאָס איז מיר נישט איינגעפאַלן.

איך האָב דערפון פאַרשטאַנען, אַז ער טראַכט אַקטיוו און קלאָר די גאַנצע צייט וואָס ער ליגט און דרעמלט מיט זיך אַליין. שפּעטער האָב איך געפרעגט צי ער האָט דערהאַלטן מיין דאַנק־בריוו פאַר זיין בוך. ער האָט זיך מיט אַ לעבעדיקער באַוועגונג אָפּגערופן: „אוודאי, און איך בין געווען אַזוי שטאָלץ... באמת אַזוי שטאָלץ דערמיט... איך האָב נאָר נישט געקענט ענטפערן"... אַז ער האָט דערהערט אַז אויף מיין עקזעמפּלאַר פון זיין בוך איז נישט געווען זיין ווידמונג, האָט ער זיך פאַרוואונדערט און אפילו אויפגערעגט. ווי אַזוי איז דאָס געשען? אָבער ער וויל עס תיכף אָנשרייבן דאָ אויף אַן אָרט...

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער זיך גענומען ציען צום דער־בייאיקן פענצטער, וואו עס איז געלעגן זיין פּאַפּיר־מאַפּע. איך האָב עס אים דערלאַנגט, און מיט שוועריקייטן האָט ער אָנגעקריצלט אַ פּאָר ווערטער אויפן בוך: צו מיין פריינט, ד״ר שטיינבערג, מיט וואַרעמע גרוסטן, פון ט. ר. בייווין, מאַי 1941.

ער האָט זיך צוריקגעוואָרפן אויפן קישן, פאַרמאַכט די אויגן און דערנאָך געזאָגט: איך האָב באַקומען אַן אַנדערן פריינטלעכן בריוו וועגן מיין בוך, פון מר. מענזיס...

ער האָט אַרויסגעזוכט דעם בריוו פון זיין מאַפּע און מיר פאַמעלעך עס צוגעטראָגן. עס איז געווען אַ זייער וואַרעמער, זייער באַרעדעוור־דיקער בריוו וועגן בייווינס באַטייט אין לאַנד, און עס האָט אַנטהאַלטן די ווערטער: אויב עס זיינען פאַראַן וועלכע נישט איז גייסטיקע פונקען אין מיין טעטיקייט, זיינען זיי געקומען און האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער אייער ווירקונג.

פיר טעג שפּעטער בין איך ווידער געקומען צו אים, גלייך נאָך מיין צוריקקער פון קאַנבעראַ. ער האָט זיך גראָד געהאַט אויפגע־כאַפּט פון זיין שווערן דרעמל. איך בין שטיל געזעסן ביי זיין בעט.
— האָב איך אייך געשטערט? — „ניין, איך בין צופרידן צו זען אייך״...

האָב איך בקיצור באַריכטעט וועגן מיינע איינדרוקן פון דער רייזע, וועגן שמועס מיט ווילקאָקן און אַנדערע. ער האָט מיט סימ־פּאַטיע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צי זאָל איך ברענגען צו אים שפּעטער דעם טעקסט פון אַ בריוו צו מענזיסן? — אוודאי!... ווען נאָר איר האָלט אַז ער קען עפּעס העלפן זאָלט איר ברענגען...
— דערנאָך האָט ער פאַמעלעך, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער גענומען דערציילן, אַז מיט אַ טאָג פריער האָט אים באַזוכט מענזיס און פאַרבראַכט נעבן זיין בעט אַנדערטהאַלבן שעה צייט. „איך בין גע־ווען זייער צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן ענגלאַנד... (מענזיס איז אָקאָרשט געווען געקומען צוריק פון דער רייזע קיין ענגלאַנד). ער איז אַזוי קרעפטיק, אין אַ גוטער שטימונג, אַ טאָקע אומדערשיטערט ווי אַ פעלז... געוויס, עס זיינען פאַראַן אַ סך חסרונות אין דער אַדמיניסטראַציע דאָרטן, אָבער די זאַך גייט פאָראויס... טשערטשיל איז די גרעסטע מאַכט... ער האָט אפילו צופיל אויף זיינע פּלייצעס און דאָס פירט דערצו אַז...

(דאָ האָט ער אַראָפּגעלאָזן זיין שטים נאָך טיפער און געזאָגט פאַר־טרוילעך): אייגנטלעך טאָר איך נישט רעדן וועגן דעם...

איך האָב מיט אַ שמייכל צוגעשאָקלט און געזאָגט אַז איך פאַר־שטיי. ער האָט נישט געזאָלט אַרויסווייזן קיין גרעסערן צוטרוי. און פּלוצים האָט ער, אַזוי ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, געזאָגט: קימבער־ליי האָב איך נישט באַרירט מיט אים... עס איז מיר נישט געקומען צו רייד...

און ווידער צוריק צו רוסלאַנד. ער האָט דערמאָנט מענזיסעס אַ זאָג: אויב רוסלאַנד וועט נאָר אויסהאַלטן דריי וואָכן... דריי וואָכן? — האָב איך געפרעגט. — די טעג בין איך געגאַנגען אין געוועט מיט אַ פריינט: ער זאָל מיר צאָלן אַ שילינג פאַר יעדן טאָג, נאָך דעם ערשטן חודש פון דעם רוסיש־דייטשישן קריג, וואָס היטלער וועט נישט איינגעמען מאָסקווע... איך וועל אָנזאַמלען אַ פאַרמעגן.

ער האָט מיד געשמייכלט; די קראַנקנשוועסטער איז שטום אַריינגעקומען. איך האָב פון אים גענומען אָפּשייד...

און מער האָב איך אים נישט געזען.

אין אויגוסט דעם 31טן איז סער טאָמאַס בייווין אַוועק פון דער וועלט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן אָן דער ידיעה פּלוצים אין דער צייטונג ווען איך בין געווען אין מעלבורן. וואָס האָט מען געקאָנט טאָן אין דער ערשטער מינוט פון ווייטיק? האָב איך געשיקט זיין פרוי, ליידי בייווין, אַ טעלעגראַמע:

„קיינע ווערטער קענען ניט באַשרייבן מיין צער צוליב אַוועקגיין פון סער טאָמאַסן, דעם גרויסן פריינט פון דער מענטשהייט און דעם גרויסן אויסטראַליער. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין שטראַלנדיקן נאָמען. מיטן גאַנצן האַרצן בין איך מיט אייך און מיט אייערע קינדער".

איך האָב נישט געקענט זיין ביי דער לוויה, וועלכע איז, פאַר־שטייט זיך, פאָרגעקומען מיט גרויס פייערלעכקייט. אויף אַלע מלוכה־געביידעס זיינען די פאָנען געווען האַלב־אַראָפּגעלאָזן; אַ גרויסער עולם האָט אים באַגלייט צו דער רו. וואָלט דאָס יידישע פאָלק שוין געוואוסט וועגן אים וואָלט עס דאָרטן אויך געווען פאַרטראָטן. אָבער סיי־ווי־סיי וועט זיין נאָמען פאַרבלייבן ביי אונדז. ווי דער „אויסטראַלישער יידישער פאָרום" האָט געשריבן שפּעטער: מיר

וועלן טאָן אַלץ וואָס מעגלעך כדי צו מאַכן דעם נאָמען פון בייווינען טייער צו די יידישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט; און אויב דער קימבערליי־ישוב וועט אַמאָל געגרינדעט ווערן, איינס פון זיינע ישובים וועט טראָגן דעם נאָמען פון אַט דעם אידעלן אויסטראַליער.

:: :: ::

דער העכסטער שבח פאַר אַ מענטשן זיינען אפשר די רייד און דאָקומענטן, וועלכע מען געפינט אין זיין ירושה. צוויי אַזעלכע אַנט־פּלעקונגען פון בייווינס פּערזאָן זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן און זיי זאָלן אָפּרונדיקן דאָס בילד פון דעם מאַן. דעם 30טן יולי, אַ חודש פאַר זיין טויט, איז זיך צונויפגעקומען די יערלעכע פאַרזאַמלונג פון אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע ענינים אין סידנעי. בייווין, אַלס פּרעזידענט, האָט צוגעשיקט צו די פאַרזאַמלטע אַ בריף, וואָס לייענט זיך ווי אַ גייסטיקער טעסטאַמענט:

„... די שרעקלעכסטע מלחמה זינט די וועלט שטייט, טאָר זיך נישט פאַרענדיקן מיט אַ שלום געבויט אויף גייסטיקער פאַראָרעמונג, וועלכע פאָלגט אַזוי אָפט דער אַלגעמיינער צע־שטערונג פון אַ קריג, אויף דעם פאַרלוסט פון אידעאַלן, אויף אַ ציניש אומגלויבן אין דער מעגלעכקייט פון געמיינזאַמער אַרבעט לשם גרויסע צילן. מיר מוזן זיך איצט גרייטן עס זאָל נישט קומען דערצו. מיר מוזן פּלאַנירן מיט דעם גלויבן, אַז גוטסקייט, מוט און אַלטרואיזם זיינען פּונקט אַזעלכע רעאַלע און לעבעדיקע שטריכן פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער נאַטור ווי די אַנטקעגנגעזעצטע מידות, און אַז מענטשן זיינען פעאיק אָפּצורופן זיך אויף דער פאָדערונג פון די שענסטע און איידלסטע מידות טובות פּונקט אַזוי ווי אויף די נידעריקסטע און ברוטאַלע.

„פון אונדזער קענטניש פון די נויטן פון אַנדערע פעלקער, פון אונדזער אַנדערקענונג אַז דער מענטשלעכער מזל איז איינ־הייטלעך, אַז די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטס־סיסטעמען זיינען צונויפגעפלאָכטן צווישן זיך (צי דאָס איז אויסטראַליע צי אויס־לאַנד) — וואַקסט די האָפענונג אויף אַ נייער אָרדענונג פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד. מיר מוזן צייכענען אַזאַ מין נאַציאָנאַלן לעבנס־ראַם אין וועלכן מענטשן זאָלן קענען לעבן

און אַרבעטן, פאַרגעסנדיק די שיידונג פון קלאַס אָדער רייכטום, פון רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט; האָבנדיק אין זינען, ראשית כל, די געמיינזאַמע מענטשלעכקייט. מיר מוזן אַרבעטן פאַר אַ נייער וועלט, אין וועלכער מענטשן וועלן פאַרשטיין אַז ליבע, גערעכטיקייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט זיינען נישט פשוט פראַזן פון מוסר־זאָגער און פּאָליטישענס, נאָר זיי זיינען רעאַליטעטן, וועלכע קענען און מוזן ווערן פאַרקערפּערט נישט נאָר אין אונדזערע לעבנס אַלס יחידים, נאָר אויך אין אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אַלס טייל פון אינטערנאַציאָנאַלער גאַנצקייט".

דעם 18טן דעצעמבער פון דעם זעלביקן יאָר האָט מען פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט וועגן דער ירושה וואָס בייווין האָט איבערגעלאָזן. דאָס איז געווען אַ קורצער באַריכט: דער געוועזענער פּרעמיער פון ניו־סאַוט־וויילס און ריכטער פון העכסטן געריכט, סער טאָמאַס בייווין, האָט איבערגעלאָזן אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן („עסטייט") וואָס איז געשעצט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין 519 פונט". אָט די אומבאַגרייפלעך קליינע סומע האָט נאָר באַשטעטיקט די גרויסע ערלעכקייט און איידלקייט פון דעם מענטשנס כאַראַקטער. הייסט עס, ווען ער האָט ביים לעבן גערעדט וועגן פּרינציפּן פון געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו רעדן אַזוי. בולט ביז גאָר איז אַרויסגעקומען דאָס בילד פון דעם זעלטענעם טיפּ פון אַ קריסטלעך־רעליגיעזן, טיף־איבערצייגטן, אפשר נאַאיוון, אָבער ערלעכן דעמאָקראַט טאָמאָס בייווין, מיט וועלכן אויסטראַליע קען זיך באמת גרויסן.

3. דער בישאָף

שפּעט אין אָוונט בין איך צוגעפאָרן צו דער סידנעיער קאַטעדראַלע. אַ מאַכטפולער בנין פון דער ענגלישער קירך, וואָס פּילט אָן מיט זיין מאַסיווער גרויס די גאַנצע געגנט אַרום. אין הויף האָט זיך פאַרבאַהאַלטן דאָס באַשיידענע פאַרוואַלטונגס־הויז פון דעם בישאָפטום: דאָס קירך־הויז. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן פון בישאָף פּילטשער (PILCHER) צו קומען צו אַ געזעליקייט־אָוונט, אַ „סאָשעל" איינגעאָרדנט פאַר די פּליטים. פאַר וועלכע פּליטים? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן אויף אַ ווײַלע, אָבער איך האָב נישט געקענט אָפּזאָגן דער זייער פריינטלעכער שטים, וואָס האָט גערעדט אין טעלעפאָן.

אין אַ זייער ברייטן האַלב־באַלויכטענעם צימער האָב איך דערזען אַ הונדערט מענטשן, מערסטנס יינגערע פרויען און איניקע גייסטלעכע. אויף אַ פּאָדיום איז גראָד געשטאַנען אַן אַלטער מאַן און האָט גערעדט צו די פאַרזאַמלטע, גערופן זיי צו געפינען זיילישע רו אין נייעם לאַנד, אַנצושפּאַרן זיך אין זיין קירך. דער עולם האָט שווייגנדיק שטיל צוגעהערט זיך צו אים ווי אויך צו די אַנדערע רעדנער, וואָס האָבן פאַרטראָטן פאַרשיידענע קריסטלעכע קירכן. צווישן זיי איז געווען אויך דער בישאָף פּילטשער, אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ רונדן פריש־פאַרביקן געזיכט, מיט גרויע האָר אַרום די שלייפן. זיין גאַנצער מהות האָט געאָטעמט מיט זיילישער גוטסקייט און שטילקייט. כדי צו קומען אייך אַנטקעגן, כדי צו דערמאָנען אייך אייער היים און אייער שפּראַך — האָט ער געזאָגט — וועלן מיר דאָ באַלד זינגען צוזאַמען אייער געליבט ווייַנאַכט־ליד: „שטילע נאַכט, הייליקע נאַכט". אַ שטילער געמורמל ווי אַ קאָלעקטיווער זיפץ האָט זיך דורכגעטראָגן אין דעם עולם. דערווײַלע האָט ער מיך באַמערקט און איז גלייך צוגעקומען מיט אַ פריינטלעכן ברוך הבא.



Bishop C. V. Pilcher

צי וועל איך נישט אַרויפגיין אויף דער בימה און אויך באַגריסן די פּליטים ? — האָט ער מיר אָנגעבאָטן. איך האָב זיך באַשיידן אָפּגעזאָגט, און ער האָט עס תיכף פאַרשטאַנען. אַ יונגע הויכע זינגערין איז אַרויף אויף דעם פּאָדיום, אַן אַנדער פרוי האָט זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנאָ, און די צאַרטע קלאַנגען פון דעם באַרימטן ליד האָבן זיך פּאַמעלעך פאַרשפּרייט אין דעם זאַל. די קלאַנגען, וואָס האָבן שטענדיק געוועקט טיפן גלויביקן אָפּרוף אין די הערצער פון קריסטלעכע מענטשן, האָבן איצט אכזריותדיק דערמאָנט אָן דער בלוטיקער חיה אין דעם אַלטן דייטשישן פאָטערלאַנד.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויפמערקזאַמער און גענומען זען געזיכטער. צי האָט זיך מיר געדוכט אַז זיי אַלע זיינען געווען פאַרשאָטן מיט אומעט ? ווי אַזוי זיינען זיי פּליטים ? ווי אַזוי קומען זיי אַהער אין דעם אָוונט ? טייל פון זיי האָבן געמוזט זיין קריסטן, וואָס אין זייער משפחה איז געפלאָסן יידיש בלוט. זיי האָבן געליטן נישט צוליב זייער שולד. אָבער אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע זיינען מסתמא געווען יידן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר דעם שוועל פון דער קירך אָדער האָבן אים שוין אַריבערגעטראָטן. אין זייער פאַרצווייפלונג, אין דער גרויסער צעמישעניש פון זייער אומגליק, זיינען זיי אַוועק פון דעם פאָלק וואָס האָט זיי געבראַכט ליידן. צי זיינען זיי דערמיט נעענטער געוואָרן צו יענער, גאָר באַזונדערער זעלישער וועלט, וואָס איז אַרומגענומען געוואָרן דורך אָט דעם מעלאָדישן קריסטמעס-ליד ? ווער קען דאָס זאָגן ? אָבער עס זיינען געווען אַ סך אומגליקלעכע, צעבראָכענע נשמות אין אָט דעם זינגענדיקן רוים.

דערנאָך האָט מען אונדז אַלעמען געבעטן אַרונטערגיין אין אַ זאַל נידעריקער צום אָוונט-עסן. העל ליכט האָט יום-טובדיק פאַרפלייצט דאָס צימער, ווייס-געדעקטע טישן האָבן געשטראַלט צו די געסט און אין זייער מיט איז געשטאַנען אַ הויכער פאַרפּוצטער, באַזילבערטער און באַגילדעטער קריסטבוים. די פּליטים פון דייטשלאַנד און עסטרייך זאָלן האָבן די פולע אילוזיע פון אַ קריסטמעס-נאַכט אין דער היימאַט. איך האָב נישט געקענט צוריקציען זיך ; נאָך מער : בישאָף פּילטשער האָט מיך אַוועקגעזעצט ביים הויפּט-טיש צווישן אים און דעם אַרצבישאָף מאָאול פון סידנעי. מיר אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן בעת דער לעצטער האָט געמאַכט אַ קורצע ברכה, און די באַשיידענע סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. קיין אָפיציעלע רעדעס זיינען מער נישט

געהאַלטן געוואָרן; דער עולם האָט געקענט וויילן זיך גאַנץ פּריוואַט. די געדריקטקייט פון פריער האָט אָפּגעלאָזן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער בישאָף פילטשער האָט געהאַט אין זינען וועלכע נישט איז פּראַקטיש־מיסיאָנערישע צוועקן. וואָס ווייטער איך האָב זיך מיט אים באַקענט, אַלץ מער איז געוואָרן קלאָר אַז דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין טעטיקייט איז געווען אַן אַנדערער, אַ טיפערער. איך האָב געהאַט דעם בעסטן באַווייז דערצו גאָר אינגיכן. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס און סימפּאַטיע צו דעם קימבערליי־פּלאַן. גלייך ביים ערשטן שמועס האָט ער פאָרגעשלאָגן צו רופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַלע קריסטלעכע קירכן און סעקטעס (אַ חוץ קאַטאָליקן, וועלכע באַטייליקן זיך נישט אין אַזעלכע אסיפות) כדי צו געווינען זייער אונטערשטיצונג פאַר דער זאַך. דעם 10טן יאַנואַר (1940) איז זי טאַקע פאָרגעקומען אונטער זיין פאָרזיץ. אַרום אַ לאַנגן טיש זיינען פוןביידע זייטן געזעסן פאָרשטייער פון דער אָפיציעלער ענגלישער קירך, פון די מעטאָדיסטן, די פּרעסביטעריאַנער, די סאַלוויישאַן־אַרמיי און אַנדערע. פילטשער האָט אין זיין אַריינפיר־וואָרט דערמאָנט אַז סיי דער פּריימעט פון אויסטראַליע — דער הויפּט פון דער ענגלישער קירך — האַלט פון דער זאַך, סיי דער באַקאַנטער בישאָף פון טשיטשעסטער (אין ענגלאַנד). קיין איין עכט־קריסטלעכער מענטש קען זיך נישט פאַר־האַלטן אַנדערש... נאָך מיין רעדע זיינען געשטעלט געוואָרן אַ ריי פראַגעז, אַלע אין גייסט פון פריינטשאַפט. איינער נאָר, אַ הויכער, ביינערדיקער מאַן, מיט נערוועזע אויגן און זשעסטן, האָט אַוועקגע־שטעלט אַ קלאָץ־קשיא: צי וועט זיין דערלויבט אין דער יידישער קאָלאָניע אויפצובויען אַ קירך פאַר די קריסטן? האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן די איינציק־מעגלעכע תשובה: דער ישוב וועט זיין, לויט זיין נאַטור, אַ יידישער, ווייל ער וועט געבויט ווערן מיט יידישער אַרבעט, כוחות און קרבנות, אָבער ער וועט בשום אופן נישט פאַרמאַכן די טויערן פאַר יעטוועדן אויסטראַליער, וואָס וויל זיך דאָרטן שפּעטער באַזעצן. און אַז עס וועלן זיין קריסטן, וואָס נייטיקן זיך אין אַ קירך, פאַרוואָס זאָלן זיי זי נישט בויען?

די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פון סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג. אַ סך פון די אָנטיילנעמער זיינען צוגעקומען

און געדאַנקט, צווישן זיי דער טיף־פּראָגרעסיווער גייסטלעכער פריזער. צופרידן און ממש שטראַלנדיק איז געווען פילטשער. מיט אַ לצנות־דיקן שמייכל האָט ער מיר געזאָגט: גוט, וואָס איר האָט יענעם אַזוי געענטפערט! ער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער מיסיאָנער און זעט אומעטום געפאַרן פאַר דער קירך. מען טאָר נישט צונויפמישן קימבערליי מיט אַזעלכע פראַגן... זינט יענער צייט האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינט־שאַפט צווישן אונדז ביידן. איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט צוצוקומען נענטער צו אַ קריסטלעכן גייסטלעכן און איך האָב אַ סך געלערנט.

אין רוסלאַנד אַמאָל, און פאַרשטייט זיך, ביי זיך אין יידישן פאָלק, האָב איך געזען און באַקענט זיך מיט גייסטלעכע און רבנים פון פאַרשיידענע אָרטן. איך האָב זיך געטראָפן מיט רוסישע גלחים, וואָס זיינען געווען אָפיציעל פאַרשטייער פון אַ רעאַקציאָנערן צאַרן־רעזשים, האָבן אָבער זיך איבערגעגעבן צו די פליכטן פון דער רעוואָלוציע. פערציק פון זיי האָבן זיך אָפן דערקלערט פאַר סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אין דער צווייטער רוסישער דומע, און האָבן באַצאָלט דערפאַר מיטן פאַרלוסט פון זייער קירכלעכער ווערדע און חיונה בכלל. איך האָב זיך נאָך אָפטער געטראָפן מיט רבנים, וואָס האָבן אומדערשיטערלעך געפירט אַ קאָנסערוואַטיווע, לעבנס־פרעמדע ליניע, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער יידישער גורל האָט גערופן מיט טויזנט קולות צו רעבעליאָן. נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו פרעגן פאַרוואָס דאָס איז געווען אַזוי. איצט האָב איך זיך דערנעענטערט אָביסל צו די גייסטלעכע פון ענגלישן פאָלק, וואָס האָבן געלעבט נישט אין דער שטיקעניש פון אַ צאַרישן רוסלאַנד און נישט אין דעם קאַטאַסטראָפאַלן אומרו פון יידישן לעבן, נאָר אין דער רואיקער, געזעטיקטער, זעלבסט־צופרידענער סביבה פון אַ בריטישער אימפּע־ריע. צי זיינען געווען צווישן זיי אומרואיקע גייסטער, שטורם־פויגל וואָס שפּירן די ליידן פון זייער צייט און זיינען אָנזאָגער אויף אַ בעסערער צוקונפט?

יאָ, עס זיינען געווען אַזעלכע נישט ווייניק צווישן די ענגלענ־דער און אויסטראַליער. פאַרנדיק אַהער האָב איך געהאַט מיט זיך עמפעלונג־בריוו צו אַ סך אויסטראַליער פון דעם אויבן־דערמאָנטן בישאָף פון טשיטשעסטער. מיר האָבן אין לאָנדאָן מיט טיפער

באַפרידיקונג געלייענט זיינע מאַגנעטיקע רעדעס וועגן די פליטים אין דעם לאָרדן־הויז. אין יולי 1939 האָט ער געהאַלטן אַזאַ מין אויסשעפנדיקע רעדע, פול מיט וויסן און מאָראַלישן מוט, אַז די „פרייל־אַנד"־אָרגאַניזאַציע האָט זי אַרויסגעגעבן אַלס אַ בראָשור. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געוואָרן אַ פריינט פון קימבערליי־פּראָיעקט. אַז איך האָב ביי אים געבעטן רעקאָמענדאַציעס צו זיינע פריינט אין אויסטראַליע, האָט ער מיך איינגעלאַדן קומען צו אים אין זיין שטעטל ביי לאָנדאָן און צוגעזאָגט אַלע מעגלעכע הילף. דער נאָך יונגער מאַן, וואָס ווען נישט זיין פייערלעך־שוואַרצע קליידער וואָלט מען נישט דערקענט אין אים דעם גלח, האָט מיט אַ שטילער, אומזיכטבאַרער התלהבות זיך צוגעהערט און צוגעזאָגט. אין זיינע בריוו צו די אַרצ־בישאָפן פון סידנעי און פערט האָט ער, צווישן אַנדערן געשריבן:

„דר. שטיינבערג קומט קיין אויסטראַליע אין אויפטראָג פון דער פרייל־אַנד־ליגע, כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן פון אַ קאָלעקטיוון ישוב פון יידישע פליטים אין אויסטראַליע. איך גלויב נישט אַז עמיצער, וואָס פאַרשטייט די גוואַלטיקע נויט פון שאַפן נייע היימען פאַר די וואָס זיינען אַרויסגעשטופט געוואָרן פון דייטשלאַנד דורך די ראַסן־געזעצן, וועט נישט צוהעלפן אין אַזאַ זאַך. איך בין איבערצייגט, אַז אויך אייער באַציאונג צו אַזאַ פּראָיעקט וועט זיין פול מיט סימפּאַטיע.

איך קען זיך נישט העלפן אָבער איך פיל, אַז די אַלע פון אונדז, וואָס באַלאַנגען צו דער בריטישער אימפּעריע טראָגן אַ באַזונדערע אחריות; טיילווייז צוליב דעם גרויסן פאַרנעם פון אונדזער אימפּעריע, טיילווייז צוליב דער ראָלע, וואָס אונדזער לאַנד האָט אויף זיך גענומען צו שפּילן אין דעם גורל פון יידישן פאָלק בעת יענער מלחמה. איצט זיינען זייערע נויטן אומענדלעך גרעסער.

פאַר אַלץ וואָס איר וועט טאָן כדי צו פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט דורך אייער פערזענלעכער טאַט, פאַרבינדונגען און אונטערשטיצונג, וועל איך אייך זיין אין דער העכסטער מאָס דאַנקבאַר.

אייער, דזשאָרדזש טשיטשעסטער.

אין פּאַלאַץ, 19טן אַפּריל, 1939."

בישאָף פּילטשער האָט געהאַנדלט אין גייסט פון אָט דעם בריוו. די נויט, די מאַטעריעלע און די זיילישע נויט פון די פּליטים, איז אים נישט נאָר געווען נאָענט; זי איז געוואָרן אַ שטיק פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן אין לויף פון יאָרן. ער האָט נישט נאָר געזען פאַר זיך — ווי למשל די שטאַטסמענער אָדער צייטונגס־שרייבער — די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג פון פּליטים („רעפיודזשיס״), נאָר ער האָט זיך אויסגעבונדן מיט דעם אינדיווידועלן שיקזאַל פון אַן איינצעלנעם פּליט. צי האָט ער געהאַט דערביי וועלכע נישט איז געדאַנקען פון מיסיאָנערטום, פון „כאַפּן נשמות״ פאַר דער קירך? איך ווייס עס נישט. אפשר ווי ביי יעדן איבערגעגעבענעם דינער פון אַ באַוועגונג איז דער געדאַנק פון כאַפּן פּראָזעליטן פאַר זיין גלויבן געלעגן אונטער דער זיילישער אויבערפלאַך פון זיין טעטיקייט. אָבער ער האָט אַזאַ פאַרהוילענעם וואונטש נישט געמאַכט פאַר דעם הויפּט־מאָטיוו פון זיין אַרבעט; ער האָט נישט אויסגענוצט די זיילישע פּיין פון דיליידנדיקע פאַר דעם וואויל פון זיין קירך.

אויב שוין יאָ מיסיאָנערטום, האָט ער עס פאַרווירקלעכט נישט אין יענער פאָרם פון אַקטיוון צורידן אָדער פּריידיקן וואָס שטויסט אָפּ מענטשן, נאָר אין דער פאָרם פון מענטשן־פריינטלעכער טאַט. אים איז געווען דער עיקר נישט דער מדרש, די קריסטלעכע דאָגמע, נאָר די מעשה, דער פּערזענלעכער ביישפּיל. ער האָט געהאַלטן אַז אין דעם שענדלעכן אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף יידן אין דייטשלאַנד איז שולדיק אויך די קריסטלעכע וועלט. איצט איז פאַר איר געקומען די צייט, אין וועלכער זי מוז זיך ריינוואַשן פון דער שולד, מוז זיך רעהאַביליטירן לגבי די גערודפּ־טע און געפּלאָגטע. דאָס קען זי דערגרייכן נישט דורך ראַטעווען פרעמדע נשמות, נאָר, ראשית כל, דורך ראַטעווען איר אייגענע נשמה. די קירך דאַרף עס טאָן דורך ערלעכער אַרבעט אין יענעם אומענדלעכן ים פון מענטשלעכע צרות און טרערן, וואָס האָט באַקומען אַזאַ שוואַך קלינגענדיקן נאָמען: „רעפיודזשי״.

פּילטשער האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ אין דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר די אַזוי־גערופענע „נישט־אַרישע קריסטן״, וועלכע זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן צוזאַמען מיט יידן. אָבער ער האָט אויפ־געהאַלטן אין אַ דעליקאַטער און פאַרזיכטיקער פאָרם זיין גאַנצע פריינטשאַפט און איידלקייט אויך לגבי די יידן־פּליטים. לגבי די

לעצטע האָט ער מסתמא באַזונדערס הייליק געהאַלטן זיין פליכט. און ס׳איז געווען נאָך אַ מאָמענט: ער איז בכלל ניט געווען שטאַרק געבונדן צו די אָפיציעלע דאָגמאַטן פון דער קירך. אויף וויפל איך האָב געקענט פאַרשטיין, איז ער געשטאַנען אָן אַ זייט פון די „פונ־דאַמענטאַליסטן״, די שטרענגע היטער פון געזעץ און טראַדיציע אין גלויבן. דערפאַר האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער פילט זיך נעענטער נישט צו די יידישע אָרטאָדאָקסן, נאָר צו די ליבעראַלע ראַבינער, מיט וועלכע ער האָט זיך נישט איין מאָל געטראָפן אין אַמעריקע.

פילטשער איז געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די העכערע שטעלן אין דער מלוכה; האָט ער געקאָנט שטענדיק אינפאָרמירן זיי וועגן דער לאַגע פון די פליטים און פאָדערן אויסבעסערונגען פון דער לאַגע. ער האָט עס געטאָן אומדערמידלעך, אָן אַפרו, אָן שום צייכן פון פאַרמאַטערטקייט. מען האָט אינטערנירט אין סידנעי אַ פּאָר צענדליק עמיגראַנטן געקומענע פון דייטשלאַנד און עסטרייך. האָט ער זיך פאַרנומען מיט יעדן פאַל באַזונדערס, האָט ער אָן אַ שיעור מאָל אויפגענומען די פרויען און קרובים פון די אינטערנירטע, האָט ער פאַר זיי געקלאַפּט אין אַלע טירן און טויערן. עס איז אויפגע־קומען אַ פּראָיעקט, אַז פאַר אַזעלכע פאַלן זאָלן אויפגעשטעלט ווערן ספּעציעלע טריבונאַלן ווי אין ענגלאַנד, כדי אָפּצוקלייבן די באמת חשוד׳ע פון די אומשולדיקע. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ חוב פון דער „בריטישער גערעכטיקייט״. דעם פּראָיעקט פון אַזאַ טריבונאַל האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּאָר פּראָגרעסיווע ריכטער פון העכסטן געריכט אין סידנעי; מען האָט עס צוגעשטעלט צום פּריים־מיניסטער און קריגס־מיניסטער, צום גאָווערנאָר־דזשענעראַל.

אָבער די צייט איז געגאַנגען און די טריבונאַלן זיינען נישט אויפגעשטעלט געוואָרן. וויזט אויס, געוויסע פאַקטאָרן האָבן גע־שטערט. איז עס דאָך אַזוי לייכט צו וואַרפן חשדים אויף „פרעמדע״ בעת אַ מלחמה־בהלה. די אינטערנירטע זיינען דערווײלע געזעסן, און בישאָף פילטשער האָט געזען די טרערן אין די געזיכטער פון די פרויען. איז ער געפאָרן קיין קאַנבעראַ, כדי צו איבערצייגן זיי מיט מענטשלעכע, קריסטלעכע, פּאָליטישע אַרגומענטן. אויף זיין רונדן, לבנה־אַרטיקן פנים איז געלעגן דער אויסדרוק פון שטילער פאַרוואונדערונג: פאַרוואָס ציט איר מיט דער זאַך אַזוי לאַנג? עס איז דאָך אַזוי פשוט צו טאָן מענטשן אַ טובה? נו, מאַכט דאָך אַן

אויספאָרשונג און לאָזט זיי אַרויס!... נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז דער פּראָיעקט פאַרווירקלעכט געוואָרן פאַרן גאַנצן לאַנד, און מען האָט טאַקע כמעט אַלע פאַרהאַלטענע באַפרייט.

אין סעפּטעמבער 1940 האָט פּאַסירט עפּעס אומגלויבלעכעס. אויף אַ ספּעציעלער שיף „דונעראַ" האָט מען טראַנספּאָרטירט פון ענגלאַנד קיין אויסטראַליע כמעט 2000 ציווילע פּליטים אַלס אינ־טערנירטע. די גרעסטע צאָל צווישן זיי זיינען געווען יידן. וועגן איינעם פון זיי האָט מען מיר אַהער טעלעגראַפירט, און איך האָב באַקומען די דערלויבניש צו זען אים אין דער סידנעיער געפענגעניש. איך האָב דערזען אַ זייער יונגן אינטעליגענטן מאַן מיט אַן אויס־געצערטן געזיכט און פאַרטרויערטע אויגן. דער וואַכט־פּאָסטן איז געשטאַנען דערביי, אָבער דער יונגער מאַן האָט שטילערהייט און ווי שעמעוודיק דערציילט וועגן דעם שווערן, פּייניגנדיקן וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אויף דער שיף. פאַר אַ סך לאַנגע וואָכן האָט די קאָמאַנדע פון שיף באַטראַכט זיי ווי איינפאַכע דייטשישע מלחמה־געפאַנגענע, און האָט זיי באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער שאַרפקייט. זיי זיינען געווען צורודערט אי פון דער באַהאַנדלונג אי פון דעם שמערצלעכן געפיל אַז דאָס געשעט אויף אַן ענגלישער שיף. אָט דעם יונגן מאַן און נאָך אַ האַלב־טוץ אַנדערע האָט מען טאַקע באַלד אָפּגעשיקט צוריק קיין ענגלאַנד.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז בכלל איז דאָס טראַנספּאָרטירן פון טויזנטער פרידלעכע פּליטים קיין אויסטראַליע (און קאַנאַדע) געווען אַן אומפאַרציילעכער פעלער. עס איז געשן אין יענע מהומה־וואָכן פון יולי־אויגוסט 1940, בעת מען האָט דערוואַרט היטלערס אָנפאַל אויף ענגלאַנד און די מיליטער־לייט זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן שפּיאָנאַזש־פּסיכאָז. שוין אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט די עפנטלעכע מיינונג פון ענגלאַנד גענומען פּראָטעסטירן קעגן דאָס געשעענע. אין לאָרדן־הויז האָט לאָרד סעסיל דערקלערט דעם 6טן אויגוסט:

„איך פיל זייער שטאַרק, אַז די געשיכטע פון דעם וואָס האָט פּאַסירט בנוגע די אומגליקלעכע פּליטים איז איינס פון די שענדלעכסטע עפּיזאָדן אין דער גאַנצער געשיכטע פון אונד־זער לאַנד... די גרעסטע אומגערעכטיקייט איז באַגאַנגען גע־

וואָרן אונטער דעם איינפלוס פון שרעק... צום אומגליק איז אָנגעלאָפן אַ כוואַליע פון פּאַניק, וואָס קומט אַזוי אָפט אין מלחמה־צייט און מען האָט געזאָגט: יאָ, מיר קענען נישט וואַרטן אויף פּינקטלעכע פּאָרזיכטס־מאָסנאָמען כדי אויסצופאָרשן די שולד אָדער אומשולד פון די איינצל־מענטשן; מיר מוזן אַריינזעצן די גאַנצע חברה („אינטערן די לאָט״); און דאָס איז געוואָרן אַ שלאָג־וואָרט. אין דער אמתן איז דאָס געווען די לעכערלעכסטע נאַרישקייט וואָס מען קען עצהנען אַ פֿאָלק אין אַ מאָמענט פון אַ גרויסער אויפרעגונג״.

נאָך קלאָרער און האַרציקער האָט גערעדט אין פּאַרלאַמענט דער באַקאַנטער מענטשן־פריינט מיידזשאָר קעזעלעט, דעם 22טן אויגוסט 1940:

„קיין שום אַנטשולדיקונג ווי למשל מלחמה אָדער די פּאַרמאַטערטקייט פון די באַאַמטע איז נישט גענוגנדיק אויף צו דערקלערן דאָ וואָס עס האָט פּאַסירט. שרעקלעכע טראַגעדיעס, אומנייטיקע און נישט פּאַרדינטע, זיינען די שולד פון געוויסע קרייזן... צו זאָגן דעם אמת, איך וועל זיך נישט פילן גליקלעך צי אַלס ענגלענדער צי אַלס אונטערשטיצער פון דער רעגירונג, ביז דאָס באַשמוצטע בלאַט פון אונדזער געשיכטע וועט נישט ווערן אָפּגערייניקט און אָנגעשריבן אויפסניי.״

די פּראָגרעסיווע מענער אין אויסטראַליע האָבן אָבער געפילט אַ צווייפאַכן פּאַרדרוס: אויך צוליב דער אומווירדיקער באַהאַנדלונג פון די פּאַרשיקטע אויף דער גלות־שיף. די וואָס האָבן אומזיסט געליטן זיינען איצט געווען אין אויסטראַליע, און מען האָט געדאַרפט אָננעמען זיך פּאַר זיי. אַן אומגערעכטיקייט קען נישט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, אָבער זי קען אפשר ווערן פּאַרגעסן דורך ערלעכער תשובה און פּאַרגיטיקונג. די עולה אויף דער שיף „דונעראַ״ האָט באַקומען אַזאַ מין פּאַרגיטיקונג. בישאָף פּילטשער האָט נישט גערוט ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט פון איר; ער איז תיכף אַריין אין דער פּאַרבינדונג מיט סער טאָמאַס בייווין און אַנדערע הויפּטריכטער. בייווין איז געווען דעמאָלט קראַנק, איז געלעגן אָן כוחות אויף דער סאָפע, אָבער ער האָט זיך באַראַטן מיט אַנדערע וועגן די שריט. איינער פון די הויפּט־ריכטער איז געפּאָרן צו דעם

געפאַנגענעס־לאַגער, האָט זיי אויסגעפּרעגט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, געלאָזן אויפצייכנען אַ גענויען באַריכט וועגן די געשעענישן. עס זיינען געווען געבוג יוריסטיש־געבילדעטע מענטשן צווישן די געפאַנגענע, און זיי האָבן צוגעשטעלט אַ דאָקומענט, וואָס איז געווען הימלשרייענדיק אין זיין געלאַסענער און געשליפענער שפּראַך. דער דאָקומענט איז, צווישן אַנדערע, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, און אין ענגלישן פּאַרלאַמענט איז די „דונערא״ מיט אירע אָפיצערן, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם קאָפּ, געוואָרן אַ טעמע פון אָפּטע דעבאַטן. דער נייער אינערן־מיניסטער, הערבערט מאָריסאָן, האָט אָפן צוגעגעבן די שולד און פאַראַנטוואָרטונג פון דער רעגירונג. מען האָט געמשפּט די אָפיצערן פון דער שיף און אייניקע פאַראור־טיילט. ענגלאַנד האָט אַזוי אַרום געוויזן דעם מאָראַלישן מוט אַנצו־דערקענען אַן עולה און צו פאַררייכטן איר ווי נאָר מעגלעך. דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג אין אַ צייט פון מלחמה, ווען דאָס לאַנד שטייט אין סכנה. די וואָס האָבן געהאָלפן אויפצודעקן די עולה מעגן זיין שטאָלץ מיט זייער טאַט פון עכטן פּאַטריאָטיזם. פּילטשער איז אָבער קיינמאָל נישט געבליבן אַן אַרבעט. אין דעם געפאַנגענעם־לאַגער גופא איז נישט אַלץ געווען אין אָרדנונג; מען האָט אין די קעמפּס צונויפגעזעצט די ציווילע אינטערנירטע פון ענגלאַנד (וואָס מערסטנס זיינען זיי געווען יידן) מיט די עכטע קריגס־געפאַנגענע: נאַציס און פאַשיסטן. ווי האָבן די ערשטע געמוזט ליידן זיצנדיק הינטער די גראַטעס צוזאַמען מיט זייערע טויט־פיינט, וועלכע האָבן אויך דאָ באַשימפּט זיי מיט נאַצישער חוצפה! עס איז געווען אַ „טעכנישע״ פּראַגע, וואָס האָט אומצאָליקע מענטשן געצאַפּט דאָס בלוט. פּיל־טשער מיט אַנדערע האָבן אַזוי לאַנג געקלאַפּט אין די הויכע פענצ־טער ביז מען האָט די געפאַנגענע צעטיילט, און ביי די ציווילע פּליטים האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיוו גייסטרייך און פּראָדוקטיוו לעבן. די געשיכטע דערפון — אַ מוסטער פון יידישער לעבנסקראַפט און אויסטראַלישער מענטשן־פריינדשאַפט — מוז באַזונדערס געשריבן ווערן.

און עס איז געווען אַן אַנדערע, נאָך שווערער פּראַגע, אין וועלכער דער בישאָף און זיינע פריינט האָבן זיך שטענדיק באַמיט: וועגן דעם לעגאַלן סטאַטוס פון די פּליטים. די וואָס זיינען אַנטלאָפן פון העלישן פייער און האָבן געפונען אַ היים אין אויסטראַליע, האָבן

נישט געוואָלט באַשיינט ווערן תמיד מיט דעם פֿאַלש־קלינגענדיקן און געפֿערלעכן נאָמען „עליען" אָדער נאָכמער — „ענעמי עליען". די אומפּריינטשאַפֿט פֿון פֿאָלק האָט מען דורכדעם לייכט געקענט ריכטן אויף זיי צו יעדער צייט. עס האָט געזאָלט געשאַפֿן ווערן פֿאַר זיי אַזאַ מין רעכטלעכער צושטאַנד וואָס זאָל קלאָר מאַכן אַז — הגם זיי געהערן נאָך נישט אָפֿיציעל צו דער אויסטראַלישער מדינה — זײַנען זיי אָבער אַבסאָלוט אָפּגעשניטן פֿון זייער אַלטן פֿײַנטלעכן פֿאָטערלאַנד. אַ פּליט פֿון נאַצישער אונטערדריקונג טאָר מער נישט זײַן פֿאַררעכנט פֿאַר אַ פֿרעמדן. „רעפֿיודזשי פֿראָם נאַצי אָפּרעשאָן" — איז געווען אַן אויסדרוק געשאַפֿן דורך די טריבונאַלן אין ענגלאַנד, און עפּעס ענלעכעס האָט מען דערוואַרט אין אויסטראַליע. נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען, האָט זיך דאָס נישט געלאָזט שאַפֿן.

די מאָס איז נישט געווען פֿול. צוזאַמען מיט דער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון דער מיליטערישער לאַגע האָבן זיך גענומען אין סידנעי פֿאַר־שטאַרקן די טענות און קולות קעגן די פּליטים (געמיינט מערסטנס יידן). אין דער שפּיץ האָבן זיך דאָס מאָל געשטעלט דער פּרעמיער פֿון ניו־סאַוט־וויילס מר. מער און זײַן געהילף בראַקסנער. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט מען זאָל בכלל אינטערנירן אַלע פֿײַנטלעכע פֿרעמדלינגס אין לאַנד, אָן שום אויסנאַם. זיי האָבן טאַקע באַנוצט אַט יענעם געפֿערלעכן שלאַג־וואָרט, וועלכן לאָרד סעסיל האָט אָנגערופֿן „די לעכערלעכסטע נאַרישקייט": זעצט אַריין די גאַנצע חברה! אַז די פֿעדעראַלע רעגירונג (פֿון מענזיסן) האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגערופֿן, האָבן די דאָזיקע מיניסטאָרן אָנגעהויבן דורכצופֿירן אַ דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי די פּליטים אין סידנעי. מען האָט אָפּגענומען די האַנדלס־דערלויבניש פֿון די קליינע הענדלער און פּעדלער. מען האָט זיי מיטאַמאָל געמאַכט ברויטלאָז, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך קוים צוגעשלאָגן צו אַט די שווערע פּרנסות.

האָט מען געדאַרפֿט זען אין יענער צייט דעם בישאָף. ער האָט נישט געקענט פֿאַרגעסן די עולה אויף אַ מינוט. פּראָטעסטן און שטילע ווייקלאָגן האָבן זיך געטראָגן צו אים פֿון אַלע זײַטן. ער האָט געוואָלט דורכרעדן זיך מיט די מיניסטאָרן, אָבער זיי האָבן אים אויסגעמיטן. די פּאָליטישע פֿירער פֿון זײַן אייגענעם שטאַט האָבן אויסגעמיטן דעם רעליגיעזן פֿירער. אויף זײַן געזיכט האָב איך ווידער געזען די שטילע פֿאַרוואונדערונג: פֿאַרוואָס זײַנען מענטשן אַזוי ?...

ערשט אין פעברואַר 1942, בעת מען האָט אַלע אויסלענדער גערופן צו מיליטער־דינסט, האָט מען באַנוצט דעם אויסדרוק פון „עליען רעפיודזשי". דאָס איז אָבער געווען אַ פשרה־אויסדרוק, וואָס האָט נאָר אָפּגעשוואַכט דעם גיפט, אָבער נישט אָפּגעשאַפט אים.

איינעם אַ פאַל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן. מר. בלומענצווייג איז געווען אַ זייער בכבודיקער אַלטער יידישער פליט פון דייטשלאַנד. אין זיין קליינער דרום־דייטשישער שטאָט האָט ער, אַ גביר און תושב זינט יאָרהונדערטער, געשפּילט אַ חשובע ראָלע. ער איז געווען גבאי פון דער דייטשער געמיינדע, אויך פאָרזיצער פון אַ סך אַלגעמיינע אינסטיטוציעס. אין זיין פאַמיליע האָט מען שטאָל־צירט מיט אַ באַזוך, וואָס דער בעל שם זאָל האָבן אַמאָל געמאַכט צו זיין עלטער־עלטער זיידן. לויט דער לעגענדע זאָל דער בעל שם האָבן צוגעזאָגט, אַז קיין איינער פון זיין פאַמיליע וועט נישט פאַלן אין קריגס־שלאַכטן. דער 67־יעריקער מאַן האָט עס מיר דערציילט, און אַ פאַרחלומטע התפעלות האָט באַלויכטן זיין געזיכט. פונדעסטוועגן אין נאָוועמבער 1938 האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן די תוכחה; מען האָט אים און זיין פרוי בלוטיק געשלאָגן, געצוואונגען זיי גראָבן פאַר זיך אַ קבר, געלאָזן האַלב־טויטע אויפן וועג. זיי האָבן זיך געראַטעוועט קיין אויסטראַליע מיט דעם נאַקעטן לעבן אַליין. און דער מאַן — אַמאָל אַבאַזיצער פון אַ וואַרענהויז מיט 50 אָנגעשטעלטע — האָט זיך רואיק גענומען פאַר פעדלעריי. אין די הייסע טעג פלעגט ער שעהן לאַנג גיין טרעפּ אַרויף טרעפּ אַראָפּ און פאַרקויפן פאַפּיראָסן. ער האָט געהאַט זיינע קונדן, וואָס פלעגן פריינטלעך אָפּוואַרטן דעם מאַן מיטן קינדישן שמייכל און די שטראָמען שוויס אויפן פנים. ער איז געווען וואונדערבאַר מיט זיין איבערלעבער רו און צוגעלאָזטקייט צום לעבן. קיינמאָל נישט קיין קרעכץ, קיין טענות, קיין גיפטיקע דערמאָנונג פון זיינע בלוט־שונאים. פלעגט ער זיך צוזעצן, פלעגט מען אים פרעגן, — דעמאָלט פלעגט ער דערציילן פון אַמאָל אָן שרייענדיקער ביטערניש. זיין אינטערעס איז געווען געווענדט אויף דעם היינט, אויף דער פאַמיליע וועלכע ער שטיצט, אויף די פאָר פונט אַ וואָך וועלכע — גאָט צו דאַנקען! — ער קען אויסאַרבעטן מיט זיינע פיס. דאָס איז די אומצעשטערבאַרע יידישע לעבנס־קראַפט. איין זאַך נאָר האָט ער בשום אופן נישט געקענט

פאַרשטיין: פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס האָט ער געליטן און די אַנדערע האָבן געליטן?

אַז די רעגירונג האָט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די פרעמדע, איז אויך אָט דער מר. בלומענצווייג געפאַלן אונטער די רעדער. מען האָט אים גערופן צום פּאָליציי־געריכט, און מען האָט באַשטימט אַז ער טאָר מער נישט באַנייען זיין האַנדלס־דערלויבניש. איידער ער האָט זיך נאָך אַרומגעזען ביי דער פאַרהאַנדלונג, איז זיין „פאַל" געווען דערליידיקט, און ער איז פאַרלוירן אַרויס פון געריכט. עס האָט זיך געדוכט אַז דער קלייניטשקער לעבנס־בנין, מיט אַזויפיל מאַטערניש אויסגעבויט, איז ווידער איינגעפאַלן. האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראַכטן צי ער זאָל אַפּעלירן קעגן דעם באַשלוס צו דער העכערער אינסטאַנץ. אָבער ביז וואָס ווען האָט בישאָף פילטשער געוואָלט טרעפן זיך מיט אים. איך האָב מיין אַלטן פריינט אַרויפגעפירט צום בישאָפס קליינעם צימער אין דעם „קירך־הויז". ער האָט אויס־געהערט פון אַלטנס מויל די אים שוין גענוג באַקאַנטע געשיכטע, האָט אים מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט געטרייסט און צוגעזאָגט העלפן. צי זאָל ער נישט אָנגיין מיט זיין געשעפט אויף אַן אַנדער לעגאַלן יסוד? — האָט ער געפרעגט. — איך שטיי אין פאַרבינדונג מיט ריכטער און מען האָט מיר דערקלערט אַז מען פאַלט נישט אונטערן געזעץ פון די פעדלער אויב מען נעמט אָן אויפטראָגן פון קונדן אַפּריער... צי איז נישט אַ פּלאַן אַזוי צו אַרבעטן אַנשטאָט צו אַפּעלירן צו די הויכע אינסטאַנצן?...

מר. בלומענצווייג האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען פון דעם וואָס דער בישאָף האָט געזאָגט, אָבער ער האָט געהאַט הנאה פון דעם ער־לעכן, ברודערלעכן שמועס, וואָס ער האָט דאָ געהאַט. מסתמא שוין לאַנג אָפּגעוואוינט זיך דערפון אין זיין אַלטער היים. און גלייכ־צייטיק האָב איך געזען ווי אויף זייערביידנס געזיכטער האָט זיך געשפּרייט איינע און די זעלביקע פראַגע: פאַרוואָס? פאַרוואָס מוזן מענטשן טראָגן די ליידן? ביידע, דער פון דייטשלאַנד פאַר־טריבענער ייד און דער אין זיכערקייט און כבוד לעבנדיקער בישאָף, האָבן נישט געקענט דערקלערן פאַר זיך די גרויזאַמקייט פון זייער צייט. עפּעס אַ מאַשין הינטער זיי האָט געוועלטיקט איבער מענטשן און געטאָן טייוואַלשע אַרבעט. זיינען זיי ביידע, אַלטע, גרויע, זעכ־ציק־יעריקע מענער, געזעסן ווי פאַרלוירן, און איבערן צימער איז

געהאַנגען די שטומע פראַגע פאַרוואָס ?

סוף יאָר 1940 איז די רעגירונג פון מער־בראַקסנער געפאַלן. די גרעסטע מערהייט פון שטאָט האָט געשטימט פאַר לייבאָר. דאָס פאָלק האָט יענע אָפּגעוואָרפן.

:: ::

פילטשער האָט מיך איינמאָל איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט געקענט אַריבערקומען נאָך מיר מיט זיין אויטאָ און באַוויזן מיר זיין הויז. איז ער דאָך געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט ריין־אָפיציעלע, מעגן זיי זיין אפילו הומאַניטאַרע, באַציאונגען מיט מענטשן. ער האָט געוואָלט דערקענען דעם גאַנצן מענטשען און איבערגעבן זיך אויך אַלס גאַנצער מענטש.

עפּעס האָב איך שוין געהערט וועגן זיין פּריוואַט־לעבן: עס איז נישט געווען גליקלעך. זיין פרוי איז געווען אַ קרבן פון אַ נערוון־קראַנקהייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שטענדיקן רעדן און טענהן צו עמיצן. האָט ער אַרויסגעוויזן צו איר אַן אומענדלעכע געדולד, און שטיל געטראָגן די לאַסט פון איינזאַמען לעבן. זיינע קינדער זיינען געווען אין קאַנאַדע און די באַלעבאַטישקייט פון זיין הויז האָט געפירט זיינע אַ קרובה, ד״ר סלייטער, וואָס האָט זיך צוליב דעם באַזעצט אין סידנעי.

זיין הויז האָט טאַקע געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּאַרלאַזענער היים. עס האָט זיך נישט געשפּירט דער גייסט פון אַ האַרמאָניש־לעבנדיקער משפחה. אָבער דער בישאָף איז געווען, ווי שטענדיק, אויפגעלייגט, פריינטלעך, באַרעדעוודיק. ד״ר סלייטער, אַן עלטערע פרוי מיט ענערגישע געזיכטס־ציגן, האָט אַרויסגעוויזן אַן ענלעכע האַרציקייט. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע טעמע איז געווען: די פּליטים. אַז עס איז געקומען די צייט פון טיי, האָט דעם טישל אַריינגעבראַכט אַן עכט־יידישע מיידל: עמאַ מ. פון דייטשלאַנד. זי איז געווען ווי עפּעס אַ סימבאָלישע פּערזאָן וואָס האָט דאָ פאַרקערפּערט די גאַנצע ראַסע פון פּליטים. אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, יונגע יידישע טאָכטער, מיט אַ קינדיש־נאַאיוון געזיכט און טיפע פאַרטרויערטע אויגן, אפשר 18 יאָר אַלט אינגאַנצן. זי האָט געדינט אין דעם הויז זי האָט, פאַרשטייט זיך, געלעבט אין די בעסטע מענטשלעכע באַדינ־

גונגען — און זי האָט געטרויערט. זי האָט זיך שעמעוודיק דער־פרייט מיט מיר, און קוים אויפהויבנדיק די אויגן גענומען דערציילן וועגן איר ברודער אַ דאָקטאָר, וואָס לעבט איינזאַם אין לאָנדאָן. האָב איך איר פאָרגעשלאָגן אַז ער זאָל באַזוכן דאָרטן מיין פאַמיליע. זי האָט מיט דעם זעלביקן שעמעוודיקן טאָן געדאַנקט און איז אַוועק.

זיי ביידע, דער דאָקטאָר און דער בישאָף, האָבן איר נאָכ־געקוקט און דערנאָך געפרעגט: פאַרוואָס איז זי אַזוי טרויעריק שטענדיק? צוליב איר ברודער, צוליב איר מוטער? צוליב איר עקאָנאָמישער לאַגע? — עס איז נישט שווער געווען צו דערקלערן פאַרוואָס אָט די ליבע טייערע טאָכטער פון יידישן פאָלק, די עמאַ, האָט נישט געקענט פריקען זיך מיטן לעבן. דער טרויער וואָס האָט אַרויסגע־שיינט פון אירע אויגן איז געווען נישט נאָר איר אייגענער, פערזענ־לעכער; די שאָטנס פון פאָלקס־טרויער, כמעט אומבאַוואוסט פאַר איר, האָבן אַרויסגעקוקט פון זיי. דער אומעט איז אַ טויזנט־יעריקער און ער וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן אויף אַ יונגן מיידלשן פנים. צי קען עס ווען נישט איז פאַרשטיין די קריסטלעכע וועלט?

דער בישאָף איז געווען באַזונדערס צופרידן וואָס ער האָט צו טאָן מיט אַ רוסישן בירגער, האָט ער דאָך איבערגעזעצט אייניקע רוסישע דיכטונגען אין ענגליש. וועלכע? — מיט שטאָלץ דערמאָנט ער פּושקינס באַרימטן „נביא“ און אויך זיינס אַ ליבעס־ליד. גלייך אויפן אָרט הייבט ער אָן סקאַנדירן די לידער... אין רוסיש. דאָס איז באמת אַ וואונדער. פון וואַנען קען ער דאָס? — שמייכלענדיק דערציילט ער, אַז ער האָט זיך געלערנט רוסיש אין קאַנאַדע ביי אַ פּאָר יונגע מענטשן, איינע פון זיי איז געווען די טאָכטער פון שע... טשע... טשעגלאָוויטאָוו... אַ רוסישן מיניסטער...

— וואָס איר רעדט! — קען איך נאָר אויסרופן — דווקא פון יענעם צאַריסטישן מיניסטער, מיט וועלכן איך בין געווען, אַזוי־צו־זאָגן פאַרבונדן?

און איך דערצייל זיי וואָס פאַר אַן אכזר און געטרייער צאַרישער דינער יענער איז געווען (ער האָט אַראַנזשירט דעם בייליס־פּראָצעס). ווי ער איז שפּעטער, אין אָנהייב 1918, געזעסן אין דער פּעטראָפּאָוו־לאָווער פעסטונג אונטער מיין אויפזיכט, ווי זיין פרוי — די אַריס־טאָקראַטקע פון פּעטערבורג — פלעגט קומען בעטן אַרויסצולאָזן אים, ווי איך האָב זיך באַמיט אַנטקעגן צו קומען איר פאַרלאַנג, אָבער ווי

דער שיקזאַל האָט נישט דערלאָזן דערצו. דערנאָך, אַז די לינקע ס.־ר.ן זיינען אַוועק פון דער סאָוועט־רעגירונג, און אין יולי 1918 איז געווען אַן אַטענטאַט אויף לענינען, האָט מען שטשעגלאָוויטאָוון צווישן אַנדערע עורבים דערשאָסן. ווי משונהדיק עס איז צו דערהערן ווידער זיין נאָמען אין 22 יאָר אַרום, דווקא אין אויסטראַליע. איז, הייסט עס, זיין פאַמיליע נישט אונטערגעגאַנגען; זיינע טעכטער זוכן זיך אָפּ אין קאַנאַדע און גיבן גאָר שטונדן אין רוסיש דעם בישאָף...

אויך ער וואונדערט זיך נישט ווייניק איבער די גלגולים פון לעבן, און דערציילט מיר אַ מעשה וועגן זיין אייגענעם לעבן.

— צי ווייסט איר, אַז מיין גאַנצע בילדונג אַלס גייסטלעכער פאַרדאַנק איך אַ יידן?

מיט אַ פערציק יאָר צוריק האָט ער זיך געלערנט אין אַ לאָנדאָנער שול צוזאַמען מיט אַ יידישן באָי. דער באָי איז געווען אַ גרעסטענער און האָט ביים סוף פון שטודיום געוואונען אַ סקאָלאַרשיפּ. פילטשער איז געווען אַן אָרעם יינגל וועלכער האָט געחלומט וועגן אַ גייסטלעכער קאַריערע, האָט אָבער נישט געהאַט קיין מיטלען אויף צו שטודירן אין אוניווערסיטעט. די איינציקע האָפנונג איז געווען אויף אַ סקאָלאַרשיפּ, אָבער דאָס האָט ער לייד׳ער נישט באַקומען... אָט דעמאָלט האָט זיך צו אים פלוצים געווענדט דער פאָטער פון דעם יידישן חבר — זעליגמאַן איז געווען זיין נאָמען — און האָט פאָרגעשלאָגן אָפּצוגעבן דעם סקאָלאַרשיפּ דעם קריסט. זעליגמאַן איז געווען צופרידן מיטן כבוד, וואָס זיין זון האָט זיך דערוואָרבן, אָבער אין דעם געלט האָט ער זיך ניט גענייטיקט. דאָס איז געווען די רייכע פאַמיליע פון די באַנקירן זעליגמאַן. אַ דאַנק דעם איז פילטשער אַריין אין דער היכשול „טשאַרטער האוז" אין לאָנדאָן, דערנאָך אין אָקספאָרד, און האָט באַקומען זיין אויסבילדונג אין טעאָלאָגיע. שפּעטער איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר אין טאָראָנטאָ און דערנאָך אַריבערגעקומען קיין סידנעי...

דאָ האָב איך שוין געקענט אַרויסקומען מיט אַ שטיק סענסאַציע.

— און ווייסט איר ווער עס איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון אונדזער קימבערליי־קאָמיטעט אין לאָנדאָן? נישט קיין אַנדערער ווי סער טשאַרלז זעליגמאַן, מסתמא אַ ברודער צי אַ פּלימעניק פון יענעם אַלטן?

אַזוי אַרום איז פּילטשער געוואָרן אַ צוויפאַכער מחותן צו אונדזער קימבערליי־פּראָיעקט. נישט נאָר צוליב זיין אַלגעמיינער פריינטשאַפט צו אָט דער אידייע, נאָר אויך צוליב דעם וואָס אין איר איז פאַרוויקלט אַ נאָמען, וואָס שיינט אים אַרויס פון זיין אַמאָליקער יוגנט. אַ קינדישע צופרידנקייט איז געלעגן אויף זיין געזיכט ביים דערמאָנען יענע צייט. ווי ריכטיק האָט געהאַנדלט יענער ענגלישער ייד און ווי גוט עס האָט זיך אָפּגערופן זיין טאַט אין אַן אַנדער קאָנטינענט!

מיר פלעגן זיך טרעפן זינט דעמאָלט גאַנץ אָפט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין קאָפּ אונדזער ענין. ער האָט גערעדט וועגן דעם וואו נאָר ער האָט געקענט; אונטערגעשריבן אַלס איינער פון די ערשטע און מיט אַזאַ כוונה דעם אויפרוף פון די 55 חשובע בירגער אין סידנעי פאַר אַ יידישער קימבערליי. אָבער אַ חוץ דעם האָט ער פון זיך אָנגעשריבן אַ וואונדערבאַרן בריוו צום אינערן־מיניסטער, סענאַטאָר פּאָל, וויסנדיק אַז יענער איז נישט שטאַרק נוטה צום פּראָיעקט. איך גלייב אַז אַמאָל וואָלט מען געדאַרפט פאַרעפנטלעכן אַ פּאָר אויסצוגן פון אָט אַזאַ בריוו. צי ער האָט געהאָלפן צי נישט, — ער איז פאַר זיך אַליין אַ שטיק אידעלע מענטשלעכקייט.

ער האָט מיך באַקענט מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע שריפטן. ער פלעגט נישט זעלטן אַריבערקומען צו מיר אַהיים, און אויף דער קליינער ווערענדע האָבן מיר געשמועסט וועגן הויכע ענינים. זיין שאָפער פלעגט אונטן ביים איינגאַנג וואַרטן, און ער פלעגט זיך נישט איילן. ער האָט געקענט העברעאיש, און אַלע זיינע שריפטן זיינען געווען אַ באַווייז פון זיין טיפן אינטערעס צו דער יידישער אמונה, יעדנפאַלס צו אירע גרויסע וואָרטזאָגער און נביאים. מיר איז געפעלן געוואָרן זיין בוך וועגן די דריי נביאים: הושע, יואל, עמוס. דאָס איז פאַרשטייט זיך אַ קריסטלעך בוך, געשריבן פון אַ גלויביקן קריסט צו זיינע אייגענע צוהערער. אָבער דאָס בוך איז פול מיט אַזאַ יראת הכבוד פאַר די „אַלטע העברעאישע מענער פון גאָט“, מיט אַזאַ טיפער ליבע צו יעדן וואָרט זייערן, אַז מען קען נישט דערוואַרטן מער פון אַ קריסטלעכן געמיט. עס איז אַ קאָמענטאַר צו די דריי יידישע נביאים, און דער אויטאָר סטאַרעט זיך, ראשית כל אַרויסצוגעבן דעם גענויען טעקסט פון זייער נבואה אין דער אַמ־מערסטן קלאָרער און קינסטלערישער פאָרם. אַליין אַ שרייבער פון

קינסטלערישער קראַפט, זוכט ער אַרויס פון אַלע ענגלישע און אַמערי־קאַנישע ביבל־איבערזעצונגען די קלאַרסטע און די שענסטע. ער ברענגט אַרויס יעדעס מאָל אַ טייל פון אַ קאַפּיטל אין דער פאָרם פון סטאַנצן (פּערזן), און גיט צו זיי אַ קאָמענטאַר. נישט נאָר וויל ער דערביי באַשרייבן די סביבה, די געדאַנקען־וועלט, די אַטמאָספער פון יענע פאַרפלאָסענע דורות ווען די נביאים האָבן גערעדט צום פאָלק, כדי דער מאָדערנער מענטש זאָל זיי בעסער פאַרשטיין. ער האָט נאָך אַ כוונה דערביי; ער באַטאָנט ביי יעדער געלעגנהייט די ענלעכ־קייט פון די האַרבע פּראָבלעמען אין יענע צייטן און אין די אונדזעריקע. ער וויל אַז די שטים פון די יידישע נביאים זאָל דערהערט ווערן פון זיין אייגענעם פאָלק און לאַנד; מיט זייערע רייד מוסרט ער ענג־לאַנד און די בריטישע אימפּעריע. „אין די מענער — דערקלערט ער — קענען מיר זען דעם וואונדער פון יענער געטלעכער אינ־ספּיראַציע, וועלכע האָט געמאַכט די נביאים פון ישראל באַדייטונגספול פאַר אַלע צייטן".

איך האָב מיט באַזונדערן אינטערעס געלייענט דעם טייל בוך וועגן דעם נביא עמוס. דער אויטאָר איז פול מיט התפעלות פאַר דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש, פאַר דעם פּאַסטוך, וועלכער שטעלט זיך אַזוי שטאַרק אַוועק קעגן דער גאַנצער פּראַכט און גאווה פון די הערשנדיקע אין ישראל. שוין אין דעם ערשטן קאַפּיטל אַנטפּלעקט דער נביא אַז גאָט איז פאַר אים „גאָט פון דער גאַנצער וועלט; נישט נאָר ישראל אַליין, אָבער יעטוועדעס פאָלק געהערט צו אים". דערפאַר דערהויבט ער זיין שטראָפנדיקע שטים קעגן די פעלקער פון דמשק און עזה, פון אדום און בני עמון און מואב. וואָס איז די גרעסטע זינד פון די דאָזיקע פעלקער? — גרויזאַמקייט! „גאָט האָט געהאַסט אכזריות, דעם מענטשנס אוממענטשלעכקייט צום מענטש, וואו נאָר ער האָט עס געפונען. און די פעלקער אַרום ישראל זיינען געווען מאָרימדיק גרויזאַם. בעת זייערע מלחמות פלעגן זיי שטענדיק אַנווענדן די שרעקן פון „טעראָר" לגבי מענער, פרויען און קינדער וואָס פלעגן אַריינפאַלן אין זייערע נעגל. זיי האָבן דערפאַר כשר פאַרדינט דעם געטלעכן פּסק־דין".

אָבער דאָס פאָלק ישראל האָט עמוס מיט דער טיפסטער אַנט־ריסטונג באַשולדיקט אין אַ באַזונדערן שווערן חטא. די שכנותדיקע פעלקער זיינען פאַרדאַמט געוואָרן פאַר זייער טעראָר לגבי די דרויסנ־

דיקע שונאים אין מלחמה־צייט. ישראל איז געוואָרן באַשולדיקט פאַר דעם איינערלעכן „טעראָר״, וועלכן ער האָט צוגעלאָזן לגבי די אייגענע אָרעמע לייט אין צייטן פון שלום. „און דער גוואַלטיקער חדוש פון נביא באַשטייט אין דעם אַז די גרויזאַמקייט פון שלום איז מער צו פאַרדאַמען ווי די אכזריות פון קריג; אַז צו באַרויבן דעם אָרעמאַן און די אלמנה אין די רואיקע טעג פון שלום איז אַ מער שענדלעכער פאַרברעכן ווי צו פייניקן דעם פיינט אין דער ראַשיקער, הייסער ליידנשאַפט פון מלחמה. און מיט אונדזער נביא וואָלט דאָך אינגאַנצן מסכים געווען אַ וויקטאָר הוגאָ, אַ דיקענס, אַ טעניסאָן״.

וואָס דעם בישאָף איז אַמערסטן ליב ביי דעם נביא איז עמוס׳עס אומאויפהערלעכע קריטיק פון די אַנגענומענע (עם־האַרצישע) רעלי־גיעזע אידעען פון יענער צייט. אין דער שאַרפקייט, אין דעם כמעט סאַרקאַסטישן טאָן מיט וועלכן אונדזער אויטאָר רעדט וועגן דעם קען מען דערקענען זיין אייגענעם קאַמף מיט די אויטאָריטעטן פון היינט.

„דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז דווקא דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען גאָטס פאָלק, האָט זיי געקומט שטראָפלאָזיקייט בנוגע זינד. אַזוי ווי אין אַ פאַרקויפלעכן געריכט קען זיך אַ קעניגלעכער פאַוואָריט דערלויבן צו טאָן שטראָפלאָז אַזעלכע מעשים, וואָס מען וואָלט קיינמאָל נישט דערלויבט אַ פשוטן מענטשן, פונקט אַזוי איז ישראל געווען איבערצייגט, אַז גאָט וועט בליקן מיט אַ פריינטלעכן אויג אויף די שלעכטע מעשים פון זיין אויסגעווײלט פאָלק. אָט קעגן אַזאַ פאַרדערבלעכער אידעע האָט עמוס אַרויסגעדונערט די מאַיעסטעטישע ווערטער: ׳אייך אַליין פון צווישן אַלע פאַמיליעס פון דער ערד האָב איך אָנדערקענט, און טאַקע דערפאַר וועל איך באַשטראָפן אייך פאַר אַלע אייערע זינד׳. פּריווילעגיעס באַטייטן נישט אויסנאַם, נאָר פאַראַנטוואָרטונג. שטרענגקייט פון דין הייבט זיך אָן, ראשית כל, אין דער משפחה פון גאָט. דאָס איז געווען די גוואַלטיקע אַרויספאָדערונג פון עמוסן קעגן דעם פאָלקס לייכטע, לייכטזיניקע אמונה״.

אויב דאָס יידישע פאָלק וויל זיך האַלטן פאַר אַ יחסן ביי גאָט מוז עס פאַרדינען דעם כבוד נישט דורך פייערלעכע צערעמאָניעס אין בית המקדש, נישט דורך גרויסאַרטיקע קרבנות און געזאַנג פון

תשבחות, נאָר דורך מעשים טובים. „זוכט גאָט, אָבער נישט די הייליקע פלעצער, ווייל ער קען אַראָפּשיקן דעם געטלעכן פייער אויף די טעמפּלען, און עס וועט אפילו קיינער נישט זיין אויף צו לעשן עס. און פאַרוואָס האָט דער נביא אַזוי שאַרף פאַראורטיילט די עבודה אין די טעמפּלען? אַט טאָקע דערפאַר ווייל זיי זיינען פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן פאַרקריפּלט גערעכטיקייט און באַנוצט זיך מיט גרויזאַמקייט. דער ערשטער פאַרלאַנג פון גאָט איז גוטס־קייט, נישט עבודה. זוכט גאָט דורך זוכעניש פון גוטסקייט, — אַזוי קלינגט צו אונדז די שטים פון דעם נביא".

פילטשער גייט דאַן אַריבער צו איינעם פון די מאַכטפולסטע קאַפּיטלעך פון זיין בוך. ער אַליין איז דערשיטערט פון דעם אוני־ווערסאַלן פאַרנעם פון עמוסעס נביאות, און ער האָט אין זינען זיין אייגענעם פאָלק און וועלט־מלוכה. „איידער דער נביא גייט פּראָק־לאַמירן דעם אונטערגאַנג פון שומרון (ישראלס הויפּטשטאָט) רופט ער אַרויס עדות פון אירע פאַרברעכנס. עס איז אומגעוויינלעך באַלערנדיק צו זען וועמען ער האָט גערופן. ער רופט די געצנדינערישע מלוכות: אשור פון צפון־מזרח און מצרים פון דרום־מערב. געצנדינער זאָלן משפּטן דאָס פאָלק פון גאָט. דאָס איז ענלעך צו דעם ווי ווען די געלע ראַסע און די ברוינע און די שוואַרצע וואָלטן גערופן געוואָרן צו משפּטן דאָס קריסטנטום פון וויסן מערב. צי קענען זיי טאָן עס? זיינען זיי פעאיק אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל? געוויס קענען זיי עס, ווייל דאָס געמיינזאַמע געוויסן פון מענטשלעכן מין קען שטענדיק באַאורטיילן אַ פאַלשע אמונה. מצרים און אשור זיינען געווען פעאיק צו פאַרשטיין אַז די אָפענע זינד פון ישראל פאַרדינען גאָטס פּסק".

און דאָ גייט דער שרייבער אַריבער אויף די לעבנס־וועגן פון דער היינטיקער עפּאָכע:

„פונקט אַזוי טייטלען היינט צוטאָג אינדיע און כינע מיט אַבסאָלוטן רעכט אויף אַ סך מעשים און פּאָליטישע טאָטן פון דער אַזוי־גערופענער מערבדיקער קריסטנהייט. אַזוי לאַנג ווי די קירך האַלט די דאָגמע העכער פאַר דער פּראַקטיק, אָרטאָדאָקסיע העכער פאַר מעשה, דעם קולט און די פּריווילע־גיעס העכער פאַר ליבע, — אַזוי לאַנג וועט די וועלט האָבן דאָס פולע רעכט צו טייטלען אויף איר מיט די פינגער פון קריטיק. אַזוי לאַנג ווי אונדזער אינדוסטריע־סיסטעם, אונדזער באַהאַנד־

לונג פון פרויען, אונדזערע געפּענגעניש רופן מיט קולות נאָך אַ רעפאָרם, און די קירך פאַרנעמט זיך הויפּטזעכלעך מיט טעאָלאָגישע דיספּוטן, — ווען מענטשן מיט רעכט אָפּזאָגן זיך פון דער פירונג פון אַ קירך, וואָס איז אַבסאָלוט נישט פאַרבונדן מיט די טראַגישע פאַקטן פון לעבן״.

דער בישאָף וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אין זיין גייסטיקער מיסיע איבער דער ברייטער אימפּעריע האָט געהאַט עפּעס וויכטיקעס צו זאָגן איר. דער אָרעמער יידישער נביא פון אַמאָל האָט אים אַריינ־געלייגט די ווערטער אין מויל. „דעם נביאס רייד זאָלן אַריינגעמען טיף אין האַרצן די אַלע, וואָס גלויבן, אַז די בריטישע אימפּעריע באַזיצט באַזונדערע פּריווילעגיעס צוליב דער באַזונדערער גונסט פון הימל. גאָט באַגינסטיקט אָבער נישט אַ נאַציע, נאָר אַ כאַראַקטער; נישט ענגלאַנד, נאָר גוטסקייט... פאַר דעם ריכטער־שטול פון גאָט איז נישטאָ קיין חילוקים צווישן מענטשן. שוואַרץ און געל, ברוין און ווייס שטייען אויף דעם זעלביקן שטאַפּל, מיט דעם אונטערשייד נאָר וואָס דער ווייסער איז אין איין פּונקט הינטערשטעליק: ווייל פון דעם וועמען עס איז אַ סך געגעבן געוואָרן ווערט אַממערסטן פאַרלאַנגט״.

מען קען בעסער פאַרשטיין פּילטשערס פּערזענלעכקייט ווען מען שפּירט ווי טיף ער איז דורכגעדרונגען מיט דעם אַמאָליקן יידישן גייסט און ווי ער זוכט אים אָנצווענדן צו דער הייַנטיקער וועלט, — אויפן דרך פון קריסטלעכן גלויבן. ער האָט די אויבנדערמאָנטע ווערטער געשריבן אין יאָר 1929, און איצט, אין 1942 זיינען זיי אַזוי פול מיט לעבן. איך שרייב עס אין פעברואַר 1942, אַ טאָג נאָך דעם פאַלן פון סינגאַפּור, בעת די געפאַר פאַר דער בריטישער אימפּעריע האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַזוי בולט. די געפאַר וועט מיט דער צייט פאַרשווינדן ווי רויך, און די אימפּעריע וועט אַרויסשטייגן פון די קאָכעדיקע כוואַליעס פון קריג אין אַ העכערער און ריינערער פאָרם. וועט עס אַמאָל געשען, וועט עס קומען אויך אַ דאַנק אַזעלכע ערלעכע מוסר־רייד ווי די פון דעם בישאָף פּילטשער.

דעם זעלביקן דרך ארץ צו יידישקייט האָב איך פאַרנומען ביי אים אין זיינע אַנדערע ביכער. אין אַ קליינער אָפּהאַנדלונג וועגן תפילה־טאָן דערמאָנט ער גלייך אין אָנהייב: „די יידן זיינען געווען

פאַר דער וועלט די גרויסע לערער פון עכטן דאַוונען. די געצנדי־נערישע תּפילה זוכט מערסטנס מאַטעריעלע טובות און סטאַרעט זיך — דורך קרבנות און כשוף — צו בויגן דעם ווילן פון גאָט לויטן ווילן פון דעם בעטער... דער מענטש וואָס וויל לערנען תּפילה צו טאָן זאָל זיך ווענדן נישט צו אַטען אָדער רוים, נאָר צו די בערג פון ציון. דערפון איז פאַרשטענדלעך אַז אַ סך פון דעם געבעט „פאָטער אונדזער" קען געפינען פאַראַלעלן אין די רבנישע מקורות, באַזונדערס אין קדיש און אין דער שמונה עשרה". דעם זעלביקן גייסט פון טאַלראַנץ און קענטעניש האָט ער אַרויסגעוויזן אין אַ טעמע, וועלכע באַרירט די סאַמע גרענעצן פון דער קריסטלעכער און יידישער אמונה.

ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ פאָרשונג וועגן די באַגריפן פון „צוקונפטיקן לעבן אין יידישן און קריסטלעכן דענקען". ער האָט סיסטעמאַטיש אונטערזוכט דעם אינהאַלט און באַטייט פון אַזעלכע באַגריפן ווי משיח, מלכות שמים, עולם הזה און עולם הבא. ער האָט נאָכגעפאָלגט — לויט יידישע און עוואַנגעלישע קוועלן — ווי די דאָזיקע באַגריפן האָבן זיך טראַנספאָרמירט פון ריין־ערדישע צו גייסטיקע און מעטאַפיזישע. אָבער דער הויפּט־מקור פון זיינע געדאַנקען און אויספירן איז געווען דער יידישער קוואַל, באַזונדערס די תּלמודישע ליטעראַטור. „לויט די אַנדייטן פון תּנ"ך האָבן די רבּים אויפגעבויט זייער לערע וועגן אַ מענטשלעכן משיח, אַ יורש פון דודן, וואָס וועט הערשן איבער אַן ערדישן קעניגרייך". דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן גאָטס קעניגרייך אָדער מלכות שמים. „עס זאָל זיין פשוט אַן ערדישע מלכות מיט ירושלים אַלס הויפּטשטאָט". שפּעטער זיינען אָט די באַגריפן פאַרטיפט און קאָמפּליצירט געוואָרן. „צומאָל איז מלכות אַן ערדישער באַגריף, צומאָל — אַ הימלישער, אָפטמאָלס אַ מישונג פוןביידע. עס קען אויפגעפאַסט ווערן מאַטעריאַליסטיש אָדער גייסטיק, אַלס אַ צייטלעכער אָדער אייביקייטס־באַגריף". פּונקט אַזוי קאָמפּליצירט זיינען געווען די אַנדערע דריי באַגריפן פון דער רבּיניסטישער ליטעראַטור: עולם הזה, ימי המשיח און עולם הבא. די גאַנצע גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די יידישע דענקער אין משך פון דורות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער דורכאַרבעטונג און פאַרטיפונג פון אָט די פאָרשטעלונגען, טראַכטענישן, וויזיעס און שטרעבונגען.

און ווענדנדיק זיך צו זיינע צוהערער (דאָס בוך באַשטייט פון זעקס לעקציעס) פאָדערט זיי פילטשער אויף נישט צו וואונדערן זיך איבער דער אויסערגעוויינלעכער פאַרשידנקייט פון אָט די אַלע באַגריפן ביי יידן. „אָט דער צונויפמיש פון אידעען איז באַזירט אויף אַ מעכטיקן יסוד פון גלויבן, — פון גלויבן אין דעם אַז גאָט שטעלט אַוועק אַ הויכע מאָראַלישע אויפגאַבע פאַר דער וועלט. די אַלע פאַרשיידענע אידעען וועגן מלכות שמים און עולם הבא זיינען געבויט אויף דער איבערצייגונג, אַז די געשיכטע באַוועגט זיך אונטער דער פירונג און שכל פון גאָט. אויב מיר גלויבן, אַז גאָט פירט די געשיכטע מיט חכמה און חסד פאָראויס צו איר העכסטן ציל, דעמאָלט מוזן מיר האַלטן אַז דאָס מלכות שמים וועט זיך ווען נישט איז אַנטפּלעקן אין טריאומף פאַר דער מענטשהייט". און אונזער אויטאָר ברענגט מיט באַגייסטערונג דאָס שיינע ליד פון דעם דייטשישן דיכטער גאָטפריד קעלער אין וועלכן עס איז אַזוי וואונדערבאַר אויסגעדריקט אָט דער גלויבן אין דעם קומען פון מלכות שמים אויף אונדזער פּלאַנעט.* „פרילינג גלויבן" הייסט דאָס ליד און די לעצטע סטראָפע זיינע לויטעט:

„ווער יעדע האָפנונג האָט פאַרלוירן
און זאָגט זיך אָפּ אין בייז פון איר,
הלוואי וואָלט ער נישט זיין געבוירן,
ער שטייט דאָך שוין אין קברס טיר."

אָט אַזוי זעט פילטשער יידישקייט פון אינעווייניק, פון אירע אייגענע טיפסטע און אינטימסטע קוואַלן אַרויס. די אמונה צו וועלכער ער געהערט באַגרינדעט ער די גאַנצע צייט אויף דעם יסוד פון דער יידישער געדאַנקען־וועלט. „אונדזער פאַרשונג — זאָגט ער — האָט אונדז געוויזן קלאָר אַז אַלע עסכאַטאָלאָגישע באַגריפן פון נייעם טעסטאַמענט זיינען גענומען געוואָרן דירעקט פון די יידישע מקורות. סוף כל סוף האָבן מיר עס געדאַרפט דערוואַרטן ווייל אונדזער גאָט און זיינע תלמידים זיינען געווען יידן, אויפגעבראַכט אויף דעם טראַדיציאָנעלן וויסן פון זייער פאָלק".

נישט איין מאָל זיינען מיר געזעסן — ביי מיר אָדער אין אַ שטילן רעסטאָראַן — און באַרירט די זעלביקע ענינים. מיך האָט

---

* דאָס ליד איז איבערזעצט פון פילטשער אין ענגליש.

יעדעס מאָל געוואונדערט זיין עניוות; ער האָט נישט צופיל געהאַלטן פון זיינע ווערק. עס איז געקומען צו רייד אַ באַגריף וועלכן איך האָב נישט געפונען באַהאַנדלט אין זיין בוך: באחרית הימים.

— ווי פאַרשטייט איר עס? — האָט ער געפרעגט.

— אויף וויפל איך פאַרשטיי, קענען זיין צוויי אויסטייטשונגען פון דער באחרית הימים־וויזיע: אַ פשוט ערדישע און אַ מעטאַפיזישע. מען קען פאַרלייגן די פאַרווירקלעכונג פון דער וויזיע אויף אומענדלעך ווייטע צייטן („סוף פון דער צייט"), מען קען עס אָנרופן „משיחס צייטן" און פטור ווערן פון אַ פּראַקטישער באַציאונג צו דער זאַך. מען קען עס אָבער נעמען ווי אַ לעבנס־פּראָגראַם פון אונדזער צייט, ווי אַן אויפפאָדערונג צו אונדזערע אייגענע פליכטן. איך האַלט פון דער צווייטער שיטה...

— איז דאָס די אַלגעמיינע מיינונג ביי יידן?

— שווער צו זאָגן... איך ווייס נאָר אַז די באַגריפן ענדערן זיך אין זייער אינהאַלט. „משיח" האָט געקענט באַטייטן פאַר די יידן אין ערשטן און צווייטן גלות אַ האָפענונג אויף דעם באַלדיקן ווידער־אויפבוי פון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל. שפּעטער, אַז דער גרויסער גלות האָט זיך אָנגעהויבן, איז משיח געוואָרן די האָפע־נונג אויף דער אַנטגילטיקער דערלייזונג פון יידישן פאָלק ווען נישט איז אין דער געשיכטע, — אָבער אויף דער וועלט. נאָך שפּעטער, אַז דער חושך פון גלות האָט אַרומגענומען דאָס פאָלק מיט זיינע אייזערנע קלאַמערן, איז די משיח־האָפענונג פאַרגייסטיקט, פאַרהימלט געוואָרן. ווער ווייסט צי מען וועט עס ווען נישט איז דערלעבן אויף אָט דער זינדיקער ערד? ... דערפון איז מסתמא געבוירן געוואָרן אויך אַזאַ באַגריף ווי „ירושלים דמעלה". דאָס יידישע האַרץ האָט אפילו די הייליקע שטאָט באַטראַכט שוין ווי אַן אַבסטראַקטן באַגריף, ווי אַ הימלדיקע ירושלים, נישט ווי אַ פשוטע, ערדישע „ירושלים דמטה". אָבער נישט אַלע זיינען גרייט אַזוי צו פילן און טראַכטן. די אַלע בענקשאַפטס־ און האָפנונגס־באַגריפן זאָלן טאָקע ווידער ווערן רעאַליזירט אין לעבן. אויך „באחרית הימים" אַזוי. וואָס ישעיהו האָט פאָראויסגעזאָגט דעמאָלט, מעג ווערן אַ פּראָגראַם פון אלה הימים, פון אונדזערע טעג. נישטאָ קיין אחרית הימים, אויב זיי ווערן נישט פאַרווירקלעכט באלה הימים. צעשמעלצן די שווערדן אויף אַקער־

איינס ! — איז אַ פֿאָדערונג פֿון אונדזערע טעג. „אַ פֿאָלק זאָל נישט אויפֿהויבן קיין שווערד קעגן דעם אַנדערן פֿאָלק„ (לא ישא גוי אל גוי חרב) — אויך אַ היינטיקע פֿאָדערונג און מעגלעכקייט. אַפֿילו דאָס גוואַלטיקע הייליקע וואָרט וועגן „לא ילמדו עוד מלחמה״ (מען וועט זיך מער נישט לערנען דעם האַנטווערק פֿון מלחמה) איז נאָענט צו אונדזערע מעגלעכקייטן...

פילטשער האָט דערצו גריילעך צוגעשטימט. ער איז איצט בכלל געווען מער אינטערעסירט אין פּראַקטישער מאָראַל ווי אין טעאָלאָגי־שע אָדער פֿילאָזאָפֿישע שמועסן. ער האָט יעדעס מאָל געהאַט אויפֿן קאָפּ אַ נאָמען פֿון אַ פּליט, וועלכן מען האָט געדאַרפֿט באַלד, אָט באַלד געבן הילף. האָט ער דאָך אַליין געשריבן אין זיין בוך וועגן תפילה: „יעטוועדער געשריי פֿון מענטשלעכער נויט רייסט זיך אַריין אין אונדזערע אויערן, יעטוועדער אַנבליק פֿון מענטשלעכעליידן פֿאָדערט אונדזער אַקטיווע הילף״. געשריבן און געמיינט אַזוי. ווען ער פֿלעגט מיר טעלעפֿאָנירן, פֿלעג איך זיך קוים אָפּהאַלטן פֿון צו זאָגן: גוט מאָרגן, רבי פֿילטשער! — און וואָלט עס געווען אַזוי קרום ? אָט האָט דער פֿאַרשטאָרבענער רבי פֿרידמאַן, פֿון פּערט, געגאָסן פֿון אַזאַ אַכטונג און ליבע מצד די קריסטן אַז מען פֿלעגט אים אין אַ וויץ רופֿן: דער רבי פֿון פּערט („ראַבאַי אָוו פּערטה״), הייסט עס אַ רב פֿאַר אַלעמען אין שטאָט. אָט רופֿט מען אין ענגלאַנד דעם גרויסן מענטשן־ און יידן־פֿריינט וועדזשוואָוד „פּאַרלאַמענט־מיטגליד פֿאַר יידן״.

זיין פּשטות איז געווען זייער באַטירלעך. האָט ער געוואוסט, אַז איך נייטיק זיך אין אַ בוך וואָס ער קאָן פֿאַרשאַפֿן, האָט ער עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. אָבער איינמאָל האָט ער אַפֿילו מיך פֿאַר־וואונדערט. אין דעם פֿרימאָרגן פֿון קריסטמעס, האָט ער פּלוצים אַנגע־קלאַפּט אין מיין טיר. ער איז געשטאַנען אין דער פֿייערלעכער קליידונג פֿון אַ בישאָף ווייל ער איז געפֿאָרן צום גאָטעסדינסט אין דער קאַטעדראַלע. ער איז געווען אַ ביסל פֿאַרסאַפּעט פֿון דעם אַרויפֿשטייג צו מיר אויף דריי טרעפּן, אָבער ער האָט געשיינט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בוך, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט. אַ בוך וועגן די אויפֿטוען פֿון דעם ענגלישן רעליגיעזן רעפֿאָרמאַטאָר וועסלי אין 18טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך געאיילט; דאָס אויטאָ האָט אונטן געוואָרט אויף אים. אין אַזאַ טאָג אויפֿן וועג צו דער

קירך, וואו ער האָט געזאָלט פריידיקן צו די מאַסן, האָט ער געהאַלטן וואָרט צו אַ יחיד.

נאָך אַ שמועס מיט אים, און דאָס קאַפּיטל וועט זיין צו ענד. עס איז שוין געווען דער ביטערער אָנהייב פון יאָר 1942 בעת יאַפּאַן האָט זיך אָפּן באַהעפט אין קריג מיט היטלערן, און אַ דירעקטע געפאַר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די ברעגעס פון אויסטראַליע גופא. אָן זייער וויסן און ווילן האָבן זיך שווערע שאָטנס געלייגט אויף די געזיכטער פון די ביז איצט כמעט זאָרגלאָזע אויסטראַליער. אין איינעם פון אַזעלכע פאַרכמורעטע טעג האָבן מיר זיך געטראָפן מיטן בישאָף ביים אַריינגאַנג צו אַ רעסטאָראַן. מיר זיינען אַריין אינעווייניק און אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די טישלעך: נישט געווען קיין פרייער פלאַץ. אין איין ווינקל נאָר איז געווען אַ ביסל פריי, מער נישט צוויי אויסגעפּוצטע יונגע פרויען זיינען געזעסן ביים אַנדערן ראַנד פון טיש. מיט מי האָבן מיר זיך אַריינגערוקט אַהין און צוגעזעצט זיך. דיביידע דאַמען האָבן אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע זייער קלינגענדיקן שמועס, אָפּגערוקט די הענט מיט די ברענענדיקע ציגאַרעטן צווישן די פינגער, און אַריינגעקוקט אין אונדז. ווייזט אויס, דעם בישאָפס קראַגן אַרום האַלדז און מיין יידישע באָרד האָבן אַרויסגערופן זייער פליכטיקן אינטערעס.

אָבער נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע. זיי האָבן תיכף אויפגענומען דעם פאָדעם פון זייער שמועס, געזופּט צוביסלעך דעם אייז־קרעם, געפינקלט מיט זייערע רויט־באַפאַרבטע נעגל און שטראַלנדיקע אויגן און געלאָזן פון זיך וואָלקנס רויך. אַלץ איז געווען אין דעם בעסטן זינען אָנשטענדיק, און דאָך האָבן מיר ביידע געפילט זיך עפּעס אומ־היימלעך נעבן זיי. אומבאַוואוסט האָבן מיר זיך איבערגעקוקט מיט אַ שפּאַטישן בליק און מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען. „פאַרוואָס — האָט ער געפרעגט שפּעטער ווען זיי זיינען אַוועק — איז אונדז דער אָנבליק געווען אומאָנגענעם? וואָס האָט אונדז געשטערט אין זיי? אַזאַ לייכטזין פּנים אל פּנים מיט דער גרויזאַמער צייט?

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אים. נישט געקוקט אויף דער צייט איז ער פאַרבליבן דער זעלביקער מיט זיין שטענדיקער ווערדיקער רו, מיט זיין מילדן, שמייכלענדיקן בליק. דאָס רונדע לבנה־פּנים, דער גלאַטער שאַרבן מיט די גרויע לאָקנס אויף די שלייפן ווי שטענ־דיק. אין די בלויע אויגן זעט מען אפילו צומאָל אויך שאָטנס פון

אומעט. עס איז נישט קיין וואונדער: ער האָט נישט ווייניק איבער־געלעבט אין דער היים, און ער ליידט אַלס קריסט פון דער וועלט־רשעות אַרום אים. דאָך בלייבט ער רואיק, געלאַסן, אָן יענער ברויזנדיקער אויפרעגונג וואָס פאַרשטערט די שטריכן פון פנים און פון דעם מענטשלעכן געמיט. ווי ברענגען דאָס מענטשן צו שטאַנד?

איך דערמאָן זיך אָן אַ גרויסן יידישן מענטשן, וועלכן איך האָב געהאַט די זכיה צו באַאָבאַכטן אייניקע יאָרן פון דער נאָענט. פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו, דער מאָדערנער היסטאָריקער פון יידישן פאָלק, האָט אין די יאָרן 1923־1933 געלעבט אין בערלין, און מיר זיינען געווען שכנים. ער האָט דעמאָלט צוגע־גרייט צום דרוק די דייטשישע איבערזעצונג פון זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" און מיין ברודער — אהרן שטיינ־בערג — האָט אין משך פון יאָרן איבערגעזעצט די דאָזיקע צען בענד. פלעגן מיר זיך אַלע צונויפטרעפן נישט נאָר ביי געזעלשאַפטלעכע אָדער וויסנשאַפטלעכע געלעגנהייטן, נאָר מיר פלעגן זיך אָפט זען אין אונדזער פריוואַטן און פאַמיליען־לעבן.

די לעבנס־אָרדענונג פון דעם דעמאָלט כמעט 70־יאָריקן מאַן האָט אַרויסגערופן די אַלגעמיינע באַוואונדערונג. ער האָט געפירט אַ גענויען חשבון פון זיין אַרבעטס־טאָג; די שעהן פון אַרבעט, פון אָפרו, פון שפּאַצירן, פון אויפנעמען געסט זיינען געווען גענוי אָפּגעמאָסטן און אָפּגעהיט. נאָך אָן אָנגעשטרענגטן פרימאָרגן פון גייסטיקער אַרבעט פלעגט ער אַרויסגיין אַ האַלבע שעה פאַר מיטאָג־עסן צום שפּאַציר. עס האָט געמעגט זיין וואָס פאַר אַ וועטער, דובנאָוו פלעגט זיין אויפן גאַס. די איינוואוינער פון די שטילע גאַסן אין אַ בערלינער פאָראָרט האָבן געקענט אָנשטעלן זייערע זייגערס לויט זיין פּינקטלעכקייט. אַ דאַנק דעם האָט ער געקענט נישט נאָר אומאויפהערלעך שרייבן, איבערשרייבן, קאָרעגירן טויזנטער זייטן פון זיין מאַ־נוסקריפּט, נאָר ער האָט אויך פערזענלעך, מיט דער האַנט, געענטפערט אויף צענדליקער בריוו, וואָס פלעגן שטראָמען צו אים פון אַלע עקן יידישער וועלט. פלעגט ער אויפנעמען אומ־צאָליקע געסט, וואָס פלעגן זוכן זיין עצה און פריינטשאַפט, און אויך לייענען אָן אַ שיעור צייטונגען און זשורנאַלן אין אַ ריי שפּראַכן.

פלעגן מיר — זיינע פריינט — זיך אָפטמאָל פרעגן: ווי קען ער, דער מיט יאָרן און צער באַלאָדענער מענטש, דער היסטאָריקער וואָס האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך די יידישע געשיכטע, אויסזען תמיד אַזוי פריש און לעבנס־פריידיק? ווי אַזוי קען ער אָפּהיטן דעם איינגעשטעלטן סדר פון זיין לעבן ווען די אויפרעגונג פון דער עפּאָכע און די וויי־געשרייען פון דער גאָרער יידישער וועלט האָבן אָפּגעהילכט אַרום אים? האָבן דאָך די אומצאָליקע בריוו, אויפרופן, דאָקומענטן, די אומצאָליקע באַזוכער וואָס פלעגן צושטעלן איוב־נאַכריכטן געמוזט אָנוואַרפן אויף זיין האַרץ און זיין פּנים אַ שטענדיקן אומרו, אַ שטורעם פון ליידנשאַפטן. און מיר האָבן געפּרוּווט געבן דערצו אַזאַ מין ענטפער. ער קען דאָס אַלץ לייכטער איבערטראָגן ווי מיר, די פּשוטע יידן, טאָקע דערפאַר ווייל ער איז אַ היסטאָריקער. די רשעות און צרות פון היינט פאַרגלייכט ער שטענדיק, אומבאַוואוסט מיט די טרויעריקע געשעענישן פון יידישן לעבן אין לויף פון טויזנטער יאָרן. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, געזען און געהערט שוין אַזויפיל אַז קיין זאַך קען אים מער ניט פאַרחדושן. ער האָט נישט מורא פאַרן אומקום פון זיין פאָלק ווייל ער האָט עס שוין געזען אַזויפיל מאָל אויפן ראַנד פון סאַמע אומקום, און יעדעס מאָל זיין נייעם אויפשטייג צום אייביקן לעבן. דער היטער פון נצח ישראל, פון דער יידישער אייביקייט קען נישט פאַרכאַפּט און געבראָכן ווערן פון דער פינצטערער צייטיקייט.

און אפשר — האָבן מיר זיך געטראַכט — איז דאָ פאַראַן אַן אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג. דובנאָוו וואָס היט זיך אָפּ פאַר זיין איינציקאַרטיקער שליחות ביים פאָלק, וויל נישט דערלאָזן קיין שטאַרקע, צעשטערנדיקע געפילן צו זיין האַרץ. ער זעט און דערקענט דעם פאָלקס־אומגליק נישט ווייניקער פון אַלעמען, אָבער ער לעבט אים איבער מיטן קאָפּ, מיט די גייסטיקע חושים מער ווי מיט די זעלישע געפילן. ער טוט אַלץ וואָס עס איז מעגלעך, זיין אינטערעס און עצה זיינען שטענדיק פאַראַן ביי דער האַנט; ער שטופּט נישט אָפּ פון זיך קיין שום אחריות. מער נישט ער דערלאָזט נישט דעם זודיקן שטראָם פון די געשעענישן אַריינצודרינגען טיפער

ווי אין זיין קלאָרן אַנאַליטישן מח.

אויב אַזוי, זאָל מען זאָגן אַז דובנאָוו איז נאָר אַ גייסטיקער מוח־מענטש, אָן יענע פּשוטע נשמה־געפילן, וואָס גיבן צו וואַרעמקייט און האַרציקייט צו יעדער גרויסער יידישער געשטאַלט? — און עס האָט זיך פאַרלאָפן דעמאָלט אַ קליינע געשיכטע, וואָס האָט אונדז באַוויזן ווי פאַלש מיר אורטיילן וועגן אַ מענטשן. צו דובנאָוון איז געקומען אַ יונגער יידישער שרייבער פון בערלין, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין די שווערסטע קלעפּ פון לעבן. נעכט און טעג האָט ער פאַרבראַכט אין שרייבן, אָבער די פרוי מיט די קינדער צוזאַמען מיט אים האָבן געהאַט אַ שווער לעבן. דאָס מאָל האָט דער באַלעבאָס געוואָרנט אַז ער וועט זיי אַרויסשטעלן פון הויז אויב זיי באַצאָלן נישט פאַר איניקע חדשים דירה־געלט. דער היסטאָריקער, פאַרטאָן אין די דורותדיקע ליניעס פון זיין געשיכטע, האָט אויסגעהערט די מעשה פון אַן איינציקער פאַמיליע אין אַן איינציקן יידישן ישוב, און האָט רואיק צוגעזאָגט צו העלפן. — קומט אַריין צו מיר אין אַ פאָר טעג אַרום — האָט ער געזאָגט.

ווי האָט ער געהאָלפן? זיכער דאָך דורך אַ בכבודיקער יידישער אַנשטאַלט אין בערלין. זיינער אַ בריוו צו איר אָדער צו אַן איינפלוסרייכן טוער וואָלט דאָך זיכער געבראַכט נוצן. וואָלט דובנאָוו טאַקע אַזוי געטאָן, וואָלט נישט ווערט געווען צו דערציילן וועגן דעם. ניין, דער אַלטער מאַן האָט באַשלאָסן אַליין צו גיין צו פאַרשיידענע מענטשן אין זיין געגנט אַרום, און אויפזאַמלען דאָס נייטיקע דירה־געלט. ער האָט אַרויסגערופן מיין יונגע שוועגערין און האָט איר געבעטן צו באַגלייטן אים אויף זיין וועג. אין דעם טאָג האָט ער דעם פרימאָרגן נישט געאַרבעט און זיין געוויינלעכן שפּאַציר־גאַנג דורכגעלאָזן. דער זייגער פון זיין לעבנס־טאָג האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו פאַרזאָרגן אַ פאַמיליע מיט קינדער. אין לויף פון שעהן האָבן זיי זיך ביידע געהויבן אויף טרעפּ, געקלונגען אין די טירן, אַנגעטראָפן אויף פאַרוואונדערטע געזיכטער, דערקלערט זייער ענין.

נישט נאָר מיט פאַרוואונדערונג האָט מען זיי אויפגענומען, אויך מיט רוגזה און פאַרדרוס. — „ווי אַזוי דערלויבט

איר זיך, — האָט געליאַרעמט איינער אַ גבירישער ייד, — איר, אונדזער גרעסטער געלערנטער, צו גיין איבער די הייזער און בעטן געלט פאַר עפּעס אַ שרייבער? וואו איז דער כבוד התורה ווען אין שטאָט זיינען פאַראַן חברות און אַנשטאַלטן פאַר אַזעלכע צוועקן? ווען נישט איר, פּראָפעסאָר דובנאָוו, וואָלט איך אַ גראָשן נישט געגעבן". דובנאָוו האָט מיט אַ רואיקן שמייכל געענטפערט: „זאָל זיין אַזוי, אָבי איר וועט געבן". מיטאָג־צייט האָבן זיי אָפּגעשטעלט זייערע באַזוכן אין די הייזער, און מיין שוועגערין האָט געמיינט אַז די אַרבעט איז פאַרענדיקט. — ניין, — האָט געענטפערט דער אַלטער — איך וועל אָפּעסן מיטאָג און מיר וועלן ווייטער גיין. די סומע איז נאָך נישט איינגאַנצן אויפגעזאַמלט...

זיי האָבן געוואַנדערט איבער דער געגנט נאָך אייניקע שעה, זיינען גענוג פאַרמאַטערט געוואָרן, אָבער די נייטיקע סומע איז געווען צו דער האַנט. דובנאָוו האָט עס איבערגעגעבן דעם דערשטויינטן שרייבער, און האָט זיך ווידער געזעצט צו זיין אַרבעט פון דער יידישער אייביקער געשיכטע. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן נאָך דערויף געהאַט אונדזערע געדאַנקען וועגן אַ מוח־מענטש צי אַ נשמה־מענטש?

זינט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען ווי פאַרזיכטיק מען מוז זיין אין דער אָפּשאַצונג פון אַ מענטשנס כאַראַקטער. מען קען נישט באַשטימען לויט די רואיקע שטריכן פון פּנים ווי שטאַרק עס קלאַפּט ביי אַ מענטשן זיין האַרץ. אויך די בלויע מילדקייט פון בישאָף פילטשערס אויגן, די רואיקע פריינטשאַפט מיט וועלכע ער קוקט אויף דער וועלט זיינען נישט קיין באַווייז אַז אין זיין האַרץ ברויזן נישט די ליידנשאַפטן און אויפרעגונגען פון אונדזער צייט.

מיט אַ שמייכל דערציילט ער: דעם זונטיק האָב איך געפּריידיקט אין דער קאַטעדראַלע לויט אַ פּסוק פון דעם נביא חבקוק: „למה תביט בוגדים תחריש כבלע רשע צדיק ממנו?" (פאַרוואָס קוקסטו נאָר צו צו די פאַררעטער? פאַרוואָס שווייגסטו ווען דער רשע דער־שלינגט דעם גערעכטן פון אים?) איר קענט דאָך די אַלטע פראַגע: פאַרוואָס גייט עס דעם רשע גוט? האָב איך גערעדט וועגן די פרעמדע און פּליטים אויף וועלכע מען וואַרפט זיך איצט אַזוי אַרויף... די דרשה האָט געפונען סימפּאַטיע ביים עולם. נאָכן ענדיקן בין איך

געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג פון דער קירך, און, ווי געוויינלעך, גייען מענטשן פאַרביי און דאַנקען פאַר דער רעדע. אָבער איינער אַ מאַן איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט: בישאָף, עס וועט קומען אַ צייט און אייך וועט טאָן לייד וואָס איר האָט פאַרטיידיקט די פּליטים. ווען זיי וועלן אַמאָל אַרויפשטייגן אויבן, וועלן זיי לאָזן אייך פאַלן; זיי וועלן קיינמאָל נישט זיין דאַנקבאַר צו אייך . . . האָב איך געלאַכט דערצו און אים געענטפערט: „מיר אַרט עס נישט, זיי באַווייזן אַרויס זייער דאַנקבאַרקייט איצט זייער הערצלעך".
— אַז איך האָב עס שפּעטער דערציילט אונדזער קירכן־אויפזעער, האָט ער זיך אָפּגערופן: קוקט נישט אויף אים, ער איז אַ בייזער מענטש . . .

וואַרף איך אַריין אין שמועס: און ווער זוכט עס בכלל דאַנקבאַרקייט? וואָס פאַר אַ ווערט האָט די טעטיקייט מיט אַזאַ כוונה?
— יאָ, יאָ — האָט ער לעבעדיק צוגעשטימט — איר ווייסט דאָך אַז איך האָב באַקומען מיין דערציאונג אַלס גייסטלעכער אַ דאַנק אַ יידישן הער אין לאָנדאָן?

איך קען די מעשה זייער גוט, אָבער ער איז צופרידן צו דערמאָנען זיך וועגן איר. מיר שווייגן אַ ווייַלע און כמעט אַ קינדישע פרייד ליגט אויף זיין געזיכט. דער שמועס גייט אַריבער אויף דער געפאַר אין וועלכער אויסטראַליע שטייט איצט. ווי וויכטיק, ווי ריכטיק וואָלט עס געווען ווען אויסטראַליע טרעט אַרויס פאַר דער וועלט נישט נאָר מיט פּאָליטישע און מיליטערישע פאָדערונגען, נאָר אויך מיט אַן אייגענעם גייסטיקן וואָרט. דאָס אויסטראַלישע פאָלק נייטיקט זיך איצט, צום ערשטן מאָל אין זיין געשיכטע, אין דער מאָראַלישער (נישט נאָר מיליטערישער) הילף פון דער וועלט. כדי די וועלט, ד. ה. די מענטשהייט, אָט יענע אַנאָנימע הונדערטער מיליאָנען מענטשן פון דער וועלט, זאָלן דערהערן אויסטראַליעס רוף, מוז דער קול פון אויסטראַליע באַזיצן אויך אַ וואַרעמען, צום האַרץ רעדנדיקן קלאַנג. צי ווערט עס געטאָן פון די היגע מלוכה־מענער, גייסטלעכע, שרייבער און צייטונגען? . . .

. . . אַנשטאָט דעם הערן די אָפיציעלע רעדנער נישט אויף צו פאַרענדיקן יעטוועדע רעדע מיט דעם אויסרוף: „אויסטראַליע פאַר אויסטראַליער!" ווי אַזוי זאָל דאָס אַרויסרופן סימפּאַטיע ביי דער וועלט, אָט ביי יענער מאַמע אין אַמעריקע, למשל, וואָס גיט אָפּ איר

זון צו דער מלחמה? ווי מאַטעריאַליסטיש און עגאָאיסטיש פעלקער זאָלן נישט זיין, אָבער בעת זיי גייען מקריב זיין זייערע לעבנס אין אַ קריג ווילן זיי, מוזן זיי הערן עפּעס אַ מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון אַט דער זינד. אַ גרויסע אידעע, אַ שטראַלנדיקע וויזיע מוז ווערן פּראָקלאַמירט, באַזונדערס ווען אַ לאַנד טרעט אַרויס צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט אַרענע. פאַרוואָס איז ענגלאַנד אַזוי נאָענט צום האַרצן פון דער וועלט און איר וויי־געשריי רופט זיך אָפּ אומעטום? ווייל ענגלאַנד איז פאַר אונדז נישט נאָר אַ לאַנד, אַ מלוכה, אַן עקאָנאָמיש סיסטעם. ענגלאַנד איז אַן אידעע פון אַי־דעען, אַ גרויסע גייסטיקע ירושה און אַ מאָראַלישער צוזאָג אויף להבא. נישט אַנדערש מוז רעדן דאָס קליינע אויסטראַליע אויב עס וויל אַז די קלאַנגען פון דעם וואָרט אוי־ס־ט־ר־אַ־ל־י־ע זאָלן ווערן טייער צו דער מענטשהייט. זאָל זי עפענען איר האַרץ צו דער וועלט, זאָל זי אַרויס מיט ווערטער וואָס פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע... זאָל זי צוזאָגן צו ווערן שפּעטער אַ הילף און אַ צופלוכטאָרט פאַר די אונ־טערדריקטע פון דער וועלט. איצט איז די היסטאָרישע געלעגנהייט פאַר איר אַריינצוקומען אין דער געשיכטע אַלס פאָלק, נישט נאָר אַלס טעריטאָריע און שטאַט...

זאָגט דער בישאָף ווי טיף ער שפּירט דאָס זעלביקע די גאַנצע צייט, ווי ווייניק די קירך רופט זיך אָפּ אויף דעם. „וואָס וועט איר טאָן אַז די מענטשן זיינען פאַרנומען נאָר מיט זיך". אַט האָט די רעגירונג דערלויבט איצט אַריינצולאָזן 300 כינעזער, פּליטים פון מאַלאַיאַ. האָט זי עס ווידער אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל באַוואָ־רענישן, און דערלויבט נאָר אויף דער צייט פון מלחמה. הייסט עס, זי פאַרענטפערט זיך פאַר עמיצן. היינט האָב איך זיך געווענדט צו דער מאַכט וועגן אַ נייער גזרה. אין איינער פון די אויסטראַלישע הויפּט־שטעט האָט מען פּלוצים באַפוילן די „פרעמדע" צו פאַרלאָזן די שטאָט אין לויף פון 12 שעה, צו באַזעצן זיך נישט נעענטער פון 25 מייל ווייט פון איר. פאַרוואָס? איך האָב געשריבן צו דער מאַכט: ווי איז עס מעגלעך? די מענער פון אַ פרעמדלינג־פאַמיליע, אַ פאָטער צי אַ מאַן, וועלן זיין אין דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, און זייערע פרויען און קינדער זאָלן געשיקט ווערן אין אַ מדבר?...

אַ ווײַלע שווײַגט ער, און דערנאָך — עפּעס וועגן זיך. ער האָט דאָ נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ נײַעם הימן פאַר אויסטראַליע. האָט ער עס פאָרגעשלאָגן דעם ראַדיאָ צו פאַרעפנטלעכן און פאָפּולער צו מאַכן. האָט דער הויפּט־פאַרוואַלטער געזאָגט: עס געפעלט זיי די מעלאָדיע, אָבער נישט די ווערטער. זיי האָבן עס נישט אָנגענומען. זאָל דאָס זײַן דערפאַר ווײַל יעדע פון די דרײַ סטראָפן פאַרענדיקט זיך מיט אַ צוזאָג צו דער מענטשהייט?... אדרבא הערט די ערשטע סטראָפע פון אָט דעם ליד:

אויסטראַליע, אונדזער לאַנד, אונדזער ליב, אונדזער שטאָלץ,
גרויס דאַנק דעם בלוט פון מענער וואָס האָבן געוואָגט און
זײַנען געשטאָרבן;
פון דרום צום צפון שטייען מיר טרײַ
מיר פאַרקנסן מיט פרייד דאָס האַרץ און די האַנט
איבער בערג, איבער בוש, איבער ים;
צו גאָט, צו דעם קעניג און צו דיר:
פעסט אין געדאַנק שטייען מיר פאַרבונדן
צו דינען דער עמפּייער, צו דינען דער מענטשהייט.

אפשר איז גאָר די סיבה פון אָפּזאָגן ווײַל אין ליד איז צופיל פּאַטריאָטיזם, צו ווייניק מענטשהייט?

ער האָט שוין ווידער געשמייכלט. עס איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן און דער קלענער פאַרדרוס וועט פאַרשווינדן אין גערויש פון דעם טאָג. מיר זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, יעדער צו זײַנע פליכטן. איז עס דאָך הײַנט צו־טאָג ריכטיקער ווי ווען נישט איז: „קורץ איז די צייט, און אַזוי גרויס איז די אַרבעט". אַ ווײַלע האָב איך נאָכגע־קוקט ווי די רויִקע, געלאַסענע, ערנסטע געשטאַלט פון דעם בישאָף איז פאַרשוואונדן הינטער דעם ווינקל פון דער גאַס.

Miss McArthur Onslow

4. די פּריצטע

איר נאָמען — מיס מאַקאַרטור אָנסלאָוו — האָב איך שוין אַ פּאָר מאָל געהערט אין סידנעי דערמאָנט מיט גרויס אַכטונג. געזען האָב איך זי צום ערשטן מאָל ביי מיין עפּנטלעכן פאָרטראַג, אין דעם „אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייטן”. דער ענין איז נאָך געווען זייער ניי פאַר דעם סידניער עולם. האָט מען זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעהערט צו די פּרינציפּן פון דעם קימבערליי־פּלאַן, און נאָך מער פאַראינטערעסירט געקוקט אויף דעם פאַרביקן פילם פון יענער געגנט וועלכן איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך. דער שטרענגער זאַל פון יוריסטישן פאַקולטעט וואו די אסיפה איז פאָרגעקומען האָט זיכער שוין לאַנג נישט געזען אַזויפיל פרישע, שטראַלענדיקע פארבן ווי די, וואָס האָבן אראָפּגעשיינט פון אונדזער באַשיידענעם פילם. גרינגע גראָזן הויך ווי מענטשן־געשטאַלט; בלויע, שימערינדיק־בלויע וואַסערן, וואָס האָבן געשטראָמט מיט אַ ברייטלעכער רואיקייט; מחנות פון שפּרינגענדיקע ברוינע אָקסן און קי באַגלייט פון די איינהיימישע שוואַרצע; די קייטן פון בערג און היגל וואָס האָבן ארומגעשטעלט דעם האָריזאָנט, — דאָס אַלץ איז געווען אַ שטיק אומבאַקאַנט אויסטראַליע, וואָס די יידן פון לאָנדאָן האָבן „אַנדעקט” פאַר דעם עולם. און בכבודיקער אַדוואָקאַט דייוויד מאָהעם האָט געפירט די פאַרזאַמלונג מיט גרויס ווערדע און דרך ארץ צו דער זאַך.

עס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל עלטערע פרויען, וואָס האָבן בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונג. אין ענגלאַנד, און אויך אין אויסטראַליע, הייסט עס נישט אַז ליידיקגייערס, פרויען אָן שום באַשעפטיקונג, גייען ארום צוליב פוסטן צייט־פאַרטרייב אויף פאַרזאַמלונגען אָדער אין געריכט־זאַלן כדי צו הערן אבי וועלכן נישט איז רעדנער. זייער אָפט זייגען עס העכסט פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן

וואָס פירן אָן מיט באַוועגונגען, וואָס האָבן צו זאָגן אַ דעה אין געזעלשאַפט־לעבן. אַ סך פון זיי פאַרטרעטן גלייכצייטיק מענער וואָס זיינען אינטערעסירט אין דער אָהער יענער פראַגע.

נאָכן פאַרטראַג האָט זיך פון צווישן די פרויען אויסגעטיילט איינע, אַ הויכע אַלטע דאַמע, מיט אַ גוטמוטיקן געזיכט פון אַ באַבעשי, מיט אַ טרייבל אַרום איר קאָפּ (אַן אַפּאַראַט צום הערן). זי האָט טאַקע צוגעהערט זיך די גאַנצע צייט מיט אַן אַריבערגעבויגענעם קאָפּ, מיט דער שפּאַנונג פון אַ טויבלעכן מענטש.

— איך בין דאָס מיס אַנסלאָוו מיט וועלכער איר האָט גערעדט דורכן טעלעפאָן — האָט זי פריינטלעך געזאָגט. — איך בין ספּעציעל געקומען אין שטאָט צו הערן אייער פאַרטראַג, און איך בין צופרידן וואָס איך בין דאָ געווען...

אין דעם טומל פון דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר נישט געקענט אָנהויבן קיין ריכטיקן שמועס. האָט זי מיך איינגעלאַדן אריבערצוקומען צו איר אין הויז, אַ שעה רייזע פון שטאָט. עס איז געווען אַ באַזונדערע סבה פאַרוואָס איר נאָמען האָט מיך צוגעצויגן צו זיך. נישט נאָר דערפאַר ווייל זי און איר פאַמיליע געהערן צו די אָנגעזעענסטע דאָ אין לאַנד, אַ דאַנק זייער רייכטום און איינפלוס. מיך האָט צוגעצויגן זייער י ח ו ס, זייער איינגעוואָרצלטקייט אין אויסטראַליע. אויב אויסטראַליע קען סימבאָליש ווערן אויסגעדריקט אין אַ ריי באַקאַנטע נעמען פון די ערשטע פרייע פּיאָנערן־פאַמיליעס, איז דער נאָמען מאַקאַרטור אָנסלאָוו איינער פון זיי. איר עלטער־עלטער־זיידע האָט עס געהאַט איינגעפירט אין דער נייער אַרומער, הונגעריקער קאָלאָניע דאָ, אין די ניינציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט, יענעם ווירטשאַפט־צווייג וואָס האָט רייך געמאַכט אויסטראַליע ביז צום היינטיקן טאָג. קעגן דעם ווילן און שפּאָט פון די כלומרשטע קענער האָט ער אַנטוויקלט דאָ די שעפּסן־צוכט און די וואָל־אינדוסטריע. אונדז וועט נאָך אויסקומען שפּעטער צו רעדן וועגן אָט דער מערקווירדיקער פיגור פון קעפּטאַן מאַקאַרטור. זיין אור־אייניקל, די איצטיקע רייכע פריצטע, האָט פאַרקערפּערט די טראַדיציעס פון איר פאַמיליע. מיר האָט זיך געדוכט אז צו באַקומען די הסכמה פון אזא פאמיליע צום יידישן פּראָיעקט, הייסט באמת בינדן די זאַך מיט דער טיפּעניש פון אויסטראַלישן פאָלק.

אז איך בין מיט א צייט שפעטער צוגעפארן מיטן צוג צו דער קליינער סטאַנציע מענעגאל, האָב איך זיך דערפילט עפּעס ווי אין דער מיט פון א פאַרוואָרפענער רוסישער סטעפּן־גובערניע. אויך דאָרטן שטייגט מען ארויס פון וואגאָן אויף אַ קליינינטשקער, כמעט מענטשנלאָזער סטאַנציע. די קליינע געביידעס, די טעלעגראַף־דראָטן, דער בריוו־קעסטל, אַלץ ליגט אין אַ דרעמל פון נאָכמיטאָג־שעה. דאָס איז אָבער א פאַלשער איינדרוק: גלייך הינטער דער פאַרשלאָפענער סטאַנציע, ווי נאָר מען זעצט זיך אריין אין דער בריטשקע, דערבליקט מען פּלוצים דאָס לאַנד, דאָס ברייטע, גרענעצלאָזע רוסלאַנד. דער מענטשן־ים וואָס שאַפט די אוצרות פון דער גוואַלטיקער מדינה, די שעפערישע ענערגיע־שטראָמען וואָס טרינקען אָן די ערד, דאָס טיפע טראכטעניש און בענקעניש וואָס מאכט לעבעדיק הערצער און קעפּ, — דאָס אַלץ שפּילט זיך אָפּ אין די טיפענישן פון לאַנד, פון וועלכע די קליינע פאַרשטויבטע סטאַנציע איז נאָר א הילפלאָזער שילדל.

נישט אַנדערש איז עס אויך דאָ אין אויסטראַליע. הינטער דער סטאַנציע האָט אויף מיר געוואַרט אן אויטאָ צוגעשיקט פון מיס אַנסלאָוו. אַן עלטערע פריילין, איר פּריוואַט־סעקרעטאַרין, האָט מיך גלייך אָפּגעפירט צו איר אַהיים. ווי נאָר מיר זיינען אריבערגעטראָטן דעם גרענעץ פון זייער הויף, האָב איך דערזען די רחבות, די גאָר גרויסע רחבות פון זייער באַלעבאַטישקייט. אַ צען מינוטן זיינען מיר געפאָרן פאַרביי לאַנקעס מיט קורצן, ברוין־געלן גראָז (חדשים לאַנג שוין ניט געווען קיין רעגן און אַלץ אַרום איז געווען אויסגע־טריקנט), פאַרביי סטאַדעס מיט בהמות, פאַרביי מאָדערנע מילך־ווירטשאַפט־געביידעס. דאָ ארום האָט אומבאַמערקט געקלאַפּט דער פּולס פון א זייער גרויסן און אויסגעשפּרייטן עקאָנאָמישן קערפּער. עס איז געווען א קנופּ־פונקט פון אויסטראַליעס ווירטשאפטלעכן סיסטעם.

דאָס הויז האָט אַנטשפּראָכן דעם גאַנצן פאַרנעם. באַשיידן אין סטיל, אבער רחבותדיק אין אויפבוי. אויף די ברייטע הויז־טרעפּ איז אַנטקעגנגעקומען די באַלעבאַסטע. אין אַ היימישן קלייד, מיטן ברייטן שלום עליכם. זי האָט מיך אריינגענומען אין אַ זאַל וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען פון דריי צימערן. אין גרויסן ווינקל, צווישן ברייטע פענצטער, איז געשטאַנען איר סאָפע, און דער ראַדיאָ גאָר נאָענט דערביי. זי האָט אָנגעטאָן דעם האָרך־אַפּאַראַט אויפן קאָפּ

און געבעטן מיך צוזעצן זיך נעבעטער צו איר. כדי איך זאָל קענען בעסער הערן — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שעמעוודיק שמייכל. איצט האָב איך זי געזען גאָר גוט. זי האָט אַ פּנים פון אַ טאָפּלטן כאַראַקטער: אי פון אַ פּריצטע אי פון אַ פּויערטע.

זינט מיר אלע האָבן געזען דאָס געזיכט פון טאָלסטאָיען, האָט אָט דער טאָפּל־כאַראַקטער אריינגעקריצט זיך אין אונדזער זכרון. עס איז דאָ אַ שטרענגקייט אין אים און גלייכצייטיק אַ פּשוטקייט און ווייכקייט. די שטרענגע ווערדע און דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין פון „איך" קומט פון דעם גבירישן מקור פון מענטש, פון דעם „באַרין" אין אים. די פּשוטע פריינטלעכקייט און אויפריכטיקייט קומט פון דעם פּויערשן שורש, פון דעם מענטשנס נאָענטקייט צו דער נאַטור און צו שווערער פּראַצע.ביידעס האָט זיך אזוי בולט אנטפּלעקט אין טאָלסטאָיס פּנים, ווייל סוף כל סוף האָבן פּריצים און פּויערים געלעבט דורות לאַנג אויף דער זעלביקער ערד, פּלייצע צו פּלייצע, הגם אין גאָר פאַרשידענע סאָציאַלע בנינים. אויך אין מיס מאַקאַרטור אַנסלאָוס געזיכט האָבן זיך געשפּיגלט די ביידע הויפּט־צוגן פון א פּראָגרעסיוון פּריץ: די רואיקע קראַפט פון יענעם וואָס איז פון דורות געוואוינט צו הערשן, און די פריינטלעכקייט פון יענעם וואָס קענט פון דער נאָענט און שאַצט אָפּ דעם מענטשנס ארבעט און ווערדע. וואָס מער איך האָב זיך שפּעטער באַקענט מיט איר, אַלץ בעסער האָב איך פאַרשטאַנען אז דאָס צווייטע — דאָס מענטשלעכע — באַהערשט איר פיינע נאַטור.

זי האָט גענומען אויספרעגן וועגן אלע דעטאַלן פון דעם קימבערליי־פּלאַן. זי האָט געוואָלט וויסן גענוי אַלע טעכנישע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען פון יענער געגנט. זי האָט זיך צוגעהערט מיט דער טיפסטער אויפמערקזאמקייט צו יעטוועדן איינצלנעם שטריך, אָט פונקט ווי זי וואָלט דאַרפן אָננעמען אַ באַשלוס וועגן קויפן א נייעם הויף פאַר זיך אליין. איך האָב פּלוצים דערפילט ווי עפּעס גאָר אַ נאָענטער שותף וואָלט אָנטייל נעמען אין דער באַטראַכטונג פון דעם יידישן פּראָיעקט. עס איז געווען קענטיק אז עס איז איר זייער נוגע פּערזענלעך. ווי איז דאָס מעגלעך? יאָ, עס איז מעגלעך ווייל זי, דער יורש־פּיאָנער פון אויסטראַליע, האָט זיך געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט דעם לאַנדס אַנטוויקלונג. זי איז דאָך א מיט־באַלעבאָסטע פון אויסטראַליע, און „אונדזער גאַנצער צפון", די קימ־

בעררלייס בתוכם, זיינען פאַרוואָרלאָזט. מוז מען דאָך שטיצן דעם יידישן פּלאַן וואָס וועט ברענגען אַ תיקון „אונדזער אייגן לאַנד".

מיס מאַקאַרטור האָט פּונקט אַזוי היימיש און פאַרזאָרגט גערעדט וועגן נאָך אַ גרעסערן היימלאַנד: וועגן דער בריטישער אימפּעריע. איר נאָמען איז באַקאַנט אין די פּירנדיקע קרייזן פון דער אימפּעריע, אין לאָנדאָן, און זי טראַכט ליידנשאַפטלעך וועגן אָט דער גרויסער געמיינשאַפט ווי וועגן איר אייגענער משפחה. בעת מיר האָבן שוין לאַנג געשמועסט, האָט זי עס נישט איינמאָל אונטערבראָכן כדי צוצוהערן זיך צו די נייעס פון ראַדיאָ. מיט אַ צווייפאַכער געשפּאַנטקייט — פון אַ טויבן און פון אַ פאַרזאָרגטן — האָט זי אריינגענומען אין זיך די טרוקענע ידיעות פון וועלט־חלל. דאָס איז נישט געווען דאָס לייכטע צוהערן זיך פון אַ צייטונג־לעזער, דאָס איז געווען אַקטיוו אָנטיילנעמען דורך מוח און פאַנטאַזיע אין די געשעענישן. אויף איר געלבלעכן צערונצלטן געזיכט פון אַ 70־יעריקער פרוי האָבן זיך געשפּיגלט די פאַרשידענע געפיל־נואַנסן פון אַ מיט־טוער און מיט־פילער.

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון מיטאָג־עסן. עס זיינען אָנגעקומען אייניקע יונגע מענער און פרויען, קרובים פון דער באַלעבאָסטע. אַ פּאָר פון זיי אין מיליטערישע אוניפאָרמס. זי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי, תכף דערציילט די קימבערליי־זאַך און האָט מיט אַ באַזונדערער הנאה דערמאָנט איר עלטער־זיידן. „שטעלט זיך פאָר, קעפּטן מאַקאַרטור איז אַ סימבאָל פאַר דער זאַך. אויב ע ר האָט אַמאָל אויסגעפירט נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, פאַרוואָס זאָלן ז י י אויך נישט דורכפירן זייער פּראָיעקט? אונדזער גאַסט קען די געשיכטע פון אונזער פאַמיליע" — האָט זי פאַרענדיקט מיט שטאָלץ.

ווידעראַמאָל דער ברייטער טיש אין דעם עס־צימער איז געווען סערווירט ווי אין די אַמאָליקע רוסישע אימעניעס. די גאַסטפריינטשאַפט דיזעלביקע; די באַדינטע אין בלענדנדיק־ווייס אָנגעטאָן ביי די ווענט. איידער מען האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, איז די באַלעבאָסטע געשטאַנען אַ ווײַלע נעבן איר פּלאַץ, מיט פאַרמאַכטע אויגן און צונויפגעלייגטע הענט. זי האָט געפּליסטערט די ווערטער פון „גרייס" (אַ ברכה) פאַרן עסן. מיך האָט זי אוועקגעזעצט נעבן זיך „כדי בעסער צו הערן". זי האָט זיך איבערגעבויגן צו מיר און,

פאַרטראַכטערהייט, ווי צו אַן אייגענעם האָט זי געזאָגט: „ד אָ ס וועט דאָך נישט שטערן אין דעם נייעם סעטלמענט? . . .

— וואָס מיינט איר — האָב איך געפרעגט.

— איך מיין די רעליגיע... מיר זאָגן די „גרייס" אויף אַזאַ אופן, און אייערע מענטשן וועלן דאַוונען אַנדערש...

— געוויס קען דאָס נישט שטערן... מענטשן פון פאַרשידענע אמונות קענען רואיק לעבן צוזאַמען... וואָס איז דער זינען פון דער מלחמה אויב נישט דאָס?

— אוודאי אזוי! — האָט זי מיט אַ גלויביקער זיכערקייט אָפּגעענטפערט.

מיס מאַקאַרטור האָט געזען די וועלט דורך רעליגיעזע ברילן, און זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז דער דורכשניטלעכער ייד איז היינט־צו־טאָג אויך אזוי. ווייזט אויס זי האָט נישט געוואוסט אַז מיר פאַרמאָגן אַ שפּאָר ביסל יידן אין דער וועלט וואָס קענען אריינכאַפּן אַ ביסן ברויט אפילו אָן א ברכה. איך האָב נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק צו דערציילן איר וועגן דעם. אָבער — האָב איך זיך געטראַכט — הלוואי זאָלן מיר האָבן אין אַ צוקונפטיקן קימבערליי־ישוב נאָר אַזעלכע שווערע פּראָבלעמען ווי די אונטערשיידן פון דאַוונען... עס איז פונדעסטוועגן געווען גוט וואָס זי האָט געשטעלט פראַגן, וואָס זיינען איר געווען נוגע בנפש. זאָל זיין קלאָרקייט אין אַלץ.

די מאַלצייט איז דערווייליע אַנגעגאַנגען אין א מונטערער שטימונג. די יונגע לייט האָבן דערציילט מעשיות פון זייער ארומיקן לעבן, און עס איז געווען ווערט צוצוזען ווי די אַלטע דאַמע, זיצנדיק ביים שפּיץ פון דעם טיש, האָט זיך געמיט אויפצוכאַפּן אַ קלאַנג פון די רייד. אַז דער עולם האָט געלאַכט, האָט זיך די פריילעכקייט לייכט אָפּגעשפּיגלט אויף איר געזיכט. אַ שטומער ווייטאָג האָט אָבער גלייכצייטיק געפינקלט אין אירע אויגן: עס איז איר געווען פיינלעך צו זיין אָפּגעשניטן פון דעם רוישנדיקן ארום. צופיל ענערגיע און לעבנס־לוסט האָט זי פאַרמאָגט אַז זי זאָל קענען מאַכן שלום דערמיט. איז זי געזעסן מיט אַ פריינטלעך־אַנגעשטרענגטן פּנים די גאַנצע צייט.

זי האָט מיך פאַרבעטן צו פאַרבלייבן ביי זיי דעם טאָג און אָפּרוען זיך נאָכן עסן. מען האָט מיר געגעבן א צימער אויפן צווייטן שטאָק און געבעטן צו פילן זיך ווי אינדערהיים. האָב איך איר געפרעגט צי גייט זי אויך אָפּרוען זיך. — ניין — האָט זי שטאָלץ גע־

שאָקלט מיטן קאָפּ — איך טו עס קיינמאָל נישט . . . איך וועל איצט דורכלייענען די פּאַפּירן וועגן קימבערליי וואָס איר האָט מיר גע־בראַכט . . .

איך האָב מיטגענומען מיט זיך אַ פּאָר זשורנאַלן פון ענגלאַנד. אויף אייניקע טישן פון די ברייט־אויפגעפּראַלטע צימערן זיינען געלעגן אין גרויס אָרדנונג ביכער און צייטשריפטן. עס איז געווען קלאָר, אַז מען איז דאָ אין הויז טיף און אינטים אויסגעבונדן מיט דער אַלטער ענגלישער היים. איך האָב דאָרטן געפונען אַ סך זשורנאַלן און בלעטער פון לאָנדאָן, פּראָגרעסיווע און מאָדערנע, אויסער דעם אויך אויסגאַבן פון רעליגיעזן כאַראַקטער. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ דיק־לייביקער באַנד פון 550 זייטן אונטער דעם אַביסל לאַנגווייליקן נאָמען: „אייניקע פּאַרצייטיקע דאָקומענטן פון די מאַ־קאַרטורס פון קעמדען” ארויסגעגעבן פון סיבעלאַ מאַקאַרטור אָנסלאָו. די אַרויסגעבערין איז געווען טאַקע די איצטיקע באַלעבאָסטע פון דעם הויז. זי האָט, הייסט עס, פאַרוואַלטעט אויך מיט דער גייסטיקער ירושה פון איר פאַמיליע. דאָס הויז און די פרוי זיינען געווען אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון פיר דורות. זי איז געווען צופרידן וואָס איך בלעטער אין דעם בוך און האָט עס מיר מיטגעגעבן צו לייענען אין שטאָט.

איך האָב עס גענומען לייענען גלייך ווי איך בין ארויף אין דעם אָפּרו־צימער. וואָס ווייטער, בין איך אַלץ מער געוואָרן פאַראינ־טערעסירט מיט דעם ווערק. דאָס איז געווען אַ גרויסע זאַמלונג פון דאָקומענטן, טאָג־ביכער און בריוו וועלכע פאַרשידענע מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן געשריבן צווישן זיך זינט זיי האָבן זיך אוועק־געלאָזן קיין אויסטראַליע. און געווען איז עס אין נאָוועמבער . . . 1789. אָט טאַקע אין יענעם שטורמדיק־היסטאָרישן יאָר ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען די מאַקאַרטורס אין אַ קליינער שיף אָפּגעפאָרן צו דעם וויסטן, אומבאַקאַנטן קאָנטינענט, וואָס הייסט אויסטראַליע. דאָס בוך איז מערסטנס אויסגעפילט מיט די לאַנג־אָטעמדיקע בריוו פון דעם הויפּט פון דער פאַמאַליע, דזשאָן מאַקאַרטור, אָבער פון די בלעטער פון דער טרוקענער און אַלטמאָ־דישער קאָרעספּאָנדענץ האָט פאַר מיר לייכט אויפגעשוועבט די גע־שטאַלט פון אַ יונגער פרוי, וועלכע האָט אַלס איינע פון די ערשטע באַטראָטן די ערד פון דעם נייעם לאַנד. עליזאַבעט מאַקאַרטור, די

21־יעריקע פרוי פון דעם אָפיצער דזשאָן מאַקאַרטור, איז אָנגעקומען אַהער צוזאַמען מיט איר קליין קינד, אַ יאָר נאָכדעם ווי אויסטראַליע איז דורך די ענגלענדער באַזעצט געוואָרן. זי איז אַזוי אַרום געווען די ערשטע פרייע געבילדעטע ענגלישע פרוי, וואָס האָט דורכגעמאַכט די זייער שווערע און געפערלעכע רייזע פון ענגלאַנד קיין אויסטראַליע (גענומען 7 חדשים) און האָט געהאָלפן לייגן אַ יסוד פאַר דער קאָלאָני־זאַציע, — זינט דאָס יאָר 1890.

עס איז אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו לייענען די בריוו פון אָט דער מערקווירדיקער פרוי, וואָס האָט זיך מיט ענערגיע און לעבנס־לוסט געלאָזן אין וועג צו אַ לעבן פון גלות („וואָרום אַזוי איז עס געווען אין יענער צייט" — זאָגט דער אויטאָר פון דעם בוך). דעם 8טן אָקטאָבער 1789, איידער זי זעצט זיך אויף דער שיף, שרייבט זי צו איר מוטער מיט וועלכער זי געזעגנט זיך אויף לאַנג. „ביטע — טרייסט זי איר — נעם אין באַטראַכט אַז אויב עס איז אונדז באַשערט צו זיין ווייט איינע פון דער אַנדערער, איז עס אַלץ איינס צי איך בין ווייט פון דיר צוויי הונדערט מייל צי אַ סך מאָל מער ווי צוויי טויזנט מייל. די זעלביקע השגחה וועט אויפפאַסן און באַשיצן אונדז דאָרטן אַזוי גוט ווי דאָ. די זון וואָס שיינט איבער דיר וועט מיר אויך צוטיילן דעם חסד פון אירע פריינטלעכע שטראַלן. באַזונדערס נאָך אין אַ לאַנד, וואו די בלומען וואַקסן אַרום מיט אַזאַ רייכקייט און די פאַרפלאַנצטע פרוכטן וועלן וואַקסן נאָך מער".

די לאַנגע רייזע, מיט אַ פיצל קינד אויף די הענט און דעם אָפּטמאָלס קראַנקן מאַן, האָט זי באַשריבן אין אַ טאָג־בוך, וואָס איז פול מיט קלוגער לעבנס־פאַרשטענדעניש און עכטן פרווישן חן. זי איז געפאָרן, פאַרשטייט זיך, אויף אַ שיף, אין וועלכער מען האָט געפירט הונדערטער פאַרברעכער, מענער און פרויען, פאַראורטיילטע צו לעבן אין דעם טראָפּישן גלות פון אויסטראַליע. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שטרענגע, האַרטע און גרויזאַמע אַטמאָספערע עס האָט געמוזט הערשן אויף אַזאַ שיף, אָבער זי איז אַריבערגעקומען אַלע שוועריקייטן, ווייל איר בליק איז געווען געווענדט שטענדיק פאָר־

אויס, צו דעם אומבאַקאַנטן לאַנד, וואוהין זי איז געגאַנגען צו טאָן פּיאָנערישע אַרבעט.

דער קליינער ישוב (פּאָרט דזשעקסאָן האָט עס דעמאָלט געהייסן; סידנעי איז עס היינט צו־טאָג) אין וועלכן זיי זיינען אָנגעקומען, איז באַשטאַנען פון א בינטל מיליטער־לייט און הונ־דערטער פאַרברעכער. זיי האָבן געפונען די קאָלאָניע אין א צושטאַנד פון נאָענט צו הונגער. די וועכנטלעכע ראַציאָן איז באַשטאַנען פון דריטהאַלבן פונט מעל, צוויי פונט רייז און צוויי פונט געזאַלצענעם חזיר־פלייש. דער גובערנאַטאָר אַליין פלעגט נישט באַקומען מער, און די שיף פון די מאַקאַרטורס האָט ניט געבראַכט קיין דערלייכטערונג. „די שוועריקייטן און די אַנטוישונגען ביי די ערשטע פּרוּאוון צו באַהערשן די קרקע בתולה אין דעם נייעם קלימאַט זיינען געווען אומגלויבלעך״. ערשט ביסלעכווייז האָט זיך געגומען אַנטוויקלען לאַנדווירט־שאַפט און גערטנעריי. אונדזער יונגע עליזאַבעט האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. אַז איר מאַן האָט א פּאָר יאָר שפּעטער באַקומען אויף צו באַארבעטן 200 אַקער לאַנד, האָט ער דעם פּלאַץ אָנגערופן „עליזאַבעט־פאַרם״. זי איז געווען טעטיק אין אַלע דריי צווייגן: ערד־אַרבעט, פי־צוכט און גאָרטן־ווירטשאַפט. אָבער ווי האָט זי זיך געפילט אין יענער צייט גייסטיק און מאָראַליש?

דעם 7טן מערץ 1791 האָט זי געשריבן צו א פריינדין קיין ענגלאַנד: „איך האָב געזוכט מיט עפּעס וואָס אויסצופילן מיין פרייע צייט, וואָס איך קען נישט פאַרנעמען מיט שרייבן, לייענען אָדער שמועסן. צו די צוויי ערשטע באַשעפטיקונגען פיל איך זיך נישט שטענדיק גענויגט (הגם זי האָט געשריבן גאָר פיינע בריוו אין דעם דעמאָלטיקן א ביסל צערעמאָניעלן ענגליש—י. ש.), און דאָס דריטע — שמועסן — ליגט נישט אין מיין מאַכט. איך האָב דאָ ניט קיין איין פרוי, א פריינט פאַר וועלכער איך זאָל קענען עפענען מיין האַרץ, און קיין איינציקע פרוי בכלל מיט וועלכער איך זאָל קענען זיך דורכ־רעדן מיט א ביסל באַפרידיקונג פאַר זיך. אָט די לאַגע האָט מיך נאָך מער באַוואויגן דערצו, אַז איך זאָל לערנען עפּעס א לייכטע וויסנשאַפט, כדי אויסצופילן די פוסטקייט פון א סך

איינזאַמע טעג, און ענדלעך מיט דער הילף פון מר. ד. האָב איך געמאַכט א שטיקל פאָרטשריט אין באָטאַניק. קיין איין לאַנד שאַפט נישט א ברייטערן פעלד פאַר באָטאַנישע שטודיען ווי אויסטראַליע, און איך האָב געגאָסן א סך פאַרגעניגן פון דעם. עס האָט מיר דערביי נאָר געשטערט די גוואַלדיקע היץ. אין דעצעמבער־יאַנואר פלעגט זי שטייגן ביז 112 גראַד וואָס דאָס איז 30 גראַד מער ווי דער הייסעסטער טאָג אין ענגלאַנד".

עס איז נישט שווער צו זען ווי די יונגע פרוי פיניקט זיך אין דער איינזאַמער ווילדערניש. פונדעסטוועגן פאַרענדיקט זי איר בריוו מיט אַזעלכע ווערטער: „אפשר וועט איר נאָך די אַלע רייד צווייפלען צי מיין לעבן בכלל איז דאָ גליקלעך. אָבער דאָס קען איך אייך זאָגן מיט אַן אמת פאַר זיך פערזענלעך. זינט איך פיל אין מיר די כוחות פון שכל און פאַרשטאַנד בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען אינערלעך מער גליקלעך ווי איצט. טאַקע אמת, אייניקע פון מיינע וואונטשן זיינען ניט דערפילט, אָבער ווען איך גיב א טראַכט אַז מען קען נישט לעבן אין אַ צושטאַנד פון פולקאָמענהייט, בין איך גוואַלדיק צופרידן מיט מיין לאַגע".

עס זיינען אוועק נאָך א פּאָר יאָר און די לאַגע פון דער פאַמיליע מאַקאַרטור האָט זיך פאַרבעסערט. אין אַ בריוו פון 1טן סעפּטעמבער 1795 האָט זי מיט צופרידנקייט געשריבן: „דאָס לאַנד דאָ שיינט צו זיין דער איינציקער פלאַץ אויפן ערד־קיילעך, וואו מען קען דערוואַרטן רו. (עס איז געווען די עפּאָכע פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. י. ש.). מיר האָבן דאָ איינעם פון די שענסטע קלימאַטן אין דער וועלט, די פּרוכטבאַרע ערד גיט אונדז א סך רייכקייט, איך באַזיץ איצט א זייער גוטע מילך־ווירטשאַפט און האָב גענוג פוטער פאַר דער פאַמיליע. מיר האָבן איצט אַרום 1000 שאָף. מיין מאַן באַשעפטיקט 30־40 מענטשן. קיין זאַך צווינגט מיך נישט צו ווינטשן זיך אַן ענדערונג אין מיין לעבן אַ חוץ די שוועריקייטן מיט דער דערציאונג פון אונדזערע קינדער".

עס איז כדאי צו ברענגען דאָ נאָך אַ פּאָר שורות פון דעמ־דאָזיקן בריוו צו עליזאַבעטס פריינדין אין ענגלאַנד. עס פאַר־

שאַפט אונדז אַן אינטימען איינבליק אין דער נשמה פון פרויען ווי זיי זיינען געווען אין יענעם אַזוי ווייט פון אונדז ליגנדיקן יאָר 1795, און ווי זיי פאַרבלייבן מסתמא אַלעמאָל פון איין דור צום אַנדערן. עליזאַבעט באַרירט אין דעם בריוו אַ זייער דעליקאַטן ענין. „ווי איז עס געקומען דערצו, מיין ליבער פריינט, אַז איר זייט נאָך ביז איצט אַליינשטייענדיק? צי קענט איר נישט נושא חן זיין ביי מענער? אָדער צי האָט די מלחמה איבערגעלאָזן ווייניק מענער פון וועלכע מען זאָל קענען אויס־קלייבן? אָבער דערלויבט מיר צו געבן אייך אַ שטיקל עצה. לאָזט אָפּ אַ ביסל פון אייערע פאָדערונגען און האָט חתונה. איך אַליין בין אַביישפיל דערפון ווי נישט אַלעמאָל פאַלן די הייראַטן אויס אַזוי ווי אונדזערע קלוגע פריינט זעען פאָראויס. איך בין זיכער, אַ סך פון זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז איך און מיין חתן טוען דעם ריכטיקן שריט. מיך האָט מען באַ־טראַכט אַלס אַ פּאַסיווע און פוילן מענטש; מאַקאַרטורן אַלס אַ שטאָלצן און גדלותדיקן מאַן לגבי אונדזער באַשיידענעם שטאַנד. פונדעסטוועגן זעט איר ווי ברייטהאַרציק די השגחה האָט אונדז באַהאַנדלט. איצט קען איך באמת זאָגן, אַז קיין שום אַנדערע צוויי מענטשן אין דער וועלט קענען ניט זיין גליקלעכער ווי מיר ביידע זיינען. און וועט איר גיין חתונה האָבן, זאָלט איר זוכן אַ מאַן מיט אַ קלאָרן קאָפּ. איר וועט קיינמאָל נישט זיין גליקלעך מיט אַ מענטש וואָס שטייט נידעריקער פון אייך בנוגע פאַרשטאַנד".

איז דאָס נישט אַ רייצנדיקער בריוו פון אַ יונגער פרוי פון דעם סוף פון 18טן יאָרהונדערט? זי איז ערשט 26 יאָר אַלט, אָבער זי האָט שוין די לעבנס־דערפאַרונג פון אַ פאַמיליע און פון אַ גרויסער באַלעבאַטישקייט. איר זעט זי כמעט מיט אייגענע אויגן, אָט די מוטיקע פרוי, וואָס וואָלט געקענט זיין אַ העלדין פון דזשאָרדזש זאַנדס אַ ראָמאַן. — דערנאָך זיינען געפלאָסן יאָרן און צענדליקער יאָרן. קינדער ביי איר זיינען געשטאָרבן און געבוירן געוואָרן, אַכט אין דער צאָל. די באַפעלקערונג אין לאַנד איז געוואַקסן און מיט איר די עשירות. מאַקאַרטורס רייכטום און איינפלוס איז אויך געשטיגן. פון דער פּיאָנערישער „עליזאַבעט־פאַרם" איז מען אַריבער אויף

דעם פּרוכטבאַרן פּלאַץ פון קעמדען, אַט דאָרטן וואו דאָס איצטיקע הויז שטייט.

מאַקאַרטור האָט אַנטוויקלט ביז גאָר אַ הויכן גראַד די וואָל־אינדוסטריע און איז געוואָרן אַ באַקאַנטער מענטש אין ענגלאַנד. זיין מאַכט־פּאָזיציע האָט אים באַלד געפירט צו צוזאַמענשטויסן מיט דעם קעניגס פאַרטרעטער: די גובערנאַטאָרן. קעגן איינעם פון זיי האָט ער אָנגעפירט מיט אַ רעבעליאָן און איז פאַרשיקט געוואָרן... קיין ענגלאַנד. ניין יאָר האָט ער דאָרטן פאַרבראַכט אין גלות. אָבער זיין הויז איז געשטאַנען פעסט ווי אַ פעלז, ווייל עליזאַבעט האָט געפירט די גרויסע ראָלע פון באַלעבאָס. זי האָט אָנגעפירט מיט די קאָמערציעלע געשעפטן, פאַרקויפט און געשיקט וואָל קיין ענגלאַנד, געווען אַ פירנדיקע דאַמע אין דער געזעלשאַפט, אריינגעפירט נייע מעטאָדן אין די לאַנדווירטשאַפט (פאַר וועלכע זי איז באַלוינט געוואָרן פון דער רעגירונג), דערצויגן די קינדער. אַלע זין האָט מען געשיקט שטודירן און דינען אין דער ארמיי קיין ענגלאַנד, און די מוטער האָט זיי נישט אָנגעזען פאַר צענדליקער יאָרן. זי איז אָבער געשטאַנען מיט זיי אין שטענדיקער בריוו־פאַרבינדונג, און זי האָט דורך די בריוו וואָס האָבן געוואַנדערט טויזנטער מיילן געווירקט אויף די קינדער מיטן צויבער פון איר פערזענלעכקייט. זי אליין איז אָבער מער שוין נישט געקומען צוריק צו איר אַלטער היים, הגם דאָס גאַנצע לעבן האָט זי געבענקט נאָך איר. נישט געווען מער קיין כח אונטערצונעמען אַ רייזע ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

האָט זי — די 70־יעריקע פרוי — געשריבן צו איר עלטסטן זון אין 1840 דעם פאָלגנדיקן מעלאַנכאָלישן בריוו: „אָ, געוויס געדענק איך דעם איסט־פּאַרק, דאָס אַלטע קאָרד־הויז, דעם אויסבליק צום ים פון וועלכן די שטאַרקע ווינטן פלעגן בלאָזן און שטורעמען די צימערן פון אויבערשטן שטאָק. אַט די סצענעס פון מיין קינדהייט און יוגנט קענען נישט ווערן לייכט פאַרגעסן. עס קענען נישט אָפּגעווישט ווערן פון מיין זכרון — אַזוי לאַנג ווי גאָט שענקט מיר די מתנה — די בילדער פון די ליבע פריינט וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט און פון יענע וואָס זיינען ביים לעבן און האָבן אמאָל געשפּילט

זיך מיט מיר. מען פֿאַרגעסט מײַן עלטער װען מען רעדט װעגן מײַן צוריקקער צו מײַן שטענדיק טײַערן הײמלאַנד. די צײַט איז צו װײַט אַװעק״.

מיט צען יאָר שפּעטער אין 1850 איז עליזאַבעט געשטאָרבן, זאַט מיט יאָרן און מיט אַ לעבן אויף װעלכן זי האָט געקענט צוריקבליבן מיט שטאָלץ. אָט קוק איך אויפֿן לעצטן פּאָרטרעט פֿון איר לעבן, און עס איז אַ מערקווירדיק בילד. אַ גרייז־גרויע פֿרוי מיט ערנסטע, פֿאַרשנדיקע אויגן, מיט אַ װײַסן אויסגעפּוצטן טשיפּיק אויפֿן קאָפּ, בליקט אויף אײַך. אָבער עס װאַרפֿט זיך אין די אויגן נישט נאָר דער װײַסער טשיפּיק פֿון דער באָבעשי, אַרומגעװיקלט מיט שװאַרצן זײַדענעם פֿלאָר פֿון אַן אַלמנה. עס װײַזט זיך נאָך מער דער ברייטער סאַמעטענער שאַל פֿון בלאַסן פּורפּור װאָס איז מאַיעסטעטיש אַריבערגעװאָרפֿן איבער איר שטרענגן שװאַרצן קלייד. זי זיצט דאָ װי אַ מלכּה, באַשײדן און זעלבסטבאַװאוסט גלײַכצײַטיק. עס װײעט מיט היימישקייט פֿון איר װײַסן קאָפּ, און עס איז דאָ די קראַפֿט פֿון אַ הערשער אין די שװאַרצע און רויטע קאָלירן פֿון אירע בגדים. איר קענט זיך נישט העלפֿן, איר שטייט מיט דרך ארץ פֿאַר אַזאַ בילד.

איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון לייענען דאָס פֿאַמיליען־בוך, און בין צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם פֿאַרגײן, עס איז געװאָרן קיל אין דער לופֿט. װײַט אַרום, אויף װויפֿיל דאָס אויג האָט געקענט אַרומנעמען די געגנט, האָט זיך אויסגע־שפּרייט די נחלה פֿון די מאַקאַרטורס. אַלץ האָט געאָטעמט מיט דער רו און זיכערקייט פֿון איינגעפֿונדעװעטער שפֿע. דאָס הויז אין װעלכן איך בין איצט געװען איז נישט געבויט געװאָרן, פֿאַרשטייט זיך, אין יענע פּיאָנער־יאָרן. אין 1818 האָט מען דאָ געהאַט אויפֿגע־שטעלט נאָר אַ קלײנעם קאָטעדזש אויף אַ סך הכּל אײן אַקער לאַנד. אָבער פֿון אים איז אויסגעװאַקסן אָט דער דאָרפֿישער פּאַלאַץ, און עס איז געװען באַלערנדיק צו זען דעם בנין פֿון אַ פֿאַמיליע װאָס איז עלטער פֿון 120 יאָר. דאָס פֿאַרװײַלן אין אים איז געװען פֿאַר מיר סימבאָליש און האָט געװעקט דערמונטערנדיקע געדאַנקען. אויב זיי, די פֿאַרצײַטיקע קאָלאָניסטן, האָבן געהאַט אין זיך דעם מוט און די עקשנות צו קאָלאָניזירן אַזאַ װילד לאַנד, פֿאַרװאָרפֿן אין סאַמע עק

וועלט, אַרומגענומען פון אַ משונהדיקער פּרימיטיווער נאַטור און פון טויזנטער פאַרברעכער — פאַרוואָס זאָלן מיר נישט קענען איבערחזרן דעמזעלביקן פּראָצעס אין דעמזעלביקן לאַנד. די געפאַרן פון אַמאָל זיינען מער נישטאָ, און די מיטלען פאַר קאָלאָניזאציע זיינען דאָך אַזוי אומגעהויער אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט. און וואָס נוגע מוט און עקשנות, באַזיצן מיר עס עד בלי די, — אחוץ דער נויט וואָס טרייבט אונדז מיט אייזערנע צוואַנגען.

אַז איך בין שפּעטער אַראָפּגעגאַנגען צום טיי האָב איך געפונען מיין באַלעבאָסטע נאָך מער אויפגעלייגט ווי פריער. זי איז שוין געזעסן אויף איר שטענדיקן פּלאַץ נעבן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און האָט זיך צוגעהערט. זי האָט פאַר דער צייט — האָט זי מיר מיט־געטיילט מיט אַ שמייכל — שוין דורכגעלייענט די פּאַפּירן וואָס איך האָב איר געגעבן, און זי האַלט זיי פאַר גוט. זי וועט העלפן מיט וואָס זי קען, זי וועט באַלד שרייבן צו אייניקע וויכטיקע פּער־זאָנען . . . — עס איז געווען אין איר אַן ענלעכקייט מיט יענער עליזאַבעט מאַקאַרטור וועגן וועלכער איך האָב געלייענט. די אור־אייניקל סיבעלא האָט נישט נאָר פיזיש, אויך זעליש און גייסטיק געשטאַמט פון יענער עליזאַבעט. די זעלביקע קראַפט און ווילן אין טאַט, די זעלביקע ברייטקייט פון לעבנס־בליק, די זעלביקע טריי־שאַפט צו ענגלאַנד און דער אימפּעריע, און אויך די זעלביקע קריסט־לעכע פרומקייט. מער נישט די היינטיקע סיבעלא האָט נישט געהאט קיין פאַמיליע מיט אייגענע קינדער. דערפאַר האָט זי געהאַלטן אַלע מיטגלידער פון דער שטאַרק פאַרצווייגטער פאַמיליע, יונגע ווי אַלטע, פאַר אירע קינדער אויף וועלכע זי האָט געהאַלטן אַ מוטערלעך אויג.

:: ::

עפּעס ענלעכעס האָב איך געזען יאָרן לאַנג אין אַן אַנדער עלטע־רער פרוי, אין מיין באָבען פון קאָוונע, חיה ושרה עליאַשעוו. אויך זי האָט געהאַט אויסגעהאַדעוועט נישט ווייניקער ווי אַכט קינדער וואָס יעדער פון זיי איז געוואָרן שפּעטער אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט פאַר זיך. איינער פון אירע זין איז געווען דער טיפּזיניקער יידישער שרייבער — בעל־מחשבות (דר. עליאשעוו), אָבער אויך די אַנדערע זין און טעכטער האָבן באַזעסן אַ שטאַרקן ווילן און אַן אייגענעם וועג אין לעבן. די באָבע האָט געהערט, פאַרשטייט זיך, מיט אַלע אירע חושים צו דעם אַלטן דור, אָבער זי האָט זיך וואונדערלעך צוגעפּאַסט

צו די מאָדערנע גענג פון אירע דערוואַקסענע קינדער. זי האָט געפירט דאָס הויז, דאָס געשעפט, די באַלעבאַטישקייט. איר מאַן, מיין גוטער און שטילער זיידע זאַלקע, איז געשטאַנען אין שאָטן. נישט ווייל זי האָט אים חס ושלום פאַררוקט אָן א זייט. דווקא פאַרקערט: זי האָט אים שטענדיק אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ, זי האָט נישט אַרויסגעלאָזן זיין נאָמען פון איר מויל. „זאַלקעלע, זאָל לעבן, האָט מיר געהייסן" — אָט אַזוי, נישט אַנדערש פלעגט זי פאָרמולירן יעדן באַשלוס אירן.

אָבער די דעה אין דער פאַמיליע האָט זי געהאַט, און די אַלע באַשלוסן פלעגט זי אָננעמען. די הסכמה פון ליבן מאַן פלעגט זי אַרויסבאַקומען שפּעטער, און די קלוגע אשת חיל פלעגט אים געבן צו פילן אַז נאָר ער איז דער באַלעבאָס פון הויז. דער זיידע פלעגט א סך צייט פאַרברענגען אין דער נאָענט ליגנדיקער קצבישער קלויז, ביים דאַוונען און ביים לערנען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אויך גענומען שלעכט הערן, אזוי אַז די באָבע פלעגט מוזן צוזעצן זיך גאָר נאָענט צו אים און אריינרעדן אים אין אויער. זיין אויס־געלייטערט, ווייס־ראָזעווע געזיכט מיט די גוטמוטיקע אויגן פלעגט דעמאָלט באַקומען אַן אָנגעשטרענגטן אויסדרוק, און ער פלעגט מיט הנאה צושאָקלען מיטן קאָפּ צו חיה שרהס רייד. וואָס איז דער וואונ־דער וואָס מען האָט אים גערופן אין שטאָט „זאַלקע חיה שרהס". עס איז געווען א כבוד פאַר איר, און ער האָט זיך געגרויסט מיט איר גוטן נאָמען.

איך האָב נישט געקענט מיין אנדער באָבע, פון פאָטערס צד, אין ווילנע; איז די קאָוונער פאַרבליבן ביי מיר דער איינציקער אָנדענק פון אַן אייגענער יידישער באָבע. אוודאי איז זי געווען אַלט, און דער פנים איז געווען צעאַקערט מיט קנייטשן און קנייטשעלעך, אָבער זי האָט תמיד געאָטעמט מיט לעבנסלוסט, מיט פרישקייט און ערנסטער פריילעכקייט. זי איז געווען אַ גבירטע, און זי האָט עס געוואוסט. בעת זי פלעגט ארויפקומען פון דעם גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט אונטן צו זיך אין דער ברייטער דירה, פלעגט זי אויפעפענען די טיר מיט איינעם פון די שליסעלעך וואָס איז געהאַנגען אויפן בונד שליסלען אין איר האַנט. דער קלאַנג פון די שליסלען, דער שטאַרקער טראָט פון אירע פיס, דער הויכער, אַ ביסל מאַנסבילשער

קול, — אַלץ האָט געזאָגט עדות אויף דער זעלבסטזיכערקייט פון דער באַלעבאָסטע, פון דער גאַנצער פאַמיליע.

אָבער רייכקייט קומט פון אים, פון זיין ליבן נאָמען, און עס איז נישט מער ווי אַ פקדון. טאָר מען נישט פאַרגעסן אָן די אָרעמע; מוז מען זיי שטענדיק האָבן פאַרן אויג. איז צדקה־טאָן געווען איינע פון די שטענדיקע ארבעטן מיט וועלכע די באָבע האָט זיך פאַר־נומען. צדקה איז נישט עפּעס געווען אַ זייטיקע אָנגעלעגנהייט וועלכע מען פּטרט אָפּ מיט געלט אָדער מיט טרחה. צדקה איז געווען אַ טייל פון דעם לויפנדיקן לעבן, נישט אַנדערש ווי די זאָרג פאַר פאַ־מיליע, פאַר קרובים, פארן געשעפט, פאַר דער נשמה. עס איז געווען אַ טאָג (דוכט זיך פרייטיק) ווען די „אָרעמע לייט" פלעגן פּינקטלעך קומען „אָפּנעמען" דאָס ביסל וואָס זיי קומט. אָבער דער טאָג איז נישט געווען דער איינציקער. די טיר האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעמאכט אין הויז פאַר מענטשן וואָס זוכן אַ טובה. ווי אָפט פלעג איך זען ווי די באָבע באַגלייט אַרויס אַ פאַראומערטן מענטש מיט וועלכן זי האָט זיך אָקאָרשט דורכגעשמועסט, און דאָס לעצטע וואָרט איז געווען: „אַ דאַנק וואָס איר זענט אַריינגעקומען". דאָס האָט זי געדאַנקט פאַר דער מצווה וואָס יענער האָט איר צוגעשאַרט: צו געבן אים הילף.

זי איז געווען גאַנץ נאַטירלעך איינגעטונקט אין דער פּאַרציי־טיקער יידישער פרומקייט, און אָן אַ שייטל וואָלט איך זיך נישט געקענט פאָרשטעלן איר קאָפּ. דאָך האָט זי אָט די פרומקייט נישט געוואָלט — וויל נישט געקענט — אַרויפפּרעסן אויף די קינדער. יעדער פון זיי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עפּעס אין דער מאָדערנער לעבנס־אַרט. אַלע האָבן שטודירט; אייניקע האָבן פאַרענדיקט אוני־ווערזיטעטן אין אויסלאַנד. צווישן זיי זיינען געווען אַ דאָקטאָר און אַ שריפטשטעלער און אַ גרויסער שאַך־שפּילער און אַ פילאָזאָפיש־געבילדעטער קאָפּ, און גלאַט מצוינים אין שפּראַכן און חכמת ישראל. בשעת זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין דעם גרויסן פּאָטערלעכן הויז, האָבן דורך אַלע צימערן געקלונגען אייראָפּעאישע שפּראַכן. ביים עס־טיש פלעגן זיך צינדן געשפּרעכן און דיסקוסיעס וועגן די וויכ־טיקסטע פראַגן פון גייסט. די באָבע פלעגט זיך רואיק צוהערן צו די רייד, עפּעס אריינגעמען אין דער שאַצקאַמער פון איר אייגענעם גייסט, און פאַרבלייבן דאָס וואָס זי איז געווען. אויף די שבעים

לשונות פון אירע געבילדעטע קינדער און אייניקלעך פלעגט זי ענט־
פערן מיט איר אייגענער שפּראַך, דער שפּראַך פון „גאָט פון אברהם",
און מען פלעגט זיך גאַנץ גוט פאַרשטיין. ווי ווייט די קינדער זיינען
זיך נישט צעפלויגן איבער די גרויסע שטעט פון דער וועלט, האָט
זיי דאָך אַלעמאָל געצויגן צו דער היים פון קאָוונע, צו דער מוטער
אין דעם רחבותדיקן פאַמיליען־הויז. זיצנדיק מיט איר ארום דעם
ברייטן טיש אין עס־צימער, האָבן זיי געלאָזן איינשטילן אין זיך די
ליידנשאפטן וואָס פלעגן, נאַטירלעך, אויספילן זייער גייסטיק לעבן.
בעל־מחשבות וואָס האָט געזוכט די עכטקייט און די פאַלקסטימלעכקייט
אין יידישן לעבן, פלעגט זיך פילן דערוואַרעמט און געשטארקט דורך
די שמועסן מיט זיין מוטער. און אז ער האָט, וואוינענדיק אין בערלין,
דערפילט אז דאָס לעבן זיינס האַלט ביים ענדיקן זיך, האָט ער געאיילט
זיך צו פאָרן „אַהיים" קיין קאָוונע, כדי צו שטאַרבן נעבן דער מאַמען.
איר איז באַשערט געווען איבערצולעבן זיין טויט, פונקט אזוי ווי
פריער דעם טויט פון אנדערע קינדער און פון דעם מאַן. זי האָט זיך
אָבער נישט אונטערגעגעבן און האָט ווייטער אויפגעהאלטן די גאַנצ־
קייט פון דער פאַמיליע. זי האָט נישט ליב געהאט ארויסצואווייזן
פאַרן עולם איר שמערץ און טרויער, מער נישט פון מאָל צו מאָל
פלעגן די אַלטיטשקע אויגן זיין רויט פון באַהאַלטענע טרערן.

עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה, און אין דעם שטראָם
פון צאַריסטישע רדיפות איז זי אויך פאַרוואָגלט געוואָרן קיין טיף־
רוסלאנד. זי האָט שפּעטער געלעבט אין מאָסקווע אין א זייער
באַשיידענער קליינער דירה מיט א פּאָר אייניקלעך נעבן זיך. זי
האָט גערולדיק געוואַרט ביז די חילות פון ביידע צדדים וועלן אָפּריי־
ניקן דאָס שלאכטפעלד ארום איר קאָוונע, און זי וועט זיך אומקערן
צו איר הויז. אויך זייענדיק אין גלות האָט זי אויך קיין איין מינוט
נישט פאַרלוירן איר אינערלעכע זיכערקייט און גאָטספאַרכטיקייט, איר
גרייטשאַפט צו צדקה טאָן און די אוממערקלעכע אויפזיכט איבער דער
פאַמיליע. אָבער עס האָט איר געצויגן צוריק צו יענעם פאַלץ וואו
זי האָט פאַרבראַכט א לעבן פון א גבירטע און א צדקניות, וואו אַ
האַלב שטאָט פלעגט קומען האַלטן זיך מיט איר אַן עצה, וואו זי
האָט אָפּגעלעבט אַזאַ פיינעם פרידלעכן לעבן מיט איר זאַלקען, א
ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן. זי האָט עס אויך דערלעבט, און אין
דעם אַלטן פאַמיליען־הויז האָט זי ווידער אָנגעצונדן דאָס ליכט וואָס

האָט זעליש פאַרבונדן קינדער מיט דער מוטער, אייניקלעך מיט דער באָבען. אין יענעם הויז האָט זי אויך פאַרמאַכט אירע אויגן, איבערלאָזנדיק א זכר פון א פיינעם שטיק יידישן פאָלקס־לעבן.

אין די איצטיקע מלחמה יאָרן איז קאָוונע — די עיר ועם בישראל — נישט איינמאָל אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון איין רעזשים צום אַנדערן. צוזאַמען מיט דעם איז אויך דאָס הויז פון די עליאַשעווס געגאַנגען ארויף און אַראָפּ. עס איז שוין געווען נאַציאָנאַליזירט, און עס איז געווען נאַציזירט. און דאָך האָב איך קיין צווייפל נישט אז דאָס הויז וועט ווידער אמאָל באפרייט ווערן צו אן אייגענעם לעבן, אין זכות פון אָט יענעם שיינעם פאַר־פאָלק וואָס האָט געהייסן חיה־שרה־זאָלקע, און דאָס געסל נעבן דעם הויז וועט אוודאי ווידער אמאָל באַקומען דעם אים געהעריקן נאָמען פון בעל־מחשבותן: עליאַשעוו־גאַס.

ווייזט אויס אָט די פרויען — די קלוגע און האַרציקע באַלע־באָסטעס פון לעבן — זיינען געקנאָטן פון דעמזעלביקן געבענטשטן מענטשן־טייג. עס איז געווען עפּעס אינערלעך־ענלעכעס צווישן די פרויען פון מאקארטורס פאַמיליע: עליזאַבעט און סיבעלא, און א חיה־שרה עליאַשעוו. דאָס הויז וואָס זיי האָבן געבויט און אָפּגעהיט אין קעמדן איז לויטן כאַראַקטער און אויסבליק געווען ענלעך צו דעם הויז אין קאָוונע. עס האָט באטייט יעדעס מאָל שטאַרקן ווילן, עשירות, פאַמיליע־באַנדן, מורא פאר גאָט, גרייטשאַפט צו מענטשן־ליבע. זיכער וועט דאָס לעבן פון די נייע דורות שטראָמען אין אַנדערע ליניעס, אָבער עס לוינט זיך אריינצוקוקן אין אָט דער פראַכט און ערנסטקייט פון פאַרגאַנגענעם דור. זיי האָבן דאָך אזוי גרונטיק געבויט אונדזער אַלעמענס מאָדערנעם לעבן.

:: ::

מיר האָבן געטרונקען טיי, און מיס מאַקאַרטור האָט אָפן ארויס־געבראַכט אירע זאָרגן בנוגע דער מלחמה און דער אימפּעריע. זי האָט געהאַט אירע ספקות צי די ענגלענדער און ענגלאַנד בכלל האָבן זיך ביז איצט ריכטיק אויפגעפירט אין די גרויסע מאָראַל־פּאָליטישע פראַגן פון דער וועלט. זי האָט זיך אינטים אריבער־געבויגן צו מיר און שטילערהייט געפרעגט:

— צי גלויבט איר אַז ענגלענדער זיינען נאָר מאַטעריאַליסטן?

— יאָ און ניין, — האָב איך געענטפערט. — געוויס האָבן זיי אויפגעבויט אַזאַ געוואַלטיקע וועלט־מלוכה אַ דאנק דעם הייסן מאַטע־ריאַליסטישן שוואונג. פאַר דער וועלט דערשיינען זיי אויך אזוי, און היטלערס פּראָפּאַגאַנדע האָט געגעבן מאַטעריאַל אויף אויסצונוצן קעגן זיי... אָבער „מאַטעריאַליזם" איז פאַראַן ביי אַלע פעלקער אָן אויסנאַם. די פראַגע איז: מיט וועלכע אַנדערע אידייען אדער סענ־טימענטן איז אָט דער מאַטעריאַליזם קאָמבינירט? איז עס נאָר מאַכט־און געלט־הונגער אָדער עפּעס מער און אַנדערעס. גלויב איך נישט אז די ענגלישע לעבנס־קולטור איז נאָר אַ מאַטעריאַליסטישע. זי איז טיפער און גייסטיקער ווי עס דוכט זיך...

— איך גלויב אויך, — האָט זי פאַרטראַכטערהייט געזאָגט, — אַז אונדזער ראַסע איז אינטערסירט אין גרעסערע זאַכן ווי מאַכט און רייכטום... אָבער צי וועט זי ארויסגיין מיט אַ זיג פון דער איצטיקער מלחמה? די דייטשן זיינען אַזוי שטאַרק, אַזוי באַוואָפנט...

— איך בין איבערצייגט אין דעם נצחון... אין לעצטן חשבון זיגט שטענדיק נישט דער פיזישער כוח, נאָר דער גייסטיקער. די ביבל זאָגט עס אין אַ קלאָרער שפּראַך: לא בכח כי אם ברוח...

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט א גרויסער צופרידנקייט. די ביבל איז פאַר איר געווען דער אַנטשיידנדיקער אַרגומענט. דאָס גאַנצע געזיכט אירס האָט אויפגעשטראַלט בעת זי האָט דערמאָנט די הייליקע ווערטער.

— עס איז געווען אַמאָל אַ מאַן, גאָר אַ גרויסער עקספּערט אין מלחמה־פראַגן, און אַ מאַן וואָס האָט געהאַט גרויס הצלחה אין דעם: נאַפּאָלעאָן. פונדעסטוועגן האָט ער שפּעטער, ביים צוריקבליקן אויף זיין לעבן, געזאָגט: צוויי כחות זיינען דאָ אין דער וועלט, דאָס שווערד און די אידייע, — און די אידייע קומט אלעמאָל ארויס שטאַרקער פון דעם שווערד.

— אָבער היטלער גייט דאָך אויך מיט אַן אידייע.

— ניין, דאָס איז פאַלש . . . די איינציקע באַוועגונג מיט וועלכער מען וואָלט געקענט פאַרגלייכן היטלערס אַרמיי, איז דער איסלאַם. אויך דאָרטן האָבן פאַנאַטישע זעלנער מיטן שווערד אין דער האַנט געשטורעמט אַ וועלט. אָבער זיי האָבן דאָך געטראָגן מיט זיך אַ רעליגיעזע, אוניווערסאַליסטישע אידייע וועלכע האָט געוואָלט דער־אָבערן די מענטשהייט, די נשמה פון די מענטשן. דער היטלעריזם

פאַרמאָגט נישט אַזאַ אידייע, ד. ה. דעם כח פון אַזאַ אידייע. ער איז אַפּן ברוטאַל, אַנטקעגנגעשטעלט דער מענטשהייט, די יידן, אַלעמען. ער איז נישט מער ווי אַ פיזיש־מיליטערישער כח... און דאָס מוז ווערן באַזיגט פון גייסט.

עס איז געוואָרן שפּעט, און איך האָב זיך געקליבן אַפּפאָרן. אַרויסבאַגלייטנדיק מיך, האָט זי געדאַנקט פאַר די שמועסן פון דעם טאָג. דערנאָך צו סאַמע לעצט האָט זי צוגעגעבן: איך דאַנק אייך פאַר אייער גלויבן אין אונדזער ראַסע. צוזאַמען מיט דעם יידישן וועט אויך אונדזער פאָלק אויפטאָן אַ סך. איך גלויב פעסט אין דעם...

:: ::

מיר דוכט זיך אז עס איז כדאי צו דערציילן דאָ בקיצור וועגן אַ וויכטיקן עפּיזאָד אין מאַקאַרטורס פאַמיליע, וואָס וואַרפט אַן אינ־טערעסאַנט ליכט אויף דער געשיכטע פון אויסטראַליע. איך מיין די רעבעליאָן קעגן דער רעגירונג וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1808 פון דעם הויפט פון דער פאַמיליע — דזשאָן מאַקאַרטור. די דאָזיקע פאַטריאַטיש־בריטישע משפחה האָט אין דעם סאַמע אָנהייב פון איר אויסטראַלישן לעבן באַוויזן אויך איר רעבעלישן כאַראַקטער.

מאַקאַרטור איז אָנגעקומען קיין אויסטראַליע אין 1790 אַלס אָפיצער פון דעם ספּעציעלן מיליטערישן קאָרפּוס וואָס איז געשיקט געוואָרן אַהין צו האַלטן אָרדנונג אין דער נייער אַרעסטאַנטן־קאָלאָניע. די קאָלאָניע איז רעגירט געוואָרן אין אַ זייער שטרענגן מיליטערישן גייסט, אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אַ גובערנאַטאָר, אַלס דעם פאָרטרעטער פון ענגלישן קעניג. דער גובערנאַטאָר איז געווען די געזעצגעבערישע, אַדמיניסטראַטיווע און רעכטלעכע מאַכט פון דעם ישוב. דער מיליטערישער קאָרפּוס האָט געהאַט די פליכט צו שטיין ביי זיין זייט, אַלס דער באַוואָפנטער פאַקטאָר פון רו און אָרדנונג. אָבער מיט דער צייט האָבן די אָפיצערן פון דעם קאָרפּוס גענומען שפּילן אַ באַזונדערע סאָציאַלע ראָלע אין דעם פאַרוואָרפענעם, מיט רעכטלאָזע אַרעסטאַנטן באַזעצטן, פון לאָנדאָן איזאָלירטן עק וועלט. ווי אַ היסטאָריקער שרייבט, „דאָס בילד פון דער קאָלאָניע איז געווען אויסערגעוויינלעך פינצטער. זי איז געוואָרן געזעטיקט נישט נאָר מיט אַרעסטאַנטן נאָר אויך מיטן גייסט פון אַ טורמע.״ די אָפיצערן האָבן גענומען האַנדלען מיט די זייער באַשרענקטע אין צאָל פּראָדוקטן

וואָס מען פלעגט אריינפירן אין לאַנד, באַזונדערס אָבער מיט דעם טייערסטן און זעלטענעם פּראָדוקט: ווײַן (ראָם). „זיי זיינען גע־וואָרן אַן אַריסטאָקראַטיע. מען האָט זיי דערלויבט צו פאַרנעמען זיך מיט האנדל און ערד־ארבעט. ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרן די מאָנאָפּאָליסטן פון גאַנצן אימפּאָרט, באַזונדערס ספּירט. דער רעזולטאַט איז געווען, אז דאָס איז געוואָרן דאָס אָנדערקענטע מיטל פון אויס־טויש, אויף אזוי ווייט אז אפילו ארבעטס־קראַפט האָט מען געקענט קויפן נאָר מיט ספּירט. די אָפיצערן זיינען געוואָרן אזוי אָרום זייער רייך".

מאַקאַרטור האָט געהערט צו דעם בעסערן טיפּ אָפיצער; ער איז געווען געבילדעט לויט די דעמאָלטיקע צייטן, האָט געקענט פיין ריידן און שרייבן. זיינע אַמביציעס זיינען געגאַנגען אַ סך ווייטער ווי פון דעם דורכשניטלעכן, האַלב־שכורן אַרעסטאַנטסקן אָפיצער. ער האָט געוואָלט בויען אַ ניי לאַנד פאַר דער אימפּעריע. האָט ער זיך באַלד גענומען פאַר אַ ספּעציעלן צווייג פון ארבעט אין וועלכן ער האָט דערקענט די צוקונפט פון לאַנד: אנטוויקלונג פון מערינאָ־שעפּסן און אויפבוי פון אַ וואָל־אינדוסטריע. זיין פאַמיליע־היסטאָ־ריקער דערציילט, אז שוין אין יאָר 1794 (ד. ה. פיר יאָר נאָכן אנקום אין לאַנד) האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו „פאַרוואַנדלען דעם שלעכט־אָרגאַניזירטן ישוב אין אַ געזונטע און בליענדיקע קאָלאָניע דורך פּראָדוצירן פיינע וואָל". ער האָט געהאַלטן אז אַ קליינע באַ־פעלקערונג, באַזעצט אין אַזאַ געוואַלטיקן מרחק פון אַלע ציוויליזירטע לענדער, וועט קענען האָבן דערפאָלג נאָר אונטער איין באַדינגונג: אויב זי וועט אַנטוויקלען אַלס אַן עקספּאָרט־ארטיקל אזא מין רוי־וואַרג וואָס וועט נישט פאָדערן קיין צופיל אַרבעט, וועט האָבן אַ גרויסן מאַרק פאר זיך און וועט קענען דעקן די הוצאות פון אַ לאַנגן ים־וועג קיין אייראָפּע.

דאָס איז געווען בלי ספק אַ פּלאַן פון אַ גרויסן פאַרנעם. זיצנדיק אין אויסטראַליע האָט ער געטראַכט וועגן דעם באַדאַרף אין וואָל פון די ענגלישע פאַבריקן. ער האָט געטרוימט וועגן מיליאָנען שעפּסן וואָס וועלן אַמאָל אַרויסגעבן די פיינסטע טאָרטן פון וואָל און אזוי אָרום באַפרייען די ענגלישע פאַבריקאַציע פון דעם שפּאַנישן וואָל־אימפּאָרט. האָט ער אויף זיין עליזאַבעט־פאַרם אָנגעהויבן עקספּע־רימענטן פון קרייצן ענגלישע שעפּסן מיט די דרום־אפריקאַנישע

און אינדישע וואָס טראָגן וואָל. זיינע חברים ארום האָבן געלאַכט פון אים, האָבן זיך געשטעלט קעגן אים און געשטערט אין זיין אַרבעט. אָבער דער עקשנותדיקער כאַראַקטער פון אַ פּיאָנער האָט נישט נאָכגעגעבן און ער האָט דערלעבט רעזולטאַטן. אין יאָר 1803 איז ער אָפּגעפאָרן קיין ענגלאַנד מיט מוסטערן פון זיין וואָל־פּראָדוקציע. ער האָט געאַרבעט אין לאָנדאָן אויף טיש און אויף בענק, כדי צו באַקומען די אָנדערקענונג. אַ קאָמיטעט פון פאַבריקאַנטן האָט אָפּגעגעבן אַ רעפּאָרט אז מאַקאַרטורס ריינע מערינאָ־וואָל איז אין קוואַליטעט גלייך צו די בעסטע שפּאַנישע סאָרטן. שפּעטער האָט אויך די רעגירונג געגעבן איר אונטערשטיצונג. עס איז געקומען אזוי ווייט אז דער דעמאָלטיקער קאָלאָניען־מיניסטער לאָרד קעמדן (פון אים שטאַמט דער נאָמען פון מאַקאַרטורס נחלה) האָט איינגעוויליקט אַז מאַקאַרטור זאָל פארקויפן זיין שטעלע אין דעם אויסטראַלישן קאָרפּוס און זאָל באַקומען פון דער רעגירונג 10,000 אַקער פּרוכטבאַרע לאַנד כדי ער זאָל זיך אינגאנצן ווידמען צו דער פּראָדוקציע פון אויסטראַלישער וואָל. זינט 1805 האָט ער טאַקע אזוי געטאָן.

אַזוי איז געבאָרן געוואָרן אַן אינדוסטריע וועלכע איז היינט־צו־טאָג איינע פון די יסודות פון דער אויסטראַלישער ווירטשאפט. כדי צו דערקענען דעם ראָמאַנטישן כאַראַקטער פון דער אין יענער צייט העזהדיקער איניציאַטיוו, זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן א פּאָר ציפערן פון דעם אָפיציעלן יאָר־בוך פון דער אויסטראַלישער רעגירונג, פאר דעם יאָר 38־1937.

„אויסטראליע איז איצט דאָס פירנדיקע לאַנד פון וואָל־פּראָדוקציע אין דער וועלט. באַזיצנדיק ווייניקער ווי אַ זעקסטל פון דער וועלטס צאָל שעפּסן, פּראָדוצירט אויסטראליע א פערטל פון דער וועלט־פּראָדוקציע. מער נאָך, אַ העלפט פון דער וועלט־פּראָדוקציע פון דעם פיינעם סאָרט מערינאָ־וואָל ווערט געשאַפן אין אויסטראַליע". דער גרעסטער טייל פון דער פּראָדוקציע ווערט עקספּאָרטירט; ארום 7 פּראָצענט דערפון ווערט פאַרנוצט פון די אויסטראַלישע פאַבריקן. די צאָל פון שעפּסן אין לאַנד באַטרעפט... 113 מיליאָן, און די וואָג פון דער פּראָדוקציע דערגרייכט די ציפער פון איבער אַ מיליאַרד פונט. ווייט הינטער אויסטראַליע שטייען מיט זייער שעפּסן־צוכט די גרויסע לענדער רוסלאַנד, אמעריקע, ארגענטינע, דרום־אַפריקע. דער געלט־ווערט פון דער וואָל־סחורה איז געווען איבער 54 מיליאָן

פונט. 40 פּראָצענט פון דעם קיין ענגלאַנד איינגעפירטן וואָל קומט טאַקע פון אויסטראַליע. „וואָל איז דער הויפּט פאַקטאָר אין דעם לאַנד־רייכטום פון אויסטראַליע, און דער וואוילשטאַנד פון פאָלק העגנגט שטאַרק אָפּ פון די הכנסות פון זיין וואָל־אינדוסטריע". דאָס זיינען אויספירן פון דער מלוכה־אויטאָריטעט, און מען קען זיך פאָר־שטעלן ווי מאַקאַרטור וואָלט הנאה געהאַט צו לייענען זיי 140 יאָר נאָך זיין אויפטו.

:: ::

דער מיליטערישער קאָרפּוס וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן דער־מאָנט, איז מיט דער צייט אליין געוואָרן אַ מקור פון אומאָרדנונג אין דער קאָלאָניע. די אָפיצערן וואָס האָבן זיך באַרייכערט אַ דאַנק דער משונהדיקער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם קליינעם ישוב און געהאַלטן די באַוואָפנטע מאַכט אין זייער האַנט, זיינען אַלץ מער געקומען אין קאָנפליקט מיטן גובערנאַטאָר, דעם הויפּט פון דער ציווי־לער אַדמיניסטראַציע. מען האָט דעם גאַנצן קאָרפּוס אָנגעהויבן רופן „ווײַן־רעגימענט", ווייל ער האָט מאָנאָפּאָליזירט דעם האַנדל מיט אָט דעם טייערן פּראָדוקט. גלייכצייטיק האָט אויך דזשאָן מאַקאַרטור געהאַט אָפטע קאָנפליקטן מיט די פאַרשידענע גובערנאַטאָרן צוליב פאַרשידענע סבות, עקאָנאָמישע און פּערזענלעכע. עס איז געווען צו דערוואַרטן אַז אַזאַ שטאַרקע און אַקטיווע פּערזענלעכקייט, נאָך דערצו באַגייסטערט מיט דער פּיאָנער־אידייע פאַר אויסטראַליע, וועט זיך נישט לאָזן אונטערגעבן צו קיין שום אַנדערער אויטאָריטעט, מעג זי זיין אפילו דער פאָרשטייער פון קעניג אליין. צוויי גובערנאַטאָרן — קינג און האַנטער — האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין שווערע קאָנ־פליקטן מיט אים. אָבער דער אמתער אויסברוך איז געקומען ווען אלס גובערנאטאר איז צוגעשיקט געוואָרן דער קאַפּיטאַן בליי.

בליי איז געווען אַ קאַלירפולע, אייגנאַרטיקע געשטאַלט צווישן די ענגלישע שיפס־קאַפּיטאַנען פון יענער עפּאָכע. שווימענדיק אין ים, האָט ער געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנט איבער דער שיף און די מאַטראָזן וואָס ער האָט קאָמאַנדירט. ער איז געווען אין זיין אָרט געטריי דער ענגלישער מלוכה און זיין פאָטערלאַנד, אָבער ער האָט געוואָלטעוועט ווי אַ טיראַן איבער „זיינע" שיפן, אַזוי אַרום שאַפנדיק דיסציפּלין אין דעם בריטישן פלאָט. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס אויף דער שיף „באַונטי" וואָס איז געגאַנגען צו די

טאַהיטי־אינדזלען, איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד קעגן זיין אכזריות־דיקער פירונג. די גאַנצע גרויזאַם־ראָמאַנטישע געשיכטע פון דעם אויפשטאַנד איז באַקאַנט געוואָרן דער גרויסער וועלט אַ דאַנק דעם שטאַרקן פילם „רעבעליאַן אויף דער באַאונטי". א מענטש־טייוול, מיט אַ טיפער פאַראַכטונג צו אַנדערע מענטשן, מיט אַ ווילדער לוסט צו באַהערשן און מבזה מאַכן די שוואַכערע, אָבער גלייכצייטיק אַ כאַראַקטער פול מיט גבורה און איינשטעלניש, מיט אַ גלויבן אין זיין אייגענעם „שטערן" — אזוי איז ארויסגעקומען די געשטאַלט פון דעם קאַפּיטאַן בליי, סיי אין יענעם גרויסאַרטיקן פילם, סיי פון די געשיכטע־ביכער. ווייזט אויס אז די מיניסטאָרן אין לאָנדאָן האָבן געוואוסט וועמען צו שיקן קיין סידנעי.

ער איז אָנגעקומען פול מיט קאָמפּלוסט און מיט א רעגירונג־פּראָגראַם. ער האָט זיך אונטערגענומען אויסצוראָטן דעם ווייַן־האַנדל „וועלכער האָט אונטערגעגראָבן די מאָראַל פון דער קאָלאָניע". ער האָט פאַרלאַנגט אז מען זאָל אָוועקנעמען פון דאָרטן דעם מיליטערישן קאָרפּוס, ווייל „אויב דאָ דאַרפן שטיין סאָלדאַטן, זאָלן זיי זיין סאָלדאַטן, אָבער נישט אויסגעמישט מיט די אַרעסטאַנטן". ער איז נישט געווען פיינטלעך געשטימט צו דער וואָל־אינדוסטריע, אָבער ער האָט גע־האַלטן אז דער פאַרצוג מוז געגעבן ווערן צו לאַנדווירטשאַפט. האָט ער דערפאַר געזאָרגט וועגן דער לאַגע פון די „קליינע פויערים" מער ווי וועגן אַנדערע גרופּן.

עס איז נישט וויכטיק צוליב וועלכע קאָנקרעטע סבות דער רעבעלישער אויסברוך קעגן בליי איז פאָרגעקומען. אָבער אז ער איז פאָרגעקומען, האָבן אין אים גענומען אָנטייל סיי דער מיליטערישער קאָרפּוס סיי דזשאָן מאַקאַרטור, וועלכער האָט געהאַט דערביי זיינע אייגענע חשבונות מיטן נייעם הערשער. דער גובערנאַטאָר האָט אַרעסטירט מאַקאַרטורן און באַשטימט איבער אים אַ מיליטערישן געריכט פון 6 אָפיצערן. די ריכטער האָבן נישט געוואָלט פאַראורטיילן דעם מאַן און האָבן נישט אויסגעפירט די אינסטרוקציעס פון גובערנאַטאָר. שלוחים, באַפעלן און פראָטעסטן זיינען יענעם טאָג— דעם 26טן יאַנואַר 1808—געפלויגן פון גאָווערנמענט־הויז צום געריכט און צוריק. סוף כל סוף האָבן די אָפיצערן פון קאָרפּוס מאָביליזירט אַ קליינע באַוואָפנטע מחנה, אָוועקגעפירט זי צום רעגירונג־צענטער און אַרעסטירט דעם גובערנאַטאָר בליי. עס פאַרשטייט זיך אז מאַ־

קאַרטורן האָט מען תיכף באַפרייט פון טורמע און אריינגענומען אין דער נייער רעבעלישער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן. דאָס איז בלי ספק געווען אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אין דער געשיכטע פון די ענגלישע קאָלאָניעס. מיט איניקע טעג שפּעטער האָט מאַקאַרטור אַראַנזשירט אַ נייעם פּראָצעס, וועלכער האָט געזאָלט נישט נאָר ריינוואַשן אים נאָר אויך אויף אַ לעגאַלן אופן פאַרמשפּטן דעם געוועזענעם גובערנאַטאָר אין די אויגן פון לאָנדאָן.

אַ פּאָר ציטאַטן וועלן באַווייזן אין וואָס פאַר אַ שטימונג די רעבעלן זיינען געווען. מאַקאַרטור האָט אין דעם טריאומף־טאָג פון דעם אויפשטאַנד אויסגערופן: „קיינמאָל איז נאָך אַ רעוואָלוציע נישט געווען אַזוי געלונגען דורכגעפירט, און מיט אַזויפיל אָרדנונג און צוכט". און צו זיין פרוי עליזאַבעט האָט ער דעמאָלט געשריבן: „איך בין געווען דעם גאַנצן טאָג שטאַרק פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר פריי־הייט פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער קאָלאָניע, און איך בין גליקלעך צו זאָגן אַז איך האָב געהאַט דערפאָלג מער ווי איך האָב דערוואַרטעט. דער טיראַן קריכט איצט מיט די ציין אין פּאַרדרוס וועגן זיין מפּלה..." אויך די מיינונג פון זיין פרוי עליזאַבעט איז באַצייכנענדיק. מיר ווייסן שוין אַז זי איז נישט נאָר די פרוי פון אַן אַנדערן, נאָר אַ פּער־זענלעכקייט פאַר זיך אַליין. האָט זי מיט אַ יאָר פריער פאַר דעם אַויפשטאַנד אין 1807 געשריבן צו איר פריינדין קיין ענגלאַנד אַזעלכע ווערטער:

„אונדזער רעגירונג־סיסטעם דאָ איז זייער שטאַרק. ווי שטאַרק מיין מאַן האָט זיך נישט באַמיט אין ענגלאַנד צו ווענדן די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער רעגירונג אויף אונדזער קאָלאָניע, טראַכטן זיי אָבער ווייניק וועגן אונדז, האָבנדיק מסתמא מער וויכטיקע זאַכן צו טאָן... אונדזער נייער גובערנאַטאָר בליי האָט שוין באַוויזן די איינוואוינער פון סידנעי, אַז ער איז גוואַלטלוסטיק, לייכטזיניק, טיראַ־ניש. נישט קיין זייער אַנגענעמע פּערספּעקטיווע — ביי דעם אָנפאַנג פון זיין הערשאַפט".

לאָנדאָן, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו אַזאַ געשעעניש, און האָט אַרויסגעפאָדערט אַלע אָנטיילנעמער צו זיך אויף אַן אויספאַרשונג. אַ יאָר צייט איז בליי אָפּגעזעסן אַרעסטירט אין סידנעי ביז ער האָט צולעצט אָפּגעטראָטן זיין אָפיציעלן אַמט.

סוף 1809 זיינען אָנגעקומען קיין ענגלאַנד סיי ער, סיי מאַקאַרטור און דזשאָנסטאָן (דער הויפט פון דער רעבעלישער אַדמיניסטראַציע). ביי דער שפּעטערדיקער מיליטערישער אויספאָרשונג איז בליי, אַזוי צו זאָגן, ריינגעוואַשן געוואָרן פון באַשולדיקונגען קעגן אים. אָבער קיין נייעם פּאָסטן פון אַ גובערנאַטאָר אין דער בריטישער אימפּעריע האָט ער מער נישט באַקומען. דזשאָנסטאָן און מאַקאַרטור האָבן אויך נישט געוואונען זייער פּראָצעס, אָבער זיי האָבן אָפּגעשניטן נישט שלעכט. דעם ערשטן האָט מען אָפּגעזאָגט פון עפנטלעכן דינסט, בעת מאַקאַרטור האָט געמוזט אָפּריכטן גלות אין ענגלאַנד אין לויף פון 9 יאָר.

דאָ קומען מיר צו אַ זייער אינטערעסאַנטן פּונקט. די מערסטע געשיכטע שרייבער אין ענגלאַנד און אויסטראַליע האָבן אַרויסגעטראָגן זייער אייגענעם אורטייל וועגן דעם קאָנפליקט: פּאַר מאַקאַרטורן און קעגן בלייען. אָבער אין 1938 איז דערשינען אין סידנעי אַ גרויס בוך מיט אַ דעטאַלירטער אויספאָרשונג פון די ביידע העלדן פון יענעם קאָנפליקט. דעם בוך, אונטער אַ ליצנותדיקן נאָמען, „די וויינ־רעבעליאָן", האָט אָנגעשריבן מיט גרויסן היסטאָרישן פליס דער ריכטער פון אויסטראַלישן העכסטן געריכט (און היינט־צו־טאָג דער אויסטראַלישער אויסערן־מיניסטער) דר. ה. וו. עוואַט. דר. עוואַט איז אַ טעטיקער מיטגליד פון דער לייבאָר־פּאַרטיי; איז ער נישט געווען אינטערעסירט צו פּאַרטיידיקן דעם פּערזענלעכן און סאָציאַלן כבוד פון דעם אַמאָליקן מיליטערישן פריץ, מאַקאַרטור. האָט ער זיך באַמיט מבטל צו מאַכן דעם פּרעסטיזש וואָס איז פאַרבונדן מיט אָט דעם נאָמען בכלל, און גלייכצייטיק האָט ער דערהויבן ביז צום הימל דעם פּרעסטיזש און דעם נאָמען פון אָט יענעם קאַפּיטאַן בליי.

ווי אַזוי מאַכט ער עס? ראשית כל, שילדערט ער זיי ביידע אַלס פאָרטרעטער פון צוויי קעגנערישע סאָציאַלע שיכטן אין דעם דעמאָלדיקן ישוב. „פון איין זייט — זאָגט ער — איז געשטאַנען די לעגאַלע דיקטאַטור פון דעם גובערנאַטאָר אַלס די איינציקע און אָנט־גילטיקע אויטאָריטעט אין דער ציווילער אַדמיניסטראַציע; די דאָזיקע דיקטאַטור האָט בליי פאַרווירקלעכט לטובת די פאַרמערס און די אָרימע קאָלאָניסטן, אַנטקעגן די רייכע הענדלער און מאָנאָפּאָליסטן. פון דער אַנדערער זייט, זיינען געשטאַנען די אָפיצערן אַלס די פירנדיקע

גרופּע פון די וויין־הענדלער און מאָנאָפּאָליסטן וואָס זייער עקאָנאָמישע מאַכט איז געוואָרן באַדראָט״. דר. עוואַט מאַכט דעם ענין נאָך קלאָרער: „דער קאָנפליקט קען ווערן באַטראַכט ווי אַ צוזאַמענשטויס צווישן בליי אַלס דעם פאָרטרעטער פון אַ פּאָליטיק וואָס האָט געשטיצט די קאָלאָניסטן און אָרעמע קלאַסן, און וואַקאַרטור, דעם פאָרטרעטער פון דער אויפשטייגנדיקער קאַפּיטאַליסטישער גרופּע און געלט־מאַכט״.

דער סאָציאַליסט אין אונדזער אויטאָר וויל געווינען די סימפּאַטיע פון לייענער פאַר די אָרעמע שיכטן פון יענער קאָלאָניע וועלכע זיינען געווען פאַרגוואַלטיקט פון די אויפגעקומענע קאַפּיטאַליסטן. די קליינע קאָלאָניסטן דערשיינען אזוי ארום ווי די טרעגער פון דעם עקאָנאָמישן (און אויך קולטורעלן) פאָרטשריט פון לאַנד — קעגן די רעאַקציאָנערן פון געלט־קאַפּיטאַל. די פאָרמעל איז געניג באַקאַנט, אָבער צי שטימט זי אינגאַנצן אין העמאָלדיקן אויסטראַליע? די מערסטע „קאָלאָניסטן״ זיינען דאָך געקומען פון די רייען פון די ארעסטאַנטן וועלכע האָבן ערשט געהאַט אָנגעהויבן בויען א סאָלידן ארבעט־לעבן. צי קען מען זיי אַלע באַצייכענען אלס דעם פּראָגרעסיוון עלעמענט פון דער אַנטוויקלונג? אין משך פון גאַנצן בוך, פון דער אנדערער זייט, דער־מאָנט נישט דער אויטאָר מיט עפּעס רעספּעקט די שעפערישע טעטיקייט פון מאַקאַרטורן אויפן געביט פון שעפּסן־צוכט, וואָס דאָס האָט געפירט צו דעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס פון לאַנד. אפשר טאַקע האָט ער נישט געשטיצט דעם אויפקום פון קליינע פאַרמערס, ווייל ער האָט געזען די צוקונפט פון לאַנד אין דער וואָל־אינדוסטריע. אָבער אין יענער צייט האָט נאָך קיינער נישט געקענט פאָראויסזאָגן וועלכער צוויג פון דערווירטשאַפט וועט אמבעסטן אַנטוויקלען די קאָלאָניע. קען מען דערפאַר מאַקאַרטורס עקשנותדיקע פּיאָנער־ארבעט גאָר נישט מבטל מאַכן לגבי די אנדערע. אַז מען וויל קען מען אפילו זאָגן אַז אומדירעקט האָט ער געפירט צו די ערשטע שריט פון דער לייבאָר־באַוועגונג. די ערשטע טרייד־יוניאָנס אין אויסטראַליע זיינען געבויט געוואָרן גראָד פון די שעפּסן־שערער וועלכע האָבן אראָפּגענומען די וואָל פון די מחנות שעפּסן. די „אמאלגאמייטעד שירערס יוניאָן״ איז געגרינדעט געוואָרן אין 1886.*)

* פון איר איז שפּעטער אויסגעוואַקסן איינע פון די גרעסטע יוניאָנס, אונטערן נאָמען: “Australian Workers’ Union”

דר. עוואַט לייגט גרויסן ווערט אויף צו באַווייזן ווי אומלעגאַל עס איז געווען דער אויפשטאַנד פון מאַקאַרטור און זיינע פריינט. ער זשאַלעוועט נישט קיין פלאַץ אויף צו אַנאַליזירן ביז צום לעצטן דעטאַל סיי די מלוכה־געזעצן, סיי בלייס פולמאַכטן, סיי מאַקאַרטורס אומגעזעצלעכע האַנדלונגען. אָבער צי האַלט ער באמת אז יעטוועדע רעבעליאַן איז „אומגעזעצלעך״? אָדער דאַרף מען זי לכתחילה פאַראורטיילן דערפאַר, ווייל זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון פאַרטרעטער פון א „קאַפּיטאַליסטישער גרופּע״? אויב אזוי, וואָלט מען געדאַרפט פאַרדאַמען דעם פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון זייער א סך גרויסע היסטאָרישע אויפשטאַנדן און באַוועגונגען. ווי אָפט זיינען די קאַמפן פון וואַסאלן און שטעט קעגן זייערע קעניגן אין מיטלאַלטער געווען פּראָגרעסיווע שריט פאָראויס הגם די קעמפער גופא זיינען געווען עקספּלואַטאַטאָרן און פאָלקס־פיינט אין אַן אַנדער געשטאַלט. וואָס זאָל מען זאָגן וועגן דעם „פּראָגרעסיוון״ כאַראַקטער פון דער ענגלישער „מאַגנאַ כאַרטאַ״ ווען מען דערמאָנט זיך אַז זי איז ארויסגעריסן געוואָרן פון קעניג דזשאָן דורך די באַראָנען פון יענער צייט וועלכע זיינען קוים געווען טרעגער פון מענטשהייטלעכע אידעאַלן. און דאָך זיינען די לוחות פון דער מאַגנאַ כאַרטא געווען און געוואָרן אַ באַדייטנדיקער שריט פאָראויס אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

און דערנאָך גייט עוואַט איבער צו דער שילדערונג פון די פּערזענלעכע כאַראַקטערן פון די ביידע קעגנער. „אחוץ דעם ברייטערן עקאָנאָמישן און קלאַסן־אַנטאַגאָניזם האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע די פּערזענלעכע קעגנערשאַפט, ווייל דער קאַמף פאַר הערשאַפט איז געפירט געוואָרן פון צוויי מענער מיט אַ שטאַרקן ווילן. נישט בליי און נישט מאַקאַרטור זיינען געווען דער טיפּ פון מענטשן וואָס גיבן זיך אונטער אָן אַנדערן אָן א געוואַלטיקן קאַמף״. היות ווי אונדזער אויטאָר האָט א גרויסע סימפּאַטיע פאַר דעם בליי, באַשרייבט ער אים אין די סאַמע העלסטע פאַרבן. מיר דערגייען אז יענער ברוטאַלער שיפס־קאַפּיטאַן פון סוף פון 18טן יאָרהונדערט איז געווען באַשאַנקען מיט אַן א שיעור מעלות. ער איז געווען געבילדעט, ווי די ביכער פון זיין שיף־ביבליאָטעק באַווייזן. ער איז געווען א מאַן מיט פאַנטאַזיע און מוט; ער איז געווען עקשנותדיק אין דער דערגרייכונג פון זיינע צילן. אַי ער האָט אָפּגעטאָן מעשים תעתועים אויף דער „באַאונטי״? דאַרף מען אָבער פאַרשטיין אז אויב די דיספּיצלינאַרע

שטראָפן וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט דערשיינען טאָקע אַ ביסל הארט אין די אויגן פון דעם היינטיקן דור, זיינען זיי אָבער נישט געווען הארט ווען מען שאצט זיי אָפּ לויט דעם מאָסשטאַב פון יענער צייט. (אויב אזוי, דאַרף מען דאָך אויך מאקארטורס שאַרפע ארויסטריטן אָפּשאַצן לויט די דעמאָלדיקע מאָסשטאַבן?) מען זאָגט — שרייבט ווייטער עוואַט — אז בליי איז נישט געווען קיין זשעני. זאָל זיין אַזוי; אלץ הענגט אָפּ דערפון ווי מען דעפינירט דעם באַגריף זשעני... מען מוז אויך געדענקען אז בליי האָט נישט געהאט קיין שום פּראָ־טעקציע אין די ערשטע יאָרן פון זיין קאַריערע, און אז זיין שאַרפער און צומאָל גראָבער כאַראַקטער האָט געשטערט זיין באַוועגונג פאָר־אויס״. (פאַרוואָס זאָל מען נישט אָנווענדן די דאָזיקע פריינטלעכע קריטיק אויך צו מאַקאַרטורן?). עוואַט פאַרגעסט נישט אפילו דאָס נשמה־לעבן פון זיין העלד. „בלייס פּערזענלעכע און פאַמיליע־באַצי־אונגען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפסטער ליבע און איבער־געגעבנקייט. זיין פרוי, די „בעטסי״ אין זיינע בריוו, איז פאַר זיך אליין געווען א זייער פעאיקע און מערקווירדיקע פרוי. זי האָט מוטיק פאַרטיידיקט דעם מאַנס כבוד און נאָמען בעת ער איז געווען אין אויסטראַליע״. (מיט קיין איין וואָרט דערמאָנט ניט דער אויטאָר די אַנדערע מערקווירדיקע פרוי וואָס איז געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון מאַקאַרטורן).

דערפאַר אָבער איז נישטאָ קיין איין דבר אסור וועלכן ער זאָל נישט צוווארפן מאַקאַרטורן. עס איז אינטערעסאַנט מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט דאָס ווערט געטאָן לגבי אַ פיגור פון א הונדערט יאָר צוריק. עס ווערן פאַרדעכטיקט אלע זיינע שריט און רייד. עס ווערט געוואָרפן א חשד אפילו אויף דעם באַפעל פון מיניסטער קעמדן אין 1804 צו געבן אים 10,000 אַקער לאַנד פאַר דער וואָל־ווירטשאַפט. מאַקאַרטור ווערט געשילדערט ווי אַ מענטש וואָס קען ארייַנקריכן אין יעדן מענטשנס צוטרוי און ארויסבאַקומען פאַר זיך די גרעסטע מאַטעריעלע טובות. אָט ווי ער ווערט געשילדערט למשל: „מאַ־קאַרטורס כאַראַקטער איז באַצויבערנדיק. ער איז געווען אַן אויסער־געוויינלעכער מענטש, באַזעסן פון אַ גלויבן אין דער צוקונפטיקער גרויסקייט פון דעם קליינעם ישוב, אָבער ער האָט ביי אַלע געלעגנ־הייטן גלייכגעשטעלט זיין פערזענלעכן פאַרטשריט מיטן פּראָגרעס פון דער קאָלאָניע. ער האָט אָנגעזאמלט א קליין פאַרמעגן, מערסטנס

א דאַנק דעם ווייַן־האַנדל און אויפקויף פון אַלע אַנדערע סחורות. אָבער ער האָט פאַרמאָגט אויך אַ אײדעלערע ווײזע און האָט זיך גע־סטאַרעט צו לייגן די יסודות פון פּי־צוכט. דאָך איז ער געווען א מענטש אָן אַ געוויסן און אָן רחמנות."

צוויי מאָראַלישע מאָסן ווערן דאָ אַנגעווענדעט צו צוויי מענטשן. די עפּאָכע אין וועלכע בײדע האָבן געלעבט איז געווען אַ האַרטע און אַ גרויזאַמע. די קאַפּיטאַנען און קאָלאָניזאַטאָרן פון יענער עפּאָכע זײַנען ווייט געווען פון ווייכקייט און איידלקייט. נאָר די פּאָליטישע לײדנשאַפט פון היינטיקן טאָג קען זיך דערלויבן צו שטעלן זיך אויף איין זייט און פשוט דערקלערן דעם איינעם פאַר אַ רשע, דעם צווייטן פאַר אַ צדיק. מיט א צייט שפּעטער נאָכן לייענען זיין בוך, האָב איך זיך געטראָפן מיט דר. עוואַט. עס איז געווען באַלד נאָך די פּאַרלאַמענט־וואַלן, צוליב וועלכע ער איז אַראָפּ פון דעם פּאָדיום פון הויכן געריכט און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין פּאָליטיק. ער איז דעמאָלט געוואָרן ווידער א פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. קיין מערהייט האָט אָבער לייבאָר ביי יענע וואַלן — סעפּטעמבער 1940 — נישט דערגרייכט, און עוואַט האָט אָפן אַרויסגעזאָגט זיין פּאַרדרוס. „אָך, ווען מיר וואָלטן באַקומען נאָך א 3־4 דעפּוטאַטן!" — האָט ער שטיל אויסגערופן צו זיך אַליין. מען האָט גענומען ריידן וועגן ליטע־ראַטור, און איך האָב דערמאָנט זיין „ווייַן־רעבעליאָן"־בוך. איז ער געוואָרן אַ ביסל אויפגעלעבט און האָט געזאָגט: „און איך האָב דאָך נאָך נישט אויסגענוצט אַלע מאַטעריאַלן. די פאַמיליע מאַקאַרטור האָט אריינגעגעבן פעקלעך דאָקומענטן אויף צו היטן אין דער מיטשל־ליבראַרי, אָבער מען טאָר זיי נישט באַנוצן. נאָכן דערשײנען פון מיין בוך האָבן זיי צוגעזאָגט צו דערלאָזן לייענען די פּאַפּירן."

אַן אַנדערש מאָל בין איך געזעסן ביי דער מיס מאַקאַרטור, בעת צו איר איז אַנגעקומען מיט אַ שטיקל געריוש אַ הויכער, שטאַר־קער אַלטער מאַן. זי האָט מיך פאָרגעשטעלט צו איר ברודער, אַ געוועזענעם גענעראַל פון דער ענגלישער ארמיי. ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט און גענומען ריידן אין אַ ברוגזדיקן און גוטמוטיקן טאָן. דעמאָלט איז „פינלאַנד" געווען אויף דער טאָג־אָרדנונג. האָט ער זיך געבייזערט וואָס מענטשן שיקן געלט פאַרן פינלאַנד־פאָנד און ווייזן דערביי אָן אויף וואָס עס זאָל ווערן פאַרנוצט. „געהערט אַ מעשה? דער זאָגט אז מען זאָל קויפן עסנוואַרג פאַר די בירגער,

דער אַנדערער עצהט צו קויפן קוילן־וואַרפער. שוטים וואָס זיי זיינען. די רעגירונג וועט שוין בעסער וויסן וואָס צו טאָן. מען דאַרף שיקן געלט און אַראָפּ פון מאַרק״ . . . דער כעסן האָט זיך פריינט־לעך צוגעהערט צו מיין זאַך. אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן זיין עלטער־זיידן און איך האָב דערמאָנט עוואַטס בוך, האָט ער זיך לוסטיק־בייז פאַנאַנדערגעלאַכט: ווייס איך וואָס . . . מסתמא געווען אַ טייערער חברה־מאַן . . . אָבער עפּעס האָט ער דאָך אויפגעטאָן . . .

:: ::

מיר האָבן נאָך צו דערציילן אַ ביסל וועגן דעם „חברה־מאַנס״ לעבן נאָך דער רעבעליאַן. פון מיליטערישן געריכט איז ער אַרויס, ווי געזאָגט, נישט צעמזיקט, אָבער ער האָט געמוזט פאַרבלייבן אין ענגלאַנד. ער האָט נישט געוואָלט צוריקקערן זיך קיין אויסטראַליע ביז ער וועט נישט האָבן אַ גאַראַנטיע אַז די רעגירונג וועט אים נישט פאַרפאָלגן פאַר דעם אָנטיילנעמען אין דעם בליי־עפּיזאָד. אַזאַ גאַראַנטיע האָט ער יאָרן לאַנג נישט געקענט באַקומען. אין יאָר 1812 האָט ער געשריבן צו זיין פרוי: „די אינפאָרמאַציע פון דיינע בריוו האָט נאָר באַשטעטיקט מיין איבערצייגונג אַז גרויסע ענדע־רונגען מוזן פאָרקומען און אומצאָליקע פאַראורטיילן מוזן ווערן באַ־זייטיקט איידער איך וועל אפילו קענען האָפן אַז מען וועט מיר דערלויבן צו לעבן ווידער אין דער היים אָן געפאַרן און פאַרפאָלגונגען. אַ מענטש מיט מיינע באַקאַנטע פּרינציפּן מוז ווערן געהאַסט און פאַרשריען אין אַזאַ קאָלאָניע, און אַז מען לייגט נאָך צו דערצו די קנאה צו מיין וואוילשטאַנד, וואָס קען איך דערוואַרטן אין אַזאַ געזעלשאַפט? עס איז ווי אַ שווערד וואָס הענגט אויף אַ האָר איבער מיין קאָפּ״. מיט יאָרן שפּעטער האָט מאַקאַרטור געגומען פאָדערן פון דער רעגי־רונג אַז מען זאָל פאַרענדיקן זיין גלות. האָט אים אין 1816 געענטפערט דער מיניסטער מיט אַזאַ בריוו: „נעמענדיק אין באַטראַכט די לאַנגע צייט וואָס איר זענט געווען אָפּגעשיידט פון אייער פאַמיליע, ווי אויך אייערע אויפטועז לטובת דער לאַנדווירטשאַפט און וואוילשטאַנד פון דער קאָלאָניע, און, ראשית כל, אייער פאַרזיכערונג אַז איר פאַר־שטייט פולשטענדיק די שעדלעכקייט פון דער טעטיקייט וועלכע האָט געפירט צו אייער אָפּפאָר פון דער קאָלאָניע, — זעען מיר נישט קיין שטערונג צו אייער צוריקקער אַהין״.

מאַקאַרטור האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָנצודערקענען זיין אייגענע שולד און אָפּצוזאָגן זיך אַזוי אַרום פון זיינע פּרינציפּן. אויב די רעגירונג באַשולדיקט אים — האָט ער געשריבן ווידער צו זיין פרוי — זאָל זי אָפן ארויס דערמיט, אָבער נישט צווינגען אים צו דערקלערן זיך פאַר שולדיק. „אויב זיי וועלן מיך באַשולדיקן אומזיסט, וועט די עפנטלעכע מיינונג אנטשיידן צווישן אונדז, און אויב זי וועט זיי דעמאָלט פאַראורטיילן פאַר דער אונטערשטיצונג פון אַ טיראַן און באַדריקער, וועלן זיי עס האָבן געבראַכט אויף זיך אליין. איך האָב געענטפערט דער רעגירונג אַז איך וועל מער נישט ליידן שוויַיגנ־דיק און אַז אויב אַ פריינטלעכער אָפּמאַך וועט נישט ווערן אָפּגעשלאָסן, וועל איך זיך ווענדן מיט אַ פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט און אויפדעקן איינגאַנצן די אומטאַטן פון מר. בליי פון וועלכע איך באַזיץ גענוג באַווייזן". נאָך געוויסע פאַרהאַנדלונגען האָט מען זיך סוף כל סוף צונויפגערעדט, אַזוי אַז אין 1817 איז ער אָפּגעפאָרן אַהיים. ער האָט זיך נישט געלאָזט בויגן.

די לעצטע יאָרן זיינע האָט ער זיך שוין איינגאַנצן אָפּגעגעבן צו דער ברייטער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין זיינע ביידע מאַיאָנט־קעס. די וואָל־פּראָדוקציע האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, און אין די יאָרן 1822־24 האָט ער באַקומען פון דער לאָנדאָנער „סאָסייטי אָף אַרטס" דריי גאָלדענע מעדאַלן פאַרן אימפּאָרט פון גרויסע טראַנס־פּאָרטן פון פיינעם וואָל קיין ענגלאַנד. ביי די פאַקטן קענען מיר אָפּשטעלן די געשיכטע פון אָט דער מערקווירדיקער קעמפערישער און שעפערישער פאַמיליע וואָס האָט געהאָלפן אויפבויען אויסטראַליע.

:: ::

מיר איז געווען אַ פאַרגעניגן צו מאַכן אַ קליינע וואַנדערונג דורך די דאָזיקע דאָקומענטן און באַקאַנען זיך מיט די דערציילונגען פון אַזאַ פאַמיליע, בעת איך פלעג פון צייט צו צייט קומען זען און פירן שמועסן מיט זייער אור־אייניקל, מיס סיבעלאַ מאַקאַרטור. יעדעס מאָל ווען איך פלעג צוקוקן זיך צו איר געזיכט און הערן אירע רייד, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק פון טיפער ערנסטקייט און אומדער־שיטערטער טריישאַפט צו אירע אידייען. און די אידייען זיינען געווען: מוטערלעכע איבערגעגעבנקייט צו ענגלאַנד מיט אויסטראַליע און אינערלעכע פאַרבונדנקייט מיט דער גרויסער וועלט פון דער

מענטשהייט. דערפון האָט זיך גענומען איר עכטער אינטערעס צו דעם יידישן פּראָיעקט אין די קימבערליים. דער ווייטער אויסקוק פון א קאָלאָניזאַטאָר וואָס זעט בליענדיקע פעלדער דאָרטן וואו אמאָל האָט געהערשט מדבר, און די וויטהארציקייט פון אַ רעליגיעז־הומאַ־ניטערן מענטשן וואָס פאַרגעסט נישט די וועלט־צרות, — דאָס צוזאַמען האָט זיך פאַראייניקט אין אָט דער פרוי, דער יורשטע פון אַמאָליקן פּיאָנער־גייסט. אויב זי האָט נישט אינגאנצן פאַרטרעטן דאָס אויס־טראַליע פון היינט, איז זי אָבער צווישן די אָנזאָגערס פון אויסטראַ־ליעס מאָרגן.

זאָלן אַ פּאָר אירע בריוו צו מיר ריידן וועגן איר אליין. „אַ גרויסן דאנק — שרייבט זי אין 1941 — פאַר די נייעסטע מאַטעריאַלן וועגן יידישן ישוב אין קימבערליי. איך האָב זיי פלייסיק שטודירט. ווי שטאַרק עס ווילט זיך האָפן אז דאָס זאָל ווערן אַ ווירקלעכקייט!... איך רעכן אז פאר אַ געוויסער צייט וועלן נישט זיין קיין פרייע שיפן פאַר אימיגראַציע, אָבער אויב נאָר די פעדעראַלע רעגירונג וואָלט געגעבן איר צושטימונג, וואָלט מען געקענט א סך אויפטאָן אין צו־גרייטן דעם פּלאַן".

אין ניי־יאָר טאָג פון 1942: "די צייט איז פול מיט אומגעוויינ־לעכע זאָרג. דאָך נישט געקוקט אויף דער געפאַר וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אונדזערע ברעגעס, פיל איך אז די אימפּעריע און די זאַך פאַר וועלכע זי קעמפט געפינט זיך היינט אין אַ בעסערער לאַגע ווי פאַראַיאָרן. דאָס איז אין א גרויסער מאָס א דאַנק רוסלאַנד און דעם גרויסן רוסישן פאָלק... אזוי ווי איר, גלויב איך נישט אַז איך זאָל ווען נישט איז האָבן פאַרלוירן מיין גלויבן אין דעם נצחון פון גערעכטיקייט איבער יענע פאַרדאָרבענע פירער וואָס שטעלן זיך דעם אַנטקעגן. אָבער עס איז איצט אַ טרויעריקע צייט; טרויעריק איז צוצוזען דאָס ליידן, דאָס אומנויטיקע ליידן וואָס אזעלכע מלחמות רופן ארויס. עס איז אַ צייט פול מיט זאָרגן פאר יענע וואָס זיינען טייער צו אונדז און פאר די וואָס ליידן...

...איך בין שטאָלץ וואָס איר האָלט פאַר אינטערעסאַנט די בריוו פון מיין עלטער־עלטער־באָבען. זי איז געווען אַ וואונדערבאַרע פרוי אין אַ וואונדערבאַרער עפּאָכע. איך גלויב נישט אז איך בין ווערט

דעם כבוד אז מיין בילד זאָל שטײן נעבן אירס... איך ווינטש אז דער יידישער ישוב אין קימבערליי זאָל ווערן אַ געשעענער פאַקט אין לויף פון נעקסטן יאָר..."

:: ::

אין מאַי 1943 האָב איך זי געזען צום לעצטן מאָל פאַר מיין אָפפאָר פון אויסטראַליע. אירע לעצטע ווערטער צו מיר זיינען געווען: „גאָד בלעס יו".

אין יענעם יאָר איז זי געשטאָרבן.

איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע?

איך בין געזעסן אין אַ הויז פון אַ יידישער אַריסטאָקראַטישער דאַמע אין סידנעי. איך האָב זיך געהאַט מיט איר געטראָפן מיט צוויי יאָר צוריק אין לאָנדאָן בעת מיר האָבן געזוכט פאַרבינדונגען מיט אויסטראַלישע בירגער כדי ארויסצוגעפינען דורך זיי די שטימונג בנוגע א קימבערליי־פּראָיעקט. די עלטערע בכבודיקע ליידי וואָס איז דורך פאַמיליען־באַנדן פאַרקניפּט מיט די העכסטע יידישע קרייזן אין אויסטראַליע, האָט מיך דעמאָלט זייער דערמוטיקט. איצט ווען זי איז נאָך צוואַנציק יאָר אָפּוועזנהייט צוריקגעקומען אַהער, האָט זי אַנדערש געקוקט אויף דער זאַך. זי האָט אויסגעהערט מיין דערציי־לונג וועגן אונדזער ארבעט דאָ און האָט דערנאָך סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס? — האָב איך איר געפרעגט.

און זי האָט מיט רואיקער זיכערקייט געענטפערט: ווייל דאָ אין לאַנד איז פאַראַן אַן אַנטיסעמיטישע שטימונג... זיי וועלן נישט צו־שטימען צו אַזאַ יידישן פּראָיעקט... גלויבט מיר, איך קען דאָס לאַנד און די באַפעלקערונג... עס האָט זיך דאָ קיין זאַך נישט געענדערט פאַר די 20 יאָר... שוין דעמאָלט איז עס געווען אַזוי...

גלייך קעגנאיבער אָט דער רייכער און זעלבסטצופרידענער פרוי איז געזעסן ביים טיש אַ קליינע, גאָר יונגע פרוי מיט אַ דינינקער פיגור, מיט א נערוועזן מיידעלשן געזיכט. פון דערווייטנס וואָלט מען געקענט מיינען: דאָס איז אַ קינד וואָס פאַרענדיקט ערשט איצט די שולע. אין דער אמתן איז עס געווען אפשר דער קלאַסישער טיפּ פון אַ וואויל־דערצויגענער, צאַרטער יידישער פּליטים־פרוי. זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און באַלד אויך ענערגיש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, אַזוי איז עס טאַקע... די מענטשן דאָ זיינען קעגן יידן, בעסער געזאָגט, קעגן אויסלענדער... זיי באַהאַלטן עס נישט...

— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ אין לאַנד — האָב איך איר איבערגעריסן.

— מער ווי אַ יאָר, אָבער איך האָב געטראָפן דאָ אַ סך מענטשן פון מיטל־קלאַס, פון די הענדלער, פון אַרבעטער.

איך האָב פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער באַהויפּטונג פון דיביידע פרויען: פון דער אַלטער און דער יונגער, פון דער אין אויסטראַליע דערצויגענער און דער פון איראָפּע געקומענער. די טעמע איז אַ וויכטיקע, און מען מוז איר אָפּן באַהאַנדלען. זי קומט ארויף אין געשפּרעכן זייער אָפט, און זי פירט צו פאַלשע און אפילו געפערלעכע אויספירן. מיר דוכט, איך האָב אַ ביסל רעכט צו ריידן וועגן דעם, ווייל איך האָב זיך געטראָפן פאַר דער צייט פון מיין זיין אין אויסטראַליע מיט זייער אַ סך מענטשן. נישט ווייניקער ווי אַ טויזנט נישט־יידישע אויסטראַליער האָב איך געטראָפן — פאַר פיר יאָר — אין שמועסן און דיסקוסיעס. דערביי האָב איך פאַרהאַנדלט מיט זיי דירעקט וועגן אַ יידישער אָנגעלעגנהייט: אַ פּראָיעקט פון אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע ביי וועלכן עס האָבן געמוזט באַרירט ווערן דעליקאַטע פראַגן וועגן יידן בכלל, זייערע באַשטעפּטיקונגען און זייער פּסיכאָלאָגיע. אָט די דערפאַרונג מיינע האָט אין מיר געשאַפן די פעסטע איבערצייגונג אז עס איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע.

די מערסטע מענטשן וואָס האָבן דערמאָנט די אַנטיסעמיטישע שטימונג אין דער באַפעלקערונג (און עס זיינען געווען צווישן זיי סיי יידן סיי ערנסטע נישט־יידן) האָבן נישט געהאַט קיין סיסטעמאַטישן באַווייז דערפון. זיי האָבן נאָר דערמאָנט איינצלנע באַווייזן פון אַנטי־סעמיטישע אָדער בכלל אַנטי־פרעמדע ארויסטרעטונגען. אַ פּאָר פון זיי ברענג איך דאָ:

1) איך בין געפאָרן אין טראַמוויי און געבעטן דעם קאָנדוקטאָר צו זאָגן מיר ווען אויסצושטייגן אין אַ געוויסן פּלאַץ. עס איז דערווייל אַריבער אַ סך צייט, און דער קאָנדוקטאָר האָט געקענט האָבן פאַרגעסן וועגן מיין ביטע. האָב איך געפרעגט אַ הערן אין וואַגאָן, און אַז ער האָט מיר אָנגעוויזן דעם פּלאַץ האָב איך אַ צי־געגעבן דעם סיגנאַל־שנור. מיט כעס האָט עס באַמערקט דער קאָנדוקטאָר, און פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער גענומען שרייען: איר קענט גיין צוריק צו היטלערן! גייט צוריק צו היטלערן!...

2) איך מיט מיין מאַן האָבן זיך אין אָוונט־צייט צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין אַ קליינעם גאָרטן. דאָרטן איז שוין געזעסן אַן עלטערע אויסטראַלישע פרוי. נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר ביידע האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך אין ענגליש, האָט זיך די פרוי געווענדט צו אונדז מיט אויפרעגונג און פאַרדרוס. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף די אויסלענדער, די פּליטים, וואָס פאַרפּלייצן אויסטראַליע, וואָס האָבן זייערע אייגענע מאַנירן און געוואוינהייטן, וואָס מאַכן דעם אויסטראַ־ליער ענג דאָס לעבן... (שפּעטער — נאָך אַ לענגערן שמועס מיט די ביידע אימיגראַנטן — האָט זי דערקלערט אַז זי איז אַן ענגלענדערין און האָט געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר דאָס געזאָגטע).

3) די טעג ביין איך געגאַנגען עפּעס קויפן אין דעם אויבסט־געשעפט אין מיין גאַס. דאָס קליינע געשעפטל געהערט צו אַ דייטשן עמיגראַנט. האָט מיך דערזען אַן אויסטראַליער, דער באַלעבאָס פון אַן אַנדערן אויבסט־און פּרוכט־קראָם קעגנאיבער. מיט סאַרקאַזם און איינגעהאַלטענעם כעס האָט ער גענומען מאַכן פאַרוואורפן פאַרוואָס איך אונטערשטיץ דעם אויסלענדער און נעם צו פּרנסה ביי דעם אויסטראַליער.

4) עס איז באַקאַנט אַז אַ ייד ווערט נישט צוגעלאָזן אלס מיט־גליד אין אַ ריי אויסטראַלישע קלובן. אָט איז פאַראַן אין מיין געגנט אַ פיינער גאָלף־קלוב צו וועלכן איך וואָלט זייער געוואָלט געהערן. איז אָבער דאָרטן פאַראַן אַ געשריבענער צי אַ נישט־געשריבענער פונקט פון סטאַטוט לויט וועלכן אַלע, אחוץ יידן, ווערן צוגעלאָזן צו מיטגלידערשאַפט... פאַרוואָס? ווייס איך נישט. מיט די מיט־גלידער פון אָט דעם קלוב טרעף איך זיך אין דער סיטי, אין רעסטאָ־ראַנען, אפילו אין זייערע היימען, — אָבער אין קלוב ווער איך נישט צוגעלאָזן...

די צאָל פון אַזעלכע און ענלעכע פאַלן קען מען פאַרגרעסערן אָן אַ שיעור. אָבער צי זיינען זיי איבערצייגנדיק? באַווייזן זיי באמת אַז דער אונטערגרונט פון אויסטראַלישן לעבן איז שוין דורכגענומען מיט דעם אַנטיסעמיטישן גיפט? קעגן יענע „פאַלן" וואָלט איך געקענט ציטירן אַ ריי אַנדערע וואָס באַווייזן גראַד דעם היפּוך דערפון: די יידן־פריינטלעכע שטימונג פון די אויסטראַליער. אָט נאָר אייניקע אַזעלכע באַווייזן:

1) עס קומט אָן אין מאַי 1939 קיין אויסטראַליע א יונגע יידישע עמיגראַנטין. אין דייטשלאַנד איז זי געווען א דאָצענטין פאַר זאָאָלאָגיע אין אן אוניווערזיטעט און האָט זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען. דערפאַר טאַקע, ווען מען האָט זי פאַרטריבן פון היימלאַנד, האָט זי ווידער געפונען אַ וויסנשאַפטלעכע שטעלע אין איטאַליע. אָבער אויך פון דאָרטן האָט זי באַלד געמוזט אַוועקגיין. דער טאָפּלדיקער צוזאַמענבראָך פון איר יונגן לעבן האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף איר, אַז צוויי וואָכן צייט האָט זי זיך באַהאַלטן פון מענטשן אויפן שיף וואָס האָט זי געפירט אין דאָס דריטע לאַנד. זי האָט געוואָלט ווידער קומען צו זיך, ווידער דעראָבערן דעם זעלישן גלייכגעוויכט פון אַמאָל. עס איז איר געלונגען, און אַ רואיקע און האָפנונגפולע איז זי אַראָפּגע־גאַנגען אויף דער ערד פון אויסטראַליע.

זי האָט דאָ נישט באַקומען קיין וויסנשאַפטלעכן פּאָסטן; האָט זי זיך באַזעצט אין א קליינעם שטיבל אין אַ דאָרף־געגנט נעבן סידני. זי האָט געפונען אַ ביסל אַרבעט אַלס אַ באַראַטערין אין הינער־צוכט; פאַרמערס פון דער אומגעבונג האָבן זיך פון צייט צו צייט געווענדט צו איר. פיר אויסטראַלישע פרויען פון אַרום וואָס האָבן אַליין, מיט אייגענער האַרעוואַניע, געפירט זייערע קליינע פאַרמס, האָבן איר תיכף איינגעלאַדן צו זיין זייער גאַסט: ביי יעדער צו וואָך צייט. און דערנאָך האָבן זיי איר נישט געלאָזן אויסגעבן דאָס ביסעלע פאַרדינסט אירן אויף עסנוואַרג: זיי, זאַלבעפערט, האָבן סיסטעמאַטיש אריינגעשיקט אין איר הויז אַלע נויטיקע שפּייזן. „עס קומט מיר זעלטן אויס — האָט זי דערציילט מיט א שמייכל — צו קויפן עפּעס פאַר מיר״.

די דאָזיקע פרויען פון אויסטראַלישן פאָלק האָבן געוואוסט אַז זי איז אַ פּליט און אַ יידישע טאָכטער. זיי האָבן איר דערקלערט אַז זיי מוזן ליידער העלפן מיט פּראָדוקטן, ווייל זיי פאַרמאָגן נישט קיין געלט.*

2) אַ יידישער אַדוואָקאַט פון דייטשלאַנד איז געפאָרן קיין אויס־טראַליע מיט גרויסע האָפנונגען. ער האָט באַלד אויסגעפונען אַז זיינע קענטעניש און דערפאַרונג קענען דאָ נישט אויסגענוצט ווערן.

---

* די פרוי, פריילין דר. קאַציזנער, האָט זיך אין יאָר 1942 גענומען דאָס לעבן.

האָט ער נישט געקענט געפינען קיין פּאַסיקערע אַרבעט פאַר זיך ווי צו ווערן אַ גאָרטן־אַרבעטער. ער האָט עס קיינמאָל נישט געטאָן פריער, אָבער נישט געווען קיין אַנדער ברירה. איינצעלנע גאָרטן־באַזיצער פלעגן אים צולאָזן טאָן ארבעט ביי זיי. האָט ער געפּראַצעוועט מיט דאנקבאַרקייט און מיט שרעק, ווייל ער האָט זייער אָפט געטאָן שאָדן צו די גאָרטנס. ווי אָפט פלעגט ער אַרויסקאָרטשעווען פון דער ערד אַזעלכע גראָזן און געוויקסן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ווילד־גראָז, בעת דאָס זיינען געווען פיינע טראָפּישע פלאַנצן. נאָך אַ שווערן ארבעטס־טאָג, אין דער היץ, מיט אַ געבויגענעם רוקן, פלעגט ער גיין אָפּרעכענען זיך מיט דער באַלעבאָסטע און מיט אַנגסט געוואַרט אויף אַן אָפּזאָג. אָבער דער אויסטראַליער האָט, פאַרקערט, פריינטלעך איינגעלאַדן אים ווידער צו קומען. איבער די שאָדנס האָט ער געלאַכט: דער אויסלענדער מוז זיך דאָך אויסלערנען...

3) אַן אַנדער געוועזענער יידישער אַדוואָקאַט, פון עסטרייך, האָט געהאַט איבערצולעבן שווערע טעג אין מעלבורן. אין אַ באַלעבאַטער געשעפט־גאַס האָט ער געעפנט אַ קראָם מיט גענוצטע מעבל. כדי צו אַנטוויקלען דאָס געשעפט האָט ער אָפּגעקויפט א דערבייאיק קליין הויז אין וועלכן עס האָט שוין פון פריער עקזיסטירט פונקט אזא קראָם און האָט געקינדיקט דעם קאָנקורענט. יענער אָבער איז געווען אַ קריסט, אַן אַלטער מאַן מיט א שווער־קראַנקן זון. דער מאַן האָט נישט געוואָלט פאַרלירן זיין פרנסה־פּלאַץ און האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוראַמען די קראָם. אַז דער עמיגראַנט האָט דערלאַנגט אויף אים אַן אָנקלאַגע אין געריכט, האָט דער אַלטער אויסטראַליער אָנגעהויבן אַ קאַמף. אויף זיין ברייטן שוי־פענצטער זיינען דערשינען שרייענדיקע פּלאַקאַטן מיט אָנפאַלן אויף יידן און די פּליטים. אַנטיסעמיטישע אויסשניטן פון א גרויסער צייטונג האָבן באשיינט דאָס גלאָז מיט אַזעלכע אויפשריפטן, ווי "Refu-Jews" „אונדזערע קינדער גייען קיין אייראָפּע אויף דער מלחמה, און זיי פאַרכאַפּן דערווײַלע אונדזערע פּלעצער". ארום די פּלאַקאַטן האָבן זיך געזאַמלט קופּקעס מענטשן; פלינקע זשורנאַליסטן האָבן פאָטאָגראַפירט די געשעענישן. דער אַדוואָקאַט — דער פּליכטלינג — האָט דערפילט דעם זויערן טעם פון וויין.

מיט א פאָר פריינט בין איך דעמאָלט געקומען צו אים, כדי אויפצוקלערן די זאַך. מיר האָבן אים געבעטן צונויפצורײדן זיך מיט זיין

קעגנער, און מיר זיינען אריין גלייך צו יענעם ברוגזדיקן שכן. מיר האָבן דערזען גאַרנישט דאָס וואָס מען האָט דערוואַרט לויט קלאַסישע מוסטערן פון אנדערע לענדער. א קרעפּטיקער מאַן פון א יאָר 75 האָט אונדז אויפגענומען מיט פריינטלעכקייט. ער האָט תיכף דער־קלערט די סבה פון זיין פאַרדרוס; ער האָט זיך געהאַלטן פאַר באַעוולט פון דעם דייטשן קויפמאַן. „דאָס קליינע געשעפט געהערט נישט מיר — האָט ער געזאָגט — נאָר מיין זון וואָס ליגט לונגען־קראַנק אין א שפּיטאָל. אָט דאָס איז זיין פרוי". א יונגע אומעטיקע פרוי איז שווייגנדיק געשטאַנען דערביי. זיי האָבןביידע מורא געהאַט פאַר דעם נייעם עקאָנאָמישן כח וואָס גייט קעגן זיי. דאָך איז דער אלטער געווען גרייט צו קומען צו אַ שלום. עס וואָלט זיך אים גריילעך געוואָלט פאַרבלייבן אויפן אלטן אָרט, אבער זאָל שוין זיין אזוי: די ביידע צדדים וועלן זיך בייטן מיט די פלעצער, און ביידע געשעפטן וועלן פאַרבלייבן אויף דערזעלביקער גאַס... מער האָבן מיר נישט געוואָלט, און מיר האָבן באַלד צונויפגעפירט די ביידע מענער. „ווי אזוי האָט איר געקענט ארויסהענגען אזעלכע מיאוסע פּלאַקאַטן אויף אייער פענצטער?" — האָבן מיר דעם אויסטראַליער געפרעגט. — „ווי אזוי פּאַלט איר אָן אויף פליטים, אויף יידן בכלל צוליב אַ קאָנפליקט מיט איינעם פון זיי?"

— יאָ — האָט ער געענטפערט — מיר איז דאָס אויך נישט געווען צום האַרצן. אָבער אז יענער האָט אָנגעזאָגט קאַמף, האָב איך אויך „אויסגעטאָן דעם רעקל" (ד. ה. פאַרקאַשערט די אַרבל). ווי אַזוי קען איך זיין קעגן יידן אַז דער דאָקטאָר וואָס היילט אזוי גוט מיין זון אין שפּיטאָל איז אַ ייד?...

עס איז געווען קלאָר: אַנדערע, פרעמדע לייט האָבן זיך געהאָט אריינגעמישט אין דער זאַך, כדי פאַנאַנדערצובלאָזן די שנאה צו יידן. דער אַלטער האָט טאַקע באַלד אַראָפּגעריסן די פּלאַקאַטן. ריידנדיק וועגן זיין קעגנער, האָט ער מיט מיטלייד באַמערקט: „ווי שטאַרק ער האָט זיך פאַרענדערט אין פנים פאַר די לעצטע צוויי וואָכן!... ער איז געוואָרן אַ האַלבער!"... צו דעם האָט ער נישט געוואוסט אַז די פרוי פון דעם פליט־אַדוואָקאַט איז געלעגן אויפן צווייטן עטאַזש פון דעם הויז מיט א לעבנסגעפערלעכן האַרץ־פעלער וועלכן זי האָט געהאַט מיטגעבראַכט פון די טעראָר־וואָכן אין ווין.

אזוי אַרום האָט דער קליינער עקאָנאָמישער קאָנפליקט געלאָזט אונדז אריינקוקן אין דעם לעבן פון צוויי נישט זייער גליקלעכע פאַמיליעס. אויך דער יידישער עמיגראַנט האָט נישט ריכטיק גע־האַנדלט; ביי א גרעסערן מאָס טאַקט וואָלט עס נישט געקומען צו דער פיינטלעכער דעמאָנסטראַציע. אָבער ווי שוואַך, ווי אויבנאויפיק האָט געמוזט זיין דער אַנטיסעמיטישער באָדן פון דעם קאָנפליקט, אויב ער האָט זיך געלאָזט אזוי לייכט פאַרענדיקן. ער איז באמת אויפגעלייזט געוואָרן אין דער ריין־מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע פון דעם אַלטן. זאָל מען זיך נאָר פאָרשטעלן ווי קאָנקורענטן אויף דער פוילישער אָדער דייטשער גאַס וואָלטן רעאַגירט אין אַזאַ פאַל.

4) איך בין איינמאָל אריין אין אַ סידנעיער טראַמוויי. אַז דער קאָנדוקטאָר איז צוגעגאַנגען צו מיר געבן אַ בילעט, האָב איך פלוצים דערהערט פון אים: How is your scheme going on? („ווי גייט עס מיט אייער פּראָיעקט ?"). איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ יונג, פריש געזיכט האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל. „פון וואַנעט ווייסט איר דערפון ? — האָב איך אים דערשטוינט גע־פרעגט. האָט ער געענטפערט מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם שטאָלץ: „איך בין געווען ביי דער זיצונג פון טריידס־ און לייבאָר־קאָונסיל בעת איר האָט גערעדט וועגן דעם". לייכט זיך פאָרצושטעלן ווי מיר איז געוואָרן וואַרעם אויפן הארצן. דער קאָנדוקטאָר האָט דערווײַלע געטאָן זיין ארבעט, איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פּאַסאַזשירן, האָט אַנגעבאָטן זיין סחורה, וועלכע מען האָט גערן געקויפט. אָבער אַלע ווײַלע פלעגט ער צוריקקומען צו מיר און פירן ווייטער דעם שמועס: „האָט איר אָפּגעגעבן אייער שטים ביי דער זיצונג פאַר אונדזער פּראָ־יעקט ?" — האָב איך אים געפרעגט. — „געוויס — האָט ער מיט פריינטשאַפט געענטפערט — עס איז אַ פיינער פּראָיעקט".

עס איז געווען אַזוי מאָדנע. אויף א קאָנדוקטאָר קוקן מיר שטענדיק נאָר ווי אויף אַ באַאַמטן, ווי אויף אַן אַבסטראַקט באַשעפעניש. דער מאַן איז מיטאמאָל געוואָרן נאָענט. ער האָט געזאָגט זיין נאָמען: מר. עלדרידזש. מיט שטאָלץ האָט ער דערמאָנט אז ער איז אין לייבאָר קאונסיל אַ פאָרטרעטער פון די טראַמוויי־אָנגעשטעלטע. „איר זייט נאָך אַזוי יונג" — „ניין, איך בין שוין 28 יאָר" — „ווי לאַנג זייט איר אין דער באַוועגונג ?" — „זינט מיין זעכצנטן יאָר". פון

יענעם טאָג אַז האָב איך אים געטראָפן אָפּטער אין טראַמוויי, און מיר שמייכלען זיך צו ווי אַלטע פריינט.

קעגן די פיר „באַווייזן" פון אַנטיסעמיטיזם האָב איך געבראַכט פיר אַנדערע פאַלן פון קעגנזעצלעכן כאַראַקטער. ווייזט אויס, מען קען זען דאָס לעבן פאַרשידן, לויט דעם ווי דאָס אויג פונעם באַאָבאַכטער איז איינגעשטעלט. מר. עלדרידזש איז זיכער אויך אַ פאַרטרעטער פון אויסטראַליע, דער אַלטער פון מעלבורן וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווירטשאַפטלעכן קאַמף מיט אַ יידן איז אויך אַ שטיק אויסטראַליש פאָלק. מען קען אלזא ניט פשוט ארויסטראָגן אַן אורטייל אויפן גרונט פון די איינצל־פאַלן פון יעדן איינעמס פּערזענלעכע דערפאַרונגען.

:: ::

אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ באַוועגונג, אַלס אַ קאָנצענטרירטע פאָלקסשטימונג וואַקסט אַרויס פון געוויסע באַדינגונגען אין יעדן לאַנד: פון דער עקאָנאָמיע פון לאַנד און פון דעם כאַראַקטער פון פאָלק. מוז מען שטודירן אָט דיביידע פאַקטאָרן פון לעבן כדי צו מאַכן אַן אויספיר וועגן דעם מאָס, אין וועלכן אַ לאַנד איז פאַרגיפטעט פון דער אַנטיסעמיטישער קרענק. עס קען אמאָל פּאַסירן אַז — נישט געקוקט אויף פאַרשיידענע, אפילו שאַרפע אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם — איז דאָס לאַנד אין זיינע טיפּעניש געזונט, נישט־געפּערלעך. אזוי איז עס געווען אין צאַרישן רוסלאַנד, וואו די פּאָגראָמען זיינען געווען אָרגאַניזירט נאָר פון אויבן און האָבן זעלטן אויסגעדריקט א נשמה־קראנקהייט פון פאָלק. פונקט אזוי איז מעגלעך אז אַ לאַנד זאָל פון אויבן אויף אויסזען „אַנשטענדיק" און פרידלעך, בעת אין געוויסע שיכטן פון פאָלק גייט אָן א פאַרשטיקטער פּראָצעס פון אַנטיסעמיטישער פיינטשאַפט, ווי למשל אין דייטשלאַנד.

ווי זעט עס אויס אין דער הינזיכט אין אויסטראַליע?

די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד טרייבט עס בשום אופן נישט צו פיינטלעכע באַציאונגען. אַנדערש איז עס אין יענע לענדער פון אייראָפּע וואו די לעבנס־מעגלעכקייטן פון די מאַסן זיינען באַגרעניצט דורך עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומשטענדן. אָט די דיספּראָפּאָרץ צווישן לעבנס־נויטן און לעבנס־מעגלעכקייטן איז נישטאָ פאַראַן אין אויסטראַליע. די פּראָדוקטיוו־כוחות פון לאַנד שטייגן אריבער אין א גראַנדיעזן מאַסשטאַב די אויסנוצונג זייערע. אויסטראַליע דערמאָנט

לחלוטין נישט יענע דורכשניטלעכע פֿאַמיליע אין אייראָפּע וואו די צאָל פֿון די „מיילער" איז שטענדיק גרעסער ווי דער פֿאַרדינסט פֿון דעם פֿאָטער. דאָס זיבן־מיליאָניקע יונגע לאַנד שטייט נאָך אין אָנהויב פֿון זייןווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. חוץ א פּאָר שטעט וואו עס מערקט זיך אָ צו שטאַרקע אָנזאַמלונג פֿון מענטשן, איז דער אומ־געהויערער שטח פֿון לאַנד אָפֿן פֿאַר ארבעט, טעכניק, פּלאַנירונג, אינספּיראַציע. ממילא קען נישט פֿון אַזאַ באָדן סיסטעמאַטיש וואַקסן אָ פֿיינטשאַפֿט צו יידן וואָס זאָל שטאַמען פֿון עקאָנאָמישער נויט.

וויכטיקער איז דער כאַראַקטער פֿון אויסטראַלישן פֿאָלק, דער עמאָציאָנעלער הינטערגרונט פֿון זיין כאַראַקטער. כדי צו האָבן „ריכטיקע" אַנטיסעמיטישע געפֿילן, מוז מען פֿאַרמאָגן אין זיך דעם כח פֿון האַס און פֿאַראַכטונג. יידן־האַס איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אויסדרוק פֿון מענטשן־האַס. גלויב איך אָבער נישט אַז דער דורכשניטלעכער אויסטראַליער (גענומען אפילו פֿון פֿאַרשידענע קלאַסן) איז פֿעאיק צו אַזעלכע געפֿילן. נישט ווייל ער איז אָ מלאך, מיט גאָר באַזונדערע זעלישע מעלות, נאָר דערפֿאַר ווייל זיין געשיכטע האָט אים נישט געפֿירט צו אַזאַ זעלישן צושטאַנד, האָט אין אים נישט געשפּייזט די קוואַלן פֿון מענטשן־האַס. ער איז, לויט זיין נאַטור, פֿריינטלעך, אָפֿן, גוטהאַרציק, אויפֿמערקזאַם.

פֿאַרוואָס ? ווייל זיין געשיכטע — פֿון נאָר 150 יאָר — האָט אים געשאָנעוועט, האָט אים פֿאַרשפּאָרט די ביטערע דערפֿאַרונגען פֿון דער אַלטער אייראָפּע. אויסטראַליע האָט נישט געוואוסט פֿון מלחמות, מפּלות אָדער נצחונות אויף איר אייגענעם באָדן, פֿון רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס, פֿון אַלע יענע סאָציאַלע ערד־ציטערנישן וואָס דערציען אין מענטשן פֿאַרביטערונג. די קאַמפֿן וועלכע מען האָט דאָ געפֿירט — און אזוי אָפֿט גלענצענדיק געפֿירט — זיינען געווען געריכטעט נישט קעגן מענטשן, נאָר קעגן דער האַרטער אָדער מיסטעריעזער נאַטור, קעגן „בוש", דעם טראָפּישן אורוואַלד. אַזעלכע קאַמפֿן דערציען צווישן פּיאָנערן נאָר אָפֿט געוואוינהייטן פֿון סאָלי־דאַריטעט פֿון קעגנזייטיקער הילף, פֿון דרך ארץ פֿאַרן אַנדערן. פֿון די פּיאָנערן גייט אַזאַ זעלישע טראַדיציע אַריבער צו דעם היינ־טיקן דור.

פֿאַרוואָס האָט, למשל, לאָרד גאַאורי גערעדט מיט אַזאַ וואַרעמ־קייט וועגן דעם פֿיינעם טיפּ מענטש אין מערב־אויסטראַליע ? פֿאַר־

וואָס דווקא אין יענעם פאַרוואָרפענעם טייל אויסטראַליע? אפשר דערפאַר, ווייל יענער טייל איז ייִנגער פון אַלע אַנדערע, און דער בוש־און פּיאָנערן־גייסט איז דאָרטן נאָך פרישער. אין דער שווערער האָרעוואַניע, אין דער אָפט געפערלעכער און שטענדיק איינזאַמער סביבה פון בוש זיינען די הענט מיט די פנימער געוואָרן פאַרהאַר־טעוועט, דער לשון פאַרגראָבט, אָבער דאָס האַרץ געאיידלט. דער דורכשניט־אויסטראַליער זעט נישט אויס סענטימענטאַל, פרויענהאַפט, זיסלעך־דעליקאַט. ער קען מאַכן גוט חוזק פון אייך, שאַרף דערקענען אייערע שוואַכע זייטן און אָפּלאַכן פון זיי, אָבער דאָס ענדערט נישט די הויפּט־ליניע פון זיין נאַטור וועלכע איז מענטשן־פריינטלעכקייט.

איר זעט עס נאָכאַנאַנד אין די קליינע גאַסן־עפּיזאָדן אין די שטעט, שוין אָפּגערעדט פון דער פּראָווינץ. פרעגט איר ביי אים אַן אַדרעס, וועט ער אייך וועלן באַדינען מיט דער גרעסטער פּינקט־לעכקייט, ער וועט אייך אפילו באַגלייטן אַהין. — פאַר מיר אין די אויגן האָט אַ גרופּע מענטשן געוואָלט אַריינגיין אין אַ טראַמוויי־וואַגאָן, וואָס איז געווען געפּאַקט. האָט זיך פלוצים צווישן זיי אַדורכ־געשטופּט אַ מגושמדיקער מאַן און איז אַרויף אַהין אַלס ערשטער. ווי אויפגערעגט און צעהיצט וואָלט אויף אַזאַ „חוצפּה״ רעאַגירט דער מאַסן־מענטש אין אַ דייטשער, אַ פראַנצויזישער, אַ רוסישער שטאָט. ווי רואיק און געלאַסן האָבן זיך דערצו באַצויגן די אויסטראַ־ליער. זיי האָבן מער נישט ווי גוטמוטיק דורכגעלאַכט זיך וועגן אָט דער דיקער פיגור: „עס מוז מסתמא זיין נישט לייכט צו טראָגן אַזאַ בויך, האַ?״

אויב אין דער נשמה איז פאַראַן אַזאַ אונטערשטראָם פון וואַרעמ־קייט, קען זיך דאָרטן נישט אַנבעמען אויף לאַנג די זריעה פון מענטשן־האַס. קען דאָרטן אויך נישט בליען יידן־האַס. איך האָב געהאַט אַ מערקווירדיקע דערלעבעניש אין מעלבורן. זיצנדיק אין אַ קאַפע האָב איך געהאַלטן אין האַנט אַ בראָשור מיטן נאָמען "Australia and the Jews" (אויסטראַליע און יידן). אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט דעם איינפאַכן געזיכט פון אַ פּויערשער סביבה. פלוצים האָב איך דערהערט זיין שטים געווענדט צו מיר: There is nothing of this kind in Australia (אַזוינס איז עפּעס נישט פאַראַן

אין אויסטראַליע") — האָט ער געזאָגט, און אויף זיין געזיכט איז געלעגן אַ קלוגער שמייכל.

— וואָס מיינט איר ? — האָב איך געפרעגט.

— איך מיין אַנטיסעמיטיזם.

— איך בין זייער צופרידן דאָס צו הערן — האָב איך געענטפערט

— אָבער פאַרוואָס רעכנט איר אַזוי ?

— איך בין אַ פאָלקס־לערער און איך קען אַ ביסל אונדזער פאָלק. זיי ווייסן נאָך ווייניק פון די אייראָפּעאישע באַוועגונגען. זיי האָבן נאָך אפילו נישט דערגרייכט די מדרגה פון פאַרשטיין אַנטיסעמי־טיזם...

— אויב אַזוי, זאָל זיין געבענטשט אַזאַ פאָלק ! — האָב איך זיך אָפּגערופן — אַזאַ מין צוריקגעשטאַנענקייט לגבי אייראָפּע, אַזאַ דאָר־פישע נאַאיוויטעט איז דאָך עכטע קולטור !...

די אַזוי־גערופענע פּרימיטיווקייט פון אויסטראַלישן בירגער, זיין איינפאַכער און נאַטירלעכער צוגאַנג צו זאַכן און מענטשן איז טויזנט מאָל בעסער ווי די קאָמפּליצירטע און אומנאַטירלעך געוואָרענע נאַטור פון דעם דורכשניטלעכן אייראָפּייער. אַזאַ פּרימיטיווקייט איז דער שענסטער אוצר פון אַ לאַנד. דאָס רוסישע פאָלק האָט עס פאַרמאָגט פאַר דער רעוואָלוציע, און דער אויסטראַליער דערמאָנט טאַקע נישט זעלטן וועגן דעם רוסישן פאָלקסמענטש.

:: ::

אָבער דאָס הייסט נישט אַז דער אויסטראַליער ווייסט נישט בכלל פון קעגנערשאַפט צו מענטשן. ער שטאַמט פון דעם זעלביקן בלוט און פלייש ווי מיר אַלע, און זיינע שייכותן מיט מענטשן זיינען אויך פאַרשידנאַרטיק. ער מאַכט אונטערשיידן צווישן איין גרופּע און דער אַנדערער, ער באַציט זיך צום אַלט־באַקאַנטן שכן אַנדערש ווי צו דעם אומבאַקאַנטן פרעמדן. אָבער נישט יעדע אונטערשיידונג איז גלייכצייטיק אָפּשיידונג, א פאַראורטיילונג.

לאָמיר נעמען א ביישפּיל פון לעבן וואָס יעדער קענט עס. א קליינע גרופּע פּאַסאַזשירן זיצן אין אַ קופּע פון אַן אייזנבאַן־וואַגאָן. עס קלאַפּט אָן אין טיר א נייער פּאַסאַזשיר און פרעגט ביי די אַנדערע צי איז דאָ א פרייער פּלאַץ פאר אים. עס איז משונהדיק ווי כמעט זיי אַלע קוקן זיך תיכף איבער, ווי עפּעס מיטגלידער פון אַ פאַר־שווערער־גרופּע, און ענטפערן לויטן ערשטן אימפּולס : ניין, נישטאָ

מער קיין פּלאַץ. אויב דער „פּרעמדער" איז אַ לייכט־גלויביקער מענטש, גייט ער אַוועק, — און די קופּע־גרופּע אָטעמט לייכט אויף אין דעם געפיל פון דער אייגענער סאָלידאַריטעט. אויב אָבער דער פרעמדער איז ביי זיך שטאַרק, באַשטייט ער אויף זיין רעכט און פאַרנעמט דעם פאַראַנענעם פרייען פּלאַץ. אין אַ ווײַלע אַרום ווערט ער שטילשווייגנדיק אַריינגענומען אין דער ביז אַהער הערשנדיקער גרופּע, און צוזאַמען מיט איר וועט ער שוין באַלד אָפּטרייבן פון דאָרטן אַן אַנדערן פרעמדלינג.

וואָס איז דאָ פאַרגעקומען? איז דאָ געווען אַן אויסגעשפּראָ־כענע פּיינטשאַפט צו אָט דעם פרעמדן, וועלכן מען האָט געזען צום ערשטן מאָל? ניין, דאָ איז געווען פּשוט דער אומווילן צו פאַרלירן די זיכערע רו פון דעם פריערדיקן צושטאַנד. אַ נייער מענטש אין דעם קופּע ענדערט געוויס די לאַגע, די באַקוועמלעכקייט און די אַטמאָספער פון אָט דער געמיינשאַפט. דער געפיל פון קאָנסערוואַ־טיזם אין מענטשן שטעלט זיך אַנטקעגן דעם אומרו אויף אַ ווײַלע. וואָלט מען די קופּע־לייט אויסגעפרעגט פאַרוואָס אייגנטלעך האָבן זיי אַזוי אומפריינטלעך געבליקט אויף דעם איינדרינגער, וואָלטן זיי מסתמא געפונען אויך „דערקלערונגען". דער פּנים, דאָס אויסזען, די מאַנירן, די שטים, די ראַסע, די באַשעפטיקונג, בכלל עפּעס וואָס פון דעם פרעמדן וואָלט געמוזט געוואָרן אַלס באַזיס פון דערקלערונג. און, ס'פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ האָט נישט קיין שום זינען: דאָ האָט פּשוט געווירקט אַ פאַרהוילענער אינסטינקט וואָס לאָזט זיך באַהערשן.

נישט אַנדערש איז עס ביי די פילע אַנדערע געלעגנהייטן אין לעבן ווען מענטשן פילן זיך פרעמד צו דעם אַנדערן. דער פרעמדער ברענגט אַריין אַן אומרו אין מיין פעסט־איינגעאָרדנטן לעבנס־גאַנג; ער פאַרלאַנגט פון מיר אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג לגבי אים וועלכע איך וויל נישט. אויב ער שטייט נידעריקער פון מיר, עקאָנאָמיש אָדער גייסטיק, רופט ער ביי מיר אַרויס געפילן פון פאַראַנטוואָרטונג און פליכט לגבי אים. אויב אָבער ער איז העכער פון מיר, גייסטיק אָדער עקאָנאָמיש, רופט ער אַרויס אומצופרידנקייט מיט מיין אייגענעם שיקזאַל און טאָקע אויך קנאה. עס ווילט זיך אויסמיידן דעם פרעמדן. עס פעלט אויף אַלס נישט געוואונטשן דער שניט פון זיין נאָז אָדער זיין קליידונג, זיין שפּראַך און זיין האַלטונג. דער אויסטראַליער וואָס

האָט אָפּגעלעבט זיין לעבן אַזוי ווילד ווייט פון די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, שפּירט די אַנדערשקייט פון דעם פרעמדן נאָך שטאַרקער ווי אַנדערע. אין זיין באַציאונג צום פּליט, צום יידישן פּליט קען עס קומען צום אויסדרוק. אָבער דאָס איז נאָך לחלוטין נישט קיין פיינטשאַפט צו אים.

:: ::

מענטשן זעען נישט איין אז קולטור איז, ראשית כל, פאַרשידנאַרטיקייט פון לעבן, נישט זיין איינטאָניקייט. שטעלט זיך פאָר אויף אַ ווילע וואָס וואָלט געשען מיט דער מענטשהייטס נשמה ווען מען וואָלט גערעדט, געטראַכט און געשריבן נאָר אין איינאיינציקער שפּראַך. דאָס ליבע־ליד, למשל, וואָלט אפשר עקזיסטירט אין אַ פּרעכטיקער פאָרם, אָבער זיין אַראָמאַט און די פאַרבן וואָלטן שטענדיק געווען פון איין כאַראַקטער. צום גליק האָט אָבער יעדעס פאָלק און יעדע מענטשן־גרופּע ארויסגעבראַכט זייערע אייגענע ליבע־לידער, אין באַזונדערע שפּראַכן, קלאַנגען און פאַרבן. איז די מענטשהייט אַ דאַנק דעם נישט טויזנט מאָל רייכער, צאַרטער, פיינפיליקער געוואָרן?

אָט זיינען ווערטער פון אַ סאָנעט פון דעם ענגלענדער קיטס:

Happy is England, sweet her artless daughters;
Enough their simple loveliness for me,
Enough their whitest arms in silence clinging:
Yet do I often warmly burn to see
Beauties of deeper glance, and hear their singing,
And float with them about the summer waters.

אָט ווי עס זינגט דער יידיש־דייטשער דיכטער היינריך היינע:

Wenn ich deine Augen seh'
So schwindet all mein Leid und Weh;
Doch wenn ich kuesse deinen Mund,
So werd' ich ganz und gar gesund.
Wenn ich mich lehn' an deine Brust,
Kommt's ueber mich wie Himmelsslust;
Doch wenn du sprichst: Ich liebe Dich!
So muss ich weinen bitterlich.

זינגט די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין יידיש:

איך שרייב דיר נישט קיין ליבע־בריוו,
נאָר אין דער טיף
ווײנט מיין האַרץ צו דיר.
ווײנט מיין האַרץ צו דיר אַצינד,
ווי כ׳פלעג זיך בעטן צו דער מאַמען
ווען כ׳בין געווען אַ קינד.

אונטער דער מאַמעס זון
בין איך אַ ביימל מאַלינעס געווען,
רויט אָנגעגאָסן מיט שטראַלנדיקער פרייד;
איצט בין איך אַ ווינטערדיקער בוים,
צו בייזע ווינטן גרייט.
איך שרייב דיר נישט קיין ליבע־בריוו
נאָר אין דער טיף
ווײנט מיין האַרץ צו דיר.

דער רוסישער דיכטער פושקין האָט פאַרמאָגט אייגענע ווערטער אין זיינע לידער, פונקט אַזוי ווי עס האָט זיי פאַרמאָגט דער העברע־אישער משורר ביאַליק. און פונקט אַזוי פאַרמאָגט אייגענע פערזן, פון דעם בוש ארויסגעכאַפטע, גראָב געהובלטע און צערטלעך קליינ־גענדיקע ווערטער דער אויסטראַלישער דיכטער פון דעם „סענטי־מענטאַלן בחור״.

ווי דאָס פאָעטישע ליד, אויף איין געביט נאָר, נייטיקט זיך אין די ערדן און זונען און שפּראַכן פון אַלע מענטשן־קינדער, אַזוי איז עס אין אַלע צווייגן פון מענטשלעכער שאַפונג. דער פוילער גייסט ציט זיך צו דער איינטאָניקייט, דער שאַפנדיקער אימפעט — צו פאַרשידנקייט.

אָבער פרעמדקייט צו מענטשן ווייזט מען ארויס נישט נאָר לגבי פרעמדע, „פאַרענערס״. אויך אין דער אייגענער, היימישער געמיינ־שאַפט שאַפן מענטשן תמיד אונטערשיידן צווישן זיך און די אַנדערע. דאָס מעסער פון צעשיידונג שניידט דורך דאָס געזעלשאַפטלעכע גע־וועב אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען. מען שפירט און מען לאָזט זיך קעגנזייטיק פילן די אונטערשיידן לויט דער רעליגיע אדער דער

קירך צו וועלכער מען געהערט. קאַטאָליקן, יידן, פּראָטעסטאַנטן, רעליגיעזע סעקטירער פון אַלע מינים, זיי דערקענען זיך און בויען אומזיכטבאַרע ווענטלעך צווישן זיך.

נאָך שארפער זיינען די סאָציאַלע ווענטלעך און באַריערן. מיר אַלע וויסן וועגן דעם גענוג פון לעבן און ליטעראַטור. דאָ נישט לאַנג האָבן מיר געלייענט אז ביי דער עוואַקואַציע פון די פרויען און קינדער פון האָנג־קאָנג קיין אויסטראַליע זיינען אויף די שיפן פאַר־געקומען סאָציאַלע רייבונגען. די פרויען פון די מיליטערישע און פּלאַט־אָפיצערן האָבן נישט געוואָלט זיך אויסמישן מיט די אַנגע־העריקע פון די אַנדערע ענגלישע עמיגראַנטן. אַלזאָ: אָפּשיידונג צווישן ענגלענדער גופא, בעת דער געמיינזאַמער געפאַר פון אַ מלחמה, אויף די זעלביקע שיפן וואָס פירן זיי צו איין רעטונג־פּלאַץ. זיינען נישט פאַראַן ענלעכע אָפּשיידונג־ווענטלעך אויך אין די ראַמען פון דער אַרבעטערשאַפט גופא? דער וואָס פאַרנעמט אַ העכערן פּלאַץ אין דער פּראָדוקציע־פּראָצעס (דער „פאָרמאַן") לאָזט אויפקומען, אָמאָל אומבאַוואוסטזיניק, אַ סאָציאַלן באַריער צווישן זיך און דעם איינפאַכן ארבעטער. דער ווילן צו באַהויפּטן זיין העכערע לעבנס־פּאָזיציע, זיין העכערע פּערזענלעכקייט, דער „ווילן צו מאַכט" פירט צו אָט דער אָפּגעפרעמדקייט לגבי די אַנדערע. דאָס לעכערלעכע און דאָס טרויעריקע לויפט דאָ אָפט צוזאַמען.

פון וואַנעט האָט זיך דאָס גענומען דער חוזק־נאָמען „פּאָמי" וועלכן מען הערט צומאָל אין אויסטראַליע לגבי דעם אייגענעם ברודער פון ענגלאַנד, פון דעם מאַמע־לאַנד? פאַרוואָס שרייבן אָפט די ענגלענדער ברוגזדיקע בריוו אין די צייטונגען וועגן דער אומ־פריינטלעכער באַהאַנדלונג מצד די אויסטראַליער? איז עס פיינט־שאַפט לגבי זיי באַזונדערס אָדער איז עס פשוט די שפּאַנונג פון אַנדערשקייט? פאַרוואָס איז עס אַז אויסטראַליער וואָס לעבן אין ענגלאַנד, שיידן זיך אָפּ אי פּאָליטיש אי געזעלשאַפטלעך פון די ניו־זילענדער? פאַרוואָס וועט דער ניו־זילענדער אַ קוק טאָן אויף אייך מיט אַ פאַר מאָדנע אויגן אויב איר וועט אים אָנרופן אויסטראַליער? דאָס איז נישט קעגנזייטיקע פיינטשאַפט; דאָ איז אַנדערשקייט, און זיכער נישט קיין טיף־גייענדיקע אַנדערשקייט.

אפשר איז נאָך מער אינטערעסאַנט וואָס אַזעלכע קעגנזייטיקע

אָפּשיידונגען מערקן זיך אין יענער מענטשן־גרופּע וועלכע לײַדט דערפון אַזוי פיל פון דרויסן: אין דער ייִדישער. מיר האָבן עס געזען אין דעם פאַר־היטלער־דײַטשלאַנד לגבי די מזרח־ייִדן; צווישן די פּוילישע ייִדן לגבי די ליטווישע אָדער גאַליציאַנער. אָבער אויך אין אויסטראַליע איז דאָס פאַראַן. יענע שיכט ייִדן וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט מיט אַ סך צענדליקער יאָרן צוריק האַלט זיך פאַר די עכטע „אויסטראַלישע ייִדן", צום אונטערשייד פון די שפּעטער אָנגעקו־מענע „ייִדן אין אויסטראַליע". עס זײַנען פאַראַן דאָ צוויי שיכטן פון ייִדישע בירגער וואָס רעדן נאָר ענגליש; איין שיכט וואָס געדענקט נאָך איר פריערדיקן ייִדיש־לשון און באַנוצט אים, און דערנאָך די מאַסע פון די פּליטים פון די לעצטע יאָרן. זײַנען פאַראַן שייד־ווענטלעך אַפילו צווישן די צוויי ערשטע שיכטן, אָבער זיי בײדע טרעטן אויף ווי איין גרופּע לגבי דער דריטער, — און די אַלע דרײַ — לגבי דער פערטער. איז טאַקע באמת צווישן זיי אַלעמען אַ קלאָר־פײַנטלעכע באַציִונג? זײַנען זיי „אַנטיסעמיטן" צו אייגענע ברידער?

געוויס ניט. פאַרקערט, אין די צײַטן פון רדיפות זײַנען זיי אַלע אַרומגענומען פון איין באַנד פון סאָלידאַריטעט. אָבער — זיי שפּירן און אָנדערקענען און — ווען מעגלעך — פאַרפעסטיקן זיי זייער אַנ־דערשקייט. לגבי דער אַלגעמיינער ייִדישער פאָלקס־סאָלידאַריטעט בילדן זיי אויס און האַלטן זיך עקשנותדיק פאַר זייער סעפּעראַטער סאָלידאַריטעט. מענטשן ווילן זיך פילן ווי ניט איז העכער איינער לגבי דעם אַנדערן. זיי קענען זיך קוים באַפרייען פון אַט דעם אויבן־און־אונטן אינסטינקט, אַפילו ווען זיי געפינען זיך צוזאַמען אין איין צרה. וואָס איז דער וואונדער וואָס ניט־ייִדן באַציִען זיך קאַלט אָדער נאָך ערגער לגבי ייִדן וועמעס אַנדערשקייט אין פאַרשיידענע היגזיכטן זיי שפּירן אַזוי אָפּט?

דערצו קומט נאָך דאָס ברייטע געביט פון עקאָנאָמישע שפּאַנונגען. אונדזער עקאָנאָמיע איז געבויט ניט אויפן יסוד פון קאָאָפּעראַציע, נאָר קאָנקורענץ. ממילא קוקט יעדער עקאָנאָמיש־טעטיקער מענטש אויף דעם אַנדערן ווי אויף אַ מעגלעכן קעגנער. אויב דער קעגנער איז אַ ייִדישער מענטש, ווערט אַט דער צופעליקער פאַקט גערן אויסגענוצט ווערן אין עקאָנאָמישן קאַמף. עס איז ניט אַנדערש אויך אין אויסטראַ־ליע. דער סוחר, באַזונדערס דער קליינער קרעמער, קוקט מיט חשד

אויפן יידישן הענדלער וואָס קען אָפּציען פון אים קונדן. דער אַר־בעטער האָט מורא אַז דער ניי־געקומענער יידישער עמיגראַנט וועט זיך ניט צופּאַסן צו דעם סאָציאַלן סטאַנדאַרד פון לאַנד און וועט אַרבעטן ביליקער. דער דאָקטער האָט זאָרג אַז דער פרעמדער, יידישער דאָקטער וועט אַריבערנעמען צו זיך אַ טייל פּאַציענטן צוליב זיינע באַזונדערע קענטענישן און ענערגיע. זיי אַלע וועלן רעדן וועגן דער געפאַר פון דעם יידן פאַרן לאַנד בכלל. זייערע ספּעציעלע אינטערעסן וועלן זיי איינוויקלען אין דעם מאַנטל פון פּאַטריאָטיזם און אידייען. וויניקער פון אַלעמען וועט עס טאָן דער אַרבעטער: ער וועט אָפן אַרויסזאָגן די סיבה פון זיין קעגנערשאַפט. מער פון אַלעמען וועט עס טאָן, פאַרשטייט זיך, דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט, דער דאָקטער. ווי זיינע קאָלעגן אין איראָפּע און אַמעריקע, באַזיצט ער דעם קאַפּיטל פון הויך־קלינגענדיקע פראַזן (וויסנשאַפט, פאָטערלאַנד, גערעכטיקייט) מיט וועלכן עס לאָזט זיך פאַרדעקן דעם פּשוטן, עקאָ־נאָמישן קרעמער־קאַמף.

אָבער צי איז דאָס שוין אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר קענען עס? איז ניט די דאָזיקע קאָנקורענץ־ליניע געווענדט אויך קעגן אַנדערע פעלקער ווי גריכן, איטאַליענער, כינעזער? אַז אַן אויסטראַליער וועט עפענען אַ קליינעם פרוכט־שאַפּ אין אַ גאַס און וועט שפּעטער באַמערקן אַז אָט די עקאָנאָמישע פּאָזיציע איז שוין פאַרנומען פון איטאַליענער, — וועט ער ניט געבן אַ טראַכט אויך וועגן זיי ווי וועגן „פרעמדע”? זאָל דער עקאָנאָמישער דרוק אָוועקגיין, זאָל למשל די באַפעלקערונג אין יענער געגנט וואַקסן אַזוי אַז פּרנסה זאָל קלעקן פאַר אַלע פרוכט־קראָמען, — דעמאָלט וועט דער מאָטיוו פון דעם „פרעמדן” אָדער פון דעם „יידן” פאַרשווינדן אין דעם אויסטראַליערס קאָפּ. עס איז, צום אומגליק, ניט אַזוי אין אַ ריי איראָפּעאישע לענדער ווי פוילן, רומעניע, דייטשלאַנד. דאָרטן איז דער זיילישער הינטער־גרונט ביי געוויסע שיכטן אַזוי פאַרגיפטעט מיט יידן־האַס, אַז ער פאַרבלייבט פערמאַנענט, אַפילו אָפּגעשיידט פון דעםווירטשאַפטלעכן קאַמף. אין אויסטראַליע איז די נאַטור פון דעם דורכשניט־מענטשן אַ לייכטע, ניט־פאַרביטערטע, מענטשן־פריינטלעכע. דערפאַר קומט אַרויף דער „יידן־מאָטיוו” נאָר אַלס צוגאָב אין זיין עקאָנאָמישן לעבן,

אַלס אַ ציטווייליקער אינסטרומענט. ער פאַרמאָגט ניט יענעם שאַרפן, אייראָפּעאישן כאַראַקטער. ער איז ניט פאַרקראַמפּט אין שנאה צו דער יידישער ראַסע אָדער אמונה ווי אַ פּרינציפּ. ווי אַ קלוגע אויס־טראַלישע פרוי האָט מיר איינמאָל געזאָגט: דער אויסטראַליער איז ניט קיין אַנטיסעמיט ווייל ער איז בכלל ניט קיין מענטש פון „אַנטי״.

מען וואָלט אפשר געקענט זאָגן אַזוי: אין אייראָפּע באַנוצט דער אַנטיסעמיטיזם דעם עקאָנאָמישן קאַמף אַלס זיין שטאַרקסטן כלי־זיין. אין אויסטראַליע — באַנוצט מען אין עקאָנאָמישן קאַמף דעם אַנטי־סעמיטיזם אַלס אַ צופעליק געווער.

אַנטיסעמיטן וואָס איך האָב געטראָפן

אין דער פּרעסע־וועלט

עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו גלייבן, אַז אין אויסטראַליע איז נישטאָ קיין שום שפּור פון אַנטיסעמיטיזם. איך האָב זיך צונויפ־געשטויסן מיט אים אייניקע מאָל. איך וויל טאַקע די דאָזיקע פּאַ־סירונגען דאָ באַשרייבן כדי אויף זייער טונקעלן הינטערגרונט זאָל קלאָרער ווערן דאָס גאַנצע פּראָבלעם.

איך האָב ניט אין זינען אַזאַ פאַל ווען אַ וויכטיקער פּאָליטישער און צייטונג־טוער צו וועלכן איך האָב זיך געווענדעט מיט דעם קימ־בערליי־פּראָיעקט, האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט צו שטיצן עס. שוין בעת מיין דערציילונג האָב איך באַמערקט ווי דער באַלייבטער באַלעבאַטי־שער הער האָט פינצטער געשוויגן. מיט קיין איין איינציקן וואָרט אָדער זשעסט האָט ער מיך ניט דערמונטערט, ווי עס פלעגן טאָן אַנ־דערע. אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און אַ ביסל פאַרוואונדערט אַ קוק געגעבן אויף אים, האָט ער מיט אַן איינגעהאַלטענער אָבער ברוגזדיקער שטים געזאָגט: „איך בין ניט זייער ענטוזיאַסטיש לגבי דעם פּראָיעקט... זיי וועלן אַריבערקומען אין די שטעט און טאָן שאָדן דעם געשעפט־לעבן". האָב איך געפרעגט פאַרוואָס רעכנט ער אַזוי, און דאָ האָט עס פון אים אַרויסגעפּלאַצט: „איך ווייס עס פון דער־פאַרונג. איך פיר אָן מיט אַן אַגאַנסן־באַטריב, און מיר האָבן די קאָנ־קורענץ פון די ראַפּאַפּאָרטס, קאָהענס און אַנדערע 1). מיט זייערע געשעפט־מעטאָדן גראָבן זיי אונטער די גאַנצע בראַנזשע".

זעלטן ווען מיר איז אויסגעקומען צו זען אַזוי אָפן דעם עקאָנאָמישן אונטערשלאַק פון אַנטיסעמיטיזם. וואָס איז דאָ געווען צו דיסקוטירן?

---

1) די נעמען זיינען צוגעטראַכטע פון מיר.

האָב איך זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און געזאָגט: די דאָזיקע קאָנקור־רענץ פון איינצל־פירמעס האָט גאָרניט צו טאָן מיט אונדזער פּראָ־יעקט וואָס ווענדעט זיך צו די אינטערעסן פון אויסטראַליע אַלס גאַנצעס...

אַז איך האָב גענומען אָפּשייד, איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס און האָט אַ ביסל אויפגערעגט (אומצופרידן מיט זיך?) דערקלערט: אָבער איך האַלט אויך אַז מיר מוזן פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג, אַריינברענגען אין לאַנד מיליאָנען מענטשן . . . מיר קענען נאָכאַמאָל האָבן אַ שמועס וועגן דעם...

— ווי רעכנט איר אַריינצוברענגען מיליאָנען אויב איר האָט ניט קיין צוטרוי צו זיי? — האָב איך געשלאָסן דעם וויזיט.

מער האָב איך זיך מיט אים ניט געטראָפן. אָבער זיין פאַל, דאַכט מיר, איז ניט דער קלאַסישער טיפּ פון אַנטיסעמיטיזם, ווייל ער איז אַזוי קלאָר צוגעבונדן צו זיין ווירטשאַפטלעכער סיבה. וואָלט ניט געווען אָט די סיבה, וואָלט מסתמא ניט געווען אָט דער אויסברוך פון שנאה. דאָס איז (צו באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך פון פּרק) שנאה התלויה בדבר. איז זי פּונקט אַזוי ניט עכט ווי די „אהבה התלויה בדבר". די טיפערע אַנטיסעמיטישע פּיינטשאַפט האָב איך געזען ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

אַ גרויסער פריינט פון אונדזער פּראָיעקט, אַ זעלטענער אויס־טראַלישער קריסט, מר. קרעמזי, האָט געוואָלט צונויפפירן מיך מיט דעם רעדאַקטאָר פון אַ באַקאַנטן סידנעיער וואָכן־זשורנאַל. דער זשורנאַל איז באַקאַנט מיט זיינע אומפריינטלעכע באַמערקונגען בנוגע דעם יידישן פאָלק, און אַזעלכע קריטישע שפּריצן האָט ער שוין געהאַט געוואָרפן אויך אויף אונדזער אידעע. אין אַ הייסן נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט מר. ע. אין אַ קליינעם רעדאַקציע־צימער. מר. ע. איז געזעסן פריינטלעך, רעזערווירט, ערנסט. — יאָ — האָט ער געזאָגט — ער האָט שוין געלייענט וועגן דעם פּלאַן, אָבער ער גלויבט ניט אַז ער איז פּראַקטיש... מיר דאָ, אין דער רעדאַקציע, קענען אַ ביסל אויסטראַליע, און עס שיינט אונדז אַז אין קימבערליי איז דער קלימאַט ניט צוגעפּאַסט פאַר ווייסע אייראָפּייער... זיי וועלן ניט קענען דאָרטן אויפבויען קיין ריכטיקע ווירטשאַפט...

אויף דערויף האָט מר. קרעמזי עקשנותדיק אַ בייג געגעבן מיט זיין זילבער־גרויען קאָפּ און געזאָגט: דאָס איז נאַרישקייטן. אַלע מאָל

האָט מען אַזוי גערעדט וועגן נייער קאָלאָניזאַציע... גיט נאָר אַ קוק! וואָס האָט מען ניט אָנגערעדט וועגן קווינסלענד, און די איטאַליענער האָבן באַוויזן אַז ווייסע קענען דאָרטן גאָר גוט אַרבעטן... די איי־ראָפּייער קומען אין טראָפּישע לענדער מיט זייערע לעבנס־געוואוינ־הייטן און ווילן זיך דאָרטן אויפפירן ווי אין דער היים. פאַלן זיי טאַקע דורך, אָבער אַז זיי וועלן זיך צופּאַסן צום קלימאַט ווי מיר ווילן עס טאָן אין קימבערליי...

מר. ע. האָט זיך צוגעהערט מיט אַ שטילן שמייכל. מסתמא האָט ער שוין לאַנג געקענט דעם אויפברויזנדיקן כאַראַקטער פון קרעמזין. אויך איך האָב געשוויגן. האָט ער מיטאַמאָל איבערגעביטן די טענה און אַ זאָג געגעבן: יעדנפאַלס זיינען ניטאָ קיין עקאָנאָמישע אויס־זיכטן פאַר אַ קאָלאָניע אין יענער געגנט. וואָס וועט זי פּראָדוצירן און וואוהין פירן פאַרקויפן די פּראָדוקציע? איר ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ שוועריקייטן מיר האָבן שוין איצט מיטן אָפּזאַץ פון אונדזערע פּראָ־דוקטן. די קאָסטן וועלן זיין אַזוי הויך אַז איר וועט ניט קענען קאָנקורירן...

דאָ האָט זיך מר. קרעמזי נאָך מער אויפגעקאָכט. „גיט נאָר אַ קוק! אַלע מאָל האָט מען אַזוי געזאָגט אָן שום שכל. שטענדיק האָט מען אַרויסגערוקט די פראַגע פון „מאַרק" ווען עס האָט זיך נאָר גע־האַנדלט וועגן אַ נייער אַנטוויקלונג... זינט 50 יאָר פאַרנעם איך זיך מיט פּי־צוכט און אַגראַר־פּראָדוקציע, און איך האָב קיינמאָל ניט געזען, אַז אויסטראַלישע פּראָדוקטן זאָלן ניט געפינען קיין אָפּזאַץ... דאָ, אין ניו־סאוט־וועלס האָט מען דאָך ניט געגלייבט אַז עס וועט וואַקסן גענוג ברויט... ניט אַנדערש וועט עס זיין אין קימבערליי וואו מיר וועלן איינפירן אַ פלאַנמעסיקע ווירטשאַפט....

איך האָב באַמערקט אַז מר. ע. הערט זיך ניט צו אויפמערקזאַם צו די רייד. האָב איך זיך אַריינגעמישט און דערמאָנט אַז סוף כל סוף הענגט קאָלאָניזאַציע אָפּ פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל. די יידישע קאָלאָניסטן וועלן אין דער ערשטער צייט ניט שטרעבן צו די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע מערק. זיי וועלן אַ לענגערע צייט זיין פאַרנומען מיט אויסבויען דאָס לאַנד, און די ווירטשאַפט וועט, ראשית כל, באַ־פרידיקן די באַדערפענישן פון די פּיאָנערן. עס וועט אַזוי אַרום גע־שאַפן ווערן אַ שיכט וועלכע איז ניט שטאַרק פאַרטראַטן אין לאַנד: פאַרמערס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער ערד...

דאָ האָט מר. ע. מיך אונטערבראָכן און מיט אַ שטילן קול גע־זאָגט: „אונדזער רעדאַקציע וויל ניט קיין יידישע פּאַרמערס״. איך האָב זיך איבערגעקוקט מיט קרעמזין וועלכער האָט זיכער ניט דער־וואַרט אַזאַ מין ווענדונג. — אויב דאָס איז דער אַרגומענט, האָבן מיר דאָך געקענט שפּאָרן צייט אייך און אונדז — האָב איך באַמערקט — דאַרף מען דאָך ניט פאַרלירן ווערטער וועגן קלימאַט און מערק פאַר קימבערליי...

מיר זיינען אויפגעשטאַנען צו גיין. מר. ע. האָט זיך געפילט זייער שלעכט. איך נעם אָן אַז ער פערזענלעך האָט גאָרניט פאַר־טראָטן דעם אַנטי־יידישן שטאַנדפּונקט. ער האָט נאָר איבערגעגעבן די ריכטונג פון זיין רעדאַקציע. ער האָט מיר מיטגעגעבן אַ גרויסן אַטלאַס מיט טאַבעלן וועגן די קלימאַטישע און וואַסער־פאַרהעלטע־נישן אין צפון־אויסטראַליע. אַז מיר זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער אין איילעניש זיך ווי פאַרענטפערט: עס איז פאַראַן דאָ אין פאָלק אַזאַ שטימונג קעגן יידן... אונדזער רעדאַקציע ווייסט עס...

— אַנטשולדיקט — האָב איך אים שאַרף איבערגעריסן — דאָ איז שוין מיין פליכט דאָס אויסטראַלישע פאָלק צו פאַרטיידיקן. איך קען עס שוין אַ ביסל, און איך האָב ניט געפונען ביי אייך אָט יענעם שמוציקן גיפט. איר זאָגט „פאָלק״, און איך האָב געזען אַ הונדערט מיטגלידער פון סידנעיער לייבאָר־קאָונסיל וואָס זיי זיינען זיכער אויך דאָס אויסטראַלישע פאָלק. זיי זיינען בפירוש ניט קעגן אונדזער פּראָ־יעקט. דאָס פאָלק איז בעסער ווי איר טראַכט וועגן אים...

מר. ע. האָט אונדז אומרואיק אַרויסבאַגלייט. אויפן גאַס האָט קרעמזי מיר אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע און אויסגערופן מיט צופרידנקייט: „גוט, וואָס איר האָט עס אים אַריינגעזאָגט. זאָלן זיי עס וויסן״... און ער איז אַוועק פון מיר, דער אַלטער מאַן מיט דעם יוגנטלעכן ברען אין די אויגן. זיינע זילבער־גרויע וואָנצעס, זיל־בערנע ברעמען און האָר אויפן קאָפּ זיינען געווען פול מיט פריינטשאַפט צו דער וועלט.

* *

עפּעס ענלעכעס האָט פּאַסירט ביי אַ גרויסער טאָג־צייטונג אין סידנעי. עס איז געווען דער סאַמע ערשטער טאָג פון מיין אָנקומען אַהין, אין דעצעמבער 1939. די זון האָט געברענט מיט אַזאַ גרויזאַמ־קייט — 101,9 — אַז איך האָב זיך קוים געקענט באַוועגן. (עס איז

טאָקע געווען דער הייסעסטער טאָג אין יענעם יאָר). אָבער איך האָב געזאָלט באַזוכן אַלע רעדאַקציעס פון די פירנדיקע צייטונגען צו באַקענען זיי מיט מיין מיסיע. ווי אין די אַנדערע שטעט, האָב איך דערוואָרט פון זיי מער־ווייניק פריינטלעכע אינטערוויוען. מיט גרויס סימפּאַטיע בין איך אויפגענומען געוואָרן פונם רעדאַקטאָר פון דעם „סידנעי מאָרנינג העראַלד". דער „העראַלד" רעכנט זיך מיט רעכט פאַר דער פירנדיקער צייטונג אין אויסטראַליע, און ער האָט עס פאַרדינט דורך דער קלאָרקייט פון זיין ליניע און דער געמעסיקטער פּראָגרעסיווקייט פון זיין גייסט. מר. מאַק־קלור סמיטס, נאָך אַ יונגער מענטש מיט זייער באַשיידענע מאַנירן, האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין פון פריער באַקענט מיט אונדזער קימבערליי־פּלאַן און זיינען גרייט אים צו אונטערשטיצן. אויף מאָרגן איז טאָקע דערשינען אַן אינטערוויו מיט מיר און אַ זייער פריינטלעכער לייט־אַרטיקל.

ניט אַזוי איז עס געווען מיט דער אָוונט־צייטונג „סאַן". איך הויפּט־פירער, סער היו דעניסאַן, האָט מיך אויך אויפגענומען אין דעם זעלביקן טאָג. ער האָט דורכגעקוקט מיינע עמפּעלונג־בריוו און גלייך גענומען ענערגיש רעדן וועגן זיינע דערפאַרונגען מיט פּליטים. ער האָט געהאַט מיט זיי אויך אַנטוישונגען — האָט ער דערקלערט — ער צווייפלט צי דאָס אויסטראַלישע פאָלק וועט אָננעמען אַזאַ פּראָיעקט ווי דעם אונדזעריקן. אָבער, פאַרשטייט זיך, ער וועט געבן פּלאַץ אין זיין צייטונג פאַר אַן אינטערוויו... ער האָט ניט אויסגעדריקט זיין אייגענע מיינונג און האָט אַריינגערופן דעם רעדאַקטאָר מר. ס. — „דאָס איז זייער אַ פּעאיקער מענטש, ער איז אָקאָרשט געקומען פון אַן אייראָפּעאישער רייזע, קען ער גוט די פּאָרהעלטנישן". מר. ס., אַ יונגער, איינגעהאַלטן־העפלעכער מאַן, איז אַריין, האָט זיך באַגריסט מיט מיר, האָט קאַלט געשמייכלט, איבערגעקוקט זיך מיטן באַלעבאָס. — יאָ — האָט ער געזאָגט — ער וועט שיקן נעמען ביי מיר אַן אינטערוויו, הגם ער איז קעגן דעם פּראָיעקט אין פּרינציפּ. אָבער, פאַרשטייט זיך, ער איז גרייט דורכצושמועסן זיך מיט מיר וועגן דעם גענויער, אין איינעם פון די נעקסטע טעג...

מיר זיינען זיך אַלע דריי, דאַכט זיך, גאַנץ פריינטלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען. עפּעס האָט מיך אָבער געאַרט אין זייער פירונג, וואָס איך האָב ניט געקענט באַשטימען. עפּעס ווי אַ דין שפּינגעוועב פון ניט־דערזאָגטקייט וואָלט געשטאַנען צווישן אונדז. און אפשר איז עס

געווען צוליב דער משונהדיק ברענענדיקער זון פון יענעם טאָג? איך האָב באַלד אין דעם פאַרגעסן אײַלנדיק זיך צו אַ דריטער צייטונג. — דאָס אינטערוויו וואָס איז דערשינען נעקסטן טאָג איז געווען קורץ און אינהאַלטלאָז ווי נאָר מעגלעך, צו דעם פאַררוקט צווישן די אומוויכ־טיקע טאָג־נײַעס. אין אַ טאָג שפּעטער איז אָט די צייטונג אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקל אונטער דעם שרײַענדיקן קעפּל: „מיר ווילן ניט קיין קאָלאָניעס פון פרעמדע!" מיט אַזאַ שאַרפן לשון האָט אַן אויסטראַ־לישע צייטונג גערעדט צום ערשטן מאָל. „ביי אונדזער גאַנצער סימ־פּאַטיע צו ד"ר שטיינבערג און צו די פּליטים, מוז דער ענטפער פון דער רעגירונג זיין: ניין" — האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרטיקל. פאַר־וואָס? ווייל

„דאָס אויסטראַלישע פאָלק איז פון איין גוס. עס איז ריין־בריטיש, מיט נאָר אַ קליינער מישונג פון אַנדערע אייראָפּעאישע מקורות. דערפאַר איז עס פריי פון די פּראָבלעמען וואָס מאַ־טערן אַנדערע לענדער... דער פּועל־יוצא פון אימיגראַציע מוז זיין אַסימילאַציע. דער אויסלענדישער עמיגראַנט מוז קומען אַהער מיט דער פולער כוונה צו ווערן אַן אויסטראַליער און צו דערציען זיינע קינדער אַלס בריטישע אין זייער נאַציאָנאַליטעט און געפיל. אויב ער וועט עס ניט טאָן, ווילן מיר אים ניט האָבן".

מען קען פאַרשטיין אַזאַ געדאַנקען־גאַנג, אָבער פאַרוואָס איז מען קעגן דער גרופּן־קאָלאָניזאַציע פון אויסלענדער? ווייל — ענטפערט די צייטונג:

„גרופּן־קאָלאָניעס זיינען אפשר דער גרעסטער שטער קעגן אַסימילאַציע. מיר האָבן עס געזען אין די צוקער־געגנטן פון קווינסלענד, וואו אייניקע ישובים זיינען באַזעצט פון איטאַ־ליענער. אַ סך פון זיי זאָגן זיך אָפּ צו לערנען די שפּראַך פון זייער נייעם לאַנד, און צוזאַמען מיט זייער לשון האַלטן זיי אויף די מנהגים און אידייען פון איטאַליע".

זאָל זיין אַזוי; אפשר האַלטן זיך טאַקע איטאַליענער נענטער צו איטאַליע ווי צו זייער אַדאָפּטירטן נייעם פאָטערלאַנד אויסטראַליע. אָבער — וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ יידישער קאָלאָניזאַציע? דאָ הייבט זיך אָן דער פּלאָנטער אין דעם זייער ענערגישן לייט־אַרטיקל.

פון איין זייט דערקלערט ער אַז עס איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטישע געפילן צווישן פּאַרנונפטיקע אויסטראַליער. „מיר האָבן צווישן אונדז יידישע בירגער פונקט אַזעלכע אויסגעצייכנטע ווי אונדזערע.” אָבער, פון דער אַנדערער זייט, וואַרפט ער אָפּ אויפן שאַרפסטן אופן דעם געדאַנק פון אַ יידישער קאָלאָניע.

„מיר ווילן ניט האָבן נאָר באַרדערס אין אונדזער הויז. מיר ווילן האָבן נאָר מענער און פרויען וואָס שטרעבן צו ווערן מיטגלידער פון דער פאַמיליע, וואָס וועלן זיך נעמען די מי צו לערנען אונדזער שפּראַך, צו ווערן בירגער און צו פאַרגעסן עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע און דייטשלאַנד און איטאַליע צוליב אויסטראַליע”.

פון וואַנעט ווייסט דער דאָזיקער שרייבער אַז די יידישע קאָלאָניסטן זיינען ניט גרייט צו פאַרגעסן די אַלע אויסגערעכנטע לענדער פון זייערע ליידן און צו לערנען די שפּראַך פון אויסטראַליע? וואָלט ער זיך געגעבן די קלענסטע מי צו טראַכטן, וואָלט ער געזען, אַז יידישע ישובים אין אַלע לענדער פון דער וועלט שיידן זיך ניט אָפּ, אין פּאָליטישן זינען, פון דעם לעבן פון הערשנדיקן פאָלק. זייער לאָיאַליטעט איז באַגרינדעט אויף דעם אייזערנעם פאַקט וואָס זיי האָבן ניט הינטער זייערע פּלייצעס אַ פאָטערלאַנד (ווי די איטאַליענער, למשל), וואָס זייער געטריישאַפט צום לאַנד איז אַן איינהייטלעכע, קיינמאָל ניט קיין געשפּאָלטענע.

אַט די לייכטזיניקע באַציאונג צו די ליידן פון יידישן פאָלק, די לייכטזיניקע אַנווענדונג לגבי אים פון אַן אַבסטראַקטער פאָרמעל איז אפשר ניט קיין אַנטיסעמיטישע ליניע, אָבער פון פריינטשאַפט צו יידן זאָגט זי גאָר ווייניק. איצט האָב איך פאַרשטאַנען דאָס איבערקוקן זיך פון רעדאַקטאָר מיטן צייטונג־באַלעבאָס בעת מיין וויזיט. זיי האָבן עס שוין דעמאָלט געהאַט באַשלאָסן. פונדעסטוועגן האָב איך געוואָלט גענויער פאַרשטיין עס, און איך האָב טעלעפאָנירט צו מר. ס. — פאַר־וואָס האָט איר זיך געאיילט אָפּצוואַרפן אונדזער פּראָיעקט איידער מיר האָבן זיך דורכגערעדט? — האָב איך געפרעגט. פון יענער זייט דראָט האָב איך דערהערט אַלץ דעם זעלביקן קאַלט־העפלעכן טאָן: מיר האָבן דאָך סיי ווי סיי אונדזער מיינונג וועגן דעם... אויסער דעם איז היינט אינדערפרי דערשינען אין דער אַנדערער צייטונג

(„סידנעי מאָרנינג העראַלד״) אַ זייער פריינטלעכער אַרטיקל וועגן דעם... איר האָט זיי געגעבן דעם מאַטעריאַל פריער און מיר קענען נישט פּשוט איבערחזרן דאָס זעלביקע... אויסער דעם, אויב איר ווילט, קענט איר אַנשרייבן קעגן אונדזער שטאַנדפּונקט אין דער צייטונג...

איך האָב עס נישט געטאָן, פאַרשטייט זיך. צי דער „סאַן״ האָט געוואָרפן זיין שטיין קעגן אונדז צוליב פּרינציפּ אָדער צוליב געשעפט־קאָנקורענץ, ווייס איך נישט. אָבער עס איז שווער אָפּצוּוואַרפן דעם געדאַנק אַז דאָרטן איז ניט אַלץ אין אָרדנונג בנוגע אַנטיסעמיטיזם. — אַז די פּרעסע האָט דאַ דעם 19טן אַפּריל (1940) פאַרעפנטלעכט דעם אויפרוף פון 55 חשובע סידנעיער בירגער לטובת דעם פּראָיעקט, האָט דער „סאַן״ אים ניט אָפּגעדרוקט, אַפילו ניט לשם אינפאָרמאַציע אָדער קריטיק.

* *

מיט מר. הענדערסאָן האָב איך זיך באַקענט אויף אַ זאָנדערבאַרן אופן. שפּעט ביינאַכט בין איך געווען אין דער רעדאַקציע פון דער מעלבורנער צייטונג „אַרגוס״. דער רעדאַקטאָר מר. נאָקס האָט גלייך נאָך די ערשטע באַגריסונגען דערקלערט אַז זיי וועלן אונטערשטיצן אונדזער פּראָיעקט. „אמת — האָט ער מוסיף געווען — מיר האָבן איינעם צווישן אונדז וואָס איז ניט זייער באַגייסטערט דערפון, אָבער רעדט זיך דורך מיט אים״. ער האָט אַריינגערופן דעם צווייפלער, און זיי ביידע האָבן שטיל און פריינטלעך דורכגעפירט אַ גאַנצע חקירה ודרישה וועגן דעם קימבערליי־ענין. ווייזט אויס, זיי זיינען געבליבן באַפרידיקט, ווייל גלייך נאָך דעם האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ באַזונדערן צימער צוזאַמען מיטן יונגן, הויך־וואוקסיקן, אידעאַליסטיש־בליקנדיקן דזשאָן האַרקאָרט. אויף מאָרגן איז פון זיין פעדער הער־שינען אין „אַרגוס״ איינער פון די שענסטע און קלאָרסטע אַרטיקלען וועגן דעם פּלאַן אין דער אויסטראַלישער פּרעסע בכלל. „איך האָב נעכטן געהאַט אַ שמועס מיט אַ מענטשן וואָס איז באַגייסטערט מיט דער וויזיע פון אַ באַפעלקערטן צפון־אויסטראַליע, מיט אַ וויזיע פון פאַרוואַנדלען מיליאָנען אַקער קימבערליי־לאַנד אין אַ גאָרטן. דער חלום פון אָט דעם מענטש וואָס איז ניט קיין אויסטראַליער, נאָר אַ ייד, איז ניט קיין פּוסטער חלום, נאָר אַן אויסערגעוויינטלעך פּראַקטי־שער פּלאַן״ — אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אינטערוויו.

אַזייגער עלף האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן אין ליפט צו גיין אַהיים, בעת איך האָב דערזען אַ פּאָר פריילעכע אויגן פון אַן עלטערן הערן געווענדעט צו מיר. ס׳האָט זיך געדאַכט אַז מיר זיינען עפּעס ווי באַקאַנט. אַז איך האָב פאַרוואונדערט אַ בליק געטאָן, האָט ער גענומען לוסטיק שמייכלען: „איך האָב מיר גלייך געזאָגט אַז איר מוזט זיין אַן אויסלענדער. וואָס טוט איר דאָ ביי אונדז אין אַזאַ שפּעטער שעה?" האָב איך אים זייער העפלעך געפרעגט: ווער זייט איר? — האָט ער אַלץ מיט דער זעלביקער פאַרפירערישער פריילעכקייט דערקלערט: איך בין דער טשערמאַן פון די שער־האָלדערס פון „אַרגוס" (אויף אונדזער לשון הייסט עס: דער באַלעבאָס). — בין איך שוין אויך געוואָרן פריילעך אויפגעלייגט. „אויב אַזוי, קען איך אייך זאָגן וואָס איך טו ביי אייך". ווי נאָר איך האָב דערמאָנט די צוויי צויבער־נעמען: קימבערליי און דוראק — האָט ער זיך נאָך מער דערפריים און גענומען רעדן ווי אַ מענטש וואָס אַנטפּלעקט סודות: „איך קען די גאַנצע מעשה. איך קען דוראקן. גראָד נעכטן האָב איך אים געשיקט דעם נייעם נומער פון לאַנדאָנער „יוניטעד עמפּייער" וואו עס שטייט וועגן דער זאַך... קומט אַרויף מיט מיר אין דער רעדאַקציע, איך וועל אייך געבן דעם נומער". מיט אַ צופרידענעם שמייכל האָט ער מיך גענומען אונטערן אָרעם.

פון יענעם אָוונט אָן האָב איך געהאַלטן מר. הענדערסאָן פאַר אַ פריינט פון אונדזער זאַך. אַזאַ פריילעכער, אַזאַ צופרידענער, אַזאַ אָפנהאַרציקער מענטש קען דאָך ניט ניט זיין אַ פריינט דערפון. פונדעסטוועגן האָב איך זיך אַ לענגערע צייט ניט צונויפגעטראָפן מיט אים. אָבער איינמאָל בייטאָג האָב איך אים געטראָפן אין גאַס, און ער האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ שמועס. ער האָט מיך געבראַכט אין זיין קלוב, און מיר האָבן זיך געזעצט טרינקען טיי. אַרום אונדז איז געווען די געווינטלעכע סביבה פון אַ הערן־קלוב אין אַ מיטן וואָכעדיקן טאָג. עלטערע הערן האָבן געלייענט צייטונגען, געשפּילט אין דאַמקעס, געזעסן אויסגעצויגן אין אַ דרעמל. מר. הענדערסאָן איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט און באַרעדעוודיק. מיר איז שוין לאַנג ניט אויסגעקומען צו זען אַזאַ זעלבסט־צופרידענעם און ממש גליקלעכן מענטשן.

ער האָט דערציילט וואָס פאַר אַ גוטן פּלאַץ ער פאַרנעמט אין שטאָט אַלס אַרכיטעקט. אַ ריי גרויסע געביידעס זיינען געצייכנט

געוואָרן פון אים. ער פאַרדינט דערפון נישקשהדיק, אָבער דאָס איז ביי אים ניט די הויפּט־זאַך. הויפּט־זאַך איז צו האָבן אַ לייכטן געמיט, אַ שטענדיקן זייליש באַלאַנס. ער באַזיצט אָט די מעלות. טאָמער מאַכט זיך עפּעס וואָס, — גייט ער צום ים, שווימט ער, רודערט ער, שפּילט טעניס. די זון, די פרישקייט פון דער נאַטור, — דאָס איז די הויפּט־זאַך. סאָציאַלע געשעענישן אינטערעסירן אים ווייניקער. אין מיטינגען, דעבאַטעס, קאַמפן גלויבט ער ווייניק. הויפּט־זאַך דער מענטש זאָל זיין רואיק, זיכער, צופרידן...

איך ווייס ניט פאַרוואָס: אַזעלכע רייד רופן אַרויס אין מיר אַ שווערן געפיל. עס איז שוין געווען דער ערשטער חודש פון דער מלחמה; אויפן האָריזאָנט זיינען געשטאַנען זייער בולט שוואַרצע, מאוימדיקע שאָטנס. איך אַליין בין געקומען אַהער אין נאָמען פון ליידנדיקע מענטשן צו זוכן פאַר זיי אַן אָפּרו. און אָט דאָ אַנטקעגן מיר זיצט אַ מענטש וואָס נעמט זיך צום האַרצן גאָרנישט, וואָס נעמט אויף די גאַנצע וועלט ווי אַ שפּיל־פּלאַץ פאַר זיין איינצל־פּערזאָן. אים איז לייכט צו רעדן... אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך סודותדיק איבערגעבויגן צו מיר און געזאָגט: „עס איז טרויעריק דאָס וואָס איך וויל אייך איצט דערציילן". ווייסט איר אַז יידן איז ניט דערלויבט צו זיין מיטגלידער פון אָט דעם קלוב?... מיט יאָרן צוריק האָב איך זיך געסטאַרעט דורכצופירן די קאַנדידאַטור פון מאָנאַשן, און עס איז מיר ניט געלונגען. דער קאָמיטעט האָט עס ניט געוואָלט...

איך האָב שוין פון פריער געהערט אַז מען נעמט ניט אַריין קיין יידן אַלס מיטגלידער אין אַ ריי אויסטראַלישע „בעסערע קלובן". איצט האָט עס מיר אָפן געזאָגט אַ ליבעראַלער מאַן מיט, דאַכט זיך, גוטע כוונות. מען האָט מיר אויך דערציילט אַז שפּעטער שוין, ווען מאָנאַש איז געקומען צוריק פון דער מלחמה ווי אַ העלד פון אויס־טראַליע, ווי סער דזשאָן מאָנאַש, האָט אים איינער פון אָט די אַריס־טאָקראַטישע קלובן איינגעלאַדן צו אַן ערן־מיטאָג. אָבער ער, צוגלייך מיט סער אייזיק אייזעקס (דעם אַנדערן באַרימטן ייד־אויסטראַ־ליער) האָבן זיך פון דעם כבוד אָפּגעזאָגט.

— וואָס איז דער גרונט דערפון? — האָב איך געפרעגט מיין טיי־פּאַרטנער.

— שווער צו זאָגן — האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און זיין געזיכט איז צום ערשטן מאָל געוואָרן ווי פאַרדאגהט, — עס

זיינען, זאָגט מען, געווען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַלן ווען יידן־מיטגלידער האָבן ניט פֿיין געהאַנדלט...

— פּאַסירט עס ניט אַמאָל אויך ביי ניט־יידן? — האָב איך געפֿרעגט.

— יאָ, געוויס... אָבער איר ווייסט, דער אויסטראַליער באַטראַכט דעם קלוב ווי אַ פֿאַרטזעצונג פֿון זיין היים. ער וויל זיין צווישן אייגענע...

איך האָב אַ קוק געגעבן אַרום מיר און געזען די הערן וואָס זיינען געזעסן, געדרעמלט, געטרונקען, געשפּילט אין דעם צימער. צי האָט מען געזאָלט זייער באַדויערן וואָס מען קען ניט זיין צווישן זיי אין קלוב? אָבער הייסט עס אַז אַ ייד טאָר ניט אַריינקומען אויך אין אויסטראַלישע היימען? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן... אונדזער געשפּרעך האָט זיך שוין מער ניט אַנטוויקלט אין דער לייכטער פֿאָרם ווי פֿריער. מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון פּלאַץ און זיינען שווייגנדיק געגאַנגען צו דער טיר. ביי דער טיר אַז מר. הענדערסאָן האָט מיר פֿריינטלעך געדריקט די האַנט, האָב איך געזאָגט: מיך וואונדערט נאָר ווי קען אַ ליבעראַלער מענטש געהערן צו אַ קלוב מיט אַזעלכע פּרינציפּן...

ער איז אַוועק מיט אַ פֿאַרטראַכטן פּנים. אַז איך האָב אים מיט אַ צייט שפּעטער אָנגעפֿרעגט דורך אַ בריוו צי ער וועט געבן זיין אונטערשריפֿט צו דעם מעלבורנער אויפֿרוף פֿאַרן קימבערליי־פּלאַן, האָט ער געענטפֿערט אַז ער קען ניט געבן.

אין פּאַרלאַמענט

אָבער אויך צווישן די לייבאָר־קרייזן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן דערשיינונגען וואָס אַז מען באַרירט זיי נאָענט גייט דורך אַ שאַרפֿער עלעקטרישער טאָק דורך דער האַנט. זיי זאָלן ניט פֿאַרשוויגן ווערן אויך דאָ.

זייענדיק אין פּערט האָב איך געלייענט אַז דעם 15טן יוני (1939) האָט דער לייבאָר־דעפּוטירטער אין פֿעדעראַלן פּאַרלאַמענט פֿון קאַנבעראַ, מר. ג. געהאַלטן אַ רעדע פֿול מיט אַנטיסעמיטישע אָנפֿאַלן.

אַז איך האָב באַקומען דעם „האַנזארד"-באַריכט פון יענער זיצונג, האָב איך ניט געוואָלט גלויבן מיינע אויגן. אין 15 מינוטן צייט איז אַרויס־געזאָגט געוואָרן אַזוי פיל רשעות און שקר ווי דאָס וואָלט ניט געקענט זיין בעסער געטאָן אין אַ היטלער־לאַנד. ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם רעגירונג־באַשלוס אַריינצולאָזן קיין אויסטראַליע 15,000 „יידישע פליטים" (ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט) אין משך פון דריי יאָר צייט.

פאַרשטייט זיך, אויך ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר יידן. „איך אָנדערקען אַז אַ סך יידן האָבן געבראַכט גרויס נוצן פאַר דער מענטשהייט. און דאָס איז ריכטיק אויך בנוגע די יידן אין אויס־טראַליע. פאַר אַזעלכע מענטשן ווי דער פאַרשטאָרבענער סער דזשאָן מאָנאַש און דער געוועזענער גאָווערנאָר־דזשענעראַל סער איזיק איי־זעקס מוזן מיר אַלע אָראָפּנעמען די היט". גלייך נאָך דערויף האָט ער אָנגעהויבן די אַטאַקעס. „אָבער אויב מיר ווילן אַז מענטשן זאָלן קומען אַהער, ווילן מיר נאָר אַזעלכע וועלכע וועלן אַנטוויקלען דאָס לאַנד. און די יידן זיינען מערסטנס אַ האַנדלס־פאָלק... פאַרוואָס האַלטן עס די יידן פאַר נויטיק צו פאַרלאָזן אייראָפּע?" דאָ האָט דער אַרבעטער־פאַרטרעטער גענומען זוכן אַרגומענטן ביי היטלערן. „איך וויל ניט פאַרטיידיקן היטלערן פאַר זיינע פאַרפאָלגונגען פון יידן. אָבער עס איז נאָר גערעכט אָנצואווייזן אַז עס האָבן געמוזט זיין געוויסע אורזאַכן פאַר זיין באַשלוס אַרויסצושיקן זיי וואוהין ניט איז פון דייטשלאַנד".

און מר. ג. הייבט אָן צו ציטירן אַ בוך פון מר. וואָרד פּרייס, דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער רעאַקציאָנערער ענגלישער צייטונג „דיילי מייל". מר. פּרייס איז געווען אַ פריינט פון היטלערן נאָך פאַר זיין טריאומף. ער פלעגט אים באַגלייטן אויף זיינע לופטשיף־רייזעס איבער דייטשלאַנד אַלס דער איינציקער ענגלישער קאָרעספּאָנדענט. ער האָט ניט ווייניק געהאָלפן צו פאַרדרייען דעם קאָפּ און צו פאַרשלעפערן די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג בנוגע היטלערן. דעם צוועק האָט ער אויך געדינט אין זיין בוך: "I Know These Dictators" וואָס די מאַ־טעריאַלן צו אים האָט ער געשעפּט פון די פאַרגיפטעטע מקורות פון

די נאַציס. איצט — זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן — איז ער, פאַרשטייט זיך, אַ קעגנער און אַן עקספּערט אין היטלעריזם. פון אַט דעם בוך זיינעם האָט מר. ג. גענומען ציטאַטן אַן וועלכער ניט איז קריטיק און האָט זיי פאַרגעלייענט אין פאַרלאַמענט.

„בעת דעם כאַאָס נאָך דער מלחמה איז פאָרגעקומען אַ נייע יידישע אינוואַזיע פון דייטשלאַנד. זי איז געקומען פון פוילן און גאַליציע. די סיבה פון אַט דער אימיגראַציע איז געווען דער צוזאַמענברוך פון דער דייטשישער וואַליוטע וואָס דאָס האָט געגעבן די יידן פון די שכנותדיקע לענדער אַ געלעגנהייט צו מאַכן גרויסע פּראָפיטן לויט זייער וואונטש. יעטוועדער וואָס פלעגט קומען דעמאָלט קיין דייטשלאַנד מיט פרעמדער וואַליוטע האָט געקענט אָפּקויפן געשעפטן און הייזער צו פאַנטאַסטיש ני־דעריקע פרייזן 1). גלייכצייטיק האָבן די אינטעלעקטועלע פון דער יידישער ראַסע גענומען שטיקן די אינטעליגענטע פּראָפע־סיעס. הגם די יידן האָבן אויסגעמאַכט נאָר 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער דייטשישער באַפעלקערונג, זיינען אָבער 45 פּראָ־צענט פון דער מעדיצינער־פאַקולטעט אין בערלין געווען יידן, בעת היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. יידישע דאָקטוירים און כירורגן זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל אַפילו אין קאַ־טוילישע שפּיטאָלן. יידישע אַדוואָקאַטן זיינען געווען פון 29 פּראָצענט אין דאָרטמונד ביז 67 פּראָצענט אין ברעסלוי. פון

1) אָבער האָבן עס דעמאָלט געטאָן נאָר יידן אַליין? אַמעריקאַנער, האָלענדער, שווייצער — ניט? און דייטשישע פּראָפיט־זוכער האָבן ניט באַרויבט זייער אייגן פאָטערלאַנד? איז ניט דעמאָלט אויף די הייוון פון דער אינפלאַציע אויסגעוואַקסן די גיגאַנטישע מאַכט פון דעם עכט־דייטשישן מאַגנאַט שטינעס? און איז ניט די אינפלאַנציע גופא געשאַפן געוואָרן אין יענע יאָרן פון די דייטשישע אינדוסטריעלע און באַנקירן, כדי אויסצונוצן פאַר זיך דאָס געשלאָגענע אייגענע פאָלק? —(י. נ. ש.)

234 טעאַטער־מענעדזשערס זיינען איבער פופציק פּראָצענט געווען יידן. 1) באַזונדערס אומדערטרעגלעך פון נאַציִשן שטאַנדפּונקט איז געווען וואָס די פּאָפּולערע פּרעסע און די פּאַרלאַגן זיינען געווען באַזעצט און קאָנטראָלירט פון יידן, מיט די צווי באַקאַנטע פירמעס אולשטיין און מאָסע אין דער שפּיץ".

אין דעם מאָמענט האָט דער פינאַנץ־מיניסטער מר. ספּענדער געמאַכט אַ באַמערקונג צום רעדנער: „עס לוינט זיך צו לייענען, גלייכצייטיק מיט פּרייסעס בוך, אויך דאָס בוך פון ל. גאָלדינג: „די יידישע פּראַגע". — אָבער מר. ג. האָט זיך ניט געלאָזט פּאַרפירן און ער האָט תיכף געענטפערט:

„לואי גאָלדינג איז אַ ייד און קיינער וועט ניט דערוואַרטן אַז ער זאָל זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ פּאַרטיידיקער פון יידן וועלכע סטאַרען זיך צו באַהערשן אויסטראַליע. צי גלויבט דער מיניסטער אַז אין דייטשלאַנד, וואו דאָס פאָלק איז הויך־אינטעליגענט, זיינען די יידן געווען אַזאַ גרויסע גייסטיקע קראַפט אַז מיט דעם אַליין האָבן זיי געקענט באַהערשן די געלערנטע פּראָפעסיעס?"

---

1) די דאָזיקע נאַרישע מאַטעמאַטיק ווערט אָנגעווענדעט פון אַנטיסעמיטן אומעטום. אויב די גייסטיקע אַרבעט פון פעלקער זאָל רעגולירט ווערן לויט זייער פּראָצענט אין לאַנד, ווי זאָל זיין מיט די גרויסע טאַלאַנטן? צווישן די טרעגער פון דעם נאָבעל־פּרייז אין דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען יידן געווען פּאַרטראָטן מיט צענדליקער נעמען, הגם לויטן פּראָצענט האָבן די געזאָלט זיין נאָר 0.1 פּערזאָן. זאָל מען אַלזאָ פּאַרבאָטן אַזעלכע מענטשן ווי איינשטיין אָדער פרויד אָדער האבער צו אַנטוויקלען זייערע אידייעס וואָס רעוואָלוציאָניזירן די וויסנשאַפט און די וועלט, צוליב אָט יענער אַנטיסעמיטישער מאַטעמאַטיק? זאָל מען אין דער טעאַטער־וועלט ליקווידירן דעם טאַלאַנט פון אַ ריינהאַרט אָדער יעסנער, ווייל זיי שטייגן אַריבער דעם פּראָצענט? אויב דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל, ווער האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, אויב ניט די אַלגעמיינע ניט־יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט גערן באַנוצט זייער דינסט? —(י. נ. ש.)

ווידעראַמאָל אונטערברעכט אים דער מיניסטער ספּענדער מיט אַ מענטשן־פרײַנטלעכער דערקלערונג: „עס איז פאַראַן אַ היסטאָרישע דערקלערונג דערצו". אָבער מר. ג. פירט אָן זיין אַטאַקע ווייטער און גייט שוין אַריבער צו אויסטראַליע.

„די פעלץ־געשעפטן זיינען אינגאַנצן אונטערן קאָנטראָל פון יידן. די מאַנטל־געשעפטן אויך. די פּרעסע פון לאַנד, די אָוונט־צייטונג פון מעלבורן, איז אויך קאָנטראָלירט פון אַט די מענטשן וואָס שטרעקן איצט אויס זייערע פינגער אויך צו דרום־אויסטראַליע. אויף וויפיל עס איז נוגע אויסטראַליע, זיינען זיי דאָ ניט געוואונטשן. מיר האָבן גענוג עקספּלואַטאַטאָרן צווישן אונדזער אייגענעם פאָלק, אָבער די לייט זיינען מלכים פון עקס־פּלואַטאַציע. איך וועל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט פאָרזעצן מיין רעדע."

דאָס איז אַ קלאַסישער מוסטער פון אַ יידן־העצערישער רעדע. פונדעסטוועגן האָט דער רעדנער באַנוצט אין זיין דרשה אויך אַזעלכע ווערטער: „איך האָב ניט קיין אַנטי־יידישע געפילן און פיל ניט קיין שום ראַסן־שנאה". צו די גיפטיקע באַליידיגונגען האָט ער דערמיט נאָך צוגעלייגט אַ גוט שטיק צביעות וועלכע קען אָבער קיינעם ניט אָפּנאַרן. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן צי האַלט ער נאָך איצט די באַווייזן פון היטלערן פאַר שטאַרק גענוג כדי מיט זיי צו באַגרינדן דעם אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע. „היטלער" איז דאָך אין דער צווישנצייט געוואָרן ניט נאָר דער פיינט פון יידן — אויך פון ענגלאַנד און אויסטראַליע.

* *

האָט זיך געדאַרפט מאַכן אַז איך האָב זיך צונויפגעטראָפן מיט מר. ג. אין פּערט. לויט מיין פּראָגראַם, האָב איך געזאָלט זען יעטוועדן דעפּוטירטן פון מערב־אויסטראַליע אין פעדעראַלן פּאַרלאַמענט, און מר. ג. איז טאַקע געווען אַ פאַרטרעטער פון יענעם לאַנד אין וועלכן עס ליגט די קימבערליי־געגנט. האָב איך איינמאָל טעלעפאָנירט אין זיין אָפיס, ניט געטראָפן אים און איבערגעלאָזן מיין טעלעפאָן־נומער. איך האָב אָבער פון אים ניט געהערט, און כמעט פאַרגעסן אָן דעם.

אין אַ פּאָר טעג אַרום הער איך אין טעלעפאָן אַן אויפגערעגטע שטים: „ד"ר שטיינבערג, איר קענט מיך ניט, אָבער איך מוז זיך היינט

מיט אייך טרעפן. קענט איר קומען צום לאַנטש מיט מיר?" ענטפער איך: ווער זייט איר? קען איך אייך?

עטפערט דער אויפגערעגטער מענטש: איר קענט מיך ניט, אָבער די זאַך איז פאַר אייך וויכטיק...

— פונדעסטוועגן מוז איך באַשטיין — זאָג איך אים — אויף דערויף, אַז איר זאָלט מיר זאָגן ווער איר זייט...

— איך בין דער שוויגערזון פון דעפּוטירטן, מר. ג.... מיין נאָמען איז אַזוי און אַזוי... ער איילט זיך ניט צו טרעפן זיך מיט אייך, אָבער איך מוז מיט אייך רעדן וועגן דעם...

— אויב אַזוי — האָב איך זיך אָפּגערופן — בין איך גרייט צו טרעפן זיך היינט מיט אייך.

ער האָט זיך קענטיק געפילט דערלייכטערט. צו מיטאָג־צייט האָב איך דערזען אַ יונגן מאַן מיט אַ העכסט־סימפּאַטישן פּנים וועל־כער האָט תיכף אַנגעהויבן רעדן מיט ערלעכער אויפרעגונג. זיין שוויגער־פאָטער איז בכלל אַ גוטער און קלוגער מענטש, נאָר עפּעס איז פאַלש אין אים בנוגע יידן... ער קען ניט זיין גערעכט לגבי זיי... איר האָט מסתמא געלייענט וועגן זיין רעדע אין פּאַרלאַמענט... אַז איר האָט טעלעפאָנירט צו אים, האָט ער דערקלערט אַז ער וויל זיך ניט טרעפן מיט אייך. האָבן מיר, זיין טאָכטער און איך, אַריינגע־טענהט אין אים אַז עס איז ניט פיין. איר זייט אַ דזשענטעלמען, גע־קומען צו אונדז אין לאַנד מיט אַ מיסיע... איך האַלט שטאַרק פון אייער פּלאַן...

רייס איך אים איבער מיט אַ פריינטלעכן שמייכל: איז וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט אים?

ענטפערט ער מיר אַז איך זאָל אים נאָכאַמאָל טעלעפאָנירן און בעטן וועגן אַ צוזאַמענקונפט, און זיי וועלן שוין צוזען אַז ער זאָל צו־שטימען. — זאָג איך אים אַז לײדער קען איך עס ניט טאָן, נאָכדעם ווי איך וויס שוין וועגן זיין באַציאונג, אַז מיין פּערזענלעכע ווערדע קען עס ניט דערלויבן...

ענטפערט ער אָפּ מיט אַ טיפער אויפרעגונג: איר זענט דאָך אינטערעסירט אין דעם דערפאָלג פון אייער מיסיע, טאָרט איר ניט קוקן אויף אייער פּערזענלעכער ווערדע... און מר. ג. איז אַן איינ־פלוסרייכער דעפּוטירטער, קען איך טאָן אַמאָל שאָדן.

— ניין, דאָס איז גראָד די ווערדע פון אונדזער מיסיע וועלכע איך מוז אָפּהיטן... מיר קענען ניט גיין צו דעפּוטירטע מיט דער היטל אין האַנט...

— איז ווי זאָל איצט זיין? — פרעגט ער כמעט אין פאַרצווייפלונג.

איך האָב דאָס וואַרעמסטע געפיל צו דעם יונגן מאַן און צו זיין פרוי. איך בין זייער צופרידן וואָס דער אומפּריינטלעכער צופאַל האָט מיך צונויפגעפירט מיט דעם גוטן יונגן אויסטראַליער.

— איך מוז זיך איצט אָפּהאַלטן און וואַרטן ביז ער וועט מיך איינלאַדן — אַזוי שליסן מיר אָפּ דעם שמועס.

— אַלרייט, איר וועט מאָרגן פרי פון אים הערן...

מאָרגן פרי, די באַקאַנטע יוגנטלעכע שטים אין טעלעפאָן: „האָט ער אייך שוין טעלעפאָנירט?" — מיט גרויס סימפּאַטיע צום יונגן פריינט ענטפער איך: „ניין, ביז איצט ניט". — אַ פאַרסאַפּעטע שטים פון ווייטן רייסט זיך אָפּ: „אַלרייט, וועט איר הערן פון אים שפּעטער... מיר האָבן גערעדט מיט אים נעכטן אַ גאַנצן טאָג... אָבער דערמאָנט ניט אַז איר האָט געלייענט זיין רעדע".

אין אָוונט האָט מר. ג. טאַקע טעלעפאָנירט. מיט אַ געלאַסענער שטים וואָס האָט קיין זאַך ניט פאַרראַטן, האָט ער מיך געבעטן צו קומען אין דעם אָפיס צו טרעפן זיך מיט אים. איך האָב צוגעזאָגט. נעקסטן טאָג בין איך געזעסן קעגנאיבער אַ 70־יאָריקן קרעפּטיקן מאַן, אַזאַ איינעם וואָס מען רופט אָן ביי אונדז אַ מענטש אַ גבר. ניט אויפ־הייבנדיק אויף מיר די אויגן, האָט ער גערעדט און פון צייט צו צייט גענומען אַ פּאַפּיר פון טיש. ער האָט געהערט, — זאָגט ער — וועגן אונדזער פּראָיעקט, און ער וואונדערט זיך וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן גראָד קימבערליי. ער קען די געגנט, ווייל ער פאַרטרעט איר אין פּאַרלאַמענט... זיין וואַלקרייז איז כמעט גאַנץ מערב־אויסטראַליע, דער גרעסטער אין דער וועלט. ער האַלט אין איין שטענדיקן אַרומ־פאָרן איבערן לאַנד כדי צו שטודירן די באַדערפעענישן פון דער באַ־פעלקערונג... ווייסט ער די שוועריקייטן פון קימבערליי...

איך האָב זיך געמוזט וואונדערן. אייגנטלעך איז דאָ געזעסן אַ פריינט פון יידישן פאָלק וואָס האָט געזאָרגט פאַר זיין צוקונפט. ווי האָט דאָס געשטימט מיט יענער רעדע זיינער?... אַז איך האָב גע־וואָרפן אַן אויג אויף זיין מיט פּאַפּירן פאַרלייגטן טיש, האָב איך

פּלוצים באַמערקט די רויטע קאַנטן פון אַ באַקאַנט ביכל. נאָך אַ ווײַלע, און איך האָב דורכגעלייענט דעם טיטל פון בוך L. Golding, "The Jewish Problem." אָט טאַקע יענעם בוך וואָס דער מיניסטער ספּענדער האָט אים געראָטן צו לייענען בעת זיין רעדע אין פּאַרלאַמענט. דאָס וואָס דער מיניסטער האָט ביי אים ניט אויס־געפירט, האָבן אַפּנים די קינדער געפּועלט.

האָב איך אים געענטפערט אומגעפּער אַזוי: אַוודאי וואָלטן מיר געוועזן צופרידן צו באַקומען אַ בעסערע געגנט פאַר קאָלאָניזאַציע, אָבער, דאַכט זיך, מען איז ניט גרייט צו געבן... אָבער אויך קימ־בערליי איז גאָר ניט שלעכט, מיר האָבן צוגעגרייט אַ באַריכט וועגן אונדזער באַזוך דאָרטן. אפשר וועט מר. ג. זיך באַקענען מיט אים?...

מר. ג. האָט זייער גערן איינגעוויליקט צו לייענען עס. גראָד פאָרט ער אַרויס דעם אָוונט אויף אַ רייזע, וועט ער זיך באַקענען מיט דעם רעפּאָרט אין וועג. דערנאָך קענען מיר האָבן נאָך אַ קורצן שמועס וועגן דעם, ווען ער וועט זיך אַריינכאַפּן אויף אַ ווײַלע קיין פּערט...

אַז איך האָב אים ווידער געטראָפן אין דעם זעלביקן פּלאַץ מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז ער געווען נאָך מער צוגעלאָזט, הגם אַלץ עפּעס ווי געפּענטעט. ער האָט געלייענט דעם רעפּאָרט און געפינט אים אינטערעסאַנט. קיינע גוזמאות זיינען דאָרטן ניטאָ. אים דאַכט אָבער אַז מען וואָלט גערדאַרפט באַקומען פאַר די פּליטים נאָך אַ בעסערע געגנט... יעדנפאַלס אַז איך וועל שפּעטער אַריבערקומען קיין קאַנ־בערא, וועט ער מיך באַקענען מיט די מיניסטאָרן.

וואָס האָב איך נאָך געקענט פאַרלאַנגען פון אים? האָב איך געזאָלט אַנטפּלעקן מיין גאָר קליינעם צוטרוי צו אים אָדער גלויבן אין זיין זיילישער פאַרענדערונג פאַר די פּאָר טעג? מיר האָבן זיך העפּ־לעך געזאָגט „גודביי" און פאַנאַנדערגעגאַנגען זיך. וועגן מיין שמועס מיט זיין שוויגערזון האָבן מיר ניט דערמאָנט אַ וואָרט.

* *

און איצט — אין אָקטאָבער — האָב איך דורכגעלייענט אַז ער איז נאָך אַ קורצער קראַנקהייט געשטאָרבן. ער איז געווען אָקאָרשט נאָכאַמאָל אַריין אין פּאַרלאַמענט, אָן שום קעגנערשאַפט פון אַנדערע קאַנדידאַטן. דער פּאַרטיי־לידער קערטן האָט דערקלערט אַז מר.

ג. איז געווען אין זיין וואָל־קרייז באַליבט און געאַכטעט פון אַלעמען. מ׳האָט אים דערפאַר גערופן מיט אַ צערטלעכן צונעמעניש „טעקסאַס“. הייסט עס דאָך, אַז ער איז געווען אַ וואוילער און האַרציקער מענטש? ווי אַזוי האָט זיך אין אַזאַ האַרץ באַזעצט און באַלעבאַטעוועט די פיינט־שאַפט צו יידן, די אַממערסטן גערודפטע מענטשן? וואָס האָט פּאַסירט אין זיין ביאָגראַפיע? מיר וועלן עס מער קיינמאָל ניט דערפאַרן. אָבער זיין כבוד האָבן אַזוי איידל אָפּגעהיט זיינע קינדער, און זייער ליכט וועט אָפּווישן דעם שאָטן.

אין לייבאָר קאַונסיל

פונקען פון אָפּענעם אַנטיסעמיטיזם האָבן, אומדערוואַרטעט פאַר מיר, אַרויסגעשפּריצט אין דער עפנטלעכער זיצונג פון סידנעיער טרייד־ און לייבאָר־קאַונסיל, דעם 18טן יאַנואַר 1940. דער אָוונט געהערט צו איינעם פון די סאַמע טייערע פאַר מיר אין מיינע אויס־טראַלישע וואַנדערונגען. קיין איין דעטאַל פון אים זאָל דערפאַר ניט באַהאַלטן ווערן.

מיט אַ וואָך פריער האָב איך באַזוכט אין געביידע פון טריידס־האָל מר. קינג, דעם סעקרעטאַר פון דעם לייבאָר־קאַונסיל, וואָס פאַראייניקט אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרם דעם גאַנצן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט פון ניו־סאַוט־וועלס. ווידער אַמאָל האָב איך געהאַט די זעלביקע דערפאַרונג ווי מיט אַנדערע פירנדיקע פּערזאָנען פון דעם לאַנד, ווי מיט די מילטערישע אָדער מלוכה־פירער. קיין שום באַזונדערע אַטמאָספער פון גרויסקייט, פון מאַכט־בלאָזעניש האָט ניט אַרומגענומען אויך מר. קינגן. אַן עלטערער מענטש, מיט אַ גוטמוטיקן פּנים פון אַ קירכלעכן מגיד, מיט ברילן וואָס גיבן צו דער פיגור אַן אויסדרוק פון אומבאַהאָלפנקייט, איז באַשיידן געזעסן אין אַ באַשיידענעם צימער. דאָס געביידע פון טריידס־האָל באַשטייט פון איינציקע סטאַנציעס; אין יעדן צימער איז פאַרטראַטן אַ באַזונדער טרייד־יוניאָן אָדער אַן אַנדער אַרבעטער־אינסטיטוציע. אַ פערטל מיליאָן אַרבעטער שטייען, אַזוי צו זאָגן, אַרום די ווענט פון אָט דעם ניט־אַנזעעוודיקן בנין וואָס האָט איבערגעלעבט ניט ווייניק שטורעמס אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער דער סעקרעטאַר פון אָט דעם בנין איז אַ שטילער

מענטש מיט אַ שטילער שטים וואָס רעדט פּאַמעלעך, מיט שטענדיקע אַפּהאַלטן, ווי ציילנדיק זיינע ווערטער.

ער האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען, דערמאָנט אַז מיר האָבן זיך שוין געטראָפן אין מעלבורן און דערציילט אַז זיין קאָונסיל האָט שוין איינמאָל אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פון סימפּאַטיע צו אונדזער פּראָיעקט. וועגן דעם האָט ער שוין טעלעגראַפירט דעם 1טן דעצעמבער צום צענטראַל־ראַט פון די טרייד־יוניאָנס אין מעלבורן: „דער קאָונסיל אונטערשטיצט דעם יידישן סעטלמענט אין קימבערליי". אַז ער האָט דערהערט אַז איך וואָלט וועלן אַדרעסירן פּערזענלעך דעם קאָונסיל אין סידנעי, האָט ער תיכף דערקלערט זיין גרייטשאַפט צו אָרגאַניזירן עס ביי דער נעקסטער אַלגעמיינער זיצונג פון די דעלעגאַטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געהאַט פון אים די אָפיציעלע איינלאַדונג. איך בין יענעם טאָג געווען זייער פאַרמאַטערט אי פון דער גרויסער היץ, אי פון דער אַרבעט אין לויף פון טאָג. אז איך בין אַזייגער אַכט אין אָוונט אַריין אין דעם פּשוטן זאַל פון דער פאַרזאַמלונג, האָב איך גע־פונען נאָר אַ פּאָר דעלעגאַטן צעוואָרפן איבער דער ברייטקייט פון רוים. באַלד אָבער האָט זיך דער זאַל אָנגעפילט מיט מענטשן, דער פּאַרזיצער מר. יוז (אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר 27) האָט מיך אַרויפ־געגנומען צו דעם פּאָדיום וואו עס איז געשטאַנען זיין טישל און דער פּלאַץ פאַרן רעדנער. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ ריי בענקלעך פון ביידע זייטן פון האַל, באַזעצטע מיט אַ הונדערט שווייגנדיקע מענטשן. זיי האָבן געשוויגן אויך שפּעטער בעת דער גאַנצער צייט פון מיין רעדע. אויף אַ ווײַלע האָט זיך מיר אַפילו געגומען דאַכטן אַז זיי זיינען ניט אינטערעסירט צו הערן די זאַך. אָבער עס איז ניט אַזוי: דאָס איז מסתמא דער מנהג המדינה, דער טעמפּעראַמענט פון אַ פאָלק. די באַדייטונג פון אַזאַ זיצונג איז מיר געווען קלאָר. דאָס זיינען געווען פאַרטרעטער פון דעם שטאַרקסטן און אינדוסטריעלסטן שטאַט אין אויסטראַליע. פון דער ליטעראַטור און פרעסע האָבן מיר געוואוסט אַז דער אויסטראַלישער אַרבעטער איז קעגן מאַסנהאַפטער אימיגראַציע אין זיין לאַנד. איצט בין איך געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אים, אין אַן אָפענעם שמועס וועגן אַט דער אַנגעווייטיקטער פראַגע. ווען האָב איך זיך פאַרגעשטעלט אַז איך וועל האָבן צו זאָגן אַ וואָרט אין אַזאַ שמועס אין נאָמען פון די יידישע מאַסן? און הגם איך האָב פון זייער רעזאָלוציע געוואוסט אַז זיי זיינען ניט קיין קעגנער, דאָך האָב איך

געקוקט מיט אַ געוויסער האַרץ־קלאַפּעניש אויף אָט דער אומבאַקאַנטער שווייגנדיקער פאַרזאַמלונג.

איך האָב זיי געזאָגט גלייך אין אָנהויב ווי דאַנקבאַר איך בין, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן די געלעגנהייט צו רעדן צו זיי אָפן. מיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן איז דורכגעגאַנגען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אייניקע פעלקער. דעריבער ווילט זיך מיר האָבן, ראשית כל, זייער צושטימונג צו אונדזער פּראָיעקט... איך האָב דער־מאָנט וועגן די ליידן פון די יידישע מאַסן אונטער היטלער׳ס בייטש. ווי זיי ווערן נישט נאָר פּאָליטיש און עקאָנאָמיש רואינירט, נאָר אויך מאָראַליש דעגראַדירט. הונדערטער טויזנטער מענטשן ווערן פאַר־פּאָלגט און אפילו פאַרניכטעט נישט פאַר פאַרברעכן, נאָר דערפאַר וויל זיי זיינען געבאָרן געוואָרן אַלס יידן... אָבער די יידן־פאַרפאָלגונגען זיינען פונקט אַזאַ אויסדרוק פון פאַשיזם ווי די אַרבעטער־פאַרפאָל־גונגען. די זעלביקע האַנט אין דייטשלאַנד וועלכע האָט געיאָגט די יידן, האָט פאַרניכטעט אַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס און טרייד־יוניאָנס. דערפאַר ווייסט דער אַרבעטער אומעטום, אַז זיינע אינטערעסן זיינען סאָלידאַריש מיט די יידישע פּליטים.

איך האָב דערנאָך געשילדערט קורץ די הויפּט־שטריכן פון קימבערליי־פּלאַן. עס זאָלן אריינגעבראַכט ווערן יונגע מענטשן, וועלכע וועלן זיך אונטערנעמען דורכצופירן די שווערע פּיאָנערישע אַרבעט פון עפענען אַ ניי לאַנד. די ערשטע יאָרן וועלן זיי פירן אַ מין קאָאָפּע־ראַטיווע ווירטשאַפט; אָבער שפּעטער, אַז עס וועלן ווערן געגרינדעט פאַבריקן, וועלן זיי שטיין אונטער די אַלגעמיינע סאָציאַלע געזעצן פון לאַנד . . . די קאָלאָניסטן וועלן נישט שטרעבן צו גיין אין די שוין באַפעלקערטע שטעט אָדער אונטערגראָבן די אויסגעקעמפטע סאָציאַלע סטאַנדאַרטן. זיי וועלן אויך אין קימבערליי ניט שטרעבן צו שאַפן אַ באַזונדערן פּאָליטישן שטאַט, וועלכער זאָל זיך אָפּשיידן ווי ניט איז פון אויסטראַליע. פאַרקערט זיי וועלן ווערן בירגער און העלפן פאַר־שטאַרקן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן אין זייער נייעם היים . . .

אַז איך האָב פאַרענדיקט האָט דער עולם אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן די פראַגן, פון וועלכע איך האָב געקענט אַרויסזען די שטימונג אין זאַל. די ערשטע פראַגע, גע־שטעלט אין אַ קורצער פאָרם פון אַן עלטערן אַרבעטער, האָט געזאָלט אונטערשטיצן מיין זאַך. „זאָגט ביטע, צי האָבן יידן באַוויזן וואו ניט

איז זייער פעאיקייט צו קאָלאָניזירן?" — איך האָב דאַנקבאַר אָפּ־געטראָפן זיך צום אומבאַקאַנטן פריינט. „יאָ, עס איז דאָ אַזאַ לאַנד — פּ אַ ל ע ס ט י נ ע. זייערע דערגרייכונגען דאָרטן זיינען וואונדערבאַר. זיי האָבן אַ האַלבע ווּיסטעניש פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע גאָרטנס. אָבער זיי האָבן געקענט פאַרענדערן דאָס לאַנד נאָר אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן צוערשט זיך אַליין פאַרענדערט. צענדליקער טויזנטער יונגע מענטשן, קינדער פון סוחרישע און פּראָפעסיאָנעלע שיכטן, האָבן זיך גענומען צו פיזישער אַרבעט... זיי האָבן עס געשאַפן דאָרטן די „אַרבעטער־פעדעראַציע" מיט 120,000 מיטגלידער, וועלכע איז די איינפלוסרייכסטע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד". פון אַ באַנק גאַנץ הויך אויף דער רעכטער זייט האָט זיך אויפגעהויבן אַ דעלעגאַט מיט אַ פראַגע: „אָבער האָבן זיי ניט צוגענומען ערד ביי די אַראַבישע פויערים?"

דאָס איז געווען דער ערשטער שאָס פון אַן אומפּריינטלעכער האַנט. אָבער ווער איז דער פראַגע־שטעלער: אַ לינקער אָדער אַ שונא ישראל? איך האָב געענטפערט: „עס איז ניטאָ אין פּרינציפּ קיין שום פיינטשאַפט צווישן אַראַבישע פויערים און יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. די קאָנפליקטן ווערן דאָרטן קינסטלעך געשאַפן פון סאָציאַלע פאַקטאָרן, וואָס שטייען הינטער דער סצענע. איך דאַרף אייך דאָ ניט דערציילן ווער די דאָזיקע פאַקטאָרן זיינען"... אומ־דערוואַרטעט האָט דאָ אויסגעבראָכן אַ האַנט־פּאַטשעריי. דער פּונק פון סאָציאַלער אויפרעגונג, אַזוי באַקאַנט אין אַלע אַרבעטער־פאַר־זאַמלונגען פון דער וועלט, איז דורכגעלאָפן דורך דעם עולם. עס איז געוואָרן לעבעדיקער. די איינצל־דעלעגאַטן האָבן גענומען אַרויסשיינען פון דער מאַסע. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן פראַגן: פון וועלכע לענדער וועלן קומען די עמיגראַנטן? וועלכע שפּראַך וועט זיין ביי זיי? צי וועלן זיי אַלע זיין מיטגלידער פון טרייד־יוניאָנס? וואָס וועט זיין זייער ערשטע באַשעפטיגונג? פון וואַנעט וועט מען נעמען געלט פאַר דער זאַך? . . .

איך בין שוין איצט געזעסן ביים טיש נעבן דעם פאָרזיצער און אַלע ווילן זיך אויפגעהויבן צו ענטפערן. צי וועלן אַלע זיין טרייד־יוניאָניסטן? אַ סך פון די עלטערע מענטשן — געוויס, אָבער ניט די יוגנט מיט וועלכער מיר וועלן אָנהויבן... זיי וועלן קומען פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער מערסטנס, ניט פון איין לאַנד...

דאָס געלט וועט געשאַפן ווערן פון אַ ספּעציעלער יידישער אינסטי־טוציע אין ענגלאַנד און אַמעריקע. יידן פון דער גאַנצער וועלט ברענ־גען אויס ביז איצט גרויסע סומען אויף פילאַנטראָפּישער הילף פאַר די פּליטים. זיי ווילן עס אָבער בעסער אָפּגעבן פאַר גרויסע קאָלאָ־ניזאַטאָרישע צוועקן... יידן זיינען ניט אינטערעסירט צו פאַרבלייבן הענדלער, ווי די געשיכטע האָט זיי געצוואונגען: זיי ווילן אַריבערגיין צו אַלע נאָרמאַלע אַרבעטן...

עס האָט, דוכט זיך, געהערשט אַ שטימונג פון סימפּאַטיע אין זאַל. דער עולם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט אונטערשטיצט מיינע ענטפערן מיט אויסרופן. נאָר עפּעס אין איין ווינקל פון דער לינקער זייט האָט זיך געהערט אַ געמורמל ווי פון אומצופרידענע מענטשן. (שוין בעת מיין רעדע האָב איך עס דערפילט). דער סעק־רעטאַר מר. קינג האָט איצט פאָרגעלייענט אַ רעזאָלוציע:

„דער לייבאָר־קאָונסיל פון ניו־סאַוט וועלס באַשטעטיקט זיין אונטערשטיצונג פון דעם פּראָיעקט פון אַ יידישן לאַנדווירט־שאַפטלעכן ישוב אין קימבערלי, אַלס אַ מיטל פון הילף צו די פּליטים פון פאַשיסטישן טעראָר. גלייכצייטיק, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אייניקע שבטים פון די איינגעבוירענע (אור־איינוואוינער) לעבן נאָך אין יענער געגנט און קענען ווערן געשעדיקט דורך אַן אייראָפּעאישן ישוב, פאָרלאַנגט דער קאָונ־סיל פון דער פעדעראַלער און וועסט־אויסטראַלישער רעגירונג צו שאַפן פאַסיקע רעזערוו־פּלעצער פאַר יעדן שבט אויף זיין אייגן לאַנד. די דאָזיקע רעזערוואַטן זאָלן זיין אומבאַרירבאַרע און געשיצטע פּלעצער, צוזאַמען מיט אַלע זייערע מינעראַל־וואַסער־האָלץ־און אַנדערע רעכטן, וואָס געהערן צו די באַטרעפנדיקע שבטים".

אין אַ קורצער רעדע האָט ער באַגרינדעט די רעזאָלוציע. עס איז די פליכט פון לייבאָר — האָט ער דערקלערט — צו קומען צו הילף די קרבנות פון פאַשיזם. אין דער קימבערלי־סכעמע האָט דער אויסטראַלישער אַרבעטער די געלעגנהייט אַרויסצווייזן אויף אַ פּראַק־טישן אופן זיין הילף. דער נייער ישוב וועט פון קיין שום זייט ניט באַדראָען די אינטערעסן פון די אויסטראַלישע אַרבעטער. מען דאַרף מער ניט אָפּהיטן די רעכט פון די איינגעבוירענע שוואַרצע. עס איז

אָבער קיין צווייפל ניט, אַז די אָנפירער פון דעם פּלאַן וועלן זיך פאַרפּליכטן דערצו . . . — מען האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רואיקע, מיושב׳דיקע רייד פון קינג׳ן. קענטיק ער איז דאָ געווען דער אָנגענומענער, היימישער בעל־יועץ. זיין אַרגומענטאַציע איז געווען פאַרשטענדלעך און פשוט (וואָלט ער געקענט אַביסל גמרא, וואָלט ער געוואוסט, אַז דאָס איז דער בעסטער מיטל צו ווירקן אויף מענטשן. „זה נהנה וזה לא חסר״: פאַרוואָס זאָל מען ניט טאָן עפּעס, אויב פאַר יענעם איז עס אַ טובה און מיר ברענגט עס ניט קיין שאָדן ?).

מר. דזשעפּרי האָט אונטערשטיצט די רעזאָלוציע און אַריינגעבראַכט צוויי אינטערעסאַנטע מאָמענטן אין זיין רעדע. פאַרוואָס האָב איך ניט דערמאָנט די גרויסע אויפטוען פון דער רוסישער רעגירונג פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע ? — האָט ער געפרעגט — די סאָוועטן האָבן אָפּגעגעבן פאַר דעם צוועק אַ גאַנצע געגנט אין בירא־בידזשאַן. „דער בריטישער אימפּעריאַליזם האָט עס אַרויסגערופן די אומרוען צווישן די יידן און די אַראַבער. סאָוועט־רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט געלייזט דאָס יידישע פּראָבלעם!״ דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און געזאָגט: „מיינט ניט, אַז נאָר אין איראָפּע האָט דער פאַשיזם פאַרניכטעט מענטשן. אויך ביי אונז אין אויסטראַליע האָט מען אַזוי געטאָן. מען האָט ביי דער קאָלאָניזאַציע פאַרניכטעט די שוואַרצע איינוואוינער פון לאַנד אַזוי אַז פון זיי איז כמעט גאָרניט געבליבן. איך וויל, אַז איר זאָלט עס וויסן״...

עס איז פאַר מיר ניט געווען קיין צווייפל צו וועלכן לאַגער מר. דזשעפּרי געהערט. זיינע ווערטער פון אונטערשטיצונג האָבן געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט, ווייל ער איז געווען דער פאַרטרעטער פון דער מעכטיקסטער אין אויסטראַליע יוניאָן: דער A.W.U. — איצט האָט זיך אונזער ענין דערנענטערט צו זיין לאַגישן סוף: מען האָט געזאָלט אָפּשטימען איבער דער רעזאָלוציע, און דער פאַרזיצער יוז האָט שוין געמאַכט די אַנטשפּרעכנדיקע האַנט־באַוועגונג דערצו. אָבער — גראַד איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעבאַטע. פון אַ באַנק הויך אויף דער רעכטער זייט האָט זיך אויפגעהויבן דער דעלעגאַט מר. ענדערסאָן, פאַרטרעטער פון דער יוניאָן „עלעקטריקל טריידס״, און האָט דערקלערט, אַז ער וויל רעדן קעגן דעם פּראָיעקט.

„האַלט אויף אויסטראַליע פאַר די אויסטראַליער! — האָט ער געזאָגט אין אַביסל אַן אויפגערעגטן טאָן. — עס איז פאַלש אויפצו־ריכטן דאָ אַ ישוב פון אַ באַזונדערער ראַסע אָדער גלויבן. די באַ־טרעפנדיקע ראַסע האָט גאָרניט געמיינזאַמעס מיט די אידעאַלן פון אויסטראַליע".

דאָס איז געווען דער ריכטיקער אַנטיסעמיטישער שאָס. אין יענעם ליגקן זאַל־ווינקל וואו עס האָט זיך געהערט פריער אַ שטילער געמורמל, זיינען איצט די שטימען געוואָרן שטאַרקער. פון צווישן יענער גרופּע האָט זיך טאַקע באַלד אויפגעהויבן אַ קרעפּטיקער, הויי־כער מאַן מיטן נאָמען פּ. קעלי, פאַרטרעטער פון די פאַקערס און לאַגער־אַרבעטער. ער האָט די פראַגע אַ קירעווע געגעבן אין אַן אַנדער ריכטונג, אין דער אַלט־באַקאַנטער ריכטונג פון דעמאַגאָגיע. „זעט וואָס עס טוט זיך — האָט ער געשריען — אויסטראַליער אַרבעטסלאָזע גייען אַוועק פון לאַנד צו פירן מלחמה און אויסלענדער קומען צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער. די רייכע קלאַסן פון אויסטראַליע אונטערשטיצן די געפלאַנעוועטע קאָלאָניע. זאָלן זיי בעסער אַ טראַכט געבן וועגן די אינטערעסן פון זייערע אייגענע אַרבעטסלאָזע. דער־ווייליע אָבער זעען מיר, אַז יידישע פירמעס און יידישע פּליטים גראָבן אונטער די אַרבעט־באַדינגונגען אין אויסטראַליע"...

דער עולם אין זאַל איז געוואָרן אויפגעלעבט. אויף מר. קעלי האָבן זיך גענומען שיטן פון אַלע זייטן צורופן. אַז ער האָט אויס־געשריען: „צו וואָס אַוועקגעבן קימבערליי צו פרעמדע, לאָמיר עס אַליין אויסנוצן?" — האָט מען צו אים גערופן: וועסטו אַליין גיין קיין קימבערליי? אויף דערויף האָט ער זיך אָפּגערופן: ניין, איך ניט, אָבער... זיינע רייד זיינען שוין דערטרונקען געוואָרן אין אַן אויפברויז פון געלעכטער. צום סוף האָט ער פאַרלאַנגט אַ הוספה צו דער רעזאָלוציע: „אַז די רעגירונג זאָל עפּעס טאָן פאַר די אויסט־ראַלישע אַרבעטסלאָזע". דער יונגער פאַרזיצער האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן און דערקלערט: דאָס געהערט ניט צו דער טעמע און ער וואַרפט אָפּ די הוספה. גלייך נאָך דערויף האָט אַ דעלעגאַט פון דער שוך־בראַנזשע, מר. מאַלאָני, געפונען די ריכטיקע ווערטער כדי אָפּ־צוּוואַרפן די פאַלשע באַשולדיגונג: „איך — האָט ער געזאָגט — האָב גענוג דערפאַרונג אויף מיין געביט. אונטערגראָבן די אַרבעט־באַדינגונגען האָט מען ביי אונדז אָנגעהויבן אַ סך פריער איידער די

יידישע פליטים זיינען געקומען, אַ סך פריער איידער היטלער איז געקומען. מיר האָבן געגנוג צרות אויך מיט רייך־אויסטראַלישע פירמעס, ניט נאָר יידישע (דאָס האָט מען פון זאָל באַשטעטיקט דורך האַנט־פּאַטשערייען), אָבער קימבערליי האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט. אַ קאָלאָניע פון פליטים אין אַ ווייטער געגנט פון לאַנד וועט בשום אופן ניט באַאיינפלוסן אָט די פראַגע. עס איז אונדזער פליכט צו אונטערשטיצן אַזאַ פּראָיעקט״.

די שטים פון מר. מאַלאָני האָט אָפּגעקלונגען פריש און אויפריכטיק. אַ יאָר שפּעטער איז מאַלאָני געוואָרן דער פאָרזיצער פון קאָונסיל און היינט־צו־טאָג איז ער דער אויסטראַלישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. אָבער נאָך אַ דעלעגאַט, דאַסמאַל פון די צוקער־אַרבעטער, מר. שאַרטעל האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ גלייך נאָך אים. דער הויך־וואוקסיקער, נערוועזער שאַרטעל האָט אונטערגעטראָגן אַן אַנטיסעמיטישן דרוש לויט די קלאַסישע מוסטערן. ראשית כל האָט ער פאַרלאַנגט, אַז היות די (יידישע) פראַגע איז פון אַ גוואַלטיקער באַדייטונג, זאָל אין נעקסטן חודש אָפּגעגעבן ווערן אַ באַזונדער אָוונט כדי צו האָבן אַ „פולע דיסקוסיע״ פון דער פראַגע. האָט אים דער פאָרזיצער מיט אַ שמייכל געפרעגט צי וויל ער, הייסט עס, אונטערברעכן די איצטיקע זיצונג. דאָס האָט ער ניט געוואָלט און איז אַריבערגעגאַנגען צו דער אַטאַקע. מיט אַ כיטרער שטים האָט ער געפרעגט דעם עולם: פאַרוואָס עפּעס האָט די פעדעראַלע רעגירונג דערלויבט שטיינבערג׳ן אַרומצופאָרן איבער אויסטראַליע מיט זיין פּראָיעקט? וואָלט זיין טעטיקייט געווען נוצלעך פאַר די אַרבעטער, וואָלט דאָך אים די מעניזיס־רעגירונג ניט געהאָלפן?...

דער פלינקער רעדנער האָט געוואָלט אויסנוצן די קעגנערשאַפט פון אַרבעטער צו דער רעגירונג, כדי אריינצוואַרפן אין זייער נשמה אַ חשד קעגן מיין אַרבעט. פונקט אַזאַ אַרגומענט האָב איך איינמאָל געהערט אין אַ פּריוואַט־פאַרזאַמלונג פון אַ „לינקער״ רעדנערין: „פאַרוואָס עפּעס געפינט איר שטיצע ביי אונדזער רעגירונג, בעת זי האָט באַרבאָטן אריינצוקומען אַהער די שפּאַנישע פליטים?״... אָבער מר. שאַרטעל האָט געהאַט נאָך שענערע אַרגומענטן. „די קאָלאָניסטן אין קימבערליי וועלן ניט זיין מיטגלידער פון אַרבעטער־קלאַס. ווער וועט פינאַנסירן די קאָלאָניזאַציע? די יידישע לאָרדן אין לאָנדאָן. די יידישע

ראַסע האָט זיי פאַרזאָרגט מיט אַזעלכע טיפן ווי סער באַזיל זאַכאַראָוו, מאָנטעגיו נאָרמאַן, סער אָטאָ ניומייער"...

דער זאַל האָט ניט רעאַגירט, אָבער דער שטות פון די רייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעשריען, אַז דאָס איז ניט אמת. אָבער דער פאַרזיצער האָט מיך באַרואיקט מיט אַ לייכטן שמייכל: „נעמט עס ניט פאַר ערנסט... מיר האָבן שטענדיק מענטשן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן אַלצדינג"... און ווידער אַמאָל האָט דער מענטשן־פיינטלעכער אַרויסטריט אַרויסגערופן אויפן פלאַץ שטימען פון פריינטשאַפט און ערלעכקייט. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט לאָגיק און איבער־צייגונג דער יונגער דר. ללאָיד ראָס, סעקרעטאַר פון אייזנבאַנער־פאַרבאַנד. „איך בין ניט באַקאַנט — האָט ער דערקלערט — מיט דעם קלימאַט און פיזישן כאַראַקטער פון די קימבערלייס, אָבער דאָס שפּילט ניט קיין ראָלע אין מיין באַציאונג צו דער זאַך. לייבאָר שאַצט אָפּ מענטשן ניט לויט זייער ראַסע אָדער רעליגיע, נאָר לויט פּאָליטישע פּרינציפּן. עס זיינען פאַראַן פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָ־נערע יידן, פּונקט אַזוי ווי ביי יעטוועדער ראַסע... דאָ האָט איינער געשריען וועגן דעם לאַנד פון זיינע אבות, וועלכע מען טאָר ניט אָפּגעבן. איך ווייס ניט ווער זיינען געווען זיינע אבות. אָבער מיינע האָבן געשטאַמט פון דריי פעלקער. מיינע לערער זיינען געווען ענגלישע סאָציאַליסטן, אויסטראַלישע פּראָלעטאַריער און דער ייד קאַרל מאַרקס... די אויסטראַלישע קולטור איז געבויט געוואָרן פון מענטשן פון אַלע ראַסן. אָט איז מענזיס, למשל, אַן עכטער אויסט־ראַליער. נו, קענען זיי באַוואונדערן זיינע אידעאַלן?... די אַרבעט־לאָזן־פראַגע האָט גאָר ניט צו טאָן מיט יידן, די קאָלאָניע אין קימ־בערליי וועט ניט האָבן קיין ווירקונג אויף אָט דער פראַגע, וואָס איז דאָך פאַרוואָרצלט אין דעם היינטיקן עקאָנאָמישן סיסטעם".

ראָס'עס רעדע איז געווען פאַרגעטראָגן אין אַ רואיקן, כמעט וויסנשאַפטלעכן טאָן, אָבער זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער פאַרזאַמלונג. ער איז נאָך אונטערשטיצט געוואָרן פון מר. אָ'בריאַן, דעלעגאַט פון דער אָנגעשטעלטן־יוניאָן, און די דעבאַטע איז געוואָרן געשלאָסן. מר. קינג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די רעזאָלוציע, האָט געענטפערט די קריטיקער. דאָס מאָל איז ער שוין געווען אויפגערעגט און האָט אַריינגעוואָרפן אין זאַל הייסע ווערטער: „איך בין נשתומם

פון די רעאַקציאָנערע אָנשויאונגען פון אייניקע רעדנער. לייבאָר־מענטשן האָבן געזאָלט זיין מיטן גאַנצן האַרצן גרייט צו העלפן די קרבנות פון פאַשיזם אין די אַנדערע לענדער פון וועלט. איך בין איבערצייגט, אַז די גרעסטע מערהייט פון לייבאָר טראַכט טאַקע אַזוי". דער פאָרזיצער האָט זיך אויפגעהויבן דורכצופירן די אָפּשטימונג, און דאָ האָט זיך פון אַ ווייטן ווינקל פון זאַל דערהויבן אַ האַנט. אַ דעלעגאַט האָט ווידער געבעטן אַ וואָרט. דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק, אָבער תיכף באַלד האָבן זיך דערהערט שטימען: גיט אים אַ וואָרט! גיט אים!... מיט דעם זעלביקן געלאַסענעם שמייכל האָט מר. יוז, דער פאָרזיצער, דערקלערט, אַז אייגנטלעך גיט מען ניט קיין וואָרט נאָך דער דעבאַטע אָבער אין דעם באַזונדערן פאַל — יאָ. דער הויכער, אויסגעמאָגערטער באַברילטער דעלעגאַט איז געווען אַ בלינדער. מיט אַ שטילער, ציטערדיקער שטים האָט ער געזאָגט, אַז ער איז מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דעם פּראָיעקט און ער בעט מען זאָל אים דאָ הײנט בײנאַכט אונטערשטיצן...

מיר איז דער אומבאַקאַנטער מענטשן־פריינט געווען טייערער ווי אַלע. שוין ניט איינמאָל האָב איך אין לעבן באַמערקט ווי בלינדע ווייזן ארויס מער פריינטשאַפט און פאַרשטענדעניש ווי אַ סך זעעוודיקע. אָט דער שטילער קול פון דעם סידנעיער אַרבעטער האָט אָפּגעקלונגען איצט ווי דאָס עכטע, אומפאַרפעלשטע געוויסן פון אויסטראַלישן פאָלקס־מענטש. עס איז געווען סימבאָליש וואָס ער איז געקומען צום וואָרט ביי דער סאַמע אָפּשטימונג. די אָפּשטימונג האָט באַלד געוויזן אַז אַן ערך הונדערט דעלעגאַטן האָבן געהויבן די הענט פאַר דער רעזאָלוציע, און נאָר אַ דריי־פיר זענען געווען קעגן. איך האָב מיט אַ האַנט־דרוק באַדאַנקט דעם פאָרזיצער און בין אַראָפּ פון פאָדיום. גייענדיק צו מיין פלאַץ אונטן, האָב איך דערזען ווי מר. קעלי — אָט דער שרייענדיקער קעגנער מיינער — האַלט מיך אָפּ פאַרן אַרבל. מיט אַ פריינטלעכן פנים האָט ער זיך צוגעבויגן צו מיר און געפרעגט אַזוי אינטים: „אמת אַז אין רוסלאַנד איז די רעגירונג קעגן יידן?" איך האָב נישט געקענט טאָן אים די טובה, און קורץ געענטפערט: ניין. דאָס איז אַבסאָלוט נישט אמת... (צו וועלכן פּאָליטישן צוועק האָט ער עס געוואָלט וויסן?).

איך בין נאָך פאַרבליבן ביזן סוף פון דער זיצונג, צוגעהערט זיך צו די אַנדערע פראַגן, געוועקסלט בליקן מיט דעלעגאַטן וואָס האָבן

שוין געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אַלטן באַקאַנטן. אַ סך פון זיי האָבן, בײַם פּאַנאַנדערגיין זיך, געדריקט מיר די האַנט און פֿריינטלעך צוגעוואונטשן גליק. דער האָל איז פּאַמעלעך אויסגעליידיקט געוואָרן און מיט זיינע הילצערנע בענקלעך האָט ער ווידער אָנגענומען אַ וואָכעדיקן אויסזען. אָבער פֿאַר מיר איז דער אָוונט געווען אַ גרויסע זעלישע דערלעבעניש. איך האָב געזען פֿאַר מיר דעם אַרבעטער פון דעם גרעסטן אויסטראַלישן שטאַט, ביי דער באַטראַכטונג פון אַ שווערן מענטשן־פּראָבלעם. אמת, אַנטיסעמיטישע שטימען האָבן זיך אַנטפּלעקט ביי דער געלעגנהייט, און מיר דוכט זיך אַז אין אַן אייראָ־פּעאישער אַרבעטער־זיצונג וואָלט דאָס נישט געווען מעגלעך. אבער — גראַד דאָס האָט אונטערגעשטראָכן די ווינציקייט און אומבאַזייטנ־דיקייט פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע. דער פֿאָלקס־קערפּער איז נאָך געזונט. וואָס די פּאָליטישע פירער פון לאַנד זאָלן שפּעטער נישט באַשליסן בנוגע אונדזער קימבערליי־פּלאַן, מיר האָבן דעם אָוונט געהערט די פֿאָלקס־שטים.

נאָכן דערהאַלטן די רעזאָלוציע אָפיציעל פון לייבאָר־קאָונסיל האָב איך געשיקט צו מר. קינג אַ דאַנק־בריוו:

„אייער סימפּאַטיע צו די ליידן פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע און אייער גרייטשאַפט צו העלפן אונדז צו געפינען אַ קאָנסטרוקטיוון אויסוועג פון דער קאַטאַסטראָפע, וועלן מיך דערמוטיקן אין דער ווייטערדיקער ארבעט אין אויסטראַליע. עס איז, און עס וועט פאַרבלייבן, אַ באַגייסטערנדיקער פאַקט וואָס די פּאַרטרעטער פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין ניו־סאַוט־וועלס (פּונקט אזוי ווי לייבאָר אין גאַנץ אויסטראַליע) האָבן אלס ערשטע געגעבן זייער מאָראַלישע אונטערשטיצונג צו מיין פאָלק אין אַ צייט פון זייער ביטערער נויט אין אייראָפּע. איך פערזענלעך בין גליקלעך וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין אַ לעבעדיקער עדות פון אָט דעם באַדייטנדיקן אַקט פון מענטשלעכ־קייט".

דער געשוואָרענער שונא־ישראל

עס זאָל בשום אופן נישט פאַרגעסן ווערן אַז אויך אויסטראַליע פאַר־מאָגט אַן אויסגעשפּראָכן־אַנטיסעמיטישן זשורנאַל: The Publicist עס האַנדלט זיך דערביי נישט וועגן איינצלנע אַנטיסעמיטישע פּראַזן אָדער אַרטיקלען וועלכע דערשיינען אין דער אויסטראַלישער וואָכנבלאַט־פּרעסע פון צייט צו צייט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ חודש־זשורנאַל וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט — לויט געוויסע דייטשע מוסטערן — אויף פאַריידיקן יידן־האַס. ער וויל אויס־לערנען די נאַאיווע אויסטראַליער צו זען די וועלט און באַטראַכטן אירע פּראָבלעמען מיט יידיש־פיינטלעכע אויגן. אַז דער רעדאַקטאָר, פּ. ר. סטיפענסען, שרייבט אין יוני־נומער 1940 אַן אַרטיקל וועגן פּאָליטיק, געפינט מען דאָרטן אַזעלכע צײלן:

„צו יענער צייט איז אַ רוסישער באָלשעוויסטיש־קאָמוניס־טישער ייד, מיטן נאָמען ליטווינאָוו, געווען דער שטאַרקער מאַן אין גענף. ער האָט באַהערשט די לופט דער „ליג אָף ניישאָנס" מיט אַ פראַזע פון זיין אייגענער דערפינדונג: „קאָלעקטיווע זיכערקייט". אָט דער ייד ליטווינאָוו האָט אויף אַ געשיקטן אופן געשפּילט מיט אַזעלכע ווערטער ווי דעמאָ־קראַטיע (בעת רוסלאַנד איז באַהערשט פון אַ דיקטאַטאָרישער טיראַניי), שלום, קאָלעקטיווע זיכערקייט... די טעכניק פון מסחרן אין די אָריענטאַלישע באַזאַרן, באַזונדערס ווען יידן זענען די קרעמער, באַשטייט אין דעם זאָגן ליגנס מיט אַ כיוון, כדי אָפּצונאַרן און באַרויבן דעם קויפער. אין 500 יאָרן פון פאַלש האַנדלען האָבן זיך יידן אויסגעלערנט צו זאָגן ליגן כמעט אינסטינקטיוו. זייער מיינונג אַז אַ געוויסער פּראָצענט פון קריסטלעכע „גוים" וועט ווערן דורך דעם אָפּגענאַרט, איז ריכ־טיק. דאָס איז אָן ספק דער סוד פון דעם יידישן דערפאָלג

אין „ביזנעס״... ווען אָט די טעכניק פון באַטרוג ווערט איינ־געפירט אין דיפּלאָמאַטיע, פּאָליטיק און פילאָזאָפיע, דעמאָלט קענען אירע רעזולטאַטן ווערן זייער געפערלעך. דאָס אויפ־שטייגן פון די יידן פון די הינטערגאַסן פון די געטאָס און די באַזאַרן און זייער אַרויפקום אין צענטער פון דער אייראָפּעאישער בינע, אַלס פאַרטרעטער פון הויכער פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע, איז געוואָרן אַ גרויס אומגליק פאַר די נישט־יידישע פעלקער פון אייראָפּע״.

עס איז מיר אַ בזיון צו דערמאָנען זיך וואו איך האָב אַמאָל אין מיין יוגנט געלייענט אַזעלכע שענדלעכע און נאַרישע העץ־רייד. אין רוסלאַנד פון צאַרישן רעזשים, אין די יאָרן פאַר זיין אונטערגאַנג, איז אין פּעטערבורג דערשינען אַזאַ מין פּרעסע. אַ דר. דובראַווין האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן די טעגלעכע צייטונג „רוסקאַיע זנאַמיא״ (די רוסישע פאָן), פול מיט אַנטיסעמיטישע רשעות און שטות יעדן טאָג. די אידעלע טראַדיציע פון אויפהעצן און אָפּנאַרן דאָס אייגענע פאָלק האָט שפּעטער איבערגענומען היטלער. איצט דרוקן זיך און עס ווערן פאַרשפּרייט די זעלביקע פאַרפירערישע רייד אין אויסטראַליע, וואו אַ פרידלעך פאָלק מוז זיך גרייטן צו אַ ביטערן קאַמף מיט דעמזעלביקן היטלער... דער געבילדעטער רעדאַקטאָר סטיפענסען האָט אָבער באַקומען אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זיך וועגן יידן נישט נאָר אין זיין העץ־בלאַט, נאָר אין דעם זייער רעספּעקטאַבלען און איינציקן אויסטראַלישן זשורנאַל: „די אויסטראַליען קוואָטערלי״ פון מערץ 1940. אין העכסט־עלעגאַנטע פראַזן האָט ער אויף אַ פּאָר זייטלעך אוועק־געלייגט אַ פילאָזאָפיע וואָס קען שפּעטער לייכט דינען אַלס אַ פּראָגראַם פאַר פּראַקטישע פּאָגראָם־העלדן.

דער אַרטיקל הייסט „אַ מיושבדיקע טענה קעגן סעמיטיזם״, און פירט דורך איין איינציקן געדאַנק: אין אַנטיסעמיטיזם זענען שולדיק נאָר די יידן אַליין. „וואָלט נישט עקזיסטירט קיין סעמיטיזם, וואָלט נישט געווען נייטיק קיין אַנטיסעמיטיזם צו ווירקן אַנטקעגן אים״. עס ווערט דאָ מיט אַ כיון אויסגעמאָלט עפּעס אַ מיסטעריעזער כח אין דער וועלט — „סעמיטיזם״ — וואָס אַרבעט מיט כח און גנבה קעגן דער קריסטלעכער מענטשהייט, און קעגן וועלכן זי מוז זיך פאַרטיי־דיקן. די דאָזיקע פינצטערע קאָנספּיראַציע פון די יידן ווערט נישט דערוויזן מיט קיין איינציקן פאַקט; עס איז גענוג אַז יידן האַלטן זיך

צוזאַמען ווי אַ גייסטיקע און ראַסן־איינהייט. דער געלערנטער שרייבער (ער איז מיט יאָרן צוריק אויסגעוויילט געוואָרן אין קווינסלענד אַלס אַ „ראַדס־סקאָלאַר") ווייסט גוט אַז דער דאָזיקער יידן־האַס איז געבויט אויף פאַראורטיילן, אָבער ער באַרעכטיקט זיי פון אָנהייב אָן. „אויב מענטשן זאָגן אַז אַנטיסעמיטיזם איז געבויט אויף איראַציאָנעלע פאַראורטיילן, נעם איך דאָס אָן אין פולן מאָס. פאַראורטיילן, אפילו ווען זיי זענען אַנדערקענט אלס אזעלכע, זענען איראַציאָנעל און דערפאר טאָקע קען מען זיי נישט אָפּפרעגן. עס איז אַ פאַקט אַז אנטיסעמיטיזם עקזיסטירט אין אויסטראַליע אויסגעשפראָכן אלס א סיסטעם פון פאַראורטיילן קעגן יידן".

ווי אזוי קומט עס אויף אַזאַ מין שיינע באַוועגונג אין דעמאָקראַטישן אויסטראַליע? גיט סטיפענסאָן דערצו אזא דערקלערונג:

„פאר דעם יאָר 1937 איז אין אויסטראַליע געווען זייער ווייניק אַנטיסעמיטיזם צוליב דעם וואָס מען האָט דאָ זייער ווייניק פראָפּאַגאַנדירט אָדער פארווירקלעכט דעם סעמיטיזם. די יידישע געמיינדע, קליין אין צאָל, איז געווען פאַרוואָרצלט אין אויסטראַלישן באָדן מער ווי הונדערט יאָר צייט, אונטער באַדינגונגען פון פולשטענדיקער טאָלעראַנץ. אָבער אין די יאָרן 1933־1939, בעת דער כעס פון יידן פון דער גאַנצער וועלט קעגן היטלערס באַהאַנדלונג פון זייערע ברידער אין דייטשלאַנד האָט דערגרייכט די העכסטע שפּיץ, איז אויך אויסטראַליע פאַרפלייצט געוואָרן מיט פראָ־סעמיטישער פראָפּאַגאַנדע, מיט איבערטריבענער באַשימפונג פון היטלערן און אויך איבערטריבענער פאַהערלעכונג פון יידנטום".

דאָס ווערט געשריבן אין מערץ 1940, בעת ענגלאַנד שטייט שוין אין אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט דעמזעלביקן היטלער. אין אויגוסט פון דעמזעלביקן יאָר וועט שוין אויך לאָנדאָן וויסן — צוליב די מערדערישע אָנפאַלן פון היטלערס לופטשיפן — צי די „יידישע פּראָפּאַגאַנדע" איז געווען איבערטריבן צי נישט. דער היסטאָרישער אמת באַשטייט אין דעם אַז די יידן זענען נאָר געווען די ערשטע קרבנות פון דעם היטלעריזם און די ערשטע אָנווייזער פון דער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט זיך געדרוקט אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער דער אַנטיסעמיט פון סידנעי האַלט אין איין באַשולדיקן די יידן.

„אַ פּראָפּאַגאַנדע פון אַזאַ כאַראַקטער איז נאַטירלעך געוואָרן טענדענציעז. דער קאמף איז אָנגעגאַנגען אין דייטשלאַנד צווישן דייטשן און יידן, אָבער גאָר נישט צווישן גוטס און בייז ווי די פּראָפּאַגאַנדע האָט עס נאַריש פאָרגעשטעלט. פון דעם האָט זיך גענומען אַנטוויקלען דער אַנטיסעמיטיזם דאָ אין לאַנד".

ווי זאָל מען זיך אָבער באַפרייען פון אָט דער דערשיינונג וואָס רופט אַרויס „אַ סיסטעם פון פאָראורטיילן"? דער שרייבער האָט אויף דערויף אַ פשוטן ענטפער: „דאָס היילמיטל איז אַז די יידישע ראַסע זאָל זיך אַליין אָפּשאַפן, דורך אונטערגיין אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער מענטשהייט. אויב זיי וועלן אויפהערן צו זיין יידן, וועט נישט זיין מער קיין יידיש פּראָבלעם". ווי איינפאַך די דאָזיקע לייזונג איז! יעדעס מאָל ווען עמיצער ווערט פאַרפאָלגט פון א גרויזאמען יעגער, זאָל באַשטראָפט ווערן נישט דער פאַרפאָלגער, נאָר דער קרבן. כדי צו שטילן דעם כעס פון פאַרפאָלגער, זאָל אונטערגיין אָדער „זיך אַליין אָפּשאַפן" דער קרבן. אויב היטלער דערקלערט אַן אַנטי־דעמאָקראַטישן, אנטי־רעליגיעזן, אַנטי־הומאַניטאַרן קאַמף זאָל אונטערגיין דעמאָקראַטיע, רעליגיע, הומאַניזם. וואָרום וואָלט נישט עקזיסטירט דעמאָקראַטיע, וואָלט נישט מעגלעך געווען אַנטי־דעמאָקראַטישער קריג... צי וואָלט סטיפענסאָן אָנגענומען די זעלביקע לאָגיק בנוגע זיין אייגן לאַנד — אויסטראַליע און דער בריטישער ראַסע? אויב היטלער אָדער יאַפּאַן דערקלערן אַן אַנטי־בריטישן אָדער אַנטי־אויסטראַלישן קריג, זאָל מען אויך אפשר פאָלגן זיין גוטע עצה בנוגע יידן: אונטערגאַנג פון סעמיטיזם כדי צו פאַרטרייבן אַנטיסעמיטיזם?

דעם מענטשן־האַסער פאַלט גאָרנישט איין אַז קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש און קיין שום פאָלק אין דער וועלט דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן פאַר זיין עקזיסטענץ. זיין רעכט אויף לעבן און אַנטוויקלונג איז געגעבן אין דעם הייליקן פאַקט פון זיין לעבן. אויך דער ייד און דאָס יידישע פאָלק טראַכט אפילו נישט וועגן „אָפּשאַפן זיך". עס בליקט אין דער צוקונפט פונקט אזוי ווי אַנדערע. די אָנפאַלן פון א סטיפענסען וועלן אין דעם קיין זאַך נישט ענדערן.

אָבער אפילו אזעלכע לעכערלעכע אָנפאַלן פאַרפינסטערן דאָס ליכטיקע געזיכט פון אויסטראַליע. אמת ער שרייבט: „עס איז דאָ

נישט מיין אבזיכט צו באַשימפּן יידן און, נאָך ווייניקער, צו רופן צו דייער פאַרפאָלגונג״. אָבער זיינע אבזיכטן קענען גוט אויסגענוצט ווערן אויב נישט „דאָ״ — אין דעם רעספּעקטאַבלען זשורנאַל, איז אין אַנדערע ערטער. בעת מען לייענט אַט אַזאַ אַרטיקל, באַוועגט מען זיך אין דער אײדעלער לופט פון קוואַזי־וויסנשאַפטלעכער ערנסטקייט. גוט געטאַקטע פּראָזע, לאַטייניש ציטאַטן, כלומרשטדיקע אָביעקטיווּיטעט, — דאָס אַלץ שאַפט אַרום דעם געוועזענעם ראַדס־סקאָלאַר אַ קינסטלעכע אַטמאָספער פון ערלעכקייט און פרידלעכקייט. אָבער די דערפאַרונג פון אַ סך לענדער, באַזונדערס פון דייטשלאַנד, האָט געוויזן ווי די רואיקע שפּראַך פון אַנטיסעמיטישע טעאָרעטיקער פאַרוואַנדלט זיך שפּעטער אין מאַרד־אויסגעשרייען אין דער פּאָגראָם־פאַבריק פון די פּראַקטישע אַנטיסעמיטן.

געוויס, דער „פּאַבליסיסט״ דריקט בשום אופן נישט אויס אויס־טראַליעס פאָלקס־מיינונג. אָבער מען זאָל נישט מאַכן צו קליינגעלט די פאַרבאַהאַלטענע אַרבעט פון אַזעלכע מענטשן. מען זאָל זיך נישט איינרעדן: „אַ, קיינער לייענט אים נישט...״ אַ קליינע, אָבער גוט־אָרגאַניזירטע, דורך האַס און פאַראַכטונג צונויפגעשמידטע גרופּע קען אַמאָל — אין אַ צייט פון פאָלקס־נויט — אַריינכאַפּן זיך צו די מאַסן. מיר האָבן געהערט פאַראיינצלטע שטימען פון „פּראַקטישע״ אַנטיסעמיטן אין דעם סידנעיער לייבאָר־קאָונסיל, אין די קרייזן פון סוחרים און אינטעליגענץ. אין אַ שווערן מאָמענט פון פאָלקס־לעבן קענען זיי באַקומען קראַפט און אָנפירונג פון די „סקאָלאַרס״.

איך גלויב דערפאַר אַז די רעדאַקציע פון יענעם זשורנאַל האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט געבנדיק פּלאַץ פאַר סטיפענסאָנס חקירות און, אַזוי אַרום, לעגאַליזירנדיק זיינע אַנזיכטן פאַר דער לעזערשאַפט. איך פאַרשטיי אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן נאָר צוליב דעם פּרינציפּ פון „פער פּלעי״, פון לאָזן רעדן דעם קעגנער, פון אַן ערלעכן שטרעבן צו אָביעקטיווקייט. דאָך איז דאָ די געפאַר קלאָר. דעמאָקראַטיע און פריי דענקען מוז זיך שיצן פון באַרבאַריי, מוז קענען דערקענען די אַלע כיטרע פאַרמען אונטער וועלכע באַרבאַריי רייסט זיך אַריין צו אונדז (אין שלום אמר ה׳ לרשעים!). די צייט פון דער דעמאָקראַטישער זאָרגלאָזיקייט איז פאַרענדיקט געוואָרן דורך היטלערן; זי זאָל נישט ווידער אויפקומען אין ציוויליזירטע לענדער.

עס האָט מיך אַ ביסל באַדריקט דער געדאנק אַז אין דעמזעלביקן נומער פון דער צייטשריפט איז געווען אָפּגעדרוקט מיין ארטיקל וועגן דעם קימבערליי־פּלאַן.

***

עס פאַרשטייט זיך אַז דער „פּאַבליסיסט" איז שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דעם קימבערליי־פּלאַן. אין זיין מאַי־נומער איז דערשינען אַן אַרטיקל מיט אַ שרעקעדיקער אויפשריפט: „יידן אין די קימבערלייס". מען האָט דאָ געפּרואווט אַנווענדן אַלע מיטלען פון שרייבערישער דעמאַגאָגיע: חוזק מאַכן פון פּראָיעקט, פּאַרוואורפן קעגן דער ענגלישער רעגירונג, כלומרשטער אַננעמען זיך פאַר די רעכט פון די איינגעבוירענע, דענונצירונג פון דעם דעלעגאַט פון דער „פריילאנד־ליגע". „מיר גלויבן אַז אַט דער געוועזענער מיטגליד פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּארטיי איז אַ פּאָליטיש־געפערלעכע פּערזאָן אין אויסטראַליע". „אויב יידן וועלן פּרואוון אריינצוקומען אהער אין גרויסע צאָלן, וועלן זיי דאָ זיין פּונקט אַזוי אומפּאָפּולער ווי אין יעדן אַנדערן לאַנד וואו זיי וועלן באַזעצן זיך אין מאַסן". פאַרענדיקט האָט זיך אַזאַ אַרטיקל מיט אַן אָפענער דראָאונג לויט די קלאַסישע מוסטערן אין אַנדערע לענדער: „אַן אויסטראַלישע רעגירונג וועלכע וועט — אויף ענגלאנדס באַפעל אָדער נאָכגעבנדיק יידישע אינטערנאַציאָנאַלע זיסע רייד — ברייט אויפעפענען די טויערן פון אויסטראַליע צו אַן אומבאַשרענקטער יידישער אימיגראַציע, וועט ארויסרופן אַ פּראָטעסט וועלכער קען אין אַן אויסערסטן פאַל אַננעמען די פאָרם פון אַ בירגער־קריג".

אין נעקסטן יוני־נומער איז געווען איבערגעדרוקט דער מאַניפעסט פון די 55 וויכטיקע בירגער פון סידני, וועלכע האָבן דערקלערט זייער סימפּאַטיע פאַר דעם יידישן ישוב אין קימבערליי. דערמיט האָט דער „פּאַבליסיסט" געוואָלט שטעלן צום שאַנד־סלופּ די אַלע פּערזאָנען, און האָט מיט קאַלטן כעס געמאָלדן אַז אין נעקסטן נומער וועט ער „אַנאַליזירן" דעם מאַניפעסט. דערווייל איז עפּעס געשען וואָס האָט פאַרהינדערט די גאַנצע צעשטערערישע ארבעט פון די דאָזיקע פּאַטריאָטן. דאָס געשעענע דעקט אויף נאָכאַמאָל דעם אמתן פּרצוף פון אויסטראַליע. דעם 27טן מאַי האָט דער אייגנטימער און אַרויסגעבער פון יענעם זשורנאַל, מר. מיילס, פּאַנאַנדערגעשיקט צו די אַלע 55 שולדיקע פּערזאָנען (ניין, מער נישט צו 51, ווייל די יידן

האָט ער דורכגעלאָזן!) אַ צירקולאַר־בריוו בזה הלשון. „איך שרייב איך כדי צו פאַרהיטן די באַגינסטיקונג פון אַ פרעמדער ראַסע אין אויסטראַליע... היות די יידן וואָס שטייען אונטערן איינפלוס פון זייער תלמוד און די לערן פון זייערע רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס ווייזן אַרויס אַן איביקע פיינטשאַפט לגבי אַלע קריסטן, זיינען זיי מער ווי אַלע אַנדערע ראַסן זייער אומטויגלעכע בירגער פון וועלכן נישט איז לאַנד. עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער צו מיינען אַז יידן ליבן די בריטישע אימפּעריע. אַ ברייטער צושטראָם פון זיי קיין אויסטראַליע וואָלט אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד מיט גוואַלט מצד די אויסטראַלישע קריסטן".

דער פיינער זשורנאַל האָט געוואָלט אַרויסרופן ענטפערס מצד די 50 מענער און פרויען וואָס פאַרקערפּערן דאָס ערלעכסטע און נאָבעלסטע פון דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט. ער האָט עס אָבער נישט דערגרייכט: מען האָט אים פשוט נישט געענטפערט, כדי נישט צו פאַרבינדן זיך מיט אים, און אין אַ חודש אַרום, דעם 25טן יוני, האָט דער זעלביקער מיילס זיך ווידער געווענדעט צו זיי מיט אַ קורצן נעבעכדיקן בריוול: „אין אונדזער אַרטיקל האָבן מיר געשריבן אַז מיר וועלן נעקסטן חודש אַנאַליזירן דעם מאַניפעסט. איך האָב טאַקע אָנגעשריבן דעם אַרטיקל אָבער דער צענזאָר האָט מיר פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן אים. איך האָף אַז איר וועט באַגרייפן די פינצטערע באַדייטונג פון אַזאַ פאַרבאָט און נישט זיין צופרידן מיט אים". די מענטשן־האַסער האָבן זיך דאָ איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון דעמאָקראַטיע. מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן ווי זיי וואָלטן באַהאַנדלט די אַנדערע.

איך קען נישט אָפּשליסן אָט דעם קאַפּיטל אָן אַ קאָמישן עפּילאָג וועלכער וועט אַמבעסטן באַלייכטן די פערזאָן און די טעטיקייט פון דעם אַנטיסעמיטישן אַגיטאַטאָר אין אויסטראַליע. ער האָט זיך אַליין אויפגעדעקט אין זיין אייגענעם זשורנאַל, אָפּדרוקענדיק אַ גענויען באַריכט וועגן דעם פּראָצעס וועלכן ער האָט פאַרפירט קעגן אַ קאָמוניסטיש בלאַט. דאָס בלאַט האָט אים אין אַפּריל 1939 באַצייכנט אַלס „פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר די נאַציס און די יאַפּאַנישע מלחמה־פירער" און דערנאָך געשריבן: „צווישן די ווערקצייג פון די נאַציס געפינען זיך פאַררעטער צו זייער אייגן לאַנד וואָס זיינען גרייט צו פאַרקויפן זייער אייגן פאָלק צו פרעמדע אַגרעסאָרס. צווישן אונדז

זיינען אויך פאַראַן מענטשן וואָס — אָביעקטיוו, אין יעדן פאַל — פירן זיי אויס די ראָלע פון העלפן די אויסלענדישע פאַשיסטן צו באַפאַלן די פעסטונג פון אונדזער אויסטראַליער דעמאָקראַטיע. אָט איז פאַראַן אַ הער סטיפענסען פון סידנעי וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ פאַמפלעט צו דעם 2599טן געבוירנטאָג פון יאַפּאַנישן שטאַט".

קעגן די באַשולדיקונגען האָט סטיפענסען זיך געווענדט צום געריכט, וואו דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1940. עס איז כדאי איבערצוגעבן דאָ אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם פאַרהער, ביי וועלכן דער אָנקלאָגער האָט זיך אַליין אַנטפּלעקט אמבעסטן. דער אַדוואָקאַט פון דער אַנדערער זייט האָט אים געשטעלט פראַגן:

אַדוואָקאַט: איר האָט מיט אַנטריסטונג אָפּגעוואָרפן דעם געדאנק אַז איר זענט אַ נאַצישער שפּיאָן אָדער אַ יאַפּאַנישער אַגענט?

סטיפענסען: יאָ, און איך וואַרף עס אָפּ איצט נאָכאַמאָל.

אַדוו.: ביז איינציקע יאָרן צוריק זייט איר געווען אַ קאָמוניסט?

סט.: איך האָב רעזיגנירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט 14 יאָר צוריק, אין 1926.

אַדוו.: ווי לאַנג זייטאַ איר געווען אַ קאָמוניסט?

סט.: פינף יאָר צייט.

אַדוו.: אין אָט די יאָרן זייט איר געווען א לאָיאַלער אונטערטאַן פון דעם קעניג?

סט.: איך בין געווען פאַרפירט. איך גלויב איך בין דעמאָלט געווען נישט־לאָיאַל... ווי איך זע עס איצט, נאָך פערצן יאָרן, האַלט איך אז איך בין געווען א גרויסער נאַר צו זיין א קאָמוניסט.

אַדוו.: האָבן זיך אויך אַנדערע אייערע אידייען געענדערט אין די לעצטע יאָרן?

סט.: יאָ, מיינע אידייען בייטן זיך שטענדיק מיט דער ענדערונג פון די אומשטענדן.

אַדוו.: צי האַלט איר היינט־צו־טאָג פון די זעלביקע אידייען ווי איר האָט געהאַלטן, למשל, מיט אַכצן חדשים אדער צוויי יאָר צוריק?

סט.: אין דער הויפּטזאַך יאָ. אויף וויפיל דאָס איז נוגע אויס־טראַלישן פּאַטריאָטיזם — יאָ.

אַדוו.: איז עס ריכטיק צו באַהויפּטן, אז פאַר אַפּריל 1939, האָט

איר שטענדיק געלויבט די צילן און אַקציעס פון די מלוכות וואָס געהערן צו דער „אַקס". איר פאַרשטייט וואָס איך מיין דערמיט ?

סט.: יאָ, איר מיינט דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן.

אַדוו.: איז וואָס איז אייער ענטפער ?

סט.: מיין ענטפער צו אייער פראַגע איז „ניין".

אַדוו.: האָט איר נישט, פון צייט צו צייט, אויסגעדריקט אייער באַוואונדערונג פון די צילן פון אָט יענע דריי רעגירונגען און פון זייער טעטיקייט ?

סט.: נישט אַזוי בין איך צוגעטראָטן צו דעם. איך האָב פאָר־געשלאָגן אַז אויסטראַליע זאָל אָנהאַלטן גוטע באַציאונגען מיט אַלע לענדער, איינגעשלאָסן די דריי אויך.

אַדוו.: וועט איר צוגעבן אַז איר האָט באַוואונדערט דאָס וואָס איר האָט אָנגערופן די אַמביציעזע פּאָליטיק פון אָט די דריי לענדער ?

סט.: יאָ, נאָר אין באַציאונג צו אויסטראַלישער פּאָליטיק.

אַדוו.: האָט איר געזאָגט אין אייער פּאַמפלעט אַז „יאַפּאַנס כח און פאָרטשריט אין דער מאָדערנער וועלט האָבן ארויסגערופן צו־ערשט די קנאה, דערנאָך דעם שרעק און ענדלעך דעם האַס פון די דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע וועלט־זשורנאַליסטן, באַזונדערס פון די בילנדיקע שפּיל־היטלעך פון די פעט־לייביקע אימפּעריעס ווי ענג־לאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן" ?

סט.: יאָ.

אַדוו.: האָט איר געשריבן, אַז „יאַפּאַן שטייט פּאַקטיש אַליין אַנטקעגן דער לאָנדאָן ־ פּאַריז ־ ניו־יאָרק ־ ירושלים ־ טשונקינג־אַקס" ?

סט.: דאָס איז געווען געמיינט אַלס וויץ.

אַדוו.: וואו שטעקט דאָ דער וויץ ?

סט.: איך האָב געוואָלט אויסלאַכן דעם נאַרישן זשורנאַליסטישן לשון ביי דער באַנוצונג פון דעם וואָרט „אַקס".

אַדוו.: וואָס מיינט איר זאָגנדיק „ירושלים־טשונקינג ?"

סט.: איך מיין דעם יידישן איינפלוס אין דער טעגלעכער פּרעסע וואָס איז פיינטלעך צו יאַפּאַן.

אַדוו.: וועלכן יידישען איינפלוס ?

סט.: די זייער גרויסע אינוועסטמענטס אין כינע.

אַדוו.: האָט איר געשריבן אין יוני 1939 אַז דייטשלאַנד, איטאַ־ליע און יאַפּאַן זיינען לענדער וואָס פילן אַז זייער עקזיסטענץ איז באַדראָט ?

סט.: יאָ, איך גלויב אַז די פעלקער פון אָט די לענדער האָבן זיך אין יענער צייט געפילט באַדראָט.

אַדוו.: האָט איר געשריבן אַז אָט די פעלקער פילן זיך אָפּגע־שלאָסן, באַדראָט, פאַרשטיקט צוליב דעם גוואַלטיקן איבערגעוויכט פון מאַכט, רייכטום און טעריטאָריעס אין די הענט פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און אַמעריקע, און אַז אָט די קבצנישע נאַציעס וועלן מוזן אַנטוויקלען אַ קעמפערישן אינסטינקט כדי צו פאַרזיכערן פאַר זיך אַ טייל פון די לעבנס־נויטווענדיקייטן, אָנקומענדיק צו מלחמה ווען אַלע אַנדערע מיטלען וועלן ניט העלפן?

סט.: יאָ, איך האָב אַזוי געשריבן.

אַדוו.: האָט איר געשריבן אין אייער זשורנאַל אין אָקטאָבער 1938 אַז „די פעלקער פון דער מאָדערנער וועלט זיינען צומינדעסט פאַר־מאַטערט פון די אוניווערזיטעט־מעטאַפיזיקער פון דער בריטיש־אַריסטאָקראַטיש־דעמאָקראַטישער שול, און אַז זיי ווענדן זיך מיט דערלייכטערונג צו לידערס פון דעם נייעם טיפּ ווי ער איז פאַר־קערפּערט אין אַדאָלף היטלערן וועלכער זאָגט וואָס ער מיינט און מיינט וואָס ער זאָגט״?

סט.: יאָ, איך האָב גערעדט קעגן דער נעבלהאַפטער דיפּלאָמאַטיע, און איך האָב פאַרגעצויגן אַדאָלף היטלערן, מיט וועלכן מיר האָבן אין יענער צייט נישט געפירט קיין מלחמה, פאַר זיין אָפנקייט אין פאַרגלייך מיט אונדזערע אייגענע פירער.

***

אַז די געשוואָרענע האָבן זיך צוריקגעקערט פון באַראַטונג־צימער איז צווישן זיי און דעם קרוין־ריכטער פאָרגעקומען פאָלגנדער דיאַלאָג:

קרוין־ריכטער: וואָס איז אייער אורטייל?

פאַרזיצער פון די געשוואָרענע: מיר האָבן באַשלאָסן צוגונסטן פון דעם אָנקלאָגער (סטיפענסען).

ריכטער: אויף וואָס פאַר אַ סומע?

פאַרזיצער: אויף אַ פאַרטינג (פערטל פעני).

דאָס געריכט, הייסט עס, האָט געמוזט באַשטראָפן דעם קאָמו־ניסטישן זשורנאַל פאַר באַליידיקונג, אָבער דעם כבוד פון דעם באַליי־דיקטן האָט מען אָפּגעשאַצט אין אַזאַ גרויסער סומע ווי אַ פאַרטינג. די פערזאָן זיינע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי גענוג קלאָר. דאָס איז געווען פאַר אים אַ פאַרלאָרענער פּראָצעס.

אין דער קונסט

עס איז שוין צייט צו פאַרענדיקן מיין עקסקורסיע אין דעם אַנטיסעמיטישן לאַגער פון אויסטראַליע. איך האָב זיך אפשר צו ברייט אָפּגעשטעלט אויף אים כדי צו באַווייזן, ווי אומבאַדייטנדיק און אינערלעך פּוסט איז דער לאַגער אין פאַרגלייך מיט דעם עכטן, לעבנס־לוסטיקן און מענטשן־פריינטלעכן עולם פון אויסטראַליע. איידער איך שליס אָפּ דעם קאַפּיטל, ווילט זיך מיר נאָך דערמאַנען אַן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט אין אַן אומדערוואַרטעטן לאַגער און האָט אויך אַרויסגעלאָזן אַ וואָלקן מיט אַן אַנטיסעמיטישן אַראָמאַט. דאָס איז געשען אין אָקטאָבער 1940 בעת דער אויסשטעלונג פון דער סידנעיער געזעלשאַפט פאַר מאָדערנער קונסט. דער באַקאַנטער אויסטראַלישער קינסטלער לייאָנעל לינדסיי איז אָנגעפאַלן אויף דער אויסשטעלונג מיט אַ ברוגזדיקן בריוו אין „סידנעי מאָרנינג העראַלד”. ער האָט געפונען אַז די אויסגעשטעלטע ווערק פון 72 קינסטלער זיינען מערסטנס דעקאַדענט, מאָדערניסטיש און אימיטאַציע.

איז עס זיך גוט רעכט צו קריטיקירן וויפיל ער וויל, אויב ער האַלט אַז „עכטע קונסט וואַקסט ווי אַ בוים פון זיין נאַטירלעכן באָדן, און נישט פון דעם זומפּ פון דעקאַדענטע ציוויליזאַציעס”. אָבער ער באַגנוגנט זיך נישט דערמיט, ער פאַרבינדט דערמיט אַן אַטאַקע אויף יידן.

„דער אויסטראַלישער עולם ווייסט נאָך נישט מסתמא אַז דער מאָדערניזם איז געווען אָרגאַניזירט אין פּאַריז פון די יידישע קונסט־הענדלער וואָס זייער ערשטע זאָרג איז געווען צו קאָרומפּירן די קריטיק, צו שאַפן פּראָפּאַגאַנדע (אומענדלעך בעסער ווי געבעלסעס, ווייל זי האָט געווירקט) און אונטערצוגראָבן די אָנגענומענע מאָסשטאָבן, כדי עס זאָל זיין אַ סך סחורה מיט וואָס צו האַנדלען. נישט קיין אַנדערער ווי אודע, דער יידישער

קונסט־קריטיקער, האָט זיך שטאָלץ באַרימט אַז דריי פערטל פון די קונסט־הענדלער, קריטיקער און זאַמלער זיינען יידן. כדי צו מיסטיפיצירן דעם עולם האָט מען באַנוצט אַ זשאַרגאָן וואָס קיין קונסט פון פריער האָט עס נישט באַדאַרפט אויף צו דערווייזן איר עכטקייט״.

עס פאַרשטייט זיך אַז לינדסיי האָט געפונען צווישן די קינסטלער פון דער אויסשטעלונג אָן אַ שיעור נעמען פון פרעמדע וואָס „דאָס איז כאַראַקטעריסטיש געגנוג צוליב דעם צושטראָם פון פּליטים. דאָס איז אַ דייטשע אינוואַזיע אין דער אויסטראַלישער עסטעטיק״, בעת (ווי מיר האָבן שוין פון אים פריער געהערט) עכטע קונסט וואַקסט ווי אַ בוים א. א. וו. די אַטאַקע האָט זיך אומדערוואַרטעט פאַרענדיקט מיט אַ ציטאַט פון אַ דייטש־יידישן דיכטער: היינע. „דערלויבט מיר צו ציטירן צום שלוס די אומשטערבלעכע איראָניע פון היינע לגבי די נאַרישקייטן פון זיין צייט:

אַנדערע צייטן, אַנדערע פויגל
אַנדערע פויגל, אַנדערע לידער!
זיי וואָלטן מיר אפשר געפעלן
ווען איך האָב אָן אַנדער פּאָר אויערן.

אינטערעסאַנט איז געווען דער עפעקט פון דער דאָזיקער אַטאַקע. סידנעי פאַרמאָגט נאָר אַ פּאָר טאָג־בלעטער, אָבער בריוו פון די לעזער — מיט פייערדיקע פּראָטעסטן — האָבן זיך געדרוקט אין זיי איבער געגנוג. מען האָט זיך אָנגענומען אי פאַר דעם כבוד פון דער אויס־טראַלישער קונסט אי פאַרן יידישן כבוד. שוין אויפן צווייטן טאָג האָט זיך מיט כעס אָפּגערופן פּיטער בעליו, דער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט פאַר מאָדערנער קונסט: „עס איז נישט קלאָר — האָט ער געשריבן — צי לינדסיי האָט געוואָלט אַטאַקירן די אויסשטעלונג אָדער פשוט אויסדריקן זיינע אַנטיסעמיטישע געפילן. קיין זאַך וועט ער נישט דערגרייכן אחוץ דעם באַגייסטערטן „הייל!״ פון די באַ־וואוינער פון אונדזערע אינטערנירונג־לאַגערן און אפשר נאָך אַן אויי־טאָגראַפירט וואַסער־געמעל פון היטלערן... נאָכדעם ווי ער שרייבט צו צו יידן אַלצדינג וואָס עס איז נאָר שלעכט אין קונסט, וועט עס

זיין אַ קלאַפּ פאַר אים צו דערוויסן זיך אַז די „אומשטערבלעכע״ ווערטער וועלכע ער ציטירט זיינען פון דער פעדער פון א דייטש־יידישן דיכטער״.

לינדסיי האָט זיך נישט באַרואיקט און איז מיט דריי טעג שפּעטער ווידער ארויסגעטרעטן מיט א בריוו אין וועלכן ער האָט זיך געסטאַרעט אָפּצוגרענעצן זיך פון יידן־פיינטלעכער פּראָפּאַגאַנדע. ער בלייבט טאַקע דערביי אַז די „מאָדערניסטישע״ קונסט איז אויפגעצויגן געוואָרן דורך יידן, אָבער

„דאָס אריינשלעפּן פון דעם שלעכט־שמעקעדיקן שרעקוואָרט אַנטיסעמיטיזם אין אַן עסטעטישן שטרייט וועט קיינעם נישט אָפּנאַרן. פאַר די גרויסע יידן ווי שפּינאָזא, היינע, ערליך און מאַנאַש קען איך אויסדריקן נאָר מיין אומבאַשרענקטע באַוואונדערונג. דאָס איז די אַנגענעמע פליכט פון אַלע וואָס פּרעטענדירן צו געניסן פון קולטור און מענטשלעכקייט. די ווערק פון די פּאַרטריבענע: סטעפאַן צווייג, ווערפל, לודוויג און וויקי בוים האָב איך געליענט אין זייער אַריגינאַל־שפּראַך. וואָס נוגע היינע, זיינען די ציילן פון זיין „אַטטאַ טראָל״ מיין אייגענע איבערזעצונג; שלעכט ווי עס זיינען אַלע איבערזעצונגען פון אָט דעם פולקאָמענעם דיכטער, אָבער דאָך באַצייכענענדיק געוועג״.

אזוי האָט זיך כמעט אידיליש פאַרענדיקט דער שטורם אין דער קונסט־גאַלעריי. אויסטראַלישע קינסטלער — מיט אַ נאָמען צי אָן אַ נאָמען — האָבן נישט דערלאָזט אַ בייזוויליקע אַטאַקע פון אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. און דער העצער אליין האָט פאַרענדיקט מיט אַ דערקלערונג פון רעספּעקט צו יידישער שאַפונג־קראַפט. כדי צו פאַרשטיין דעם באַטייט פון דעם עפּיזאָד, זאָל מען זיך פאַרשטעלן ווי וואָלט ער אויסגעגאָסן זיך אין יענעם לאַנד וואו מען סטאַרעט זיך מיט אומבאַהאָלפענער שנאה אויסצומעקן אפילו דעם נאָמען פון היינע.

דער היפוך פון אַנטיסעמיטיזם

זאָל אונדזער באַטראַכטונג פאַרענדיקט ווערן מיט צוויי נעמען פון אויסטראַליער וואָס געהערן צו צוויי פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן פון פאָלק. זייערע געזאָגטע און געשריבענע רייד זיינען פאַר מיר די בעסטע שילדערונג פון דער אויסטראַלישער געזינונג.

סער דזשאָן פידן איז אַן אַלטער, שטייפער מאַן מיט א שטרענגן, מען קען אפילו זאָגן, האַרטן געזיכט. צום ערשטן מאָל האָב איך אים דערזען אין סידנעי, ביי איינעם פון די מאַנטיק-לאַנטשעס וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען זינט יאָרן אין אויסטראַליע-האָטעל, אונטערן פאַר־זיץ פון סער טאָמאַס בייווין. ווי נאָר איך האָב זיך באַקענט מיט בייווינען האָט ער מיך גערופן צו אַזאַ לאַנטש וואו איך וועל קענען אַדרעסירן זיינע פריינט. איך בין געווען פאַרוואונדערט צו געפינען תּכף אַזאַ סימפּאַטישע באַציאונג ביי זיי אַלעמען. אַט יענע שטענדיקע פראגע („צי איז אַ יידישער ישוב בכלל דערלאָזבאַר אין אויסטראַליע?”) איז דאָ גאָרנישט אויפגעשוואומען. מען איז קענטיק געווען פאַר־כאַפּט פון דעם פאַרנעם פון דעם פּלאַן, און מען האָט נאָר געשטעלט פראַגן וועגן די עקאָנאָמישע און פיזישע מעגלעכקייטן אין קימבערליי. אַנטקעגן מיר, ביי דעם אַנדערן רונד פון טיש, איז געזעסן אַ הויכער, שלאַנקער, שטרענגער, שווייגנדיקער הער. ער האָט נישט ארויס־געזאָגט קיין איין וואָרט, אָבערביים סוף פון דער מאָלצייט איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און מיט א שוואַכן, כמעט קרענקלעכן שמייכל אויפן געזיכט האָט ער מיר געדריקט די האַנט און געוואונטשן גליק. ווער איז עס געווען? — האָב איך געפרעגט, און מען האָט מיר מיט דרך ארץ געזאָגט: סער דזשאָן פידן. דער דעקאַן פון דעם יוריס־טישן פאַקולטעט אין סידנעי אוניווערזיטעט, פּרעזידענט פון געזעצ־געבנדיקן ראַט (סענאַט) אין שטאַט.

שפּעטער בין איך דערגאַנגען וואָס פאַר אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ

ער פאַרנעמט זינט צענדליקער יאָרן אין לאַנד. זינט 30 יאָר איז ער דער רעקטאָר־פּראָפעסאָר, באַקאַנט נישט נאָר דורך זיין וויסנ־שאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער ארבעט נאָר אויך מיט זיין לויטערן כאַראַקטער. איך האָב גענומען קוקן אויף אים אַנדערש, און איך האָב זיך דערמאָנט וועגן די שטרענגע אויגן און דעם נישט־לאַכנדיקן פּנים פון אַ סך אונדזערע מתנגדישע רבנים. אז מען האָט שפּעטער גענומען זאַמלען אין סידנעי חתימות אונטער דעם קימבערליי־מאַני־פעסט, האָב איך זיך געוועגדעט מיט אַ בריוו אויך צו אים. ניט דערהאַלטן קיין ענטפער. האָט מיר בייווין — זיין גרויסער פריינט — געזאָגט: ער איז אַן אויסקלייבער אין ווערטער, ער האָט עפּעס קעגן אונדזער טעקסט, רעדט זיך דורך מיט אים... איך האָב טעלעפאָנירט, און איך בין געקומען אין זיין ברייטן ארבעטס־צימער פון פאַקולטעט.

איך האָב איצט געזען פאַר זיך אַן אַלטן, פאַרמאַטערטן מענטשן וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַ סך לאַסטן, אָבער איז נישט פאַרהאַר־טעוועט געוואָרן. אַ פאַרשטעקטע גוטסקייט האָט איצט שוואַך ארויס־געשיינט פון זיינע געזיכט־צוגן. ער האָט גענומען אין האַנט אונדזער טעקסט און געזאָגט: „איך קען נישט אונטערשרייבן עס ווייל דער גאַנצער כאַראַקטער פון דעם דאָקומענט איז מיר נישט צום האַרצן... איך וואָלט עס געטאָן ווען איר מאַכט עס איבער, אָבער איך גלויב נישט אַז איר קענט עס איצט טאָן".

איך האָב געקוקט אויף אים מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס, איך האָב דאָך געוואוסט אַז ער קען נישט זיין אַן אומפריינט פון דער גאַנצער זאַך. ער האָט מיך באַלד אויפגעקלערט:

— אָט נעמט, למשל, שוין דעם ערשטן פּאַראַגראַף. עס שטייט דאָ אַז „מיר, די אונטערצייכנטע, דערקלערן אונדזער סימפּאַטיע צו אַ פּראָיעקט וועלכער וועט, ערשטנס, העלפן צו דערלייכטערן די שרעק־לעכע נויט אין דער וועלט"... דאָס איז גוט, דערמיט בין איך מסכים, אָבער גלייך נאָך דעם שטייט אַזוי: „און, צווייטנס, וועט דער פּראָיעקט זיין פון גרויסן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן נוצן פאַר אויסטראַליע". דאָס געפעלט מיר נישט (זיין שטים איז געוואָרן שטרענג, געזעצגע־בעריש, גאַרנישט פון אַ זקן). דאָס איז אייגנטלעך נישט די אויפגאַבע פון אַזאַ אויפרוף. מען דאַרף נישט אַפּעלירן צו די אינטערעסן פון אויסטראַליע, דאָס מוז זי אליין וויסן בעסער. אָבער מען דאַרף אַפּעלירן צו איר געוויסן...

און ער האָט — פון אָט דעם שטאַנדפּונקט — גענומען לייענען איין זאַץ נאָך דעם אַנדערן. מיט אַ קלאָרן בליק האָט ער זיך אַרויס־געזאָגט קעגן יעדן זאַץ אָדער וואָרט וואָס האָט נאָר „געשמעקט" מיט תכלית, מיט נוצן פאַר זיין לאַנד. „אָט דער גאַנצער פּאַראַגראַף וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „די טובות פון אָט דעם פּראָיעקט פאַר אויסטראַליע זיינען קלאָר" געפעלט מיר נישט. דאָס לאַנד שטייט פאַר אַ קריזיס אין דער באַפעלקערונג צוליב דעם פאַלן פון די גע־בורטן? — דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אונדזער אייגענע זאָרג, דאָס דאַרף מען אונדז נישט זאָגן פון דרויסן... ווייטער דערמאָנט איר דעם נוצן וואָס די קימבערליי־קאָלאָניע וועט ברענגען פאַר דער מיליטע־רישער פאַרטיידיקונג פון לאַנד, און פאַר דער עקאָנאָמישער צוקונפט אונדזערער... דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ פאַלשער צוגאַנג. אויסטראַליע דאַרף צושטימען צום פּראָיעקט נישט צוליב וועלכן נישט איז נוצן. אפילו אַז זי וואָלט געהאַט דערפון שאָדן, צוגעלייגט געלט, וואָלט זי עס געדאַרפט דורכפירן..."

איך בין געזעסן פאַרוואונדערט און באַצויבערט. אויף אַזאַ מין אָפּזאָג האָב איך זיך נישט געריכט. אי ער האָט אָפּגעשטופּט אונדז ווי אַ פּאַטריאָט, אי ער האָט זיך דערנענטערט ווי אַ מענטשן־פריינט. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און האָט געפּליקט די ווייטערדיקע פּאַראַגראַפן אָן רחמנות. „אָט זעט איר די לעצטע ווערטער זיינען גוט: „אָבער איבער אַלע פראַגן פון אייגן אינ־טערעס שטייען די פאָדערונגען פון פּשוטער מענטשלעכקייט. אויב אויסטראַליע פּרעטענדירט צו זיין אַ דעמאָקראַטיש און הומאַן פאָלק, קען זי נישט פאַרנאַכלעסיקן אירע פליכטן לגבי די קרבנות פון אונטערדריקונג אין אייראָפּע". ...אַזוי האָט געזאָלט זיין דער גאַנ־צער טעקסט". ער האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט עפּעס ווי פאַרשעמט: „אויסטראַליע דאַרף עס טאָן כדי צו ראַטעווען איר נשמה". דער טרוקענער שטאַטסמאַן האָט פּלוצים אַנטפּלעקט זיין אייגענע נשמה.

האָב איך זיך אָפּגערופן: ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, סער דזשאָן, ווען אָט טאַקע אין אייער נוסח וואָלט מען געקענט פאַרפאַסן דעם אויפרוף. אָבער פון מיין דערפאַרונג ווייס איך, אַז כמעט יעדער פרעגט, ראשית כל, וועגן דעם נוצן פון אונדזער פּראָיעקט פאַרן לאַנד. און מען וויל דווקא האָבן אַלע גאַראַנטיעס פאַר דעם נוצן. מיר

קענען שוין איצט נישט איבערמאַכן דעם טעקסט (ער האָט צוגן שאָקלט מיטן קאָפּ). זאָל עס גיין אָן אייער אונטערשריפט. אָבער אייער „אַפּזאַג" איז מיר טויזנט מאָל טייערער ווי אַנדערע לייכט געגעבענע התימות. ווי שיין וואָלט עס געווען ווען איך קען נאָך פאַרעפנטלעכן די אורזאַכן פון אייער אָפּזאָג...

ער האָט זיך פריינטלעך צוגעהערט; פון דער שטייפקייט און שטרענגקייט איז שוין לאַנג גאָרנישט געבליבן. און אַז דער טע־לעפאָן האָט אַ קלונג געגעבן, האָב איך דערזען טיפע אויפרעגונג אין זיין געלאַסענער נאַטור. „געשטאָרבן אַקאָרשט דר. מ. — אַ יוגנט־פריינט מיינער — אין ליפט האָט ער געכאַפּט אַ האַרץ־שלאַג, נאָך אַ יונגער מענטש געווען . . . ."

מיר האָבן פאַרענדיקט דעם שמועס. איך בין אַוועק גליקלעך מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז איך האָב געזען אַ שיינעם מענטשן אין אויסטראַליע. און ער איז דערביי אַ פּאָליטיקער פון אַ סענאַט, און אַ פּראָפעסאָר פון רעכט, און אַ דערציער פון יוגנט פאַר דרייסיק יאָר. וואָס האָט אַנטיסעמיטיזם צו טאָן מיט אים?

וואָס האָט אַנטיסעמיטיזם צו טאָן אויך מיט דעם אויסטראַלישן יונגן אָפיצער, וואָס האָט — פון פּאַלעסטינע — צוגעשיקט צום סעק־רעטאַר פון דער סידנעיער פריילאַנד־גרופּע אַ וואונדערבאַר־מענטש־לעכן בריף. די איינפאַכקייט פון זיין סטיל, די ערלעכקייט פון זיינע געדאַנקען, די טיפע הומאַניטעט פון דעם שרייבער, — אַלץ איז פיין. דער אויטאָר איז נאָך ביז נישט לאַנג געווען דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן פון די ראַדיאָ־אַרבעטער אין סידנעי. אַט דער אויסטראַ־לישער פאָלקס־מענטש איז מענטשן־פריינטלעך אין דער אַרבעטער־בלוזע, און ער איז געבליבן אַזאַ אין דער מיליטערישער אוניפאָרם. פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן שוואונג צו זיינע איבערציינגונגען. עס איז פאַר מיר און מיינע פריינט געווען אַ יום־טוב, אַז מיר האָבן געלייענט אָט דעם בריף. און איך וויל פאַרצייכנען, אַז בעת איך האָב פאַר־געלעזן אים צו אייניקע פון אונזערע נישט־יידישע פריינט דאָ, איז זייער ערשטע באַוועגונג געווען צו זאָגן: „מען דאַרף עס אָפּדרוקן אין דער פּרעסע!" דאָ פאָלגט דער טעקסט פון דעם בריף:

...איך האָב מיט גרויס אינטערעס געלייענט אייער בראָשור „אַ יידישער סעטלמענט אין אויסטראַליע", וועלכע מען האָט מיר אַריבער־געשיקט אַהער פון סידנעי. זייענדיק איצט — צוזאַמען מיט דער אַרמיי — אין פּאַלעסטינע, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען יידישע מענטשן אַלס קאָלאָניסטן. אַ סך פון אונדז, וואָס האָבן גע־קענט יידן נאָר אַלס גרויסע געשעפט־מענטשן אָדער פּראָצענטניקעס, האָט דער באַזוך פון פּאַלעסטינע געעפנט די אויגן.

אין די קאָלאָניעס, וועלכע איך האָב באַזוכט, באַזונדערס אין צפון נעבן חיפה און אַקרא, וואו די אַראַבער און יידן לעבן אין פרידלעכער צוזאַמענאַרבעט, האָב איך געזען סצענעס, וואָס צינדן אָן די פאַנטאַזיע. דאָ וואו אַמאָל איז געווען מדבר זיינען איצט גרינע פעלדער, בליענדיקע אָראַנזשן־פּלאַנטאַציעס, פיין געצייכנטע און אויפגעהאַלטענע הייזער, גליקלעכע געזונטע קינדער, און מונטערע און לעבנסלוסטיקע עלטערן. עס הערשט אַן אַטמאָספער פון שווערער אַרבעט, אַ ריין לעבן און צופרידנקייט.

פון דעם וואָס איך האָב געזען דאָ אין לאַנד און וואָס איך האָב דערוואוסט זיך וועגן דעם יידישן קאָלאָניסט, פון דעם וואָס איך האָב פאַרשטאַנען וועגן די שטרעבונגען פון אַט די מענטשן האָב איך באַקומען די איבערצייגונג, אַז קאָלאָניעס, וועלכע איר האָט אין זינען פאַר אויסטראַליע וועלן ברענגען גרויס נוצן אונדזער לאַנד. מען וואָלט געקענט אַריינלאָזן זיך אין דעבאַטן וועגן דער עקאָנאָמישער זייט פון דער פראַגע, אָבער איך גלויב, אַז דאָס איז נישט אינגאַנצן אַ פראַגע פון עקאָנאָמיק, נאָר אַ פּראָבלעם פון מענטשלעכקייט.

מיין בריף צו אייך איז נישט דיקטירט פון איינזעעניש מיט די פילע פּריינט, וואָס איך האָב געפונען דאָ אין לאַנד; ער איז דיקטירט פון אַ ווילן צו אונטערשטיצן אַ פּראָיעקט, וואָס אַנטהאַלט אומשעצבאַרע גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אויסטראַליע.

ווינטשענדיק אייך דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג, אייער

א. וו. שעפּאַרד.

אָקטאָבער, 1940.

**
*

דאָס אַלץ פירט מיך צו אַן אויספיר: אַנטיסעמיטיזם אין אויסטראַליע איז קוואַנטיטאַטיוו שוואַך אַנטוויקלט, און אויף וויפיל

ער איז שוין פאַראַן, איז ער קוואַליטאַטיוו שוואַך. ער איז, הייסט עס, ווייניק פאַרשפּרייט אין דער ברייט פון די פאָלקס־מאַסן; און ער באַזיצט נישט דעם ליידנשאַפטלעכן פאַרנעם און די טיפע פאַר־וואָרצלטקייט ווי אין אייראָפּע.

דאָס הייסט נישט, אַז מען דאַרף אים נישט באַקעמפן אפילו אין זיינע ערשטע אָנפאַנגס־פאָרמען. דער קאַמף מוז אָבער אָנגיין אויפן יסוד פון אַ קלאָרער פאַרשטעלונג פון דער לאַגע, אָן שרעקענישן און פּאַניק, אין ביידע לאַגערן. אויף דער זייט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג מוז וואָס מער אַנטוויקלט ווערן דאָס וויסן וועגן יידן, זייער היסטאָרישן שיקזאַל און זייערע האָפנונגען אויף להבא. דאָס וויסן און דאָס צוזאַמענלעבן מיט יידן אין אַ רואיקער אַטמאָספער — אַנגעפּאַנגען פון די צאַרטע קינדער־יאָרן — איז אפשר דאָס בעסטע מיטל צו פאַרהיטן די קינדערשע נשמות פון אַט דעם גיפט.

עס ווילט זיך מיר דאָ דערמאָנען וועגן אַ מערקווירדיקער דער־פאַרונג, וועלכע עס האָט געמאַכט אַקאָרשט אין מעקסיקאָ דער יידישער דיכטער מלך ראַוויטש. ער באַריכטעט וועגן אַ גרויסער יידישער שולע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון יידישע עמיגראַנטן אין דער שטאָט מעקסיקאָ. די שולע איז אָנדערקענט פון דער רעגירונג אַלס איינע פון דעם אַלגעמיינעם שול־נעץ אין לאַנד. מען לערנט אין איר אַלע לימודים, אָבער אין דריטל פון טאָג גיבן די קינדער אַוועק אויף יידישע קענטשטאַנדן, אין דער יידישער שפּראַך.

„אַזוי ווי די שולע איז אַ גוטע און גיט אַלגעמיינע אויס־בילדונג, זיינען פאַראַן אין איר צווישן די 600 יידישע קינדער אויך אַ פּאָר צענדליק ניט־יידישע. דאָס שענסטע איז וואָס אַלע עלטערן פון די נישט־יידישע קינדער באַשטייען דערויף, אַז זייערע קינדער זאָלן אויך לערנען די יידישע לימודים. און אָט איז אַן עפּיזאָד, וואָס באַלייכט אַזוי שיין די גאַנצע לאַגע.

אין פערטן קלאַס פון אָט דער שולע זיינען פונקט געזעסן צוזאַמען צוויי מיידלעך: בריינדעלע וויסאצקי (פון ליטע) און בעאַטריס מאָנטעז־דע־אָקאַ, אַ טאָכטער פון אַן אָפיצער פון אַן אַלטער שפּאַניש־מעקסיקאַנישער פאַמיליע. בריינדעלע האָט זיך אויף אירע שפּאַנישע העפטן אונטערגעשריבן בעאַטריס וויסאצקי, אויף אירע יידישע העפטן — מיט איר יידישן נאָ־

מען ברײַנדעלע. האָט דאָס איר חבר׳טע בעאַטריס מאָנטעז־דע־אָקאַ געזען און פאַרגעדענקט. אַז זי האָט באַמערקט, אַז בעאַטריס איז ברײַנדל אויף ייִדיש, האָט זיך דאָס קלוגע מיידעלע פון איצט אָן גערופן ווייטער אויף שפּאַניש בעאַטריס, און אויף ייִדיש ברײַנדעלע. אויף אירע ייִדישע העפטן שרייבט זי זיך איצט אונטער: ברײַנדעלע מאָנטעז־דע־אָקאַ...

דאָס איז אַ קליינער עפּיזאָד, אָבער איך האָב געהאַט טרערן אין די אויגן ווען איך האָב דאָס געזען, און געטראַכט: ווי לײַכט פעלקער וואָלטן געקענט לעבן בשלום אויב מען וואָלט די ליבע אײַנגעפּלאַנצט שוין פון קינדהייט אָן״.

אָבער — עס ליגן באַזונדערע פליכטן, דוכט מיר, אויך אויף ייִדן, אויב זיי ווילן מיט דערפאָלג באַקעמפן די אַנטיסעמיטישע קרענק. און די דאָזיקע צווייטע פליכטן איז זיי לײַכטער צו דערפילן דערפאַר, ווייל דאָס הענגט אָפּ נישט פון דער דרויסנדיקער וועלט, נאָר פון זייער אייגענער אײַנשטעלונג און באַשלוס.

ערשטנס, ייִדישע מענטשן טאָרן נישט זײַן אַזוי פּיינפּיליק און אַראָפּגעפאַלן ביי זיך ווען זיי הערן אַ קריטיש וואָרט אָדער זשעסט בנוגע זיי. נישט יעדע קריטיק פון דרויסן איז שטענדיק אַנטיסע־מיטיש; זי קען אָפטמאָל שטאַמען פון אַ ריינלעכן קוואַל און זײַן אין תוך ריכטיק. עס דערמאָנט זיך מיר אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל מיט איינעם פון די ייִדישע וויסנשאַפטלעכע שרייבער, וואָס האָט גע־האָט פאַרעפנטלעכט אַ נײַ בוך וועגן פּסיכאָלאָגישע פראַגן אין בערלין. דער קריטישער אַרטיקל אין דער גרויסער צײַטונג „בערלינער טאָגעבלאַט״ איז נישט געווען זייער פרײַנטלעך פאַרן אויטאָר. דאָס איז געווען פאַר אים גענוג אויף צו זײַן איבערצייגט, אַז די צײַטונג האָט אָנגעהויבן צו ווערן „אַנטיסעמיטיש״. ווי אַזוי? — האָט מען אים געפרעגט — די צײַטונג ווערט דאָך געפירט פון אַ ייִדישער פירמע און ביי די נאַציס איז זי פאַרשריִען ווי אַ „ייִדן־בלאַט״?... אפשר מיינט טאַקע די קריטיק וואָס זי זאָגט, נעמלעך, אַז אייער בוך איז נישט אַזוי גוט ווי איר דענקט?... — דער אויטאָר האָט דאָ קענטיק אויסגעמישט צוויי זאַכן: די ערנסטע קריטישע אָפּשאַצונג פון אַן איינצעלנעם, געשריבענעם פון אַ ייִדן בוך, און די פײַנטלעכע קריטיק פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, וואָס דאָס איז אַנטיסעמיטיזם.

מען קען לייכט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דאָס יידישע פֿאָלק און דער יידישער יחיד האָבן אָפֿט אַזוי שמערצלעך אויפֿגענומען קריטיק פֿון דרויסן. צו אָפֿט האָבן די צוקוקער פֿון דרויסן קריטיקירט אַזעלכע צושטאַנדן אין יידישן לעבן אָדער שטריכן אין יידישן כאַראַקטער, וואָס זיינען דירעקט געשאַפֿן געוואָרן פֿון דער אַרומיקער וועלט — קעגן יידן. עס איז צו לייכט, למשל, צו פֿאַרדאַמען די גרויסע צאָל הענדלער אָדער פּראָפֿעסיאָנאַלן צווישן יידן, פֿאַרגעסנדיק דערביי ווי סיסטע־מאַטיש די נישט־יידישע וועלט האָט אין לויף פֿון דורות אַרויסגע־שטופּט יידן פֿון אַלע נאָר מעגלעכע פּראָדוקטיווע אַרבעטס־צווייגן. עס איז לייכט צו קריטיקירן אַ פֿאָלק פֿון וואַנדערער, וואָס האָבן נישט קיין געזיכערטן באָדן אונטער זייערע פֿיס, בעת די קריטיקער אַליין זיינען זאַט און פֿעסט פֿאַרפֿונדעוועט אין זייער ערד. הינטער דער דאָזיקער קריטיק איז געלעגן אַזויפֿיל אומגערעכטיקייט און צביעות, אַז די שמערצלעכע פֿיינפֿיליקייט פֿון אַ יידן איז לייכט צו דער־קלערן.

און דאָך — ווען דער ייד טראַכט נישט וועגן דער פֿאַרגאַנגענ־הייט, נאָר וועגן צוקונפֿטיקן צוזאַמענלעבן מיט די פֿעלקער פֿון דער וועלט, טאָר ער נישט יעטוועדע קריטישע באַמערקונג איבערלעבן אַלס אַנטיסעמיטישן קלאַפּ. עכטע פֿריינטשאַפֿט צווישן פֿעלקער, ווי צווישן מענטשן, באַזירט זיך סוף כל סוף אויף קעגנזייטיקער אַכטונג און קריטיק. דאָס יידישע פֿאָלק האָט טאַקע — צוליב זעלבסט־שוץ — אויסגעאַרבעט אין זיך אַן אינסטינקט פֿון זעלבסט־גערעכטי־קייט, אָבער ווער האָט נאָך אַזויפֿיל אָנגעווענדעט זעלבסט־קריטיק, שאַרפֿע אָפּרעכנונג מיט זיך אַליין ווי יידן?

די יידישע נביאים זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן מיט דער גרעסטער אויפֿריכטיקייט און אפֿילו גרויזאַמקייט געשטעמפּלט די זינד און די פֿעלערן פֿון זייער פֿאָלק. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין שום אונטערשייד צווישן די העכסטע און נידעריקסטע פֿון פֿאָלק: אונטער דעם פֿייערדיקן שטורם פֿון זייער מוסר זיינען געשטאַנען די מלכים און די פֿאָלקס־מאַסן באַגלייך. אַ פּאָדים פֿון שטרענגער זעלבסט־קריטיק האָט זיך שפּעטער געצויגן דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע. און די יידישע מאָדערנע, נישט ראַבאַנישע ליטעראַטור, אין העברעאיש און יידיש, האָט אויך נישט געשאַנעוועט די שוואַכ־קייטן און נאַרעשקייטן פֿון אייגענעם פֿאָלק, הגם זי האָט כסדר

אַנגעוויזן אויף די אורזאַכן, וואָס פירן דערצו. מענדעלע מוכר ספרים, דער פיאָנער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין יידיש, האָט מיט בייסנדיקער סאַטירע אַנטפּלעקט די אומגעלומפּערטע נאַטור פון יידישן לעבן אין געטאָ. שלום עליכם האָט גוטמוטיק און טיפּזיניק אויסגעלאַכט די פּראָווינציעלקייט און אומנאָרמאַלקייט פון יידישן מאַסן־לעבן. אַזוי איז געווען אויך די העברעאישע שרייבער־פּלעיאַדע פון דער השכלה־צייט, וועלכע האָט זיך געסטאַרעט צו דערנענטערן די רעליגיעזע יידישקייט צו די וועלטלעכע פאָרמען פון איראָפּעאישער קולטור. און אַזוי, מיט דעם דונער פון די אַמאָליקע נביאים, האָט געשטראָפט און בלוטיק פאַרלאַכט און גערופן צום איבעראַנדערשן זיך דער מאָדערנסטער העברעאישער דיכטער ביאַליק. יידישע שרייבער האָבן געוויטיקט מיט ליבע פאַר זייער פאָלק, אָבער זיי האָבן אים נישט גע׳חנפ׳עט.

איך קען נאָך איין פאָלק אין דער מאָדערנער געשיכטע, וואָס זיינע בעסטע פאַרטרעטער האָבן זיך כמעט שטענדיק באַדינט מיט דעם שאַרפן געווער פון זעלבסט־קריטיק. דאָס איז דאָס רוסישע פאָלק, וואָס האָט זיך אייגנטלעך ערשט אין 19טן יאָרהונדערט גייסטיק אַנטפּלעקט אין פולן שוואונג. אָבער זיינע דיכטער, דענקער און קינסטלער האָבן נישט נאָר ראָמאַנטיש באַזונגען זייער פאָלק, זייער מעכטיקן שטאָט, זיין גיגאַנטישע אויסגעשפּרייטקייט, זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין כאַראַקטער. די גרעסטע פון זיי האָבן מיט אומגעהויערן נביאי׳שן מוט אויפגעדעקט די שוואַכקייטן און שלעכטסקייטן פון זייער לאַנד, פאָלק, מלוכה, קולטור. פּושקין, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, מאַקסים גאָרקי, וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו, אַלעקסאַנדער בלאָק און אומצאָליקע אַנדערע האָבן עס געטאָן מיט דער שאַרפסטער ערנסטקייט. גאָגאָל, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין אָדער טשעכאָוו און אַנדערע האָבן געלאַכט פון די פאָלקס־פעלערן און אָפּגעדעקט פאַר אַלעמען זיין נאַקעטקייט, הגם זיי האָבן „געלאַכט דורך טרערן".

און נישט נאָר זיי קריטיקירט די איינצל־פעלערן פון פאָלק אָדער די פאַרברעכן פון זיין געשיכטע. זיי האָבן אין טיפסטער ערלעכקייט געשטעלט פאַר זיך די שיקזאַל־

פראַגע: וואָס איז דער לעבנס־זין פון „רוסלאַנד" אַלס אײנצלשטאַט און פאָלק. די עקזיסטענץ פון רוסלאַנד, אַלס אַ גראַנדיעזער עקאָנאָמיש־פּאָליטישער קיבוץ, איז פאַר זיי אַלעמען נישט געווען באַגרינדעט אין דער עקזיסטענץ גופא. זי האָט זיך געדאַרפט רעכטפאַרטיקן, אַזוי צו זאָגן, פאַר דעם ריכטערשטול פון העכערע וועלט־היסטאָרישע אָדער רעליגיעזע אידעאַלן. פושקין, גאָגאָל, דאָסטאָיעווסקי און אַלעקסאַנדער בלאָק (לעצטער שוין בעת דער רעוואָלוציע 1917) — זיי אַלע זײנען מיט לײדנשאַפטלעכער קנאות צוגעשטאַנען און האָבן געפאָרשט זײער געליבט רוסלאַנד (און זײער אײגן געװיסן): צו וואָס לעבסטו, מײן לאַנד, און שפּרײטסט זיך אויס אויף אַ זעקסטל פון דער וועלטפלאַך? וואָס האָסטו אַרײנגעבראַכט אין גײסטיקן און מאָראַלישן זינען, אין דער שאַצקאַמער פון דער מענטשהייט? און וואָס גײסטו אַרײנברענגען אין דער צוקונפט? וואַרף נישט אַרויף די גאַנצע אחריות אויפן צאַריזם אָדער קאַפּיטאַליזם אָדער דער פּראַוואָסלאַוונער קירך! דו פאָלק, וואָס לײדסט אומגעהויער און שוידערהאַפט, וועסטו אַמאָל באַפרײט ווערן. אָבער ווי אַזוי וועסטו דעמאָלט באַנוצן דײן געוואונענע פרײהײט? ווי אַזוי וועסטו העלפן באַפרײען די וועלט פון דער אומגערעכטיקייט, וואָס פּײניקט איר? ווײל דו, רוסיש פאָלק, ביזט פאַראַנטוואָרטלעך נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר אַלעמען. אין דײן נאַציאָנאַלן צער און שאַנד דאַרפסטו זיך דערהויבן צו די באַרג־הויכן פון אינטערנאַציאָנאַלער מענטשן־פרײנטשאַפט... — אַזוי איז אויסגעוואַקסן אין רוסישן באַוואוסטזײן בײדעס: אי טיפסטע זעלבסט־קריטיק, אי אַ שטרעבונג צו וועלט־פאַרבעסערונג (מעסיאַניזם!). דאָס רוסישע פאָלק איז געוואָרן אַ קולטור־פילאָזאָפיש פאָלק, דאָס הײסט, עס האָט געשטעלט פאַר זיך די פראַגע וועגן דעם זינען פון דער אײגענער עקזיסטענץ. אַזעלכע פעלקער זײנען מסתמא די וויכטיקסטע אָדער, בעסער געזאָגט, די נויטיקסטע אין דער מענטשהײט.

עס איז קײן נפקא מינה נישט צי מען שטעלט זיך אַזעלכע פראַגן אין אַן עפּאָכע פון גלענצנדיקן אויפשטײג פון אײגן פאָלק אָדער אין אַ פּעריאָד פון אומגליק און געפאַלנקײט,

וויכטיק איז, אַז אַ פֿאָלק שטעלט זיך אָפּ אויפֿן וועג פֿון זיין היסטאָריש־לויפֿנדיקער אַנטוויקלונג און גיט אַ טראַכט וועגן זיין לעבן פֿאַר זיך און זיינע פֿליכטן לגבי אַנדערע: אַ טראַכט אין פֿילאָזאָפֿיע, ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפֿט, רעליגיעזן דענקען. פֿאַרשידענע פֿעלקער אין דער געשיכטע האָבן אין פֿאַרשידענע צייטן דורכגעלעבט אַזאַ חשבון הנפש; דערנאָך פֿלעגן זיי אָבער ארייַנפֿאַלן אין דער דינאַמישער אַקטיוויקייט פֿון זייערע טעכניש־עקאָנאָמיש־פּאָליטישע דערפֿאָלגן. די דינאַמיק פֿלעגט צו אָפֿט פֿאַרדעקן די פֿאַרשלאָפֿנקייט פֿון זייער זיילישן לעבן און פֿירן צו דער פֿאַרפֿלאַכקייט פֿון זייער געשיכטע (דייטשלאַנד!). אַנשטאָט דריי דימענזיעס פֿלעגט זי ווערן אַ צוויי־דימענזיאָנאַלע: מער נישט ווי אין לענג און ברייט. די ניי־אויפֿגעקומענע „הויך” פֿון די לופֿט־שיפֿן קען נישט פֿאַרבייטן די טיפֿקייט פֿון נשמה־לעבן.

עס איז מיט זיכערקייט אָנצונעמען, אַז די מלחמה וועט ווידער אויפֿדעקן די פֿאַרשאָטענע קוואַלן פֿון קולטור־פֿילאָזאָפֿישן דענקען און פֿילן. און אַלע פֿעלקער — סיי די געווינער סיי די פֿאַרלירער אויפֿן שלאַכט־פֿעלד — וועלן זיך ווידער שטעלן די שיקזאַל־פֿראַגע: צו וואָס איז מיין שטאָט, מיין לאַנד, מיין פֿאָלק אויף דער וועלט? — פּונקט אַזוי ווי נאָר יענער איינצל־מענטש איז ווערט אָט דעם נאָמען, וועלכער שטעלט פֿאַר זיך פֿון צייט צו צייט די זעלביקע פֿראַגע: וואָס איז דער זינען פֿון מיין לעבן? נישטאָ קיין מענטש, אויב ער איז נישט אַ קולטור־פֿילאָזאָפֿישער מענטש.

אויב דאָס יידישע פֿאָלק האָט זיך טאַקע אויסגעצייכנט מיט מוטיקער זעלבסט־קריטיק, טאָר עס בשום אופֿן נישט מורא האָבן פֿאַר קריטיק ווען עס קומט פֿון דרויסן. עס טאָר נישט יעדן אַקט פֿון קריטיק אין פֿאַראויס פֿאַרדאַמען אַלס אַנטיסעמיטיזם, און אַזוי אַרום באַפֿרייען זיך פֿון ענטפֿערן. עס איז לעכערלעך און פֿאַר אַן אַלט פֿאָלק אומווירדיק אָנצוואַווענדן די פֿאָרמעל: “Right or wrong, my country!” אַ פֿאָלק מיט אַזאַ גרויסער היסטאָרישער דערפֿאַרונג ווי דאָס יידישע מוז נאָר שמייכלען, ווען מען רעדט זיך איין, אַז „מיין לאַנד” שטייט העכער אָדער דרויסן פֿון אַלע מאָראַלישע פּרינ־

ציפּן. אין לויף פון דער געשיכטע זיינען פאַר זיינע אויגן אונטער־געגאַנגען גרויסע און מעכטיקע מלוכות, וואָס האָבן פאַרלייקנט פאַר זיך מאָראַלישע אחריות. זיי זיינען אונטערגעגאַנגען, נישט די פּרינציפּן פון דער אייביקער גערעכטיקייט. און דערפאַר אפילו אַן אונטערדריקט און באַליידיקט פאָלק ווי דאָס יידישע קען זיך נישט שטעלן מחוץ פון מאָראַלישער קריטיק, ווען זי ווערט אַרויסגעבראַכט מיט אַן ערלעכער כוונה. דאָס גילט פאַר דעם יידישן קאָלעקטיוו פּונקט אַזוי ווי פאַר דעם יידישן יחיד. זיי זאָלן אָבער, פאַרשטייט זיך, גרונטיק באַקעמפן די עכטע אַנטיסעמיטישע געפאַר.

***

די ערשטע פליכט פון יידישן מענטשן איז נישט מורא צו האָבן פאַרן אַנטיסעמיטיזם; די צווייטע איז — נישט צו זוכן פילאָ־סעמיטיזם, ספּעציעלע פריינטשאַפט און סימפּאַטיע צו זיך. די מייסטנס אומ־באַוואוסטע זוכעניש פון יידן־פריינטלעכער באַציאונג מצד דעם דרויסן־שטייענדיקן טראָגט אַריין אַ נערוועזן, אומנאַטירלעכן כאַראַקטער אין די באַציאונגען פון ייד און נישט־ייד. די יידישע עקזיסטענץ (פון אינדיווידיאום צי פון קאָלעקטיוו) פאַרוואַנדלט זיך דערמיט אין עפּעס אַ צוטשעפּעניש צו דעם דרויסנדיקן, פּולבלוטיקן, קיין רעכטפאַרטיגונג נישט זוכנדיקן אַלגעמיינעם לעבן. אין דער אמתן איז יידישע עק־זיסטענץ באַרעכטיקט אין זיך אַליין, ווי יעטוועדעס לעבעדיק וועזן. אויב מיר זוכן צו פאַרשטיין דעם שכל פון אונדזער לעבן, זאָלן מיר עס טאָן צוליב אונדזער אייגענעם געוויסן און ניט צוליב דעם „מה יאמרו הגויים". דער יידישער דענקער חיים זשיטלאָווסקי האָט עס אַמאָל אַזוי פאָרמולירט: מיר זיינען געוווינט צו קוקן אויף זיך ווי אויף 5 אָדער 10 אָדער 15 פּראָצענט פון אַן אַנדער פאָלק; מיר מוזן ווערן 100 פּראָצענט פון אונז אַליין.

איך פערזענלעך האָב נישט ליב פילאָ־סעמיטישע רייד, פּונקט אַזוי אפשר ווי אַנטיסעמיטישע שטיק. אַ קריסטלעכער מענטש וואָס ווייזט אַרויס אַ באַזונדער אַרט אויפמערקזאַמקייט צו יידן איז אָפּט־מאָלס נישט זיכער אַליין מיט זיינע געפילן. אפשר מוז ער דערביי אונטערדריקן גראַד פיינטלעכע עמאָציעס, וואָס שטעקן אין אים ווי אַלט איינגעוואָרצלטע אינסטינקטן. דער וויכטיקסטער פאַל איז טאָלסטאָי, וועלכער האָט מיט אומגעוויינטלעכער קראַפט אַנטפּלעקט

זיינע טיפסטע נשמה־סודות. ער האָט געהאַט אַ ריי יידן אַלס נאָ־ענטסטע פריינט; ער האָט פאַרטיידיקט די רעכט פון אין צאַרישן רוסלאַנד געפּייניקטע יידן. דאָך האָט ער איינמאָל געשריבן, אַז ער מוז אונטערדריקן אין זיך אַנטיסעמיטישע געפילן, וואָס שטעקן אין זיין בלוט צוליב זיין דערציאונג און סביבה...

געוויס, נישט אַלע מאָל איז די באַזונדערע ליבע צום יידישן פאָלק מאָטיווירט דורך אַזעלכע וויניק סימפּאַטישע געפילן. מיר האָבן געקענט אין רוסלאַנד ביישפּילן פון אידעאַליסטיש־ברענענ־דיקער יידן־פריינטשאַפט. דער רוסישער פילאָזאָף וולאַדימיר סאָ־לאָוויאָוו האָט אויף זיין טויטן־בעט נאָך געדאַוונט פאַרן וואויל פון יידישן פאָלק. ער האָט זיך — אַלס קריסט — געפילט שולדיק לגבי יידן פאַר אַלע פאַרברעכן פון צאַריזם און דער וועלט־געשיכטע. מאַקסים גאָרקי, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע בעסטע רוסישע שרייבער, האָבן שטענדיק מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט געשיצט יידן, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט פאַר די יסורים, וואָס זייער לאַנד האָט אָנ־געטאָן דעם יידישן פאָלק. צווישן די רוסישע סאָציאַליסטן האָט גע־הערשט אַ באַזונדערע, מען קען זאָגן, צאַרטע באַציאונג צו יידן, ווייל זיי האָבן מאָראַליש געליטן פון די צאַרישע פאַרברעכן לגבי די יידישע מאַסן. איך דערמאָן זיך ווי מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ, איינע פון די שענסטע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן און אַ מאַטירערין איר גאַנץ לעבן, האָט איינמאָל דערקלערט: וואָס נאָר די יידן פאַרלאַנגען פון אונדז מוז מען טאָן, מיר זיינען שולדיק לגבי זיי...

אָבער — מיר דוכט, אַז נאָר מענטשן פון אַ הויכן מאָראַלישן סטאַנדאַרד ווי סאָלאָוויאָוו, גאָרקי, ספּירידאָנאָוואַ ווייזן אַרויס אַזאַ פּראָ־סעמיטישע שטעלונג. איך האָב אַזעלכע פיינע מענטשן־געשטאַלטן געפונען נישט וויניק אין אויסטראַליע, — און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס איך באַטראַכט מיין לעבן אין זיעם לאַנד פאַר אַ דערהויבנ־דיקן פּעריאָד אין מיין לעבן. צי זאָל איך דאָ איצט אויסרעכענען זייערע נעמען? גענוג צו זאָגן, אַז איך האָב געפילט אין זיי אַן עכטן קוואַל פון מענטשן־און יידן־פריינטשאַפט, וועלכע מאַכט גליק־לעך דאָס צוזאַמענזיין מיט זיי. זייער פּראָ־סעמיטיזם איז נישט פיינלעך אָדער באַאומרואיגענדיק.

אַנדערש איז עס מיט דעם מאָראַליש דורכשניטלעכן נישט־יידן. בעת ער רעדט מיט אַ יידן אָדער וועגן יידן, איז ער עפּעס

ווי נישט זיכער, נישט געזעצט. זאָל איך זאָגן, אַז אָפּטמאָלס לויפּט דורך ווי עפּעס אַ נערוועזער צוקן איבער זיין געזיכט, ווי עפּעס אַן אומרואיק געוויסן וואָלט אים געצופּט. זיין אַנטקעגנקומען דעם יידן, זיין אויפמערקזאַמקייט ווערט אַביסל שווער אויפצונעמען. עס איז דערפאַר אַ סך בעסער ווען די באַציאונג פון נישט־יידן צום יידן איז נישט קיין פילאָ־סעמיטישע, נאָר אַ נייטראַלע, אַ מענטשן־נייטראַלע: ווי גלייכע צו גלייכע. דאָס נישט־זיין פון אַנטיסעמיטיזם, דאָס פּשוט'ע אומבאַפאַרבטע באַציען זיך איז דערפרישענדיק און מאָ־ראַליש געזונט.

און ווידער אַמאָל בין איך דאַנקבאַר אויסטראַליע פאַרוואָס זי האָט מיר געגעבן אָט די דערפאַרונג: הונדערטער קריסטלעכע מענטשן, מענער און פרויען, אין אַלע שטאָטן און אַלע קלאַסן, האָבן זיך באַצויגן צו מיין מיסיע מיט דער איינפאַכקייט פון מענטשלעכן נייטראַליזם. זייער געזיכט פלעגט נישט אַננעמען, אומבאַוואוסט צי באַוואוסט, אַן אויסדרוק פון אַנגעצויגנקייט. דאָס וואָרט „ייד" האָט נישט אַרויסגערופן ביי זיי אַ באַזונדער נערוועזע צוקונג, די אויגן האָבן נישט געלויכטן מיט אַ באַזונדערער פּראָ־יידישער פאַרב. און איך האָב דאָך גערעדט צו זיי וועגן אַן אויסגעשפּראָכן יידישן פּלאַן, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן אין זייער מיט. זיי האָבן זיך אָפּ־גערופן פּשוט און נאַטירלעך אַזוי ווי ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַנדער ראַסע אָדער פאָלק. צי זיי האָבן אונדזער פּראָיעקט אָנגענומען פאַר גוט, צי זיי האָבן אויסגעדריקט פאַרשיידענע ספקות, צי זיי האָבן אפילו אָפּגעלענט דעם פּראָיעקט — הונדערטער פון אויסטראַליער האָבן עס אַרויסגעזאָגט אָן אַ ספּעציפישער יידישער באַטאָנונג. מענטשלעך־נייטראַל, דאָס הייסט מענטשן־פריינטלעך ווי מיר געפינען עס זעלטן איצט אין איראָפּע. דער גרויסער פאַקט איז דערביי, וואָס די מערהייט פון זיי האָט אויך אָנגענומען אונדזער פּראָיעקט.

אמת, עס זיינען געווען איניקע געבילדעטע אויסטראַ־ליער, וועלכע האָבן מיך געוואָרנט קעגן אָט דער מאַסע פון זייערע מיטבירגער. אין קאַנבעראַ האָב איך געהאַט אַ גע־שפּרעך מיט מר. בריאַן פענטאַן, אַ באַקאַנטן היגן זשורנאַליסט און סקעפּטיקער. ער האָט מיך געוואָרנט קעגן דער אויסטראַ־לישער פריינטלעכקייט; סיי בנוגע יידן סיי בכלל. עס איז

נישט מער ווי לייכטזיניקע, נישט־טיפגייענדיקע, פלאַכע באַציאונגען, וועלכע פאַרפליכטן דעם אויסטראַליער צו גאָרנישט... די העפלעכקייט, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר איז אַ פאַלשע; מען וויל זיין העפלעך צו אַן אויסלענדער, באַזונדערס ווען ער בעט ביי זיי קיין זאַך נישט... פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין העפלעך?... — האָב איך געפרעגט באַלד מר. פענטאָן: אָבער ווי דערקלערט איר, אַז הונדערטער אויסטראַליער פון אַלע שיכטן האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר אַזאַ פריינטלעכע באַציאונג? זאָל דאָס זיין אַ מין „קאָנספּיראַציע" צווישן זיי אַלעמען אויף אָפּצונאַרן מיך? צי גלויבט איר, אַז איך וואָלט נישט באַמערקט צווישן הונדערטער די פאַלשקייט פון עמיצן, די פאַרשטעלטע יידן־אָדער מענטשן־פיינטשאַפט? און ווידער אַמאָל, אויב הונדערטער מענטשן אין אַלע עקן פון לאַנד ווייזן אַרויס אַ פריינטלעכע העפלעכקייט, צי גלויבט איר נישט, אַז דאָס כאַראַקטעריזירט אַ פאָלק צום גוטן?... מר. פענטאָן האָט שוואַך געשמייכלט ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט בעסער. ער האָט נישט דערשיטערט מיין מיינונג וועגן דער נאַטור פון דורכשניטלעכן אויסטראַליער.

ווי געזאָגט, דער ייד זאָל זיך נישט יאָגן נאָך דער אָנדערקענונג אָדער לאַסקע פון די אַנדערע: ער זאָל לעבן נאַטירלעך ווי ער איז, אין פולן הסכם מיט זיך אַליין. די אמת'ע באַקעמפונג פון אַנטיסעמיטיזם באַשטייט אין אויסבילדונג און פאַרפולקאָמונג פון אַן עכטן סעמיטישן, יידישן לעבן. אַ פאָלק ווירקט אויף דער אויסן־וועלט און נעמט אויף אירע ווירקונגען, ראשית כל, דורך זיין אייגענעם, שעפערישן אינערלעכן לעבן. זאָלן יידישע מענטשן פירן אַ ווירדיקן אָפענעם, עכט־מענטשלעכן לעבן; זאָלן זיי זיך נישט באַהאַלטן מיט זייער יידישקייט פון די דרויסנדיקע געפאַרן; זאָלן זיי אַרבעטן פאַר דעם וואויל פון דער מענטשהייט און זייער לאַנד מיט דעם פולן אויסדרוק פון זייער יידישער נשמה און קולטור, — דאָס איז דער בעסטער ענטפער צום אַנטיסעמיטיזם. דער ייד, וואָס באַהאַלט זיך אַלס אַזעלכער, מעג זיין אונטער די שענסטע מענטשהייט־מאַסקען, טוט אַ שאָדן זיך און זיין פאָלק. מען דאַרף נישט אַרויסגיין פון

גדר פון אייגענעם פאָלק כדי צו שטיין אין גדר פון דער מענטש־הייט.

דאָס איז דער איינציקער אויסטייטש פון באַרימטן זאַץ וועגן יידן אַלס „אתה בחרתנו"־פאָלק. מען האָט געזען אין אָט דעם גע־דאַנק די אַמביציע פון יידן צו שטעלן זיך העכער איבער אַלע אַנ־דערע פעלקער. דאָס איז אַ פאַלשע פאַרשטעלונג, און כדי צו פאַר־שטיין עס תיכף איז גענוג צו פאַרגלייכן אָט די פאָרמעל מיט דער נאַצי־דייטשער: „דייטשלאַנד איבער אַלץ". דער אונטערשייד צווישן די ביידע ליגט אין די צוויי ווערטער: פריווילעגיעס אָדער פליכטן. די דייטשע פאָרמעל איז אָנגעפילט מיט לוסט נאָך הערשאַפט, נאָך מאַטעריעלן און פיזישן וואוילטאָג, נאָך פאַראַכטונג פון מענטשלעכער ווערדע. זי איז די מאַטעמאַטישע פאָרמעל פון דעם נישט געבונדענעם נאַטור־אינסטינקט, פון מאָרד און טויט. די יידישע פאָרמעל וויל קריסטאַליזירן די פליכטן פון יידן צו גאָט און צו מענטשן; זי זוכט אַ מאָראַלישע באַגרינדונג (אָדער רעכטפאַרטיגונג) פאַר דעם מאַ־טעריעל־ערדישן לעבן; זי פאָדערט פון דעם יידן מער ווי פון אַנ־דערע. עס איז די מאַטעמאַטישע פאָרמעל פון דעם מאָראַליש גע־בונדענעם אינסטינקט, פון לעבן און פריינטשאַפט. „איך וויל באַהערשן די וועלט, ווייל איך בין אַ דייטש" — זאָגט איינער. „איך וויל דינען דער וועלט, ווייל איך בין אַ ייד" — זאָגט דער אַנדערער. עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אַ טויט־קאַמף האָט אויסגעבראָכן צווישן זיי ביידע.

***

דער יידן־האַס מוז, פאַרשטייט זיך, באַקעמפט ווערן. דאָס אייגנטלעכע פעלד פון דער באַקעמפונג איז דאָס סאָציאַלע. עס איז אַ סאָציאַלע קרענק, און דערפאַר וועט זי פאַרשווינדן מער און מער מיט דער סאָציאַלער ענדערונג פון דער וועלט. וואָס מער די ליידנדיקע און עקספּלואַטירטע מענטשן־שיכטן וועלן זען דעם אויפ־קום פון אַן ערלעכער און ליכטיקער געזעלשאַפט, אַלץ ווייניקער וועלן זיי זוכן זייער שונא אין דעם שוואַכן יידישן קאָנקורענט. עס וועט אַ סך לייכטער זיין צו באַקעמפן די אַטאַוויסטישע מענטשן־פיינטלעכע אינסטינקטן אין די מאַסן, ווען זייער שטענדיקע זאָרג פאַר חיונה און פאַר דער צוקונפט וועט פאַרשווינדן. אָבער — דער קאַמף

מיטן יידן־האָס זאָל נישט איבערגעלאָזן ווערן נאָר צו די גרויסע ליבעראַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען פון אונדזער צייט. אויף וויפיל דאָס גיפט באַווייזט זיך אין די טעגלעכע, פּריוואַטע מענטשן־באַציאונגען קענעןביידע צדדים, דער נישט־ייד און דער ייד, אויפטאָן אַ סך. פאַרשטענדעניש און וויסן וועגן יידן מוזן מער און מער אריינדרינגען צווישן די נישט־יידישע מענטשן. רואיק באַטראַכטן אַנטיסעמיטישע אַקטן און אויפקלערן זיי אָן נערוועזער אויפרעגונג,— מוזן זיך מער און מער אויסלערנען יידישע מענטשן. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער פאַר זיי: ווייניקער צו בליקן אַרום זיך און מער קאָנצענטרירן זיך אויף דעם אויפבוי פון אַן עכטן, שעפערישן און ווירדיקן יידישן לעבן. ווען אָבער נויטיק, זאָל זיין אָן שום פשרות און אָן שום מורא — קאַמף.

יידן אין אויסטראַליע

אויסטראַליע איז דער מיזיניק צווישן די גרויסע קאָנטינענטן. ממילא איז אויך דער יידישער ישוב דאָרטן איינער פון די קלענסטע אין דער וועלט. מען קען זאָגן, פון אַלע יידישע שבטים איז דער אויסטראַלישער דער שבט בנימין. דאָס באַטייט, אַז מען דאַרף זיך באַציען צו אים מיט פריינטשאַפט ווי צו אַ ייִנגערן ברודער אָדער גלייכ־צייטיק אויך מיט אַ קריטישן ערנסט. ווי קליין ער זאָל ניט זיין אין צאָל, דאָך אַנטהאַלט אין זיך דער אויסטראַלישער קיבוץ אַלע ריכטונגען און פּראָצעסן אין יידישן לעבן וועלכע מען קען דאָרטן אפשר צום בעסטן שטודירן.

ראשית כל, וויפל זיינען בכלל פאַראַן יידן אין אויסטראַליע? זינט דער ציילונג פון 1933 זיינען ניטאָ קיין אָפיציעלע ציפערן. דעמאָלט האָט מען געציילט 23 און אַ האַלב טויזנט מענטשן; אין די וויטערדיקע צען יאָר איז די צאָל אויסגעוואַקסן (צוזאַמען מיט די פליטים) צו איבער 35.000 נפשות. פאַרשטייט זיך, אַז דער גרעסטער טייל פון זיי — איבער 90 פּראָצ. וואוינט אין די שטעט. אין די צוויי גרויסע צענטערן פון לאַנד — מעלבורן און סידניי — אַרום 27.000; די איבעריקע — אין די קלענערע שטעט איבערן לאַנד: פּערט, בריזביין, אַדעלאַאיד.

לויט זייער אָפּשטאַם, וואָלט מען די יידישע באַפעלקערונג אין אויסטראַליע געדאַרפט איינטיילן אין דריי גרופּעס: די זייער קליינע צאָל אויסטראַליש־געבוירענע אָדער פון ענגלאַנד אַריבערגעקומענע; די גרעסטע צאָל — פון פוילן און אַמאָליקן רוסלאַנד; די נייע כוואַליע פון דייטש־עסטרייכיש־טשעכישע פליטים. לײדער איז צו באַמערקן, אַז דער נאַטירלעכער וואוקס פון דער יידישער באַפעל־קערונג שטייט שטאַרק אָפּ לגבי דער אַלגעמיינער; בעת די דער־וואַקסענע עלטערן זיך, ווערן אַלץ ווייניקער געבוירן יידישע קינדער.

דאָס פּנים פון אַ יידישן ישוב דערקענט מען צום בעסטן לויט זיין עקאָנאָמישן אַרט לעבן, לויט דעם צוזאַמענשטעל פון זיינע שיכטן. צי האָבן יידן פּרנסה אין אויסטראַליע? צי קומט זיי אָן שווער אָדער לייכט צו פאַרדינען אויף חיונה? דער ענטפער הענגט אָפּ אין אַ גרויס מאָס פון דער אַלגעמיינער לאַגע פון פאָלק, און אַט־די לאַגע איז, בכלל גענומען, אַ גינסטיקע. אין אויסטראַליע, אויך אין דער פרידן־צייט, האָט דער מענטש נישט געפירט קיין „קאַמף" פאַרן ביסל פּרנסה. אויב ער האָט געקעמפט, איז עס געווען פאַר אַ העכערן סטאַנדאַרד, פאַר לעבנס־קאָמפאָרט. אויך דער ייד האָט אַזוי אַרום אָן באַזונדערע שוועריקייטן געהאַט דעם נייטיקן לעבנס־מינימום.

אַ יידן־פריינטלעכע בראַשור פון 1939, אין ענגליש, האָט אויפגעשטעלט — לויט דער ציילונג פון 1933 — אַ טאַבעלע פון יידישע באַשעפטיקונגען און הכנסות

באַלעבאַטים	1.946
אַרבעטן אויף אייגענעם חשבון	2.074
לעבן פון לוין אָדער געהאַלט	6.767
אומבאַקאַנט (דערונטער הויזבאַדינטע און פאַמיליע־מיטגלידער)	12.629
	23.416

פון צווישן איבער 12 טויזנט פאַרדינערס האָבן 56 פּראָצענט פאַרדינט ווייניקער ווי דריי פונט אַ וואָך, און 65 פּראָצענט — ווייניקער ווי פיר פונט אַ וואָך [1]. שווער צו זאָגן אויף וויפל דאָס בילד האָט אַנטשפּראָכן דער לאַגע אין 1933. זיכער איז אַז אין 1943 האָט זיך דער דורכשניטלעכער מצב שטאַרק געהויבן. אפילו דער אַרבעטער

1) די אַלע דאַטעס זיינען לעצטנס באַשטעטיקט געוואָרן דורך די פאָרשונגען פון דעם ערשטן ערנסטן יידישן געלערנטן אין אויסטראַליע, דר. י. ח. דזשענטילי. אָנגעקומען אַלס פּליט פון איטאַליע, איז ער געוואָרן אַ לעקטאָר אין עקאָנאָמיק אין דעם אוניווערסיטעט פון פּערט (מערב אויסטראַליע).

פּאַרדינט מער ווי 3־4 פונט אַ וואָך, און די צאָל אַרבעטער צווישן אויסטראַלישע יידן איז ניט די באַהערשנדיקע.

דער צוזאַמענשטעל איז כמעט דער קלאַסישער פון די איראָפּעאישע לענדער: מייסטנס האַנדלס־קלאַס, גרויס אָדער קליין; אין געוויסע בראַנזשעס — וואַרשטאַטן און פאַבריקן; פּאַרמערס — קוים־קוים; אַ וואַקסנדיקע צאָל פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, מייסטנס דאָק־טוירים און אַדוואָקאַטן. דער געדאַנק פון אַ ציל־באַוואוסטער איבער־שיכטונג איז נאָך ניט רייף געוואָרן: ניטאָ דערצו קיין מוז. אינ־טערעסאַנט אַז אין דער הינזיכט זיינען זיך אַלע גרופּעס יידן (אויס־טראַלישע, ענגלישע, פּוילישע, דייטשישע) כמעט גלייך. אָדער מען שטייט שוין פעסט אין דעם דאָזיקן דרייפאַכן עקאָנאָמישן קרייז (סוחר, פאַבריקאַנט, פּראָפעסיאָנאַל), אָדער מען שטרעבט מיט אַלע כוחות דערצו. אין סך הכל האָט דער אויסטראַלישער ייד אַן עקאָנאָמיש־רואיק לעבן (צי דאָס איז געזיכערט אויף להבא, איז אַן אַנדער פראַגע). ער האָט די זכיה אי צו לעבן טויזנטער מיילן אַוועק פון יידישן שווערן לעבן, אי צו זאַמלען מאַטעריעלע כוחות פאַר זיך אין אַ דעמאָקראַטיש־געשיצטער סביבה.

קיין באַזונדערע פּאָזיציעס אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד האָבן יידן ניט דערוואָרבן. אַ חוץ עטלעכע איינגעפונדעוועטע פאַמיליעס, וואָס זיינען באַקאַנט אין דער באַנק־וועלט און אין דער גרויס־אינ־דוסטריע, איז דער אַקטיווער טייל פון די אונטערנעמער פאַרנומען אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. עס איז ווערט צו דערמאַנען די לויב־ווערטער, געווענדט צו זיי אויף דעם קאָנגרעס פון די אויסטראַלישע טרייד־יוניאָנס, וואָס איז אין יוני 1943 פאָרגעקומען אין מעלבורן. מר. וואַליס, דער הויפּט־סעקרעטאַר פון דער קליידער־יוניאָן, האָט דערקלערט, אַז צו יידן געהערן די בעסטע פאַבריקן אין דעם פאַך: זיי צאָלן די העכסטע לוינען און שאַפן די בעסטע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער. „איך האָב געזען הונדערטער באַריכטן פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרן און זיי אַלע האָבן באַשטעטיקט דעם הויכן סטאַנדאַרד פון די יידישע פאַבריקן". מר. וואַליס האָט דערביי דערמאָנט סידני הילמאַנען, „דעם גרויסן טרייד־יוניאָן־פירער פון אַמעריקע", און די ראָלע פון די אַמעריקאַנער יידן אין דעם קאַמף פון לייבאָר פאַר פרייהייט.

אַט־די אָנערקענונג מצד דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־שאַפט פון אויסטראַליע גייט אינגאַנצן לטובת די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס זיי זיינען די הויפּט־טוער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. „ביאַליסטאָק" איז זייער סימבאָל און ביישפּיל.

***

ניט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די אויסטראַלישע יידן באַוויזט אַן איינהייטלעך בילד, זיינען דאָך פאַראַן קלאָר אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן די באַזונדערע גרופּעס. אַמאָל דוכט זיך, אַז זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אָפּגרונטדן צווישן שיכטן פון איין־און דעמזעלבן פאָלק. מען קען זאָגן: אין ראַם פון איין יידישער קהילה פאַרבאַהאַלטן זיך פיר צי פינף קהילות.

עס איז פאַראַן, ראשית כל, די אויבערשטע „אַריסטאָקראַטישע" שיכט, קליין לויט דער צאָל, וואָס האָט אָבער אַ פאַרפעסטיקטן סאָציאַלן מעמד צוליב איר רייכקייט און דעם רעספּעקט, וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן אין לאַנד. זי ציט איר יחוס פון דעם פאַקט, וואָס זי לעבט מערערע דורות (אַרום 100 יאָר) אין אויסטראַליע און איז צוליב דעם באַקאַנט דער רעגירונג און דעם פאָלק אַלס די אָפיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון די יידישע בירגער. איר אינערלעכע אָרגאַניזאַציע איז געבויט אויף דער סיסטעם פון סינאַגאָגע, רבי און פרנס. זי טרעט שטענדיק אויף ווי די יידישע רעליגיעזע גרופּע פון דער באַפעלקערונג. חוץ לזה וויל זי ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי שטאַמיקע, אויסטראַליש־ענגלישע בירגער. די דאָזיקע שיכט האַלט זיך אָפּגעשלאָסן לגבי אַלע אַנדערע יידישע גרופּעס, זי מישט זיך מיט זיי ניט אויס, ניט סאָציאַל און ניט קולטורעל.

גלייך נאָך איר, אָדער אונטער איר, שטייט די „העכערע" גרופּע יידן, וואָס באַנוצן אויך די ענגלישע שפּראַך ווי זייער איינציקן אויסדרוק־מיטל, אָבער וואָס קענען זיך ניט באַרימען מיט דער רייכקייט און דעם איינפלוס פון די ערשטע. די אַקטיווערע מענטשן פון אָט דער גרופּע זיינען מייסטנס די קהלשע טוער, זיי פאַרנעמען די פירנדיקע פּאָזיציעס אין אַלע אינסטיטוציעס (פאַרשטייט זיך, אין הסכם מיט די קאַרפּן־קעפּ פון אויבן). לויט זייער קהלשער פונקציע קומט זיי אויס צו האָבן צו טאָן מיט די אונטערשטע יידישע שיכטן,

אָבער זיי מישן זיך ניט אויס מיט זיי בשום אופן ניט. אין אַן אסיפה, וואו מען רעדט יידיש, למשל, קענט איר זיי זען נאָר אין די זעלטנ־סטע פאַלן. דאָך איז פאַראַן אַ דינע אָבער קלאָרע סאָציאַלע שיידוואַנט אויך צווישן זיי און די יידישע „היכע פענצטער".

אַ סך גרעסער אין צאָל און אויסשפּרייטונג איז די דריטע, די מיטל־גרופּע, וואָס לויט איר קולטורעלן נוסח באַנוצט זי ביידע שפּראַכן: ענגליש און יידיש. דער יידיש־מאָמענט באַטייט גלייכ־צייטיק אויך אַ באַזונדערן אַרט לעבן אין משפחה, געשעפט און גע־זעלשאַפטלעכקייט. פאַרשטייט זיך, אין דער פאַמיליע איז שוין פאַראַן די צוויי־טיילונג: בעת טאַטע־מאַמע ריידן און לעבן זיך אויס אין יידיש, ווערן די קינדער דערצויגן אין ענגליש, דאָס הייסט, אין אויסטראַלישן לעבנס־פּיר. דאָך איז פאַראַן דער אינערלעכער צו־נויפבונד פון די ביידע דורות, און אין די קינדער פילט זיך ניט ווייניק פון דער אַמאָליקער „יידישקייט". די אַלטע היים פון איראָפּע אָטעמט נאָך אין אָט־די הייזער אַזוי, אַז דער תכלית־אויסטראַליאַניזם נעמט ניט צו די גאַנצע נשמה אין געפּאַנגענשאַפט. אָט־די מיטל־יידן וואָלטן שטאַרק וועלן זיין נענטער צו דער צווייטער גרופּע, ווייל דאָס באַטייט פאַר זיי סאָציאַלער אויפשטייג, און עס איז גוט „פאַר די קינדער". אָבער עס לאָזט זיך ניט; יענער צד וויל זיין אָפּגעשיידט פון די שיכטן, וואָס אָטעמען נאָך מיט מזרח־יידישקייט. מען טרעפט זיך אין געשעפט, ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, ביי ציוניסטישע אסיפות, אָבער ניט מער. די היכע פאָזיציעס אין דער „קאָמיוניטי" פאַר־נעמען זיי ניט, הגם זיי טראָגן צו אַ גרויסן טייל צו אַלע געלט־קאַמפּאַניעס.

און, ענדלעך, שפּרייט זיך אויס איבער דער טיף און פלאַך פון דער קהילה די פערטע, די „אונטערשטע" שיכט פון פאָלק. דאָ הערשט נאָך אין פולער נאַטירלעכקייט יידיש ווי די אומגאַנג־שפּראַך און ווי אַן אָנדייט אויף פאָלקסטימלעך לעבן. צי די יידן געהערן צום פרום־טראַדיציאָנעלן נוסח צי זיי זיינען פריידענקער, ראַדיקאַלן, וועלטלעכע יידיש־ריידער, — שטייען זיי נאָענט צו דער פאָלקס־מאַסע און אירע אינטערעסן. אין זיי פאַרקערפּערט זיך צום מייסטן די אינטימע בלוט־פאַרוואַנדשאַפט מיט אונדזערע מאַסן אין איראָפּע. זיי מעגן זיך שאַרף פאַנאַנדערגיין אין זייערע אַלגעמיינע אָנשויאונגען, זיי מעגן זיך בענקען נאָך ירושלים, וואַרשע אָדער

מאָסקווע, — אָבער אין דער טיף פון דער נשמה זיינען זיי טיילן פון פאָלק, וואָס ווייזן עס ארויס אָפן און דרייסט. שווער צו זאָגן ווי זייערע קינדער וועלן אויסזען אין דער צוקונפט, אָבער דער ווילע אָטעמען זיי אַ מער־ווייניק נאַטירלעכע יידישע לופט. — מער־סטע פון זיי וואוינען אין אַ יידישער געגנט; דאָס איז קאַרלטאָן אין מעלבורן אָדער באָנדיי אין סידניי. דער יידישער קאָלאָריט איז מער אויסגעשפּראָכן אין קאַרלטאָן, וואו עס געפינען זיך די פאָלקס־אינ־סטיטוציעס: אַן אָרטאָדאָקסישע שול, אַ ציוניסטיש ביוראָ, די „קדימה״, דער „געזערד״, די יידישע שולן. אין יענער געגנט איז כשר־עסן אַ נאַטירלעכע זאַך, און איך האָב מורא, אַז אפילו די ראַ־דיקאַלן געניסן אומבאַוואוסט פון דער מצוה.

אויך די דאָזיקע פאָלקס־גרופּע איז ליידער, אינערלעך אומ־רואיק. אויך איר ציט אַרויף, צו די אַזוי גערופענע בעסערע קרייזן. אין דער גרופּע קומען זיך צונויף, נאַטירלעך, די אָרעמע טיילן יידישע איינוואַנדערער. דאָ שטעלן זיי זיך אויף די פיס. דער מאָמענט קומט אַן ווען מען טראַכט וועגן תכלית פאַר קינדער, און מען קוקט אַרויס מיט אַ ביסל קנאה צו דער דריטער, דער ענגליש־יידישער חברה. אויסערלעך דריקט זיך עס אויס אין אַ שינוי מקום, אין אַריבערפאָרן פון דער עכט־יידישער געגנט אין אַ שענערער און אַ מער קריסט־לעכער. עס ווערט דערמיט געשאַפן אַ מעגלעכקייט צו אַסימילירן זיך... ניט מיט די קריסטן, נאָר מיט דעם „בעסערן״ קלאַס יידן.

אָט די סאָציאַלע פּיראַמידע פון אויסטראַלישע יידן שטייט ניט אַליין. לעצטנס זיינען צוגעקומען כוואַליעס פּליטים. זייער מאַטעריע־לער באַזיס און גייסטיקער פּנים איז אַזוי פאַרשיידן פון די אויבן־אָנגעוויזענע, אַז עס איז שווער צו באַשרייבן זיי דאָ. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז אין זייער מאַסע — אויף וויפל זיי בלייבן טריי דעם יידישן פאָלק — דערנעענטערן זיי זיך ניט צו די יידיש־ריידנדיקע, נאָר דווקא צו די ענגלישע אָדער ענגליזירטע קרייזן. אויף וויפל אַ טייל פון זיי פאַרפעסטיקט זיך (אַ דאַנק דער מלחמה־צייט) עקאָנאָ־מיש, ווערן זיי נאָענט צו דער צווייטער שיכט.

אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ קאַלירפול בילד פון אַ קליינעם יידישן ישוב, וואָס אַנטפּלעקט אין זיך אַלע סאָציאַלע פאַרשיידנקייטן פון די גאָר גרויסע קיבוצים. עס איז צו שטוינען ווי די גרופּעס היטן אָפּ זייערע סאָציאַלע גרענעצן און אפילו ווענט. די פון אויבן קוקן

אַראָפּ אויף די וואָס שטייען אונטן, די אַנדערע שטרעבן אַרויף צו די וואָס שטייען העכער. באַזונדערס מערקט זיך עס ביי די צענטראַלע אסיפות פון יידישן פאָלק, — ביי די פאַמיליע־שמחות. קומט מען אויף אַ חתונה אָדער אַ בר מצוה־פייערונג, איז לויט דעם עולם קען מען דערקענען, וואָס פאַראַ יידישע סאָציאַלע גרופּע האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט. די דריטע מיט דער פערטער קענען זיך נאָך צונויפקומען, איר וועט אָבער קוים זען פאַרטרעטער פון די „העכערע" צוויי. ווי געזאָגט, ניט איינע, נאָר מערערע קהילות לעבן אין דעם ראַם פון איינער.

***

ווי די סאָציאַלע אַזוי אויך די קולטורעלע פאַרשיידנקייטן. אַסימילאַציע איז, פאַרשטייט זיך, דער אני מאמין פון דער איינגעפונדעוועטער אויבערשיכט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַ מין „אני מאמין" קען גאָר ניט ווערן פאַרטיידיקט ביי היינטיקן טאָג. פונדערסטוועגן, גראָד אין אויסטראַליע האָט זיך לעצטנס אָט דער אומגייסט אַנטפּלעקט אָפּן. בעת דער קאַמפּאַניע פאַרן קרן היסוד, אין 1942, איז אַרויסגעטראָטן קעגן איר און דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אידייע בכלל ניט קיין קלענערער מענטש ווי סער אייזיק אייזיקס.

די געשטאַלט פון אָט דעם מערקווירדיקן אויסטראַלישן יידן איז ווערט אַ באַשרייבונג. געבוירן אין דער פאַמיליע פון אַן עמיגראַנט, אַ פּויליש־יידישן שניידער, האָט ער זיך — אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן — בליצאַרטיק געהויבן פון שטאַפּל צו שטאַפּל, אויף די געביטן פון וויסנשאַפט, פּאָליטיק, יוסטיץ. זייענדיק דער העכסטער ריכטער פון לאַנד, איז ער דערהייבן געוואָרן צום פּאָסטן פון גאָווערנאָר־דזשענעראַל פון אויסטראַליע, דאָס הייסט, פאַרטרעטער פון ענגלישן קעניג. ער איז געווען דער ערשטער אויסטראַליער, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ פּאָסטן. ער האָט געהאַט עס צו פאַרדאַנקען דער לייבאָר־רעגירונג פון יענער צייט. ער איז פאַרבליבן נאָענט צו דער אויסטראַלישער אַרבעטערשאַפט אויך היינט, איצט האָב איך געטראָפן דעם 86־יאָריקן זקן אַן אַ שום אָפיציעלער שטעלונג, אָבער אין באַזיץ פון זיין שטאַרקער גייסטיקער קראַפט. סער אייזיק אייזיקס וויל אָבער זיין נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן אויסטראַלישער בירגער פון יידישן גלויבן.

אין אַ לאַנגער סעריע אַרטיקלען (אין דער ענגליש־יידישער

פּרעסע) האָט ער מיט דער גרעסטער שאַרפקייט אַטאַקירט די גאַנצע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע איינשטעלונג פון ציוניזם. עס איז ניט מעג־לעך, ניט נייטיק און ניט דערלאָזבאַר צו שאַפן אַ „יידישן שטאַט" — האָט ער דערקלערט — ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין יידישע נאַציע. די לאָיאַליטעט פון די אויסטראַלישע יידן געהערט נאָר צו אויסטראַליע און צו דער בריטישער אימפּעריע. פּאַלעסטינע ווי אַן עיר מקלט פאַר אַ טייל פאַרפאָלגטע יידן — גוט; פּאַלעסטינע ווי דאָס אָרט פאַר אַ העברעאישן אוניווערסיטעט — נאָך בעסער. אָבער אַ יידישע מלוכה פאַרשווערכט דעם איינציק־מעגלעכן לאַנד־פּאַטריאָטיזם...

עס האָבן זיך געפונען אַ סך, וואָס האָבן געענטפערט, אָבער דער אַלטער איז געבליבן שטאָל און אייזן ביי זיינע מיינונגען. ער האָט דערביי פאַרטראָטן די עכטע ליניע פון דער אַסימילירטער שיכט, און האָט זיינע פּיילן געווענדט קעגן יעטוועדן געזונטן יידיש־נאַ־ציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז אָט־די „איינגע־בוירענע" שיכט יידן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויפטוען אויפן קולטור־פעלד: פאַרן לאַנד אָדער פאַר יידן. זיי זיינען פאַרטראָטן אין געשעפט און פריע פּראָפעסיעס, אָבער קוים אין וויסנשאַפט, קונסט, זשורנאַליזם, פּאָליטיק, אַרבעטער־באַוועגונג. אין די לעצטע יאָרן זיינען אין אויסטראַליע דערשינען עטלעכע גרעסערע ווערק, אָבער אַלע געשריבן פון „פאַרענערס", אין יידיש. יידיש טעאַטער ווערט געשפּילט אין יידיש. אַלע רבנים ווערן אַראָפּגעבראַכט פון דרויסן. די אָפּגעצאַמקייט פון דער ברייטער יידישער וועלט און פון דער יידישער מאַסע אין לאַנד גופא האָט געפירט דערצו, וואָס די ביידע ענגליש־ריידנדיקע גרופּעס האָבן זיך קוים אַנטוויקלט קולטורעל.

ציוניזם איז דער צווייטער און וויכטיקסטער גייסטיקער באָדן, וואָס אויף אים לעבט זיך אויס דער אויסטראַלישער ייד. די אויפ־וואַכונג פון יידישן נאַציאָנאַליזם קומט דאָרטן פאַר אין דער ציוניס־טישער פאָרם. דאָס הייסט לחלוטין ניט, אַז יעדער ציוניסטיש־גע־זינטער מענטש פירט ביי זיך אין דער היים אַ נאַציאָנאַל־יידיש לעבן. ווי אין אַנדערע ענגליש־ריידנדיקע לענדער, צאָלט אַזאַ מין ציוניסט זיין חוב צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, כדי צו פירן ביי זיך און ביי די קינדער אַן אַסימילירט אַרט לעבן. נאָך מער: אַ

סך כלומרשטדיקע ציוניסטן וואַרפן לייכט אָפּ סיי די טראַדיציאָנעלע פרומקייט סיי דעם עכט־נאַציאָנאַלן שטייגער מיט דער באַרעכטיקונג פון סתם־ציוניזם.

די ציוניסטישע באַוועגונג באַזיצט אַ גוטן אַפּאַראַט, זי שאַפט גרויסע סומעס געלט פאַר ארץ־ישראל. אָבער אויף דער באַוועגונג ליגט דער חותם פון געלט־זאַמלונגען; עס ווערט ווייניק געשאַפן אויפן געביט פון טיף־יידישער קולטור. ערשט לעצטנס האָבן זיך געגרינדעט גרופּעס אַרבעטער־ציוניסטן אין סידני און מעלבורן, אָבער זיי ווערן קוים אָנערקענט פון דער פאַרטיי־מאַשין. די ציוניסטישע אידייע ווערט אַזוי ענג־האַרציק געפּריידיקט פון די אַפּאַראַט־טוער, אַז מען פאַרנאַכלעסיקט די אינטערעסן פון אייראָפּעאישע יידן. עס ווערן פּשוט אָפּגעשוואַכט די בינדונגען מיט די גלות־לענדער. געוויס איז פאַראַן אַ קאָנטיקער חילוק צווישן דעם איינפאַכן פאָלקס־ציוניסט און די אָפיציעלע פאַרטיי־פירער, אָבער עס איז קלאָר, אַז מיט דער גאַנצער באַוועגונג פירט אָן אַ גרופּע ענגליש־רײדנדיקע ציוניסטן, ניט קיין אַנדערע.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַ דערקלערונג פון ציוניסטישן יוגנט־דעפּאַרטמענט פון 29טן יולי 1943. „עס איז אונדזער פעסטער באַשלוס דאָ אין לאַנד פאַרצוזעצן דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע אין ציוניזם. ראשית כל, מוז די באַוועגונג באַנייט ווערן דורך יונג בלוט. דער חילוק צווישן קעגנוואַרט־אַרבעט און פּאַלעסטינע־אַרבעט עקזיסטירט ניט פאַר דער יוגנט. אויב 17־18־יאָריקע קענען נעמען אָנטייל אין דער שוידערלעכער אונטערערדישער אַרבעט אין אייראָפּע, קענען די 20־יאָריקע אוודאי נעמען אָנטייל אין דער פירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אויסטראַליע".

***

„קדימה" איז ניט נאָר די וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין מעלבורן, נאָר זי איז אויך אַ זאַמלנאָמען פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור אין גאַנץ אויסטראַליע. אין אירע ווענט און אַרום איר שטייט די פאָלקס־מאַסע און אינטעליגענץ, וואָס ווילן באַשיצן די יסודות פון אַ פּראָגרעסיוון אומפאַרפעלשטן יידישן לעבן. דאָס איז אַ שווערע הלכה, צוליב דער קליינער צאָל יידן און אונטערן דרוק פון דער אַרומיקער אַסימילאַציע. אָבער „קדימה" שטייט שוין דריי

און דרייסיק יאָר אויף איר פּלאַץ, און זי פאַרקערפּערט מיט זיך אַ שטאַרקע גייסטיקע עקשנות און גלויבן.

ניט נאָר אירע אויפטועז זיינען וויכטיק: איר סאַמע עקזיסטענץ איז אַ שטענדיקע דערמאָנונג דעם גאַנצן אויסטראַלישן ישוב, אַז ס'איז ניטאָ קיין יידישקייט חוץ דער יידישקייט וואָס איז פאַרוואָרצלט אין די פאָלקס־שיכטן. די מיוחסים פון אויבן מוזן זיך מיט זיי רעכענען איצט ביי יעדער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, סיי אין מעל־בורן סיי אין סידניי, וואו אַן ענלעכע אינסטיטוציע איז לעצטנס אויפגעקומען. אַלע יידישע ריכטונגען האָבן די געלעגנהייט צו ריידן פאַרן עולם אין דער „קדימה״. און הגם עס קומען פאָר יעדעס יאָר קאַמפן ביי די וואַלן פון קאָמיטעט, דאָך איז די טריבונע ביז איצט מער־ווייניקער אַ נייטראַלע. אַ דאַנק אירן איינפלוס זיינען שוין דערשינען זעקס גרעסערע ביכער אין אויסטראַליע. צוויי אינהאַלט־רייכע „אַלמאַנאַכן״; צוויי ביכער דערציילונגען: פון פּ. גאָלדהאַר און ה. בערגנער; אַ בוך עסייען וועגן אויסטראַליע פון י. נ. שטיינ־בערג און לעצטנס אַ ניי זאַמעל בוך „צושטייער״. אין הויז פון „קדימה״ געפינט זיך אַ גרויסע ביבליאָטעק און אַ פאָלקס־שול, מיט יידיש אַלס לערנשפּראַך. ניט לאַנג האָט די צאָל קינדער אַריבער־געשטיגן 100, און זיי גיבן אַרויס אַן אייגענעם קינדער־זשורנאַל. ניט לאַנג האָט זיך געגרינדעט אויך אַ ביאַליק־שולע מיט דער העברע־אישער שפּראַך אַלס יסוד.

איך האָב בייגעוואוינט אַן עפנטלעכער שעה, וואָס די יידיש־שולע האָט אַראַנזשירט פאַר עלטערן און פריינט. האָב איך געזען ווי די עלטערן האָבן געקליבן נחת פון די יידישע ווערטער, וואָס זיינען אַרויס פון די קינדערשע מיילער. זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון זייערע קינדער פונקט אַזוי ווי פאַרצייטן האָבן טאַטע־מאַמע זיך געפרייט מיט דער תורה פון די חדר־ייִנגלעך. די פּראָגראַם האָט זיך געענדערט; דער חשק איז דער זעלביקער. אַ דאַנק דער „קדימה״ האָט זיך אין אויסטראַליע אַנטוויקלט אַן ערנסטער יידישער טעאַטער. די באַקאַנטע שוישפּילער י. ווייסליץ און רחל האָלצער, די טאַלענ־טירטע פאַמיליע גינטערס, דער עסטרייכישער פליט ניומאַן — יובאַל, — זיי אַלע האָבן לעצטנס מיט דער הילף פון פרייוויליקע כוחות, געשאַפן דעם יסוד פאַר אַ געזונטער טעאַטער־קולטור. עס איז ניט מעגלעך, אַז שונד זאָל קענען דערשיינען אויף די ברעטער

פון „קדימה״. אַט אַזוי — אין דער סאַמע מיט פון דער יידישער געגנט — שטייט דער עקשנותדיקער בנין, וואָס שטיצט און שטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע און פאָלקס־באַוואוסטזיין פון יידן.

צוויי פּאָליטישע גרופּעס, אַ חוץ דער ציוניסטישער, זיינען נאָך פאַרטראָטן אויף דער זעלביקער גאָס. די בונדיסטן זיינען קליין אין צאָל, און זיי פעלט די מאַסן־באַזע פון פּוילן. זיי זיינען אָבער אַקטיוו טעטיק אין דער שול־אַרבעט, זיי האַלטן־אויף אַ „פאָלקס־אוניווערסיטעט״. לעצטנס האָבן זיי גענומען אָנטייל אין דער אַלגע־מיינער פּאָליטישער טעטיקייט פון לאַנד. זיי האָבן פאַרשפּרייט אין די דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־קרייזן אויפרופן וועגן ה. ערליכס און וו. אַלטערס טויט. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס וועגן דער יידישער לאַגע אויף אַ לייבאָר־קאָנפערענץ; זיי האָבן פאַרעפנט־לעכט זייערע מיינונגען ביי די וואַלן צום פּאַרלאַמענט.

און, פאַרשטייט זיך, עס איז פאַראַן דער „געזערד״. ער איז געווען ווי אין שלאָף אין די יאָרן 1939־41, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צום לעבן זומער 1941. די געשעענישן אויפן רוסישן פראָנט האָבן צוגעגעבן פליגלען אַט־דעם סעקטאָר פון יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט. די ליניע פון „איינקייט״ האָט געשאַפן משונהדיקע פריינט־שאַפטן צווישן זיי און די אַמאָליקע שאַרפע קעגנער. „געזערד״־לייט טרעטן אויף ווי „הייסע יידן״ און פאָדערן צו נעמען אָנטייל אין די זאַמלונגען פאַר דער „יוטס־אַליאַ״. אויף אַ קאָמוניסטישער אסיפה האָבן זיי אויפגעקליבן 300 פונט, און די פאַרזיצערין פון אַט דעם ציוניסטישן פאָנד האָט זיי וואַרעם געדאַנקט אין אַ עפנטלעכן בריוו. ביי אַ פאַרזאַמלונג פון „אַלע״ יידן זיינען געהאַנגען זייט ביי זייט די פאַרטרעטן פון דר. הערצל און י. סטאַלין.

ריידנדיק וועגן אויסטראַלישן קולטור־מצב טאָר מען ניט אַרויס־לאָזן פון אויג די רבנים. זיי שפּילן אַ באַזונדערע ראָלע אין דאָר־טיקן לעבן, ווייל אָפטמאָל זיינען זיי אין די קהילות די איינציקע יידישע אינטעליגענטן. עס האַנדלט זיך ניט אַזוי פיל וועגן לומדות אָדער חכמת ישראל, וואָס דאָס ווערט ניט צופיל פאַרלאַנגט. עס האַנדלט זיך וועגן דעם וואָס זיי זיינען די וויינציקע פאַר מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט יידישע גייסטיקע אינטערעסן. פאַר דעם עולם סימבאָליזירן זיי — יעדער אויף זיין אויפן — יידישן גייסט. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז זייער פּרצוף און זייער פּאָליטיק איז

פאַרשיידן לויט די קרייזן צו וועלכע זיי געהערן. מען קען ניט פאַרגלייכן דעם אַריסטאָקראַטישן ראַביי פון דער אויבערשיכט מיט דעם רב פון די פאָלקס־שיכטן. נאָר פון אויבן־אויף קען זיך דוכטן, אַז צווישן די אויסטראַלישע יידן שפּילט זיך אָפּ עפּעס ווי אַ רע־ליגיעזער קולטור־קאַמף: אַ מחלוקת צווישן די „ליבעראַלע" ראַביים און די „אָרטאָדאָקסישע" רבנים. וואָלט טאַקע אַזאַ קאַמף אַנגעגאַנגען פאַר פּרינציפּן פון יידישן גלויבן וואָלט מען אפשר געקענט האָבן דערפון הנאה. עס איז אין דער אמתן גאָר אַן אַנדער זאַך: אַ שטרייט, אין די צוויי העכערע שיכטן, פאַר אַ „לייכטער" יידישקייט. די ליבעראַלן מאַכן עס נאָך לייכטער ווי די אָרטאָדאָקסן.

**
*

אָבער אין די לעצטע פאַר יאָר האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם אויסטראַליש־יידישן לעבן אַ פרישער ווינט — פון דעמאָקראַטיע און פאָלקסטימלעכקייט. דער נייער שוואונג איז, פאַרשטייט זיך, גע־קומען פון אונטן, פון אָט יענער, פערטער, גרופּע יידן, וואָס האָבן ביז איצט ניט פאַרנומען קיין שום חשובן פּלאַץ אין דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלעכקייט. קורץ גערעדט, די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון שאַפן אַ ריכטיקע רעפּרעזענ־טאַנץ מיט גלייכע רעכט פאַר אַלע יידן אַן אויסנאַם.

די געשיכטע פון דער באַוועגונג איז ווערט צו דערציילן. אָנ־געהויבן האָט זי זיך דווקא אין סידניי, וואו די יידישע מאַסע איז געווען אַמייסטן שטום און מאַכטלאָז. אַכצן פּערזאָנען, אומפּאַרטיי־אישע און פּאַרטייאישע, אַלע כמעט אומבאַקאַנטע אין שטאָט, האָבן אין אַפּריל 1942 פאַנאַנדערגעשיקט אַן „אָפענעם בריוו" צו 4 און האַלב טויזנט מענער און פרויען. די מעטאָדע — פון ווענדן זיך דירעקט צום עולם, ניט צו גבאים — איז געווען ניי. נאָך נייער איז געווען דער אינהאַלט פון דער ווענדונג. זי האָט שטרענג קרי־טיקירט דעם מצב פון דער „קאָמיוניטי", וואָס ליגט אין די הענט פון פאַרצייטיקע פּרנסים און תקיפים; האָט דערמאָנט וועגן דער צעשטערונג פון דער יידישער וועלט און האָט פאַרלאַנגט, אַז די אויסטראַלישע יידן זאָלן ווי אַ קיבוץ אַריינטרעטן אין קאַמף פאַרן קיום פון פאָלק. דערצו איז נייטיק אַ דעמאָקראַטיש־געוויילטע קהילה, אין וועלכער עס זאָלן נעמען אָנטייל אַלע יידן פון 18 יאָר אָן, אַן

אונטערשייד פון אָפּשטאַם, שפּראַך אָדער סאָציאַלן סטאַטוס. אַזאַ עכטער „באָרד אָוו דעפּיוטיס" וועט אָפּשפּיגלען אַלע יידישע שיכטן, ניט נאָר איין געשלאָסענע גרופּע. האָט זיך דאָך געשאַפן ביים אויס־טראַלישן פאָלק אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דעם סאָציאַלן פּנים פון זייערע יידן, וואָס ווערן תמיד פאָרטראָטן נאָר דורך גבירים און זייערע מיטלויפער.

דער אָפּקלאַנג פון דעם אויפרוף איז געווען אַ הילכיקער. 1700 יידן האָבן געחתמעט זייער צושטימונג אויף ספּעציעלע קאַרט־לעך. צווישן זיי זיינען געווען מייסטנס פאָרטראָטן די פּערטע, די דריטע און די פּליטים־שיכט פון שטאָט. פאָלקס־פאַרזאַמלונגען האָבן באַשטעטיקט די פאָדערונג. די פירער פון דער סידנייער קהילה האָבן זיך געווענדט צו די 18 און אָפּגעהאַלטן מיט זיי קאָנפערענצן. די קאָנפערענצן האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט, ווייל „יענער צד" (די בײדע ענגליש־רײדנדיקע גרופּעס) ווילן נאָר אַ פאָרטרעטער־שאַפט פון סינאַגאָגעס און חברות, כדי אויסצומיידן דעם דירעקטן איינפלוס פון דער גאַס. די דעמאָקראַטישע טוער האָבן אַזעלכע פּראָ־יעקטן אָפּגעוואָרפן, באַשטייענדיק אויף דעם פּרינציפּ: איין מאַן — איין שטים. און זיי האָבן געשאַפן די „יידישע דעמאָקראַטישע ליגע" וואָס זאָל אָנפירן דעם קאַמף.

די באַוועגונג האָט זיך איבערגעוואָרפן קיין מעלבורן. אויך דאָרטן איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ „בריוו" צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, אונטערגעשריבן פון צענדליקער פערזאָנען פון אַלע לאַגערן. די „קדימה" האָט אַקטיוו אונטערשטיצט די באַ־וועגונג. ווידער אַמאָל האָבן 1800 פאָלקס־מענטשן געמעלדט זייער הסכמה. ווידער אַמאָל האָבן די אַלטע קהלשע פירערס געפּרוּווט צו האַמעווען דעם געזונטן פּראָטעסט דורך פאַרהאַנדלונגען און קאָמ־פּראָמיסן. זיי האָבן געקאָנט פאַרבלענדן איינצלנע פערזאָנען; זיי האָבן ניט געקאָנט איבעראַנדערשן די שטימונג פון דעת הקהל. די יידישע פּרעסע, אין ביידע שפּראַכן, האָט אונטערשטיצט די זאַך, וואָס איז אגב פאַרוואָרצלט אויך אין דעם אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן באָדן פון אויסטראַליע. עס איז שווער אויפצוהאַלטן אַ קאָנסערוואַטיווע פירונג אויף דער יידישער גאַס בעת די זעלביקע יידן טרעטן אויף ווי דעמאָקראַטן אַלס אויסטראַלישע בירגער. ניט געקוקט אויף וואַ־קלענישן פון געוויסע פּאָליטישע גרופּעס, וואָס האַלטן פון דעם

פּרינציפּ „די דעמאָקראַטיע אַבסאָלוט, ווען זי אונדזערן ווילן טוט", קען מען אָט דער באַוועגונג ניט פאַרצאַמען דעם וועג.

אַרום און פאַראויס פון אָט דער באַוועגונג זיינען געבוירן געוואָרן אַנדערע אינסטיטוציעס. אין סידנעי איז אָנהייב 1941 געגרינדעט געוואָרן דער „יידישער פאָלקס-צענטער" מיט כמעט די זעלביקע אויפגאַבעס ווי די „קדימה". אויב די צוויי אַמאָליקע פּיאָנערן פון יידיש-וועלטלעכן קולטור-לעבן אין אויסטראַליע — פּרץ הירשביין און מלך ראַוויטש — וואָלטן אַראָפּגעקומען צום סידנעיער צענטער וואָלטן זיי תיכף דערקענט די לייבלעכע „קדימה"-שוועסטער. דער „צענטער" איז ניט נאָר דער פאָרום פאַר גייסטיקער טעטיקייט אין יידיש, וואו עס האָבן זיך פאַראייניקט סיי פרומע, סיי ציוניסטן סיי סאָציאַליסטן, נאָר עס איז אויך געוואָרן דער אויסגאַנג-פונקט פאַר אַלע פאָלקסטימלעכע אויפטוען. די קהילה-באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן פון אים פונקט אַזוי ווי דער „פאָלקס-פאָנד" אין אַפּריל 1943.

דער נייער פאָנד וויל גיין אין די פוסטריט פון דעם אַמאָליקן „פּיפּלס-רעליף" אין אַמעריקע, און שאַפן אַ שטענדיקע באַשטייערונג צווישן אַלע שיכטן פון אויסטראַלישן קיבוץ לטובת די אייראָפּעאישע יידן. אָנשטאָט די בליצאַרטיקע קאַמפּאַניעס פאַר דעם אָדער יענעם צוועק, וואָס פאַרכאַפּן דעם עולם אויף אַ ווײַלע, און זיינען, ראשית כל, געבויט אויף די גבירישע בייטראָגן, וויל דער „פאָלקס-פאָנד" אַריינדרינגען אין די היימען פון פאָלק. אַריינדרינגען, כדי צוציען צו דער יידישער טראַגעדיע און הילף-אַרבעט ניט נאָר די פאָטערס נאָר אויך פרויען און קינדער. ווידער אַמאָל איז די איניציאַטיוו געקומען פון די צוויי אונטערשטע שיכטן. די צוויי אַנדערע זיינען געשטאַנען לכתחילה פון דרויסן. די פאָנד-טוער האָבן זיך פאַרבונדן מיטן „דזשאָינט", אַרבעטער-קאָמיטעט און וועלט-קאָנגרעס אין אמעריקע. — אַ „פאַראייניקטער הילפס-פאָנד" מיט די זעלביקע צוועקן האָט זיך אין יולי 1943 געשאַפן אויך אין מעלבורן [1].

דער סידנעיער „פאָלקס-צענטער" האָט זיך אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ קריסטאַליזאַציע-פונקט פון דעם ביז איצט פאַרשטויסענעם

---

1) אין אויגוסט 1944 האָבן די ביידע פאָנדן שוין דורכגעפירט קאַמפּיינס וואָס האָבן געשאַפן צו פופציק טויזנט פונט אין מעלבורן און סידניי.

פאָלקס־טייל. זיין באַטייט וועט אויסוואַקסן תיכף נאָך דער מלחמה, ווען נייע יידישע כוואַליעס וועלן שטראָמען אין לאַנד.

נייע מענטשן האָבן זיך אויך פאַרזאַמלט אַרום אַן אַנדער איג־סטיטוציע, וואָס איז אויפגעקומען אין 1941: אַרום דעם ענגלישן זשורנאַל „אַסטרעליען דזשואיש פאָרום". באַשיידן האָט ער זיך אָנגעהויבן אין סידנעי, כמעט אָן מיטלען און מיטאַרבעטער. די טענ־דענץ זיינע האָט געזאָלט זיין יידישקייט אין דעם ברייטסטן פאַרנעם, זיין שפּראַך אָבער — ענגליש, כדי צו דערגרייכן די יידישע יוגנט. האָבן די „קענער" פון לאַנד געוואָרנט, אַז יידישקייט דאַרפן ניט די וואָס ריידן אין ענגליש, און ענגליש וועלן ניט פאַרשטיין די וואָס נייטיקן זיך אין יידישקייט. זינט דעמאָלט זיינען דערשינען דרייסיק נומערן פון „פאָרום",—ביכלעך אָנגעפּיקעוועט מיט דעם נייעסטן מאַ־טעריאַל פון יידישן וועלט־לעבן און גזעלשאַפטלעכן געדאַנק. דער זשורנאַל האָט אַרום 1000 אַבאָנענטן און דרינגט פאַמעלעך אַריין אין אַלע שיכטן. אפשר דערפאַר וואָס ער וועקט דרך ארץ צו אונדזערע ביידע שפּראַכן און קולטורן, און וואָס ער לאָזט הערן די שטים פון אַלע שעפערישע באַוועגונגען אין פאָלק. עס איז פיין צוצוזען ווי אַ ריי שרייבער פון אויסטראַלישע יידן, עלטערע און יונגע, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אָט דעם לעבעדיקן פאָרום און שמידן סיס־טעמאַטיש אַ געזונט יידיש באַוואוסטזיין אין דעם עולם. מיט זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען געהערן זיי מייסטנס צו די יידן פון דער דריטער און פערטער שיכט. אַ דאַנק זיי איז דער „פאָרום" די ערשטע ערנסטע יידישע אויסגאַבע, וואָס שטייט אויך אָפן מיטן פנים צו דער אויסטראַלישער אַרבעטערשאַפט.

אויך די יידישע אויפגאַבעס אין אויסטראַליע גופא ווערן פלאַנ־מעסיק באַלויכטן אין זשורנאַל. איינע פון די וויכטיקסטע איז — צוצוגרייטן אַ קאָלאָניזאַציע פון יידישע אימיגראַנטן אין לאַנד. דערמיט דערקלערט זיך זיין אָרגאַנישער אינטערעס צו דעם קימ־בערליי־פּראָיעקט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אַהין פון דער „פריי־לאַנד"־ליגע אין איראָפּע. דער „פאָרום" איז ניט קיין פריילאַנד־אָרגאַן, אָבער ער גיט אָפּ אַ חשובן פּלאַץ פאַר אַלע מאַטעריאַלן וועגן יידישער קאָלאָניזאַציע. אין דערין שטעקט אַ קלאָרער געדאַנק. ניטאָ קיין רעאַלע יידישקייט אָן קאָנסטרוקטיווער יידישער אַרבעט דאָרטן וואו מען לעבט; און ניטאָ קיין רעאַלערע אַרבעט ווי צוגרייטן „ביי

זיך״ אַ היים פאַר אַ טייל פון אונדזערע היימלאָזע, וואָס וועלן אַמאָל אָנשפּאַרן קיין אויסטראַליע. — אין סידנעי און מעלבורן עקזיסטירן קאָמיטעטן, אָנהענגער פון דער „פרייַלאַנד״־באַוועגונג. די „קימ־בערליי״־אידייע האָט אַריינגעבראַכט אַן עלעמענט פון גייסטיקן אומרו און ספּעציעלער אחריות צווישן די אויסטראַלישע יידן.

אָבער דאָס גאַנצע יידישע לעבן געפינט זיך איצט דאָרטן אין אַ צושטאַנד פון גערונג. די אַמאָליקע זאַטע צופרידנקייט, אויף איין זייט, און די פּאַסיווע אומצופרידנקייט, אויף דער אַנדערער, פאַר־שווינדן. אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אָבער אין די ליניעס פון די גרויסע יידישע ישובים שפּילן זיך אָפּ קאָנפליקטן און עס זאַמלען זיך פאַרשיידענע כוחות. דער מיזיניק־קיבוץ פון אויסטראַליע וואַקסט זעליש און גייסטיק. די עלטערע ברידער זיינע אין אייראָפּע און אַמעריקע וועלן פון אים נאָך הערן. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זיינען די אָנזאָגער און פאָנען־טרעגער, אָבער — לאָמיר האָפן — זיי וועלן מיטרייסן אויך די אַנדערע.

סידנעיער אַרבעטער אויף אַ שטורם־פּאַרזאַמלונג

איך האָב דורכגעלייענט אין די בלעטער, אַז די גאַנצע אַר־בעטער־באַוועגונג פון סידנעי רופט אַ גרויסע פּראָטעסט־פּאַרזאַמלונג אין דער שטאָט־האַלע דעם 18טן דעצעמבער 1940. דאָס מערק־ווירדיקע דערביי איז געווען נישט דער פּראָטעסט קעגן דעם אָקאָרשט אַנגענומענעם בודזשעט, וועלכער לייגט אַרויף אומדערוואַרטעטע לאַסטן אויפן פאָלק, נאָר דער פאַקט, וואָס אַלע דריי לייבאָר־פּאַרטייען פון ניו־סאַוט־וויילס וועלן זיין פאַרטראָטן אויף דער זעלביקער טריבונע. איז עס אַ צייכן פון אַ נייער ווענדונג? — האָב איך זיך געפרעגט נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעלייענט אַ גאַנצן יאָר מיט זייערע ביטערע סכסוכים.

דער מיטינג איז גערופן געוואָרן פון לייבאָר־קאָנסיל, דעם אומ־פּאַרטייאישן פאָרשטייער פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, און ער האָט עס איינגעלאַדן די פּאָליטיקער. דער אינדוסטריעלער פליגל פון דער באַוועגונג קאָמאַנדירט, אַזוי צו זאָגן, דעם פּאָליטישן. אַ חוץ דער אָפיציעלער פּאַרטיי (וואָס איז אין פעדעראַלן פּאַרלאַמענט פאַרטראָטן דורך דעם פירער קערטן), זיינען פאַראַן דער פון דרויסן שטייענדיקער רעכטער צד אָנגעפירט פון מר. לענג, און דער לינקער צד („סטייט לייבאָר־פּאַרטיי״), וואָס איז פייער און פלאַם קעגן קערט׳ען.

עס האָט זיך מיר שוין לאַנג געוואָלט זען, טאַקע זען מר. לענג, אַ פיגור פון אַן אַרבעטער־פירער, וואָס קריסטאַליזירט אַרום זיך אַ סך פיינטשאַפט, אָבער אויך נישט ווייניקער איבערגעגעבנקייט און ליבע. דאָס איז קיינמאָל קיין בייז נישט, נאָר אַ באַווייז פון אַן אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. פון וואַנעט נעמט זיך אָט די באַ־וואונדערונג? פון זיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב געלייענט בין איך נישט געוואָרן באַגייסטערט; גוטע, קלאָרע, ענערגישע אַרטיקלען

ווי באַפעלן פון אַ פאָלקסטימלעכן דיקטאַטאָר. קיין רעוואָלוציאָנערער הויך שפּירט זיך נישט אַרום זיי. איז פאַרוואָס דאָך? אַמאָל אַז ער האָט דורכגעפירט שאַרפע פינאַנציעלע מאָסנאַמען, איז ער גע־ווען דער שרעק פון בירגערטום. די פריינט האָבן אים באַצירט מיט דעם דעמאָלט העכסטן טיטול: „אויסטראַלישער לענין״. פונדעסט־וועגן... מען מוז אים גיין זען, אָנטאַפּן מיט די אויגן. אינה דומה שמיעה לראיה — זאָגט דער תלמוד. נישטאָ קיין בעסערער עדות ווי דאָס אויג.

איך האָב דערוואַרט ביי דעם מיטינג אַ מאַניפעסטאַציע פון סאָלידאַריטעט, און געפונען דעם היפּוך.

עס איז געווען אַ הייסע, פייכטע נאַכט; עס האָט געפעלט אָטעם ביי מענטשן. אַז איך בין אַריינגעקומען אַרום זיבן אַזייגער איז שוין אַ האַלבער זאַל געווען פול, אין די ברייטע איינגאַנג־קאָרידאָרן האָבן יונגע אַרבעטער־מיידלעך פאַרקויפט דעם אָרגאַן פון דער לינ־קער גרופּע, דעם „פּראָגרעס״, אַקאָרשט פון דער נאָדל אַרויס. עס האָט מיך אָביסל דערמאָנט די גרויסע אַרבעטער־אסיפות פון רוס־לאַנד און דייטשלאַנד. אינטערעסאַנט צו זען דעם סאָלידן, רעספּעק־טאַבלען Town Hall אין אַזאַ נייעם מענטשן־לבוש. איך בין דאָ געווען אַ פּאָר מאָל ביי פייערלעכע קאָנצערטן, פון מענטשן און שנייפּאַגט, ווען דער זאַל האָט געשטראַלט מיט פיינע דאַמען־טואַלעטן און שטרענגע מענערשע אַנצוגן. עס האָט דעמאָלט געהערשט אַ שטילקייט פון קונסט, פון מוזיקאַלישער מלוכה, פון גוטע רואיקע מאַנירן. עס איז געווען נישט פאָלק, נאָר אוידיטאָריע. עס וואָלט געווען לעכעלעך ווען איינער פון די הערן נעמט פלוצים אַראָפּ זיין פראַק אָדער גאָר דעם שניי־ווייסן קראַגן!

דער אַרבעטער־עולם איצט דאָ האָט זיך געפילט צווישן איי־גענע, היימיש. די מענער האָבן טאַקע יאָ, צום גרעסטן טייל, אַראָפּ־גענומען די רעקלעך און געוויילט זיך אין זייערע בלוזעס. די פרויען — געקומען אין אַ קלענערער צאָל — זיינען לחלוטין נישט געווען צו שטאַרק פאַרפּוצט און פאַרפּומירט. מען איז געזעסן אַרום שטי־לערהייט און געפּאַכעט מיט דער נשמה. האָב איך דערווייל געקענט רואיק קוקן אויף די געזיכטער. און איך מוז מודה זיין אַז איך בין געווען דערשטוינט פון זייער אַלגעמיינעם כאַראַקטער. עס איז געווען, אין דורכשניט, אַ גאַלעריי פון פיין געשניצטע, קלוגע געזיכטער,

פרישע אויגן, נאַטירלעכע באַוועגונגען. און אַזוי — רייען אויף צוריק, רייען אויף פאַראויס. עס איז קיין נפקה מינה נישט צו וועלכער ריכטונג דער אָדער יענער געהערט, אָבער דער פיינער גייסטיקער און זעלישער ניווא האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן.

אָ, ווי ווייט דער קאַפּיטאַליזם פון היינט (אָדער פון אויסטראַליע) האָט אַוועקגעשפרייזט פון יענע צייטן אין ענגלאַנד, וועלכע ענגעלס, למשל, האָט באַשריבן אין זיין וויסנשאַפטלעך בוך, אָדער דיקענס אין זיינע ראָמאַנען. פון יענער צייט ווען דיזראַעלי האָט געזאָגט אַז אין ענגלאַנד לעבן זייט ביי זייט צוויי פאַרשיידענע נאַציעס, פאַרשידן עקאָנאָמיש, גייסטיק און אפילו ביאָלאָגיש: די רייכע און די אָרעמע. די פּראָלעטאַריער פון אָט דעם זאָל זיינען זיי שקלאַפן פון דער מאַשין, אָדער פונעם באַלעבאָס? עס וואָלט שווער געווען צו זאָגן. פאַרמאַטערטע פּנימער — יאָ; קנייטשן אויף זיי — יאָ; אָבער שקלאַפעריי — בשום אופן נישט. זיי זיינען געקומען אַהער נאָך אַ שווערער טאָג־אַרבעט, אין אַ פלאַמיק־הייסן טאָג דערצו. האָט זיך עס געשפּירט אין יעדן פון זיי, אָבער דער פּרצוף פון געזיכט, פון קערפּער, פון באַוועגונג האָט נישט אַרויסגערופן יענעם אומעטיק־פאַרשעמטן געפיל וועלכן מען האָט ביים אָנבליק פון אַ געדריקטן מענטש.

מיט צענדליקער אַזעלכע יונגע לייט קען מען רואיק באַזעצן די הויכע און נידעריקע מלוכה־און סאָציאַלע אַמטן. אין די מענטשן איז נישט נאָר פאַראַן די אינסטינקטיווע נטיה צו יושר, נאָר טאַקע אויך די אינטעליגענץ. מיר האָט זיך אפילו געדוכט, אַז דער טיפ זייערער האָט אויסגעזען איידעלער פון דעם שוין באַקאַנטן מלוכה־טוער. דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין פעדעראַלן פאַרלאַמענט זיצט געגוי אַ העלפט דע־פּוטאַטן פון לייבאָר גרייט איבערצונעמען די מאַכט. זיי קענען עס מאַכן יעדנפאַלס נישט ערגער פון דער אַנדערער העלפט.

**
*

איז אין זיי פאַרקערפּערט רעוואָלוציאָנערער גייסט? איך צווייפל שטאַרק. פון די גאַלערייען האָבן אַראָפּגעהאָנגען לייזונגט־טיכער מיט רויטע אותיות פון קאַמף־לאָזונגען. אַ פאַרפּוצטע פאַן

מיט דעם נאָמען Eureka האָט דערמאָנט וועגן אַ רעבעלישן עפּיזאָד פון דער אויסטראַלישער געשיכטע: אין יאָר 1846 זיינען גאָלד־מיינער געפאַלן קרבנות אין קאַמף פאַר פּאָליטישע רעכט — „לאָמיר באַשיצן די רעכט, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפט!" — האָט דערמאָנט איצט זייער נאָמען. אָבער — איז דאָס גרייטשאַפט צום מאָדערנעם רעוואָלוציאָנערן שטורם?

אין זאַל איז פּלוצים געוואָרן טומלדיק. די מענטשן־רייען האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָקלט, קעפּ האָבן זיך געהויבן, הענט האָבן געפּאַטשט בראַוואָ. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געצויגן צו דעם לינקן זייטן־גאַנג דורך וועלכן עס האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט אַ הויכע, ברייט־פּלייציקע פיגור מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים. די באַגייסטערונג פון אַ טייל עולם איז אַלץ מער געשטיגן. אויבן אויף דער גאַלעריי זיינען אויפגערודערטע מענטשן געשטאַנען און צוגעשריען, פון ער־גער הינטן האָט זיך דערטראָגן די מעלאָדיע: He is a jolly good fellow! עלטערע פרויען באַזונדערס האָבן געשיקט צו אים בליקן פון וואַרעמער איבערגעבנקייט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען לענג. ער האָט זיכער און נחת'דיק מאַרשירט דורך דעם לאַנגן גאַנג צו דער טריבונע, הגם אין דעם גערויש האָבן זיך שוין אַריינגעמישט טעמפּע טענער פון הו־הו, פון פיינטלעכער קעגנער־שאַפט.

אין דעם געברויז פון קולות און געפילן האָט זיך מיר גע־טראַכט: מאָדנע! אַ רעוואָלוציאָנערן קבלת פּנים גיט מען דאָ צו אַ טוער גאָר פון דעם רעכטן פליגל! די לענג־פּאַרטיי מוז זיכער פאַרמאָגן אין זיך עפּעס אַ שטיק עכטע ענערגיע אויב איר פירער האָט זיך דערוואָרבן אַ ווינקל אין דעם אַרבעטערס האַרץ. אָבער וואָס האָט ער דעמאָלט, אַלס פּרעמיער פון ניו־סאַוט־ווײלס, אויפ־געטאָן? פאַרוואָס ווייס איך נישט דערפון? ער האָט אין די יאָרן 1931־33, בעת אַן עקאָנאָמישער קריזיס האָט געבראַכן דעם לעבנס־מצב פון אַרבעטער, אַרויסגערוקט אַ ריי רעבעלישע מאָסנאַמען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן פּראָצענטן פאַר די מלוכה־חובות צו די לאָנדאָנער באַנקירן; ער האָט זיך געשטעלט קעגן דעם גאָווער־נאָר, דעם פאַרטרעטער פון קעניג אין לאַנד; ער איז דורך דעם גאָווערנאָר אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון דער מלוכה־פירונג...

אָן ספק: דאָס איז אַלץ פול מיט פאַרב און קלאַנג, און דאָס פאַרבלייבט אין פאָלק־זכרון. אָבער, פונדעסטוועגן, איז אין דעם געלעגן עפּעס אַ פונדאַמענטאַלער שינוי פון דער געזעלשאַפט, אָן אָנ־הויב פון אַ טיפן איבערבוי? בפירוש נישט. „לענג“ איז אַ שטיק סאָציאַלער פּראָטעסט, אַ דערמאָנונג פון פּאָליטישער רעבעליאָן, אָבער נישט אַ ווייטגייענדיק רעוואָלוציאָנער פּראָגראַם. עס איז בטבע אַ רעכט־שטייענדיקער פליגל פון דער באַוועגונג, הגם אָן אַקטיווער און גרייט צו רוישיקע מעשים. צי זאָל דאָס אַמאָל נישט זיין די עכטע נאַטור פון אויסטראַלישע אַרבעטער בכלל?

אַז די רעדנער מיט די פירער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער טריבונע פון וועלכער עס האָבן זיך אין אַנדערע אַוונטן געטראָגן מעלאָדישע קלאַנגען פון מוזיק, האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָליטישער קאָנצערט. וואָס די רעדנער זאָלן נישט האָבן געזאָגט, זיינען זייערע שטימען, צוליב דער מאָדערנער אַנשיקעניש פון לויט־שפּרעכערס, אַרויסגעקומען זויער און גרילצענדיק. אפשר וואָלטן די לעבעדיקע, פריש־קוואַלענדיקע שטימען בעסער דערגאַנגען צו די צוהערער.

מר. קינג, דער שטילער, באַשיידענער, עלטערער סעקרעטאַר פון לייבאָר־קאָנסיל, איז אויפגעטראָטן דער ערשטער. זיין רעדע האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אויף אַ בינטל לאַנגע ווייסע בויגן. נייך, מיט פּאַפּיר אין האַנט און מיטן מויל צו דער רייד־מאַשין, טאָר מען נישט אַרויסטרעטן פאַר אַזאַ עולם. מען האָט אים אויפגענומען מיט מורמעלנדיקע קולות, מיט אַ רעספּעקטפולן שווייגן, מיט קוים האַרציקער פריינטשאַפט. סיי ער סיי דער פאַרזיצער האָבן געשטעלט דעם טאָן פון אַלע, אויך די שפּעטערדיקע רעדעס. דער בודזשעט, אַקאָרשט אָנגענומען פון פּאַרלאַמענט, איז אומגערעכט און נאַריש. אַלע שווערקייטן לייגט מען אַרויף אויף די אָרעמע, און די רייכע שאַנעוועט מען. אַ קאַפּיטאַליסט וואָס האָט אַ הכנסה פון 700 פונט אַ וואָך, וועט טאַקע אָפּגעבן אַ העלפט, אָבער ער וועט קענען גאַנץ גוט לעבן מיט דער צווייטער העלפט. דער אַרבעטער קען עס נישט. פאַר אים איז עס: ווייניקער מילך פאַר די קינדער, זעלטענער אַרויסגיין צום שפּאַציר, אָרעמע בגדים אין דער פאַמיליע...

דער נוסח איז געווען איבערצייגנדיק, און עולם האָט זיך רואיק צוגעהערט. די ראַדיקאַלן אַרום מיר זיינען געוואָרן אומגעדולדיק: מען שלעפּערט איין דעם עולם. מיט אַמאָל: What are you going to do?, — האָבן זיי אויסגעשריען. מר. קינג האָט זיך אָפּגעריסן פון פּאַפּיר, דערהערט מיטן דערפאַרענעם אויער די טענה און האָט געענטפערט מיט כוח: „מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן דער פּאָליטיק פון פּאָליטישענס". דאָס האָט טאַקע אָפּגעקלונגען שטאַרק, און מען האָט דעם רעדנער צום ערשטן מאָל באַגריסט מיט הילכיקע הענט־קלעפּ. און מער איז גאָרנישט געשען.

אָבער איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמת'ע גיהנום־שפּיל. מר. לענג וואָס איז די גאַנצע צייט רואיק און מושל'דיק געזעסן אויף זיין פּלאַץ, האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום לויטשפּרעכער. די חסידים זיינע האָבן אויפגעהויבן דעם טומל פון אַן אָרגאַניזירטער חברה, זיי האָבן פאַרטאָפּלט זייער פריערדיקע שמחה, זיי האָבן אַזש געשריען פון מתיקות. אָבער, ווייזט אויס, די לינקע העלפט זאַל האָט מער נישט געקענט שווייגן. „הו־הו" האָט זיך ווי אַ וואָרנדיקע, פינסטערע סירען געטראָגן דורכן זאַל. עפּעס ווי מען וואָלט געטריבן אַ וואָלף מיט באַנומענע קולות. מען האָט געטופּעט מיט די פיס, געליאַרעמט, געטאָן מעשים. הינטער מיר, אַ יונגער מאַן מיט אַן אינטעליגענט פּנים (נישט אַראָפּגענומען דאָס רעקל), האָט געאַרבעט מיט אַ סיסטעם: ער האָט אין אַ מאָנאָטאָנעם ריטם פּשוט פון צייט צו צייט געשריען אַן ווערטער.

און דאָך האָט נאָר אַ טייל זאַל גענומען אָנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע. די אַנדערע האָבן זיך געמיטלעך צוגעהערט צו דעם שטורם, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ. מר. לענג, מיט אַ פאַרלאָרענעם שמייכל אויף די ליפּן, האָט זיך צוגעקוקט צו דעם שוישפּיל (ער האָט דאָ נישט געהאַט קיין מערהייט), אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, איבערגעוואַרט אַ ווײַלע און אָנגעהויבן זיין רעדע.

אַ קול פון אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט צו באַהערשן זאַלן, אַ קלאָרע דיקציע, אַ לאָגישער אויפבוי פון דער דרשה. אָבער — נישט עפּעס באַזונדערס. „זיי — די רעגירונג — האָבן אָנגעהויבן מיט אינדוסטריע־קאָנסקריפּציע, איצט פירן זיי איין די פינאַנסיעלע

קאָנסקריפּציע, און גלייך הינטער דער פּלייצע שטייט שוין די מענטשן־קאָנסקריפּציע" — האָט ער געזאָגט. דאָס וואָרט „קאָנ־סקריפּציע" האָט אַ מאַגישן באַטייט פאַר די אויסטראַלישע אַרבעטער. זיי זעען אין איר די באַרויבונג פון פרייהייט, און ווער עס ברענגט אַרויס דאָס וואָרט מיט כעס איז זייער פריינט. מר. לענג׳ען איז עס דאָס מאָל נישט געלונגען. דער טומל אַרום אים האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט. „לענג האָט נישט אַרויסגע־רעדט קיין איין וואָרט, וואָס איז נישט באַגריסט געוואָרן מיט קאָ־צישן קוויטשע, מיט הינטישן בילן, מיט געשריי און געפּילדער און פייפן" — האָט נעקסטן מאָרגן געשריבן אַ צייטונג. ער האָט דער־מאָנט אין גרויסע פירמע נאָך דער אַנדערער, וועלכע וועלן נישט ווערן געטראָפן פון די נייע שטייערן, בעת דער אַרבעטער וועט מוזן צאָלן און צאָלן. דאָס איז ערשט דער אָנהויב — האָט ער געזאָגט. Rat! (מויז!) — האָט פלוצים שאַרף איבערגעשניטן די לופט אַ וואָרט פון פאַראַכטונג. און דאָס וואָרט האָט זיך אַלץ עפּטער איבערגע׳חזר׳ט אין זאַל.

איך האָב געקוקט אויף דעם רעדנער. זיין צעפלאַמטער פנים האָט דערמאָנט דאָס טיפּישע אויסטראַלישע דאָרף־געזיכט. ער האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ פעסט־פאַרוואָרצלטן פאַרמער. אויך זיינע זשעסטן זיינען געווען געמאָסטענע, נישט קיין רעבעלישע. די הענט וואָס האָבן זיך צומאָל געהויבן אין דער הויך, זיינען נישט אויסגעשטרעקט געוואָרן אין דרייסטע באַוועגונגען, נאָר האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צום פנים. אַז ער האָט גענומען רעדן וועגן נוי־טיקע מאָס־מיטלען, האָט ער דערמאָנט די פריערדיקע קריזיסן אין יענע מיאָר 1931 ווען ער האָט געוואָלט דורכפירן זיין פינאַנץ־פּאָליטיק. מען האָט אים דעמאָלט געשטערט, איצט זעט מען די רעזולטאַטן....

דער שטורעם אין זאַל האָט זיך נישט געלייגט, די בייזע כוואַליעס האָבן זיך כסדר געגאָסן קעגן דעם שטענדער מיטן רעדנער. פריינט האָבן אים פון פאַרשיידענע ווינקלעך געמוטיקט. „קוק נישט אויף זיי, דזשעק!... עס איז נאָר די חברה קאָמוניסטן" — האָט אים צוגעשריען אַן עלטערע פרוי. אַ יונגער סאָלדאַט׳ל, אין אַ צע־כראַסטעטער אוניפאָרם, האָט אים צוגעשריען מיט אַ באַגייסטערונג. ער האָט זיך, נישט גאָר זיכער אויף די פיס, אַרויפגעקליבן אַזש צו דער טריבונע, האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול פון די פירער און האָט מיט קינדערשער התפעלות אריינגעקוקט דעם מר. לענג אין די אויגן.

ער האָט אַרויסגעשריען: „דזשעק לענג איז דער בעסטער מענטש, וואָס האָט ווען נישט איז געלעבט!" דאָס איז געווען משמעות דער באַאיוועך קול פון דער מאַסע; עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר אַ פירער צו הערן אפילו דעם שוואַכן אָפּקלאַנג פון אַזעלכע געפילן. אָבער איצט האָט לענג נישט באַהערשט די מאַסע; ער האָט פאַר־ענדיקט די רעדע, און איז אָפּגעטראָטן. אַז ער האָט זיך געזעצט, געווישט דעם שוויס פון געזיכט, האָט ער מער נישט געהאַט דעם טריאומפאַלן אויסזען פון פריער,ביים אַריינגיין אין זאַל.

די מאַסן־כוואַליע האָט זיך אויף אַ ווײַלע געלייגט, כדי באַלד ווידער צו דערהויבן איר קאָפּ אין שוימענדיקער אויפרעגונג. נעבן דעם שטים־קאַסטן האָט זיך באַוויזן דער רונדער קאָפּ מיט דעם פּאַטערלעך־פריינטלעכן געזיכט פון דעפּוטאַט מאַרטין. ער האָט פאַר־טראָטן די אָפיציעלע לייבאָר־פּאַרטיי (קערטן!). אין צייטן פון שאַרפע פראַקציע־קאַמפן איז די לאַגע פון אַן „אָפיציעלער" גרופּע (מעג זי זיין די צאַלרייכסטע) שטענדיק אַ ביטערע. זי ווערט געשמיסן פון אירע ביידע פליגלען, פון רעכטס און פון לינקס. דורך דעם וואָס זי גרענעצט זיך אָפּ פון ביידע עקסטרעמען, דערשיינט זי אַלס די באַלעבאַטיש־מיושב׳דיקע און איר שפּראַך ווערט באַזונדערס פאַר־זיכטיק, אומזיכער, ווי פּאַראַליזירט. הכלל זי איז זעלטן אַ קוואַל פון באַגייסטערונג. מיר האָבן עס אָפט געזען אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד.

מר. מאַרטין — אַ רואיקער, געלאַסענער, וויסנשאַפטלעך־דענקענדיקער אַדוואָקאַט (ער איז שפּעטער געוואָרן יוסטיץ־מיניס־טער) — האָט איצט געמוזט אויפטרעטן אין דער מיט פון אַ שטורם־וועטער, בעת די געשרייען האָבן זיך אויפגעריסן ווי באַמבעס נעבן זיינע פיס. ער האָט אָבער נישט געטראַכט אונטערצוגעבן זיך און האָט מיט אַ שטאַרקער שטים געזוכט אַריבערצושרייען די קולות. „איך האָב דאָ נישט קיין קלאַקערס פאַר מיר, אָבער איך האָב נישט מורא צו זאָגן דעם אמת פנים אל פנים מיט אַן אָרגאַניזירטער אָפּאָ־זיציע, וועלכע מען האָט געבראַכט אַהער דעם אָוונט". ער האָט אויך געגעבן אַ שאַרפע קריטיק פונעם בודזשעט, אויך דערמאָנט די קליינע באַלאַסטונג פון די רייכע, די עוולה בנוגע די אָרעמע קלאַסן. „וואו איז די גלייכקייט פון קרבנות?" — האָט ער אויסגערופן. אָט האָט מען אים אויף אַ ווײַלע געשענקט אַ שטיקל פויזע, און דעמאָלט האָט

מען אַרויסגעהערט זיינע רעבעליש־קלינגענדיקע רייד. אָבער באַלד נאָך דערויף האָט דער אָרגאַן ווידער גענומען בלאָזן און פייפן מיט אַלע ווינטן, און נעבן מיר האָט זיך ווידער דערהערט דאָס ווי אַ מעסער שניידענדיק קורץ וואָרט: ...!Rats

אין מיטן דערינען — אַן אויפפלאַץ פון געלעכטער. פּאַטעטיש רופט אויס מאַרטין: „ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, ווער וועט זיין אַמבעסטן באַשיצט?״ אויף איין סעקונדע בלייבט דער עולם שווייגן, און פלוצים דערהערט זיך אַן ענטפער: דזשעק קערטן! — נישט פון איין זייט, פון אַ פּאָר זייטן מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אָט דער פאַרניכטענדיקער לצנות־געשריי. דער אומדערוואַרטעטער וויץ רופט אַרויס אַן אומבאַשרייבלעכע פריילעכקייט. „דאָס פאָלק אַמוזירט זיך״, און זיינע וויצן זיינען געפערלעך. — דער עולם איז קענטיק געווען אומגעדולדיק, האָט געוואַרט אויף זיין אייגענעם רעדנער. איך האָב אים שוין פון לאַנג באַמערקט: אויף אַ הינטער־שטער באַנק אויף דער טריבונע איז שטיל און באַשיידן געזעסן מר. יוז. אָט דער יונגער מאַן מיט דעם שמייכלענדיק־פאַראַכטנדיקן פּנים, קליין און מאָגער ווי ער איז געווען, האָט פאַרקערפּערט די סטי־כישע אָפּאָזיציע פון סידנעיער אַרבעטער. אַלס פאָרזיצער פון דער נייער, לינקער, פּאַרטיי־גרופּע האָט ער נישט געקענט אויפווייזן קיין סך (ביי די וואַלן — אַרום 100,000 שטימען, און קיין איינאיינציקן פעדעראַלן דעפּוטאַט נישט דורכגעפירט), אָבער ער איז געווען גלייכ־צייטיק פאָרזיצער פון לייבאָר־קאָנסיל און דערמיט פאַרבונדן מיט די מאַסן.

אַז מר. יוז האָט זיך אויפגעהויבן און זיך פּאַמעלעך באַוועגט צו דעם שטענדער, איז זיין יונג געזיכט געוואָרן ערנסט און, ווי מיר האָט זיך געדוכט, בלאַס. דער שמייכל איז אַוועק פון אים, בעת ער האָט שטרענג געבליקט אין זאַל. דאָרטן אָבער האָט זיך איצט אויפגעהויבן אַזאַ געברויז פון פריידיקער באַגייסטערונג, וואָס האָט פאַרהילכט אַלע ביז איצטיקע. וועגן דער אָוואַציע פאַר לענג׳ן האָט מען שוין געמעגט פאַרגעסן. מען איז געשפּרונגען פון די שטולן, געפאָכעט מיט האַנט־טיכלעך, געוואָרפן היט אין דער לופט, געליאַרעמט מיט אַלע כוחות פון די לונגען. די זעלביקע חברה אַרום מיר האָבן זיך ווי פאַרוואַנדלט. פון זייערע זויערע פּנים׳ער איז אַוועק דער אויסדרוק פון כעס און עקל, וואָס האָט אַנגעהאַלטן דעם גאַנצן אָוונט.

זיי האָבן איצט אַלע געשיינט אין נאַאיווער עקזאַלטאַציע און גלויבן. אַט די סקעפּטיקער זיינען איצט געוואָרן ענטוזיאַסטן און פאַר׳חלומ׳טע גלויביקע. פאַרוואָס? ווייל זייער מענטש האָט זיך באַוויזן. עס וועט נישט זיין קיין נפקה מינה, וואָס ער וועט באַלד זאָגן: דער צוטרוי פון די גלויביקע וועט פליען אים אַנטקעגן. פּונקט אַזוי ווי פאַר די פריערדיקע רעדנער האָט מען נישט געהאַט קיין אויערן און קיין רחמנות, וואָס זיי זאָלן נישט האָבן געזאָגט: מען האָט זיי פּשוט נישט געהערט. מר. יוז׳ן האָט מען צוגע׳יובל׳ט איידער נאָך ער האָט געעפנט דאָס מויל.

אָבער — איך האָב דערזען נאָך עפּעס. אין דער צווייטער ריי פאַר מיר איז געשטאַנען אַ יונגער מאַן מיט אַן אויפגעפלאַמטן פּנים, האָט געפּאַטשט בראַוואָ און האָט באַפעלעריש — מיטן קאָפּ און די הענט — גערופן די אַנדערע נאָכצופאָלגן אים. אַזוי, הייסט עס, גאָר? — איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין דייטשלאַנד, וואו אָרגאַניזירטע רעדל־פירער האָבן אויך אַזוי געצויגן די מאַסע צו דעם אָדער יענעם פּראָלעטאַרישן פירער, קינסטלעך אויפגעפּייטשט זייערע געפילן און האָפנונגען, קינסטלעך אויפגעברויזט זייערע כעס־און האַס־פּאַראורטיילן. ווען היטלער איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס אין דער מלוכה, ווען זיינע חילות האָבן געשלאָגן און דערנידעריקט די אַרבעטער־באַוועגונג אַלס גאַנצעס, האָבן די אייג־צלנע אַרבעטער־פּאַרטייען אין בערלין, מינכן, דרעזדען, האַמבורג, פראַנקפורט אַרומגעשלאָגן זיך צווישן זיך. בעת דער שאָטן פון היטלערן איז שוין אָפן געלעגן איבער דייטשלאַנד, האָבן נאָך די ערלעך פאַר׳חלומ׳טע אָדער קינסטלעך פאַר׳שכור׳טע מאַסן געפירט מיט שנאה און לצנות קאַמפן אַרום זייערע פירער.

דאָ אין סידנעי האָט זיך אין אַ מיניאַטור־פאָרם ווידערהאָלט אַט יענער טרויעריקער שוישפּיל פון בערלין. דער פאָרזיצער, מר. ברעדשוי, האָט עס אויך, בעת דער רעדע פון מאַרטין׳ען, געזאָגט: „די רו־שטערער אויף דעם מיטינג ברענגען מער שאָדן דער פּראָ־לעטאַרישער באַוועגונג ווי די רעדנער״. אמת, דאָ איז נישט געווען קיין שפור פון יענער מיט האַס אָנגעגליטער אַטמאָספער, די אַרבעטער זיינען צווישן זיך בשום נישט געווען אויף מעסערס. אויסטראַליע ליגט ווייט אַוועק פון אייראָפּעאישן קעסל, און קיין היטלעריסטישער חורבן שטייט נישט איבער זייערע קעפּ. דאָך — איז פאַר מיר

נישט געווען קיין פרייד אין דעם בילד פון יענעם אָוונט. און אויב מר. יוז איז אַ קלוגער מענטש און קען אַביסל די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועט ער זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן פון אַזעלכע מאַניפעסטאַציעס. נישט ווייניק אַרבעטער־פירער האָבן אַמאָל איבער־געלעבט די רווישנדיקע פרייד פון אָנדערקענונג און שפּעטער די בי־טערע גאַל פון פיינטשאַפט. טאַקע דאָ אין אויסטראַליע. ווי מען האָט עס אַמאָל צוגע׳יובל׳ט צו האָלמאַן׳ען, צום אַלטן ו. יוז׳ן, צו לענג׳ן — און ווי מען האָט עס זיי אָפּגעשטויסן שפּעטער!

מר. יוז האָט גענומען רעדן, און עס איז געווען אַן ערנסטקייט אין די רייד. פאַרשטייט זיך, ער האָט אויך געקלאַפּט אין די זעל־ביקע פויקן און טאַצן ווי די אַנדערע, אָבער ער האָט געהאַט נאָך אַ בעסערע טעמע: דעמאַסקירן די אַלע פריערדיקע רעדנער. ער האָט עס געטאָן אין אַ רעזערווירטער מאַניר, נישט דערמאָנענדיק קיין באַזונדערע נעמען, אָבער די קלעפּ האָבן געטראָפן. אין זיין רעדן איז בכלל געווען מער איראָפּעאישע האַלטונג ווי ביי די אַנ־דערע, און זיינע הענט האָבן זיך באַוועגט אין אײדעלע, איינגעהאַל־טענע, ווייט־אויסגעשפּרייטע זשעסטן. „קוקט נישט אויף דאָס וואָס זיי זאָגן, נאָר אויף דאָס וואָס זיי טוען!... דאָ פּראָטעסטירן זיי קעגן די הויכע שטייערן, אָבער אין קאַנבעראַ, אין פּאַרלאַמענט האָבן זיי צוגעשטימט צום בודזשעט... מר. קערטן אַרבעט האָנט אין האָנט מיט מענזיס׳ן. די אַרבעטער־מאַסן וועלן נישט דערלויבן אַזאַ מין טאָפּל־פּאָליטיק!”...

דער עולם האָט געשטורעמט מיט יאָ! יאָ! מען האָט גענומען שרייען מיט חוזק צו מאַרטין׳ען: קלערי, הערסטו וואָס מען זאָגט? וואו איז קלערי אַהינגעקומען? אַהאַ, ער איז אַוועק!... (אין אַ ווײלע אַרום איז ער געקומען צוריק און געזעצט זיך ווידער אויף דער טריבונע).

יוז האָט ווייטער גערעדט: אָט האָבן מיר געבעטן אונדזער וויסנשאַפטלעכן באַראַטער ביים קאָנסיל, דזשעק לינדסיי, צו באַ־שרייבן דעם בודזשעט. האָט ער אָנגעשריבן אַ פיינעם פּאַמפלעט פאַר אונדז: „די בודזשעט־גזלה”. אָבער די צענזור האָט עס בייזווייליק צענזורירט. — און מר. יוז האָט פאַרלאַנגט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון דער פּאָליטיק, אַן אַנדער רעגירונג, אַנדערע מאָס־מיטלען. זיין לשון איז געווען דורכגענומען פון רעוואָלוציאָנערער ליידנשאַפט. ער

האָט געוואוסט וואָס ער וויל. שפּעטער איז אָנגענומען געוואָרן איינ־שטימיק אַ רעזאָלוציע פון קעגנערשאַפט צום בודזשעט און קאַמף קעגן אים. און מען האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך פאַנאַנדערגיין זיך. קיין געמיינזאַמע לידער האָט מען נישט געזונגען.

מיך האָבן שטאַרק געוואונדערט צוויי זאַכן. ערשטנס, קיין איין רעדנער פון די אַלע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דער מלחמה.

נאָך מער: קיין איינער פון זיי האָט, דוכט מיר, אפילו נישט דערמאָנט די מלחמה, וואָס צוליב איר איז דער בודזשעט דורכ־געפירט געוואָרן. מען האָט די שטייער־פראַגע נישט פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט־לאַגע. וואָלט אין זאַל אַריין אַ גאַסט פון דער־ווייטנס און צוגעהערט זיך צו די דעבאַטן, וואָלט ער געמיינט, אַז דער מיטינג קומט פאָר אין צייט פון טיפסטן שלום. פאַרוואָס איז עס געווען אַזוי? דערפאַר ווייל אַלע ווייסן סיי ווי סיי, אַז אַ מלחמה גייט אָן? אָדער ווייל זי איז בכלל נישט פּאָפּולער ביים עולם? די רעדנער און די צוהערער אַלע צוזאַמען האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק, אַז די וועלט אַרום ברעכט זיך, אַז טיפע שנויים קומען פאָר און נאָך טיפערע שנויים וועלן קומען, אַז דער אַרבעטער קען זיך דערפון נישט אַרויסדרייען. ער פאַרטיידיקט זיינע פּריוואַט־אינ־טערעסן אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען אַ טייל — און טאַקע דער וויכטיקסטער טייל — פון דעם אויסטראַלישן פאָלק.

צווייטנס, מען האָט גערעדט — אַלע אָן אויסנאַם — וועגן די מאַטעריעלע פאָדערונגען אָדער טענות, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער ערשטער און לעצטער אינטערעס אין זייער לעבן. מען האָט היציק גערעדט וועגן דער אומגלייכקייט פון די קלאַסן, וועגן גע־רעכטיקייט און ערלעכקייט אין פּרנסה־זאַכן. אָבער — פון הינטער די אַלע רייד האָט נישט אַרויסגעשיינט דער מאָראַלישער אינהאַלט פון זייער קאַמף. מען האָט נישט דערמאָנט אפילו אַז די מאַטער־יעלע פאַרבעסערונג פון דעם אַרבעטער׳ס לאַגע וועט אים מאַכן פעאיקער און שטאַרקער אין זיין היסטאָרישן קאַמף פאַר דער גרוי־סער גערעכטיקייט: פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. מען האָט פּשוט פאַרלאַנגט פאַר זיך אַ גרעסערן אָדער זיכערן טייל פון דעם נאַציאָנאַלן פאָלקס־פאַרמעגן.

דאָס איז שוין נישט מער אַ קאַמף פאַר אַ בעסערן מאַטעריעלן לעבנס־ניווא; דאָס איז אַ מאַטעריאַליסטישער קאָנקורענץ־קאַמף. דאָס ערשטע איז וויכטיק און טויזנט מאָל באַרעכטיקט; די מענטש־הייט מוז באַפרייט ווערן פון דעם צער און שאַנד פון יאָגן זיך נאָך אַ שטיקל ברויט, כדי צו באַפרייען זיך פאַר אידעלע לעבנס־אויפגאַבן. און וואָלטן די סאָציאַליסטן און אַרבעטס־מענטשן נישט געהאַט אָרגאַניזירט אַט דעם מאַטעריעלן קאַמף, וואָלטן די באַלע־באַטים זיכער נישט געקומען זיי אַנטקעגן. אָבער מאַטעריעלער קאָמפאָרט אָדער באַפרייאונג פון מאַטעריעלע זאָרגן איז ווי מיט אַ ים וואַסער אָפּגעשיידט פון מאַטעריאַליסטישן לעבנס־סטיל ביי וועלכן דער וואוילטאָג אָדער קאָמפאָרט ווערט אַ צוועק פאַר זיך אַליין, נישט אַ מיטל צו גייסטיקער דערהויבונג. אַזאַ לעבנס־נוסח פון „פאַר זיך" פירט ממילא און פאַרפעסטיקט דעם דורות־לאַנגן אינדיווידו־אַליסטישן שניט אין מענטשן. „פאַר זיך" קען באַטייטן פאַר מיין קלאַס, אָדער טאַקע פאַר מיין אייגענער פאַמיליע און פאַר מיר פער־זענלעך.

אויב אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג טראָגט אין זיך אַזאַ מין כאַ־ראַקטער, דעמאָלט פאַרלירט זי (זי מעג זיין גערעכט סאָציאַל) איר טיפן הומאַניסטישן אויסבליק. זי קען דעמאָלט נישט פאַרלאַנגען פאַר זיך מער אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע ווי אַלע אַנדערע אסיפות וואו מענטשן רייסן זיך פאַר אַ שטיק בעסערן לעבן. דעם אָרעמען מענטשנס צער רופט אַרויס אַקטיווע סאָלידאַריטעט נאָר דעמאָלט ווען ער וויזט אָן אַ וועג צו דערלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. אויב נישט, בלייבט עס שטעקן אין די שטילע וואַסערן פון צדקה און רחמנות.

און גלייכצייטיק זיינען ביי מיר אין קאָפּ דורכגעפלויגן אַנדערע געדאַנקען. אפשר ליגט אפילו אין דער פאַרזאַמלונג, פאַרבאָרגן פון אונדז אַלעמען, אַ געוויסער אמת? אפשר איז זייער אומווילן אַנצודערקענען דעם פאַקט פון דער מלחמה, אין וועלכער זיי נעמען פאַקטיש אָנטייל, אַן אויסדרוק פון זייער טיפן ווילן צום שלום, פון זייער לעבנס־ווילן. פאַר אונדז, פּאָליטיקער און פּאַרמעל־שרייבער, איז מלחמה אַ וויכטיקע צאָל אין די געשיכטלעכע חשבונות; פאַר דעם פאָלקס־מענטש איז עס אַ גרויל און אַ פאַרברעכן. היינט קען

אַזאַ אין די סאַמע ביינער שטעקנדיקער פּאַציפיזם אַנטאָן שאָדן; אָבער ברבות הימים איז עס אַ קוואַל פון אייביקן שלום. צי ליגט נישט דאָ די ריכטיקע פאָלקס־חכמה?

אָבער — זאָל ליגן פאָלקס־חכמה אויך אין דעם צווייטן פונקט: אין פאַרשווייגן די גייסטיקע וועלט הינטער מאַטעריעלע פאָדערונגען? צי איז עס נישט אַ קוואַל פון אומגייסטיקייט, פון מאָראַלישער אָפּגעלאָזנקייט, פון אַ געפערלעכער צוקונפט?

אין דעם צייט־ראַם פון אַ פּאָר שעה האָט זיך געלאָזט אי־בערלעבן אַ בילד, ניין טאַקע די אַנטוויקלונג פון יעטוועדער לייבאָר־געשיכטע, — און איר מזל.

דעצעמבער, 1940.

אַ סאָציאַלער טרוימער אין אויסטראַליע

איך בין געזעסן אַ גאַנצן אָונט מיט אַ וואונדערבאַרן מענטשן אין מעלבורן. אַז מען זעט מר. עגלסטאָן אין זיין קלייניטשקן אַדוואָקאַטן־אָפיס, אַרומגעלייגט מיט דאָקומענטן און חשבונות, מיט אַ פּאַרמאַטערטן פּנים פון אַ האָרעפּאַשניק, קען מען מיינען, אַז ער איז איינער פון די אומצאָליקע אויסטראַלישע פּראָפעסיאָנעלע טוער. אָבער ער איז עס נישט, און אַז אַ שמייכל באַלייכט זיין געזיכט דערזעט מען אַ זייער וואַרעמען, פריינטלעכן מענטשן. ער איז נישט נאָר אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט און רעגירונג־באַאַמטער, נישט נאָר אַ פּערזאָן מיט אַ זייער הויכן מאָראַלישן אויטאָריטעט אין לאַנד. ער איז אַ דענקער, אַ פילאָזאָפישער דענקער, וואָס הערט נישט אויף אויף אַ רגע צו באַטראַכטן און צו באַאורטיילן געשעענישן פון אַ מאָראַלישן און רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. אפשר דערפאַר איז זיין געזיכט אָפּט אַזוי אומגעוויינטלעך יונג און זיין שטים אַזוי פריש, הגם ער איז שוין לאַנג איבער זעכציק.

ער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ פריינט פון אונדזער קימבערליי־פּראָיעקט גלייך ווי ער איז מיט אים באַקאַנט געוואָרן. ער האָט געהאַט פריער צווייפל בנוגע דער טויגלעכקייט פון דעם לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע, אָבער ער האָט עס אָנגענומען צוליב הומאַניטאַרע טעמים, צוליב זיין פריינטשאַפט צום יידישן פאָלק. אמת, ער האָט מיר אַ פּאָר מאָל געזאָגט, אַז די לייזונג פון דער יידן־פראַגע ליגט מסתמא אין זייער אַסימילאַציע און פיזישער אויסמישונג מיט ניט־יידן, דאָך וויל ער נישט שטערן אויך דער שאַפונג פון אַ ריין־יידישער קאָלאָניע אין אויסטראַליע. אָבער מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אַזאַ מענטש זאָל האָבן זיין איבערצייגונג אויך בנוגע דער קימבערליי־טעריטאָריע. האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז געפאָרן קיין פּערט צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע מיטגלידער פון דער פעדעראַלער „גרענטס

קאָמישן״ (קאָמיסיע וואָס פאַרטיילט פינאַנסיעלע סובסידיעס צו די איינצל־שטאַטן). האָב איך זיי געבעטן דורכצורעדן זיך מיט דאָרטיקע רעגירונג־מענטשן און געלערנטע וועגן דעם כאַראַקטער פון יענער געהיימניספולער געגענט. מר. עגלסטאָן איז געקומען צוריק מיט אַ גרויסער צופרידנקייט, ער האָט באַקומען מאַטעריאַל גענוג אויף צו האָבן צוטרוי אויך צו דער געגנט, נישט נאָר צו אונדזער אידייע. און ער האָט נאָך דערויף אָנגעשריבן אַ זייער קלוגע אינסטרוקציע וועגן אונדזערע נעקסטע אויפגאַבן.

ליידער האָב איך נאָר זעלטן געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אים, אָבער יעדעס מאָל האָב איך געפילט, אַז איך שטיי פּנים אל פּנים מיט אַ פערזענלעכקייט פון טיפן טראַכטן און פילן. דאָס מאָל, אַז איך בין געזעסן מיט אים אַליין נעבן קאמין און די קלעצלעך האָלץ האָבן פריילעך אונטערגעקנאַקט אין פייער, האָט ער גענומען רעדן וועגן זיין בוך, וואָס וועט באַלד דערשיינען. אַ בוך פון סאָציאַלער פילאָזאָפיע אין היינטיקע צייטן (לאָז זיין אפילו צוגעגרייט אין משך פון פיר יאָרן), אַזאַ בוך אין זאָרגלאָז לעבעדיקן אויסטראַליע איז אַ געשעעניש פאַר מיר. און וואָס איז דער הויפּט־אינהאַלט פון בוך? דערקלערונג פון דעם וועלט־קריזיס אַלס אַ מאָראַלישן קריזיס; זוכעניש פון אַן עטישן יסוד פאַר די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען; גלויבן אַז אַזעלכע יסודות קענען געשאַפן ווערן. מר. עגלסטאָן איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ מיניסטער אין וויקטאָריאַ־שטאַט און האָט זיינע דערפאַרונגען באַשריבן אין אַ בוך וועגן „מלוכה־סאָציאַליזם אין וויקטאָריאַ״. ער האָט דעמאָלט אָפּגעוואָרפן די אידייע פון מלוכהשן סאָציאַליזם פאַר אונטערנעמונגען פון קהל׳שן כאַראַקטער צוליב דעם וואָס די מענטשן־בירגער זיינען נישט מאָראַליש דערוואַקסן צו אַזאַ אָרדנונג. די פאָלגנדיקע יאָרן האָבן אים נאָך מער איבערצייגט, אַז סאָציאַלע ענדערונגען פון אינסטיטוציעס זיינען מאַכטלאָז אַזוי לאַנג ווי עס פעלן מאָראַלישע ענדערונגען אין מענטשן.

איך האָב געהאַט איצט פאַר זיך נישט דאָס גאַנצע בוך, נאָר עטלעכע צוואַנציק דרוק־בויגן פון אים, וועלכע ער האָט מיר גע־געבן צו באַקענען זיך. איך האָב זיי געלייענט מיט דעם טיפסטן אינטערעס. זיי האָבן גערעדט צו מיין האַרצן, ווייל זיי האָבן גלענ־צענדיק פאָרמולירט אַ ריי פון אידייען, וואָס זיינען מיר טייער פון

אַלע מאָל. דערצו האָט דאָס ווערק אַזוי קלאָר אָפּגעשפּיגלט דעם אויטאָר פון דעם בוך. די איינפאַכקייט און ערלעכקייט פון דער שפּראַך, די לאַקאָנישקייט און דורכזיכטיקייט פון דעם סטיל, — דאָס אַלץ האָט אַנטשפּראָכן דער פּערזענלעכקייט פון שרייבער. איך גלויב עס וועט גוט זיין צו ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון אים.

מר. עגלסטאָן באַווייזט, אַז דער קריזיס הערשט היינט צוטאָג אין די געביטן פון פּאָליטיק, געזעץ, עקאָנאָמיק און אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען דערפאַר ווייל אומעטום איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דער מאָראַלישער פאַקטאָר. יעדעס פון די דאָזיקע פיר געביטן לעבט פאַר זיך אַליין, האָט פאַרלוירן דעם אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיט די עטישע יסודות און שטרעבונגען פון מענטשלעכן לעבן.

„די נויטיקייט פון עטישע פאַקטאָרן פאַר דער לייזונג פון עקאָנאָמישע פראַגן איז גענוג קלאָר. דאַנק אַ לאַנגער אַנטוויקלונג האָט זיך געשאַפן דער קאַפּיטאַליזם, אַ נישט־מאָראַליש סיסטעם, וואָס פאַרפאָלגט הויפּטזעכלעך נאָר מאַטעריעלע צוועקן". אָבער ער וואָרנט קעגן לייכטזיניקע באַשולדיקונגען פון דעם „סיסטעם" אַליין; מענטשן טראָגן אחריות פאַר אים. „עס איז נישט אַזוי אַז די מענטשלעכע נאַטור איז פשוט פאַרדאָרבן געוואָרן דורך די בייזע כוחות פון קאַפּיטאַליזם; לײדער איז דער קאַפּיטאַליזם גופא אַ געטריע אָפּשפּיגלונג פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן. אויב קאַפּיטאַליזם זאָל פאַרביטן ווערן דורך אַ בעסערן סיסטעם, מוזן מיר צושטעלן צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער מיר לעבן מדות טובות, וואָס זיינען העכער איידער די וועלכע מיר האָבן אַנטפּלעקט ביים אויפבוי פון קאַפּיטאַליזם". (אינטערעסאַנט אַז די זעלביקע געדאַנקען האָט די רעוואָלוציאָנערין ראָזאַ לוקסעמבורג קלאָר אויסגעדריקט אין יאָר 1918 אין דעם פון איר געשריבענעם מאַניפעסט פון „ספּאַרטאַקוס־בונד"). דאָ גייט ער אַרויס מיט אַן אָנגריף קעגן די מאָדערנע פּאָליטיקער: „פּאָליטיק האָט זיך באמת קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט דעם יסודותדיקן עקאָנאָמישן פּראָבלעם אַזוי ווי מיר האָבן עס אָנגעצייכנט. אַלץ וואָס זי האָט ביז איצט געפּרואווט טאָן, איז נאָר געווען אַן אומבאַהאָלפענער קאָנטראָל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, און דער דערפאָלג איז געווען נעבעכדיק. קיין איין פּאָליטיקער — צי ער איז קאָנסערוואַטיוו אָדער סאָציאַליסטיש — וויל נישט באמת דאָס פאַרשווינדן פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם".

וואָס איז עטישער אידעאַל? פאַר עגלסטאָן׳ען באַטייט עס די אויסבילדונג פון אַ פרייען מענטשן מיט דעם באַוואוסטזיין פון אייגע־נער אחריות לגבי דער געזעלשאַפט און מיט ליבע צו די מיט־מענטשן. ער איז איבערצייגט, אַז עס איז דאָ אַ ציל אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, און דער ציל איז דער אויפקום פון אַ פרייען מענטש. ער גלויבט, אַז די אַנט־וויקלונג איז פול מיט עטישן אינהאַלט און דערפאַר פירט זי צום פּראָגרעס, נישט צו באַרבאַריי. ווי מאָדנע אָט דער געדאַנקענגאַנג הילכט אָפּ אין מיינע אויערן. זינט יונגע יאָרן האָבן מיר אין זיך אַריינגענומען די אידעאַליסטישע לערע פון די רוסישע נאַראָדניקעס און זייערע טעאָרעטיקער — פּ. לאַווראָוו און נ. מיכאַילאָווסקי — האָבן מיטליידנשאַפט געפּריידיקט דאָס זעלביקע: קעגן דאַרוויניסטן און מאַרקסיסטן. — געשיכטע איז נישט נאָר אַן אייזערנער געפלעכט פון אומאָפּהענגדערלעכע היסטאָרישע געזעצן; געשיכטע איז אַ לעבעדיק ווערק פון אַקטיווע מענטשן מיט היסטאָרישע צילן פאַר זיך. גע־שיכטע איז באַוועגונג צום פּראָגרעס, צו די העכסטע עטישע צילן.

אונדזער אויטאָר ווייסט מער ווי דאָס. ער איז ניט פאַרצוויפלט אין דער מענטשלעכער נאַטור אפילו היינט צו־טאָג, ביי דעם אויפ־ברויז פון וועלט־קריג. „עס זיינען פאַראַן וויניק מענטשן ביי וועמען די ליבע צום נעקסטן זאָל נישט באַשטראַלן כאָטש אַ קליינעם שטח. דעם סכום פון הערואישער קרבנות־גרייטשאַפט אין דער וועלט איז גוואַלטיק גרויס. עס איז פאַראַן היינט אַ גרעסערע מאָס פון אַלט־רואיזם, געבויט אויף ליבע צו מענטשן און ווילן צום אַלמענטשלעכן גוטס, ווי ווען נישט איז פריער. אונדזערע פּראָבלעמען זיינען שאַרף, אָבער טאָקע דערפאַר ווייל אונדזער פיינפיליקייט איז אויסגעוואַקסן". די אויפגאַבע איז נאָר צו פאַרוואַנדלען די אויפגעשפייכערטע מאָראַ־לישע כוחות אין אַן אַקטיוון סאָציאַלן כוח. ווי קען דאָס געשען?

„אין דער איצטיקער תהו ובהו׳דיקער צייט איז נויטיק אַ וואונ־דער כדי צו ראַטעווען די מענטשהייט, און עכטע וואונדער קענען געשאַפן ווערן נאָר דורך אַ רעליגיעזער באַוועגונג, וואָס זאָל רע־וואָלוציאָניזירן דעם מענטשלעכן לעבנס־פיר". עגלסטאָן זעט די באַוועגונג אין ראַמען פון קריסטנטום. „עס איז קיין ספק נישט, אַז טעאָרעטיש איז די קריסטלעכע עטיק דער וועג פון לייזן די סאָציאַלע פּראָגן, הגם מיר לעבן אין אַ וועלט אין וועלכער די קריסט־לעכע עטיק ווערט קוים אָנגעווענדעט בכלל". עגלסטאָן מאַכט עס

געגנוג קלאָר, אַז אונטער קריסטנטום מיינט ער נישט די אָפיציעלע קירך אָדער געוויסע טעאָלאָגישע לערעס פון דער רעליגיע. ער האָט די גאַנצע צייט אין זינען די קריסטלעכע מאָראַל ווי זי איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער באַרג־פּרעדיקט. ער האַלט זי פאַר דער העכסטער שטופע נאָך דער יידישער אמונה.

עס איז באַצייכנענדיק, וואָס ער זאָגט וועגן דעם יידישן בייטראַג צו דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. די יידן האָבן בייגעטראָגן מער ווי וועלכע נישט איז אַנדערע ראַסע צו דער ראַציאָנאַליזירונג פון דער גאָט־אידייע; זיי האָבן באַפרייט די אידייע פון דער פאָרשטעלונג פון אַ נאָר שבט־גאָטהייט און האָבן זי דערהויבן צו אַ גלויבן אין אַ אַל־גוואַלטיקן שעפער. זיי האָבן אויפגעטאָן נאָך אַ גרעסערע זאַך, — דורך אויפשטעלונג פון מאָראַלישע מאָסן פון רעכט און אומרעכט אויף וועלכע עס האָבן זיך געזאַלט שטיצן אפילו די דורך די כהנים אויסגעטייטשטע געטלעכע באַפעלן״. ער גייט נאָך ווייטער. „די בהדרגה׳דיקע עוואָלוציע פון די אידייען, אַז גאָט האָט פאַרלאַנגט גערעכטיקייט, רעכט, חסד, שוץ פאַר דעם שוואַכן, אַז מען קען אַפּעלירן צו זיין געזעץ פון רחמים כדי אַנטקעגנצושטעלן זיך די וועלטלעכע הערשער און קריטיקירן די באַפעלן, וואָס ווערן דערקלערט פון די כהנים אַלס געטלעכע, — אַלץ דאָס איז געווען אַ זייער גרויסער מאָראַלישער פאָרטשריט. בודאי אין אינדיע, קאָנפוציוס און לאַאָטסע אין כינע האָבן זיך דערנענטערט צו אַן ענלעכער פאָרשטעלונג אומגעפער אין דער זעלבער צייט. אָבער עס איז עפּעס געווען אין דער מענלעכקייט פון יידישן גייסט, אין זיין שטאַרקער ליידנשאַפט פאַר אידייען און אין דעם פאַרנעם פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זיין מאָראַלישע פילאָזאָפיע האָט באַקומען אַ גרעסערן איינפלוס אויף דעם ציוויליזירטן מענטשלעכן גייסט״.

דאָך גלויבט ער, אַז „די לערע פון יעזוסן האָט אַרויסגערופן די גרעסטע רעוואָלוציע אין מענטשלעכן לעבן און דענקען. דער זשעני פון די יידן האָט דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ אין אַ גרויסאַרטיקן סינטעז פון גאָט׳ס פאָטערשאַפט און דער עטיק פון גוטן שכן, ווי ער איז פאַרקערפּערט אין לעבן פון יעזוסן און אין עוואַנגעליום״. דערפאַר זעט ער די אויסלייזונג פון דער היינטיקער וועלט אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער קריסטלעכער מאָראַל. קעגן צוויי

זיילן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט טרעט ער אַרויס באַזונדערס שטאַרק און איבערצייגנדיק. זאָל זיין אַז אַט די אידייען זיינען נישט ניי, אָבער זייער פאַרקינדיגונג אין יעדער נייער היסטאָרישער לאַגע איז וויכטיק אויב היינטער די רייד שפּירט מען די טיפע ליידנשאַפט און דעם עכטן שטרעבן צו דער עלית הנשמה. אַזוי איז עס אין דעם בוך.

„מיר גלויבן נישט, אַז די פאַרגעטערונג פון רייכטום איז אומפאַרמיידלעך אין דער מענטשלעכער נאַטור". אָבער „אַ סאָציאַליזם וואָס שטרעבט נאָר צו אַ מאַטעריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער פאַרוואַנדלט זיך נאָר אין אַ מאַכט־סיסטעם מוז דורכפאַלן. פאַרקערט, אַ סאָציאַליזם וואָס באַזירט זיך אויף מענטשן־פריינטשאַפט אַלס זיין הויפּט־פּרינציפּ, וועט זיין דערפאָלגרייך". דעם גרעסטן קעגנער זעט מר. עגלסטאָן אין דער מאַכט־אידייע. „עס איז די פליכט פון מענטשלעכן גייסט, אויב ער וויל בלייבן ביים לעבן, זיך אַנטקעגנצושטעלן און זיך צו באַהיטן אַנטקעגן גרויס־אָרגאַניזאַציע און גוואַלט... עס זיינען דאָ גענוג מענטשן, וואָס פילן אַן עקל קעגן דער אַנווענדונג פון וועלכער נישט איז גוואַלט, עקאָנאָמישער צי פיזישער, כדי צו דערווערבן פאַר זיך עפּעס אַ נוצן. עס וועט נישט זיין קיין שום עכטער עטישער פאָרטשריט אַזוי לאַנג ווי דאָס דאָזיקע געפיל וועט נישט ווערן מער אוניווערסאַל". און ווען אונדזער אויטאָר דערמאָנט דעם טיפּ פון היינטיקן „פירער", דערהויבט ער זיך צו אַזאַ דערשיטערנדיקער פאָרמעל:

„דער מאַרטירער, וואָס ווערט פאַרברענט מיט דער צושטימונג פון דעם המון צינדט אָן די ליכט פון פראָגרעס, און דער דערפאָלגרייכער „פירער" לעשט זיי אויס".

הינטער די אַלע געדאַנקען ליגט אַ ווילן צום קאַמף, צו ענדערונג פון דער וועלט. „דער פּראָגרעס איז נישט קיין אויטאָמאַטישער פּראָצעס, ער הענגט אָפּ פון מענטשלעכער טאַט. אין דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט הענגט אַלץ אָפּ פון דעם באַוואוסטזיניקן אויסקלייב פון נייטווענדיקע לידערס און טוער, וועלכע זאָלן אויפשטעלן די העכערע מאָראַלישע ביישפּילן און אָפּוואַרפן די ברוטאַלע פאָרמען פון מאַכט־אָרגאַניזאַציע".

***

איך בין געווען באַגייסטערט פון דעם ווערק, וואָס איז צו־נויפגעשמידט פון די צוויי בעסטע אייגנשאַפטן: שאַרפע קריטיק פון די היינטיקע צושטאַנדן און טיפער גלויבן אין דער מענטשלעכער צוקונפט. האָב איך געפילט, אַז איך מוז דעם אויטאָר ענטפערן מיט אַ לענגערן בריף. איך האָב געשריבן ווי וויכטיק עס איז צו באַווייזן, אַז די עקאָנאָמיק איז סוף כל סוף נישט די סיבה פון עטיק, נאָר, פאַרקערט, איר פועל יוצא. אפשר מעג מען זאָגן נאָכמער: עקאָנאָמיק איז די פונקציע פון עטיק. דערפאַר טאַקע איז עס נאָר רעכט (אויך פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט) צו דערקלערן, ווי ער טוט עס, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַ „נישט־מאָראַליש סיסטעם". סיי מלוכות סיי סאָציאַלע סיסטעמען סיי די געשיכטע בכבודה ובעצמה מוז ווערן אָפּגעשאַצט, אָנגענומען אָדער אָפּגעוואָרפן לויט דעם עטישן בליק־פונקט. צי זאָל מען נישט אַזאַ דרך אָנרופן פאַן־מאָראַליזם?

איך האָב אים געפרעגט צי קען מען דערגרייכן די נשמה פון אַלע טיילן פון דער מענטשהייט אויב מען קאָנצענטרירט זיך נאָר אויף דער קריסטלעכער עטיק. אָבער גלייכצייטיק בין איך מסכים אַז נאָר אַ רעליגיעזע באַוועגונג קען היינט צו־טאָג אויפוועקן די מענטשן. ער איז גערעכט: מען מוז אַפּעלירן צו דעם פרייען מענטשלעכן ווילן. און דאָ האָב איך מוסיף געווען דעם געדאַנק, וואָס פאַרפאָלגט מיך פון אַ סך יאָרן. זינט שטענדיק זוכט מען די בעסטע לייזונג פון מאָראַלישן קריזיס, און מען ווייזט אָן נאָר צוויי לאָגיש מעגלעכע וועגן:

1) איבערבוי פון די סאָציאַלע אַנשטאַלטן.

2) איבערדערציאונג פון דעם איינצל־מענטש.

די ביידע דרכים זיינען נישט איין מאָל שוין אויסגעפּרובירט געוואָרן: אין רעוואָלוציעס, אין פּאַרלאַמענטן, אין רעליגיעזער התבודדות. די רעזולטאַטן זיינען געווען ווייט נישט דערמונטערנדיקע. צי איז נישט פאַראַן די מעגלעכקייט פון עפּעס אַ דריטן וועג, וועל־כער זאָל אויסנוצן די גוטע זייטן פון יענע צוויי? דער וועג: אויפבוי פון נייע קליינע געמיינשאַפטן אויף עטישע יסודות. מענטשן זאָלן באמת לעבן לויט זייערע אידייען און דערמיט אויפשטעלן מוסטערן

פון נייעם לעבן. אפילו אַז דער עולם זאָל אַזאַ ליניע אָנרופן (און פאַרדאַמען) אַלס אוטאָפּיש, איז קיין בייז נישט. מען מוז רעהאַבי־ליטירן די אוטאָפּיע. איך ווייס, אַז אָט דער „דריטער וועג" איז אַ סך מאָל געפּרואווט געוואָרן, און דאָך איז עס אויך אין דער נייער עפּאָכע אפשר דער איינציק־צוזאָגנדיקער.

אָבער ווי גוט איז עס אַז — אויפן וועג צו קימבערליי — האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ מענטשן און אַזעלכע אידייען.

יידישער „אויסטראַליאַניזם"

דאָ נישט לאַנג האָב איך געהאַט אַ משונה'דיקן שמועס מיט איינער פון די באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן צווישן די אין אויסטראַליע געבאָרענע יידן. ער איז אַ יוריסט אין סידנעי, אַ דאָקטאָר פון רעכט, און — נישט געקוקט אויף זיין יוגנט — פאַרנעמט ער אַ וויכטיקן פּאָסטן אין אוניווערזיטעט. איך האָב אים איינגעלאַדן דורכצורעדן זיך וועגן זיין אַנטייל נעמען אין אַ נייעם ענגליש־יידישן זשורנאַל. זיין קאַר איז געשטאַנען אונטן בעת מיר האָבן זיך אויסגעט'טענה'ט אין משך פון אַ פּאָר שעה. לאָמיר פאַרצייכענען די טענות.

איך: איך גלויב, איר זעט אויך איין, אַז דאָ אין לאַנד איז נויטיק אַ נייער ענגליש־יידישער זשורנאַל כדי צו דערוועקן אונדזער שלאָפנדיקן עולם, כדי אויפצוטרייסלען זייער אחריות. אונדזער פאָלק ווערט פאַר אונדזערע אויגן פאַרניכטעט אין אייראָפּע; פונדעסטוועגן פירן די יידישע פּאַרטייען און באַוועגונגען דעם זעלביקן לעבן ווי ביז איצט. אַ טייל זיינען פאַרנומען מיט קליינע לאָקאַלע צדקה־אויפגאַבן; אַנדערע קאָנצענטרירן זיך אויף ציוניסטישער אַרבעט, — בעת עס פאָדערט זיך אַ ברייטע, אוניווערסאַלע אויפפאַסונג פון דער יידישער צוקונפט. אַ זשורנאַל מיט אַזעלכע צילן וואָלט געקענט שאַפן אַזאַ נייעם באַוואוסטזיין אין דער יוגנט. וואָלט איר גענומען אַנטייל אין דעם?

ער: עס טוט מיר לייד, וואָס איך מוז אייך אַנטוישן. מיר דוכט איך וואָלט געקענט זיין נאָר אַ לעזער פון אַזאַ זשורנאַל, נישט קיין מיטאַרבעטער. מיינע קענטענישן אין דער יידישער רעליגיע און געשיכטע זיינען זייער אָרעם. אַמאָל האָב איך באַקומען העברעאישן אונטערריכט, אָבער זינט דעמאָלט האָב איך אַלץ פאַרגעסן און איך גיי נישט אין קיין סינאַגאָגע.

איך: זייט איר נישט אינטערעסירט אָפּצופרישן אייערע קענט־נישן, צו שטודירן די היינטיקע יידישע פראַגן?

ער: די פריערדיקע רבנים האָבן גאָר ווייניק באַאיינפלוסט די יוגנט. איך געדענק נישט, אַז ווער עס איז דאָ זאָל האָבן געמאַכט אַן אָנשטרענגונג אויף צו געווינען דעם יונגן דור. זיינען מיינע פריינט און איך געבליבן גלייכגילטיק.

איך: איז איצט נישט די ריכטיקע צייט ווידער אָנצוהויבן? די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון יידנטום מעבר לים און די גרויסע געפאַר פאַר די אַנדערע יידישע שבטים קען איצט דערוועקן דעם אינטערעס.

ער: איך גלויב נישט אין דעם. איך שפיר נישט אין מיר אַ ספּעציעלן אינטערעס צו די פראַגן.

איך: זאָל דאָס הייסן, אַז די ליידן פון יידן באַאומרואיקן אייך גאָרנישט מער ווי, לאָמיר זאָגן, די צרות פון כינעזער אָדער שפּאַניער?

ער: יאָ, אַזוי איז עס.

איך: אַז די יידישע פליטים זיינען אַהער אָנגעקומען, האָט איר געפילט עפּעס באַזונדערס לגבי זיי? אַז איר געהערט צו דער זעלביקער פאַמיליע?

ער: ניין. איך האָב געזוכט זיי צו העלפן צוליב אַלגעמיינע הומאַניטאַרע סיבות.

איך: פאַרשטייט איר וואָס איך מיין? מיר אַלע זיינען אוודאי אינטערעסירט אין דעם וואוילטאָג פון קינדער בכלל, צוליב פשוט'ע הומאַניטאַרע סיבות. אָבער פילט איר נישט מער האַרציקייט און וואַרעמקייט לגבי אייערע אייגענע קינדער?

ער: איך וואָלט עס נישט געקענט באַהויפּטן בנוגע יידן, איך פיל זיך נישט ווי איינער פון דער פאַמיליע. גיט אַ קוק אויף די פאַרשיידענע טיפּן פון יידן. דער נאָענטסטער צו מיר איז דער ענגלישער, אָבער עס זיינען פאַראַן יידן פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פוילן... ניין, איך פיל זיך ווי אַן אויסטראַליער.

איך: הייסט עס, איר האָט נישט געקענט אַרויסווייזן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו יידישע פליטים...

ער: עס זיינען דאָ געשען אַ סך טעותים אַרום זיי. זיי האָבן זיך, למשל, באַזעצט אין באַזונדערע געגנטן, שאַפנדיק געטאָס. זיי

מאַכן עס שווער פאַר זיך צו ווערן אַסימילירט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג... אָבער קיין בייז נישט. זייערע קינדער וואָס גייען אין די היגע שולן וועלן ווערן שפּעטער אַסימילירט.

איך: מיר דוכט, מיר רירן איצט אָן אַ פונדאַמענטאַלע פראַגע: צי זייט איר אין פּרינציפּ אינטערעסירט אויפצוהאַלטן דאָס יידנטום? איך מיין יידנטום אַלס אַ קערפּער, אַ סיסטעם פון אידייען און טראַדיציעס, אַלס אַ ראַסע?

ער: אויפהאַלטונג פון יידישן פאָלק? ניין, איך בין נישט שטאַרק אינטערעסירט אין דעם. יידן האָבן אַזויפיל צו ליידן פון פאָראורטיילן און זיי פאַרשאַפן אַזויפיל שאָדן זיך און דער וועלט, אַז איך זע נישט אין די נויטווענדיקייט אויפצוהאַלטן זיי.

איך: דאָס זיינען אָפענע רייד, דאָס מאַכט אונדזער שמועס קלאָרער. אויב איר זייט איבערצייגט אַז יידן זיינען געוואָרן אַ שאָדן און אַ געפאַר פאַר זיך און דער מענטשהייט, דעמאָלט מוז מען מאַכן ווייכטיקע אויספירן פון אַזאַ לאַגע. וואָלט איך, למשל, געטראַכט אַזוי ווי איר, וואָלט איך זיכער געצויגן די קאָנסעקווענצן דערפון.

ער: (קוקט אויף מיר מיט אַ געוויסער שפּאַנונג).

איך: איך וואָלט געגרינדעט אַ יידישע געזעלשאַפט מיטן צוועק דורכצופירן די אויפלייזונג פון יידישן פאָלק. איך וואָלט געזוכט צו אָרגאַניזירן אויף אַ ברייטן, סיסטעמאַטישן אופן געמישטע חתונות; איך וואָלט געזען צו אונטערגראָבן די טעטיקייט פון סינאַגאָגעס, פון יידישע פילאַנטראָפּישע, פּאָליטישע און באַזונדערס קולטורעלע אינסטיטוציעס. און אוודאי וואָלט איך שוין ענערגיש באַקעמפט די אידייע פון אַ יידישן ישוב אין קימבערליי. מיר דער הילף פון גאָט (פון יידישן גאָט?) וואָלטן מיר אפשר באַפרייט די וועלט און אונדזערע אייניקלעך פון אָט דער קללה...

ער: (פאַרוואונדערט, שמייכלענדיק ווי פאַרלוירן): אָ, ניין, איך גיי נישט אַזוי ווייט. לאָז יעדערער לעבן ווי ער וויל. איך וועל אייך געבן אַ ביישפּיל. מיינער אַ פריינד האָט דאָ נישט לאַנג באַשלאָסן צו לערנען די דייטשישע שפּראַך. פאַר מיר איז עס אַ נאַרישקייט.

איך: פאַרוואָס? צוליב דער מלחמה?

ער: ניין, בכלל. איך זע נישט קיין שום נוצן אין לערנען פון אָט דער שפּראַך. נישטאָ קיין קולטור, קיין ליטעראַטור אין דייטש...

אָבער איך וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט אין זיין באַשלוס. אַזוי קען איך אויך נישט באַקעמפן יידן אויב זיי ווילן פאַרבלייבן אַלס אַזעלכע...

איך: מיר רעדן אָבער נישט וועגן פּריוואַט־זאַכן פון יחידים. מיר דיסקוטירן די פילאָסאָפיע פון יידיש לעבן און געשיכטע. אויב דאָס לעבן איז נוצלאָז און שלעכט, זאָל עס אָפּגעשאַפט ווערן. איז עס נישט משונהדיק צו געהערן צו אַ קאָלעקטיוו וואָס איז באַלאָדן מיט אַ קללה און צו פילן זיך דערפאַר עפּעס ווי פאַרמשפּט...

ער: איך פיל נישט אַזוי, איך טו מיין לעבנס־אַרבעט צווישן דעם פאָלק פון אַט דעם לאַנד ווי איינער פון זיי...

איך: זאָל זיין אַזוי. אָבער וואָס טראַכטן וועגן אייך די מענטשן מחוץ אייער אינדיווידועלן לעבן? דאָס איז דער הויפּטפּונקט, און די דייטשישע יידן האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער בלינדקייט.

ער: קיינער ביז איצט האָט מיר נישט באַוויזן מיט אַרגומענטן פון טעאָריע אָדער געשיכטע, אַז יידישקייט דאַרף אויפגעהאַלטן ווערן. איך בין אַ יוריסטישער קאָפּ, און מיר דוכט אַז די יעניקע וואָס גלייבן אין דעם מוזן ליפערן די באַווייזן.

איך: איך קען אויך דעם יוריסטישן מעטאָד, אָבער עס שיינט מיר אַז די „לאַסט פון באַווייזן" אין אַט דעם פאַל דאַרף זיך לייגן נישט אויף יענעם וואָס פּראָקלאַמירט פּשוט דאָס רעכט אויף לעבן, נאָר גראָד אויף יענעם וואָס לייקנט אַזאַ רעכט. פונדעסטוועגן בין איך אפילו גרייט צו באַווייזן דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. צי האָט נישט אַ בוים, אַ חיה דאָס נאַטירלעכע רעכט אויף לעבן?

ער: גוט, אָבער איר רעדט דאָך פון אַ קאָלעקטיוו, נישט אַ יחיד...

איך: געוויס, אָבער באַזיצט נישט דער קאָלעקטיוו דעם זעלביקן לעבנס־ווילן ווי דער יחיד?

ער: צו זאָגן אייך דעם אמת, איך האָב נישט פיל געטראַכט וועגן דעם. איר האָט אין זינען אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו ווי, למשל, די רוימיש־קאַטוילישע קירך? אָדער ווי די טשעכן אָדער פּאָלאַקן?

איך: זעט איר? בנוגע דאָס רעכט פון די טשעכן אויף ווייטערדיקן לעבן, אפילו ווי אַ שטאַט, האָט איר קיין שום ספק נישט.

איר שטעלט אָבער אונטער אַ פראַגע דאָס רעכט פון יידן. עס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן וואָס זיי פאַרניינען זיך אַליין, וואָס זיי זוכן זייער זעלבסט־פאַרניכטונג...

ער: (שמייכלענדיק) איר האָט מיך איצט געכאַפּט...

איך: איך האָב אָבער קיין שום צווייפל נישט. דער קיום און דאָס וואַקסן פון יידישן פאָלק איז פאַר מיר אַ נאַטירלעכער פאַקט, און אַ זייער פרוכטבאַרער פאַר דער מענטשהייט. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס אין איצטיקן רוסלאַנד האָט מען געשאַפן באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ הונדערט נאַציעס און ראַסן. אפילו פאַר די וואָס שטייען ערשט אין אָנהייב פון זייער קולטור־שאַפן, וואָס פאַרמאָגן נאָר אַ ביסל פאָלקס־לידער און טענץ. יידנטום איז שוין ווייט אַוועק פון אַזעלכע אָנפאַנגען...

ער: וואָס איז אייגנטלעך יידישע קולטור? זיינען נישט ענג־לישע יידן ענגלענדער און דייטשישע יידן — דייטשישע?

איך: אָט דאָס איז די צרה וואָס איר ווייסט אַזוי ווייניק וועגן דעם. „יידן" זיינען פאַר אייך און אייערע פריינד נישט מער ווי אַ גרויסע מאַסע פון משונהדיקע מענטשן וואָס לײַדן פון פאַר־פאָלגונגען און אַנטיסעמיטיזם. פאַר מיר איז עס, ראשית כל, אַ גרויסער קאָלעקטיוו פול מיט שעפערישע כוחות. יידיש פאָלק איז נישט אַזוי פאַרבונדנקייט דורך צרות ווי פאַרבונדנקייט דורך שעפע־רישער אַרבעט און קולטור.

ער: אין וועלכע געביטן קומט די דאָזיקע קולטור צום אויסדרוק?

איך: אין אַלע געביטן: אין דיכטונג, ליטעראַטור און קונסט, אין פילאָסאָפישן און סאָציאַלן דענקען, אין וויסנשאַפט און רעליגיע, אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון אַלע אַרטן, אין מנהגים און טראַדיציעס...

ער: זיינען דען פאַראַן אונטערשיידן פון נאַציעס אין וויסנ־שאַפט?

איך: אין דער פאָרמולירונג פון וויסנשאַפטלעכע געזעצן אפשר נישט, אָבער אין דער אַנטוויקלונג און אָנווענדונג פון די וויסנשאַפטן — יאָ. חוץ לזה איז פאַראַן אַ באַזונדערע וויסנשאַפט פון יידנטום. אָבער, בכלל גערעדט, איז קולטור אַ סך מער ווי וויסנשאַפט. זי נעמט אַרום אַלע ספערן פון פריוואַטן און קאָלעקטיוון לעבן. זאָגט

מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס איז עס וואָס די אויסטראַליער וואָס זיינען געבאָרן פון דער ענגלישער קולטור, באַמיען זיך אַזוי שטאַרק צו אונטערשיידן זיך דווקא אַלס אויסטראַליער? פונקט אַזוי די ניו־זילענדער לגבי די אויסטראַליער...

איך האָב אים באַוויזן אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע דיכטער פאַר 20 יאָר, געדרוקט אין דער לאַטיינישער שריפט. פערציק נעמען פון פרויען און מענער וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אונטער די הימלען פון רוסלאַנד, פּוילן, אַרגענטינע, רומעניע, אַמעריקע און וואו נישט, — און פונדעסטוועגן דיכטן און זינגען זיי אין דער יידישער שפּראַך, — און אַזוי אויך אין דער העברעאישער. מיין קעגנער, דער גאַסט, איז געווען זייער פאַרוואונדערט און האָט פּלוצים מודה געווען, אַז ער פאַרשטייט אַ ביסל יידיש, אַ דאַנק זיינע עלטערן!

איך: מיר זיינען אַ לעבעדיק פאָלק און קלייבן זיך נישט צו פאַרשווינדן. אָבער ווער נישט איז מוז זיך זאָרגן וועגן אַט דעם פאָלק און זיין צוקונפט. די זאָרג קען נישט ווערן איבערגענומען אפילו פון די בעסטע צווישן נישט־יידן ווייל זייערע וואָרצלען ליגן אין אַן אַנדער נאַטירלעכן באָדן. בלייבט עס די אויפגאַבע פון אונדזער יוגנט. ווען זי פאַרנאַכלעסיקן אַט די אויפגאַבע אפילו איצט, נאָך די האַמערקלעפּ פון היטלערן און דעם שענדלעכן דורכפאַל פון דעם אַסימילאַציע־מאַסקאַראַד אין דייטשלאַנד, דעמאָלט בין איך נישט מקנא איר צוקונפט.

:: :: ::

אַט אַזאַ שמועס איז פאָרגעקומען דעם 8טן סעפּטעמבער 1940, ד"ה זיבן מיט אַ האַלב יאָר נאָך היטלערס אויפשטייג צו מאַכט, אין דעם צווייטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה.

קימבערליי — אַ שטאָט אָדער אַ ישוב?

צופעליק האָב איך זיך דערוואוסט, אַז עס איז אָקאָרשט דער־שינען אַ ניי בוך פון וו. זשאַבאָטינסקין, אונטערן נאָמען „דזהי דזשואיש וואָר פראָנט״, און אַז אין דעם בוך איז דאָ אַ קאַפּיטל וועגן דעם קימבערליי־פּראָיעקט. זשאַבאָטינסקי, וועלכער איז ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, איז געווען איינער פון די פייערדיקסטע, הונדערט־פּראָצענטיקע ציוניסטן וואָס האָבן נישט געזען קיין שום אַנדער לעזונג פון דער יידישער פראַגע אַ חוץ אַ יידישן שטאָט אין פּאַלעסטינע. ממילא האָט זיין שטעלונג לגבי אַנדערע וועלכע־נישט־איז יידישע קאָלאָניזאַציע־פּלענער געזאָלט זיין אַן אַנטשיידן־פיינטלעכע. פונדעסטוועגן האָב איך געהערט, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו אַזעלכע פּלענער.

אַז איך האָב באַקומען אין האַנט זיין לעצט בוך, געשריבן אין פעברואַר 1940, האָב איך מיט דערשטוינונג געלייענט די זייטן, געווידמעט אונדזער אַרבעט אין אויסטראַליע. עס איז נישט נאָר נישט געווען קיין שום שפור פון פיינדשאַפט, נאָר פאַרקערט, ער האָט געלויבט „די ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט״ פון די קימ־בערליי־טוער. ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם באַזונדערן כאַראַק־טער פון דער אַרבעט אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„איינער פון די באַזונדערס מערקווירדיקע שטריכן פון דעם פּראָיעקט באַשטייט אין דעם, וואָס זיין אַנטוויקלונג איז צו פאַרדאַנקען די אַלייניקע באַמיאונגען פון איין־איינציקן מענטש, און דער מענטש איז נישט יונג און נישט רייך. אויך איז ער נישט קיין בריה אין יענער אַרט פון טומלעניש, וואָס מען רופט פּראָפּאַגאַנדע. זיין איינציקער סוד באַשטייט, ווי עס ווייזט אויס, נאָר אין יענער רואיקער עקשנות, וועלכע פאַרלאַנגט היינט דאָס זעלביקע, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט נעכטן... אָט די געשיכטע איז אַזוי מערקווירדיק, ווייל

זי באַווייזט, אַז זייער וויכטיקע פּאָליטישע רעזולטאַטן קענען ווערן דערגרייכט דורך אייןָ־איינציקער, גאָר נישט אָפיציעלער פּערזאָן, נאָר אַ דאַנק דער באַנוצונג פון שכל הישר אין דער ריכטיקער צייט.״

זשאַבאָטינסקי איז איבערצייגט, אַז מען קען — דורך אויפקלע־רונג און ערלעכער פּראָפּאַגאַנדע — געווינען די צושטימונג פון אויסטראַלישן פאָלק צו אַזאַ יידישן פּראָיעקט. ער גלייבט אויך, אַז די פאַרשיידענע פיזישע און קלימאַטישע שוועריקייטן פון אַ קימבערליי־קאָלאָניע קענען איבערוואונדן ווערן מיט דער צייט. ער זעט אָבער די גרעסטע שוועריקייט אין אַן אַנדער פונקט: אין דער פּאָליטישער זייט פון דער קאָלאָניזאַציע. עס איז באַקאַנט, אַז אַלע אויסטראַלישע סימפּאַטיקער פון דעם פּראָיעקט ווילן זיך באַוואָרענען, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן נישט פאַרלאָזן קימבערליי און פאַרפלייצן די פאַר שטעט פון אויסטראַליע, וואו די אַרבעטס־מעגלעכקייטן זיינען באַגרענעצטע. דאָס איז אויך דער שטאַרקער פאַרלאַנג פון דער „פריילאַנד־ליגע״: זי וויל נישט קיין כאַאָטישע אינפילטראַציע אין די שטעט, נאָר פּלאַנמעסיקע קאָלאָניזאַציע פון ניי־לאַנד.

אָבער — ווי קען מען גאַראַנטירן דאָס פאַרבלייבן פון די פּיאָנערן? — פרעגט זשאַבאָטינסקי. עס זיינען דאָ — זאָגט ער — נאָר צוויי מעטאָדן. דער ערשטער איז צו שאַפן פאַר זיי ספּעציעלע פּאַספּאָרטן, אָן וועלכע זיי וועלן נישט טאָרן אַריין אין די אויסטראַלישע שטעט. אָבער דאָס וועט זיין אַ בזיון פאַר די קאָלאָניסטן, עס וועט זיי אַראָפּדריקן צו דער מדרגה פון יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, און עס וועט זיין קעגן די ליבעראַלע טראַדיציעס פון לאַנד. דער איינציק־אַנדערער אויסוועג איז צו „דערהייבן די קאָלאָניזאַציע־געגנט פון אָנהייב אָן צו דעם סטאַטוס פון אַן אומאָפּהענגיקן שטאַט, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער אויסטראַלישער מלוכה דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, מיט אַ ריכטיקן וויזע־סיסטעם פון ביידע זייטן. דעמאָלט וועלן די קאָלאָניסטן נישט טראָגן אויף זיך דעם צייכן פון פּאָליטישער מינדערווערטיקייט.״ אָבער — אַזאַ מין לעזונג איז פול מיט נאָך גרעסערע שוועריקייטן, און זשאַבאָטינסקי גלייבט נישט, אַז אויס־טראַליע וועט איינגיין אויף אַזאַ באַשלוס: צו דערלויבן אַ יידישן שטאַט. דערמיט איז דער קימבערליי־פּלאַן פאַראורטיילט.

דערפון מאַכט ער דעם נאַטירלעכן אויספיר, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין פּלאַץ אין דער וועלט, וואו יידן קענען ווידער ווערן אַ

שטאַטס־פֿאָלק, און דאָס איז פּאַלעסטינע. קיין פֿאָלק אין דער וועלט, אַפֿילו אויסטראַליע, וועט עס זיי נישט דערלויבן צו שאַפֿן. אין פּאַלעסטינע אָבער מוזן און וועלן זיי עס שאַפֿן.

איך בין לחלוטין נישט מסכים מיט אַזעלכע אויספֿירן. פֿון וואַנען נעמט זיך דער געדאַנק, אַז יידישע פּיאָנערן וועלן אויף זיכער פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע און אין גרויסע צאָלן זיך אַרויסלאָזן „פֿאַר־פּלייצן„ די אויסטראַלישע שטעט? אַלץ הענגט אָפּ פֿון דעם, אויף וויפֿל דער אויפֿבוי פֿון דער נייער טעריטאָריע וועט זיין עקאָנאָמיש געזונט, זעליש און מאָראַליש באַפֿרידיקענדיק. אויב „קימבערליי״ וועט זיין נישט מער ווי אַ צופֿעליקער ארץ־מקלט, ווו צונויפֿגעלאָ־פֿענע, דערשראָקענע מענטשן וועלן זוכן אַ דערוויילקן אָפּרו, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו לויפֿן ווייטער, אין די שטעט, — דעמאָלט איז עס פֿון אָנהייב אָן אַן אומנוצלעכע אַרבעט, גאָרנישט קיין קאָלאָניזאַציע. „קאָלאָניזאַציע״ מיינט אָבער נישט נאָר דעם קראַנקהאַפֿטן פּראָצעס פֿון אויסוואַנדערונג, נאָר דווקא דעם געזונטונג־פּראָצעס פֿון פּלאַנירטער איינוואַנדערונג. אַ פֿאַרוואַנדלונג פֿון פּלי־טנדיקן מענטשן־שטויב אין אַ פּערמאַנענטן מענטשהייטס־אָרגאַניזם. אויב אַ נייער מענטשלעכער ישוב וועט קענען געבויט ווערן אויף באמת־נייע לעבנס־יסודות (וויסנשאַפֿטלעכער פּלאַן, מאָדערנע טעכניק, סאָציאַלע קאָאָפּעראַציע, מאָראַלישע אידייען, יידישער גייסט), דעמאָלט וועט דער ישוב ווערן נאָענט און טייער צו די קאָלאָניסטן. דעמאָלט וועלן זיי נישט וועלן פֿאַרלאָזן און צעשטערן אים, ווייל אַ מאַסן־לויפֿעניש פֿון אים וועט דאָך הייסן צעשטערונג פֿון אייגענעם שאַפֿונגס־ווערק מיט אייגענע הענט.

נישט זעלטן קומט אויס צו הערן, אַז אַ קימבערליי וועט קיינמאָל נישט האָבן פֿאַר יידן יענע צוציונגס־קראַפֿט ווי ארץ־ישראל, אַז די שוועריקייטן פֿון פּיאָנערישער האַרעוואַניע וועלן דערפֿאַר נישט האַלטן די מענטשן אויפֿן לאַנד. אַנדערע קריטיקער גייען אַפֿילו אַזוי ווייט, ווי צו זאָגן, אַז נאָר אין ארץ ישראל זיינען יידן מסוגל צו טאָן פּיאָנערישע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט. אויב עס וואָלט טאַקע געווען אַזוי, וואָלט דער פּראָיעקט פֿאַר אויסטראַליע געווען אַ דורכפֿאַל נאָך פֿאַרן אָנהייב. אָבער עס איז נישט אַזוי!

::—::—::

ארץ־ישראל האָט טאַקע געלעבט אין יידישן זכרון און רעליג־גיעזן וועלט־באַנעם זינט טויזנטער יאָרן. אָבער דאָס קאָנקרעטע לאַנד, פּעלעסטינע, איז לחלוטין נישט געווען קיין אימיגראַציע־פּונקט אין די מאָדערנע יידישע וואַנדערונגען. מען פאַרגעסט צו־גיך די ריכטיקע געשיכטע פון אונדזער צייט. צווישן די 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט ביז 1914, האָבן אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמע־ריקע (פון רוסלאַנד און רומעניע מייסטנס), נישט וויניקער ווי אַ דריטהאַלבן מיליאָן יידן, און עכטע מענטשן־וואַנדערונג. אפילו האָבנדיק דעם נאָמען פון הייליקן לאַנד אין האַרצן, האָבן זיך אָט די מיליאָנען געצויגן צו אַ פרעמד לאַנד, וואו מען האָט געזוכט אַ שטיק ברויט און פּאָליטישע פרייהייט. די עכטע קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט, געבויט אויף לאַנדווירטשאַפט מיט אייגענע יידישע הענט, האָט זיך אין ארץ־ישראל ביז יענער מלחמה קוים אַנטוויקלט (אויב מען זאָל לאָזן אָן אַ זייט די קאָלאָניעס פון ראָטשילדן און פון דער ייקא). דער אמתער שטראָם פון איבערצייגטע און עקשנותדיקע קאָלאָניסטן, די אַרבעטער און די חלוצים, האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד ערשט נאָך דער מלחמה: זינט 1919־1920.

פאַרוואָס? מען וואָלט געקענט אָנווייזן אויף מינימום דריי וויכטיקע פאַקטאָרן. אַמעריקע האָט געהאַט שווער פאַרריגלט אירע טויערן פאַר נייע אימיגראַנטן; אין פּוילן און אוקראַינע האָבן געבושעוועט פאָגראָמען אויף יידן; עס איז פאַרעפנטלעכט און באַשטעטיקט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. דער לעצטער פאַק־טאָר האָט אויפגעוועקט אין דער יידישער נשמה נאַציאָנאַל־פּאָליטישע האָפענונגען און שטרעבונגען פון אַ גאַנץ גוואַלטיקער נאַטור. פּאַלעס־טינע איז שוין נישט נאָר געווען דער צענטער פון רעליגיעזע און ראָמאַנטישע געפילן; פּאַלעסטינע איז געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר עקאָ־נאָמישער הילף צו די געפּלאָגטע מאַסן, אַ פּונקט, אין וועלכן אַ יידישער שטאַט קען אויפגעבויט ווערן, אַ גרויסער שטח פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון פּלענער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. מאָטיוון פון אַמאָליקן יידישן עבר האָבן זיך פאַרבונדן מיט די העכסטע שטרעבונגען צו דער יידישער צוקונפט, — און ארץ ישראל איז געוואָרן דער ברען־פּונקט פון מאָדערנעם יידישן משיחיזם. ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די וואונדערבאַרע לאַנד־קאָלאָניזאַציע

אין פּאַלעסטינע, וועלכע האָט איבערצייגנדיק באַוויזן, וואָס אַ יידישער פאָלקס־מענטש קען אויפטאָן.

דאָס באַווייזט אָבער בפירוש נישט, אַז יידן קענען אַנטוויקלען אַ שעפערישן אידעאַליזם נאָר אין ארץ ישראל. עס איז ווייניק באַקאַנט, אָבער עס איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער פאַקט, אַז יידישע מאַסן האָבן — אין לויף פון 19טן יאָרהונדערט — נאָך צוויי מאָל באַוויזן זייער אַקטיוון אינטערעס פאַר פּיאָנערישער אַגראַר־אַרבעט. אין אָנהייב פון יענעם יאָרהונדערט, צווישן 1807 און 1830, האָבן די רוסישע צאַרן (אַלעקסאַנדער דער ערשטער און ניקאָלאַי דער ערשטער), געגעבן די יידן די מעגלעכקייט צו בויען אייגענע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד. עס איז מערקווירדיק צו לייענען די באַריכטן פון יענער צייט, געשריבענע פון נישט זייער יידן־פריינד־לעכע באַאַמטע, און צו זען מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט די פאַר־אָרעמטע אָבער לעבנסלוסטיקע מאַסן האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם אָנבאָט. זיי זיינען אין די צענדליקער טויזנטער געפאָרן און גע־גאַנגען סיי קיין דרום־רוסלאַנד, סיי קיין סיביר. זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין די ביטערסטע נויט און קעלט אויף די וועגן, זיי האָבן אומעטום איבערגעלאָזן אומצאָליקע קרבנות, אָבער זיי האָבן זיך באַוועגט צו דעם ציל: ערד־אַרבעט. אַ פאָלק, וואָס האָט כמעט צוויי טויזנט יאָר נישט געפירט קיין נאַטירלעכן לעבן אויף דער ערד, האָט זיך — ביי דער ערשטער היסטאָרישער מעגלעכקייט — צוריק־געפונען און ווי אויפגעלעבט. איז דאָס נישט אַ פּאַטעטישער אויגנ־בליק אין לעבן פון אַ פאָלק?

עס איז נישט צו באַשרייבן מיט וועלכע אומגעהויערע שווע־ריקייטן און קרבנות יענע יידן האָבן געבויט זייערע קאָלאָניעס. עס איז דאָך געווען דאָס אַלטע, ביוראָקראַטישע, מענטשן־פּייניקנדיקע און פינצטערע רוסלאַנד. אָבער אָט די מענטשן, אָן פינאַנציעלע מיטלען, אָן אַרבעט־קענטעניש, אָן פריערישע טראַדיציעס, — האָבן דאָך אויפ־געבויט צענדליקער קאָלאָניעס מיט יידיש־קלינגענדיקע נעמען. זיי האָבן זיי שפּעטער פאַרטיידיקט קעגן אַלע קלעפּ פון דער נאַטור; זיי האָבן זיך דורכגעהאַלטן אין אַלע קריזיסן פון צאַריזם, פון מלחמה, פון רעוואָלוציע, פון בירגער־קריג. אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער גענומען צוהעלפן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, זיינען יענע קאָלאָניעס שוין געווען איינגעוואָרצלטע

ישובים, מיט אַ קליינער, אָבער אויסגעשפּראָכענער יידישער פּויערים־שאַפט, (אַן ערך 30,000). עס איז היסטאָריש וויכטיק, אַז יידן האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלס פּעאיק צו אַן אַנדער אַרט לעבן ווי מען האָט פריער געמיינט.

אין די 90ער יאָרן האָט זיך פּלוצים באַוויזן דער באַראָן הירש, אין פּאַריז, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע יידישע איבערוואַנדערונג פון רוסלאַנד קיין אַרגענטינע. ער האָט געגרינדעט די „ייקאַ", אַריינגעלייגט אין איר מיליאָנען פונטן און אָנגעהויבן אַריבערפירן גרופּעס יידישע מענטשן אין די ברייטע, אומ־באַאַרבעטע פּאַמפּאַס, כדי צו גרינדן דאָרטן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. עס איז ווידעראַמאָל געווען אַ געוואַגטער שריט אין דער יידישער געשיכטע, ווידעראַמאָל האָבן זיך געפונען צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס האָבן אָנגענומען דעם אָנבאָט. עס לוינט זיך צו ליינען די ליידנס־געשיכטע פון די דאָזיקע איבערוואַנדערער (למשל, די דריי בענדער פון אַלפּערסאָנען), ווי זיי האָבן עס אָן דערפאַרונג, אָן אַ ריכטיקער אויפפּאַסונג, פאַרוואָרפן אין דער גרינער און געפערלעכער וויסטעניש, דאָך איבערגעקומען די ליידן און אויס־געבויט קאָלאָניעס. אויב עס וואוינען דאָרטן היינט־צו־טאָג נישט מער ווי אַ 30,000 מענטשן, זיינען דערצו געווען טיפע אורזאַכן, אויף וועלכע מען קען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. די וויכטיקסטע סיבה איז געווען דער אַדמיניסטראַטיווער פּלאַן פון אויפבוי, ביי וועלכן מען האָט אָפּגענומען פון די קאָלאָניסטן כמעט יעטוועדע איניציאַטיוו. אָנשטאָט אַ שטענדיק וואַקסנדיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג, איז געשאַפן געוואָרן אַ ביוראָקראַטישע מאַשין, וואָס האָט געהערשט איבער די ערד־אַרבעטער פון אויבן. פאַר אַ יידישער קאָלאָניזאַציע איז גלייך שעדלעך, סיי אַ מלוכהשע ביוראָקראַטיע (ווי אין רוסלאַנד), סיי אַ פילאַנטראָפּישע (ווי אין אַרגענטינע).*

אָבער דער וויכטיקער פאַקט בלייבט, אַז יידן האָבן זיך יעדעס מאָל געצייגט נוטה אריבערצוגיין פון די שטאָטישע באַשעפטיקונגען צו דער שווערער פּיאָנער־אַרבעט אויף ערד. עס איז באַצייכנענדיק, אַז ווען עס האָבן זיך שפּעטער — אָדער גלייכצייטיק — אָנגעהויבן

* געוויער וועגן דעם זע מיין אַרטיקל אין דער יידישער ענצי־קלאָפּעדיע: יידן, באַנד 1.

די ערשטע פּרוּוון צו באַאַרבעטן ערד אין פּאַלעסטינע, זענען זיי געווען ציִטלעך פאַרבונדן מיט די ערשטע רוסישע קאָלאָניעס. די יונגע סטודענטן־גרופּע „בילו" האָט זיך געבילדעט אין כאַרקאָוו און קיעוו; די געזעלשאַפט „חובבי ציון", מיט אוסישקינען בראש, האָט זיך אַנטוויקלט אין אָדעס. אָבער כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס זענען אַלע דרום־רוסישע שטעט, ד. ה. נאָענטע צו די קאָלאָניעס. הייסט עס, אַז דער חשק צו ערד־אַרבעט האָט זיך אַקטיוו דערוועקט אין די ערשטע ציוניסטישע קרייזן אַ דאַנק די דערפאַרונגען און איינפלוסן פון חוץ לארץ, נישט פון — פּאַלעסטינע.

**
*

פאַרוואָס זאָל, אַלזאָ, „קימבערליי" זיין אויסגעשלאָסן פון דער אַקטיווער יידישער צוקונפט? געוויס באַזיצט עס נישט די ראָמאַנטיש־מאַגנעטישע קראַפט פון אַמאָליקן היימלאַנד, אָבער צי האָט עס נישט — אין דער איצטיקער היסטאָרישער עפּאָכע — אַנדערע פּאָזיטיווע מאָמענטן? עס שיינט אויף פאַרן יידישן אויפגעטרייסלטן באַוווסטזיין אין אַ צייט, ווען מיליאָנען יידישע פאָלקס־קינדער שטייען פאַרן תהום, אָדער אין תהום גופא. „נויט" איז שוין מער נישט קיין אויסדרוק פאַר דער עקאָנאָמישער און פיזישער צעשטערונג פון יידישן פאָלקס־קערפּער. די פּערספּעקטיוון פון דער נאָך־מלחמה־אייראָפּע זענען זייער אומקלאָר פאַר אָט די אַנטוואָרצלטע מאַסן־שיכטן. יעדנ־פאַלס וועט דער פּראָצעס פון זיך־ווידער־איינפלאַנצן אין דער חרובער אייראָפּעאישער ווירטשאַפט זיין אַ שמערצלעכער. די אַריבערפלאַנצונג פון מיליאָנען קיין א"י וועט אויך זיין אַן אוממעגלעכקייט. אין פאַר־גלייך מיט אַזאַ פּערספּעקטיוו וועט די אידייע פון אַ געאָרדנטער קאָלאָ־ניזאַציע פון אַ קימבערליי אין אַ דעמאָקראַטישן לאַנד ווערן איינע פון די מאַגנעטישע אידייען פאַרן פאָלק.

צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער נויט און פאַקטישער היימלאָזי־קייט וועלן אָבער ווירקן אויך גייסטיקע פאַקטאָרן. „קימבערליי" וועקט נישט די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע געפילן פון יידישן מענטשן? דאָס איז ריכטיק. אין קימבערליי איז נישטאָ קיין אויסזיכט אויפצובויען אַ יידיש־נאַציאָנאַלן שטאַט? דאָס איז אויך ריכטיק. אָבער דאָרטן שימערן פאַראויס האָפנונגען פון אַן אַנדער אַרט, וואָס זענען אויך וויכטיק געווען. עס איז דאָ די מעגלעכקייט נישט נאָר פון ראַטעווען

זיך פון אונטערגאַנג, נאָר אויך פון אַקטיוון, שעפערישן, מאָדערנעם יידישן לעבן. עס איז מעגלעך צו בויען אַ ישוב אויף ערלעכע יסודות פון פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע. עס איז מעגלעך צו שאַפן דעם באָדן פאַר אַן אומגעשטערטן קולטורעלן אויפשטייג, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער ווערדע, — אין יידישן גייסט. זענען דאָס אַלץ נישט קיין צוּיבערהאַפטע אידייען, וואָס קענען דערוועקן דעם טיפסטן אידעאַליזם? און וועט נישט אַזאַ אידעאַליזם אויפאַקערן די קימבערליי־ערד און באַווייזן דאָרטן וווּנדער, ענלעכע צו א״י? פאַרוואָס זאָלן די קאָלאָניסטן דעמאָלט נאָר טראַכטן וועגן פאַנאַנדערלויפן זיך אין די פּאָר אויסטראַלישע גרויס־שטעט?

עס איז בכלל פאַלש צו שטעמפּלען דעם ייד נאָר אַלס „שטאָטישן" מענטשן. פון דער געשיכטע ווייסן מיר, ווי אַזוי עס איז דערצו געקומען, אַז דער ייד האָט זיך קאָנצענטרירט אין די שטעט. דורות פון שטאָטישן לעבן האָבן, אָן צווייפל, ארויפגעלייגט זייער צייכן אויף זיין פּסיכאָלאָגיע און אָרט דענקען. אָבער — דאָס אַלץ איז נישט קיין ראַסישער, נאָר אַ סאָציאַלאָגישער צייכן; עס ליגט נישט אין זיין בלוט, נאָר אין זיין לעבנס־לאַגע. ווו נאָר די געשיכטע לאָזט אָפּ די אייזערנע צוואַנגען, אין וועלכע זי האָט אים פאַרקלעמט, דערוואַכט אין אים די תשוקה אַרויס פון שטאָט. אַז נישט, וואָלט נישט מעגלעך געווען דער גרויסער וווּנדער פון די הונדערטער, טויזנטער חלוצים, פאַלעסטינע־פּיאָנערן, וואָס האָבן אַזוי שנעל איבערגעאַנדערשט זייער לעבנס־וועג. אויך אַ סך פון זיי זענען געווען קינדער פון פאַרמעגלעכע סוחרים קרייזן, פון אינטעליגענץ, — דאָך האָבן זיי זיך סאָציאַל און זייליש איבערגעמאַכט. זיי האָבן פאַרענדערט דעם פּנים פון פאַלעסטינע נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן פריער פון אַלץ פאַרענדערט זיך גופא.

אין די נאָרמאַלע לענדער מיט אַ ברייטער פּויערים־און־דאָרף באַפעלקערונג איז — זינט דעם קאַפּיטאַליזם — מערקטיק אויסגעוואַקסן דער שטראָם פון דאָרף צו דער שטאָט. אין ענגלאַנד און אויסטראַליע איז עס אַ קלאָרע דערשיינונג. עס איז נישט נאָר יאָגעניש נאָך בעסערע לוינען; עס איז אויך אַ שטרעבן צו אַ מער קולטורעלן אָדער קאָמפאָרטאַבלען לעבן. אָבער יידן? זיי זענען פאַרמאַטערט פון גרויס־שטאָטישן לעבן און פון דער שטאָטישער ציוויליזאַציע. דוקא דער־

פאַר, ווייל דער ייד איז אזוי טיף אַריינגעדרונגען אין די געדערים פון דער שטאָט און איז געוואָרן אַ „שטאָטיש פאָלק”, איז ער פאַר־מאָטערט פון איר. פון דעם שטאָטישן מעכאַניזם, וואָס האָט אים געבראַכט אַזויפיל ליידן און דערנידערונגען, וויל ער — באַוווסט צי אומבאַוווסט —אַוועקגיין צום דאָרף. עס איז אים היסטאָריש נמאס געוואָרן צו בלייבן שטענדיק דער פאַרמיטלער, דער הענדלער, דער לופט־מענטש, וועלכער איז נויטיק אין די ערשטע סטאַדיעס פון אינדוסטריעלן אויפבוי פון אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. דעמאָלט רופט מען אים צו זיך, מען גיט אים פּריווילעגיעס, מען שיצט די רעכט פון דער הון וואָס לייגט גאָלדענע אייער (אין דייטשלאַנד, אין פּוילן, אומעטום). ווי נאָר די אָפּגעשטאַנענע לענדער בויען זיך אויף און זייערע פּויערים־שיכטן נעמען שטרעבן אין די שטעט, ווערט דער „יידישער סוחר” אַ שטערונג אין לעבן און אַ שונא.

וויל נישט מער די ידישע יוגנט שפּילן די דאָזיקע אומווירדיקע און אָלץ מער אומנויטיקע ראָלע, וויל זי זיך צווועגדן צו די פּראָ־דוקטיווע, די שאַפנדיקע אַרבעט־פּראָצעסן. וויל זי אויך צולייגן אַ האַנט צו דער מוטער־ערד, צו די גרונטיקע מענטשלעכע אַרבעטן. ק אָ ל אָ נ י ז אַ צ י ע גיט איר די מעגלעכקייט צו טאָן עס אין אַ ברייטן פאַרנעם, און דערביי אין אַ ניי לאַנד, וואָס איז נאָך פריי פון די האַס־געפילן פון אייראָפּע, וואָס באַזיצט נאָך נישט די טרויעריקע טראַדיציעס פון בלוטיקער קאָנקורענץ. קאָלאָניזאַציע באַדייט פאַרן אייראָפּעאישן יידן די כשופדיקע האָפנונג פון אַ „מעשה בראשית” אין אַ טאָפּלדיקן זינען: דעם אָנפאַנג פון אַ נייעם פּרוכטבאַרן לעבן אויף ע ר ד, און דעם אָנפאַנג פון אַ ווירדיקן לעבן אין אַ נ י י ל אַ נ ד. עס וועט אפשר נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די יידישע יוגנט קען ווערן דאָס בעסטע פּיאָנערן־פאָלק אין 20טן יאָרהונדערט. די פּיאָנערן „פאַר עקסעלאַנס”. ווייל זיי האָבן די גרעסטע דערפאַרונג פון ריין־שטאָטישן לעבן שוין הינטער זיך, וועלן זיי נישט קוקן אויף צוריק, וועלן זיי אין די נייע ישובים זען זייער שטענדיקן היים אויף להבא. געוויס, אין זייערע אויפבוי־פּראָצעסן וועלן זיי נישט פאַראַכטן די „שטאָט” אַלס אַזעלכע; זיי וועלן אָבער אַריבערנעמען פון איר נישט מער ווי דאָס געזונטע און דאָס עכטע, און אַריינבויען עס אין די ווענט פון זייערע נייע היימען. עכטע קולטור און עכטע

פאַרגעניגנס פון לעבן (אריינרעכנדיק ביכער, מוזיק, קינאָ, ראַדיאָ, פריילעכקייט, געזעליקייט, וויסנשאַפט), קען אַ מאָדערנע קאָלאָניע פאַר־שאַפן נישט ווייניקער ווי די שטאָט.

עס איז, אַלזאָ, נישטאָ קיין שום גרונט אָנצונעמען, אַז די קאָלאָ־ניסטן פון קימבערליי וועלן זיין באַשטרעבט אין זייער מאַסע צו אַנט־לויפן פון דאָרטן. עס איז דערפאַר נישט נויטיק צו פאַרלאַנגען דעם סטאַטוס פון אַ י י ד י ש ן ש ט אַ ט , כדי אויפצוהאַלטן דעם אָפּפלוס פון די פּיאָנערן אין די שטעט. צוליב דעם אליין קען מען נישט ארויסרוקן אַ פאָדערונג פון אַזאַ גרויסן היסטאָרישן באַדייט, ווי די שאַפונג פון אַ נייעם שטאַט אין דער וועלט.

זשאַבאָטינסקי דערמאָנט דאָ דעם יידישן שטאַט, ווייל ער האַלט, אַז ד אָ ס איז די איינציקע גרויסע אידייאישע מאַכט, וואָס קען האַלטן יידישע פּיאָנערן צוזאַמען און געבן זיי אַ פּאָזיטיוון לעבנס־צוועק פאַר דער צוקונפט. פאַר אים, ווי פאַר אַ סך ציוניסטן און יידישע נאַציאָנאַליסטן (למשל י. לעשצינסקי), איז דער „ש ט אַ ט״ דער צענטער פון זייערע פּאָליטישע און גייסטיקע באַשטרעבונגען. די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק זעען זיי בלויז אין זיין מלוכהלאָזן לעבן צווישן די פעלקער. זיין אויסלייזונג זעען זיי אין דער אויס־קעמפונג פון אַ מלוכהשער עקזיסטענץ אין א״י, „גלייך ווי אַלע פעלקער״. פאַר זיי זענען די פאַר מאַגנעטישע ווערטער „מלכות ישראל״ פונקט אזוי פול מיט גלאַנץ און קראַפט, ווי פאַר סאָציאַליסטן אַמאָל די ווערטער: „אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט״ אָדער „וועלט־רעוואָלוציע״. זשאַבאָטינסקי וויל, אַז איבער דער ניקער יידישער געזעלשאַפט זאָל שטאָלץ און מאַכטפול ווייען די פאָן פון אַ יידישער מלוכה צוליב וועלכער עס זאָל זיך לוינען צו לעבן און צו שטאַרבן.

אויך אין דער אידייע קען איך נ י ש ט מער גלויבן היינט־צו־טאָג. טאַקע „אַלע פעלקער״ באַזיצן שטאַטן יעדער פאַר זיך, און די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געשאַפן אַ רייע נייע שטאַטן. אָבער — צי איז די מענטשהייט געוואָרן דערפון גליקלעכער? צי איז נישט דורך דעם די ענערגיע פון פעלקער אזוי שטאַרק פאַרנוצט געוואָרן פאַרן אויפבוי פון שטאַט, אַז מען האָט פאַרנאַכלעסיקט די

אַנדערע לעבנס־געמיינשאַפטן אין פאָלק גופא: די פאַמיליע, די גאַס, די בילדונג, די סאָציאַלע מאָראַל. 1)

צי איז ניט דורך דעם קאָנצענטרירן זיך אויף מ י י ן שטאַט, („ראַיט אָר ראָנג, מאַי קאונטרי") אויסגעוואקסן יענע גלייכגילטיקייט און פיינטשאַפט צו די שכנותדיקע שטאַטן, וועלכע מוז פירן, פריער אָדער שפּעטער, צו מלחמות? טויזנטער אומגעריכטיקייטן און נאַרישקייטן, וואָס דורכשניטלעכע מענטשן פאַראורטיילן אין זייער קליינעם פּריוואַט־לעבן, ווערן פאַרוואַנדלט אין גערעכטע און קלוגע געשעענישן, ווי נאָר זיי ווערן באַהעקט מיט דעם פּאַטריאָטישן מאַנטל

1) דער דייטשער ראַדיקאַלער שרייבער רודאָלף ראָקער, האָט אין זיין בוך וועגן „נאַציאָנאַליזם און קולטור" באַוויזן ווי די שעפערישע ענערגיע פון דייטשן פאָלק האָט זיך געענדערט אין איר איכות (ווען ניט אין כמות) אין לויף פון 19טן יאָרהונדערט. ניט געקוקט אויף דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער שוואַכקייט פון די אומצייליקע קליינע דייטשע מלוכהלעך, איז דאָס דייטשע פ אָ ל ק געווען גרויס אויף די געביטן פון גייסט: פילאָזאָפיע, מוזיק, ליטעראַטור. הגם אומוויכטיק אין פּאָליטישן זינען, איז עס געווען אַ פירנדיקע וועלט־מאַכט אין קולטור. זינט דעם אויפשטייג פון דער „גרויס־דייטשער" אידייע (פאַראייניקונג פון אַלע דייטשן אין איין שטאַט) און פון דער דייטשער בורזשואַזיע, האָט זיך די פאָלקס־ענערגיע איבערגעטראָגן אויף דעם פּאָליטישן געביט. און זינט דאָס „דייטשע רייך" איז געשאַפן געוואָרן אין 1871, האָט זיך די ענערגיע קאָנצענטרירט אויפן אויפבוי פון דער אימפּעריע, פון מיליטערישן כח, פון קריגערישן פּלאַט, פון אַ מאַכטפולער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק, פון אַ צענטראַליזירטן, סאָלדאַטישן פּאָליטישן רעזשים. די שעפערישע קראַפט איז ווי אָפּגעפלאָסן פון די פילאָזאָפישע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע ספערן צו די געביטן פון עקזאַקטער וויסנשאַפט, טעכניק, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, — אַלץ אַזעלכע געביטן וואָס האָבן געשטאַרקט און פאַרטיפט דעם בנין פון דעם נייעם דייטשן שטאַט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אָט דער שטאַט איז תיכף אריינגעטראָטן אין אַ שאַרפער קאָנקורענץ מיט די אַנדערע, און אַ נאַקעטער פּאַטריאָטיזם האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די פריערדיקע זיילישע יסודות ביי אַ „פאָלק פון דיכטער און דענקער."

פון מלוכהשן אינטערעס. נישט נאָר די „מלוכה״ אין איר איבער־מענטשלעכן גלאַנץ, נאָר טאַקע איינצלנע מלוכה־טוער, וואָס רעדן כלומרשט אין איר נאָמען, דערלויבן זיך צו פאַרגוואַלטיקן זייערע אייגענע פעלקער, צו שטיקן די נאַטירלעכע מענטשלעכע סאָלידאַריטעט. עס איז אַ טרויעריק בילד פון אונדזער געשיכטע, אפילו ווען מען רעדט פון דעמאָקראַטישע שטאַטן. די אומשטערבלעכע וואָרנונג פון דעם נביא שמואל קעגן אַ קעניג (שמואל א׳, קאַפּיטל ח׳), בלייבט ריכטיק עד היום. דאָס פּאָליטישע און סאָציאַלע דענקען, דאָס מענטשלעכע געוויסן וועלן נאָך מוזן אַ סך טיפער און לײַדנשאַפטלעכער אַרבעטן, כדי אויסצואיידלען און צו פאַרמענטשלעכן דעם געפערלעכן בנין פון דער מלוכה.

***

אָבער אין דער איצטיקער מלחמה האָבן די שטאַטן אפילו נישט באַוויזן דעם כוח צו פאַרטיידיקן זיך גופא, צו באַשיצן זייערע דערונגענשאַפטן. דורות־לאַנג האָבן עקזיסטירט אַזעלכע שטאַטן ווי די סקאַנדינאַווישע, ווי האָלאַנד, ווי בעלגיע; צענדליקע יאָרן — טשעכאָ־סלאָוואַקיע און פּוילן. זיי האָבן אויסגעבילדעט פאַר זיך אייגענע גרעניצן, טאַריפן, בריף־מאַרקעס; זיי האָבן פאַרמאָגט אייגענע מלכים, אַרמייען, גענעראַל־שטאַבן, דיפּלאָמאַטיע. זיי האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּלעצער אין דער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע און פון דער וועלט, אַלס זעלבסטשטענדיקע שטאַטן. — און אונטער דעם אייזערנעם דרוק פון אַ היטלער־מאַשין, זענען זיי דורך נאַכט פאַרניכטעט געוואָרן אַלס שטאַטן. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן נישט געהאָלפן בעת די מלחמה־געפאַר איז געוואָרן רעאַל. זינט יאָרן האָבן זיך פאַרזאַמלט און געשלאָסן פריינטשאַפט־בונדן די פיר נאָרדישע שטאַטן: פינלאַנד, דענמאַרק, שוועדן, נאָרוועגיע. אין די דריי לעצטע האָבן אפילו רעגירט די אַרבעטער־פּאַרטייען. אָבער אַז פינלאַנד איז אַטאַקירט געוואָרן פון רוסלאַנד, האָבן די אַנדערע דריי נישט געקענט אַקטיוו העלפן. אַז דענמאַרק און נאָרוועגיע זענען באַפאַלן געוואָרן פון היטלערן, האָט שוועדן געמוזט צוקוקן הילפלאָז. דענעמאַרק מיט איר סאָציאַליסטישער רעגירונג האָט אפילו פאַקטיש געשלאָסן אַ בונד מיטן שונא, כדי צו בלייבן ביים לעבן. האָלאַנד און בעלגיע האָבן אָפּגעהיט זייער כלומרשטדיקע נייטראַליטעט, און אַזוי לאַנג

געשפּילט מיט זייער „זעלבסטשטענדיקייט", ביז זיי זענען פאַרשלונגען געוואָרן פון היטלעריזם. די קאָרטן־הייזלעך פון זייערע שטאַטן און אַרמייען זענען איינגעפאַלן אין דעם זודיקן שטראָם פון נאַצישן פייער און שטאָל.

מען מוז דאָך שטעלן די פראַגע: צי קענען אַזעלכע קליין־שטאַטן ווייטער עקזיסטירן אין דער זעלביקער געשטאַלט ווי ביז איצט? צי האָט עס זיך געלוינט פאַר זייערע פעלקער אויפצוהאַלטן מיט אַזויפיל כוח און ענערגיע די מלוכה, כדי צו פאַרלירן זי אַזוי לייכט? זיי אַלע האָבן אַזוי אייפערזיכטיק אָפּגעהיט זייערע גרענעצן און אַלע מעגלעכע צייכנס פון זייער זעלבסטשטענדיקייט, כדי מיטאַמאָל „פאַר־אייניקט" צו ווערן אונטערן שטיוול פון דעם ערגסטן דיקטאַטאָר. צי האָבן זיי נישט געזאָלט זיין פאַראייניקט צווישן זיך אַ סך פריער אין אַ פרידלעכן, איבער־מלוכהשן צונויפבונד? טאַקע דערפאַר איז איצט אַזוי פּאָפּולער געוואָרן דער געדאַנק פון שאַפן די אייראָפּעאישע פ ע ד ע ר א צ י ע, די „פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע". אַ פעדע־ראַציע מיינט, ראשית כל, אַז די איינצל־שטאַטן וועלן מוזן זיך אָפּ־זאָגן פון אַ געוויסן טייל פון זייער אייגנמאַכט (סוווערעניטעט), אָפּ־טרעטן זי צו אַ פּאָליטישער אויבערמאַכט פון די פאַרבונדענע שטאַטן. דער עגאָאיסטישער, אייפערזיכטיקער ווילן פון די איינצל־שטאַטן זאָל אַזוי אַרום באַשרענקט ווערן דורך דעם קאָלעקטיוון ווילן פון די אין אַ פאַמיליע אָרגאַניזירטע פעלקער.

די געפאַר פון מלחמות, פון בלוטיקע און עקאָנאָמישע קאָנפליקטן זאָל דערמיט אויסגעמיטן ווערן. דאָס איז די האָפנונג פון די באַ־גייסטערטע אָנהענגער פון פעדעראַציע־געדאַנק. מיר דוכט, אַז עס ליגט נאָך אַ טיפערער זינען אין דער דאָזיקער אידייע. אויב די שטאַטן וועלן באמת לאָזן באַשרענקען זייערע „סוווערענע רעכט", וועט עס באַפרייען זיי און זייערע פירער פון אַ גוואַלטיקער צאָל אויפ־גאַבן, וואָס היינט זענען זיי אויס וויכטיק ביז גאָר פון מלוכהשן שטאַנד־פונקט. גרענעצן־און פּרעסטיזש־פראַגן, דיפּלאָמאַטישע און מיליטע־רישע ענינים, וואָס פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דער פּאָליטיק פון לענדער, וועלן אַלץ מער באַשרענקט, אַטראָפירט ווערן. ממילא וועט די שעפערישע ענערגיע פון פאָלק געווענדעט ווערן צו אַנדערע לעבנס־אויפגאַבן: צו פראַגן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון אינטעלעק־טועלער און מאָראַלישער קולטור, פון פיינערע מענטשן־באַציאונגען.

וואָס וויניקער פאָלקס־ענערגיע ווערט געווידמעט צום שטאַט, אַלץ מער פאַרבלייבט פאַר דער געזעלשאַפטלעכער און אינדיווידועלער נישט־מלוכהשער טעטיקייט. און טאַקע אַ דאַנק דעם וועט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקן דער עכטער צווישן־פעלקערלעכער שלום און די איבער־מלוכהשע אָרדנונג.

דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז עס וועלן מוזן אונטערגיין די פעלקער אַלס אייגנאַרטיקע איינהייטן ; אַז נאָרוועגיע, דענעמאַרק, בעלגיע א. אז. וו. וועלן מער נישט עקזיסטירן אַלס אַזעלכע אין אַ נייער אייראָפּעאישער פעדעראַציע. אַ פעדעראַציע איז ווי אַ פאַמיליע : יעדער מיטגליד איז און בלייבט אַ פּערזענלעכקייט פאַר זיך, מיט אַלע אירע אייגענע מעלות טובות, אָבער ער איז גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון אַ העכערער איינהייט. די געוועזענע קליינע שטאַטן קענען פאַרלירן (אָדער, בעסער געזאָגט, באַפרייען זיך) פון זייער מיליטערישער, דיפּלאָמאַטישער, מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט, אָבער זיי וועלן פאַרבלייבן אַלס עקאָנאָמישע, גייסטיקע און קולטורעלע נאַציאָנאַל־איינהייטן. די גרענעצן צווישן זיי וועלן זיין נישט די מיט וואָפן, פאַלשקייט און שרעק באַצייכנטע „גרענעצן”, נאָר די נאַטירלעכע אונטערשיידן פון נאַציאָנאַלער קולטור און אייגנאַרטיקעקאָנאָמישן לעבן. די אידייע איז נישט ניי, אָבער נאָך די בלוטיקע דערפאַרונג פון צווייטן וועלט־קריג וועט מסתמא די צויבער־אידייע פון שטאַט שטאַרק דיסקרעדיטירט ווערן.

די גרויסע פראַגע איז נאָר, צי וועט אַזאַ שטאַטן־פעדעראַציע קענען דורכגעפירט ווערן אין די ראַמען פון דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדנונג. צי וועלן די שטאַטן קענען עפּעס באַשליסן פאַר דער וועלט אַזוי לאַנג ווי ביי זיך אין דער היים שטייען זיי אונטער דעם דרוק פון עגאָאיסטישע קלאַסן ? איינס איז אָבער קלאָר : די אידייע פון שטאַט האָט אויפגעהערט צו זיין די וויכטיקסטע פאַר דער צוקונפט. און אויב אַזוי, צי האָט עס וועלכן נישט איז היסטאָרישן זינען צו שאַפן אַ נייעם, יידישן שטאַט אין דער וועלט ? וועט ער ביישטייערן צום שלום פון דער מענטשהייט, צו אַ בליענדיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק גופא ?

איך צווייפעל אין דעם זייער שטאַרק, אויך בנוגע אַ יידישער מלוכה אין פאַלעסטינע. וואָלט מען אין די ציוניסטישע רייען נישט אָפּגעבן זיך אַזוי שטאַרק מיט דער אידייע, וואָלט מען זיכער נישט

געשאַפן דעם שווערן קאָנפליקט צווישן יידן און אַראַבער. געוויס וואָלט פון אַ יידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין א״י מיט דער צייט אַרויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע יידישע פּאָליטיש־עקאָנאָמיש־קולטורעלע געזעלשאַפט. די פראַגע איז נאָר, צי האָט אָט די געמיינשאַפט געמוזט שטרעבן דווקא צו דער פאָרם פון דעם אין איראָפּע באַקאַנטן שטאַט. כדי צו באַקומען אַזאַ שטאַט אין די אייגענע הענט, האָט מען געמוזט שטרעבן צו אַ מערהייט פון יידן אין לאַנד, און דאָס האָט געמוזט אַרויסרופן חשד און קעגנערשאַפט ביי די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן. אַזוי אַרום האָט זיך אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער פאָלקס־ענערגיע אַריבערגעטראָגן פון די שעפערישע ספערן פון אויפבוי (די וואונדער־באַרע לאַנדווירטשאַפט־קאָלאָניעס, די קבוצות, די שטאָטישע קאָ־אָפּעראַציע, די שולן, די קונסט, די סאַניטאַריע) צו די טומלדיקע אָבער פּרוכטלאָזע געביטן פון פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, סטראַטעגיע א. אז. וו. אין דער פּאַלעסטינער יידישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק (אויך אין דער ציוניסטישער פון חוץ לארץ), האָט זיך באַפעסטיקט אַ דורכ־אויס־פּאַטריאָטישער סטיל. ד. ה. אַ סיסטעם פון זעלבסט־פאַר־הערלעכונג און זעלבסט־באַוואונדערונג, וואָס דערפון קומט קיינמאָל נישט צו קיין געזונט. דיליידנשאַפט פון דער יוגנט איז קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דעם איין־איינציק פּאָליטישן צוועק — יידישע מלוכה. אַזאַ ליניע מוז מיט נויטווענדיקייט פירן צו דער אָפּשוואַכונג פון די אַלגעמיין־מענטשלעכע, מאָראַלישע ווערטן אין דער יידישער קולטור.

:: :: ::

דערפאַר איז נישטאָ קיין שום גרונט (פון יידישן און אַלגע־מיינעם שטאַנדפּונקט) צו ווינטשן זיך דווקא אַ יידישן שטאַט אין קימבערליי. פאַרקערט: איינע פון די אָנציענדיקסטע מעלות אין דעם פּראָיעקט באַשטייט אין זיין נישט־פּאָליטישן כאַראַקטער. לאָמיר זען וואָס קען געשאַפן ווערן פון אַן ענערגישער און געזונטער יוגנט, ווען זי קאָנצענטרירט אַלע אירע כוחות אויף די דריי וויכטיקסטע געביטן פון לעבן: עקאָנאָמישער אויפבוי, גייסטיקע אַנטוויקלונג, מאָראַלישער אויפשטייג.

קימבערליי־ישוב זאָל ווערן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון אויסטראַלישן שטאַט, ד. ה. אַז ער שטעלט זיך נישט פאַר אַ ציל אויסצובויען אַ דורכאויס־יידישע פּאָליטישע איינהייט פאַר זיך אליין.

די אַדמיניסטראַציע, דאָס געזעץ, די אָפיציעלע שפּראַך, — זאָלן זיין די זעלביקע ווי אין גאַנץ אויסטראַליע. עס וועלן אזוי אַרום ניט געשאַפן ווערן וועלכע נישט איז גרענעצן צווישן יידישן קימבערליי און דעם איבעריקן אויסטראַליע. פּאָליטישע גרענעצן זענען שטענדיק געווען דער מקור פון פּאָליטישע מיספאַרשטענדענישן און קאָנפליקטן. וואָס ווייניקער גרענעצן, אַלץ מער קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש פון די שכנים, אַלץ מער פאַרבינדונג פון קימבערליי־גורל מיטן אַלגעמיין־אויסטראַלישן.

דערפאַר אָבער וועט דער גאַנצער סכום פון דער יידישער פאָלקס־קראַפט אָפּגעגעבן ווערן צו דער קאָנסטרוקטיווער זייט פון דעם נייעם ישוב. די אויפגאַבן, וועלכע שטעלן זיך אַוועק פאַר מאָדערנע יידישע קאָלאָניסטן — אין די אויבנדערמאָנטע דריי געביטן — זענען אזוי רייך און גרויס, אַז עס פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע צו טראַכטן וועגן זיי. עס איז גענוג אויסצורעכענען נאָר די הויפּט־פראַגן, כדי צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ געוואַלטיק פעלד פון אַקטיוויטעט עס וועט זיך פאַר זיי אויסשפּרייטן.

א. ע ק אָ נ אָ מ י ק : ווי צו באַאַרבעטן די נאַטירלעכע אוצרות פון לאַנד. ניי מעטאָדן פון פּי־צוכט, פון אַגריקולטור, פון גאָרטן־ווירטשאַפט. אַ סיסטעם פון פאַרבינדונג צווישן די אַלע אַרבעטס־געביטן. פונדאַמענטן פון האַנטווערק און אינדוסטריע, אָרגאַניש געבויט אויף די יסודות פון פּי־צוכט און לאַנדווירטשאַפט. מאַשין און מענטשן־האַנט אין דער אַרבעט. די באַציאונגען צווישן די קאָלאָניסטן אליין, צווישן זיי און דער „פריילאַנד"־אָרגאַניזאַציע. די סאָציאַלע פאָרמען פון באַאַרבעטן די ערד און די אַנדערע אַרבעטס־קוואַלן. איינצל־ווירטשאַפט, קאָאָפּעראַציע פון שכנים, קאָמונאַלע באַלעבאַטישקייט. אָרגאַנען פון עקאָנאָמישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

ב. ג י י ס ט י ק ל ע ב ן : דערציִאונג פון קינדער אין שולן און אַנדערע אַנשטאַלטן. קאָמבינאַציע פון יידישער און ענגלישער שפּראַך מיט אייראָפּעאישע און יידישע אינהאַלטן. אַנדערע שפּראַכן און קולטור־איינפלוסן. זעלבסט־דערציאונג פון דער וואָקסענע אין באַזונדערע אַנשטאַלטן. ליטעראַטור, מוזיק און קונסט. אַלט און מאָדערן יידיש וויסן: פון תורה, נביאים, תלמוד ביז צו ביאַליקן (אין העברעאישער קולטור) און לייוויקן (אין דער יידישער שפּראַך). יידיש־רעליגיעז לעבן און זיינע אינסטיטוציעס; זייער

באַציאונג צום נישט־גלויביקן יידן. ענגע פאַרבינדונג פון יידישן גייסטיקן לעבן מיטן אויסטראַלישן: אינטימע קענטעניש פון אויס־טראַלישער געשיכטע און ליטעראַטור, עקאָנאָמיק און סאָציאַלע שטרעבונגען.

ג. מאָראַלישע אידייע: שאַפונג פון געזונטע, פריינטשאַפט־באַציאונגען צווישן מענטשן, צווישן אייגענע און „פרעמדע". קאָאָפּעראַטיווער גייסט אין אַרבעט און אָפּרו. בהדרהדיקע אָפּשאַפונג פון סאָציאַלע און אַנדערע באַריערן צווישן די קאָלאָניסטן. מאָטיוו פון אַרבעטס־פרייד, דאָמינירנדיק איבער די מאָטיוון פון פריוואַטן פּראָפיט און דערפאָלג. דערנעענטערונג צו נאַטור און פאַר־איינפאַכונג פון די געזעלשאַפטלעכע שייכותן. יידיש פאַמיליע־לעבן און אויסשפּרייטונג פון זיין גייסט אויף דער געמיינדע אַלס גאַנצעס. אינטימע פאַרבונדנקייט מיט דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. אַן אָפּן האַרץ פאַר אַלע מענטשן־ברידער און די וואָס נויטיקן זיך אין שוץ. מאָראַלישער פּראָגרעס טאָר נישט אָפּשטיין פון עקאָ־נאָמישן און קולטורעלן.

איך האָב אנגעצייכנט די טאַבעלע פון אויפגאַבן און איך זע תיכף ווי אומפּולשטענדיק זי איז, ווי ווייניק זי פּאַסט אַריין די רייכקייט פון מענטשלעכן לעבן. אָבער אויך די אויפגאַבן אַליין, צי עפענען זיי נישט אַ גוואַלטיקע פּאַנאָראַמע פון שטרעבונגען און דערגרייכונגען, פון מאַטעריעלע און גייסטיקע אויפטוען? צי ווערט נישט דער טאָג פון דעם פּיאָנער — אויף יאָרן און יאָרן פאָראויס — פאַרנומען מיט אַזאַ גרויסן דריי־פאַכיקן פּראָגראַם, אַז ער וועט קענען רויִק אָפּרוקן אַן אַ זייט די פּאָליטיק? ער וועט פאַרמאָגן גענוג פּראָגן פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין אַזאַ גרויסער קימבערליי־פּראָווינץ. אין די ברייטע דעמאָקראַטישע ראַמען פון אויסטראַלישן שטאַט וועט ער האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרוואַלטן אַליין מיט אַלע געביטן פון זיין עקאָנאָ־מישער און קולטורעלער טעטיקייט. די „פרייַלאַנד"־ליגע וועט צו־ערשט איבערנעמען די דאָזיקע פונקציעס, כדי איבערצוגעבן זיי וואָס־גיכער צו דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די קאָלאָניסטן. פאַרוואָס מוז דער פאַלשער שטערן פון יידישן שטאַט פאַרבלענדן דעם קלאָרן וועג פון אַ נייעם יידיש קיבוץ אין אויסטראַליע?

**
*

אויב אזוי, וועלן יידן גיך אסימילירט ווערן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג ! — זאָגן געוויסע צערייצטע נאַציאָנאַליסטן און גיבן אַ מאַך מיט דער האַנט אויף דעם קימבערליי־פּלאַן. אַסימילירט און פאַרגעסן ווערן ? פאַרוואָס ? אפשר איז דער ריכטיקער ענטפער, אַז דאָרטן וועט זיך שאַפן אַ נייער שבט פון אויסטראַלישע יידן ?

זאָל מען דאָך נישט פאַרגעסן, אַז דאָס וואָרט „ייד" איז פון זינט טויזנטער יאָרן געווען שטענדיק באַגלייט מיט אַ וועלכער נישט איז געאָגראַפישער באַצייכנונג. אפילו אין די צייטן פון א"י זיינען שוין געווען בבל־יידן און אַלעקסאַנדריע־יידן, וואָס האָבן געשפּילט די גרויסע ראָלע אין דער יידישער אַנטוויקלונג. מיר קענען די שפּאַ־נישע יידן (פון דעם גאָלדענעם צייטאַלטער), פראַנצויזישע, דייטשע, פּוילישע, רוסישע א. אז. וו. יידן. יעדעס מאָל האָבן יידן אין אַן אַנדער לאַנד איבערגענומען וויכטיקע עלעמענטן פון דעם אַרומיקן לעבן, — און זיי זענען דאָך פאַרבליבן דאָס וואָס זיי זענען : יידן. דער קרישטאָל־שטיין פון יידישקייט האָט — דורך אָנפאַסונג און צוליב דרוק — אָנגענומען די פאַרשידנאַרטיקסטע קאָלירן און פאָרמען, אָבער דער קרישטאָל פלעגט פאַרבלייבן דער יידישער. ווי אָפט דוכט זיך אונז, אַז די אָדער יענע פאָרם פון יידישן לעבן אין ריין־נאַציאָנאַל און אייגנאַרטיק, אָבער אין דער אמתן איז זי אַריבערגענומען גע־וואָרן ווו נישט איז אויפן לאַנגן וואַנדערונג־וועג. דער בעסטער באַווייז איז יידיש, די שפּראַך. וואָס קען זיין אינטימער פאַרוואָרצלט אין דער יידישער נשמה, ווי די שפּראַך ? אָבער — זי איז גענומען געוואָרן צו העלפט פון די דייטשן. וואָס קען זיין מער פאַרבונדן מיט דעם פּוילישן פרומען יידן, ווי זיין קליידונג, זיין לאַנגע זשופּיצע און די קליינע היטעלע ? עס דוכט זיך, זיי זענען צוזאַמען מיט אים פון איין שטיק שטאָף געמאַכט. אָבער ניין — די בגדים האָט מען איבערגענומען פון די פּאָליאַקן.

די אידייע פון ציוניזם איז צו שאַפן די איינהייט פון יידישע יידן אין זייער אייגן לאַנד. די מעגלעכקייט דערפון ליגט אָבער אין דער גאָר ווייטער צוקונפט. דערוויל איז דאָס יידישע פאָלק צעטיילט אין שבטים, און איינער פון זיי קען ווערן דער אויסטראַלישער ייד. אוודאי וועט זיך אין קימבערליי אין אַ געוויסער מאָס ענדערן דער אונדז באַקאַנטער טיפּ פון אייראָפּעאישן יידן. ער וועט ווערן באַ־ווירקט, ראשית כל, פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט און נאַטור. עס

איז נישט קיין קלייניקייט פאַר דעם מענטשנס קערפּער און פאַנטאַזיע צו באַזעצן זיך אין אַ לאַנד פון קענגורוס, קראָקאָדילן, קאַקאַדו־פויגלען, בייכיקע באָאַבאַבן, גראָזן פון מענטשן־גרויס, פייערדיקער זון און טראָפּישע פלאַנצן. דער ייד פון אייראָפּע וועט דערזען אַנדערע פאַרבן פאַר זיינע אויגן, שמעקן אַנדערע ריחות, הערן אַנדערע נאַטור־קולות. ער וועט אָטעמען גאָר אַן אַנדער לופט, און דער האָריזאָנט וועט זיך צייכענען פאַר אים אין נייע, אומגעוווינטע ליניעס. נישטאָ קיין שום צווייפל: ער וועט זיך צוגעוווינען צו זיי נישט ווייניקער ווי ער האָט זיך צוגעוווינט אין אַרגענטינע און פּאַלעס־טינע. אָבער אָט די ענדערונג פון נאַטור וועט טיף באַאיינפלוסן אים (זיינע קינדער באַזונדערס) אין אַ סך הינזיכטן. זיינע דיכטער, מאָלער, זינגער, גלייכווערטלעך־זאָגער, דענקער וועלן אָן ספק אריינעמען די נייע נאַטור־סביבה אין זייער שאַפן.

די נאַטור און די נייע אַרט אַרבעט אין איר וועלן געוויס איבער־אַנדערשן דעם יידן אפילו פיזיש. אָבער אַממייסטן וועט ער ווערן געענדערט דורך דער נייער סאָציאַלער סביבה פון אויסטראַליע בכלל, און קימבערליי בפרט. טויזנטער קליינע און גרויסע שטריכן פון דעם נייעם לאַנד וועלן אַריינדרינגען אין אים, באַוווסט אָדער אומ־באַוווסט, און פאַרמירן זיין לעבנס־שטייגער, זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַרשטעלונגען. עס איז מעגלעך, אַז אפילו געוויסע שטריכן פון זיין פּסיכאָלאָגיע וועלן זיך ענדערן: אַנשטאָט דער נערוועזיטעט און אומרו, וועט מסתמא קומען זיכערקייט און רואיקייט פון דער נשמה. די גאַנצע אייגנאַרטיקע זיילישע סטרוקטור פון אויסטראַלישן מענטשן וועט נישט פאַרפעלן איר ווירקונג אויף דעם יידן. הכלל, עס וועט געבוירן ווערן עפּעס אַזוינס, ווי אַן אויסטראַלישער ייד.

אָבער — ער וועט זיין אַן אויסטראַלישער ייד. אין זיין אַרבעט און שאַפונג וועט ער, אָן שום באַמיאונגען, אריינברענגען די גאַנצע קראַפט פון זיינע דורות־לאַנגע דערפאַרונגען. ער קומט נישט קיין קימבערליי ווי אַ מענטש אָן טראַדיציעס, אָן אַקטיווער פאַרגאַנגענהייט, אָן האָפענונגען אויף להבא. דאָס לעבן און די קולטור, וועלכע וועלן זיך אויסבילדן אין דעם אויסטראַלישן קיבוץ וועלן זיין אַ געוועב פון די נייע, נאָך קיינמאָל פריער נישט איבערגעלעבטע דערפאַרונגען מיט דעם אויסערגעוויינלעך רייכן לעבנס־מאַטעריאַל, אַנגעזאַמלט אין דער יידישער געשיכטע. דער דיכטער און זינגער, למשל, וועט אַריינעמען די אויסטראַלישע לאַנדשאַפט און לופט אין זיינע שאַ־

פונגען; אָבער די שטים און די פעדער וועט זיין אַ יידישע (הקול קול יעקב!), די נשמה, דער ריטם, דער קנייטש וועלן פאַרבלייבן יידישע. ווייל זיי זענען טויזנט־יעריק און הייליק, און זיי באַגלייטן דעם יידן אין אַלע זיינע וואַנדערונגען אין נייע היימען.

עס איז שטענדיק געווען אזוי: ווי ווונדערבאַר האָבן זיך איינגעלעבט יידישע שרייבער און דיכטער אין ליטע, אין רוסלאַנד, אין רומעניע, אין אמעריקע; ווי אינטים, דוכט זיך, האָבן זיי זיך געהאַט פאַרוואָקסן מיט דער נאַטור, מיט די וועלדער און טייכן, מיט הימל און ערד פון די אַלע היימען זייערע. און דאָך האָט פון זיי שטענדיק אַרויסגעקלונגען דער עכט־יידישער ניגון, האָט ארויסגעשפריצט דער פונק פון דער „אייביקער יידישקייט". עס וועט זיין נישט אַנדערש אין אַ קימבערליי, אין דעם יידישן ליד וועגן קענגורו, וועגן די לאַכנדיקע פויגלען, וועגן די זודיקע טעג און קילע פאַרנאַכטן, וועגן דעם קימבערליי־צויבער, וועגן דעם וואָגלער־פיאָנער.

אָבער יידיש שאַפן און קולטור אַנטפּלעקט זיך נישט נאָר אין דיכטונג און שרייבן: עס פליסט ארויס פון דעם גאַנצן לעבנס־פראָצעס. ווען אַ גרעסערע יידישע געמיינשאַפט שטעלט זיך אַוועק צו דער אַרבעט, דערצו נאָך אַן אַרבעט פון אַן אומגעהויערן פאַר־נעם, ווערט דערביי נאַטירלעך געבויט יידיש לעבן. עס איז לחלוטין נישט נויטיק צו באַטאָנען דעם יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער ביי יעדער טאַט, ביי יעדער אונטערנעמונג („ווי איך בין אַ ייד"!). יידישע מענטשן וואָס סטאַרען זיך נישט צו אַנטלויפן פון זיך אַליין, וואָס טרעטן אריין אין דער פיאָנער־אַרבעט אַלס גאַנצע און געזונטע פּערזענלעכקייטן — זיי וועלן אַרויסברענגען פון זיך נישט עפּעס אַנדערש, ווי יידישקייט אין אַ נייער, לעבעדיקער פאָרם.

יידן וועלן זיין צעשפּרייט איבער די ריזיק־גרויסע פּאַשעס און פעלדער; וועלן האָרעווען אַרום די בהמות, אין די גערטנער, ביי די מאַאיז־גערעטעניש; וועלן זיך באַגיסן מיט טראָפּישן שוויס און אַריינאָטעמען די אַראָמאַטישע לופט. יידן וועלן צוימען די תכלית־בלויע שטראָם־וואַסערן; וועלן בויען וועגן, הייזער, אַנשטאַלטן; וועלן אויפריכטן שולן, ביבליאָטעקן, בתי־מדרשים. יידן וועלן לייגן אַ שטיין אויף אַ שטיין צו די בנינים, וועלן האָבן אַן אַ שיעור אומ־דערוואַרטעטע זאָרגן און דורכפאַלן, און נאָך מער נחת־רוח פון זייערע אויפטוען. יידן וועלן לייגן פונדאַמענטן פון קאָאָפּעראַטיווער,

בשותפותדיקער אַרבעט, וועלן צוזאַמען אָנווענדן זייערע פריערדיקע קענטעניש, אָדער צוזאַמען צוטראַכטן נייע מעטאָדן פאַר דער אומ־באַקאַנטער געגנט. און איבער אַט דעם קאָבעדיקן, לעבנס־לוסטיקן לאַגער פון מענטשן־בינען וועט זיך אויסשפּרייטן נישט נאָר דער הערלעכער קימבערליי־הימל, נאָר אויך די דעמאָקראַטישע, טאָלע־ראַנטע, מענטשן־פריינטלעכע אָרדנונג פון אויסטראַליע. צי איז נישט קלאָר, אַז אין גאַנג פון אַט אַזאַ שפּרודלדיקן לעבנספּראָצעס פון יונגע און אַלטע וועט אויף אַ נאַטירלעכן אופן שפּרודלען יידיש אָרגאַניש לעבן? קאָלעקטיווע לידער, חכמות, חכמה וועלן געבוירן ווערן אין דער אַרבעט; יידישע פריילעכקייט און יידישער אומעט; יידישע זכרונות און יידישע טרוימען וועלן פון זיך אַליין וואַקסן אין אַזאַ יידישן קיבוץ. יידישע פרומקייט אָדער רעוואָלוציאָנערישקייט, יידישע גאָט־זוכענישן און גערעכטיקייט־קאַמפן וועלן וואַקסן פון דער קימבערליי־ערד, פונקט ווי זיי זענען געוואַקסן אין צענדליקער אַנ־דערע לענדער. וואָרעם „מלא כל הארץ כבודו". און דאָ וועט אויך ווייטער לעבן — אפשר אפילו אין אַ שטאַרקערער פאָרם — דער צו־זאַמענבונד מיטן גרויסן כלל־ישראל, מיט ארץ־ישראל, מיט אַלע קינדער פון דעם יידישן וועלט־פאָלק.

אזוי ארום וועט וואַקסן אַ דור פון נייע, אויסטראַלישע יידן. אויסטראַליע וועט אָפּקלינגען אין דעם יידישן קיבוץ, און דער ייד וועט אָפּקלינגען אין אויסטראַליע. און זיי וועלן זיין אַ נאַטירלעכע, נישט קיין געקינסטלטע מענטשן־אַרט. עס וועט נישט ארויסקומען דערפון קיין „טאָפּל־פּערזענלעכקייט", אַ יחיד מיט אַן אומזיכערן זיילישן צענטער; עס וועט אַרויסקומען, ווי שטענדיק אין אונדזער געשיכטע, אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. יענע יידישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט באַוויזן דעם טאַלאַנט צו לעבן אין מער ווי איינער קולטור־וועלט, און איז געווען עכט אין יעדערער, — ווייל זי איז געבליבן געטריי איר אורשפּרינגלעכן יידישן קערן. אזוי איז געווען די פּלע־יאַדע פון די גרויסע יידישע דענקער און דיכטער אין שפּאַניע; אזוי זענען געווען אומצאָליקע יידן אין רוסלאַנד. פאַר זיי איז געווען מעגלעך צונויפגיסן זיך גייסטיק מיט דער רוסישער קולטור און פּאָליטיק, און גלייכצייטיק פאַרבלייבן איין האַרץ און איין נשמה מיט דעם יידישן פאָלק. איך בין געווען איינער פון זיי. מיר איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין דער רוסישער מלוכה,

איך בין געווען אינטים פאַרקניפּט מיט דער רוסישער שפּראַך, ליטע־ראַטור, נאַטור, שטייגער־לעבן, — און איך בין געווען דורכאויס יידיש גלייכציטיק. עס איז נישט געווען קיין שום קאָנפליקט צווישן דיביידע שטראָמען פון דער פּערזאָן; פאַרקערט, אַ האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל. צי איז נישט אזוי אייגנטלעך דער אויסטראַליער בכלל? ער קען זיין געטריי צו זיין שטאַט, צו דער אויסטראַלישער פעדעראַציע, צו דער בריטישער אימפּעריע, און אויך צו דער מענטש־הייט אַלס איינהייט. נישט אַנדערש וועט זיין דער אויסטראַליער ייד אין קימבערליי. נישט פאַרשידענע שטראָמען אין אַ צעריסענער פּער־זענלעכקייט, נאָר אַ גאַנצע יידישע פּערזענלעכקייט אין פאַרשידענע שטראָמען . . .

נאָוועמבער 1940.

מסירת נפש אין טאַסמאַניע

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי פאַרקאָכט אין די קימבערלייס ? איז דאָס דאָס איינציקע גוטע לאַנד אין אויסטראַליע אָדער די איינציקע האָפנונג פאַר יידן ? —

אַזוי האָט מיך איינמאָל געפרעגט אין דער מיט פון אַ פריינד־לעכן שמועס די יונגע פרוי אייזיקסאָן. עס וואָלט געווען שווער צו באַשטימען דעם ריכטיקן עלטער פון אָט דער אַזוי יוגנטלעך אויס־זעענדיקער און מיט אַזוי פיל לעבנס־חכמה אָנגעלאָדענער דאַמע. זי איז שוין יאָרן לאַנג געשטאַנען אין דער אַרבעט פון דעם סאַמע ערנסטן אויסטראַלישן זשורנאַליזם. עס זיינען אַזוי ווייניק יידישע גייסטיקע טוער אין אויסטראַלישן קולטור־לעבן ; און ווען זיי זיינען דאָ, באַמיען זיי זיך אַזוי שטאַרק צו באַהאַלטן זייער שטאַם. אָבער לינקע אייזעקסאָן — אַזוי איז זי באַקאַנט צווישן אירע אומצייליקע פריינד — פאַרבינדט אין זיך ביידעס : אי דעם בלאָנד־האָריקן טיף פון אַן ענגלענדערין, אי די עכטע איבערגעבנקייט צום יידישן גורל. זי האָט געטאָן אַ סך פאַרן ציוניזם, אין אַריסטאָקראַטישן אויסטראַלישן נוסח, אָבער עס האָט איר געצויגן צו דער יידישער מאַסע, צו די אומבאַקאַנטע פאָלקס־מענטשן, צו דער יידישער שפּראַך. האָט זי זיך שוין פון לאַנג אָן פאַראינטערעסירט מיט דער פריילאַנד־ליגע.

— יאָ, געוויס, קימבערליי, דער צפון פון אויסטראַליע, איז אַ גרויסער פּלאַן, און ווי נאָר איך קריג די מעגלעכקייט, וועל איך אַלס זשורנאַליסט אריבערכאַפּן זיך אַהין. אָבער פאַרוואָס דווקא קימבערליי ?

— מיר זיינען ניט פאַרהייראַט צו די קימבערלייס — האָב איך לאַכנדיק געענטפערט — ניט געשטעלט מיט זיי קיין חופּה וקדושין, אָבער וואו זיינען פרייע אַנדערע פּלעצער ?

— אַנדערע ? עס איז דאָ — האָט זי מיט אַ שטילן שמייכל גע־

ענטפערט — איך קען אַזאַ לאַנד ביי אונדז וואָס לעכצט ממש נאָך אַ גרויסער איינוואַנדערונג.

איך האָב געקוקט אויף איר מיט דערוואַרטונג.

— עס איז ניט אַזוי מאַוים׳דיק גרויס ווי דער צפון פון אויס־טראַליע, אָבער דערפאַר איז דאָס אַ גן עדן, אַ וואונדערבאַרער קלי־מאַט, שיינע נאַטור, וועלדער, טייכן, ים — און טאַקע ווייניק מענטשן.

— נו, גוט אפשר וועט איר שוין אַרויסזאָגן אַט דעם צויבער־נאָמען ?

— דאָס איז טאַסמאַניע ! קענט איר אַט דעם אינדזל, דעם קאָסט־באַרן שטיין פון אונדזער לאַנד ?

אַ פראַגע דאָס איז ! ווער קען ניט טאַסמאַניע, דעם קלענסטן, אָבער כמעט עלטסטן טייל פון דער אויסטראַלישער פעדעראַציע ? ווער האָט ניט געהערט פון זייערע רויט־באַקיגע, זאַפט־אָנגעגאָסענע עפּל ? טאַסמאַנישער קלימאַט, לאַנדשאַפט, באַפעלקערונג, עקאָנאָמישע סביבה גאָר ניט ענלעך צו דעם צפון־לאַנד קימבערליי. אָבער אַ יידישן ישוב ברייגען אַהין ? קיינמאָל ניט געהערט דערפון —

פרוי אייזיקסאָנס אויגן האָבן געפינקלט, אַ צאַרטע ראָזע האָט באַפאַרבט אירע באַקן, בשעת זי האָט זיך רואיק אָפּגערופן : — זאָלט איר טאַקע וויסן אַז דער פּלאַן איז אַ מעגלעכע זאַך ... איר ווייסט גאָר ניט אַז מענטשן טראַכטן דאָ וועגן טאַסמאַניע, זינט זיי האָבן דערהערט וועגן קימבערליי־פּראָיעקט ... און זיי מיינען עס דוקא פאַר יידן, פאַר יידישע פליטים.

דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין 1940, אין מעלבורן, אין דעם קליינטשיקן צימער פון דער רעדאַקציע פון דעם אויסטראַליש־ליבע־ראַלן בלאַט „אײדזש״ וואו זי האָט פאַרוואַלטעט מיט דעם פרויען־אָפּטייל פון דער ציטונג. מיר האָט זיך געדוכט אַז, זייענדיק אין סאַמע ברען פון פּראָפּאַגאַנדע פאַר קימבערליי, איז עס ניט קלוג אַריבער־צוּוואַרפן זיך אויף אַן אַנדער טעריטאָריע אין אויסטראַליע. אין דער עפנטלעכער מיינונג קען זיך שאַפן אַן איינדרוק אַז די „פרייילאַנד־ליגע״ פאַרמעסט זיך שוין אויף גאַנץ אויסטראַליע צו באַזעצן. אויך די וועסט־אויסטראַלישע רעגירונג קען עס אַמאָל באַטראַכטן ווי אַ מין קאָנקור־רענץ צו איר פּאָליטיק פון גוטן ווילן לגבי אונדז. „קימבערליי״ איז דאָך פאַר דער צייט געוואָרן מער ווי אַ געאָגראַפישער נאָמען פון אַ שטח פריי לאַנד, נאָר אויך אַ סימבאָלישער נאָמען פאַר דער אידייע

פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע בכלל. קעמפנדיק פאַר „קימבערליי”, קעמפן מיר אייגנטלעך פאַר דעם פּרינציפּ, — און מען דאַרף ניט בעת דעם קאַמפּיין פאַרטוישן דעם סימבאָלישן לאָזונג...

פרוי אייזיקסאָן האָט אין אלגעמיינעם איינגעזען עס, אָבער זי האָט געברענט מיט חשק צו דערציילן מיר וועגן איר גייסטרייכן איינפאַל. צי ווייס איך ווער עס האָט באמת אַרויסגערוקט אַזאַ נייעם פּלאַן? אַ קריסטלעכער יונגער מאַן, אַן אויסטראַליער מלידה ומבטן, אליין געבוירן און דערצויגן אין טאסמאניע. עס איז ביי אים מער ווי גלאַט אַן עקאָנאָמישער פּראָיעקט צו באַזעצן זיין פאטערלאנד, עס איז ביי אים אַ טיפע נשמה־באַדערפעניש.

— אָבער צו וואָס דערציילן אַייך? איר מוזט זיך מיט אים באַקענען; ער וויל זיך טרעפן מיט אַייך. —

— אַלרייט! לאָמיר זיך טרעפן.

אין אַ טאָג אַרום אז איך בין אַראָפּ אונטן אין דעם האָטעל־זאָל, האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן א מיטל וואוקסיקער יונגער מענטש, מיט אַ גלאַטן פּשוטן פּנים, מיט אַרויפגעקעמטע שיטערע האָר, מיט אַ באַשיידענער, כמעט שעמעוודיקער האַלטונג. ער האָט מיר פעסט, זייער פעסט געדריקט די האנט, און האָט אָנגעהויבן ריידן מיט לאַנגע אַביסל פאַרפּלאַנטערטע פראַזן. די ווערטער זיינען געקומען עפּעס ווי אַרויסגעקוועטשט, אַזוי ווי זיי וואָלט געפעלט אָטעם. דערצו האָט ער זיך געאיילט, געאיילט צו מאַכן זיך פאַרשטענדיק. זיין נאָמען איז געווען קריטשלי פאַרקער.

— מען רופט מיך פאַרקער יוניאָר, ווייל אויך מיין אַלטער פאָטער האָט דעמזעלביקן נאָמען — קריטשלי. מיין פאָטער איז זינט אַ סך יאָהרן דער אַרויסגעבער פון דעם באַקאַנטן זשורנאַל “The Industrial Australian Mining Standard”. מיר זיינען פון טאַסמאַניע. דאָרטן קען אונדז יעדער מענטש. באַזונדערס אָבער די רעגירונג־לייט. עס איז מיין איבערצייגונג, אַז טאסמאניע קען ווערן דער ריכטיקער ארץ מקלט פאַר די יידישע היימלאָזע וואָס זוכן אַ לאַנד. — עס קען ווערן פאר זיי א נייער ירושלים (ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי צערודערט פון זיין העזה׳דיקייט)... איך בין אַ ביסל באַקאַנט מיט דער ביבל, מיט דער יידישער געשיכטע — איך וואָלט וועלן זיין באַהילפיק אין אַזאַ גרויסער זאַך...

וואָס ענטפערט מען אין דער ערשטער מינוט אויף אַזאַ משונה־דיקן אָנבאָט? זאָל מען עס פּשוט אָפּוואַרפן ווי אַן אוטאָפּיע? אָבער צי פאַרנעמען מיר זיך ניט בכלל מיט אוטאָפּיעס? אפשר איז עס גוט צו האָבן אָנשטאט אין קימבערליי־טעריטאָריע נאָך איינע אין רעזערוו? איז עס ניט מאָדנע, וואונדערבאַר־מאָדנע וואָס אַ קריסט־לעכער מענטש, אַן אויסטראַליער קומט אַליין צו אונדז מיט אַזאַ פאָר־שלאָג? צי וועט עס ניט דערלייכטערן אונדזער אַרבעט? אָך, ווי אָפט פלעגט זיך חלומען וועגן אַזאַ פאַל, אַז „זיי" אַליין זאָלן קומען צו אונדז מיט אַן אָנבאָט, אַן איינלאַדונג? לנער הזה התפללתי...

און פאַרקער האָט געקוקט אויף מיר מיט טיף־ערנסטע אויגן, און מיט אַ פאַרשטיקטן קול ווייטער גערעדט: — אַ סך נייע אינדוסטריעס קען מען שאַפן אין טאַסמאַניע. מען דאַרף נאָר צוגיין מיט אַ פּלאַן — אָבער יידן וועלן שוין וויסן ווי עס צו טאָן. — ראשית כל האָלץ — אונדזערע געדיכטע, ניט אויסגעפאַרשטע, וועלדער (ער האָט ניט פאַר־אויסגעזען בשעת ריידן זיין אייגענעם מזל!) אַנטהאַלטן די שענסטע, די איידלסטע סאָרטן פון האָלץ. מען קען פון זיי מאַכן פּאַפּיר פאַר ציייטונגען, מיר האָבן שוין די ערשטע גרויסע פאַבריק, און מען קען מאַכן פון זיי די בעסטע מעבל אין דער וועלט. — דערנאָך: פיש! די אַלע וואַסערן אַרום טאַסמאַניע זיינען פּשוט פאַרפּלייצט מיט די סאַך־מע פאַרשיידענע אַרטן פיש — איצט איז עס פאַרגעסן געוואָרן, אָבער נאָך גאָר ניט לאַנג האָט מען דאָך ביי אונדז געהאַט דעם גרעסטן פאַנג פון וואַלפישן. מיר האָבן עס פאַרוואָרפן, אָבער די יאַפּאַנער האָבן עס פיין באַנוצט (דער ציטער פון אַ פּאַטריאָט האָט אָפּגעקלונגען ביי אים). וואָס פאַר אַ פיש־אינדוסטריעס מען קען עס שאַפן! היינט די פרוכטן און די גרינסן, היינט די מעטאַלן וואָס ליגן אין די מיינס — קיי־נער וועט עס ביי אונדז ניט באַאַרבעטן...

פאַרקער האָט גערעדט ווי אַ פאַרליבטער, ווי אַ מוטער וואָס לויבט איר קינד ווען זי וויל עס פאַרקנסן צו אַ פיינעם מענטשן. מיר איז געוואָרן עפּעס שווער אויפן געמיט. ביי אַזאַ השתפכות הנפש מוז מען גלייך ענטפערן, און איך האָב עס ניט געקענט טאָן. מען מוז דאָך זיין פאַר־זיכטיק מיט נייע מענטשן און פּראָיעקטן. אין קאָפּ זיינען דורכגעפלויגן סקעפּטישע געדאַנקען. פאַרוואָס איז אָט דער יונגערמאַן אַזוי פאַרקאַכט אין זיין פּלאַן? וואָס ליגט הינטער אים: באַגייסטערונג פאַר אַ מאָ־ראַלישער אידייע, זאָרג פאַר זיין אייגן לאַנד, וואָס ליגט פּוסט און

לײדיק, אָדער אפשר אַ גרויסער סוחרישער אינטערעס? ער האָט דער־מאָנט מינעראַלן־מעגלעכקייטן, און זיין פאָטערס זשורנאַל הייסט דאָך טאַקע אַזוי. איך האָב אים געדאַנקט און געבעטן צייט אויף צו באַ־טראַכטן עס. געבעטן אויך מאַטעריאַל וועגן טאַסמאַניע צו באַקענען זיך מיט אַזאַ לאַנד. געוואוסט האָב איך אַז טאַסמאַניע איז אָרעם אין קאַפּיטאַלן, אַז זי מוז שטענדיק אָנקומען צו הלוואות פון דער פעדע־ראַלער רעגירונג פונקט אַזוי ווי וועסט־אויסטראַליע. הגם זי איז אַ שטאַט פאַר זיך מיט אַן אייגענעם פּאַרלאַמענט און אַ לייבאָר רעגי־רונג. אָבער זי האָט זיך ביז איצט ניט געמאָלדן מיט קאָלאָניזאַציע־פּלענער. יעדנפאַלס מוזן מיר עפּעס הערן פון זיי אײדער וואָס ווען.

פּאַרקער האָט ענערגיש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צוגעזאָגט שיקן מאַטעריאַלן, האָט וואַרם ווידער געטרייסלט מיין האַנט. צי איז ער געווען צופרידן מיט מיין אָפּרוף, ווייס איך ניט. שפּעטער האָב איך געהערט אַז ער האָט זיך אַ ביסל געוואונדערט איבער מיין רוהיקייט. וועגן דעם ענטוזיאַסטישן בחור האָב איך נאָר פון צייט צו צייט דער־מאָנט זיך.

***

פרוי אייזיקסאָן און מר. פּאַרקער האָבן דורך זייערע בריף גע־האַלטן דעם ענין טאַסמאַניע וואָך פאַר מיינע אויגן. זיי האָבן אויך אַראַנזשירט אַז ביי מיין נעקסטן קומען קיין מעלבורן זאָל איך זיך טרעפן מיטן אַלטן מאַן פּאַרקער סיניאָר, דעם פאָטער פון דעם יונגן מענטש.

אַז איך בין אַריינגעקומען אין זייער הויז מיט די שווערע מעבל און האַמעטנע שריינק, מיט די הויכע פענסטער און געדיכטע פאָרהאַנ־גען, האָב איך דערפילט דעם אָטעם פון אַ זייער פעסט איינגעפונדע־וועטן, שטאָט־פּריצישן הויז פון די „קאָלאָניאַלע" צייטן. מר. פּאַרקער איז געווען אַלט און קראַנק. ער האָט מיט שוועריקייט צוגעהערט זיך, אָבער ער איז געווען רירעוודיק און לעבעדיק, און האָט אַריינגעקוקט אין אייך מיט עטלעכע פאַר אויגן. ער איז ניט אַראָפּגעגאַנגען — אין משך פון אַ פאַר שעה — פון זיין פאָטערשטול, אָבער ער האָט זיך גע־האַלטן מיט דער זיכערקייט און שטאָלצער רואיקייט פון איינעם וואָס איז אַ זייל אין דער באַלעבאַטישקייט פון זיין לאַנד. ער האָט מיר שפּעטער דערמאָנט אין אַ סך היגזיכטן די פרוי מאַקאַרטור אָנסלאָוו פון סידניי.

ביי דעם שמועס איז געווען אַנוועזנד זיין פרוי, וועלכע האָט מייסטנס געשוויגן, אָבער אויך זי איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער פאַנטאַזיע פון איר זון. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיך אויסלעבן אין איר. עס איז גלייך געקומען צו רייד דער זייער פיינער אַרטיקל וועגן אונדזער זאַך, וואָס איז דערשינען אין זיין זשורנאַל „מייגינג סטאַנדאַרד", דעם 15טן מאַרט 1940 „פליטים אַלס פיאָנערן". ווי אַזוי קומט עס אינמיטן דערינען אין אַזאַ ספּעציעלער אויסגאַבע ווי זיינער? דער אַלטער מאַן האָט זיך אָפּגערופן מיט אַקטיווער וואַרעמקייט.

— פאַרוואָס „טאַקע" ניט? מיר זיינען אינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד. אייער פּראָיעקט איז ווערט צו באַטראַכטן . . . אמת אין אַנדערע אַרטיקלען האָבן מיר שטענדיק געהאַלטן מער פון אינדיווידועלער אימיגראַציע צו אונדז איידער פון קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע. איך גלויב אויך איצט אין דעם, באַזונדערס פאַר יענע טיילן פון אויסטראַליע וואָס זיינען שוין באַזעצט. אָבער דער צפון און די קימבערליס זיינען רעלאַטיוו מענטשן־ליידיק. אַזוי איז עס פאַרבליבן דעם גאַנצן לעצטן יאָרהונדערט, הגם עס האָט געקענט באַזעצט ווערן פון די אַנגלאָ־זאַקסן. איך גלויב איצט ניט אַז יענע געגנט וועט ווערן באַפעלקערט פון אַ ריין אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע. די נאַטור האָט, אין דער פאַרגאַנגענהייט, באַשטימט די פיזישע אייגנשאַפטן פון יענע מענטשן וואָס קענען באַוואוינען די פאַרשיידענע געגענטן פון דער ערד, און אַזוי וועט עס פאַרבלייבן ניט געקוקט אויף די דערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט . . .

. . . צי זיינען יידן אַ ראַסע וואָס קען לעבן אין אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט? יאָ, זיי זיינען אָן צווייפל בעסער צוגעפּאַסט צו סוב־טראָפּישע באַדינגונגען ווי די אַנגלאָ־זאַקסן. צי זיי וועלן וועלן פאַרבלייבן אויף שטענדיק אין צפון פון אויסטראַליע, צי ניט, — וועט נאָר די צייט אַליין באַשטימען. דערפאַר אונטערשטיץ איך דעם פּראָיעקט. לויט דעם וואָס יידן האָבן אויפגעטאָן אין ענלעכן לאַנד ווי פּאַלעסטינע, איז נישטאָ קיין שום גרונט צו צווייפלען אַז זיי וועלן דערגרייכן די זעלבע רעזולטאַטן אין די קימבערליס . . .

מר. פאַרקער האָט זיך אָבער ניט אויפגעהאַלטן צו לאַנג ביי דעם צפון פון זיין לאַנד; ער איז באַלד אַריבער צו זיין היימלאַנד אין דרום, צו טאַסמאַניע, וואו ער איז געווען אַן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש באַדייטנדיקע פיגור. ער האָט מיך צוגערעדט צו פאָרן אַהין אַזוי שנעל

ווי מעגלעך, אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע. דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין דעם, עס איז רייך מיט נאַטירלעכע אוצרות, מען דאַרף זיי נאָר עפענען. מען האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס לאַנד, און די באַפעלקערונג פאַלט כסדר אין צאָל. די באַגאַבטערע יונגע לייט פאָרן אַוועק: אָדער אין די אויסטראַלישע גרויסע שטעט אָדער קיין ענגלאַנד. די מלחמה נעמט צו נאָך מער מענטשן פון קליינעם טאַסמאַניע...

דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט אַז ער האָט שוין פאַרהאַנדלט וועגן דעם מיט מר. פּאַרקס, וואָס ער איז דער פּאַקטישער געשעפטס־פירער פון דער טאַסמאַנישער מלוכה. מר. פּאַרקס איז לויטן טיטל נאָר אונטער־סעקרעטאַר פון דער רעגירונג, אָבער זיין איינפלוס באַזירט זיך אויף דעם וואָס ער איז דער פּערמאַנענטער טוער אין דעם גאַנצן רעגירונג־אַפּאַראַט אין טאַסמאַניע. איך דאַרף אָנגעבן די צייט ווען איך וועל אַרויסקומען אַהין, און דער יונגער קריטשלי וועט אַלץ אַראַנזשירן פאַר דער רייזע. זיין זון וועט מיטפאָרן מיט מיר און באַגלייטן אויף אַלע פאָרשונגען. די בעסטע צייט וועט זיין אַרום דעצעמבער—יאַנואַר.

מיר האָבן געמאַכט אַ קליינעם איבעררייס ביז מען האָט אונדז דערלאַנגט טיי. האָב איך געהאַט צייט צוקוקן זיך צו די ווענט מיט די ביכער־שריינק. דאָ האָט מען געלעבט אין אינטימער, משפּחהישער נאָענטקייט מיט דעם ווייטן ענגלאַנד. דאָ האָט מען גלייכצייטיק געפאָרשט און געלערנט זייער ניי־דערגאָבערטן קאָנטינענט. ביכער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין סימעטרישע רייען לויט זייערע אינהאַלטן. מילא, צענדליקע בענד פון זשורנאַלן וועגן קוילן, מינעראַלן און מעטאַלן האָבן מיך ניט געוואונדערט. אָבער אַ גאַנצע ביבליאָטעק וועגן... פיש און פיש־אינדוסטריע? אַזוי פיל ווערק, ממש דיק־לייביקע ביכער וועגן פישן האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן. בשר ודגים איז ביי יידן אַ מצוה, אַ מנהג, אַן אייזערנער באַשטאַנד פון שטייגער־לעבן, אָבער — אַ וויסנשאַפט פון דגים?

מר. פּאַרקער האָט גערעדט מיט וואַרעמקייט וועגן יידן. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַריבערבויגן צו מיר אין אַ פריינטלעכער פאַרטרויטקייט. „פאַר מיר איז דער ייד ניט קיין פרעמדער. פּאַרקערט, ער איז דער סאַמע געוואונטשענער טיפּ פון אַלע פעלקער: אַן אינטערנאַציאָנאַליסט... אונדזער ראַסע פאַרדאַנקט אַ סך דעם יידן; אונדזער אימפּעריע האָבן געדינט אַ סך באַרימטע יידן... איך זע נישט אייך

פאַרוואָס אַ ישוב פון דורכאויס יידן, אָדער אַזאַ אין וועלכן די יידן וועלן שטאַרק אַריבערוועגן אין צאָל, זאָל ניט זיין אַ גוטער אויסטראַלי־שער ישוב. אבער אַ חוץ אַלעם אַנדערן, מוז דאָך אויסטראַליע נעמען אַנטייל אין דער שווערער פליטים פראַגע".

מיר האָבן זיך צום סוף געדריקט די הענט ווי אַלטע גוטע פריינט, און עס איז געוואָרן אָפגערעדט אַז די טאַסמאַניע־רייזע זאָל ווערן דורכגעפירט. איך האָב פאַרלאָזן דאָס הויז מיט דעם געפיל אַז פאַר אונדז שטייט נאָך אַ רעאַלער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. זיינען דאָך הינ־טער אים געשטאַנען אַלע דריי מאָטיוון וואָס מוזן געהערן צו דעם זיילישן אינווענטאר פון אַ קאָלאָניזאַציע־פּלאַן פאַר יידן: דער ענג־ליש־אויסטראַלישער פּאַטריאָטיזם, דער עקאָנאָמישער אינטערעס און דער הומאַניטאַרער געפיל.

קריטשלי פּאַרקער, דער זון איז געווען איבערגליקלעך מיט מיין באַזוך פון זיינע עלטערן.

***

מיט אַ צייט שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין ווידער אַמאָל אין דער אויסטראַלישער הויפּט־שטאָט קאַנבעראַ. ווי שטענדיק, האָט זיך דאָס ניט־פאָרמאַלע פּאָליטישע לעבן אָדער, בעסער געזאָגט, די פּאָליטישע טומלעניש, קאָנצענטרירט אין דעם „קאַנבעראַ האָטעל" וואו איך בין איינגעשטאַנען. אין אָוונט, נאָכדעם ווי די זיצונגען פון פּאַר־לאַמענט און אַנדערע מלוכהשע אינסטאַנצן זיינען געווען פאַרענדיקט, פלעגן זיך די מלוכה־מענטשן און זייערע אַרויסהעלפער צונויפקומען צו אַ גלעזל משקה אין אָט דעם האָטעל. די געמיטער זיינען דעמאָלט געווען לייכטער, און די צווישן־פּאַרטייאישע שפּאַנונג פלעגט אָפּלאָזן.

אין יענע טעג איז גראָד פאָרגעקומען אין קאַנבעראַ דער צוזאַמענ־פאָר פון אַלע פּרעמיערן פון די זעקס אויסטראַלישע איינצל־שטאַטן. דאָס איז בכלל געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע אין לאַנד. די פעדעראַלע רעגירונג פון אויסטראַליע איז געזעסן ווי אַ דאַך אי־בער דעם גאַנצן פּאָליטישן בנין פון לאַנד, אָדער זי האָט, ריכטיקער געזאָגט, ווי אַ סקעלעט דורכגענומען און באַפעסטיקט דעם גאַנצן קער־פּער פון ווייט צעוואָרפענעם לאַנד. די גרויסע פינאַנץ־מיטל און די אַל־געמיינע פּאָליטיק איז געלעגן אין די הענט פון דער פעדעראַלער רע־גירונג. דאָך האָט זי ניט געקענט רעגירן דאָס פאָלק אַנדערש ווי דורך

די אָרגאַנען פון די זעקס באַזונדערע שטאַטן. פון איין זייט האָבן די פּרעמיערן פון די זעקס (באַזונדערס פון די דריי שוואַכערע שטאַטן: מערב אויסטראַליע, דרום אויסטראַליע און טאַסמאַניע) געמוזט שטענדיק אָנקומען צו די פּאָליטישע און פינאַנציעלע טובות פון דער מאַמע־פעדעראַציע. פון דער אַנדער זייט האָט די מאַמע ניט געטאָרט צו הויך און צו אָפן אַרויסשטעלן זיך קעגן אירע טעכטער־מלוכות, וואָס זיינען אַלע געבוירן און דערצויגן געוואָרן אַ סך פריער — מיט אַ הונדערט יאָר פריער — ווי זי איז געקומען אויף דער וועלט.

כדי אויסצוגלייכן די אומענדלעכע פאָדערונגען, טענות און פּאַראַיבלס פלעגן די זעקס הויפּטער פון די שטאַטן אַ פּאָר מאָל אין יאָר אַראָפּקומען קיין קאַנבערא. און דאָ פלעגט פאַר טעג און טעג אָנגיין אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס פון דינגעניש, מאַנעוורעס, פינאַנציעלע אָפּמאַכן און פּאָליטישע קאָמפּראָמיסן. האָבן דאָך די שטאַטן אייפערזיכטיק אָפּגעהיט זייער אייגענע אומאָפּהענגיקייט פון דער פעדעראַציע, און האָט דאָך די פעדעראַציע געשטרעבט אַרויפצוצווינגען איבער זיי אַלעמען איר סואווערענע הערלעכקייט. קאָמפּליצירט פלעגט ווערן דער ענין ווען אין שפּיץ פון די אַלע זיבן רעגירונגען זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע פּאַרטייען (דאָס מאָל איז די פעדעראַלע געפירט געוואָרן פון מענזיסן, דעם בירגערלעך־ליבעראַלן פּאַרטיימאַן, בעת אַ ריי שטאַט־רעגירונגען האָבן געהאַט לייבאָר־פּרעמיערס). דאָך איז די זעלביקע שפּאַנונג פאַרבליבן אויך שפּעטער ווען סיי די פעדעראַציע, סיי פיר שטאַטן זיינען רעגירט געווען פון לייבאָר־מענטשן. ביידע צדדים האַלטן דאָך אַז זיי פאַרטרעטן דאָס פאָלק.

אָט אין יענעם נאָוועמבער־אָוונט פון 1940 זיינען אַרום די טישלעך מיט גלעזלעך וויין געזעסן אויך אַ ריי פאַרטרעטער פון די איינצל־שטאַטן. איז צו מיר פּלוצים צוגעקומען סער הערי בראַאון, איינער פון זייערע נאָענטע מענטשן, און האָט געזאָגט אַז אַ פּאָר פּרעמיערס וואָלטן וועלן באַקענען זיך מיט מיר. צו וואָלט איך ניט צוגעקומען צו זייער טיש? אודאי, האָב איך עס גערן געטאָן.

מיר האָבן זיך קעגנזייטיק פאָרגעשטעלט. דער גאָר הויכער, מיטן כמעט שטיינערנעם, אומבאַוועגלעכן פּנים, איז געווען מר. פּלייפאָרד, פּרעמיער פון דרום אויסטראַליע. דער אַנדערער, אַ נידעריקער פּאָטערלעך אויסזעענדיקער מאַן, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר און ראָזעווע באַקן איז געווען מר. קאָסגראָוו, פּרעמיער פון טאַסמאַניע. יעדער פון זיי

האָט געהאַט נעבן זיך זיינע יועצי המלכות. ד״ר האכא איז געווען דער באַראַטער פון קאסגראַוו׳ן. אין אויסטראַליע — אויב נאָר מען פאַלט ניט אריין אין אַ חברה פון שטייפע מענטשן—הויבט זיך אָן זייער לייכט אַ שמועס. מען האָט מיך געבעטן צו דערציילן וועגן אונדזער קימבערלי־פּראָיעקט. זיי האָבן אַ סך געהערט וועגן דעם פון דער פּרעסע; עס גייען אַרום אַזוי פיל קלאַנגען וועגן דעם; זיי ווילן אויסהערן עפּעס גענויעס פון דעם אָפיציעלן פאַרטרעטער פון דער זאַך.

האָב איך זיי אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער יידישער לאַגע אין דער וועלט, וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיט מערב אויסטראַליע, וועגן אונדזערע אידייען פון קאָלאָניזאַציע. איך האָב באַמערקט אז מר. פליפאַרד פון דרום אויסטראַליע האָט זיך אויפגעהויבן אין דער מיט און איז מיט אַנטשולדיקונג אַוועק צו אַן אַנדער טישל. אָבער דער גאַנצער איבעריקער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט געשפּאַנטן אינטערעס. די פראַגן וואָס זיי האָבן שפּעטער געשטעלט, זיינען געווען געהאַלטן אין אַ סימפּאַטישן און געשעפטסמעסיקן טאָן. דערמיט אייגנטלעך האָט זיך מיין אויפגאַבע געהאַט אויסגעשעפּט און איך האָב גענומען פון זיי אָפּשייד. אָבער דאָ איז צו מיר צוגעגאַנגען מיט אַ פריינטלעכן שמייכל מר. קאסגראַוו און האָט געזאָגט:

— מיר, אין טאסמאַניע, וואָלטן אויך געווען אינטערעסירט אין אַזאַ פּראָיעקט פון אַ יידישן ישוב... אונדזער לאַנד נייטיקט זיך אין אַנטוויקלונג און מענטשן... עס וואָלט געווען ריכטיק ווען איר באַקענט זיך מיט אונדזער לאַנד . . .

איך האָב אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן. די רייד פון די פאַרקערס האָבן פלוצים אויפגעלויכטן מיט אַ רעאַליסטישן ליכט.

— יאָ — האָב איך געענטפערט — עס וואָלט טאַקע געווען ריכטיק צו באַקענען זיך מיט אייער לאַנד. זייט איר אָבער גרייט אויף דער שאַפונג פון אַ יידישן ישוב ביי אייך? ווייסט איר וועגן די שוועריקייטן פון באַקומען אַ צושטימונג פון דער פעדעראַלער רעגירונג?

— איך ווייס עס — האָט ער ווייטער פריינטלעך גערעדט — אָבער מיר האָבן קיין מורא ניט . . . מיר קענען גוט די פעדעראַלע רעגירונג... קומט אַריבער צו אונדז, איר וועט זיין אונדזער גאַסט. אונדזערע מיניסטאָרן וועלן אייך געבן אַלע נויטיקע הילף . . .

דאָס איז שוין געווען אַן אָפיציעלע איינלאַדונג פון אַ רעגירונג, און איך האָב זי, פאַרשטייט זיך, מיט דאַנק אָנגענומען. איך האָב צו־

געזאָגט מר. קאסגראוו׳ן אז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך זיך אַריבערכאַפּן צו זיי. דער גאַנצער ענין טאסמאניע האט אנגעהויבן צו ווערן אַקטועל. איצט האָט מען שוין געמוזט באַקענען זיך מיט יענעם לאַנד אויף אַן אמת: דורך ליטעראַטור און פּרעסע. די דעמאָלטיקע רייזע קיין קאַנבערא האט זיך שוין געהאַט געלוינט.

***

דער אינדזל טאסמאניע איז אָפּגעטיילט פון דעם גרויסן אויס־טראַלישן מאַסיוו מיט 150 מייל. ער איז כמעט ווי אַ טייל פון דעמזעל־ביקן קאָנטינענט. גאַנץ טאסמאניע פאַרנעמט א שטח פון 26 טויזנט קוואַדראַט־מייל און באַזיצט אַ באַפעלקערונג פון נאָר אַרום 250,000 מענטשן, אַ העלפט פון זיי וואוינט אין די פיר גרעסערע שטעט.

פון דעם גאַנצן שטח פון לאַנד זיינען 47% בכלל ניט באַזעצט פון מענטשן. צו אַט דעם אומבאַזעצטן שטח געהערט כמעט דער גאַנצער מערב טייל פון דעם אינדזל, 37% פון דעם לאַנד זיינען אדער שוין צוגעטיילט צו פאַרשיידענע איינצל־פּערזאָנען און גרופּעס אָדער געפינען זיך אין פּראָצעס פון ווערן צוגעטיילט. אַזוי אַרום געפינט זיך אונ־טער דעם רשות פון דער „קרוין" ד. ה. פון דעם שטאַט, גאָר אַ גרוי־סער חלק אויך פון די בעסטע ערדן אין מזרח פון טאסמאניע. די מלוכה האָט גענוג לאַנד צו פאַרטיילן פאַר קאָלאָניזאַציע.

„דער גרעסטער טייל פון לאַנד — זאָגט די נייעסטע אויסגאַבע פון דאָרטיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן מיניסטעריאום — איז צוליב זיינע באַרג־פּאַסן, רעגנס און געדיכטע וועלדער — נאָך ניט אויסגעפאָרשט". עס איז אָבער גענוג באַקאַנט, אז אַ דאַנק די רעגולערע און שטאַרקע רעגנס און דעם מילדן קלימאַט מאַכט טאסמאניע דעם איינדרוק פון אַ דורכאויסיקן גאָרטן. דער זומער איז ניט צו הייס (פון 50 ביז 70 גראַד) און דערווינטער ניט צו קאַלט (50—40 גראַד). אין די הויכע בערג, פאַרשטייט זיך, איז פאַראַן שניי און אייז און פראָסטן. צוליב דער מילדקייט פון דעם קלימאַט און דער פּרעכטיקער שיינקייט פון די לאַנדשאַפטן איז טאסמאניע געוואָרן דער באַליבטעסטער פּלאַץ פאַר טור־ריסטן פון גאַנץ אויסטראַליע.

פּראָפעסאָר ג. וואוד, אַ געבוירענער פון טאסמאניע, האָט אין זיין בוך („די טאסמאניער סביבה") געשילדערט דעם עקאָנאָמישן וואוקס פון יענעם לאַנד. „די קאָלאָניסטן פון ענגלאַנד האָבן דאָ געפונען אַ קלימאַט ענלעך צו זייערן. אָבער אַנשטאט אַ געדיכט־באַזעצטער איב־

דוסטריעלער געזעלשאפט האבן זיי געפונען א לאנד פון אומבארירטע וועלדער, פון משונהדיקע טיפן פלאנצן און חיות, פון ווילדע טייכן, אפע־נע טאלן און באַרגיגע געגענטן. אין ענטפער אויף אזעלכע נאטור־באדינגונגען איז דאס לאנד געווארן א טיפיש פלאץ פאר אגריקולטור, גערטנעריי און פיצוכט. איצט ערשט קומט פאר דער איבערגאנג צו יע־נער שטופע ביי וועלכער מענטשלעכע קראפט און קאפיטאל נוצן אויס די נאטירלעכע אוצרות פון לאנד פאר גרויס־אינדוסטריע. די איינציקארטיקע פיזישע סטרוקטור זיינע; די אומצייליקע בערג און היגלען, וואס זיינען ניט צו הויך און דאך הויך גענוג; און א שיעור טייכן און אזערעס; רעגן א סך אבער ניט מער ווי נייטיק; ערד וואס גיט ארויס ניט צו פיל אבער ניט צו ווייניק פאר די מענטשלעכע באדער־פענישן, — דאס אלץ צוזאמען מאכט פון אונדזער אינדזל דעם סאמע געבענטשטן שטאט אין גאנץ אויסטראליע.״

דער זעלביקער אויטאר פארשוויגט אבער ניט די שוואכקייטן פון דער ביז איצטיקער עקאנאמיק פון טאסמאניע. פופציק פארשיידינע מינים בוימער — מייסטנס עווקאליפטן — עקסיסטירן דארטן. אבער „די געשיכטע פון דער באהאנדלונג פון אונדזערע גרויסע וועלדער איז א טרויעריקער קאפיטל אין אונדזער געשיכטע. טאסמאניע איז דער איינציקער אויסטראלישער שטאט וואס איז אינגאנצן וואלד, וואס קאן — אדאנק די קלימאטישע און באדן־באדינגונגען — פראדוצירן יעט־ווערע ארט פון האלץ, וואו דער האלצהאקער קען ארבעטן א גאנצן יאר. דאך האבן עגאאיסטישע קאמערציעלע אינטערעסן און אונדזער עם הארצות בנוגע וואלד־פראבלעמען פארהינדערט א וויסנשאפט־לעכע וואלד־ווירטשאפט אויף א ברייטן יסוד.״

די עפל־פראדוקציע איז גרויסארטיק, אבער אויך זי ליידט פון גרויסע טעכנישע פעלערן. „טויזנט בושעלס פון עפל ווערן געפאקט אין הילצערנע קעסטלעך וועלכע מען פירט אריין פון... בריטיש קאלומביא, 8000 מייל אוועק.״ אזוי אויך מיט דער פישעריי וואס קען זיך דא אנשפארן אויף די גוואלדיקע מאסן פון די בעסטע סארטן פון פיש, באזונדערס פארעלן און לאקסן.

מיר קאנען דא אפשטעלן די באשרייבונג פון דעם לאנד. עס איז קלאר אז עס נייטיקט זיך אין א מעכטיקן צושטראם פון איניציאטיוו, מאטעריעלע כחות, און ראשית כל, מענטשן. טאסמאניע מוז ווידער אמאל — ווי אין אנהייב XIX יאהרהונדערט — קאלאניזירט ווערן.

איצט איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס איר רעגירונג איז אַזוי פּאַראַנ־טערעסירט אין אַ גרויסער יידישער איינוואַנדערונג. דאַרף מען טאַקע וואָס גיכער צופאָרן אַהין.

⁂

די רייזע קיין טאַסמאַניע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 12טן יאַנואַר 1941. עס האָבן געזאָלט נעמען אין איר אָנטייל פיר פּערזאָנען: אַ חוץ מיר, דער יונגער פּאַרקער, פּרוי אייזיקסאָן און אַ יונגער יידי־שער פאָטאָגראַף וואָס האָט אויך שטודירט לאַנדווירטשאַפט, מר. פּערל. דער סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער רעגירונג אין דער הויפּט־שטאָט האָבאַרט, מר. פּאַרקס, האָט געמאַכט די נייטיקע צוגרייטונגען. כדי ניט צו פאַרלירן צייט, האָט דער מיר התלהבות ברענענדיקער פּאַרקער פאָרגעשלאָגן אַז מיר ביידע זאָלן די ערשטע אַרויספליען אַהין. די אַנ־דערע צוויי וועלן פאָרן אַהין מיט אַ שיף. דער אָטעם פון באַגייסטע־רונג האָט זיך געטראָגן פון אַלע זיינע בריף און פאָרשלאָגן. איך האָב געזאָלט פליען פון סידניי קיין האָבאַרט (אַ רייזע פון 7 שעה) און ער וועט זיך אַריינזעצן אין דעמזעלביקן עראָפּלאַן אויפן מיטן וועג — אין מעלבורן.

„איך בין אַזוי צופרידן — האָט ער געשריבן — אַז איר זייט מסכים מיט די הכנות צו אייער וויזיט קיין טאַסמאַניע. איך קאָן זיך קוים דערוואַרטן אויף אָט דער רייזע מיט אייך, וויסנדיק אַז אין מערב און דרום־מערב טאַסמאַניע וועט איר געפינען דאָס „געוואונטשענע לאַנד" פאַר אַ גרויסן טייל פון אייער פאָלק.

עס זיינען אמת פאַראַן שטחים לאַנד וואָס ליגן נאָענט צו די שטעט און דערפער, און אַנדערע וואָלטן אפשר אויסגעקליבן זיי. איך אָבער פיל אַז — גלייך ווי ביי די אמאָליקע נביאים — איז אייער גורל צו פירן דאָס פאָלק אין דעם מדבר, ניט קוקנדיק אויף רעכטס אדער אויף לינקס, כדי אַראָפּצונעמען דאָרטן אַ גערעטעניש צען מאָל גרעסער ווי וואו ניט איז אויף אונדזער אינדזל".

די ערשטע העלפט פון מיין לופט־נסיעה איז אַריבער בשלום. יענער מאָרגן פון 12טן יאַנואַר איז געווען אַ קלאָרער און רואיקער. ווי שטענ־דיק, האָב איך זיך געסטאַרעט צו מאַכן זיך ניט וויסנדיק אַז מען שוועבט אין די וואָלקנס. דער אמת איז אַז אונדזער איינער פּילט זיך אַמבעסטן אויף דעם פעסטן גרונט פון דער יבשה. אויב עס איז געזאָגט געוואָרן

Critchley Parker

אַז די תורה לא בשמים היא, איז דער ענין קאָלאָניזאַציע אודאי ניט אין הימל. וויל מען דעראָבערן די ערד, מוז מען דורכגיין יעטוועדן פוס־טריט אירן מיט די אייגענע פיס.

יעדעס מאָל ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו באַנוצן דעם עראָ־פּלאַן, האָב איך — דער אומפאַרענדערלעכער עם הארץ — גע־פּרואווט איינריכטן זיך אַזוי ווי אין אַ געוויינטלעכן אייזנבאַן־וואַגאָן. ווי נאָר צוגעבונדן זיך מיט לעדערנע רימענס צו דער באַנק, גענומען אין האַנט אַ צייטונג. ניט געקוקט אין די פענצטער אַרויס, ניט געמאָסטן מיטן אויג די הויכקייט פון פלוג אָדער די נידעריקייט פון די וואָלקנס. איז מען שטאַרק אַריינגעטאָן אין דעם אינהאַלט פון בוך, לויפן דע־מאָלט אומבאַמערקט ניט נאָר די צייטלעך נאָר אויך די מיילן פון דרויסן. מערקט מען ניט אַזוי שטאַרק די שאַרפע שטויסן און שטורכן ווען דער עראָפּלאַן וואַקלט זיך, טויכט אונטער און שפּרינגט אַרויף אין די לופ־טיקע כוואַליעס. און טאָמער פאַרפעלט פלוצים צום אָטעמען לופט אין דעם אָפּגעשלאָסענעם און צוהיצטן רוים, דערנענטערט מען דאָס מויל צו דער מעטאַלענער רערל, וואָס ציט זיך פון דאַך און יאָגט אַריין אַ קי־לענדיקן לופט־שטראָם פון דרויסן. ניטאָ קיין שום באַזונדערע קאָפּ־דרייעניש ווען מען פאַרלאָזט דעם לופט־שיף, מער ניט דער קאָפּ איז עפּעס ווי פאַרטשאַדעט, אַזוי ווי מען וואָלט אָקאָרשט אַרויס פון אַ מיט רויך אָנגעפילטן צימער.

אַז אונדזער לופט־שיף האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דעם עראָדראָם אין מעלבורן, האָב איך ניט געדאַרפט לאַנג אַרומזוכן פאַרקערן. ער איז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געלאָפן מיר אַנטקעגן. זיין געזיכט האָט זיך געררויטלט און געפלאַמט מיט איינגעהאַלטענער באַגייסטערונג. אַלע זיי־נע אברים האָבן גענומען אנטייל אין דעם געשעעניש. איז עס דאָך פאַר אים געווען די פאַרווירקליכונג פון זיין חלום. — צי בין איך ניט פאַר־מאַטערט פון וועג ? — האָט ער מיט זאָרג אויסגעפרעגט. — צי וויל איך ניט עפּעס עסן אין דעם בופעט ? —

איך האָב באַמערקט אַז פאַרמאַטערט גראַד איז ער געווען און אַז זיינע אויגן זיינען געווען אומרואיק און רויט פון שלאָפלאָזיקייט. — צי האָט ער גאָר אַליין דעם טאָג געגעסן ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, און מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל האָט ער קוים געענטפערט : ניין, פון פרי־מאָרגן אָן ניט געגעסן, ניט געקענט די נאַכט איינשלאָפן... אָבער איצט אַז איך בין שוין דאָ אויפן וועג אהין, פיל איך זיך רואיק...

מיר זיינען אַריין אין דער ברייטער האַלע פון עראָדראָם און ער האָט גענומען אַ גלאָז מילך. צוביסלעך איז זיין אומרו אַוועק, אָבער די פאַרבאַהאַלטענע פרייד האָט אַרויסגערעדט פון זיין גאַנצן וועזן. ווער געדענקט עס ניט שלום עליכם'ס מעשה מיט דעם „גליקלעכן פון קאַנדיי", וואָס האָט געפירט אַ פּראָפעסאָר צו זיין קראַנקן זון? ער האָט ממש ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיין מלאך מושיע, האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, געציילט זיינע טריט. מר. פּאַרקער איז דאָס מאָל געווען דער „גליקלעכער פון טאַסמאַניע".

אַריין אין עראָפּלאַן, האָבן מיר זיך ביידע געזעצט אויף איין ביינקל, איך נעענטער צום פענסטערל, ער נעבן מיר. פּאַרקער האָט געפירט מיט זיך אַ סך געדרוקט מאַטעריאַל, ביכער מיט מאַפּעס פון זיין לאַנד, כדי צו לייענען זיי ביז מיר וועלן זיך אַראָפּלאָזן דאָרטן. אַ שעה זיינען מיר אַזוי געזעסן פאַרטיפט אין די פּאַפּירן, ביז איך האָב פּלוצים באַמערקט עפּעס אין מיין שכנס גאַנצער האַלטונג. ער האָט זיך נערוועז געשאָקלט אויף אַלע זייטן, זיינע אויגן זיינען פאַרנעפּלט געוואָרן. זיין געזיכט האָט זיך געקרומט. הפּנים עס איז אים שלעכט געוואָרן פון דער רייזע, עס האָט אים פאַרפעלט לופט. האָבן מיר געביטן די ערטער כדי ער זאָל קענען באַנוצן די רערל וואָס פאַרשאַפט פרישן שטראָם פון דרויסן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער אייגענער פיזישער שוואַכקייט, און האָט זיך בעת מעשה געפילט שולדיק לגבי מיר. ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן זיך אַזוי ווי די גאַנצע מיסיע וואָלט געשטאַנען אין געפאַר. אים איז מסתמא געווען אַ בזיון, וואָס ער, דער מורה דרך, דער וועג־ווייזער קען זיך ניט באַהערשן.

אָט אין אַזאַ צערודערטן צושטאַנד זיינען מיר צוגעקומען צו האָבאַרט. עס איז אים לייכטער געוואָרן אויף דער פעסטער ערד, אָבער צו דער שטאָט גופא האָט מען געמוזט אַריבערפאָרן דעם טייך אויף אַ פּאַראָם. דאָ האָט די שוואַכקייט ווידער אַרומגענומען זיין קערפּער, און ער איז געזעסן מיט פאַרחלשטע אויגן. אַזוי אַרום בין איך גאָר געוואָרן דער וועג־ווייזער פאַר אים. מיט דער הילף פון אַ קראַנקנשוועסטער האָבן מיר אים געבראַכט צום האָטעל. אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר, אנגענומען די נייטיקע מיטלען, און אויף מאָרגן אינדערפרי איז ער שוין ווידער געווען אויף די פיס.

**
*

מר. פּאַרקער האָט געאַרבעט מיט גרויסן אימפּעט זינט יענעם פרי־מאַרגן. ער האָט זיך שוין געהאַט געזען מיטן מלוכה־סעקרעטאַר פּאַרקס און האָט זיך באַראָטן מיט אים וועגן דעם גאַנצן אַרבעטס־פּראָגראַם פון אונדזער קאָמיסיע. אַז איך בין אריבערגעקומען צו דעם רעגירונג־הויז (פונקט אַזאַ באַשיידענעם און אַלטמאָדישן ווי אין פּערט!), איז מיין ערשטע באַגעגעניש געווען טאַקע מיט דעם מר. עדוואַרד פּאַרקס. פון זיין טיש אין דעם זייער גערוימיקן צימער האָט זיך אויפגעהויבן אַן עלטערער הער מיט פאַמעלעכדיקע, איידעלע מאַנירן, מיט אַ רואיקער קולטיווירטער שטים פון אַ לאַנגיאָריקן הויכן באַאַמטן. ער האָט גע־רעדט ווייך, מיט דעם עכטן ענגלישן אַקצענט, האָט זעלטן אַריינגעקוקט אייך אין געזיכט, אָבער געווען זייער פריינטלעך. ער האָט אונדז באַ־גריסט און דערקלערט אַז ער און די רעגירונג וועלן טאָן אַלעס מעגלעכע כדי מיר זאָלן קאָנען זיך גרינטלעך באַקענען מיטן לאַנד. אויך זאָלן מיר ניט פאַרפעלן צו זען די וואונדערבאַרע לאַנדשאַפטן פון טאַסמאַניע, וואָס זיינען באַרימט אין דער גאַנצער וועלט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום — האָט מר. פּאַרקס ווייטער גערעדט — וועלן מרס. אייזיקסאָן און מר. פּערל וועלן אָנקומען, וועט שוין זיין אויסגעאַר־בעט דער פולער מאַרשרוט פון אונדזער רייזע. די הוצאות פאַר די אַלע רייזן נעמט די רעגירונג אויף זיך. דערווייל אָבער וואָלט איך געדאַרפט האָבן שמועסן מיט די פירער פון אַ ריי דעפּאַרטמענטן וואָס האָבן אַ שייכות צו קאָלאָניזאַציע. צו זיי געהערן, ראשית כל, דער סערווייאָר זשענעראַל, וואָס פאַסט אויף אויף די ערדן פון דער מלוכה, און דער קאָמיסאַר פון הידראָ־עלעקטריק, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער קראַפט־ענערגיע פון לאַנד. עס וואָלט אויך ניט שאַדן צו ריידן מיט די פאַרוואַל־טער פון די וועלדער און די מיינס. און פאַרוואָס טאַקע ניט אויך מיט דעם דירעקטאָר פון דער פאָלק־דערציאונג? שפּעטער, נאָך דער אָנ־זאַמלונג פון גאַנצן מאַטעריאַל, זאָל פאָרקומען די באַגעגעניש מיט פּרע־מיער און אַ שמועס וועגן תכלית.

ביי דער געלעגנהייט האָט מר. פּאַרקס מיר געוויזן די קאָפּיע פון זיין בריוו צום אַלטן פּאַרקער וואָס איז געשריבן געוואָרן אין נאָוועמבער 1940. „ערשט איצט קען איך אייך שרייבן מכח דעם געפּלאַנטן וויזיט פון ד״ר שטיינבערג אין אונדזער לאַנד, ווי איר ווייסט, האָט ער זיך דאָ ניט לאַנג געטראָפן מיט אונדזער פּרעמיער אין קאַנבערא, און מר. קאָסגראָוו האָט געזאָגט אַז קיין שום קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן קענען ניט גיין פאָרויס ביז ד״ר שטיינבערג וועט ניט באַזוכן אונדזער שטאַט. אויב עס וועט זיין

באַקוועם פאר אים אריבערצוקומען אין יאַנואַר, וועט די רעגירונג פאַרשאַפן פרייע טראנספּאָרט־מעגלעכקייטן אין די גרענעצן פון לאַנד. דער פּרעמיער לאָזט אויך וויסן אז אַ פולע אינפאָרמאציע פון סאַמע ערנסטן כאַראַקטער וועט ווערן געשטעלט צו דעם דינסט פון ד״ר שטיינבערג פון אלע רעגירונג־דעפּאַרטמענטן.״

נאָך אַזאַ קבלת פּנים זיינען פאַר אונדז געשטאַנען אָפן אַלע אָפּ־טיילונגען פון דער מלוכה־מאַשין. אַ מלוכה קען זיין גרויס אָדער קליין, מיט אַ לאַנגער אָדער אַ פרישער פאַרגאַנגענהייט, — אָבער איר אַפּאַראַט איז כסדר אַן אָפּגעשלאָסענער, אַ פאַרפאַנצערטער פאַרן דרויסן. דאָ, אין טאַסמאַניע, האָבן מיר געפונען ביי די הויכע באַאַמטע אַ פריינטלעכן ווילן צו קומען אונדז אַנטקעגן אין אַלע פרטים. פאַרשטייט זיך, די פאַר־שיידענע לייט האָבן געהאַט פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן: פלעגמאַטי־שע, סקעפּטישע, ענערגישע, לעבנס־לוסטיקע. אָבער קיינער פון זיי האָט ניט פאַרבאהאלטן די „געהיימניסע״ פון מלכות; מען האָט פאַרהאנדלט מיט גרויסער אפנקייט.

היות ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יענע געגנטן אין דרום, מערב און דרום־מערב טאסמאניע וואָס זיינען געווען ווייניק אויסגעפאָרשט, האָבן זיי געדאַרפט אַרויסזוכן דאקומענטן, באַריכטן און מאַפּעס פון על־טערע צייטן, פון אַמאָליקע עקספּעדיציעס. האָט מען גענישטערט אין די אַרכיוון, אָפּגעטרייסלט דעם שטויב, פאַנאַנדערגעלייגט זיי ברייט אויף די טישן. און ווי דער דרך איז בנוגע א נייעם פּראָיעקט, האָבן זיך די מיינונגען פון די באַאַמטע געטיילט. בעת איינינקע האָבן מיט סקעפּטי־שע בליקן געשאָקלט מיטן קאָפּ, האָבן די אַנדערע גערעדט מיט אַ פאַר־טייעטער באַגייסטערונג וועגן דער עקאָנאָמישער צוקונפט פון זייער לאַנד. בעת מען האָט דערמאָנט, למשל, די מעגלעכקייטן פון לאַנד־ווירטשאַפט אין די פרייע שטחים, איז יעדעס מאָל אַרויפגעשוואומען די פראַגע פון דער אַזוי גערופענער „באטן־גראס״ (קנעפל־גראָז). דאָס איז אַ פלאַנץ וואָס וואַקסט אויף האַלב־זומפּיקע ערדן און איז שעדלעך פאַר אַגריקולטור. און אויך דאָ האָבן זיך די מיינונגען געטיילט. בעת די איינע האָבן אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט אויפן לאַנד מיטן באטן־גראס, האָבן די אַנדערע דערציילט וועגן די מעטאָדן פון פטור ווערן פון איר.

אין די ערשטע דריי טעג האָב איך זיך איינציקווייז געטראָפן מיט מר. פּיטט (דעם סערווייאָר זשענעראל), מר. סמיט (סעקרעטאר פאַר

לאַנדווירטשאַפט), מר. היקס און מר. געמל (די פירנדיקע אַגריקולטור־באַאַמטע), מר. סטין (קאָמיסאַר פון די וועלדער), מר. ווילִיאַמס (דירעקטאָר פון די מיינס). יעטוועדער האָט געהאַט זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער קאָלאָניזאַציע־פראַגע, דעם צוגאַנג פון זיין ווירטשאַפט־צווייג. זיי זיינען געווען שטאָלץ מיט דעם רייכטום פון זייערע באַזונדערע געביטן: ווער מיט די וועלדער, ווער מיט די מינעראַלן, ווער מיט די פרוכטן און פלאַנצן. זיי האָבן גוט געקענט די מעלות טובות און די שוועריקייטן פון יענע לאַנד־טיילן וועלכע זיינען שוין געווען באַפעלקערט. אָבער זיי האָבן ניט צו פיל געוואוסט וועגן די נייע, ניט־אויסגעפאָרשטע און ניט באַזעצטע טיילן פון טאַסמאַניע, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין זינען. עס האָט זיך באַקומען כמעט דאָסזעלביקע בילד ווי אַרום קימבערליי..

אויך אין מערב אויסטראַליע האָבן די צענטראַלע אינסטאַנצן ניט צו פיל געוואוסט וועגן די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן פון זייער אייגן צפון־לאַנד. זיי האָבן געהאַט אזוי פיל צו טאָן מיט דער נאָענטסטער געאָגראַפיש־עקאָנאָמישער סביבה, אַז זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייער „אויבן־אָן". אַ שליח פון דער „פריילאַנד־ליגע" האָט געמוזט אָנקומען צו זיי, כדי צו מאַכן זיי „קימבערליי־באַוואוסטזיניק". דאָ, אין האָבאַרט, האָט מען אויך וויניק געוואוסט און פאַרשטאַנען די מעלות פון זייער אייגן לאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ גוואַלטיקע קרקע בתולה איבער די בערג און טאָלן, די זומפּן און די וועלדער פון אַ גרויסן אינדזל. און עס איז געווען קלאָר, אַז כדי באמת אָפּצושאַצן די מעגלעכקייטן פון טאַסמאַניע, מוז מען אַראָפּלאָזן זיך דירעקט אין די טיפענישן פון לאַנד, דורכשניידן עס פון איין ברעג ביז צום אַנדערן און אָנטאַפּן אַלץ מיט דער האַנט און מיטן אויג. דאָס האָט געזאָלט זיין די אויפגאַבע פון אַ יידישער עקספּעדיציע.

די פולע דערקענטעניש פון דעם לאַנד האָט אַרויסגעוויזן מר. מאַקלין, דער אינזשענער, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך די הידראַ־עלעקטרישע סטאַנציעס. זיי האָבן שוין געהאַט אויסגענוצט אין אַ פיינער מאָס די וואַסער־כוחות פון דער אַרומיקער סביבה, און אַ דאַנק דעם געבראַכט אין באַוועגונג די רעדער פון אַ סך פאַבריקן (די פאַפּיר־פאַבריקן, ראשית־כל). אָבער—האָט ער געריידט מיט דעם שטילן ציטער פון אַ וויסנשאַפטלעכן וויזיאָנער—מיר האָבן נאָך די גרעסטע מעגלעכקייטן פאַר זיך... אַז איר וועט זיך באַקענען מיט דער קראַפט פון אונדזערע וואַסער־שטראָמען און וואַסער־פאַלן, וועט איר פאַרשטיין וואָס פאַר אַן

אינדוסטריעלע צוקונפט עס דערוואַרט טאַסמאַניע. אין די קוילן־גרובן, אין די וועלדער, ביי די ברעגעס פון אונזער אָקעאַן, אין די דערפער און פרוכט־גערטנער, אומעטום וועט די ביליקע וואַסער־קראַפט באַפרוכטן און באַוועגן די מאַשינעס . . .

מר. מאַקלין האָט דערפאַר מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט די יידישע קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל ברענגען אין לאַנד מענטשן, קאַפּיטאַל, איני־ציאַטיוו, לעבנסלוסט. און פונקט ווי ער האָבן געדעדט די אגריקול־טור־באַאַמטע, וואָס האָבן געזאָלט אונדז פירן באַוויזן דאָס לאַנד. זיי האָבן צוגעזען ווי פּאַמעלעך עס באַוועגט זיך ביי זיי די אַנטוויקלונג אָן דער איישפּריצונג פון אַ נייעם פּיאָנערן גייסט.

אַז פּרוי אייזיקסאָן איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט מר. פּאַרקס נאָך מער פאַרגרעסערט זיין אויפמערקזאַמקייט צו אונדז. ניט נאָר די נוצלעכקייט פון זיין טאַסמאַניע, נאָר אויך איר שיינקייט האָט ער אונדז געוואָלט באַווייזן. די טייערע געסט האָט מען אין רעגירונגס־אויטאָמאָבילן געפירט אויף דעם וואונדערלעכן באַרג וועלינגטאָן (איבער 4000 פוס הויך), פון וועלכן מען האָט געקענט ניט נאָר זען די פאַרבנשיינע געמיטלעכע שטאָט האָבאַרט, נאָר אויך די קאָכעדיקע כוואַליעס פון דעם אָקעאַן. מען האָט מיך אין אַ רעגי־רונגס־שיף געפירט באַוויזן די אַרבעטן, וואָס ווערן אָנגעפירט אויף די ברעגעס פון ים און זיינען אָפּגעשלאָסן פאַר דעם זייטיקן עולם. מען האָט געהאַט אַ דינער מיט אונדזערע גאַסט־געבער. אָבער אונדז האָט געצויגן וואָס גיכער אַרויס פון האָבאַרט, צו די פּוסטע שטחים, צו די ניט־באַזעצטע ערטער וואָס לעכצן נאָך קאָלאָניזאַציע.

***

אָט די רייזע איז פיבערהאַפט צוגעגרייט געוואָרן פון דעם יונגן פּאַרקער (מיר וועלן אים איצט אָנרופן ביי זיין ערשטן נאָמען — קריטשלי). ער איז געווען אונדזער ליעזאָן־אָפיסער מיט די רעגי־רונגס־אינסטאַנצן. דער פּלאַן פון פריער איז געווען אַזאַ: מיר זאָלן אַרויספאָרן אויף 60 מייל קיין דאַוועך. דאַוועך, אַ שטאָט אין דרום־מערב פון לאַנד, וועט זיין אונדזער צענטראַל־פונקט פון וועלכן מיר וועלן באַזוכן, אין קורצע אויספלוגן, די אַרומיקע שטעטלעך, פאַרמס, האָלץ־מילן, בהמות־סטאַנציעס. באַקענענדיק זיך מיט די אויפ־טוען פון טאַסמאַנישן באַזעצטן לאַנד וועלן מיר ממילא קענען פאַראויס־

זען די אַנטוויקלונג פון די גרעסערע ניט־באַזעצטע שטחים. קומענ־דיק קיין האָבאַרט האָבן מיר אָבער פאַרשטאַנען אַז יענער גרויסער אומבאַזעצטער טייל פון טאַסמאַניע נייטיקט זיך אין גאָר אַ באַזונדערער, זייער גרינטלעכער אויספאָרשונג.

קריטשלי האָט פאַרהאַנדלט, געפּלאַנעוועט און צוגעגרייט דעם וועג. עס איז געווען אַ שווער פּראָבלעם מיט די טראַנספּאָרט־מיטלען. מען האָט געמוזט באַנוצן אַ קאַר, אַ שיף, א פערד צום רייטן און אַ סך גיין צופוס. דאָס לאַנדווירטשאַפט־מיניסטעריום האָט געשטעלט צו אונדזער דינסט די אויטאָס און דעם זייער פעאיקן באַאַמטן מר. געמל. מיר האָבן זיך באַלד אַרויסגעלאָזן אין וועג. איניקע טעג זיינען אַלע פיר אַנטיילנעמער געווען צוזאַמען. פון דאָרט אַריבער־געכאַפּט זיך קיין יואַנוויל, קיין הייסטינגס, קיין רעמסגייט. אַריינ־געזאַפּט אין זיך אַן אַ שיעור איינדרוקן מיט אַלע אונדזערע פינף חושים. געקוויקט דאָס אויג מיטן אַנבליק פון די אומענדלעכע, איבער בערג־טעראַסן און טאָלן זיך אויסשפּרייטנדיק עפּל־פּלאַנטאַזשן. די פּלאַנטאַזשן מיט די באַרימטע טאַסמאַנער עפּל האָבן זיך געצויגן אין סימעטרישע פּירקאַנטיקע פעלדער אויף ביידע זייטן פון וועג. (אגב, מיר האָבן ניט געקענט באַקומען קיין איין עפּל אויף אַ רפואה: אַלץ איז געווען פאַרפּאַקט און פאַרקויפט! ווייזט אויס ניט נאָר שוסטער גייען באָרוועס...) מען האָט געדאַרפט זען אין די טעג קריטשלין. דאָרטן אין שטאָט בעת ער האָט געטראָגן דעם שוואַרצן מאַנטל מיט דעם שטייפן הוט אויפן קאָפּ, און דאָס פנים איז געווען האַרט קאָנצענטרירט, האָט ער אויסגעזען כמעט ווי אַ ייִדישער פרוש. דאָ איז ער איצט אַרומגעלאָפן אין אַ העמד, אָן אַ היטל, ווי אַ באַלעבאָס, וואָס וויל אויפפּראַלן אַלע זיינע טירן פאַר די ליבע געסט.

מיר האָבן געפירט מיט די באַוואוינער פון לאַנד, מיט פאַרמערס, מיט בעלי־מלאכות שמועסן. מיר האָבן זיי באַזונדערס אויסגעפרעגט וועגן יענעם געהיימניספולן „באַטן־גראַס" — און באַקומען אַ סך אויפקלערונג. זיי האָבן דאָ געשפּירט דעם לעבעדיקן פּולס פון זייער ערד, וואַלד, גאָרטן, — און האָבן מיט גרויס בטחון געקוקט פאָראויס. אָט זיינען מיר געזעסן אין דער דאָרפישער שטוב פון מר. מייר סמיט, אַ מאַן פון אַ זיבעציק יאָר, מיט אַ גרויען קאָפּ און אַן אָפן צעפּראַלטער ברוסט. ער האָט שטאָלץ געוויזן אויף זיינע הענט און דערציילט: אין

1928 האָט ער געקויפט דאָ אין סאַמע בוש אָט די איבער 500 אַקער לאַנד פאַר 750 פונט. אין סעפּטעמבער האָבן זיי זאַלבעדריט אָפּגע־רייניקט פון וואַלד הונדערט מיט דרייסיק אַקער; אין פעברואר האָט ער פאַרבראָענט די קלעצער און אויף זייער אַש פאַרזייט גראָז. צום סוף יאָר האָבן זיך דאָ געפיטערט 600 שעפּסן און 300 קעלבער. עס וואַקסט דאָ אַלערליי גרינס; קאַרטאָפל — ביז צען טאָן אויף אַן אַקער, און פאַר א טאָן באַקומט מען 20 פונט אין געלט! בישקשה, מען קען לעבן. זייגע פיר זין און אַ טאָכטער אַלע האָבן אייגענע אויטאָמאָבילן. „יאָ, מיר ווילן האָבן אַז נייע מענטשן זאָלן זיך דאָ באַזעצן. פאַראַן אַ סך גוט לאַנד פאַר זיי".

פונקט אַזוי האָט גערעדט דער אין זיין לאַנד פאַרליבטער מר. געמל און די אַנדערע באַאַמטע. ער פלעגט זיצן מיט אונדז אין דעם קאַר און ריידן וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן פאַר קאָלאָניסטן. צוזאַמען מיט קריטשלין און די אַנדערע איז ער געקראָכן אויף די בערג־שפּיצן, גע־וויזן אונדז די רחבות פון לאַנד. אין יעדן ווינקל דאָרטן אַרום האָבן געקענט זיך באַזעצן אומצייליקע פאַמיליעס פון האָרעפּאַשניקעס. אָבער — ניט דאָס איז דאָך געווען אונדזער ציל, דער ציל פון דער „פריי־לאַנד־ליגע". מיר האָבן ניט געזוכט קיין פּלעצער פאַר איינצל־קאָ־לאָניסטן; מיר האָבן געזוכט דעם פּלאַץ פאַר אַ גרויסן יידישן קאָנ־צענטרירטן ישוב. הייסט עס, אַז מען דאַרף אַריבערטראָגן די פאַרשונג־אַרבעט פון די אַלע דאָזיקע בליענדיקע דערפער און שטעטלעך ווייט אַוועק צו דרום און מערב צו, וואו דער מענטשלעכער פוס האָט נאָך זעלטן געטראָטן.

אין די אָוונטן פלעגן מיר — די פיר מרגלים — צונויפקומען זיך אין האָטעל־צימער און דורכריידן זיך וועגן די אָנגעזאַמעלטע איינדרוקן פון טאָג. אונדזער באַשלוס איז געווען אַז די עקספּעדיציע קען זיך ניט באַגנוגן מיט דעם געזעענעם. מיר האָבן עפּעס געלערנט, מר. פּערל האָט געמאכט געלונגענע פאטאגראפיעס, אָבער איצט ווען מיר זיך אומקערן קיין האבארט כדי צוצוגרייטן דעם צווייטן שריט. איך האָב געזאָלט דאָרטן פאַרבלייבן און אָנהויבן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. די דריי אַנדערע וועלן מאכן די אַלע ניט לייכטע הכנות צו דער שווערער נסיעה טיפער אין לאַנד.

***

דער פּרעמיער קאסגראוו האט מיך אויפגענומען אין זיין קאַבי־נעט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. מר. פּאַרקס איז געווען אַנוועזנד דערביי. ער האָט געענוי אויסגעפרעגט וועגן די איינדרוקן וואָס מיר האָבן באַקומען אין לאַנד, און צי האָבן אונדז די רעגירונג־אינסטאַנצן געגעבן די נייטיקע הילף. דער ציילישער יסוד פאַר פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען איז לייכט געשאַפן געוואָרן צווישן אונדז, און איך האָב אים געפרעגט וועגן תכלית. דאָס הייסט, צי וועט טאסמאניע אין פּרינציפּ מסכים זיין אויף דער שאַפונג פון אַ יידישן קאָנצענטרירטן ישוב, און אויף וועלכע באַדינגונגען. דער פּרעמיער האָט דערקלערט אַז זיי זיינען שטאַרק אינטערעסירט אין אַזאַ מין פּראָיעקט. פאַרשטייט זיך, עס מוזן אויסגעאַרבעט ווערן די באַדינגונגען אין אַלע דעטאַלן. ער קען אָבער פאַרזיכערן אונדז אַז זיי וועלן גערן אנדערקענען דעם פּרינציפּ פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע. כדי עס זאָל בלייבן אַ קלאָרער רעזולטאַט פון אונדזער איצטיקן שמועס, וועט אנגעשריבן ווערן וועגן דעם אַן אָפּי־ציעלער מעמאראנדום, אויף וועלכן עס וועט שטיין די חתימה פון אונ־טער־סעקרעטאַר.

מר. קאסגראָוו האָט זיך טאַקע געווענדעט צו מר. פּאַרקסן און געבעטן אים אַז ער זאָל צוזאַמענשטעלן אַזאַ מעמאָראנדום אויף אַ מלוכהישן פּאַפּיר־בויגן, באַוויזן עס מיר און דערלאַנגען עס אים שפּע־טער צו באַשטעטיקן. מער האָב איך ניט געדאַרפט האָבן אין יענעם עטאַפּ, בעת די אויספאָרשונג פון לאַנד האָט זיך ערשט שפּעטער גע־דאַרפט אָנהויבן. אין פאָלגענדיקן גיב איך איבער דעם טעקסט פון דעם אויסגעפאַרטיקטן מעמאראנדום:

פּרעמיערס אָפיס,
האָבאַרט
21 יאַנואר 1941

פריילאַנד־ליגע,
באַזעצונג פון אימיגראַנטן.

נאָכדעם ווי דער פּרעמיער פון טאסמאניע (האָנאָרעדי ראָבערט קאסגראָוו) האָט אין קאַנבערא געהאַט אַ נישט־אָפיציעלן געשפּרעך מיט ד״ר י. שטיינבערג, האָט ער זיך דעם 5טן דעצ. 1940 פאַרבונדן מיט ד״ר שטיינבערג (דורך

אַ פּאַרמיטלער) און געלאָזט וויסן אַז די פּלענער וועגן דער באַזעצונג פון יידישע אימיגראַנטן פון איראָפּע אין טאַס־מאַניע קענען ניט באַטראַכט ווערן ביז ער וועט ניט באַזוכן דאָס לאַנד. עס איז אָנגעבאָטן געוואָרן פרייער טראַנספּאָרט פאַר אים, און דער פּרעמיער האָט צוגעזאָגט אַז פולע אינ־פאָרמאַציע וועט ווערן צוגעשטעלט פון די מלוכה־אינ־סטאַנצן.

ד"ר שטיינבערג איז אָנגעקומען קיין האָבאַרט, און בעת זיין באַגעגעניש מיטן פּרעמיער דעם 20טן יאַנואַר 1941 (אין בייזיין פון אונטער־סעקרעטאַר) האָט ער דערקלערט אַז ער איז אינטערעסירט, אין נאָמען פון דער „פרייל אַנד־ליגע", צו באַקומען די ערשטע ידיעות בנוגע אַ „גרויסן און דורכ־אויסיקן שטח לאַנד אויף צו שאַפן אַ יידישן ישוב פון פּליטים פון אייניקע לענדער פון איראָפּע."

ד"ר שטיינבערג האָט דערביי געגעבן די פאָלגענדיקע אויפ־קלערונגען: „עס זאָל קלאָר פאַרשטאַנען ווערן, אַז דער יידי־שער ישוב שטרעבט ניט צו ווערן אַ פּאָליטישער איינס, סע־פּאַרירט פון טאַסמאַנישן און אויסטראַלישן שטאַט. די קאָ־לאָניסטן זאָלן ווערן לויטן געזעץ אויסטראַלישע בירגער, און די אויסטראַלישע אדמיניסטראַציע זאָל איינגעפירט ווערן פון סאַמע אָנהויב אָן.

די אידייע איז צו שאַפן אַן עקאָנאָמישן איינס. דאָס מיינט, ערשטנס, צו אַנטוויקלען דעם אויסגעקליבענעם שטח ווי אַ באַלאַנסירטע עקאָנאָמיק וואָס איז געבויט אויף אַ סיסטעמאַטישן פּלאַן פאַר אַ סך יאָרן פאָראויס, און נעמט אריין סיי לאַנדווירטשאַפט, פישערײַ און באַרג־אַרבעט, סיי אינדוסטריעס. דאָס איז דער ערשטער מיין פון אַן עקאָנאָ־מישן איינס. דער צווייטער איז: אַז דער פּלאַן זאָל זיין אַזוי געבויט אַז ער זאָל זיך אריינפּאַסן אין דער עקאָנאָמיק פון טאַסמאַניע אַלס גאַנצעס.

דער שטח וואָס קומט צוערשט אין באַטראַכט איז דער דרום־מערבדיקער טייל פון דעם שטאַט, וואוהין די „פריי־לאַנד־ליגע" איז גרייט צו שיקן, אויף אירע אייגענע הוצאות, אַ קאָמיסיע פון עקספּערטן כדי צו באַקומען א

וויסנשאַפטלעכע איבערזיכט פון דעם לאַנד און צו פאָרמו־לירן די פינאַנציעלע שעצונגען פאַר דעם ערשטן פיאַנערן עטאַפּ. מיר וואָלטן געקענט שיקן אַזאַ עקספּערטן־קאָמיסיע גלייך נאָך דעם ווי די טאַסמאַנישע רעגירונג וואָלט דער־קלערט איר צושטימונג צו דעם פּלאַן, און נאָכדעם ווי די פעדעראַלע רעגירונג וואָלט פאַרזיכערט אַז — אויב דער באַריכט פון די עקספּערטן וועט זיין אַ פּאָזיטיווער — וועט זי אויך צושטימען צו דעם אַריינקום פון די אימיגראַנטן. מיר דערוואַרטן פון אייער רעגירונג אַז זי וועט זיך ווענדן צו דער פעדעראַלער רעגירונג און באַקומען די נייטיקע דערלויבעניש.״

אויף אַט דער דערקלערונג האָט דער פּרעמיער אײנ־פאָרמירט ד״ר שטיינבערג אַז די טאַסמאַנישע רעגירונג איז אינטערעסירט אין אַט דעם פּלאַן און וועט זיין גרייט צו שטודירן אים ווען עס וועלן קומען גענויערע איינצלהייטן. די רעגירונג וועט באַגריסן דעם באַזוך פון אַ קאָמיסיע פון טעכנישע עקספּערטן און וועט שטעלן צו זייער דינסט אַלע מעגלעכע אינפאָרמאַציע און די מיטאַרבעט פון אירע באַאַמ־טע. מר. קאָסגראָוו האָט ווייטער געזאָגט אַז — אין איצטיקן מאָמענט — קען ער ניט פאַרפליכטן זיין רעגירונג אָנצונע־מען דעם פּראָיעקט, אָבער ווען עס וועלן זיין פאָרמולירט קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, וועט דער קאַבינעט אויספאָרשן דעם פּלאַן. עס איז מעגלעך אַז די באַשטעטיקונג פון פּאַרלאַמענט וועט זיין נייטיק; למשל בנוגע דער יוריסטישער פראַגע פון לאַנד־באַזיץ. די רעגירונג וועט אויך פאַרלאַנגען פינאַנ־ציעלע גאַראַנטיעס אין אַ ממשותדיקן מאַסשטאַב.

די רעגירונג וועט נעמען אויף זיך צו פאַרהאַנדלען מיט דער פעדעראַלער רעגירונג בנוגע דער דערלויבעניש פאַר די אימיגראַנטן איינצואוואַנדערן קיין אויסטראַליע, נאָכדעם ווי דער פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע וועט ווערן אָנגענומען אין טאַסמאַניע.״

אונטער דעם דאָקומענט איז געשטאַנען די אונטערשריפט פון עד־וואַרד פאָרקס. אָבער אַז ער האָט עס מיר מיט אַ טאָג שפּעטער באַוויזן

און איך האָב עס אויפמערקזאַם דורכגעלייענט, האָט זיך מיר עפּעס געוואָרפן אין די אויגן. עס איז ניט דערמאָנט געוואָרן קלאָר דער פּרינ־ציפּ פון אַ יידישן ישוב. געוויס איז ניט געווען קיין בייזע כוונה הינ־טער דעם; די טאַסמאַניער פילן פּשוט ניט אַזוי ווי מיר די לעבנס־וויכטיקייט פון אַזאַ פּרינציפּ פאַר אונז. „יידן" שיידן זיך ניט באַזונדערס אַרויס אין זייער פּאָליטישן דיינקען; זיי פאַלן פּשוט אַרונטער אונטער דעם באַגריף פון אויסלענדער. אָבער מען טאָר עס ניט דורכלאָזן.

מיר זיינען ביידע געזעסן ביים טישל אין האָטעל און איך האָב פאַרענדיקט לייענען דאָס פּאַפּיר. פרעגט מיך מר. פּאַרקס פאַרוואָס בין איך פאַרטראַכט; זאָג איך אים וואָס מיר פעלט אין דעם דאָקומענט. האָט דער געבילדעטער, פּאָליטיש דערפאַרענער מאַן אַ שמייכל געגעבן און געזאָגט אז ער שאַצט אָפּ אונדזער אייראָפּעאישע שטאָטסמענישקייט... ער גלויבט אָבער ניט אז עס זיינען פאַראַן שוועריקייטן אַרום דער פראַגע. נאָך היינט וועט ער דורכריידן זיך וועגן דעם מיטן פּרעמיער

און טאַקע אַזוי: אין איניקע שעה ארום האָט ער געבראַכט דעם פאלגענדיקן טעקסט פון דער הוספה, וועלכע דער פּרעמיער האָט גע־מאכט אין פאָרם פון אַ בריוו צו מיר:

פּרעמיערס אָפיס האבארט

21 יאַנואר 1941,

חשובער ד"ר שטיינבערג,

איך שיק אייך דאָ איבער אַ קורצן פּראָטאָקאָל פון די אונטערהאנדלונגען וועלכע איך האָב געפירט מיט אייך נעכטן, בנוגע דער מעגלעכקייט צו שאַפן אין אונדזער שטאַט אַ ישוב פון יידישע פּליטים פון אייראָפּע.

ווי איך פאַרשטיי, איז פאַראַן נאָך איין פּונקט, אַ חוץ די וואָס זיינען פּראָטאָקאָלירט געוואָרן, וועלכער מוז גע־מאַכט ווערן קלאָר. דאָס איז פאָלגענדיקעס: מיין רעגירונג נעמט אָן אין פּרינציפּ (מיט די באַוואָרענישן וואָס זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן) דעם פאָרשלאָג אַז אַ ישוב פון יידי־שע אימיגראַנטן זאָל געשאַפן ווערן אין טאַסמאַניע.

אַזוי גיך ווי אַ קאָנקרעטער פּלאַן וועט ווערן פאָרמו־
לירט, וועט איך אונטערגענומען ווערן די נייטיקע אויס־
פאָרשונג פון אַלע פּרטים פון דעם פּראָיעקט.

מיט דרך ארץ

פּרעמיער ראָבערט קאָסגראָוו.

מער האָב איך ניט געקענט דערוואַרטן אין יענער סאָמע ערש־
טער סטאַדיע פון אונטערהאַנדלונגען. וואָס עס זאָל ניט זיין דער ווײַ־
טערדיקער גורל פון דער קאָלאָניזאַציע אין טאַסמאַניע, דאָס געשעענע
האָט באַוויזן אז נאָך אַ שטאַט אין אויסטראַליע איז גרייט אויפצונעמען
אויף זיין טעריטאָריע אַ קאָנצענטרירטן יידישן ישוב. עס איז דערמיט
צום צווייטן מאָל — אַ חוץ קימבערליי —באַוויזן געוואָרן אַז דאָס
אויסטראַלישע פאָלק איז פריינטלעך געשטימט צו אַ קאָנסטרוקטיווער
יידישער קאָלאָניזאַציע. די ביידע רעגירונגען ווייסן וואָס זיי טוען.

**
*

דער אייגענטלעכער צוועק פון מיין פּאָליטישער ארבעט האָט זיך
געהאַט דערמיט פאַרענדיקט. מיינע דריי מיט־פאָרער זיינען אָנגעאַנגען
מיט די קאָמפּליצירטע צוגרייטונגען צו זייער נעקסטער רייזע אין דאָס
לאַנד, זיי האָבן אויסגעפּרעגט די איינצלנע קענער פון יענער ווינקל־
באַקאַנטער געגנט, האָבן באַשטעלט פערד צום רייטן, זיך טעלעגראַפיש
פאַרבונדן מיט די דאָרטיקע איינוואוינער. איך האָב געמאכט די לעצטע
נייטיקע וויזיטן.

אין אַן אַנדער קאַבינעט פון דעם רעגירונג־הויז האָב איך זיך
געטראָפן מיטן פינאַנץ־מיניסטער פון טאַסמאַניע. מר. דווייער־גריי
איז געווען א הויך־וואוקסיקער, דאַרער, לולב־אַרטיקער מאַן מיט
לצנותדיק קוקענדיקע אויגן. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין ליידנ־
שאַפטלעכער פאַרטיידיקונג פון א נייעם באַנק־סיסטעם, וואָס זאָל דינען
דעם פאָלק און ניט דעם קאַפּיטאַל. אויף אַלע מלוכהשע קאָנפערענצן
אין קאַנבערא פּלעגט ער ארויסקומען — אין נאָמען פון דער טאַסמאַ־
נישער רעגירונג — מיט אַט דעם ראַדיקאַלן פינאַנץ ־ פּראָגראַם. דער
קליינער אָרעמער שטאַט, דער בנימין פון דער אויסטראַלישער פעדע־
ראַציע, האָט זיך געקאָנט דערלויבן אזא ראַדיקאַליזם, בשעת די גרוי־
סע אינדוסטריעל ־ קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן (פאַרטרעטער פון סידניי

און מעלבורן) האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון אים. דווייער־גריי האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם וואכנבלאַט אין דעם גייסט. צום יידישן קאָלאָניזאציע־פּלאַן האט ער זיך גלייך דערקלערט סימפּאַטיש, און האט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס וועגן די ראַסישע פאראורטיילן.

— קוקט ניט אויף דעם וואָס אַ סך פון אונדז, לייבאַר־טוער, זיינען קאַטאָליקן. אונדזער קאטאליציזם שטאַמט פון דעם וואָס ענגלאַנד האָט פאַרשיקט אַהער אַמאָל אַזוי פיל אירלענדער. אירלענדער זיינען געווען רעבעלן, און אויך פרומע קאַטאָליקן. זיי האָבן עס אויפגעבויט דאָ די אַרבעטער־באַוועגונג, און זיינען אויך פאַרבליבן קאַטאָליקן. אָבער דאָס מיינט ניט אַז זיי זיינען קעגן אַנדערע אמונות. מיר קענען ניט זיין קיין אַנטיסעמיטן. ווי קען מען בכלל זיין אַן אַנטיסעמיט?

ער האָט עס אויסגערופן און האָט פּלוצים אנגעהויבן צו לאַכן. אַז ער האָט דערזען מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער גענומען נאָך הילכיקער און לצנותדיקער לאַכן אויפן קול. „וואָס פאַר אַ טפשות עס איז דער אַנטיסעמיטיזם!" — איצט האָבן מיר שוין ביידע צוזאַמען געלאַכט. אַך, ווען מען וואָלט טאָקע געקענט אַוועקהרגענען די גיפטיקע שלאַנג מיט לייטישן געלעכטער! מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי גאָר גוטע פריינט.

אין דעם טריידס־האָל, אין דער צענטראַלע פון די טאַסמאַנישע טרייד־יוניאָנס, בין איך געווען פאַר אַ ווײַלע כדי צו באַדאַנקען זייער פּאָרזיצער אָ׳נייל. ער האָט נעמלעך נאָך מיט אַ יאָר צוריק געשיקט צו דעם צענטראַל־ראַט פון די פאַראיינען אין מעלבורן זייער אונטערשטיצונג פון דעם קימבערליי־פּראָיעקט. ער האָט געהערט וועגן דעם צוועק פון מיין קומען קיין האָבאַרט, און האָט מיט דיפּלאָמאַטישער פאַרשטענדעניש צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ.

ווי זאָל מען פאַרפעלן אריינצופאַלן אין דעם קליינטשקן, באַשיידענעם „רעפּיודזשי־קאָנסיל" וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק אויך געשיקט זייער סימפּאַטיע־דערקלערונג צום יידישן קימבערליי־פּלאַן. דער הויפּט־רעדנער איז דערביי געווען טאַקע מר. דווייער־גריי. די צוויי עלטערע דאַמען פון דעם קאָנסיל, מרס. ערסקין און מיס אַגילוויי, האָבן אַזוי באַדויערט אז זיי קענען ניט אויף דער מינוט צונויפרופן אַ מיטינג פון די בעסטע מענטשן פון שטאט אויסצוהערן מיין פאַרטראָג. זיי האָבן זיך באַגנוגענט מיט איבערגעבן מיר קאָפּיעס פון זייערע קימבערליי־רעזאָלוציעס וועלכע זיי האָבן פאַנאַנדערגעשיקט איבערן לאַנד.

אָבער איך האָב גאָר ניט געוואָלט האָבן קיין עפנטלעכן מיטינג אין שטאָט ווייל — לויט אַ געמיינזאַמען שטילן באַשלוס — האָט מיין באַזוך געזאָלט דערוייל בלייבן פּריוואַט.

און ווי כאַפּט מען זיך ניט אַריין אין דעם מוזיי פון טאסמאניע ? די גאַנצע משונהדיקע 140 - יאָריקע געשיכטע פון דעם אינדזל איז אָפּגעשפּיגעלט, פאַרגלעזערט און פאַרמויערט אין יענעם מוזיי. דרויסן אין שטאָט און דאָרף איז אַריבערגעפּלאַנצט אַ שטיק ענגלאַנד; דאָ אין מוזיי איז פאַרשלאָסן דאָס פאַרזונקענע, אַמאָליקע טאַסמאַנישע לעבן. צוויי גאָר פאַרשיידענע שיכטן פון מענטשן האָבן דאָ אַמאָל געלעבט, און זיינען פאַרשוואונדן; זייערע איבערבלייבענישן זיינען געוואָרן מוזיי־בילדער און אַנטיקן.

ניטאָ מער קיין לעבעדיקע נייטיווס, די אַמאָליקע איינגעבוירענע פון טאסמאניע. זיי האָבן זיך געווערט קעגן די אייראָפּיאישע ווייסע, און זיי זיינען ביסלעכוויז פאַרניכטעט געוואָרן. דער לעצטער פון זיי — טרוגאַנים — איז געשטאָרבן דעם 8־טן מאַי 1876, און איר זעט היינטער גלאָז ניט מער ווי זיין סקעלעט, אין זיין גאַנצן „לעבנסגרויס." זאָל איך דאָ נאָך באַשרייבן דעם אויסדרוק אויף זיין אומבאַוועגלעכן פּנים ?

און ווער זיינען געווען די ערשטע ווייסע איינדרינגלער, א חוץ די אָפיצערן און סאָלדאַטן ? אָט טאַקע יענע אין ענגלאַנד פאַראורטיילטע פאַרברעכער וועלכע מען פלעגט דעמאָלט פאַרשיקן אין דעם ווילדן אויסטראַליע. ניט געווען וואָס מקנא צו זיין די דאָזיקע אומגליקלעכע וואָס פלעגן וואָגלען חדשים און חדשים איבערן ים ביז זיי פלעגן אנקומען אַהער. אין דעם מוזיי קענט איר זען דעם „דאַקינג באָקס" וועלכן מען פלעגט באַנוצן פאַר באַשטראָפונג אויף די אַרעסטאַנטן־שיפן. אין די סאַמע שטורמישע טעג אויפן ים פלעגט מען אין אַזאַ אייזערנעם קאָסטן מיט גראַטעס אריינזעצן דעם אַרעסטאַנט. דער קאָסטן איז געווען אַנגעהאַנגען אָן דעם זעגל־מאַסט אויף אַזאַ אופן אַז ווען דאָס שיף פלעגט זיך איינטויכן אין וואַסער פלעגט אויך דער מענטש אין קאָסטן אַראָפּגעשווינקט ווערן אין תהום. אַזוי פלעגט ער זען דעם טויט פאַר די אויגן... און וואָס פאַר אַ מורא האָט אָנגעוואָרפן דער קנוט מיט די ניין לעדערנע עקן מיט וועלכע מען האָט געקאַטעוועט דעם לייב פון די אַרעסטאַנטן! — אויך אַ שטיק אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע געפירט צו „ווילדע" שוואַרצע.

נאָך אַ שפּרונג — און פאַרענדיקט די רייזע. דער לעצטער ווי־זיט איז צום פּרעמיער. ער און מר. פּאַרקס ווינטשן דאָס בעסטע. איך ווינטש זיי דאָסזעלביקע. דעם 23טן יאַנואַר בין איך אָפּגעפלויגן קיין מעלבורן, צוריק „אהיים״. [1]

אַ געוויסע קורצע צייט נאָך דערויף האָבן מיינע דריי חברים פאַרבראַכט אין דער טיפער פּראָווינץ פון לאַנד. זיי האָבן אריינגעקוקט אין אַזוי פיל פלעצער ווי נאָר מעגלעך געווען. זיי האָבן געזאַמעלט מאַטעריאַל און בילדער, אויסגעפרעגט די מענטשן. דער אומדערמיד־לעכער וועג־ווייזער, אויסשפּירער, רייטער און קריכער אויף די בערג איז געווען קריטשלי. אין אַ צייט שפּעטער האָט ער מיר צוגעשיקט אַ באַריכט וועגן דער גאַנצער רייזע זייערער מיט פאָטאָגראַפיעס און פּלענער. יענער ערשטער עטאַפּ איז דערמיט אָפּגעשלאָסן געוואָרן.*

***

מיר האָבן געוואַרט אויף אַ גינסטיקער פּאָליטישער לאַגע וועלכע זאָל מעגלעך מאַכן די צושטימונג פון דער פעדעראַלער רעגירונג צו דעם פּרינציפּ פון יידישער קאָלאָניזאַציע. דערווייל איז אָנגעקומען די מלחמה מיט יאַפּאַן, און אויסטראַליע איז בכלל אָוועקגעשטעלט גע־וואָרן אונטער דער סכנה פון צושטערונג. האָט מען ווידער געמוזט אָנ־גורטן זיך מיט געדולד און עקשנות. סיי קימבערליי סיי טאַסמאַניע זיינען אָפּגעטראָטן אין אַ נעפּל פון אומגעוויסקייט.

אָבער קריטשלי האָט ניט גערוט. ער האָט זיך ניט באַגנוגענט מיט דער קורצער און פליכטיקער איבערזיכט פון אַ קליינעם טייל טאַסמאַ־

---

* אַלס ענטפער אויף מיינע דאַנק־בריוו צו דער רעגירונג אין טאַסמאַניע האָב איך דעם 20טן פעברואַר, 1941 דערהאַלטן פון מר. פּאַרקס פאָלגענדיקן בריוו. „איר דערמאָנט אין מער ווי גרויסמוטיקע ווערטער אייערע דערפאַרונגען מיט אונדז במשך פון אייער קורצן באַזוך אין טאַסמאַניע. דערלויבט מיר אויך צו זאָגן אַז — פון דעם פּרעמיער ביז צום לעצטן באַאַמטן — האָבן מיר עס באַטראַכט ווי אַ כבוד צו העלפן אייך אין דער אויספאָרשונג און צו באַווייזן אייך אָפי־ציעל אונדזער פריינטשאַפט. מיר האָפן צו זען אייך נאָך אַמאָל ווען אייערע פּלענער וועלן אין אַ גענוגענדיקער מאָס ווייטער אנטוויקלט ווערן״.

ניע. וואָס איז ווערט אַ באַריכט וואָס איז מייסטענס געבויט אויף דערציילונגען און מיינונגען פון אַנדערע מענטשן? אַליין מוז מען, מוז ער באַקענען זיך מיט דעם לאַנד וואָס ער זוכט פאַר די יידן — מאַר־טירער. און ער האָט באַשלאָסן אונטערצונעמען פערזענלעך אַן אויס־פאָרשונג פון יענעם דרום־טייל טאַסמאַניע, וואָס ליגט אַרום דעם פאָרט דאַווי, און וואָס ער קען ווערן דער אויסגאַנג־פונקט פון דער ברייט־פאַרמאסטענער קאָלאָניזאַציע. דעם 11טן דעצעמבער האָט ער מיר געשריבן: „איך בין צופרידן וואָס איר גלויבט אַז אונדזער רייזע קיין טאַסמאַניע וועט קענען העלפן אַ סך אונטערדריקטע מענטשן אין אייראָפּע, אַ זאַך פאַר וועלכער איך וועל שטענדיק זיין גליקליך צו אַרבעטן. אָבער איר זייט גערעכט זאָגנדיק אַז מען מוז צוגרייטן די זאַך אַזוי פיל ווי מעגלעך תיכף, און איך האָף צו פאָרן באַלד ווידער קיין טאַסמאַניע כדי צו באַקומען מער אינפאָרמאַציע".

מיר איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אַז אַט אַזאַ צוגרייטונג־אַרבעט זאָל געטאָן ווערן פון אים אַליין פערזענלעך. אָבער ער האָט מסתמא געהאַלטן אַז דאָס איז געוואָרן זיין אַבסאָלוט־פערזענלעכע פליכט. אַרום דעם חודש מאַי 1942 איז ער אָפּגעפאָרן קיין טאַסמאַניע און אָראַנ־זשירט זיין עקספּעדיציע אין דעם אומבאַקאַנטן שטח לאַנד. זיינע על־טערן ביי וועלכע ער איז געווען דער איינציקער זון, האָבן אים אָפּגע־רעדט דערפון. די טוער פון דער טאַסמאַנישער רעגירונג מיט וועלכע ער האָט זיך באַראַטן און פון וועמען ער האָט דערוואַרט טעכנישע הילף, האָבן אים אויך אָפּגעראָטן אין יענעם געפערלעכן ווינטער־דיקן חודש מאַי. אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערן; אַן אינערלע־כער מוז האָט אים געטריבן „אַהין".

דאָס איז געוואָרן זיין לעצטע רייזע אין לעבן. עס זיינען אַוועק אייניקע טעג פון זיין וואַנדערן און פאָרשן, — און ער האָט זיך פאַר־בלאָנדזשעט אין די געדיכטע וועלדער. זיין קאָמפּאַס האָט אים ווייניק געהאָלפן, קיין מענטשן האָט ער אַרום ניט געטראָפן. ער האָט ניט געהאַט מיט זיך קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט צו פאַרבינדן זיך מיט זיין באַזע, ד"ה מיט יענעם פונקט פון וועלכן ער האָט זיך געלאָזט וואַנדערן. ער האָט פלוצים דערזען ווי עס גייען אויס די שפּייז־פּראָדוקטן וועלכע ער האָט צו ווייניק מיטגענומען. ער האָט געמוזט שפּייזן זיך נאָר מיט אַ ביסל שאָקאָלאַד און טאַבלעטן. ער האָט ניט געקענט אפילו אויפ־קאָכן פאַר זיך וואַרעמע וואַסער, ווייל צום אומגליק זיינען זיינע שוועב־

בעלעך פֿאַרנעצט און פֿאַרדאַרבן געוואָרן בעת אַ שלאַקס־רעגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז די טויט־געפֿאַר לויערט אויף אים.

דאָך האָט ווער מענטש אין דער שטומעניש און איינזאַמקייט פֿון טאַסמאַנישן אור־וואַלד ניט פֿאַרלאָרן זיינע גייסטיקע כחות. ער האָט סיסטעמאַטיש פֿאַרטגעזעצט זיינע פֿאַרשונגען און האָט געפֿירט אַ טאָג־בוך. אין אים האָט ער פֿאַרצייכנט אַלע אידייען און איינפֿאַלן וואָס זיינען געקומען צו אים בעת זיין אומאויפֿהערלעכן טראַכטן וועגן דעם פּלאַן. עס איז געווען אַ טיף־דורכגעטראַכטע אַרבעט פֿון האַרץ און קאָפּ, ווי מיר וועלן עס באַלד זען. אָבער וואָס נענטער ער איז גע־קומען צום סוף פֿון זיין לעבן, אַלץ קירצער און פֿיבערהאַפֿטער זיינען געוואָרן די פֿאַרצייכנונגען, ביז זיי האָבן זיך אין איינעם אַ טאָג אי־בערגעריסן אינגאַנצן.

וואָס האָט געמוזט טראַכטן אָט דער יונגער מענטש בעת ער האָט געשפּירט ווי דער טויט דערנענטערט זיך צו אים מיט זיכערע טריט, פֿון אָט דעם בושיקן וואַלד וואָס האָט אויסגעזען אַזוי פֿרידלעך און רואיק? וואָס האָט ער געדאַרפֿט פֿילן בעת ער האָט שוין ניט גע־קענט אויפֿהייבן זיך פֿון שוואַכקייט און געוואוסט אַז נאָר אַ נס קען אים אָפּראַטעווען פֿון אונטערגאַנג? האָט ער געפֿילט אַ פֿאַרדרוס קעגן די מענטשן, די קרבנות פֿון נאַצישער פּיין, צוליב וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעלאָזן אין דער געפֿערלעכער נסיעה 2 ניין, ביז צום לעצטן אָטעם זיינעם האָט ער מיט ליבשאַפֿט געטראַכט וועגן זיי. האָט ער גע־פֿילט אַ פֿאַרדרוס קעגן זיין אייגענעם מזל, וואָס האָט אַרויסגעצויבערט פֿאַר זיינע אויגן אַזאַ גרויס בילד פֿון מענטשלעכער דערלייזונג, און האָט אים ניט דערלאָזן אַרויפֿצוטרעטן אויפֿ'ן וועג פֿון פֿאַרווירקלעכונג? ווער ווייסט וואָס אַ מענטש טראַכט איבער אין זיינע לעצטע מינוטן. אָבער קריטשלי פֿאַרקער האָט געהאַט פֿאַר זיך ניט מינוטן, נאָר שעהן און טעג וואָס זיינען געוואָרן פֿאַר אים די לעצטע! און דאָך: בעת דער פֿיזישער סוף פֿון זיין לעבן האָט זיך געריקט אויף אים מיט אַן אומאויפֿהאַלטזאַמער קראַפֿט, האָט ער מיט זיין מאָראַלישן כוח גע־זען און באַגריסט דעם אָנהייב פֿון אַ ניי, שעפֿעריש יידיש לעבן אין זיין לאַנד.

אָט אַזוי איז אויסגערונען טראַפּנווייז דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן וואָס האָט זיך געלאָזן אין וועג כדי צו העלפֿן דעם יידישן פֿאָלק. זאָל עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן אין אונדזער געשיכטע.

. . . אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט האָט אין מיין דירה אין סיד־נעי פּלוצים געקלונגען דער טעלעפאָן. עס איז געווען אַ באַשטעלטער געשפּרעך פון מעלבורן. פון וועמען אַזוי שפּעט? איך האָב דערהערט די ציטערדיקע שטים פון פרוי אייזיקסאָן. עס זיינען אָנגעקומען — האָט זי מיט שרעק און ווייטיק גערעדט — שלעכטע ידיעות פון טאַסמאַ־ניע... קריטשלי איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון בוש... זיינע עלטערן און די דאָרטיקע רעגירונג נעמען אָן אַלע מיטלען צו געפינען אים, מען האָט שוין געשיקט פוס־גייער פון יע־נעם געגנט, אָבער ניטאָ קיין שפּור... די רעגירונג וועט שיקן אַן עראָפּלאַן צו זוכן אים... וואָס זאָל מען טאָן? . . .

וואָס האָט מען געקענט ענטפערן? דער שאָטן פון טראַגעדיע איז געפאַלן איבער אונדז, זיינע פריינט. מיר האָבן געמוזט האַלטן אים פאַר פאַרלאָרן. — און דאָך האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט אַז אַט נאָך אין זיבן נאַכט — פון 1טן יוני — האָט קריטשלי גע־לעבט. בעת ער איז דאָרטן אויסגעגאַנגען, האָט מען נאָך אפשר גע־קענט עפּעס טאָן אים צו ראַטעווען, ווען מען וואָלט געוואוסט וואו.

שפּעטער שוין האָט דער עראָפּלאַן אַנטדעקט זיין קערפּער. אַרום אים זיינען געלעגן די ביסל איבערגעבליבענע זאַכן און די פּאַפּירן זיינע: אַ פּלאַן וועגן דעם אויפבוי פון יענער געגנט און זיין טאָג־בוך. אין זיי האָט ווייטער געלעבט דער גייסט פון דעם מענטשן.

***

נאָר אייניקע שטעלן פון זיין פּלאַן זאָלן דאָ געבראַכט ווערן. ער האָט באַצייכענט די גרעניצן פון דער געגנט וואָס זאָל צום ערשטן איבערגענומען ווערן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. דערנאָך פאַר־לאַנגט ער, אַז גאַנץ גענויע פאַרשונגען זאָלן געמאכט ווערן בנוגע די קוואַליטעטן פון דעם באָדן, פון די וואַסער־כוחות, פון דער פישע־ריי און פון דעם וואַלד. „מען דאַרף — זאָגט ער — באַשליסן וועלכע אינדוסטריעס קענען אַזוי אָנגעשטעלט ווערן אַז זיי זאָלן ניט פירן צום אונטערגאַנג פון ענלעכע טאַסמאַנישע ווירטשאַפט־צווייגן. דאָס איז וויכטיק כדי אויסצומיידן איינע פון די גרעסטע סיבות פון אַנטיסע־מיטיזם.

„איך גלויב אַז מיינינג־אַרבעט דאַרף זיין די ערשטע טעטיקייט פון דעם נייעם ישוב, צוליב דער אַנוועזנהייט פון אַזוי פיל מעטאַלן אין דער ערד: גאָלד, צינק, אייזן, קופּער, מסתמה נאַפט און קוילן. מיט דער הכנסה פון אַט די קוואַלן קען מען פינאַנצירן די אַנדערע טעטיקייטן

פון דעם ישוב. היות ווי יידן האָבן אויפגעטאָן אַזוי פיל אין פּאַלעס־טינע אַרבעטנדיק אויף דער ערד, בין איך איבערצייגט אַז זיי וועלן ווערן אויך גוטע מיינערס ביי אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיווער פאַרוואַלטונג. מען וועט קענען אָנהייבן באַלד מיט לאַנדווירטשאַפט, אָבער מיר שיינט אַז פאַר איניקע יאָר וועט דער ישוב מוזן איינקויפן שפּייז ביי די טאַסמאַניער. דאָס איז גוט, ווייל עס וועט באַווייזן דעם פאָלק פון טאַסמאַניע ווי נוצלעך דער יידישער ישוב איז פאַר זיי.״

קריטשלי באַשרייבט דאָן פּינקטלעך די מעגלעכקייטן פון פּי־צוכט, פון קאָנסערווירן פיש, פון ווײַן־אינדוסטריע, פון וואָל און טע־פּיך־מאַנופאַקטור. ער לייגט באַזונדערן ווערט אויף דער מעגלעכער טוריסטן־אינדוסטריע. „מען וואָלט געדאַרפט אויפשטעלן ספּעציעלע יוגנט־האָטעלן, וואָס וועלן צוציען אַ סך יונגע אויסטראַליער, אַזוי אַז די יוגענט פון די ביידע פעלקער זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן. דאָס מוז מען טאָן תיכף, כדי די אויסטראַלישע יוגענט זאָל וויסן ווער די יידישע קאָלאָניסטן זיינען״.

ער גייט אריבער צו גייסטיקע אויפגאָבן. „קיין זאַך קען ניט אַזוי אַנטוויקלען מענטשן ווי איידעלער ספּאָרט ווי ער איז אַמאָל געווען אין די גריכישע אַטלעטישע און ליטעראַרישע פאַרמעסטונגען. אַזאַ אינ־סטיטוציע וועט אַמייסטן צוציען דעם אינטערעס פון די אויסטראַליער צום יידישן ישוב. ער קען אַמאָל פאַרנעמען אין אויסטראַלישן לעבן דעם פּלאַץ פון די אָלימפּישע שפּילן אין גריכנלאַנד. אין דעם באַגריף שפּילן זאָלן אַריינגענומען ווערן — אַ חוץ אטלעטיק־פאַרמעסטונגען אין דיכטונג, רעדנער־קונסט, מוזיק, מאַלעריי און סקולפּטור, קינסטלערישע מעבל און ביכער. אויסשטעלונגען זאָלן פאָרקומען יעדעס יאָר אין דעם ישוב, מיט דעם אנטייל פון גאַנץ טאַסמאַניע, כדי זייער האַר־מאָניש צוזאַמענלעבן זאָל ווערן פאַרשטאַרקט. שפּעטער אַמאָל, מיטן אנטייל פון גאַנץ אויסטראַליע און אַנדערע לענדער, קען דאָ געשאַפן ווערן — לויטןביישפּיל פון לייפּציג — די פּאַציפישע מעסע. אַמעריקאַ־נער יידן וועלן דאָ מיטהעלפן״.

„היות ווי די צוקונפט פון דעם ישוב הייגנט אָפּ פון די קינדער, זאָל געשאַפן ווערן דאָס בעסטע פאַר זייער אויסבילדונג, ביז 18 יאָר אויפן חשבון פון ישוב. אין זיין אוניווערסיטעט זאָלן צוגעצויגן ווערן די בעסטע געלערנטע (ניט געקוקט אויף זייער פאַרב, אמונה

אָדער ראַסע), אַזוי אַז ער זאָל ווערן דער פיינסטער פּלאַץ פאַר וויסנ־שאַפט אין אויסטראַליע".

„דער אמתער רייכטום פון אַ ישוב באַשטייט אין זיינע מענטשן, און מיר ווילט זיך, אַז דער גאַנצער לעבנספּיר אין דעם יידישן ישוב זאָל אַזוי דערשטוינען דאָס אויסטראַלישע פאָלק אַז ער זאָל ווערן דער זויער־טייג, וואָס וועט קאַרדינאַל איבעראַנדערשן דעם עקאָנאָ־מישן און פינאַנציעלן סיסטעם פון אויסטראַליע". און דערנאָך קומט די אַזוי לעבעדיקע וויזיע פון דעם שעפערישן בעל חלומות. „איר מוזט קומען אַהער און זען די בערג פון פּאָרט דאַווי, אַט ווי איך האָב זיי געזען איצט, קלאָרע און שטראַלענדיקע אין דער זומערדי־קער זון, בעת זייערע שפּיצן זיינען באַדעקט מיט שניי און נעפּל. איר מוזט זען אויך די ברעגעס און די בוכטעס, און די פינף טייכן וואָס פליסן דאָ אַריין אין ים. איר מוזט אַרויפקריכן אויפן באַרג מאַ־קענזי, וואָס אונטן האָב איך געהאַט מיין קעמפּ, און פון זיין שפּיץ האָב איך געזוכט מיטן אויג א שיף אויפן ים. דעמאָלט וועט איר פאַר־שטיין וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיקער צענטער דאָס וואָלט געוואָרן פאַרן יידישן ישוב. דאָ איז איינער פון די בעסטע האַפענס אין אויסטראַליע, אַ געגנט רייך מיט מינעראַלן און וואַסער־קראַפט; די יידישע פעאיקייטן וועלן דאָס פאַרוואַנדלען אין איינעם פון די סאַמע בליענדסטע טיילן פון גאַנץ אויסטראַליע. איך האָב געזאָגט צו מיין מוטער, אַז איך האָף אַז מיין נאָמען וועט לעבן אין דעם פּראָיעקט, כדי זי זאָל געבן דער זאַך אַלע מעגלעכע הילף."

און אין איינעם פון זיינע צוואה־בריוו צו אַ פריינד האט ער מוסיף געווען: מיר וואָלט זיך וועלן אַז מען זאָל מיר שטעלן אַ דענקמאָל אויף דעם באַרג, וואָס קוקט אַרויס אויפן פּאָרט דאַווי, און איך זאָל קענען שטענדיק זען ווי עס וועלן אָנקומען די שיפן אָנגעלאָדן מיט די יידישע וואַנדערער . . .

***

אויך צו מיר האָט קריטשלי איבערגעלאָזן אַ קורצן בריוו, געַ־שריבן דאָרטן אין וואַלד. זאָל דער לעזער אַריינטראַכטן זיך אין זיין וואונדערבאַרן אינהאַלט.

בארג מאקענזי
לאנג ביי, פארט דאווי,
9. V. 42

חשובער ד״ר שטיינבערג.

ביי אט דעם פארט דאווי נעבן וועלכן איך האף וועט זיך אנהייבן בויען דער יידישער ישוב, רייס איך איבער אלע ערדישע פארבינדונגען מיטן לעבן.

איך בין געקומען צו אט דעם גרויסארטיקן האפן מיט א פאר וואכן צוריק און איך האב געפלאנעוועט דורכצוגיין א טייל פון דעם וואלד אין צפון פון אים. דאס שלעכטע וועטער און צו־ליב דעם די אוממעגלעכקייט צו פארבינדן זיך מיט מיין באזע חתמ׳ענען מיין גורל.

צו שטארבן אין דינסט פון אזא נאבעלער אויפגאבע איז פאר מיר א גרויסע באפרידיגונג.. און אויב — ווי איך האף — דער ישוב וועט ברענגען גליק צו א סך פליטים און גליקצייטיק זיין נוצלעך דעם לאנד פון טאסמאניע, וועל איך שטארבן א גליקלע־כער.

הלוואי זאלן אייערע און דער פרוי אייזיקסאנס פעאיקייטן ברענגען די דאזיקע פלענער צו פארווירקלעכונג.

קריטשלי פארקער יוניאר.

**
*

אזוי האט זיך פארענדיקט דאס לעבן פון א קריסטלעכן מענטשן וואס האט זיך באוואוסטזיניק מוסר נפש געווען פאר דער מענטשלעכער חשיבות און פאר דעם יידישן פאלק. נישט נאר איז ער געשטארבן אין דינסט פון א גרויסער יידישער זאך; ער האט זי אויך טיף און ערלעך דורכגעטראכט ביז אין די לעצטע דעטאלן. ניט האבענדיק קיין שום אנונג פון ד״ר הערצלס „אלט־ניילאנד״, האט דער אומבאקאנטער מענטש פון א פרעמדן פאלק אנגעווארפן א ברייט־פארמאסטענעם פלאן פאר א צוקונפטיקן יידישן ישוב וואס זאל ווערן א צייכן און א שטאלץ פאר פעלקער.

דערמיט האָט קריטשלי פּאַרקערס נאָמען צונויפגעבונדן זיך אויף שטענדיק מיטן יידישן פאָלק. צי קענען מיר, יידן, אָפּזאָגן זיך פון טאַסמאַניע און אויסטראַליע ווען זייערער אַ זון האָט זיך פרייווויליק פאַרבונדן מיט אונדז אויף לעבן און טויט ?

אַנדערע ביכער אין יידיש פון דעם זעלביקן מחבר:

דער מאָראַלישער פּנים פון דער רעוואָלוציע (350 זז'), 1925

מאַקסימאַליזם אין דער יידישער וועלט, 1925

פון פעברואר ביז אָקטאָבער 1917 (208 זז'), 1928

דער וועג פון פּיין (דראַמע), 1928

אין שטורעם פון דער צייט (צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם), (390 זז'), 1928

זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר (228 זז'), 1931

30 יאָר סאָצ. אידייען אין רוסלאַנד, 1935

מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ (2 בענד, 667 זז'), 1936.